STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09578

YIDISHE HORIZONTN

Berl Frymer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר בערל פרימער

ייִדישע האָריזאָנטן

עסייען און אַרטיקלען

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב תשל״ט — 1978

Dr. BERL FRYMER

YIDDISHE HORIZONTN

ד״ר בערל פרימער

יידישע האָריזאָנטן

J. L. Peretz Publishing House

31. Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1978

נדפס בישראל, תשל״ט

י. ל. פרץ־פאַרלאַג

רח׳ אלנבי 31 — תל־אביב

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481

☆

אין אָט דעם ערשטן בוך מיינעם גייען אַריין אַרטיקלען און עסייען וועגן יידישער פּראָבלעמאַטיק, וועגן ציוניזם, ווי אויך צייט־רעפלעקסן און אַ נ ד ע ר ע אַ ר ב ע ט ן איבער אידעאָלאָגישע טעמעס. דאָס וואָס פעלט דאָ איז אַ רייזע־פּנקס פון שליחותן, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט דורכצופירן אין כמעט אַלע יידישע קהילות אין דער וועלט. אינעם בוך גייען אויך נישט אַריין קיין אָפּהאַנדלונגען וועגן פראַגן פון קולטור־אַרבעט מיט וועלכע איך באַשעפטיק זיך שוין צענדליקער יאָרן אין ישראל. אויך האָב איך דורכגעלאָזט אַ טייל פון די צענדליקער אַרטיקלען, וואָס כ'האָב פאַרעפנטלעכט ווי אַ וועכנטלעכן קאָלום א. ד. ט. „אין דער יידישער וועלט".

איך וויל האָפן, אַז דאָס וואָס איז אין דעם בוך נישט אַריין וועט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר ווייטערדיקע אויסגאַבעס.

איך וויל נישט פאַרפעלן אויסצודריקן מיין האַרציקן יישר כוח מיין חבר, דעם רעדאַקטאָר שלמה שווייצער און דעם חבר שלמה אָסאָווסקי, וואָס האָבן די אַרבעטן געבראַכט צום דרוק ווי אויך אַלע יחידים און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן מיך דערמוטיקט דאָס בוך אַרויסצוגעבן.

ב. פ.

צוריק צו דער אידעאָלאָגיע

אַז מען לעבט — דערלעבט מען: די פאַרלאָזענע אידעאָלאָגיע איז אַרויס פון פּאָליש און אַרויף צו דער מזרח־וואַנט פון געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין דער וועלט. די פּאָליטישע פילאָזאָפיע, די דאָקטרינע, דער טעאָרעטישער פּאַרטיי־פּראָגראַם, די פּלאַטפאָרמע זענען ווידער געוואָרן וועזנטלעך און עיקרדיק. אומעטום גייט ווידער אָן אַ העפּטיקע אידעאָלאָגישע דיסקוסיע און אַ געפעכט.

אין דעם פאַל יידלט זיך אַפילו מער ווי עס קריסטלט זיך. אין ישראל, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין אַלע יידישע ישובים האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן אַ גרויסער פּרינציפּיעלער וויכוח וועגן עיקר־ענינים, וועלכע מען האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו באַהאַנדלען.

ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן — כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן — אויף די סיבות פון דער צייטווייליקער „ליקוי חמה" פון דער אידעאָלאָגיע און איר איצטיקן אויפגאַנג:

1) די ביטערע אַנטוישונג פון די גרויסע „איזמען" אין דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט, די תקופה זעט אויס ממש ווי אַ בית־הקברות פון אמונות, לאָזונגען און אילוזיעס: פּאַציפיזם — צוויי בלוטיקע וועלט־מלחמות; קאָמוניזם — דער שוידער פון דער סטאַלין־דיקטאַטור; נאַציאָנאַליזם — דער היטלער־גרויל; סאָציאַליזם — אַ ריי דורכפאַלן און פאַרלוירענע געלעגנהייטן פון דער פרייער אַרבעטער־באַוועגונג; עס זעט אויס, אַז די אידעאָלאָגיע האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פייער־נסיון פון פּראַקטיש... פאַרווירקלעכונג. איז קיין וווּנדער נישט די רעאַקציע. אומצוטרוי צו וועלט און פּאָלקס־אויסלייזערישער פּרעטענסיע; מ'דאַרף לעבן מיטן היינט, מיט פּראַקטישע דערגרייכונגען, מיטן צופּאַסן זיך און אַריינפּאַסן אַלץ אין די ראַמען פון עמפּירישער פשרה. עס זענען פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן

צווישן אידעאָלאָגיע און חיי־שעה. קריגערישע מחנות זענען זיך געוואָרן ענלעך, גערירשנט איינע ביי דער צווייטער און אויף אַלעמען איז אַראָפּ־געלאָזט די אוניפאָרמישע גרויקייט.

עס האָט גענומען צייט ביז מען האָט דערפילט דעם פוסטן חלל. דער יחיד אין דער באַוועגונג האָט דערפילט, אַז ער קען זיך נישט באַפרייען פון גורלדיקע און כמעט אייביקע פּראָבלעמען. מיליאָנען זענען זאָט גע־וואָרן. אָבער עס זענען אויפגעשטאַנען ריזיקע מאַסן פון הונגעריקע אין גייע קאָנטינענטן. ס׳האָבן זיך באַפרייט פעלקער, ס׳זענען אָבער אויפגע־שטאַנען אין צאָרן באַעוולטע און באַליידיקטע ראַסן און מינדערהייטן און די וועלט פרעגט שוין ווידער די „אַלטע קשיה״...

2) עס איז אַ דור פון ניסימדיקער טעכנאָלאָגיע. דער גרויסער פּאָר־שריט פון מענטשלעכער דערפינדערישקייט און בריהשקייט, די פענאָמענאַ־לע פאַרטושונג פון צייט און מרחק האָבן אַלעמען צעטומלט. דאָס פּרעציזע און כמעט אויטאָמאַטישע האָט גערירשנט דאָס זוכערישע און מענטשלעך־טעותדיקע; צו וואָס די לבנה פון דיכטערס און טרוימערס, ווען אָט, אָט טאַפּט מען זי אָן „ערדיש״ און חומרדיק? און וואָס מיינט שוין היינט דאָס מישטיינס געזאָגטע מענטשלעכע האַרץ — ווען מען קען עס פאַרבייטן? מען איז שוין דערגאַנגען דערצו, אַז נישט נאָר קען דער עלעקטראָנישער מעכאַניזם טראַכטן, נאָר מיט דער צייט וועט ער אויך שרייבן לידער, מאָלן בילדער, כעמישע פּרעפּאַראַטן פּראָדוצירן שטימונגען און אימפּולסן. אין אַזאַ דור־הפלגהדיקער הצלחה פון כלים און אינסטרומענטן, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַלגעמיינע און באַזונדערס פּאָליטישע אידעאַלן?

3) ס׳איז אַ דור פון חניפה און הכנעה פאַר יוגנט — אַלס אַ ריין ביאָ־לאָגישע און עסטעטישע דערשיינונג. ס׳איז ממש אַ געיעג נאָך פאַרלוירענע יוגנט־יאָרן. מען לעבט מיט אַ פּחד פון זיין אַלטמאָדיש, עפּעס ווי מען וואָלט אַלץ אָנגעהויבן פון בראשית. ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָבן איינגעפירט די טיראַני־ע פון דאָס אויסערלעכע און דאָס רייצנדיקע. איז דען אַ וווּנדער, אַז ירושה — איז אַ באַלאַסט, ווערטן — אַ ווערטלאָזע סחורה און אידעאָלאָ־גיע פון אַמאָל — מליצה פון אַלטפרענקישע זקנים?

4) און פון דער גרויסער וועלט — צו דער היימישער יידישער

פּראָבלעמאַטיק. ס׳ווייזט זיך, נעמלעך, אַרויס, אַז מיר האָבן געלעבט מיט פיר „ערגער פון אַ קרענק״־איינרעדענישן:

א. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ציוניזם האָט געזיגט און האָט „איינגענו־מען ענדגילטיק די יידישע גאַס״ און אַלע זיינע קעגנערס האָבן קאַפּיטולירט. עס איז אויפגעקומען די מדינה. אַסימילאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג זענען פאַרברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן אין זיי בשר און תמימותדיק געגלויבט; דער געצנדינערישער מולך פון קאָ־מוניזם האָט אָפּגעצאָלט אונדזערע בעסטע קינדער מיט אכזריותדיקער אומדאַנקבאַרקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלע זאָגן אמן: אַמאָליקע אַסימילאַטאָרן, בונדיסטן, פאָלקיסטן, קאָסמאָפּאָליטישע פיינגייסטער האָבן „אָנערקענט״ די מדינה, האָבן געשטיצט זי פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. ס׳איז געוואָרן אַ שטימונג פון נאַציאָנאַלן קאָנסענסוס, באַזונדערס אין אַמעריקע, ווו מ׳האָט פון שטענדיק אָן געהאַט אַ לעבלעכע באַציונג צו בטלנותדיקע, אַלט־איראָפּעיִשע צעטיילונגען און געראַנגלען. איז אויב אַזוי — צו וואָס אידעאָלאָגיע? צו וואָס דאָ לאַנג ברייען, צו וואָס אַמפּערן זיך און קעמפן, צו וואָס דאַרף מען באַווייזן, אויב מ׳קען אָנווייזן אויף בולטע היסטאָרישע פאַקטן? צו וואָס איבערצייגן, אויב מ׳קען אָנצייגן?

ב. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז שוין אַ קאָש־מאַר פון דער פאַרגאַנגענהייט, כמעט אַ היסטאָרישער באַגריף, אַז דער קריסטלעכער געוויסן האָט זיך אויפגעטרייסלט פון דער היטלער־טראַגע־דיע און אַז אויך די גאָט־ און מלכות־קאָזאַקן שעמען זיך, און דער עיקר, אַז ישראל איז דער איבערצייגנדיקסטער אַרגומענט קעגן די פאַרלוימדערס פון יידישן פאָלק; אַז די קדושה און דער נצחון פון יידישער אַרבעט, דער מערקווירדיקער דערפאָלג פון אונדזער קאָלאָניזאַציע, דער רום פון אונדזער מיליטער האָבן ווי אַ סוף געמאַכט צו דער פאַלשער איינשטעלונג וועגן יידן ווי לופט־מענטשן, וואַרצללאָזע קאָסמאָפּאָליטן, שאַכער־מאַכערס, פּחד־נים א.ד.גל.

צו שונאים האָבן מיר זיך גענומען באַציען ווי צו לונאַטיקערס און מאַ־ניאַקעס. מיר האָבן אָנגעהויבן מזלזל זיין און אָפּלאַכן פון אַ ליטעראַטור־אַפּאָ־לאָגעטיק, פון אידעאָלאָגישן אָפּוועך, פון דעבאַטן מיט דער קריסטלעכער וועלט. מיר האָבן פאַרגעסן אַז מען האָט פיינט דעם שטאַרקן יידן נישט ווייני־

ניקער ווי דעם שוואַכן. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז פּאָר יידן און יידישקייט דאַרף מען קעמפן יעדע שעה און יעדע רגע.

ג. ישראל האָט שטענדיק געלעבט אין אַ וואַכזאַמער שפּאַנונג. אירע נצחונות און דערגרייכונגען האָבן זי נישט פאַרדרימלט אין אַ מצב פון פאַלשער זיכערקייט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אויסגעשטעלט אויף אַ דראַמאַטישן קיום פון נסיונות און געפאַרן, וועלכע מ׳טאָר נישט פאַרזען. אָבער אין תוך גענומען, איז דאָס אַלץ געווען אַ שאַרף אַנטוויקלטער חוש פאַר פיזישער און מיליטערישער זיכערקייט. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסערלעכע פיזישע סכנות מצד קאָנקרעטע שונאים. ס׳איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אין 1968 וועט איר עצם־עקזיסטענץ אָפּגעפרעגט ווערן פון אַזעלכע ווייטע פאַרשידענע וועלט־כוחות און אומדערוואַרטע קרייזן און יחידים צוליב „מאָראַלישע פרינציפּן און אַרגומענטן״, אַז בייזע ווינטן וועלן ווידער זיך צעהוליען און אַז מען וועט אונדז נישט פאַרגי־נען דעם קליינעם און שמאָלן ערדפּאַס אויף דער וועלט־מאַפּע, אַז מען וועט זיך ווידער דאַרפן אונטערגאַרטלען צו ענטפערן די אַפּיקורסים צו וואָס מיר דאַרפן אַ לאַנד, וואָס מיר טוען בכלל אין נאָענטן מזרח, וואָס מיר בויען אונדזער פרייהייט אויפן אומגליק פון אַנדערע און ווי מיר האָבן בכלל געמאַכט דעם חשבון אָן דעם אמתן באַלעבאָס.

ד. איינע פון די סיבות פון דעם אָפּט באַקלאָגטן קריזיס פון ציוניזם, גראָד אין די צייטן פון טריומף און נצחון ליגט אין דער אידעענלאָזיקייט.

דער ציוניזם איז געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן סטאַטוס־קוואָ. ווער ס׳האָט געוואָגט צו רעדן וועגן אידעאָלאָגיע אין אונדזערע ציוניסטישע קרייזן, האָט אויסגעזען ווי „נישט פונעם ישוב״, ווי אַן אומהיילבאַרער בטלן. אַלץ האָט געדאַרפט זיין „קאָנקרעט״ און „פּראַקטיש״. נאָר חלילה נישט אונטערשטרייכן דאָס באַזונדערע, רעוואָלוציאָנערע, דאָס גלות־לייקנ־דיקע, באַנייערישע אין דער גרויסער באַוועגונג. און די איינשטעלונג אַזוי אויך די שטעלונג: מיטאַרבעטן מיט יעדן איינעם, איינגלידערן זיך ביז צו פאַרטושונג אין דער אַלגעמיינער סטרוקטור פון יידישן לעבן. אָבער אין אַזעלכע פּראַקטישע זאַכן זענען געווען גרעסערע בריהס; „וועלפער־פאָנדן״ און טעמפּלען, קאַמפּיין־אַפּאַראַטן, האַלב־פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער גאָר סתם יוסטע בעלי־בתים. האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן די צווייטע

פידל, ליידן פון קאָמפּלעקסן און ווערן פאַרביטערטע טענה־האָבערס.

דאָס אויפקומען מיט דער האַנט די דאָקטרין האָט זיך אָפּגעשפּיגלט באַזונדערס אין דער ביטול־באַצוגנג צו פּאַרטייען, אויף וועלכע מען האָט אויסגערעדט וואָס אין דער קאָרט. וואָס שייך די יונגע דורות, האָבן זיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געזען אַ טייל — אויב נישט דעם סאַמע צענטער — פון דער פאַרגליווערטער יידישער מאַפּע, אַ סימבאָל פון דעם אַלץ קעגן וואָס מ׳קעמפט.

5 איז דען דאָ אַן אַנדער באַוועגונג, וואָס איז כולו אידעע — ווי דער ציוניסטישער סאָציאַליזם? כ׳גלייב נישט, אַז עס איז דאָ נאָך אַ מחנה אין דער וועלט, וואָס איז אין איין דור רעשיק און יסודותדיק אַריבער פון פּלאַטפאָרמע צו פאַרווירקלעכונג, פון מחשבה צו אויפטו; פון וויזיע צו פאַרפליישונג, צו מיליאָנען־עליה, צו פּאָליטישער סוווערעניטעט, צו סאָציאַלער דעמאָקראַטיע און צו געוואַגטע פאָרמען פון אַ נייער געזעלשאַפט.

אָבער אויך ביי אונדז האָט מען אָנגעהויבן מזלזל זיין אין דער הלכה פון די ראשונים, אין אידעאָלאָגיעס און אין די ברייטע אַספּעקטן פון יסודות און עיקרים. דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען די פּראַגמאַטיקערס: וויניקער רייד וועגן וועלט־אַנשויונג, גרויסע היסטאָרישע צילן, דער עיקר — די מצוות מעשיות און די דערגרייכונגען. דער פעיקער אַדמיניסטראַטאָר, דער געביפטער פּאָליטיקער, דער בריהדיקער אָרגאַניזאַטאָר זענען געוואָרן די וואָרטזאָגערס און די געראָטענע אויספירערס — די פירערס. און אויב אין ישראל אַזוי — איז אין די תפוצות אוודאי און אוודאי. וואָס נאָך האָט אונדזער פּאַרטיי אין גלות אַחוץ דעם ביסל גייסטיקע תורה, וואָס איז די בעסטע סחורה?

די גרויזאַמע ווירקלעכקייט האָט קלאָר אָפּגעלייקנט די אַלע זיסע אילוזיעס. די באַוווסטזיניקע אַסימילאַציע (שוין נישט רעדנדיק וועגן דער פּאַקטישער, וואָס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן) איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. דאָס, וואָס זי טראָגט נישט אָרגאַניזאַטאָריש אַ ריין יידישן כאַראַקטער און איז — אַזוי צו זאָגן — אַ רעזולטאַט פון אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציעס, מאַכט זי נאָך געפערלעכער צו באַקעמפן. אוודאי איז דאָס גאָר אַ גלגול־מחילות פון אַמאָליקע ענטוזיאַסטן פון דער רעוואָלוציע, אויף וועמענס רעדער מיר האָבן געדאַרפט זיין דאָס

אייל. אוודאי זענען די מרא דאתראס פון דער אידעאַליסטישער יוגנט אויסגעהוילט פון יעדן יידישן באַוווסטזיין און אַ מאָל אַפילו בורים מדאורייתא אין ישראל, יידישקייט און יידישן לעבן. וויכטיק איז, אַז זיי זענען די טאָנגעבערס און אַז די גוייִשע באַרימטקייט גיט זיי צו יידישע אויטאָריטעט און השפעה.

נישט נאָר איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט פאַרשוווּנדן, נאָר ער אַנטפּלעקט איצט אָפן זיין מיאוסן פּרצוף, ער איז רירעוודיק אין אַלע זיינע פאָרמען: פיזישע גוואַלדאַקטן (ברוקלין און בראָנקס); אַנטי־ישראלדיקער גיפט פון די אַראַבישע שונאים; שנאת־יידן נוסח מאָסקווע; סאָציאַלער און עקאָנאָמישער קאָנפליקט מיט ראַסיסטישע לאָזונגען לויטן שטייגער פון „שוואַרצן כוח" אין אַמעריקע א.אַז.וו.

ווידער אַ מאָל ווערט געשאַפן אַ שוידער־אָפּבילד פון יידן אַלס אַ צעשטערערישער וועלט־כוח, אַלס גיפטמישער אין דער געזעלשאַפט, אַלס אַ מיליטערישער פאָרפּאָסטן פון קריגס־אונטערצינדערס און אימפעריאַליסטן.

ישראל ווערט געמאָלן אין דער וועלט (נישט אין גאַנצן אָן הצלחה) ווי אַ לאַנד פון פאַנאַטיקערס, וואָס לעבן אויף זייער שווערד, ווי אַ נעסט פון זעלבסטפאַרליבטע נאַציאָנאַליסטן מיט אַן אַראָגאַנטישן גלויבן אין סופּעריאָריטעט, אַלס אַכזריותדיקע דעראָבערערס און קאָלאָניזאַטאָרן.

דאַרפן מיר זיך דעריבער אונטערגאַרטלען און אַרויסנעמען, אָפּפרישן די אידעאָלאָגישע כלי־זין און זיי באַנוצן אין דער געענדערטער סביבה און געענדערטע באַדינגונגען. מען דאַרף זיך נעמען צוריק צו „ציוניסטישער מליצה", וועלכע קען פאַר די אומווסינדיקע זיין אַן אַנטפּלעקונג. ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה. די וועלט, און יידן בתוכם, האָבן אַ קורצן זכרון און האָבן גאָרנישט געלערנט.

עס דערמאָנט זיך, ווי יצחק לייבוש פּרץ האָט אין צייטן פון אומגליק פאַר יידן געוואָרפן דעם אויסטערלישן לאָזונג: „צוריק אין שול אַריין!" אפשר זאָלן מיר פאַראַפראַזירן אָט דעם בליציקן זאָג און רופן צוריק צו דער אידעאָלאָגיע, צום געדאַנקלעכן גערעַנגל, צום אויפוויקלען פענער און באַנייען סימבאָלן, צו דעם אינטעלעקטועלן ליכט פון אונדזער געדאַנק, וואָרט און אמונה?

1969

די שטיינער פון פּראָפעסאָר שטיינער

פאַר אַ נאָווינע — ווידער אַ דיאַלאָג און אויף אַ שפּגל נייער טעמע:
„די צוקונפטיקע באַציִונגען צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און דעם פאָלק אין ציון".

מען דאַרף פון אָט די צווישן־שמועסן נישט דערוואַרטן דאָס, וואָס זיי זענען נישט ביכולת צו געבן. וועגן צוזאַמענרעדן זיך — איז אָפּגערעדט. ס'איז אויך אוממעגלעך אַרומצורעדן אין דריי טעג אַזאַ אין־סופיקע טעמע. אָבער מיר דוכט זיך, אַז מען רעדט זיך אַפילו נישט דורך! ס'איז נישט קיין דיאַלאָג — נאָר אַ סעריע מאָנאָלאָגן. העכסטנס — רעדט מען, אָדער מען רעדט אַרויס אַלץ, וואָס ס'איז אויפן יידישן האַרצן, פריי און אַפּיקורסיש, ס'איז ממש אַ מין פּסיכאָאַנאַליטישע דערפאַרונג.

דאָס מאָל באַנוץ איך דאָס וואָרט פּסיכאָאַנאַליז נישט ריין מעטאַפאָריש. מיר האָבן דאָ בפירוש צו טאָן מיט אַ קרענקלעכער דערשיינונג, וואָס גרענעצט אָפט מאָל מיט זעלבסט־שנאה.

דער דיאַלאָג אין רחובות האָט אונדז דערלויבט נענטער זיך צו באַקענען מיט די „ניי־לינקע" פונעם מילדערן און איידעלערן סאָרט. דאָס זענען נישט די משומדים להכעיס, וואָס זעען אונדזערע ענינים דורך טראָצקיסטישע, אַנאַרכיסטישע און מאַאָיִסטישע ברילן, נישט די פאַרלוירענע און צעטומלטע סטודענטן־פירערס, וואָס יידישקייט ליגט זיי אין דער לינקער פּאה, נאָר די, וואָס דערקלערן זיך אַלס טיף פילנדיקע יידן מיט גאָר הויכע פאָדערונגען צו אונדז און צו זיך אַליין. אויך זיי רעדן מיט דער געשליפנסטער שפּראַך, בליצן מיט קאַלטן פייער פון אינטעלעקט און האַלטן אין איין זאָגן אונדז מוסר.

אויף דעם לעצטן סימפּאָזיום האָבן מיר געהאַט אַ פאַרביקע רעפּרע־

זענטאַנץ: הרב שוואַרצשילד, דער באַרימטער אַרכיטעקט גוטמאַן און פראָפעסאָר שטיינער.

מיר ווילן זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף שטיינערן, ערשטנס — צוליב זיין גרויסער קולטור־ווירקונג אַלס דענקער, קריטיקער און שרייבער און צווייטנס — צוליב די מיינונגען און דעם אופן, ווי ער ברענגט זיי אַרויס. די פאָרם איז דאָ זייער וויכטיק: כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי שיין אויסדריקן מיאוסע געדאַנקען און אַזוי קלוג רעדן נאַרישקייטן.

שטיינער שפּאָרט נישט קיין ווערטער פון זיין רייכן אוצר, כדי צו באַקעמפן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז ביי אים שבטימדיקייט (טריבאַליזם) און איז דער „קאָשמאַר פון אונדזער צייט". ער באַהויפּטעט, אַז צוליב אַ פּאָר־ביקער שמאַטע אויף אַ שטעקן זענען גרייט „ראַציאָנעלע מענטשן צו באַגיין אַלע אַקטן פון געוואַלד". פּאַטריאָטיזם איז ביי אים „באַרבאַריזם פון בליג־דער לאָיאַליטעט". „ווען מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער וועלט — האַלט מען זיך ביים שטעטל". פּאַרראַט איז אָפּטמאָל אַ מצווה, „אַ פּריי־צייטיקער אָבער נביאותדיקער אַקט פון קלאָרזעערײ". דער אידעאַל איז, אַז אַלע מער מענטשן „זאָלן זיך באַפרייען פונעם מיטאָס פון נאַציאָנאַליזם און פּראָקלאַמירן, אַז ביימער האָבן וואָרצלען, אָבער מענטשן — פיס, מיט וועלכע זיי קענען זיך באַוועגן איינע צווישן אַנדערע".

ממש אַ שניַרל פּערלדיקע דעפיניציעס. ווילן מיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין דעם אַלטן, כמעט אייביקן וויכוח צווישן נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם, פאָלק און מענטשהייט. יעדער אמת ווערט שקר, ווען מען דערפירט אים צו פאַרקריפּלונג, מיסברויך און אַבסורד. מיר ווילן זיך אויך נישט אַריינטראַכטן אין דער טיפער סוגיה, צי זענען טאַקע די קולטור־מענטשן לייכט־מאַרשירנדיקע יחידים, אָדער פּערזאָנען מיט וואָרצלען פון געשיכטע, קולטור, שפּראַך, נאָסטאַלגיע און קאָלעקטיווע האָ־פענונגען. וואָס מיר ווילן יאָ איצט באַמערקן איז, אַז גראַד אונדזער יאָר־הונדערט וועט מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי די תקופה פון זעלבשטענ־דיקייט פון פעלקער, און אויב ס'איז דאָ עפּעס הומאַנעס אין אונדזער דור, איז עס דאָס אויפטויכן פון פעלקער, פון נאַציעס פון דער שוואַרצער אַפריקע ביזן טשעכישן גערעַנגל.

אין אַלע צייטן האָט אוניווערסאַליזם אָפט מאָל געמיינט די קולטור

פון די גרויסע נאַציעס, וואָס מען האָט אָנגעוואָרפן אויף די קלענערע און צוליב דעם נישט ווייניקער וויכטיקע פעלקער.

אָבער, ווי געזאָגט, נישט דאָס זענען מיר אויסן. לאָמיר זיך אומקערן צום יידישן חשבון: „אויב נאַציאָנאַליזם — טענהט פּראָפ. שטיינער — איז ביי אַלע פעלקער אַ רעאַקציאָנערער איבערבלייב, איז ער ביי יידן ממש אַ פאַרברעכן. דער „גאַסט־צושטאַנד" פון יידן צווישן פעלקער און דאָס מאַרגינאַלע לעבן איז נישט נאָר אַ יחוס, אַ העכערע פאָרם פון גייס־טיקן קיום, נאָר אַ מוז. מיר זענען עס מחויב דער וועלט, ווייל מיר דאַרפן אויסקויפן די זינד".

אין וואָס באַשטייט אונדזער חטא הקדמון? און דאָ קומט דער קרענק־לעכער שולד־קאָמפּלעקס (און אפשר זעלבסט־שנאה). ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר יידן זענען געווען די ערשטע אין דער געשיכטע, וואָס האָבן געפּרע־דיקט „עטנישע אַראָגאַנץ", דעם באַגריף פון אַן „אויסדערווילט פאָלק צווישן אַנדערע" און די אַנטפּלעקונג פון אַן „אייגנאַרטיקן בונד מיט גאָט". „מיט אָט דעם האָבן זיך באַנוצט די נאַציס, מיט זייער באַגריף פון אַרישער ריינקייט, פון צוגעזאָגטע לענדער, פון וועלכע גאַנצע שבטים דאַרפן אַרויס־געשיקט ווערן ווי האָלצהעקערס און וואַסערטרעגערס".

אוודאי, זאָגט שטיינער מיט גרויס ברייטהאַרציקייט, דאָס איז געווען אַ פאַרקריפּלונג, אַ טייוולאָנישע פּאַראָדיע, אָבער „די ביבלישע שטעלן האָבן אַ טיפע שייכות מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבן פון זיי געמאַכט" און נאָך קלאָרער: „מיר יידן טראָגן אַ טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן קעגן מענטשן, וואָס הייסט שבטימדיקייט, מיטאָס פון ראַסן־אויסדערוויילטקייט און שאָוויניזם".

געהערט דיבורים? נאַציזם איז גאָר אַן אומלעגאַל קינד פון די נביא־אים און יידן זענען גאָר שולדיק אין זייער אייגענער פאַרניכטונג!!! נישט קיין וואונדער דעריבער, אַז „פאַר געוויסע (צווישן זיי אויך שטיינער) איז דאָס זיין וואַנדערערס און צעזייט צווישן פעלקער אַ מאָראַלישע פליכט".

מיר דאַרפן, אַזוי צו זאָגן, אָפּריכטן גלות פאַר אונדזערע וויסטע חטאים.

ס'דרייען זיך מיר אין קאָפּ מאָדנע אַסאָציאַציעס: די קריסטלעכע טעאָריע פון „פאַרדאַמטן פאָלק", דאָס בילד פונעם „וואַנדערנדיקן יידן", די „ראַסע פון געשפּענסטער", אָדער „קאָסמאָפּאָליטן" לויט דער סטאַלין־

כרושטשאָוו־טערמינאָלאָגיע. אמת, אַ פּאַראָדיע, אַ פאַרקריפּלונג — אָבער דאָס האָט אַ טיפע שייכות מיט דעם, וואָס שונאים ווען מאַכן פון אָט די „שטיינער"־ווערטער ...

אָבער, נישט געפערלעך: די נויט ווערט אַ טוגנט. מיר דאַרפן גאָר שטאָלצירן מיט דעם סטאַטוס פון אַ גאַסט אויף אַ ווייל צווישן די „באַלאַ־גערטע מחנות" (אַזוי הייסן פעלקער אין דער בילדערישער שפּראַך פון שטיינערן), מיט אונדזער פרעמדן אַקצענט. ס'איז גאָר אַ העכערע מדרגה פון דינען דער מענטשהייט, און נאָך מער: — און דאָ ווערט שטיינער געכאַפּט ביי דער האַנט — פון דער טעאָריע פון אויסדערוויילטקייט, וואָס ער אַליין פאַרדאַמט און באַקעמפּט. ער באַדויערט די באַדינגונגען, וואָס צווינגען ישראל צו זיין אַ באַוואָפנטער שטאַט און נאָך אַ פאָלק צווישן פעלקער. „איך בין גענוג אַראָגאַנט און גלויבער, כדי צו גלויבן, אַז מיר יידן זענען געשאַפן געוואָרן פאַר עטוואָס מער אויסערגעוויינלעכס"... וואָס איז דאָס, במחילה, אויב נישט אַ נייע פאָרם אתה בחרתנו, עטנישע אַראָ־גאַנץ, אַ מין נייער נוסח פון דער אַלטער אַסימילאַטאָריש־רעפאָרמיסטישער תורה פון „מיסיאָן"?

פאַר אָט דער טעאָריע האָבן מיר טייער באַצאָלט. זי האָט אונדז אַלע־מען שיר נישט אומגעבראַכט אַריינרעכענענדיק דעם פּראָפעסאָר אַליין. די תלינים האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן די „נאַציאָנאַליסטן און די אידעאַלע באַזוכער פון דער וועלט"... ווי דיק דאַרף זיין דער רויך פון די גאַזקאַמערן, כדי ער זאָל דערגיין צו די פילבאַרע נאָזלעכער פונעם פּראָפעסאָר?

אין ליכט פון אָט דער פילאָזאָפיע ווערט שוין קלאָר אויך די שטע־לונג פון פּראָפ. שטיינער צו ישראל, וואָס איז איין נעץ פון סתירות.

אין אַלגעמיין איז די באַציִונג אַ רעזערווירטע, אַ קריטישע. ער נעמט זיך אַלס „יאָר־עדות" די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע: פאַר די רעליגיעזע איז ישראל אַ פּריצייטיקע און פאַלשע משיחות און ירושלים של מעלה איז ביי זיי „אין צייט און נישט אין שטח און שטיינער". אַזוי אויך ביי פּראָפ. שטיינער — איז ישראל „אַן אָפּגעלעבטער מאָדעל פאַר עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און סאָציאַלער פאַראייניקונג", און נאָך — „די גאַנצע לייזונג פון ישראל האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער הומאַנער יידישקייט".

„וואָס האָט שפּינאָזאַ (וואָס האָט אגב געשריבן וועגן אַ יידישער מדינה — ב. פּ.) און היינע (וואָס האָט געשריבן טיף־לירישע יידישע לידער — ב. פּ.) צו טאָן מיט פּענער און שבועות פון פּאַטריאָטישן גלויבן?"

און בכלל, ווי קען מען גאָר פאַרגלייכן דעם שעפערישן געניוס, דעם מעכטיקן אויפטו פונעם יידישן גלות אין דער היינטצייטיקער יידישער אַמע־ריקע — מיט דער וואולגאַר־פּאַטריאָטישער ישראל?

אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז די יידישע אַמעריקע ליידט, לויט דער מיי־נונג פון אירע פירערס, פון גאַטלאָזיקייט און פּוסטקייט, אַז די יוגנט פאַר־לאָזט זי צוליבן אויבערפלאַכלעכן מאַטעריאַליזם און אַז דער גאַנצער אינ־טערנאַציאָנאַליזם באַשטייט אין פּשוטן אַריינגיסן זיך אין דעם גרויסן נאַ־ציאָנאַליזם פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער פּראָפעסאָר שטיינער איז פּאַרט אַ יידישער גזלן: פאַר דעם חטא פון ישראל, פון לעבן אַלס פאָלק און זיך פאַרטיידיקן געפינט ער „מילדערנ־דיקע אומשטאַנדן". „פון 1948 האָט ישראל דורכגעהאַלטן נאָר דורך דעם ווונדער פון אייניקייט און קאָמפּאַקטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין". מיט אַנ־דערע ווערטער — זי האָט קיין ברירה נישט געהאַט, און צווייטנס — ווו וואָלטן זיך אַהין געטאָן די פּליטים און די מעגלעכע קרבנות פון אַרגענטינע אָדער מיסיסיפּי? ד.ה. צווישן זיי אויך — לויט זיין באַהויפּטונג — זיינע אייגענע קינדער. ד.ה. אַ מדינה — ווי אַ נויטווענדיק שלעכטס, אָדער ווי איינגעמאַכטס הלוואי מ'זאָל עס נישט דאַרפן. היוצא מדברינו — מען דאַרף ישראל גלייכצייטיק שטיצן און באַקעמפן, העלפן אַלס אַ צייטווייליקע דרינ־גענדיקע לייזונג און באַקעמפן ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער מיסטיק, אַרבעטנדיק פאַר משיחס צייטן — פון אינטערנאַציאָנאַליזם. ווי אַזוי דאָס פּאַרט זיך אין פּראַקטישן לעבן — ווייס איך נישט. אסור, אויב איך וואָלט געוואָלט זיין אַ תלמיד פון לאָגיק ביים בריליאַנטענעם קריטיקער, פּראַקטיש עצהט אונדז דער פּראָפעסאָר זיך צו אינטעגרירן אין דעם טייל פון דער וועלט און שאַפן אַ געמיינזאַמע מדינה מיט די אַראַבער; אַ קלאַסי־שער ביישפּיל: מוזולמענער און קריסטן אין לבנון. ס'איז יענער משל און נמשל...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַזוי ברייט אויף פּראָפעסאָר שטיינערס רייד, ווייל זיי זענען טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ טייל יידישער

אינטעליגענץ, וואָס האָט, ליידער, אַ גרויסן איינפלוס אויף ברייטע שיכטן פון אונדזער יוגנט. ס'איז אַ קרומער שפּיגל. זיי אַפּעלירן צו אונדז, פּונקט ווי מיר און נישט די אַראַבער באַדראָען דעם נאַציאָנאַלן קיום פון פאָלק. זיי רעדן וועגן „אונדזער מאַכט”, בשעת בסך הכל זענען מיר אַ קליינע מינ־דערהייט, אויסגעשטעלט אויף געפאַרן, וואָס קיין שום אומה האָט זיי נישט געקענט. מען רעדט וועגן אונדזער מיליטאַריזם, בעת מיר גייען נאָך היינט אָפּ אין בלוט און עס גייט אונדז אויס די נשמה פאַר שלום און יצירה.

און צום סוף: אין „ניו סטייטמען” (אויך אַ שטענדיקע נעסט פאַר סנאָבישע שונאי ציון) דרוקט זיך אין חודש יולי אַ רייע בריוו אַלס תשובה אויף אַ שטאָלצן אַרטיקל פון עמוס קינן. ווען מען קען נישט חושד זיין אין היפּער־פּאַטריאָטיזם. ווען מען האָט קריטיקירט ישראל פאַר איר „יודאַיִסטישן כאַראַקטער”, האָט ער געענטפערט: ווען ענגלאַנד וועט אויפהערן צו זיין ענגליש און פראַנקרייך — פראַנצויזיש, וועט אויך ישראל נישט זיין יידיש. „אַפּטער יו, סער” (נאָך איך, מיין הער). געפעלט עס מיר ווי אַ פאָלעמישער זאַג, אָבער איך נעם נישט אָן די שטעלונג. איך בין נאַ־ציאָנאַל, נישט ווייל גוים זענען עס און כ'וועל עס נישט אויפהערן צו זיין, ווען זיי וועט זיך טעאָרעטיש פאַרוועלן נישט מער צו זיין נאַציאָנאַל. מיין יידישקייט איז אַבסאָלוט און נישט פאַרגלייכעריש רעלאַטיוו. איך טראָג זי ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ און אויף אַלע דורות.

1968

אַסימילאַציע פון אינעווייניק

די צייטשריפט „פאָלק און ציון" האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט אָפּגע־דרוקט דעם פולן טעקסט פון דער רעדע פון פּראָפעסאָר רישאַר מאַריענסטראָס, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים „פּאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד" אין פּאַריז. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער סאַמע אויטענטיש־דירעקטער און אינעווייניקסטער אַסימילאַציע. די שטעלונג און די מיינונגען זענען דאָ נישט קיין רעזול־טאַט פון אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע. ס׳איז נישט דער אַנטי־ישראל־קאָמפּלעקס פון דעם „נייעם לינקס" — וואָס איז אַ טייל פון אַ וועלט־אַנשויונג און מענטאַליטעט; ס׳איז נישט דער אַנטי־ציוניזם פון די יידישע קאָמוניסטן, וואָס ווערט דיקטירט פון דרויסן. אין דעם פאַל איז עס אַ „ריין יידישער" פּראָדוקט און אַלע מיינונגען און געדאַנקען פונעם חשובן פּראָפעסאָר קומען פון אינעווייניק, אין נאָמען פון „קולטור־ירושה" און כלומרשט „פּאָזיטיווער יידישקייט". דאָס איז די שטים פון דעם מין אַסימילאַציע 1971, וואָס מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז זי איז צערונען גע־וואָרן אין דעם אַלגעמיינעם „קאָנסענסוס" און אין דער אַטמאָספער פון ישראל־באַגייסטערונג.

דאָס צווינגט אונדז טאָקע צו מאַכן אייניקע קאָמענטאַרן און זיך נישט באַנוגענען מיט דעם זייער זאַכלעכן, אָבער ווייט נישט אויסשעפּנדיקן ענט־פער פון שמואל שיינער — אינעם זעלבן נומער.

די הויפּט־טעזעס פון פּראָפעסאָר מאַריענסטראָס זענען:

1. די ניי־געשאַפענע לאַגע אין פּראַנצויזישן יידנטום.
2. די מינימיזירונג פון ישראלס ראָל און איינפלוס אויפן יידישן ישוב אין פראַנקרייך.
3. די פּאָזיטיווע באַציונג און אַפילו דער אַפּאָטעאָז פון גלות.
4. דער „קולטוריזם" אַלס אויסדרוק פון יידישקייט.

5. די נייע קהילה אין פראַנקרייך.

פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס גייט אַרויס פון דער גרונט־הנחה, אַז פאַר די פראַנצויזישע יידן האָט זיך געשאַפן אַן אַבסאָלוט נייע לאַגע. ער אַנט־וויקלט די טעזע אומאויפהערלעך און אין פאַרשידענע וואַריאַנטן. די וואָס וואָגן די נייע געשעענישן צו פאַרגלייכן מיט די אַמאָליקע פאַסירונגען, לויט אַן אַלגעמיין אָנגענומענעם היסטאָרישן, פילאָזאָפישן און סאָציאָלאָגישן מע־טאָד, זענען חשוד אין די אויגן פון דעם פּראָפעסאָר, אַז זיי האָבן מורא פאַר נייע מסקנות, נייע וויזיעס, ווייל „...גאַנץ נייע באַדינגונגען מוזן שטעלן אונטער אַ פייערפּרווו טראַדיציאָנעלע און קאָנסערוואַטיווע געוווינהייטן".

דער שרייבער פון די שורות, וואָס קען אַביסל פראַנקרייך נאָך פון זיינע סטודענטן־יאָרן און פון פילמאָליקע באַזוכן, נעמט אויף זיך די סכּנה מ'זאָל אים באַשולדיקן אין סטאַטישן היסטאָריציזם, און פרעגט דעם פּראָ־פעסאָר: מה נשתּנה? אין וואָס באַשטייט די בראשיתדיקייט פונעם יידישן פראַנקרייך? וואָס קומט דאָרט פאָר, וואָס איז נישט געשען אין אַנדערע ישובים, נישט נאָר אין דער ווייטער טויזנט־יאָריקער דערפאַרונג, נאָר אפילו אין לויף פון אונדזער יאָרהונדערט?

אַלע געגעבענע באַווייזן ווי: דער וווּקס פונעם ישוב פון 120.000 צו העכער אַ האַלבן מיליאָן אין פאַרלויף פון 25 יאָר, דער רענעסאַנס פון די וויטאַלע יידישע כּוחות דורך דעם אַנשטראָם פון דער נייער אימיגראַציע־כוואַליע, די וואַקסנדיקע צאָל יידן, וואָס פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און די אויסברייטערונג פון זייערע אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע האָריזאָנטן א. אז. וו. — זענען נישט עקסקלוזיוו פראַנצויזיש און איבער־צייגן נישט.

אסור, צי מען דאַרף זיין אַ פּראָפעסאָר, כּדי צו זען ווי אויסגעזויגן פון פינגער עס איז אָט די פּרעטענסיע אויף נייטיקייט און אָריגינעלקייט. אַלע ישובים אין דרום־אַמעריקע זענען רעשיק אויסגעוואַקסן דורך אַ מעכ־טיקן צופלוס פון אימיגראַנטן־שטראָמען וואָס האָט טויזנטער פאַרוואַנדלט אין הונדערטער טויזנטער; דער אויסטראַלישער ישוב איז כּמעט אינגאַנצן אַ פּראָדוקט פון אימיגראַציע אין פאַרלויף פון אייניקע יאָרצענדליק. אין סוף פון 19־טן און אין די ערשטע צענדליק יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט איז די דעמאָגראַפישע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע מאַפּע פון

אַמעריקאַנער יידנטום פאַרענדערט געוואָרן דורך דעם מעכטיקן צופלוס פון הונדערטער טויזנטער יידן פון מזרח־אייראָפּע. דאָס וואָס איז געוויסע לענדער איז די באַזע געווען דער ספרדישער עלעמענט, און די אשכנזישע זענען געווען די מאַסן נייע אָנגעקומענע, און אין פראַנקרייך — לכל הפחות אין אונדזער צייט — איז פאַרקערט, ענדערט נישט וועזנטלעך די סיטואַציע, און דאָס וואָס איז אַ כראָנאָלאָגיש פרישע דערשיינונג — מאַכט נאָך נישט קיין געשיכטלעכע ערד־ציטערניש. איז דען די גרויסע צאָל פון פּאָליטיש אַקטיווע יידן און זייער פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אַ קענצייכן, אַ קריטעריע פון פראַנצויזישע יידן? איז עס קיין מאָל נאָך ביי אונדז נישט פאָרגעקומען? איז עס נישט דער געוויינלעכער מצב אין אַמעריקע און אין די אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, איינשליסנדיק דאָס שכנותדיקע ענגלאַנד?

מיר ווילן מען זאָל אונדז גוט פאַרשטיין: קיינער פאַרלייקנט נישט די ענדערונגען, די נייע געשיכטלעכע פאַזע אין פראַנצויזישן יידנטום (צווישן זיי אויך דעם גרויסן צפון־אַפריקאַנער צוגאַב, וואָס איז אגב, אַ טיפּישע קאָנסעקווענץ פון גלות, וועלכן דער פּראָפעסאָר אידעאַליזירט, ממש ווי אַ פּערפעקטן קיום, אַ מוסטער פאַר דער וועלט...). אוודאי באַגריסן מיר דאָס אויפוואַכן פון נאַציאָנאַלן געפיל, אויך דאָס דערשיינען פון נייע כוחות אין דעם יידישן עפנטלעכן לעבן. אָבער דאָס זענען נאָר געענדערטע באַדינגונגען, אַ פאַזע, אָבער נישט קיין אַבסאָלוט נייער מצב פאַר וועמען עס גילט נישט דער ציוניסטישער אַנאַליז. אַפילו דעם פּראָפעסאָרס מיינונגען זענען — מראָץ דער אָריגינעלקייט פון סטיל און פאָרם — נישט ניי.

דער היפּשלעך פאַרעלטערטער אופן פון דענקען פון פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס קומט צום אויסדרוק ווען מען אַנאַליזירט די פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט צו דער טראַנספאָרמאַציע אינעם יידישן לעבן. גלייך ביים אָנהויב פּסקנט ער, אַז „ישראל שפּילט נישט באמת קיין וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אידעאָלאָגיע און פאַרנעמט נישט דעם דאָמינירנדיקן אָרט אינעם לעבן און טעטיקייט פון די פאַרשידענע יידישע און רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס" (ציטירט לויט פּראָפעסאָר ליבמאַן, אגב, טיילווייז און במילא נישט קאָרעקט). טאָ וואָס זענען פאָרט די סיבות פאַר דער דערוואַכונג פון יידישן געפיל, אחריות און אַקטיוויטעט? (אין קלאַמערן זאָל געזאָגט ווערן, אַז מיר זענען, אגב, נאָך נישט גרייט צו זאָגן, אַז דאָס איז

אַ רענעסאַנס, אַן איבערראַשצונג פון ווערטן, און, מ׳דאַרף נאָך צוּוואַרטן כּדי צו זען צי דאָס איז בלויז אויבערפלאַכלעך אָדער אין דער טיף...).

דאָס איז ערשטנס: די צאָל, אַזוי צו זאָגן — דער כּמות וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין איכות.

צווייטנס: אַ גרויסן טייל פון זיין רעפעראַט ווידמעט פּראָפעסאָר מאַ־ריענסטראַס דעם אַנאַליז פון דער גסיסה פון דעם עטנאָ־צענטריזם און פון אויטאָריטאַרן צענטראַליזם, און די מיסברויכן וועלכע ס׳איז גורם אונדזער טעכנישע אינפראַסטרוקטור, ווי סיבות פונעם אויפברויז פון יידישער שעפערישקייט. איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו דיסקוטירן, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַזאַ דיסקוסיע זעט אונדז נישט אויס צו זיין צו פיל רעלעוואַנט פאַר דעם ענין.

מען קען נישט זאָגן, אַז אונדזער תּקופה צייכנט זיך אויס מיט לויטער קולטור־פּלוראַליזם, מיט רעספּעקט פאַר די פולע רעכט פון מינדערהייטן. ס׳איז גענוג זיך צוצוקוקן צו דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין דער קאַנאַדישער דעמאָקראַטיע צווישן די פראַנצויזישע און ענגלישע געביטן, אין דער צוויי־שפּראַכיקער בעלגיע, צו דער ליידנשאַפטלעכער קאַטויליש־פּראָטעסטאַנטי־שער פּלוגתּא אין אירלאַנד, אָדער צום סערביש־קראָאַטישן אויפרייס־שטאָף אין יוגאָסלאַוויע, כּדי צו צווייפלען אין דער פיל־קולטורקייט, אין וועלכער יידן דאַרפן אויך קריגן אַ שוץ און אַן אָנשפּאַר.

אגבֿ, איז פראַנקרייך, מיט אירע אַלע רעגיאָנאַלע פּראָבלעמען, קיין מאָל נישט געווען קיין מוסטער פאַר נאַציאָנאַלן און גייסטיקן פּלוראַליזם, זי איז איינע פון די האָמאָגענישסטע און מאָנאָליטישסטע לענדער אין עטנאָ־גייסטיקער הינזיכט. ס׳איז אויך אַ גרויסער ספק צי גראָד די גאָליס־טישע תּקופה איז אַן אויסדרוק פון דער געגאַרטער פרייהייט און זעלבסט־באַשטימונג אויף אַלע געביטן פון לעבן.

ס׳איז אויך כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער גאַנצער ענין פון דער טאָפּלטער קולטור און פון „ברענגען צום אויסדרוק די עטנישע אייגנשאַפטן פון די מינדערהייטן” — איז גאָר ווייט פון אַן אַנטפּלעקונג. ס׳איז גענוג זיך צו דערמאָנען אין דער תּקופה פון די „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן”, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעצלעכער גאַראַנטירונג פון זייערע רעכט גלייך

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה... וואָס איז פון דעם, ליידער, געוואָרן? — אַ בית הקברות פון אילוזיעס.

אָבער ווי געזאָגט, נישט דאָס זענען מיר אויסן. ס'איז כאַראַקטעריס־טיש און שוין גאָרנישט צופעליק דאָס, וואָס דער פּראָפעסאָר דערמאָנט נישט די משונהדיק פיינטלעכע שטעלונג פון דע גאָלן וועגן דעם „דאָמי־נירנדיקן פאָלק", און נישט די נעאָ־אַנטיסעמיטישע אויפריכטונג פון אַ טייל פון זיינע חסידים. די אַנטאַגאָניסטישע פּאָליטיק לגבי ישראל, וואָס האָט (מער ווי אַלץ) אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד־געפיל און אַ פּרעכטיקן אויסדרוק פון יידישער ווערדע און האָט טיף אויפגערודערט גראָד די נייע, וויטאַלע כוחות פון צפון־אַפריקע. דאָס צו דערמאָנען וואָלט נישט געשטימט מיט דעם אוטאָפּיע־לאַנד וואָס הייסט גלות און וואָלט געשמעקט מיט נאַציאָנאַליזם און מיט צופיל ישראלדיקייט, און אויב אַ פאַקט שטימט נישט מיט דער טעאָריע — עקזיסטירט ער נישט.

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס באַשלאָסן, אַז ישראל איז אַ מינדערווערטיקער פאַקטאָר. די שיטה באַשטייט אין צוגעבן און אין אָפּפרעגן. געוויס, זאָגט ער, „האָבן די דערגרייכונגען פון דעם ישראלדיקן פאָלק (?) געשפּילט זייער ראָל אין דעם צוזאַמענשפּיל פון סיבות און פאַקטאָרן. געוויס האָבן די געשעענישן אין נאָענטן מזרח פאַר־טיפט אונדזער יידישן באַוווּסטזיין, אָבער דאָס איז געווען נאָך אַ באַגרע־נעצטער פאַקטאָר", א.אַז.וו. א.אַז.וו. ער גיט זיך בכלל נישט די מי דאָס צו באַגרינדן, פּונקט ווי ער פאַרטרויט אונדז נישט דעם סוד, פאַר וואָס דער קולטורעלער בייטראָג פון ישראל צום וועלט־יידנטום וועט זיך נישט קענען פאַרגלייכן מיטן בייטראָג פונעם אַמעריקאַנער יידנטום.

אָבער נישט נאָר ישראל קען נישט געבן קיין תוכן און קיום דעם יידישן לעבן, אויך נישט רעליגיע, ווייל די מערהייט פון די „יוגנטלעכע זענען דערצויגן אין אַ וועלטלעכן, אַנטי־קלעריקאַלן גייסט", און אוודאי נישט דער ציוניזם, ווייל זיי, די יוגנטלעכע „האָבן נישט די כוונה צו פאַרלאָזן אַ לאַנד, וואָס איז זייערס און ווו זיי האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען". און בכלל, ווילן זיי, „אַז די יידישע ווערטן זאָלן זיי איבערגעגעבן ווערן אָן דער פאַרמיטלונג פון פאַרעלטערטע אידעאָלאָגיעס".

איז וואָס־זשע בלייבט?

די גאַנצע יידישקייט פון פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס באַשטייט פון אַ מין קולטוריזם און די קהילה־אינסטיטוציעס דערשיינען ווי אינסטיטוטן פאַר בילדונג פאַר דערוואַקסענע. און דאָ איז גראָד פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס נישט קיין איבערקלייבער: אויפקלערן דעם יידישן עבר אין אַלע זיינע פאָרמען און טראַדיציעס — רעליגיעזע און וועלטלעכע, בונדישע און תנ״כי־שע. אַלע שפּראַכן „און נישט נאָר העברעיש" — אַ נייע וויסנשאַפטלעכע היסטאָריאָגראַפיע. ער פאַרבויגט אַפילו זיין יאַקאָבינישן אייפער און דער־לויבט אונדז צו באַנוצן די שפע פון די רעליגיעזע טעקסטן, ווייל „סוף כל סוף ווערט פאַסקאַל געלייענט... און אויסגעטייטשט דורך קאַטאָליקן און פריידענקערס".

און פאַר וואָס טוריזם נאָר קיין ישראל? די קהילה וועט זיין אַ מין רייזע־ביוראָ פאַר קאָנטאַקטן צווישן די ישובים. און דער עיקר: מ׳זאָל נישט אַריינפאַלן אין יידישן פּראָווינציאַליזם און כדי אויסצומיידן די געפאַר, אַז די יונגע דורות זאָלן חלילה נישט איבערגעלאָדן ווערן מיט יידישקייט, דאַרף מען אַנטוויקלען ביי זיי דעם „אוניווערסאַליזם". אַ שיין וואָרט, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַלט — פון דעם פראַנצויזישן סנהדרין אָן ביזן היינטיקן טאָג. נאַיוועדער גלויבן אין דער כול־יכולדיקייט און מאַגישן כוח פון סתם „השכלה", אַז „מיט קולטור אַליין" אָן פּרינציפּן, אָן אידעאָלאָ־גישע קריטעריעס קען מען לייזן שווערע יידישע פּראָבלעמען. איז עס נאָך ווייניקער פון בונדיזם, וואָס האָט כאָטש גערעדט אין נאָמען פון אַ לעבעדיקער און שעפערישער קולטור אויף יידיש און פון גרויסע ישובים וואָס האָבן זי געפלעגט און געפּרעדיקט. ס׳איז אויך ווייניקער פון דובנאָ־וויזם, וואָס איז געווען אַן אָריגינעלער אויסדרוק פון אַ טיפן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין; עס קומט אַפילו נישט צום „פאָלקיזם", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַן אָרגאַנישער גרויסער יידישער ווירקלעכקייט.

אַ מערקווירדיקע זאַך: צווישן די גרויסע אויפגאַבעס פון דער קהילה, דערמאָנט נישט פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס דעם עיקר: דעם חינוך. דער עלאָקווענטער לעקטאָר שטעלט זיך נישט אָפּ אַפילו אויף אַ מינוט אויף דעם טרויעריקן מצב, אַז ווייניקער פון 18 פּראָצענט יידישע קינדער אין פראַנקרייך באַקומען וועלכע עס איז יידישע דערציונג. איידער מען רעדט וועגן דער גרויסער, אוניווערסאַלער און ברייט־צוגיקער קולטור־אַרבעט

דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז פונעם חלל פון אומוויסנקייט וועלן נישט אַרויסוואַקסן די „נייע" יידן פון אַ שעפערישן ישוב. דערפאַר איז דאָס, וואָס עס לייגט אונדז פאָר דער פּראָפעסאָר, נישט קיין פּראָגראַם, נאָר אַ מין גייסטיקער סאַלאַט און זעט אויס ווי אַ דרשה אין אַן אַמעריקאַנער רעפאָרם־טעמפּל.

די נייע גרויסע „קהילה" וועלן נישט בויען די „אַלטע יידישע אָרגאַניזאַציעס" און גרופּעס, וועמען פּראָפעסאָר מאַריענסטראַס מעקט אָפּ פון דער ערד מיטן זאָג, אַז „מער ווי זיי פּאַראַייניקן דעם ישוב שפּאַלטן זיי אים". אַנטקעגן אָט די „אָרגאַניזאַציעס" און „ציוניסטישע שאַטירונגען וואָס האָבן אין פראַנקרייך געשאַפן אַזאַ פּאָליטישע מאָזאַיִק, וואָס האָט אַ זין נאָר אין ישראל" געפינט זיך די „יידישע מאַסע וואָס זוכט איר זעלבסט־באַשטימונג".

ווידער אַ מאָל — דער בכוונדיקער נעפּל. אפשר וועט אונדז דער מחבר פאַרט זאָגן: ווער איז עס אָט „די מאַסע" און דער עיקר — ווער זענען עס אירע פירערס און לערערס?

לויט דער מאָדע פון לייכטער פּאָפּולאַריטעט און היינטצייטיקע לאָזונגען חזרט ער איבער ווידער און ווידער, אַז דער עיקר זענען די „יוגנטלעכע מיט באַזונדערע פאַרלאַנגען", „וועלכע נעמען אויף מיט באַגייסטערונג די אידעען וועגן אוניווערסאַליזם, פרייהייט פון גערדאַנק, סאָציאַלער גערעכטיקייט און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, און דערביי פאַרלייקענען זיי נישט זייער יידישן אָפּשטאַם און די עלעמענטן וואָס פאַרטיפן זייער יידישן באַוווסטזיין".

די צרה מיט אָט דער וווּנדערבאַרער יוגנט איז, אַז זי איז דערווייל נאָר אַ פּראָדוקט פון פאַנטאַזיע, אַן אידעאַליסטיש בילד און אַנטשפּרעכט נישט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

מיר האָבן קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז דער וועג צו געווינען די יוגנט פירט דורך חניפה און דורך פאַלשער אידעאַליזאַציע. דער אמת איז, אַז טויזנטער און טויזנטער יוגנטלעכע האָבן זיך אידעיש און קולטורעל אַסימילירט, האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין אַלגעמיינע, אַלמענטשלעכע, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון אַלערליי מינים און זיי זענען גלייכגילטיק, אָדער אַפילו פיינטלעך נישט נאָר צו ישראל, נאָר צום

יידישן „עסטאַבלישמענט״ בכלל. און אויב עס קומט יאָ אַ פּאָר אַ דערפרייענ־דיקער צוריקקער, אַן אָנהויב פון אַ ווידערשטאַנד, אַ פרישע און דינאַמישע סטודענטן־באַוועגונג — איז עס גראָד אַרום, צוליב און דורך ישראל, ציוניזם, יידישער טראַדיציאָנעלער אייגנאַרט, אייגענע מקורות — אַרום אָט די „סקלעראָטישע״ באַוועגונגען און מיסטישע לאָזונגען, ווי „קיבוץ גלויות״, „שיבת ציון״ א.אַז.וו.

מיר האָבן זיך אַ ביסל פאַרצויגן מיט אונדזער תשובה. אָבער דעם אמתן ענטפער גיט דיווירקלעכקייט אַליין: 41.000 יידן, צווישן זיי צוויי גרויסע פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן און אינטעלעקטואַלן, האָבן אין פראַנקרייך זיך אידענטיפיצירט מיטן ציוניזם אינעם מפקד. אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פון אונדזער צייט: די וואָס בויען ישראל, פילן אויך אָן דעם גלות מיט אידעע און משמעות און די וואָס בויען אַלץ אויפן גלות, זייען אילוזיעס און מליצות און שניידן אַסימילאַציע און אונטערגאַנג.

1971

ס׳איז נישט דער סוף פון יידישן פאָלק

(דער נייער זשאָרזש פרידמאַן)

א.

ס׳איז נאָך ביי אַלעמען פריש אין זכרון די גרויסע דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום דעם בוך פון זשאָרזש פרידמאַן: „דער סוף פון יידישן פאָלק״? דער פּרעגנאַנטער טיטל איז געווען אַ ריין רעטאָרישער. פּאַקטיש האָט דער מחבר פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון יידנטום, און דאָס צוליב צוויי היסטאָרישע דערגרייכונגען: דעם אַנטשטיין פון מדינת ישראל און דער פולער עמאַנציפּאַציע, און דעם פאַנטאַסטישן קולטורעלן אויפשטייג פון די יידן אין דער מערבדיקער געזעלשאַפט. אַסימילאַציע — פון איין זייט, און „איזראַעליזאַציע״ (וואָס איז לויט זיינע טעזיסן געווען אַ מין פּלאַנירטע, ציל־באַוווסטזיניקע אַסימילאַציע צו עפּעס נייעס און דיאַמעטראַל אַנדערשדיק) — פון דער אַנדערער, וועלן מאַכן אַ סוף צום פאָלק, ווי אַ געשיכטלעכער באַגריף פון טויזנטער יאָרן.

דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1965.

5 יאָר שפּעטער, נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, און נאָך אַ באַזוך אין ישראל (דעצעמבער 1968 — יאַנואַר 1969), האָט דער זעלבער מחבר פאַרעפנטלעכט אַן עסיי: „באַטראַכטונגען וועגן סוף פון יידישן פאָלק״, וואָס איז אַ פולשטענדיקע רעוויזיע פון זיין פריערדיקער שטעלונג. ער פּאָלעמיזירט מיט זיך גופא, ער איז זיך מודה אין טעותן און קומט צו גאָר אַנדערע אויספירן. ער ציט אַ דעמאַרקאַציע־ליניע פון פאַר און נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, וועלכע ווערט ביי אים אויפגעפאַסט ווי אַ דאַטע פון התגלות און אומגלויבלעך אַנטשיידענעם ווענדפּונקט.

ס׳איז נישט לייכט איבערצוגעבן די הויפּט־טעזיסן פון דעם אַרטיקל,

וואָס איז אַליין אַ קאָנדענסירטער איבערזיכט פון זיין בוך פון אַ 400 זייטן. דער מחבר צעטיילט טאָקע די קאַפּיטלען פון דעם עסיי אין „פאַר און נאָך 1967".

וואָס שייך די פּראָבלעמען פון יידישער פּערזענלעכקייט אין ישראל פאַר 1967, האָט ער פריער זיי געזען אַזוי: ישראל איז גלייכצייטיק אַ שמעלצטאָפּ און בולדאָזער. „אין ישראל האָבן מענער, פרויען און קינדער פון הונדערט און צוויי באַזונדערע פעלקער (?!) זיך צוזאַמענגעגאָסן, ווידער געבוירן געוואָרן, זיך באַנייט און האָבן געשאַפן אַ נייע נאַציע". ס'איז אָבער אַ גאַנץ נייע באַשעפעניש, אָן אַ שפּור פון ענלעכקייט צו די חלקים, וואָס האָבן זי צונויפגעשטעלט. אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אויפן חשבון פון דער אַלטער ספּעציפישקייט און פון דער יידישער אידענטיטעט.

די כאַראַקטער־שטריכן, די כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגען, די מנהגים און אויפפירעכצן פון די ישראלים זענען דורך די נייע קלימאַטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אַנגערירט געוואָרן. אַפילו ריין פיזיש, מאָרפאָלאָגיש זענען די ישראלים אַנדערש געוואָרן. נאָך שאַרפער זענען די ענדערונגען אין די קולטורעלע, פּסיכאָלאָגישע און רעליגיעזע ספערן.

צו אָט דער נאַטירלעכער און אָביעקטיווער ווירקונג פון „שמעלצ־טאָפּ" קומט נאָך צו די דיריגירטע און אידעאָלאָגישע טעטיקייט, וואָס האָט אין זיך דעם צעשמעטערנדיקן כוח פון אַ בולדאָזער, וואָס רייסט אַראָפּ די טראַדיציעס פון די אַלטע היימען און מעקט אָפּ די סוב־קולטורן. די יונגע מדינה האַנדלט מיטן כוח פון אירע ווירקזאַמע אינסטיטוציעס, אינ־דוסטריאַליזאַציע. דו באַזונדערע קולטורן וועלן דאָ אונטערגיין מיט דעם ביאָלאָגישן אַוועקגיין פון זייערע איצטיקע טרעגערס. די מדינה ישראל פירט, אייגנטלעך, דורך אַ פּראָצעס פון אַ קאָלעקטיווער אַסימילאַציע פון די עולים — צו איזראַעליזאַציע.

די דאָזיקע שטעלונג איז געווען אין סתירה צו דער רעליגיעזער און צו דער ראַציאָנאַל־סאָציאַלער קאָנצעפּציע פון ציוניזם (אפשר אַ חוץ דער קלאַצקין־שולע און די כנענים). אָנשטאָט אויפלעבונג און פאַרזיכערונג פון קיום פון יידישן פאָלק — באַטייט די מדינה זיין אונטערגאַנג און דאָס אויפשטעלן אויף זיינע חורבות אַ גאַנץ ניי פאָלק. די סאַברעס זענען נישט „יידיש", נאָר „ישראלדיק". דער ישראלדיקער און דער יידישער באַוווסט־

זיין זענען נישט נאָר נישט געווען קיין סינאָנימען נאָר אַפילו קעגנזעצלעך און די דאָזיקע אָפּגעפרעמדקייט פונעם פאָלק — אין סאַמע מיטן פון זיין מדינה — איז נאָך פאַרלייכטערט געוואָרן דורך דער ביליקער, אָבער ברייט פאַרשפּרייטער און סטאַנדאַרטער מאַסנקולטור פון אַמעריקאַניזאַ־ציע.

וואָס האָט פּאַסירט מיט די אָבסערוואַציעס, טעזן און פּראָגנאָזן נאָך 1967 ?

בעת זיין דריטן באַזוך אין ישראל, אין דעצעמבער 1968 — יאַנואַר 1969, ווען ער איז קאָנפראָנטירט געוואָרן מיט די נייע באַדינגונגען און דער ניי געשאַפענער לאַגע, נעמט ער טאַקע צווייפלען אין אַלע טעזיסן, וואָס ער האָט פריער אַרויסגעבראַכט (ציטירט לויטן ענגלישן טעקסט) און ער פרעגט זיך אַליין די פראַגע : „צי האָט די זעקסטאָגיקע מלחמה געענ־דערט די לאַגע און אין וועלכער מאָס ?"

ער האַלט, אַז אויך איצט זעצט פאָר די מדינה די ראָל און די פונק־ציעס פון „שמעלצטאָפּ" און בולדאָזער, און אַז די מלחמה פאַרשטאַרקט נאָך די טענדענץ „צו אַ מדינה ווי אַלע מדינות" און צו „אַ געזעלשאַפט ווי אַלע געזעלשאַפטן" און אַז עס ווערט שווערער און ווייניקער וויכטיק „דער ישראלדיקער וועג צום סאָציאַליזם". ס'איז אָבער דאָך פאַרבליבן עפּעס נייס און רעוואָלוציאָנערישס.

ס'מערקט זיך אַן ענדערונג אין דער באַציִונג פון די ישראלדיקע צו די יידן אין גלות. די יידישע יוגנט איז שטאַרק באַווירקט. געוואָרן פון דער אונטערשטיצונג אָן תנאים, און פון דער הילף אָן סוף, וואָס די יידן אין דער וועלט האָבן געגעבן צו ישראל. די דאָזיקע פאַקטן האָבן אַנטדעקט פאַר אַלע ישראלים אַן אונטערשיד פון עלטער און אָפּשטאַם זייער סאָלי־דאַריטעט מיט די תפוצות און האָבן אַרויסגעבראַכט די קעגנזייטיקע אָפּהענ־גיקייט ווי אַ יסוד פון יידישער אידענטיטעט.

ער דערציילט וועגן דער יוירונג און אומרו צווישן דער אַקאַדעמישער און קבוצישער יוגנט : „מיר וואָלטן וועלן צוריק זיך פאַרוואָרצלען אין יידנטום" — האָבן זיי אים געזאָגט — „אָבער, ווי אַזוי קען מען זיך אומ־קערן צו טראַדיציע אָן אַ רעליגיעזן גלויבן ?" — און דאָס איז אַ זייער וויכטיקער פונקט, ווייל ער ווייזט אָן אויף חלל : דער מאַנגל אין אַלטע

ווערטן און דאָס זוכן נייע, מיט אַנדערע ווערטער: ס׳ציט צום שורש. „יש־ראלדיקייט״ און „יידישקייט״ זוכן זיך צו באַהעפטן, זיי זענען נישט קיין אָפּגעריסענע אברים.

אמת, פרידמאַן רינגלט אַרום אָט די נייע באַמערקונג מיט אַ סך צווייפל און באַוואָרענישן, און פרעגט: ווי טיף און ווי לאַנג וועלן דויערן אָט די ענדערונגען אין דער באַציונג? צי זענען זיי אַ צייטווייליקער עמאָציאָנעלער אויפברויז פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אָדער וועלן זיי דויערן? אָבער דאָס זענען שוין ספיקות פון אַ מאמין. פרידמאַן דערנענטערט זיך צו דער אויטענטישער טעזע, אַז די מדינה איז אַ גרויסע, נייע פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון יידנטום. נישט נאָר איז זי נישט קיין אַנטיטעזע, נאָר אפשר גאָר אַ באַנייונג און אַן אומקער פאַר מיליאָנען צו זייער פאָלק און קולטור.

ב.

אויף דער גלות־זייט פון דער יידישער פּאַנאָראַמע האָבן זאַכן אויסגעזען נאָך שאַרפער, קאַנטיקער און בולטער. דער חורבן האָט געהאַט אַ דויערהאַפטע השפעה נאָר אויף אַ קליינער צאָל יידן. נאָר אַ פילבאַרע מינדערהייט איז דורך אים געלייטערט געוואָרן און באַפעסטיקט געוואָרן אין דער אידעישער אידענטיטעט, נאָר אַ הייפל האָט פון אים געלערנט, אַז זייער גורל איז נישט נאָר אַ פאַקט, נאָר אַ נעגאַטיווער אידעאַל.

די מערהייט האָט זיך אָבער נאָך מער אַריינגעוואָרפן אין דעם שטורמישן גאַלאָפּ פון אַסימילאַציע. די דעמאָנסטראַטיווע אַסימילאַציע איז פאַרשנעלערט און אַקצענטירט געוואָרן דורך די געמישטע חתונות ביים צווייטן און נאָך מער ביים דריטן דור עמיגראַנטן אין אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך און ענגלאַנד. מיטן וווקס פון דער העכערער בילדונג וועט זיך די צאָל פון רעליגיעז־געמישטע משפחות נאָך פאַרגרעסערן און 70 פראָצענט פון די קינדער וועלן פאַרלוירן גיין פאַרן יידישן כלל. דאָס געפיל פון יידישער זעלבסט־אידענטיפיקאַציע איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און שוואַכער, דאָס אָפּהיטן די מצוות מעשיות — אַלץ זעלטענער און ווייניקער און ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס יידישע פאָלק גליטשט זיך אַריין אין דעם אָפענעם תהום פון אונטערגאַנג.

דעמאָלט האָט פרידמאַן געשטעלט די מוראדיקע פראַגע ריין טעאָרע־טיש: איז עס דער גורל פון די גלות־יידן נישט צו האָבן מער ווי צוויי ברירות, נישט מער ווי איין אויסוואַל צווישן די צוויי מעגלעכקייטן? די וואָס זענען ישראל־צענטרירטע — אין רעליגיעזער, אינטעלעקטועלער און סענטימענטאַלער הינזיכט, וועלן זיך באַזעצן אין ישראל און ווערן ישרא־לים, און די, וואָס גלויבן נישט אין יידישן פאָלק, וועלן ווערן בלויז בירגער פון זייערע לענדער, דאָס הייסט: פולשטענדיקע גויים מיט אַ ביסל יידישער טעאָלאָגיע און סימפּאַטיעס פאַר דער מדינה. און צווישן די צוויי טיילן וועט נישט זיין די מינדסטע שייכות.

אָבער אין 1967 איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע ערד־ציטערניש. אַלץ איז אָפּגעפרעגט געוואָרן. די גאַנץ אויבערפלעכלעכע סימפּאַטיע צו ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער, ברייטער, ליידנשאַפטלעכע פאַרבינדונג, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט, בתוכם אויך פרידמאַנען, אַזוי ווי קיינער האָט זיך פריער נישט געקענט פאָרשטעלן. באַזונדערס איז דאָס געווען אַ שאָק פאַר אַסימילירטע און מאַרגינאַלע יידן. ווי אַזוי דערקלערט מען דאָס אַלץ? פרידמאַן איז נאָך אַלץ נישט גרייט אָנצונעמען די ציוניסטישע טעזע, אַז די זעקסטאָגיקע מלחמה איז נישט געווען קיין „שאָק", נאָר אַ ווידער־אַנטפּלעקונג, אַ צוריקקער פון די, וואָס האָבן בלויז שיינבאַר אויסגעזען ווי פאַרלוירענע פאַרן יידישן פאָלק. אין געוויסע היסטאָרישע קאָניונקטורן קומען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך די אייביקע יידישע אימפּולסן און לעכצונגען, וואָס זענען אונטערגעדריקט געוואָרן דורך סאָציאַלע באַריערעס פון באַקוועמער צופּאַסונג.

אָט דער גלויבן אין נצח ישראל איז פאַר פרידמאַנען צו מיסטיש. לויט זיין מיינונג איז דאָ געקומען צום אויסדרוק די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון יידן מער ווי זייער עלנטקייט (אין ענגליש: אינטערדעפּענדענס און סימילאַריטי), דער „ישראל ערבים זה לזה" אין זיין היסטאָרישן, ממש פּאַטאַלן זין. אין די לעצטע 30 יאָר האָבן קאָלאָסאַלע פּאַסירונגען באַ־איינפלוסט „די עקזיסטענציאַלע לאַגע און די פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען פון די יידן אין גלות און האָבן געשטעלט אונטער אַ פראַגצייכן דעם פּראָ־צעס און די סטאַביליטעט פון דער אַסימילאַציע". פון איין זייט איז עס געווען אוישוויץ — פאַר דער מאַסע — צייטווייליק און אויבערפלעכלעך,

פאַר יחידים — פערמאַנענט און טיף. פון דער אַנדערער זייט — „דאָס אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה, וואָס האָט אַ פאַרשיידענע משמעות פאַר יידן אין גלות אָפּהענגיק פון זייער סאָציאַלן און פּראָפעסיאָנעלן מעמד, פון זייער וויטאַליטעט, טראַדיציעס, דער קוואַליטעט און דויער פון זייערע קאָנטאַקטן מיט ישראל". אַפילו אַסימילירטע יידן קענען צו דער מדינה נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק, קענען נישט אויסמיידן דאָס געפיל פון גורלדיקער צווישן־שייכות מיט איר און דורך איר מיטן „גורל פון אַלע די וואָס ווערן באַטראַכט דורך דער וועלט ווי יורשים פון דער מינדערהייט וואָס האָט מיט 20 יאָרהונדערטער צוריק זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען ישוע ווי אַ משיח".

אָט אָ די לאַטענטע פּראָצעסן זענען אין דער זעקסטאָגיקער מלחמה פאַרברייטערט געוואָרן. זיי האָבן אויך אויפגעטרייסלט דעם סימעטריש צוזאַמענגעשטעלטן טעאָרעטישן בנין פון פרידמאַנען. איצט האָט דער מחבר דעם אינטעלעקטועלן מוט זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות און באַווייזט, אַז ער איז געטרייער דעם אמת ווי זיין אייגענער מיינונג. לאָמיר אים ציטירן:

„איך וואָלט היינט זיך נישט אַרויסגעזאָגט — ווי אין 1965 — וועגן דעם פּראָבלעם פון די באַשלוסן וואָס ס'דאַרפן אָננעמען די יידן פון די תפוצות וואָס שייך דעם אויסוואַל צווישן צוויי אַלטערנאַטיוועס פון אַסימילאַציע". און ער איז מודה, אַז אויך פאַרן יאָר 1967 איז די לאַגע פון די יידן אין די גלות־לענדער געווען אַ סך אַ קאָמפּליצירטערע ווי ער האָט זי געשילדערט. ער גיט אויך צו, אַז ער האָט אונטערגעשעצט די דויערהאַפטיקייט פון די יידישע קולטור־שטריכן און די ראָל וואָס זיי שפּילן אינעם אויפהאַלטן דעם יידישן זעלבסטבאַוווסטזיין, אַז ס'קומט אַ מאָמענט ווען זיי אַנטפּלעקן זיך אינעם אויפברויז פונעם געפיל פון יידישער סאָלידאַריטעט און אַז מ'דאַרף פאַרשטיין די היינטצייטיקע יידן ווי אַ פּראָדוקט פון דער געשיכטע, בשותפותדיקער גורל, ליידנשאַפטלעכער בונד מיט ישראל, קולטור־אייגנאַרט — וואָס איז עס, אויב נישט יידיש פאָלק, וואָס נישט נאָר וואָס עס גייט נישט שטאַרבן, נאָר וואָס הויבט ערשט אָן אַ פרישן צאַפּלדיקן בראשית!

באַגריסן מיר די נייע ווענדונג אין פרידמאַנס אָנשויונגען און ס'ווילט

זיך האָפן, אַז ס'איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר אים אַליין, נייערט אויך פאַר אַנדערע אָפּגעפרעמדטע אינטעלעקטואַלן. מיר קענען זיך פון דעסטוועגן נישט אָפּהאַלטן פון מאַכן עטלעכע קורצע ראַנד־באַמערקונגען:

1. ס'זעט אונדז אויס אויסטערליש, וואָס אין אַן עסיי פאַרעפנטלעכט אין 1971 דערמאָנט נישט פרידמאַן מיט קיין איין וואָרט דאָס סאָוויעטישע יידנטום. דאָס יידישע פאָלק באַשטייט נישט בלויז פון ישראל און די מערב־תפוצות. ווען מ'רעדט וועגן די געשיכטלעכע פערספעקטיוון פון יידישן פאָלק, ווי אַזוי קען מען אויסמיידן די קרוב דריי מיליאָן יידן אין מזרח־אייראָפּע? דערביי איז עס מער ווי אַן ענין פון כמות. אין ראַטנפאַרבאַנד קומט צום אויסדרוק, מער ווי אומעטום, די הערויִק פון קאַמף פאַר יידישן קיום, דער באַנקראָט פון דער אויפגעצוווּנגענער און פרייוויליקער אַסימילאַציע ווי אויך דער פּלאַץ פון ישראל, דער כמעט מיסטישער פאַר־בלייב פון יידישער טריישאַפט נאָך צענדליקער יאָרן איזאָלאַציע מאונס.

2. ס'זעט אויס אַז דער אונטערשייד צווישן ענלעכקייט און קעגנ־זייטיקער אָפּהענגיקייט איז אַ ריין קינסטלעכער. קיינער צווינגט נישט דעם גוט באַקאַנטן אינטעלעקטואַל, ראַציאָנאַליסט און פולשטענדיק אַסימי־לירטן יידן זיך צו פילן נענטער קולטורעל צום יידן פון דרום־מאַראָקאָ ווי צום פראַנצויזישן אַנטיסעמיט. יידן זענען קיין מאָל נישט געווען קיין אַבסאָלוט מאָנאָליטישע גרופּע אין קולטורעל־עטנישן און אוודאי נישט אין געאָגראַפישע זינען. דאָס וואָס האָט זיי פאַרבונדן איז די געשיכטע, אין וועלכער דער געמיינזאַמער גורל האָט געשפּילט אַ גרויסע, כאָטש נישט די איינציקע ראָל. די „ענלעכקייט אין גורל" איז אויך אפשר אַפילו די שטאַרקסטע ענלעכקייט. און צום סוף:

3. קיינער וויל חלילה נישט פאַרמינערן אויף אַ האָר די ווירקונג פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה, סיי אויף ישראל, סיי אויף די יידן אין דער וועלט. דאָס איז איינער פון די פּייערזיילן אין אונדזער געשיכטע און פון די גרויסע אַקטן אין דער וועלט־געשיכטע ס'איז אוממעגלעך מגזם צו זיין אירע פּאָליטישע, גייסטיקע, רעליגיעזע און פסיכאָלאָגישע רעזולטאַטן.

פון דעסטוועגן זעט אונדז אויס, אַז איינטיילן די יידישע מאָדערנע געשיכטע אין פאַר און נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז היפּשלעך איבערטריבן. אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען אין און גלייך נאָך דער זעקס־

טאָגיקער מלחמה, איז שוין געווען פון פריער. ס׳איז אין איר נישטאָ קיין איין נייער עלעמענט. אַלץ וואָס האָט ביז דאַן געשלומערט האָט זיך אַרויסגעשלאָגן מיט אַ ווולקאַנישער סטיכיע: סיי די גבורה, סיי די סכנות פון אַ נייעם חורבן, סיי די יידישע אחדות און סיי די פרעמדקייט פון דער וועלט.

אָבער מיר וועלן זיך וועגן דעם נישט אַמפּערן. אויב עמעצער וויל דווקא צושרייבן זיין ניי דעראָבערטן אָפּטימיזם דער זעקסטאָגיקער מלחמה, זאָל עס אים ווויל באַקומען. ס׳איז זיכער אַ גרויסער און העראָישער שליאַך, וואָס פירט צוריק צו זיך אַהיים.

1971

זענען יידן געוואָרן אַ קאַנסערוואַטיוו פאָלק?

א

די פראַגע זעט אויס משונהדיק, ווען מ׳ווענדט זי אָן אויף אַ גאַנץ פאָלק אָדער לאַנד. ס׳זענען נישטאָ קיין „קאָנסערוואַטיווע" און „פּראָגרע־סיווע" נאַציעס פונקט ווי ס׳זענען נישט פאַראַן קיין קלוגע אָדער נאַרישע, ריטערלעכע און וווּלגאַרע אָדער מיליטעריסטישע נאַציעס. ס׳איז אַ וווּל־גאַרע פאַראַלגעמיינערונג, וואָס קיין שום בר־דעת קען עס נישט אָננע־מען. אין יעדער מדינה, געזעלשאַפט, אָדער עטנישער גרופּע זענען דאָ: לינקע און רעכטע, רעאַקציאָנערן און רעוואָלוציאָנערן, פּונקט ווי ס׳גע־פינען זיך ביי זיי בלאָנדע אָדער שוואַרצע, קלוגע און שוטים גמורים. אָבער ווייזט אויס, אַז אויף יידן זענען נישט חל די עלעמענטאַרסטע כללים פון דענקען. די טויזנטיאָריקע געוווינהייט האָט אויסגעלערנט די וועלט צו באַצייכענען זיי ווי אַ מאָנאָליטישע מאַסע.

ס׳איז איצט אין דער מאָדע צו רעדן וועגן יידן ווי וועגן אַ קאָנסערוואַ־טיוון אויב נישט אַ רעאַקציאָנערן און זאַטן סטאַטוס־קוואָ־עלעמענט. די אַטאַקע קומט פון דריי צדדים: פון די שונאים פון ישראל, פון די אינטע־לעקטועלע סנאָבן און פון סתם אַנטיסעמיטן. און ווי שטענדיק העלפן אחינו בני ישראל מיט אין אָט דער מלאכה: יידישע אינטעלעקטואַלן מיט אַ כראָנישן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, יידישע אַקטיוויסטן און פּי־רערס פון דעם „נייעם לינקס" און אַנדערע פּראָטעסט־באַוועגונגען, זעלבסט־האַסערישע פּובליציסטן און דענקערס ווי אויך מיזאַנטראָפּישע שרייבערס און קינסטלערס.

ב

קודם כל וועגן ישראל. די באַשולדיקונג איז אַ טאָפּלטע: ראשית, אַז זי ווערט געשטיצט דורך אימפּעריאַליסטישע און רעאַקציאָנערע כוחות און קאָאָפּערירט מיט זיי בעת די גאַנצע ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע וועלט איז קעגן איר. צווייטנס — זי אַליין, ד. ה. ישראל גופא איז מיליטאַריסטיש, איז אַ קאָלאָניאַליסטישער פּאָרפּאָסטן, אַ ראַסיסטישע און קלעריקאַל־פאַנאַטישע געזעלשאַפט.

ס'ווערט, וואָס אַן אמת, שווערער פון טאָג צו טאָג אויפצודעקן און באַקעמפן אָט דעם שוין כמעט קאָנווענציאָנעל געוואָרענעם שקר. ס'איז שוין איבערדריסיק אויפצוקלערן די איגנאָראַנטן, צו ענדערן דעם אימאַזש, וואָס איז זיי געלונגען צו שאַפן וועגן אונדז. מ'האָט דאָ צו טאָן מיט פאַנאַטיקערס, וועמען ס'איז שווער זיך צו שיידן פון דער באַקוועמער און סימפּליסטישער שוואַרץ־און־ווייס צעטיילונג אין דער וועלט, ווו זיי האָבן אונדז דעפיניטיוו קאַטאַלאָגירט. דערביי האָט דער איצטיקער דור־הפלגה היפּשלעך צעמישט די סעמאַנטיק. די עצם צעטיילונג אויף „רעכט און לינק", „סאָציאַליסטיש און קאַפּיטאַליסטיש" האָט זיך איבערגעלעבט און איז האָפנונגסלאָז פאַרקריפּלט. איז די האַנדלונג פון אַמעריקע אין סאַן־דאָמינגאָ אָדער אין וויעטנאַם — אימפּעריאַליזם און די אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע — אַ סאָלידאַריטעט־אַקציע פון סאָציאַליזם? אָדער איז די וואַנדאַלישע מאָאָ־קאַמפּאַניע געוואָרן אַ „קולטור־רעוואָלוציע"?

מ'קען אַפילו נישט האָפן, אַז אונדזערע קעגנערס זאָלן בנוגע אונדז געדענקען דעם פּשוטן מענטשלעכן כלל, אַז אין אַ מלחמה און בפרט אין אַזאַ ווי אונדזערע — קען מען נישט זיין איבערקלייבעריש אין פאַרביַנדעטע. ווען אונדזערע שונאים האָבן ממש אַ ים פון געשענקטן געווער, דאַרפן מיר זוכן די נויטיקע כלים ווו נאָר מ'קען זיי קריגן. האָט זיך וועלכעס איז פאָלק אַנדערש נוהג געוועזן? האַלט נישט אָן, למשל, סאָוויעט־רוסלאַנד די בעסטע באַציונגען מיט די סאַמע רעאַקציאָנערסטע און קאָמוניסטן־פרעסערישע לענדער, ווען דאָס ליגט נאָר אין אירע מלוכה־אינטערעסן? אָבער, ווי געזאָגט, איז אַזאַ פאַרשטענדעניש צו שווער צו דערוואַרטן. בנוגע צו אונדז קומט מען מיט די אַבסאָלוטסטע פאָדערונ־

געץ: מיר דאַרפן זיין פּערפעקט און אָן „דעם מינדסטן פלעק". כ'האָב מורא, אַז דאָס איז נישט צוליב דעם, וואָס זיי האַלטן אונדז פאַר צדיקים אין וועלכע מ'איז מדקדק כחוט השערה...

אָבער ווען אַפילו מיר זאָלן אָנווענדן די קאָנווענציאָנעלע און באַנאַלע צעטיילונג, זעען אויך דעמאָלט אויס די זאַכן אַ סך אַנדערש ווי עס שטעלן זיי פאָר די אַרונטעררייסערס און פאַרלוימדערס. דערווייל — טראָץ אַלע ספיקות און אַפּווייכונגען — איז נאָך די גרויסע, טרייע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג מיט אירע צענדליקער מיליאָנען אויף דער זייט פון דער הסתדרות און דער מדינה. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין זיין איבערוויגנדיקער מערהייט האָט זיך כסדר אָפן סאָלידאַריזירט מיט ישראלס פּאָזיציע און פּאָליטיק און טוט עס נאָך ווייטער.

וועלכע טענות מיר זאָלן נישט האָבן צו דער לייבאָר־רעגירונג אין ענגלאַנד, קען מען זי אָבער זיכער נישט אַריינשטעלן אין דער קאַטעגאָריע פון ביטערע אָפּאָנענטן און שונאים פון דער מדינה. דאָס זעלבע און פיל מער קען געזאָגט ווערן וועגן דער מערב־דייטשישער רעגירונג. דאָס זעלבע וועגן די בענעלוקס־מדינות, די סקאַנדינאַווישע לענדער, קאָמענוועלט־רעגירונגען און פעלקער א. אז. וו. אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטייט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג במשך צענדליקער יאָרן צוזאַמען מיט אונדז אין אַלע אונדזערע קריזיסן, געראַנגלען און קאַמפן. פאַר טויזנטער און טויזנטער נישט־יידישע יוגנטלעכע איז ישראל אַ מעכטיקער צענטער פון אינספּיראַציע און פאַר עולה־רגל זיין.

מיר האָבן דאָ געבראַכט צופעליק אַרויסגענומענעביישפילן, און די רשימה איז אַ לאַנגע.

וואָס שייך ישראל גופא, דאַרף מען איבערחזרן זאַכן, וואָס יעדער דרדקי־מלמד קען לערנען מיט זיינע תלמידים: קען אַ לאַנד, ווו די מערהייט פון פאָלק געהערט צו אַ פאַראייניקטער, פרייוויליק־געשאַפענער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, ווו דער באָדן און כמעט אַלע זיינע נאַטירלעכע רייכטימער געהערן צו דער געזעלשאַפט, ווו די לאַנדווירטשאַפט איז אַ קאָאָפּעראַטיווע אָדער אַ סאָציאַליסטישע, אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט דעם קבוץ און דעם מושב; ווו די שליסל־אינדוסטריעס זענען אין די הענט פון דער מדינה אָדער הסתדרות; ווו די אַרבעטער־פּאַרטייען זענען אַ

פּאָליטישע מערהייט — קען אַזאַ לאַנד באַטראַכט ווערן ווי קאַפּיטאַליסטיש און רעאַקציאָנער? קען אַ פאָלק, וואָס אַזוי זעט אויס זיין היימלאַנד, אָדער לכל הפּחות — זיין נאַציאָנאַלער און גייסטיקער צענטער, וועלכער איז די קווינטעסענץ פון זיינע שטרעבונגען און אידעאַלן, כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס קאָנסערוואַטיוו און רעגרעסיוו? איז עס אַ ריינער צופאַל, וואָס אַזוי האָט זיך קריסטאַליזירט די יידישע מדינה, אַ ריין היסטאָרישער צופאַל, אָדער איז די מדינה אַן אָפּבילד פונעם פאָלק אַליין און פליישׁ פון זיין פליישׁ?

ג.

און דאָ קומען מיר צו דער באַליבטער טעאָריע, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורך יידן אַליין. מיר זענען, אַזוי צו זאָגן, אַוועק פונעם נאַציאָנאַלן דרך־הישר, אַראָפּ פון אונדזערע געשיכטלעכע רעלסן, אַמאָל זענען מיר געווען רעוואָלוציאָנער, „וועלט־רעטעריש", די בונטאַרן קעגן סטאַטוס־קוואָ, די פאַקלטרעגערס פון רעוואָלט, אָפּאָזיציע און אַרויסרוף. היינט, אָבער, זענען מיר געוואָרן די הויפּט־געניסערס און די פאַרטיידיקערס פונעם סטאַטוס־קוואָ, וואָס האָבן מורא פאַר יעדער ווענדונג, ענדערונג און באַנייונג. מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער „יחוס"־באַזונדערקייט (די מיסיע אין אַלע אירע גלגולים) צווישן פעלקער. נישט נאָר זענען מיר געוואָרן ענלעך צו אַנדערע, נאָר אַפילו אַ סך ערגער.

ס'איז אונדז, נעבעך, געשען אַן אומגליק: יידן האָבן זיך אין די לעצטע צענדליקער יאָרן שטאַרק אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש, סאָציאַל און פּאָליטיש. זיי פאַרנעמען גאָר וויכטיקע און אַפילו שליסל־פּאָזיציעס אין דער ווירטשאַפט, זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף גאָר הויכע שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער, זיי פאַרנעמען די מזרח־וואַנט אין די פרייע פּראָפעסיעס, וואָס אין אונדזערע צייטן מיינט דאָס פאַרמעגן און סטאַטוס, זיי האָבן אַ גרויסע השפעה אויף דער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע; זיי זענען פּאָליטיש רירעוודיק און אַקטיוו; זיי זענען די פּיאָנערן פון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע און פון אַטאָמישן פּראָגרעס; יידישע שרייבערס, פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלערס זענען באַרימט און רעספּעקטירט.

אַט דעם חטא פון דער הצלחה קען מען אונדז נישט מוחל זיין. עס קומט אויס, אַז רק מיר דאַרפן זיך פאַרענטפערן און אַנטשולדיקן, פאַר וואָס מיר זענען נישט פאַרבליבן אָרעם און אָפּגעשטאַנען, נאָר געהאַט די חוצפה אַרויפצוגיין אויפן דרך המלך פון אונדזער תקופה.

ס׳איז אונטער אונדזער כבוד נעמען און באַווייזן, אַז יידן אין אַמע־ריקע, מערב־אייראָפּע (און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין ראַטנפאַרבאַנד) האָבן, כמעט אין אַלע פאַלן, דאָס דערגרייכט נאָר אַ דאַנק זייער פלייס, איניציאַטיוו, אינטעליגענץ. דאָס איז אַ פּועל יוצא פון די דערפאַרונגען פונעם יידישן מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין וואַכזאַם און בריהדיק, ווו אָפענער מוח האָט קאָמפּענסירט גומערישע שוואַכקייט און פּאָליטישע אומזיכערקייט.

ס׳פעלט מיר גאַרנישט איין צו פאַרענטפערן זיך, פאַר וואָס 50 פּראָ־צענט פון יידן האָבן אַקאַדעמישע בילדונג, פאַר וואָס מיר האָבן טויזנטער וויסנשאַפטלייט, פאַר וואָס מיר האָבן נאָבעל־פּרייזן געווינערס, פאַר וואָס מיר זענען שליסל־מענטשן און ס׳איז נאָך אַלץ שווער אָן זיי זיך צו באַ־גיין אַפילו אין סאָוויעט־רוסלאַנד. צי האָבן מיר דאָס חלילה דערגרייכט דורך פּראָטעקציע, פאַוואָריטיזם, כיטרעקייט ? אָדער גאָר צוליב פעיקייטן, אַרבעט און פלייס ?

ס׳איז אויך נישט שווער צו באַווייזן, אַז פון דעסטוועגן איז די גע־שיכטע וועגן יידישער גגידות נישקשהדיק פונאַנדערגעבלאָזן און איבער־געטריבן און אַז מיר זענען נישט אַזוי גרויס ווי מיר זענען „גרויס אין די אויגן”. ווער עס גיט זיך נאָר אַביסל די מי, קען לייכט אויסגעפינען וועגן די מיליאָנען יידישע „קליינע מענטשעלעך”, וועגן הונדערטער טויזנ־טער, וועלכע געניסן פון אונטערשטיצונג פון „דזשאָינט” און גרויסע צאָלן וואָס לעבן אין דחקות און אין נויט, אַז אויך אין גלות זענען מיר פאַרבליבן דער ליבעראַלסטער און פּראָגרעסיווסטער עלעמענט, און אינטע־לעקטועל — דער אומרויִקסטער, זוכערישער און נישט קאָנפאָרמיסטישער טייל פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז ריכטיק פאַר אַלע רעזשימען, אונ־טער אַלע באַדינגונגען פון לעבן.

קודם כל דאַרף מען „באַרויִקן” די, וואָס קלאָגן, אַז מיר זענען אַריינ־געפאַלן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט, אַז נישט נאָר מיר ווערן טאָלע־

רירט, נאָר אַפילו געקעכלט דורך די שוואַרץ־מאהניקעס און רעאַקציאָנערן אין פאַרשידענע לענדער. דאָס שטימט פשוט נישט מיט דערווירקלעכ־קייט! די עקסטרעם רעכטע רעאַקציאָנער־רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטי־שע כוחות האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּילן זייער היסטאָרישע ראָל פון יידן־האַסערס. זיי זענען נאָך אַלץ אין אונדז די פאַרקערפּערונג פון אַלץ וואָס זיי האַסן.

אָט בלויז אַ פּאָר קאַפּיטלען פון דער פינצטערער כראָניק פון די לעצטע חדשים:

אין צפון־אַמעריקע — אַ קאָנגרעס פון 123 דעלעגאַטן פון 28 שטאַטן, וועלכע האָבן דערקלערט אַ מלחמה דעם ליבעראַלן, מאַטעריאַליסטישן, יידישן רעזשים, וואָס איז דעקאַדענטיש און אומהיילבאַר;

אין איטאַליע — אַ נייע איבערזעצונג פון „מיין קאַמף" מיט אַ לויב־געזאַנג פאַר היטלערן;

אין אַרגענטינע — פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע גוואַלט־אינצידענטן; אין דרום־אַפריקע, אין די לעצטע וואָכן, פּירט די אָפּגעשפּאָלטענע פּאַרטיי פון ד"ר הערצאָג אַן אַנטיסעמיטישע וואַל־קאַמפּאַניע (צום גליק מיט אַ גרויסן דורכפאַל); אין מערב־דייטשלאַנד — די נ. ד. פּ. און די „סאָלדאַטן־צייטונג"; אין דרום־אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער זענען פאַרבליבן שטאַרקע ווידערשטאַנד־גרופּעס קעגן די אייקומענישע ווינטן אין דער קאַטוילישער קירך און קעגן יעדער פאַרשטענדעניש מיטן „מערדער־פאָלק" א. אז. וו. א. אז. וו.

דער פאַקט וואָס דער שווערפּונקט פון אַנטיסעמיטיזם (אונטערן מאַנטל פון אַנטי־ישראל) האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו דעם אַזוי געררופענעם אַלטן און נייעם לינקן לאַגער דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ טראַגישער צו־פאַל, ווי אַן אומגליקלעכער צוזאַמענטרעף פון פאַסירונגען און נישט ווי אַן אָרגאַנישער ענין.

אָבער, צוריקגייענדיק צו אונדז אַליין:

אַז מ'וויל, קען מען אויך טענהן, אַז אין אונדזער גאַנצן פינאַנסיעלן כוח ליגט גרויסע קאָלעקטיווע נאַציאָנאַלע שוואַכקייט, און מיר זענען נאָך אַלץ אומסטאַביל. יעדער שטורעם קען אונדז אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען.

אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערע טעמע, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט דעם איצט באַהאַנדלטן ענין.

ד

די וויכטיקסטע פראַגע איז: וויפל איז דאָ אמת אין דער טענה, אַז מיר זענען געוואָרן אַן אַנדער פאָלק, אַז מיר זענען „וישמן ישורון ויבעט", אַז מיר זענען די טרייע לאָיאַלע אָפּהיטערס פון די עקזיסטירנדיקע רעזשי־מען, דער סימבאָל פון „עסטאַבלישמענט"?

קען מען נישט און מען דאַרף נישט פאַרלייקענען די גרויסע השפעה פון אַזאַ ווירטשאַפטלעכן אויפשוווּנג אויף דער פּאָליטישער אָריענטאַציע, אויף דער אידעאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג. פון דעסט־וועגן וואַגן מיר צו זאָגן, אַז די יידן, אין זייער גרעסטער מערהייט געפינען זיך נאָך אַלץ אויף דער זייט פון די געקריוודעטע גרופּעס אָדער מינדער־הייטן, און אין קאַמף פאַר אינדיווידועלער אָדער גרופּן־פרייהייט, פאַר פאַרגעשריטענער געזעצגעבונג, אָפט מאָל אויפן חשבון פון זייערע באַל־דיקע אָדער ווייטגייענדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אין אייראָפּע איז דער אָנטייל פון די יידן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך אַלץ אַן אימפּאָזאַנטער. די צאָל, למשל, פון 35 יידישע לייבאָר־דעפּוטאַטן אין ענגלאַנד איז ווייט נישט קיין צופאַל; אין פראַנקרייך איז דער יידישער ישוב (נישט נאָר צוליב ישראל און צוליב דעם דאָרטיקן נעאָ־אַנטיסעמיטיזם) אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע צום גאָליזם און מיט דער רעפּובליקאַנער אָפּאָזיציע פון אַלע שאַטירונגען. צווישן די סאָציאַליס־טישע און ראַדיקאַלע פירערס גלאַנצן די נעמען פון יידישע אינטעלעק־טואַלן, היסטאָריקערס, פילאָזאָפן, עסייאיסטן, א. אנד.

אין אַמעריקע — איז עס כמעט אַ כלל גדול, אַז יידן שטימען פאַר דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פאַר ליבעראַלע קאַנדידאַטן אין די וואַלן צו די „סטייטס" און מוניציפּאַליטעטן, זיי זענען די טראַדיציאָנעלע קעמ־פערס פאַר אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מדינה, קעגן פאַראורטיילן אין מאַק־קאַרטיזם אין אַלע זיינע אויסדרוקן, פאַר העכערן לוין, פאַר קראַנקייט־פאַרזיכערונג, פאַר אויסגעברייטערטער זאָרג פאַר קראַנקע. יידן קעמפן

פאַר די רעכט פון די שוואַרצע, קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם א. אז. וו. די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע טעמפּלען נעמען אַלץ מער אָנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און מ׳געפינט זייערע ראַבאַיס צווישן די אָפּאָזיציאָנעלע און אַפילו רעוואָלוציאָנערע גרופּעס און שיכטן. דער נאָמען „ניו־יאָרקער יידישע אינטעלעקטואַלן" איז געוואָרן אַ סינאָנים פון ראַדיקאַליזם, פון בייסנדיקער קריטיק פון עקזיסטירנדיקן און אָנגע־נומענעם, פון אַרונטעררייסן אָן רחמנות אַלע פאַרעלטערטע און אָפּגע־שטאַנענע סיסטעמען — יידן זענען די מעצענאַטן און פאַרשפּרייטערס פון די געוואַגטסטע, אַוואַנגאַרדיסטישע פאָרמען פון קונסט.

און אויב מ׳ברייטערט אויס די באַגריפן און מ׳טראַגט זיי אַריבער אויף די קאָמוניסטישע רעזשימען, וועלכע רופן זיך סגי־נהורדיק סאָציאַ־ליסטישע און דעמאָקראַטישע, צי זענען דאָ נישט יידן דער ליבעראַלער, אָפּאָזיציאָנעלער עלעמענט? געפינען זיי זיך דען נישט אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון די פּראָטעסטירערס און רעפאָרמערס? זענען דען נישטאָ קיין יידישע נעמען צווישן די בראַווע דעמאָנסטראַנטן? צי איז עס סתם אַ צופאַל? אוודאי שפּילן דער נאַציאָנאַלער עלעמענט, די ליבע צו ישראל און דער אָפּווער קעגן צוואַנג־אַסימילאַציע זייער גרויסע ראָל. אָבער, צי שעפּט עס אויס אַלץ, אָדער איז עס דער יידישער בונט קעגן טיראַניע אין אַלע פאָרמען? די יידן זענען, אין אַ געוויסער מאָס, די „ניי־לינקע" פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

אָבער, לאָמיר גיין אַפילו ווייטער: די „נייע לינקע" באַוועגונג בכבודה ובעצמה, מיט אַלע אירע יתרו־נעמען און אומצאָליקע שאַטירונגען, אָט די מחנה פון טאָטאַלע פאַרלייקענערס פון אונדזער ציוויליזאַציע, ווערט זי נישט, אין אַ גרויסער מאָס, אינספּירירט דורך יידישע אַקאַדעמיקערס און אַקטיוויסטן, סטודענטן, שרייבערס און פּובליציסטן? צי מיר זענען פון דעם גליקלעך אָדער נישט, איז אַן אַנדער זאַך. מ׳קען אָבער נישט פאַר־לייקענען דעם פאַקט, אַז זייער פּראָצענט ביי יידישע סטודענטן איז העכער ווי ביי וועלכער עס איז נישט אַנדערער עטנישער גרופּע אין דער וועלט. אין צפון־און־לאַטיין־אַמעריקע, אין אייראָפּע און אין די לענדער פון בריטישן קאָמענוועלט „קערן זיי וועלטן". זיי האָבן צוגעשטעלט די פירערס, די ענטוזיאַסטישע באַריקאַדן־אויפשטעלערס אין פראַנקרייך; די

„מאַראַטאַריומס״ און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אין אַמעריקע זיי גיבן אויך די גרעסטע צאָל קרבנות. אַז די יונגע יידישע דורות זענען קאָנסער־וואַטיוו איז פּונקט אַזוי אמת ווי אמת עס איז, אַז נאַסער איז סאָציאַליסטיש, אָדער אַז גאָמולקאַ איז אַ פּאָלקס־דעמאָקראַט. אגב, נישט ווייניק יידישע זעלבסט־שנאה איז דאָ אין די ווערק פון אַ סך גרויסע יידישע שרייבערס, וואָס מעכטיקער זייער טאַלאַנט, אַלץ צעשטערערישער זייער איינפלוס, מיר מיינען די סעלאָוס, די ראָטס און אַנדערע, ביי וועמען די יידישע געמיינדע איז כולו חייב, איז די פּערסאָניפיקאַציע פון וווּלגאַרער עולם־הזהדיקייט, טעמפּער קליינשטעטלדיקייט, עגאָיזם א. אז. וו. און דוכט זיך, אַז ביי אונדזערע ייִנגערע „ניי לינקע״ איז דאָ אַ ביסל מער אייפער אין דער טאָטאַלער פאַרלייקענונג פון זייער סביבה, מער זלזול צו זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זיי געגעבן „דאָס טעלערל פון הימל״. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער טעמע.

ווי געזאָגט אין אָנהויב פונעם אַרטיקל: די עצם קלאַסיפיקאַציע פון אַ גאַנץ פאָלק מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע טערמינען איז אַן אומזין. אויב עס האַנדלט זיך וועגן יידישע מענטשן און יחידים ווי ישראלים און בירגער פון פאַרשידענע לענדער קען מען נישט איבערטרייבנדיק זאָגן: אויך אין אונדזער אכזריותדיקער וועלט, טראָץ אַלע אַנטוישונגען און איינ־זאַמקייט און אין סאַמע ביטערן געראַנגל פאַרן עצם קיום האָבן זיך יידן נאָך אַלץ נישט מיאש געווען! זיי גלויבן נאָך אַלץ אין אַ בעסערער וועלט און קענען נישט פאַרטראָגן קיין עוולות. זיי זענען נאָך אַלץ די „כוחות פון מאָרגן״!

1970

רעפלעקסן אין אָנבליק פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט

מאָדנע וואָס געוויסע יידישע פירערס און וואָרטזאָגערס טוען אַלץ כדי אַרונטערצורייסן די חשיבות פון אידעאָלאָגיע, פון דאָקטרינעס און באַשטענדיקע אידעען, פון פרינציפּן און ווערטן, — דאָס אַלץ וואָס מ׳יר פלעגן אַמאָל רופן „וועלט־אַנשויונג״. מ׳אידענטיפיצירט היינטצייטיקייט און פּראַקטישקייט מיט פּראַגמאַטיזם, וואָס גרענעצט זיך מיט אידעען־לאָזיקייט. מ׳וואַרפט אָפּ יעדע פאָרם פון העכערער אויטאָריטעט פאַר אָפּשאַצן, באַלויכטן, קאָרעגירן דעם טאָג־טעגלעכן אויפטו. אָט די שטע־לונגען און איינשטעלונגען זענען פאַלש שוין פון יידישן שטאַנדפּונקט אַליין.

אונדזער קיום אין גלות איז מעגלעך נאָר מיטן כוח פון אידעאָלאָגיע, פון דעם געפיל פון באַזונדערקייט, פונעם טעם און ציל פון דער אייגנקייט און אייגנאַרט, פון דעם ציל און בייטראָג צו דער וועלט. אונדזער זיין זעט אויס ווי אַן אינערציע, ווי אַ געוווינהייט, אָבער הינטער דעם ליגט אַ מאָטיוואַציע, אַ צוליב וואָס. פאַר וואָס, למשל, זעצט פאַר, דער יידישער ישוב אין אַמעריקע, וועלכער האָט דערגרייכט פולע בירגערלעכע גלייכ־קייט און אַן אומגעהויערן סטאַטוס און זעט אָפּט אויס ווי די פאַרקער־פערונג פון אַמעריקאַניזם, אַזוי עקשנותדיק זיין באַזונדערן קיום אויב נישט צוליבן געפיל, אַז די באַזונדערקייט האָט אַ ווערט און אַ זין, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער אַן אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונג?

איז דען פאַראַן אַן אַנדער וועג צוצוקומען צו דעם פאַרבאַהאַלטענעם אוצר, צו דער אַמעריקאַנישער יידישער יוגנט, ווי מיטן כוח און צויבער פון יידישער אַנדערשקייט? און פאַר וואָס נאָר אַמעריקע? צי קען מען דען אַנדערש באַנעמען דעם ווונדערבאַרן רענעסאַנס, אויפוואַכונג און

אומקער פון דער סאָוויעטישער יוגנט, — ווי אַ זיג פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע? און דער וואָרצל פון דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה, די ליכטיקסטע יידישע פּאַסירונג? צי שטעקט דען נישט אין דעם אידעאָלאָגיע? וואָס אונטערשיידט דעם ציוניזם פון אַנדערע באַוועגונגען, פון די גרויסע פילאַנטראָפּישע, ווילטעטיקע, האַרציקע פּראָ־ישראלדיקע אָרגאַניזאַציעס, אויב נישט זיין אידעאָלאָגיע? צי מיר ווילן עס יאָ אָדער נישט, דער סוד און די האַפענונג פון אונדזער המשך איז דער גראַנגל פון באַוווסטזיין קעגן סתם זיין.

איך וואַרף אָפּ מיט אַ געוויסער מאָס פּראָטעסט די פּאָפּולערע טעאָ־ריע, וואָס ווערט גאַנץ אָפט באַנוצט, אַז אויב מיר וועלן זיין ווי אַלע פעל־קער, אָדער בעסער געזאָגט, אַז אויב ישראל וועט זיין ווי אַלע מדינות, האָט זי נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן. מיט אַנדערע ווערטער: אָדער זי וועט זיין אַ מוסטער־געזעלשאַפט, אַ „ליכט פאַר פעלקער״, אַ מיט ווערטן אָנגעזאָפּטע, אָדער זי וועט לגמרי נישט זיין. אויפן יידישן געביט דאַרף זי „אַרויסשטראַלן״ און „באַשטראַלן״, אינספּירירן און טאָמער וועט זי זיין בשר־ודמיק נאָרמאַל — איז ווער דאַרף זי? אַזאַ צוגאַנג הערשט ביי גרויסע טיילן פון דער תפוצות־יוגנט און נישט נאָר ביי די לינק־ראַדיקאַלע. די רעכט וואָס ווערן אַנערקענט נאַטירלעך און ספּאָנטאַן יע־דער גרופּע (ווי למשל די פּאַלעסטינער, וועלכע מ׳שטעלט נישט קיין שום פאָדערונגען), ווערן אונדז געגעבן אַזוי צו זאָגן על תנאי. כ׳גלויב, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ פאַלשן סיסטעם פון באַגריפן. ס׳איז טאַקע אמת, אַז יידן זענען אַנדערש ווי אַלע פעלקער און דאָס איז אפשר די סיבה פון זייער לאַנגן און טראַגיש־העראָישן לעבן; ס׳איז אויך אמת, אַז מיר האָבן שטענדיק פאַרבונדן אונדזער נאַציאָנאַלע באַפרייונג מיט אוניווער־סאַלע אידעאַלן און דעם אויפבוי פון דער מדינה מיט גרויסע אַמביציעזע שטרעבונגען פאַר אַ סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט רעכט צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק און מדינה? איך האַלט, אַז מיר האָבן רעכט צו עקזיסטירן אומאָפּהענגיק פון די אַלמענטשלעכע שלי־חותן און וועלט־באַפרייערישע אויפגאַבן. איך האַלט, אַז אונדזער רעכט אויף ישראל איז אומאָפּהענגיק פון איר אינהאַלט און ווערטן; און אַז די יידישע מדינה, ווי אַן אויסדרוק פון סוווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט

פון אונדזער פאָלק, איז אַ ווערט פאַר זיך אַליין, אַן אַבסאָלוטער ווערט. לאָמיר עס מאַכן פּשוטער: ס'זענען פאַראַן פּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס, וואָס זענען מיר פרעמד און וועלכע איך באַקעמף. אָבער אויב זיי וועלן זיגן און הערשן אין ישראל, וועט זי אַלץ נישט אויפהערן צו זיין „מיינע", מיין היים, וועלכער כ'וועל דינען מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה; און מיטן „איך" מיין איך פאַרשטענדלעך דעם גאַנצן כלל ישראל.

ב

אויף דער זיצונג פון דער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע פון דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט פּראָפעסאָר ש. עטינגער רעפערירט וועגן דער משמעות פון הײַנטצײַטיקן ציוניזם, ווי אַ לעבע־דיקע אידעע אין די ראַדיקאַל פאַרענדערטע באַדינגונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ווי אין יעדער גרויסער היסטאָרישער באַוועגונג דאַרפן אויך אין ציוניזם האַרמאָניזירן די אין פלוג קעגנזעצלעכע עלעמענטן: דאָס טראַדיציאָנעלע יסודותדיקע דענקען און דאָס עלאַסטישע איינגלידערן זיך אין נייע סיטואַציעס פון געוואַגטע ענדערונגען און קלאַסיק. אַנאַליזירנדיק די ווערק און די געדאַנקען פון די אבות פון ציוניזם, האָט ער אַרויסגע־בראַכט דאָס „אייביק ציוניסטישע", דאָס פּערמאַנענטע, און דאָס פאַר־בייגייענדיקע, דעם פּראָדוקט פון זייער סביבה און צייט, וואָס איז נישט רעלעוואַנט פאַר אונדזער יאָרהונדערט.

אוודאי איז דאָ אַ יסוד דורכצופירן אַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער ערב־מדינה־תקופה און דעם פּעריאָד נאָך דער שואה און דעם אויפקום פון דער מדינה; צווישן דער מזרח־אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער תקו־פה אין די תפוצות.

און אָט קומט מען צום אויספיר, אַז אין קעגנזאַץ צו דער „קלאַסי־שער תקופה פון ציוניזם", וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מאַ־טעריעלער און פּאָליטישער נויט, איז געקומען די צייט פאַרן מאָדערנעם ציוניזם, וועלכער דאַרף קודם כל געבן אַ תשובה אויף די גייסטיקע יידי־שע נויטן פון אַן עמאַנציפּירטן און עקאָנאָמיש גוט סיטויִרטן גלות. אין תוך איז עס אַ נעאָ־אחד־העמיזם. אין אָט דער צעטיילונג איז דאָ אַ סך,

אָבער נישט דער גאַנצער אמת. ערשטנס, זענען אויך אין דער „יידן־נויט״־עפּאָכע געווען נישט ווייניק גייסטיקע, וואָלונטאַרע עלעמענטן, און די שטרעבונג צו אַ שלימותדיקן יידישן לעבן. אין תוך איז עליה קיין מאָל נישט געווען בלויז רעטונג־אַקציע און סטיכישע עמיגראַציע אינעם באַראָ־כאָוויסטישן זין פון וואָרט.

אויך אין אונדזער צייט זענען פאַראַן אויסדרוקן פון דער קלאַסישער ווירקלעכקייט אין וועלכער די טעאָרעטיקער פון ציוניזם האָבן געלעבט און געווירקט.

מ׳פאַרגעסט אַז די ווירקלעכקייט אין גלות איז נישט כולו סטאַטיק, און אַז „רויִקע״ גלותן קענען מאָרגן ווערן די אַרענע פאַר אַ גרויס־צוגיקער מאַסן־עליה. דער דרום־אַפריקאַנער יידישער ישוב, למשל, קען חלילה מאָרגן שטיין פאַרן פּראָבלעם פון רעטונג, כאָטש היינט איז ער נאָך איינער פון די איינגעוואָרצלטסטע, פיזיש,באַקוועמסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. און ווער זאָגט עס, אַז די דרום־אַמעריקאַנער יידישע ישובים טראָגן נישט אין זיך אָט די דאָזיקע סכנות? דערפאַר וואָס מיר און די דאָרטיקע יידן זענען נישט פעיִק זיי אַנטקעגנצוקומען מיט אַ גרויסצוגיקער ציוניסטישער תשובה איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַר אַנט־לויפן פון דער ווירקלעכקייט.

מען דאַרף דעריבער נישט איבערטרייבן אין דער קלאַסיפיקאַציע אַן אין דער כוונה אָנצוואַרפן אַ שרעק אָדער אַלאַרם, מען קען מיט דער גאַנצער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז אויך די איצטיקע לאַגע פון דער „לעבנס־נאַכט״ אין די גלותן טראָגט אין זיך עלעמענטן פון רעאַלן אָדער פּאָטענ־ציעלן ציוניזם פון נויט און רעטונג.

דעריבער קען זיין, אַז ציוניזם דאַרף היינט רעדן מיט פאַרשידענע לשונות, לויט דער מערכה פון די באַזונדערע ישובים. אין דער פּילאַרטי־קייט פון צוגאַנג און אין דער פאַרשידנקייט פון שטעלן דעם טראָפ און דעם אַקצענט — איז נישטאָ קיין סתירה. עס פאַרלעצט נישט דעם הויפּט־פּרינציפּ פון נישט בלויז איין יידיש פאָלק נאָר אויך פון איין און דעם זעלבן גורל.

ג

צי קען מען אין אונדזערע טעג רעדן וועגן דער טראַגיק פון די תפוצות? צי איז נאָך דער טיפער פּעסימיזם וועגן דעם עתיד פון גלות אַ קענצייכן פון ציוניזם? צי גייען נאָך צוזאַמען שעפערישע איניציאַטיוון אין גלות, די פרייד איבער יעדער דערגרייכטער פּאָזיציע אין די ישובים, דער דרך ארץ פאַר די דאָרטיקע יידן מיטן געפיל, אַז דאָס לעבן דאָרט, פון טיפן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, איז פּראָוויזאָריש און אַפילו פּעריפעריאַל? צי זענען גלות און זיכערקייט תרתי דסתרא?

די ענינים זענען נישט אַזוי קלאָר און דייטלעך און דער ענטפער קען נישט זיין אַ גלאַטער און שאַרפער. יידן אין אונדזערע טעג זענען געוואָרן אין די תפוצות אַ גרויסער פּאָליטישער, ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער כוח. נאָך קיין מאָל אין דער געשיכטע האָט די דיאַספּאָראַ (וואָס איז אַ שטענדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון אונדזער לאַנגער געשיכטע) נישט געווען אַזוי איינפלוסרייך, אונטערנעמעריש און ציל־באַוווסטזיניק, און נאָך קיין מאָל נישט אַזוי אָרגאַניזירט און אַקציע־פעיק.

איך, למשל, בין קיין מאָל נישט געווען מושווה מיט דער טעאָריע פון דער יידישער עקאָנאָמישער „פּאַרקערטער פּיראַמידע", מיט די האַרבע, האַלב־מאַזאָכיסטישע דיבורים וועגן יידישן ווירטשאַפטלעכן „פּאַראַזיטיזם", מיט מענדעלעס סאַרקאַזם וועגן דער „קליאַטשע" און „טאַרבע", מיט ברענערס אומברחמנותדיק־שניידנדיקן צער אויף יידישער אויסגעוואָרצלטקייט. מיר איז נענטער צום האַרצן דאָס באַרעמהאַרציקע מלמד־זכות־זיין פון אברהם קריבס לירישער ליבע צו יידן און איך דערמאָן זיך אין דעם גלענצנדיקן עסיי וועגן דעם פון חיים גרינבערג, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַבסורד, אַז די „קו איז פּראָדוקטיווער פון דעם מילכיקן, וואָס צעטיילט, וואָס איז אַ „פּאַרמיטלער", רחמנא ליצלן". באַזונדערס איז עס אַן אַבסורד אין אונדזערע טעג, ווען נישט נאָר מיר אַליין, נאָר די גאַנצע וועלט־ווירטשאַפט, איז אַ „פּאַרקערטע פּיראַמידע". קען מיר עמעצער איינרעדן, אַז אין דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע איז אַ ייד היינט יוצא־דופנדיק? פּאַרקערט, ער איז טיפּיש אַוואַנגאַרדיסטיש און גייט פאָרויס אין דער טעכנאָלאָגיע און אין דער וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער

מענטשהייט, איך האָב נישט קיין מינדערווערטיקייט־געפיל בנוגע אונדזער עקאָנאָמישער סטרוקטור אין אַמעריקע און כ׳דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן פאַר דער רייפקייט און גוטער פּאָזיציע וואָס די יידן האָבן דאָרט דער־גרייכט דורך זייער פלייס און פעיקייט צו דערשפּירן די פּראָצעסן נאָך אין זייערע פאָרמאַטיווע אָנהייבן.

אויב אַזוי — וואָס איז דער יסוד פאַרן פעסימיזם און שניידנדיקער ציני־ניסטישע קריטיק און דיאַלעקטיק? פאַר וואָס האָט זיך אין תוך גאָרנישט געענדערט אין דער אומפאַרמיידלעכער טראַגיק פון גלות? אויף דעם איז גאָר נישטאָ קיין בעסערער באַווייז ווי דער גרויסער אַמעריקאַנער יידי־שער ישוב. אויבנאויפיק זעען אויס אַלע דיבורים וועגן דער אַמעריקאַניש־יידישער טראַגעדיע משונהדיק און ווי צו להכעיסדיק. די לאַנגע יידישע געשיכטע פון גלות האָט נאָך נישט געוווּסט פון אַזאַ מעכטיקער קאָמפּאַק־טער, קאָנצענטרירטער און איינפלוסרייכער יידישער קהילה. זי איז אין אַ סך היגזיכטן ווייניקער ווי דער פאַרשניטענער מזרח־אייראָפּעישער שבט, ווען זי האָט אַזוי טראַגיש געירשנט. אָבער זי איז אויך מער פון אים אין איר פּאָליטישן כוח, אין אחריות פאַרן וועלט־יידנטום און מיט עקאָנאָ־מישע פּאָזיציעס. אין דער הינזיכט פייערט זי דעם 200־יאָריקן יובילעאום פון אַמעריקע, נישט ווי אַן אַנגעלייגטער גאַסט, נאָר ווי אַ מחותן. נישט נאָר וואָס זי האָט דעם ישוב געבויט און בייגעטראָגן צום אויסערגעוויינלעכן אויפשטייג פון אָט דער מעכטיקער דעמאָקראַטיע, נאָר זי האָט זיך אַליין אויפגעבויט. ס׳איז אַ יידישע שמחה. מיליאָנען יידן — כן ירבו — אַ מעכ־טיקע נעץ פון אינסטיטוציעס, אַן ערשטראַנגיקע פּאָזיציע אינעם גייס־טיקן און וויסנשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, אַ פירנדיקע ראָל אין דער וועלט פון טעכנאָלאָגיע, קונסט און מאַסן־קאָמוניקאַציע.

וואָס שייך דעם „יידישן חשבון״: רעטונג פון מיליאָנען דורך גרויס־צוגיקע הילף־אַקציעס אין אַלע טיילן פון דער וועלט, גרויסע הצלחות אי־נעם גערעַנגל פאַרן סאָוויעטישן יידנטום און קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַרן אויפקום און דער עיקר, אויפהאַלטונג, פאַרטיידיקונג און אַנטוויקלונג פון ישראל, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו, מאַרך און חיות פון דעם ישוב, דער הויפּט־פאַקטאָר אין אויפהאַלטן יידישקייט און אָפּט מאָל די יידישקייט אַליין.

אָבער, צי איז די „דערפאָלג־געשיכטע" פון לאַנד און די צוקונפט פון ישוב איינס און דאָס זעלבע? מיינט דער אַמעריקאַנער וווקס, וועלט־איינפלוס, ריזן־כוח (אגב שוין אויך נישט אַבסאָלוט) בהכרחדיק אויך אַ פאַרשטאַרקונג, אַ פאַרוואָרצלונג און פאַרטיפונג פון דער יידישער מינ־דערהייט (און מ'טאָר קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז יידן זענען אַ מינדער־הייט אין אַ קריסטלעך לאַנד)? זענען מיר עדות פון אַ פאַראַלעלער אַנט־וויקלונג, אָדער זענען עס פּראָצעסן וואָס באַוועגן זיך אָפט אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג?

פאַר וואָס רעדט מען אַזוי פיל פון „פאַרשווונדענע" יידן? פאַר וואָס טאַפּט מען אַזוי פיל טאָג־טעגלעך דעם דופק און מ'פרעגט זיך „צי לעב איך נאָך און ווי לאַנג"? פון וואַנען די גאַלאָפּירנדיקע אַסימילאַציע וואָס קולמינירט מיט אַ 40־42 פּראָצענט געמישטע חתונות? פאַר וואָס דער „צעבראָכענער טעלעפאָן" מיטן המשך־דור, וואָס איז אין זיין מערהייט גלייכגילטיק צום יידישן לעבן, צום ציוניזם, טראַדיציע, קולטור, האָפע־נונגען און געראַנגלען? פאַר וואָס אַזוי פיל בריהשאַפט און הצלחה אין פאַרשיידענע יידישע פּראָגנטן פון דרויסן, און אַזוי פיל הילפלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט אין די אינערלעכע וויטאַלע ענינים פונעם יידישן ישוב, ווי חינוך? פאַר וואָס אַזוי פיל אָרגאַניזאַציעס און אַזוי ווייניק אויטאָריטעט און אָנערקענטע אַלגעמיין־יידישע פירערשאַפט? פאַר וואָס אַזוי ווייניק השפעה פון רעליגיע אויפן לעבנס־שטייגער טראָץ דער פענאָמענאַלער צאָל שולן, טעמפּלען, קאָנגרעגאַציעס מיט זייערע הונדערטער טויזנטער אָנגעשלאָ־סענע? פאַר וואָס אַזאַ נידעריקער ניוואָ פון יידישן וויסן ביי יידן, וואָס זענען ממש די עליטע אין דער משפחה פון די אינטעלעקטואַלן? פאַר וואָס אַזאַ נעבעכדיקע עליה פון אַ ישוב וואָס פאַרמאָגט אין פּאָטענץ אַן אי־דעאַליסטישע און אָפט מאָל אידעען־זוכערישע יוגנט? פאַר וואָס אַזוי פיל „צופאַסן זיך" און סיסטעמאַטיש „פאַרגויִישן" זיך אונטערן מאַנטל פון „עקומעניזם", אַמעריקאַניזם א.אז.וו. מיטן אויסנאַם פון דעם אין תוך מאַר־גינאַלן, אָרטאָדאָקסן־שבט?

אָבער צוליב וואָס זוכן סימפּטאָמען און זיי אויסרעכענען מיט האַרצ־ווייטיק, ווען די רעאַליטעט איז אַזוי אומפאַרשעמט־ברוטאַל און אימתדיק־קאָנקרעט? מ'רעדט וועגן דעם נישט צו אָפט, אָבער מ'קען נישט פאַר־

דעקן דעם אמת, אַז מיר האָבן פולשטענדיק פאַרלוירן הונדערטער טויזנ־טער און אפשר מיליאָנען יידן דורכן „טרוקענעם חורבן“ און ליקווידאַ־ציע, דורך דער מיתה בנשיקה. נישט חלילה דורך מאָרד, נאָר דורך זעלבסט־מאָרד, פון ווילטאָג און גייסטיקער פוסטקייט! נישט די נידעריקע געבורט־ראַטע, נישט די פאַרגרעסערונג פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג דורכן אָנשלוס פון גאַנצע טעריטאָריעס און ממש פעלקער־וואַנדערונג פון פאַרטאָריקאַנער און אַזיאַטן, קען דערקלערן די קליינע צאָל געבורטן ביי די 6 מיליאָן יידן.

דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם קאַנאַדער יידישן ישוב, למשל, וואָס איז גראָד געוואַקסן דורך אַ בכבודיקן שטראָם פון מיגראַציע אין די לעצטע יאָרן. בעת מיין לעצטן באַזוך אין מערב־קאַ־נאַדע בין איך ממש דערשטוינט געוואָרן פונעם פאַרשווינדן פון גאַנצע קהילות אין מערב, קהילות וועלכע כ׳האָב געקענט מיט אַ פאָר צענדליק יאָר צוריק.

ס׳האַנדלט זיך דאָ, בכן נישט אין פאַלן פון יידישן באַוווסטזיין דורך אַסימילאַציע אָדער אַפילו דורך געמישטע חתונות נאָר אין אָפּפאַלן פון אונדזער פאָלק, פון פאַרשווינדן, פון סוף פסוק און שקיעה, אָן נאָסטאַלגיע און אָן אַ קדיש.

צי קען זיין אַ גרעסערער אומגליק? צי איז אַפילו אַזאַ יידישער אונ־טערגאַנג נישט קיין טראַגעדיע?

מיר ווייסן פון פאָרויס די רעאַקציע אויף די דאָזיקע שוין גאָרנישט אומבאַקאַנטע פאַקטן, אַז דאָס איז „אַלאַרמיזם“, „נבואה פון חורבן“, קראַ־קערייען פון ציוניסטישן קראָען“ א.אז.וו. ס׳איז אָבער גענוג דורכצוקוקן די ווערק פון די ערנסטע סאָציאָלאָגן און דעם רייכן מאַטעריאַל פון פאָר־שונגען און אויספאָרשונגען, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דער פעסימיזם שטאַמט פון אינעווייניק, פון די פירערס, טעאָרעטיקערס און צענטראַלע כלל־טוערס.

צום גליק איז עס אָבער נישט קיין גריכישע טראַגעדיע. ס׳האָט זיך געענדיקט אַ פעריאָד פון פאַטאַליסטישער אויסזיכטלאָזיקייט אין יידישן גורל. דער ציוניזם האָט געשאַפן די כלים, די מדינה, פאָר אַן אַלטערנאַ־

טיווע פאַרן יידישן געראַנגל. ווי אַ מאָל אַזוי אויך היינט איז יידישקייט אַ שטענדיקע מלחמה אָבער מיט איין אונטערשיד: מיט אַ מדינה — ווי אַ הויפּטפראָנט און אַ סטראַטעגישע באַזע.

1976

די קאָמוניסטישע כוואַליע

ס'איז אַ מזל ברכהדיקער פרילינג פאַרן וועלט־קאָמוניזם, ס'גייט אים ממש דורך טיר און טויער; אין וויטן מזרח האָט ער שוין איינגענומען קאַמבאָדזש און דרום־וויעטנאַם האָט זיך אונטערגעגעבן. אין לאַטיין־אַמע־ריקע (טראָץ דער בלוטיקער מיליטערישער אויפגעצווונגענער דיווערסיע אין טשילע) איז דאָס איבערנעמען די מאַכט אין איניקע לענדער נאָר אַ פראַגע פון צייט. די ראַדיקאַלע עלעמענטן, וואָס פרעטענדירן דאָרט אויף פירערשאַפט זענען נישט אידענטיש, און אָפט מאָל אַפילו קעגנעריש צום קלאַסישן קאָמוניזם. אָבער זיי זענען צו אים, לכל הפחות, נאָענט וואָס שייך דעם גלאָבאַלן פּאָליטיש־סטראַטעגישן קאָמפּלעקס.

אַפילו אין דער דעמאָקראַטיש־מערבדיקער וועלט שטעקט ער אַריין אַ פוס.

אויף דעם וואַקסנדיקן איינפלוס פון מאָסקווע אין אונדזער אייגענעם נאָענטן מזרח־ראַיאָן פאַרשפאָרן מיר זיך אָפצושטעלן. מאָסקווע האָט דאָ דעראָבערט איינפלוס, באַזעס, פּרעסטיזש און כוח, וועגן וועלכע זי האָט נישט געחלומט אַפילו אין אירע צאַרישע עקספּאַנסיע־יאָרן.

דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז די מוסולמענישע וועלט, אַפילו אין די אַזוי־גערופענע „ראַדיקאַלע" און „סאָציאַליסטישע" לענדער, איז אין תוך געבליבן אַנטי־קאָמוניסטיש און אַז דער איינפלוס פון די טאָלע־רירטע, אָדער אונטערערדישע קאָמוניסטישע לאָקאַלע גרופּעס איז אַ נישטיקער.

דער קאָמוניזם ווערט אויך אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין געוויסע קלאַ־סישע דעמאָקראַטישע לענדער, אין וועלכע מען קען נישט שאַפן, אָדער איינהאַלטן סטאַבילע רעגירונגען (איטאַליע, פראַנקרייך). בלויז אין די

אַנגלאָ־זאַקסישע און סקאַנדינאַווישע לענדער טרעט ער אויף איין פּלאַץ און איז אין אַ מצב פון סטאַגנאַציע. די פראַגע איז ווי לאַנג?

אָט די ריין פאַקטישע שילדערונג פון מצב דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ פּעסימיזם, אָדער אַ פאַטאַליסטיש משלים זיין. אויך זענען מיר נישט אויסן זיך אַריינצולאָזן אין דער פראַגע, צי דאָס איז אַ צייט־ווייליקע כוואַליע, אָדער, חלילה, אַן אָביעקטיווער מוז־פּראָצעס. ס'איז אויך נישט וויכטיק אין דעם מאָמענט אויסצורעכענען די באַזונדערע פאַר־מען, וועלכע ס'נעמט אָן די קאָמוניזאַציע אין דער וועלט: וויפל איז דאָ דאָ „אַנטי" (אַנטי־אַמעריקאַניזם, אַנטי־קאַלאָניאַליזם) און וויפל „פּראָ"־קאָמוניזם, וויפל איז דאָ פאַראַן עקסטרעמער יאוש און וויפל בענקשאַפטן נאָך אַ געדעכטער געזעלשאַפט, אין וואָס פאַר אַ מאָס דאַרף מען צושרייבן דעם דערפאָלג זייערע די לעכצעניש נאָך שלום און נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט, וועלכע דער קאָמוניזם ווייסט ווי אויסצונוצן אויף אַ געשיקטן אופן, דערשיינענדיק כיטרע־טיוולאָניש אַלס זייער „טשעמפּיאָן". ער דער־שיינט גלייכצייטיק ווי אַ רעזולטאַט פון פיזישן הונגער פון מיליאָנען און פון איבערזעטיקייט פון עולה־הזהדיקן מערב.

דאָס זענען אַלץ וויכטיקע און טיפע פּראָבלעמען, וואָס פאַרלאַנגען באַזונדערע פאָרש־אַרבעטן און אַנאַליזן, אָבער דאָס ענדערט נישט די לאַ־גע, אַז די מערהייט פון דער מענטשהייט איז אין אַלץ וואַקסנדיקער צאָל קאָנטינענטן לעבט שוין אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים פון דער אָדער יענער דאָמינאַציע. מיר ווילן אגב באַמערקן, אַז דער כינעזיש־סאָוויעטי־שער קאָנפליקט, למשל, ווי ליידנשאַפטלעך און עקספּלאָזיוו ער זאָל נישט זיין, איז אין תוך געוועזן אַ ריינע „משפחה־מחלוקת" און דאָס נעמלעכע איז מיט די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן סאָוויעט־רוסלאַנד און רומע־ניע, אָדער יוגאָסלאַוויע. דאָס לייגן האָפענונגען אויפן „הומאַנעם קאָמו־ניזם" נוסח אינדיע און „זעלבסטשטענדיקע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" איז אַ „וואַרעמער פראָסט"־אילוזיע.

אין לעצטן אַנאַליז איז עס אַ מאַנאַליט, ס'איז אפילו נישט רעלעוואַנט דער ענין, צי דער קאָמוניזם דערגרייכט זיינע צילן מיט געוואַלט, אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, אָדער אויף לעגאַלן וועג פון וואַלן (אויך היטלער איז געקומען צו דער מאַכט נאָך אַ „כשרן" וואַל־זיג). וויכטיק איז, אַז

ווען דער קאָמוניזם קומט שוין צו דער מאַכט, איז נישטאָ קיין שום האָ־פענונג, ער זאָל זי פרידלעך פאַרלאָזן. ער האַלט אָן מיט כוח זיין „דעראָבע־רונג״ דורך דיקטאַטור (פּראָלעטאַריאַט, פּאַרטיי, קליקע פון פירערס אָדער מיליטערישע כונטע). ס׳איז קיין מאָל נישט קיין רוטין־ענדערונג פון באַ־וועגונגען אין די ראַמען פון אַ סיסטעם וואָס דערלויבט אַלטערנאַטיוועס.

☆

וואָס מיר זענען אויסן מיט דעם אַרטיקל איז פּרווון אויסרעכענען די סיבות פון אָט דעם באַרג־אַרויף־דערפאָלג און ציען עטלעכע מסקנות פאַר דער נישט־קאָמוניסטישער וועלט, איינשליסנדיק דעם סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישן טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די מערב־לענדער מיט דער אַמעריקאַנער ציטאַדעלע בראש.

1. דער קאָמוניזם איז קודם כל די אידעאָלאָגיע פון אָפּגעשטאַנענע אָרעמע שיכטן, יבשות און לענדער. דער באַגריף אָרעמקייט דאַרף געגו־מען ווערן אין זיין ברייטסטן און אַלץ אַרומנעמענדיקן קאָנטעקסט: מאַ־טעריעל מיינט דאָס דער סוב־סטאַנדאַרט אין דער דערנערונג און אין וווינען ביז צום סאַמע מאַסן־טויט פון קינדער פון הונגער און „דירות״ פון בריקן, בלעכענע בודעס, ליים־חורבות, פישער־שיפלעך, ביז צום וואַל־גערן זיך אין גאַס. אָבער, ווי געזאָגט, אויך גייסטיק. דאָס איז די אידעאָלאָ־גיע פון צוריקגעשטאַנענע, אַנאַלפאַבעטישע מאַסן, וואָס זוכן טרייסט און באַפרייונג פון הילפלאָזיקייט און פרוסטראַציע. דער קאַמף פאַר די נשמות פון די „קליינע און דערנידעריקטע״ צווישן רעליגיע און קאָמוניזם איז שוין לאַנג אָפּגעטעמפּט געוואָרן און אָפּט מאָל „הויזן זיי צוזאַמען״.

דער קאָמוניזם איז אויך אַ רעזולטאַט פון דעם תהום צווישן די יוסטע און פאַרמעגלעכע פעלקער און „בראָדיאַגע״־שבטים. פאַר דער צו־קונפט פון דער מענטשהייט איז אָט דער קאָנפליקט וועזנטלעכער, שאַרפער און קאָנקרעטער ווי דער קלאַסן־קאַמף אַליין.

ווי אַזוי איז סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס איז דער בולטסטער אויסדרוק פון קאָלאָניאַליסטישער פאַרשפרייטונג. און וואָס איז געבויט געוואָרן דורך אַנעקסירן און באַהערשן פעלקער, געלונגען צו פאַרמאַסקירן אירע מעשים

און גאָר דערשיינען ווי דער פירער פון דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער מחנה — ווייסט גאָט אַליין.

מיט איין וואָרט, נישט צוליב דעם שיינענדיקן ביישפּיל פון סאָוויעט־רוסלאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס פאַרנעמט דער קאָמוניזם גרויסע שטיקער פון וועלטקיילעך, פון דער מענטשהייט, נאָר צוליב ליידן, יסו־רים, באַליידיקונגען, קנאה און לעכצענישן. ווער עס ווייסט צו געווינען און באַהערשן אָט די ווינענדיקע און פאַרלאָזענע מאַסן, דער וועט באַ־הערשן די וועלט. מעגן די פאָרגעשריטענע און פּראָגרעסיווע קרייזן קרימען מיט דער נאָז, ווי האָט עס געזאָגט לינקאָלן? „גאָט האָט ליב די קבצנים, אַז נישט וואָלט ער זיי נישט באַשאַפן אין אַזאַ גרויסער צאָל"... דער קאָ־מוניזם קען טאַקע נישט צוקומען צו די גרויסע היסטאָרישע מערבדיקע דעמאָקראַטיעס. דער מאָטיוו פון כמות איז אָבער עלול צו צעשטערן אָט די ליכטיקע פונקטן אין דער וועלט, וואָס ווערן אַלע מאָל מער און מער אַ מינדערהייט.

דער סוד פון דער הצלחה פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג ליגט אויך, לויט אונדזער מיינונג, אין דעם מערקווירדיקן צונויפפּאָר פון צוויי, אין פלוג קעגנזעצלעכע עלעמענטן: אידעאָלאָגישע שטייפקייט און בויג־זאַמער אָפּאָרטוניזם. פון איין זייט איז דער קאָמוניזם נאָך אַלץ אַ דאָגמאַ־טישע און דאָקטרינאַרע פּאַרטיי, וואָס פאַרבלייבט די זעלבע אין דיאַמעטראַל פאַרשידענע באַדינגונגען. ס'איז נאָך אַלץ די באַוועגונג פון „רעוואָלוציאָ־נערן קאַטעכיזם", פון דער הייליקער „פּאָליט־גראַמאַטע" און „רויטן בי־כעלע" פון מאַאָ־טסע־טונג. זי איז אַ מין רעליגיע מיט אַ פאַנאַטישקייט און אומטאָלעראַנץ, אָבער גלייכצייטיק מיטן פלאַם און אייפער פון פרום־גלויביקייט. נאָר ביי רעליגיעזע מענטשן איז מעגלעך אַזאַ בלינדע געטריי־שאַפט צו אַ באַוועגונג, וואָס האָט געזייט חורבן און צעשטערונג, אויסגע־טראָטן דעם וועג און געדינט אַלס מאָדעל פאַרן פאַשיזם און אויסגעמאָרדעט מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי אירע בעסטע קינדער און קעמפערס. נאָר אַזוי קען מען פאַרשטיין די רעלאַטיווקייט און דעם דאָפּלטן סטאַנדאַרט פון זייערע שטעלונגען: פאַר וואָס דאָס באָמבאַרדירן צפון־וויעטנאַם איז אַ פאַרברעכן און דאָס אַטאַקירן דרום־וויעטנאַם „אַ רעוואָלוציאָנערער באַ־פרייונגס־אַקט". פאַר וואָס איז יעדער אַמעריקאַנער אינטערווענץ אַן אימ־

פּעריאַליסטישער רויבאָנפאַל און די מיליטערישע אַריינמישונג אין אונ־גאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע — איז „דאָס ראַטעווען פון סאָציאַליזם", פאַר וואָס קען מען נישט פאַרגעסן די ראָזענבערגס און מען גייט אַריבער צו דער טאָג־אָרדענונג איבער די מיליאָנען סטאַלין־קרבנות ווי איבער אַן „אָפּנויג", אָדער ווי מען רופט דאָס אָן מיטן מילדערן נאָמען „די תקופה פונעם קולט פון דער פּערזענלעכקייט". פאַר וואָס זענען די גאָרגל־שניי־דערס פון דער „פּאַלעסטינער באַפרייונגס־אָרגאַניזאַציע" קעמפנדיקע פּאַטריאָטן און די פאַרטיידיקונגס־אַקטן פון מדינת ישראל „די באַרבאַריש־קייט פון די פּרייסן פונעם נאָענטן מזרח".

זייט ביי זייט מיט אָט דער שטוינענדיקער פאַרגלויבטקייט, וואָס גרעַ־נעצט ממש מיט דער קאַטוילישער דאָגמע, אַז „דער פּויפּסט איז זיך קיין מאָל נישט טועה", איז פאַראַן אַן אומגלויבלעך בייטן לאָזונגען און שותפים און אַ טוישן שטעלונגען ווי העמדער. דאָס וואָס איז געווען נעכטן הייליק — איז היינט אַ פאַרשווערונג. אַז מען דאַרף, ווערט די אידעאָלאָגיע רעדו־צירט צו עטלעכע עלעמענטאַרע מעסיקע לאָזונגען: אַ מאָל איז עס שלום, אַ מאָל איז עס די גאַנץ געוויינלעכע פאַרבעסערונג פון אַרבעטס־באַדינ־גונגען. ווען עס לוינט, ווערט מען „שטילער ווי וואַסער און נידעריקער ווי גראָז" און אַ סך מעסיקער ווי די רעפאָרמירטע פּשרה־מאַכערס און די „אַוואַנטוריסטישע" ראַדיקאַלע קרייזן. די מזרח־מענטשן זעען נישט אין כינע גראָד דאָס קאָמוניסטישע לאַנד. זיי זעען אין איר אַ לאַנד וווּ מען עסט צו דער זעט, וווּ מען גייט ווי עס עס איז געקליידט, וווּ עס הערשן נישט קיין עפּידעמיעס און עס שטאַרבן נישט מאַסנווייז קיין קינדער; וווּ מען רויבט נישט און וווּ מאַנדאַרינען צאַפּן מער נישט דאָס בלוט פון פאָלק. דאָס איבעריקע אינטערעסירט זיי ווייניקער. וואָס איינפאַכער די זאַכן זענען — אַלץ מער אַפּעלירן זיי. אַלע אונדזערע פאַרהייליקטע ווערטן זענען ווערטלאָז ביי מיליאָנען, וואָס זענען איין גרויסע ווונד פון יסורים.

☆

וואָס־זשע איז דער מוסר השכל פון דעם אַלעמען? צי איז דער דאָזי־קער אָנגריף פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַ גזירה מן השמים, וואָס

מ׳קען נישט אָפּשטעלן? וואָס פאַר אַ מסקנות דאַרפן ציען מענטשן, פאַר וועמען דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם איז אַן אומטיילבאַרע איינהייט, און די, וואָס האַלטן, אַז די דעמאָקראַטיע אין די ניי־אַנטשטאַנענע מדינות פון דער דריטער וועלט וועט קומען דורכן סאָציאַליזם און נישט פאַרקערט? צי וועלן זיי משלים זיין מיט אַט דעם סטיכישן פּאַרויסגיין פונעם באַל־שעוויזם, אָדער זיך טרייסטן אַז ס׳איז אַ פאַרבייגייענדיקער געוויטער, וואָס וועט זיך איינשטילן? קען מען בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און צוזען ווי די וועלט גייט אַריין אין אַ תקופה פון נייעם מיטלאַלטער?

מען דאַרף פּשוט אונטערשטרייכן גוט באַקאַנטע זאַכן, וואָס ווערן אָפּט מאָל פאַרגעסן צוליב באַקוועמלעכקייט:

א) די דעמאָקראַטיעס דאַרפן זיין שטאַרק. און אין דעם פאַל מיינען מיר די מיליטערישע זיכערקייט נישט נאָר כלפּי חוץ נאָר אויך כלפּי פּנים. אין אונדזערע צייטן מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס און מ׳וואַרפט נישט אום קיין רעזשימען דורך מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדעס. מער און מער ווערט דאָס מיליטער (און נישט נאָר אין לאַטיין־אַמעריקע) אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין וויכטיקע אַנטשיידונגען. מער און מער ווערן סאָציאַלע איבערקערענישן און נייע רעזשימען געטראָגן אויף באַגנעטן. פּאָרטוגאַל ווייזט אונדז דעם ביישפּיל ווי אַזוי מיליטערישע כוחות האָבן נישט נאָר אַראָפּגעוואָרפן די דיקטאַטור, נאָר פירן אויך סיסטעמאַטיש איין אַן אָרדענונג, וואָס געפעלט זיי. לינקע מיליטערישע אָפּאָזיציע איז אַ סך ווירקזאַמער ווי די בעסטע פּאַרטיי־אַגיטאַציעס. ווער עס פאַרזעט אַט דעם וועזנטלעכן פונקט און פאַרזיכערט נישט די לאָיאַליטעט און איבערצייגטע טרייהייט צום רעזשים פון די באַוואָפנטע כוחות, דער פאַראורטיילט זיך אַליין צום אונטערגאַנג. די פיינע אַנגלאָ־זאַקסישע, אַמעריקאַנער־בריטישע און אויך ישראלדיקע טראַדיציע פון „האַלטן די אַרמיי אין באַראַקן" איז טאַקע זייער אַ ליבעראַלע, אָבער זי איז באַגרענעצט נאָר צו געוויסע לענדער און צו ספּעציעלע סיטואַציעס. אָפּטער און טיפישער אין דער דריטער וועלט־עקספּערימענט פון לינקע מיליטער־פאָרמאַציעס, וואָס ביז איצט זענען זיי געווען די היטערס פון „עטאַבלירטן סיסטעם" פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל און דער קירכע, אָדער פאַר די אַזוי אָנגערופענע „קרייזן פון געזעץ און אָרדענונג".

מיט אומברחמנותדיקער ריקזיכטלאָזיקייט דאַרף אונטערדריקט ווערן דאָס פאַרברעכן, די פאַרפוילטקייט, דאָס „חי געלעבט" פון אַ פּאַראַזיטישער מינדערהייט, די אויסגעלאַסנקייט, די גניבות און די מאָראַלישע דעגענעראַציע אין די דורכן מערב אונטערגעשטיצטע לענדער און אַרמייען. די סקאַנדאַלן דאָרטן שרייען צום הימל. אוודאי קען מען נישט זאָגן, אַז די אויף מאָסקווע, אָדער אויף פּעקין אָריענטירטע לענדער זענען „אַ טלית שכולה תכלת" און אַז אונטער דער ספּאַרטאַנישער, ממש אַסקעטישער פּאַסאַדע באַהאַלטן זיך נישט אויסנוצעריי און פאַרשווענדערישקייט פון ערגסטן מין. ס'איז אָבער מער באַהאַלטן. אויסערלעך מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ דיסציפּלינירטער געזעלשאַפט מיט אַ מינימום גלייכהייט אין לעבנסניוואָ און אַ שטאַרקער האַנט קעגן שפּעקולאַנטן, שווינדלערס און אַפּיומהענדלערס. קיין זאַך פאַרמיאוסט נישט די פרייהייט אַזוי ווי דאָס מיסברויכן מיט איר, אין דער פאָרם פון מאָראַלישער לויזקייט, קינסטלעך אויפגעבלאָזענער פּראָספּעריטי פון „לייכטן דאָלאַר", וואָס גייען צוזאַמען מיט פאַרצווייפלטער נויט.

ג) עס ווערט קלאָרער פון טאָג צו טאָג, אַז דעמאָקראַטיע אַליין, גלייכהייט פאַרן געזעץ, פרייהייט פון וואָרט און אַנדערע איידלסטע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט זענען נישט גענוג, אָפט מאָל נישט ווירקזאַם, אָפט מאָל קלעפּן זיי זיך צו די פעאָדאַלע אַזיאַטישע רעזשימען ווי אַרבעס צו דער וואַנט. זיי קענען האָבן אַ באַדייט נאָר ווען זיי גייען צוזאַמען מיט סאָציאַלע רעפאָרמען און געוואַגטע עקספּערימענטן. און פאַר וואָס רעפאָרמען? נישט אין מעסיקייט און נאָכגיביקייט דאַרף באַשטיין דער אונטערשיד צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם, נאָר אין דער אַנדערשקייט פון מעטאָדן און אין הומאַניטאַרן אינהאַלט. דער פאַרמעסט מיט קאָמוניסטן דאַרף נישט זיין אינעם פאַרנעם און אין דער טיף פון די ענדערונגען און אין דער ראַדיקאַלקייט פון לאָזונגען. אסור מיר אויב דאָס וועט מיינען ווייניקער רעאַליזם און קאָנסטרוקטיווקייט. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דעם אייפער און טרייהייט צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, וואָס איז נאָך אַלץ דער מעכטיקסטער פאַקטאָר אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

ד) די דעמאָקראַטיע דאַרף זיך אויפהערן צו אידענטיפיצירן מיט די רעאַקציאָנערסטע און פאַרפוילטסטע רעזשימען. אַ שאָד ס'געלט, די וואָפן און דער

שפּיאָנאַזש־דינסט, וואָס מען שטעלט זיי צו. דאָס איז מער ווי בויען אויף זאַמד, דערצו אַ שמוציקן און בלאָטיקן.

מען דאַרף זיך באַציען מיט טיפן אומצוטרוי צו אַ שותפות מיט קאָמוניסטן (כאָטש אָפּט מאָל איז נישטאָ קיין ברירה). אַזאַ טבע האָבן זיי, אַז זיי שלינגען איין זייערע פאַרבינדעטע און מאַכן פון זיי שפּעטער זייערע ערשטע קרבנות. מען דאַרף געדענקען, אַז די אַנטי־טעזע פון קאָמוניזם איז נישט די רעאַקציע, נאָר דער סאָציאַליזם. וויפל נאָך רבי־געלט דאַרף די אַרבעטער־באַוועגונג באַצאָלן, כדי זיך אויסצולערנען אָט דעם פּשוטן אלף־בית?

דער זייגער פון פרייהייט האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט, אָבער ס׳איז ממש סעקונדן פאַר צוועלף.

1975

צווי קאָנפערענצן

די קאָנפערענץ פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די ער־שטע רעגולערע קאָנפערענץ פון דער ישראלדיקער אַרבעט־פּאַרטיי זענען פאָרגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט — אַן אינטערעסאַנטער שפּיל פון לוח, וואָס רעגט אָן צו מחשבות און גזירות־שוות און איז פול מיט אינ־האַלט און משמעות.

אָנהויבן ווילט זיך גראָד פון טריוויאַלן: אין דער צייטונג „הארץ" האָט יואל מאַרקוס (וואָס ליידט נישט פון צופיל ליבע צו דער אַרבעטערשאַפט און איר פירנדיקער פּאַרטיי) געפּרוווט דורכפירן אַ פּאַראַלעל צווישן די צוויי צוזאַמענפאָרן און האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ס'איז ווי צו פאַרגלייכן אַ „העלפאַנט און אַ פליג". איז אסור אויב עס פאַרדריסט אונדז אָט דער חנעוו־דיקער משל, כאָטש ער האָט צוליב דעם נישט געדאַרפט פאַרבייטן דעם רו־סישן בער אויף אַ העלפאַנט. וואָג און ברייטקייט איז דווקא נישט קיין סימן פון כוח און גרויסקייט; דער פוקס איז קליגער, דער לייב איז מאַיעסטעטי־שער, דער אָדלער — מוטיקער, די פּאַנטערע — העלדישער. מ'טאָר אויך נישט מזלזל זיין די פליג (דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ צרות זי האָט אָנגע־מאַכט טיטוס הרשע...). אָבער לאָמיר צוגיין צום תכלית.

וויפל מיר זאָלן נישט מאַכן (און מיט רעכט) אַ להבדיל, זענען דאָך דאָ בולטע אַנאַלאָגיעס, וואָס וואַרפן זיך ממש אין די אויגן. דאָס זענען וואָס אַן אמת ענלעכקייטן מער אין דער ברייט און אויף דער אויבערפלאַך, זיי זענען אָבער געענוג פאַר אַ טיפן מוסר־השכל און חשבון הנפש.

איןביידע פאַלן האַנדלט זיך עס וועגן הערשנדיקע פּאַרטייען, וואָס באַ־שטימען דעם גורל פון דער מדינה און דער געזעלשאַפט, פון מלחמה און שלום, פון פּאָליטישן רעזשים און סאָציאַלן סיסטעם. אמת, אין סאָוויעטישן דיקטאַטאָרישן, איינפּאַרטייאישן סיסטעם איז די פּאַרטיי אידענטיש מיטן

שטאַט, און אין דעמאָקראַטישן און פּאָליטיש־פּלוראַליסטישן ישראל איז „עבודה" (די אַרבעט־פּאַרטיי) טאַקע דער גרעסטער, אָבער פּאַרט נישט דער איינציקער כוח און אַפילו נישט די מערהייט. אָבער דאָס בייט נישט וועזנט־לעך דעם פאַקט, אַז אין דער נישט קאָמוניסטישער וועלט קען מען נישט גע־פינען נאָך אַזאַ ביישפּיל, ווו איין כוח זאָל אַזוי דאָמינירן די פּאָליטישע סצענע פון אַלע סעקטאָרן או טיילן, אין דער רעגירונג, שטאָטראַטן, אין דער הס־תדרות און דורך איר — אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. דאָס וואָס אַנטקעגן איר שטייט אַזאַ פּילפּאַרביקע און גאָרנישט קיין מינדערווערטיקע גאַלעריע פון גרופּירונגען — מאַכט נאָך איר איינפלוס און כוח אַנטשיידנדי־קער און אָנגעזעענער.

ביידע פּאַרטייען שטייען שוין צענדליקער יאָרן ביי דער מאַכט. אין רוסלאַנד — איבער 50 יאָר און אין ישראל — קרוב צו 40 יאָר, נאָך פון דער תקופה פון כמו מלוכישער אַדמיניסטראַציע, פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און אומאָונטערבראָכן זינט דער ישראל־אומאָפּהענגיקייט; אין ביידע לענדער ווערן געמאַכט ענדערונגען און עס אַנטוויקלען זיך פאַרשידענע ענינים אין די צוויי פּאַרטייען גופא און נישט דורך געראַנגלען און צוזאַ־מענשטויסן צווישן פאַרשידענע פּאָליטישע אַלטערנאַטיוועס, וואָס ווילן זיי ירשנען.

סיי אינעם קאָמוניסטישן און סיי אין „עבודה"־לאַגער, אַזוי ווי אין יע־דער גרויסער באַוועגונג, זענען פאַראַן די געוויינלעכע, כמעט „אייביקע" פּראָבלעמען און דערשיינונגען; וועטעראַנען און יוגנט, טעאָרעטיקערס און פונקציאָנאַרן, צוזאַמענשטויס פון שיכטן, פון פאַרשידענע עקאָנאָמישע אינ־טערעסן, די „קאָעקזיסטענץ" און אָפט אַפילו דער געראַנגל צווישן די דריי אינסטאַנצן; דער מלוכישער, דער מוניציפּאַלער און דער סינדיקאַלער א.אַז.וו.

ביידע פּאַרטייען רופן אַרויס אַ וועלט־אינטערעס און געניסן פון אוני־ווערסאַלן אָנזען נישט ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָדעל — נאָר ווי אַ צענ־טער. ביי סאָוויעט־רוסלאַנד איז דער פאַקט בולט און קלאָר און בויטיקט זיך נישט אין באַווייזן; אַ שטח פון אַ זעקסטל פון דער וועלט און וואָס איז די צווייטע וועלטמאַכט מיליטעריש און עקאָנאָמיש, אַ געוואַלדיקער אימפּע־ריאַליסטישער כוח, וואָס איז נישט נאָר אידעאָלאָגיש נאָר אויך מיליטעריש

פאַראַנקערט אין צענדליקער פרעמדע טעריטאָריעס פון די שכנים, אַ רע־זשים וואָס האָט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג איבער דער וועלט — צענדליקער פּאַרטייען, וועלכע דינען אים און פּאַרטיידיקן זײַנע אינטערעסן און אָנער־קענען אים די בכורה און פּריאָריטעט איבער די באַלדיקע אינטערעסן פון זייערע אייגענע לענדער — אַ מדינה מיט דער מעכטיקסטער, ראַפינירט־סטער, אויסגעשוליטער מאַשין פון אַגענטורן און אַגענטן, דירעקטע פּאַר־שטייערס און פראָנט־אָרגאַניזאַציעס א.אַז.וו.

נישט געקוקט אויף זײַן נײַעם פּרצוף פון „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם" און „נאַציאָנאַליזם" — איז סאָוועט־רוסלאַנד נאָך אַלץ דער צענטער פון אַ וועלט־רעוואָלוציע און נישט סתם אַ גרויסמאַכט, שוין אַפילו ריין סטאַטיס־טיש און דעמאָגראַפיש. ס'איז אַ פּאַרטיי וואָס האָט געבוירן אַ סיסטעם, וואָס נעמט אַרום אַ מיליאַרד מענטשן אין דער וועלט.

אָבער ווו איז די אוניווערסאַלקייט פון דער ישראלדיקער „עבודה"־פּאַרטיי? אויך דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט אַ ריין היימישן פענאָמען, נאָר מיט איינער פון אַ סך באַוועגונגען אין דער לויזער קייט פון פּאַר־טייען, וואָס מיר רופן — צוליב מאַנגל אין אַנדערע דעפיניציעס — דעמאָקראַ־טישע אָדער פון פרייען סאָציאַליזם. ווען מיר פאַרגעסן אויף אַ מינוט די ציפערן, דימענסיעס און פּראָפּאָרציעס און גייען אַריין אין תוך פון די ענײ־נים, ווערט פאַר אונדז קלאָרער, ווײַניקער „מיסטיש" און „נישט־ראַציאָנעל", אַפילו לאָגיש־פאַרשטענדלעך, דער איינפלוס און די אויסשטראַלונג פון אָט דער פּאַרטיי, וואָס איז אַ פירנדיקע פּאַרטיי אין דער מדינה פון אַ וועלט־פאָלק — אַ וועלטפאָלק אין אַלע הינזיכטן, סיי לויט זײַן געאָגראַפישער צע־שפּרייטקייט, סיי לויט זײַן געשיכטלעכן, רעליגיעזן, גייסטיקן חותם אויפן גאַנג פון דער געשיכטע, און זײַן קולטור־צושטייער. ס'איז דער הויפּט־כּוח אין אַ מדינה, וואָס איז געאָ־פּאָליטיש דער פילבאַרסטער צענטער ביזן הײַנטיקן טאָג אויף די וועגן פון דער וועלט.

ס'קען זײַן, אַז דאָס זענען באַנאַליטעטן, כמעט סטערעאָטיפּן, אָבער צו־ליב דעם זענען זיי נישט ווייניקער אמתדיקע און אוניווערסאַל אָנערקענט — מערסטנטייל ביי שונאים, ווייניקער דורך פרײַנד און נאָך זעלטענער דורך אונדז אַליין. מ'קען אויך צוגעבן, אַז אין סאָציאַליסטישן לאַגער לכל הפּ־חות (וואָס נעמט אויך אַרום צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין דער וועלט)

זענען הסתדרות, קיבוץ, דערהויבענע ווערטער און באַגריפן פון אידעישן און פּאָליטישן לעקסיקאָן און אַז „מפלגת העבודה״ (די אַרבעט־פּאַרטיי) איז פון די אָנגעזעענסטע, פּרעסטיזשפולסטע פּאַרטייען, אַ ביישפּיל און אַ קוואַל פון אינספּיראַציע.

מ׳דאַרף אויך דערמאָנען די אויסשטראַלונגען, אויסווירקונגען, איינפלוסן און פּראַקטישע הילף וואָס די טל־ומטר־מדינה גיט די ריזיקע קאָנטינענטן פון דער „דריטער וועלט״ אין אַפריקע און אין אַזיע. אָבער דאָס זענען נאָך אַלץ די סימפּטאָמען און נישט די סובסטאַנץ, די מעלאָדיע און נישט די מוזיק, די אויסערלעכע אויסדרוקן פון עפּעס גרעסערס. ס׳איז אַ פּאַרטיי וואָס איז דער קעגנזאַץ פון קאָמוניזם און זיין אַלטערנאַטיווע.

און נישט נאָר אין איצטיקן ביטערן קאָנפליקט אין מיטעלן מזרח קאָנפראָנטירן זיך אומדירעקט די פיינטלעכע לאַגערן. דער געראַנגל וועט בלייבן אויך נאָך דעם סוף פון דער מלחמה און נאָך דעם ווי ס׳וועלן איינגעשטעלט ווערן קאָרעקטע דיפּלאָמאַטישע און עקאָנאָמישע באַציונגען צווישן ישראל און דער אַראַבישער וועלט. אָבער דער קרעמל, די קאָנפערענץ אין מאָסקווע זענען איצט די אַרענע פון אַ גרויסער מחלוקת, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס דער היסטאָרישער געראַנגל פון אונדזער צייט.

דער געבוי פון אַ באַוועגונג דריקט אָפט מאָל אויס איר כאַראַקטער, איר אידעישן און פּאָליטישן אינהאַלט. ס׳איז קיין מאָל נישט קיין ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער ענין. באַוועגונגען (אויך די קאָמוניסטישע) ווערן געשאַפן און שפּאַלטן זיך איבער אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, אונטער זיי שטייען שטענדיק בשר־ ודמס מיט אַמביציעס און כוונות און אָפט מאָל — ווי אין די באַציונגען צווישן טעאָלאָגיע און ריטואַל — ווערט דער סקעלעט דער עיקר.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון סאָוועט־רוסלאַנד פאַרמאָגט 14 מיליאָן מיטגלידער. זעט עס אויס זייער אַ סך (כמעט די זעלבע צאָל ווי יידן אויף דער וועלט). אָבער אויף אַ 250 מיליאָניקער באַפעלקערונג איז עס קוים בערך 17.7 פּראָצענט. ס׳איז נאָך אַלץ אַ „קאַדרען־פּאַרטיי״, אַ רעגימענטירטער אָרדן, ס׳איז נאָך אַלץ אַן ענין פון פּריווילעגיע און סטאַטוס, אַ קאָמפּאַקטער, רעלאַטיוו אַ נישט צו גרויסער כוח וועלכן מ׳קען דיסציפּלינירן און

מושטרירן. די פילאָזאָפיע פון דער „געיִעכטער מינדערהייט" האָט איבער־געלעבט אויך די רעוואָלוציאָנערע צייטן און פאַרט זיך מיטן עצם ווען פון דיקטאַטור, וואָס דרייט זיך אין אַלץ ענגערע קרייזן, פון קלאַס צו פאַרטיי, פון פאַרטיי צו פירערשאַפט, פון פירערשאַפט צו קליקע, פון קליקע — צום אַליין־הערשער... די „דעלעגאַציע פון מאַכט" גייט פון אויבן אַראָפּ, פון רבינס טיש, ביז צו די שיריים, פאַר די פשוטע זעלנערס...

אין ישראל פאַרמאָגט די אַרבעט־פּאַרטיי — לויטן לעצטן מפקד (צייַ־לונג) — 300.000 חברים, דאָס איז אַרום 10 פּראָצענט פון דער באַפעלֿ־קערונג און מסתמא בערך אַ פערטל פון די דערוואַקסענע. דאָס איז אַן עקסטרעמער אויסדרוק פון אַ מאַסן־באַוועגונג, די טירן און פענצטער פון דער פּאַרטיי זענען ברייט אָפן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָפענער געזעלשאַפט; מ׳טוט נישט קיין טובה, ווען מ׳נעמט אַריין אַ חבר, מ׳זוכט אים אויס, „מ׳רעדט אים צו", מען איז נישט בודק זיינע ציצות, נישטאָ כמעט קיין חילוק צווישן חבר און סימפּאַטיקער.

אין אָט דעם סיסטעם זענען פאַראַן גרויסע און ערנסטע בלויזן און ריי־זיקעס. עס איז אָבער נישט קיין פראַגע פון „באַקוועמלעכקייט" און „גוט־לעכקייט" — ס׳קען גאָר אַנדערש נישט זיין. ס׳איז אַ רעזולטאַט פון אַן אני מאמין פון דאָקטרינע און מהות. ס׳איז אַ ענין פון צוטרוי אין די מאַסן, אין מענטשן און אין דעם דעמאָקראַטישן פּראָצעס. אוודאי איז פאַרמעלע דעמאָקראַטיע נישט גענוג און זי איז אָפט מאָל אויסערלעך און מעכאַניש, אָבער דערוויַיל האָט נאָך קיינער נישט צוגעטראַכט קיין פרייען רעזשים, וווּ מ׳זאָל זיך קענען באַגיין אָן איר — און אגב איז זי ווי דאָס געזונט: מ׳דערפילט איר ווערט — ווען זי איז נישטאָ.

פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער „אָפנקייט" דרינגט שוין אַרויס, אַז אַלץ וואָס קומט ביי איר פאָר איז אָפן. אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַלץ הערמעטיש געשלאָסן און גרויזאַם געהיימנישפול. די ווילכטיקסטע עפּאָכע־מאַכנדיקע באַשלוסן ווערן אָנגענומען בחדרי־חדרים, כאָטש אָפט דערפילט מען די רעזולטאַטן אין די אָנגעפילטע טורמעס און בערג פון אָפּגעהאַקטע קעפּ. אין דער „עבודה"־פּאַרטיי איז ווי אין אַ „גלעזערן הויז" — אַלץ פּאַסירט אונטער דער העלער זון און בפרהסיה, אַפילו די אינטימסטע און אינערלעכסטע ענינים. צווישן דעם ענגסטן באַראַטונג־צימער און די צייַ־

טונגען און ראַדיאָ און טעלעוויזיע — איז אַ קאַנצנשפּרונג. אָפּט איז עס פאַרדריסלעך און אומבאַקוועם, אָבער, דאָס איז דער טייערער פּרייז פון דעמאָקראַטיע און ווען מ׳פאַרגלייכט דאָס מיט דעם סיסטעם אין וועלכן געהיים־פּאָליציי קאָנטראָלירט אויך פּאַרטיי־מיטגלידער, קען מען זאָגן: ברוך שלא עשנו קאָמוניסטן, מיט אַלע זייערע איבערראַשונגען און מיט זיי־ ער בליציקער האַנדלונג.

מיט דער ברייטהאַרציקייט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער „אָפנקייט" איז ענג פאַרבונדן דאָס אידעאָלאָגישע לעבן אין דער באַוועגונג און אפשר איז דאָס די סיבה פון דער פאַרשידנאַרטיקייט און געדאַנקלעכער פּלוראַלישקייט פון דער „עבודה"־פּאַרטיי אין קעגנזאַץ צו דער שטייפער און דאָגמאַטישער מאָנאָ־ ליטישקייט פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיי.

אוודאי זענען דאָ גרויסע חילוקי דעות אויך אין דער קאָמוניסטישער פירערשאַפט (און אָפט מאָל טראָגן זיי זיך אַריבער צווישן די מיטגלידער) אָבער דאָס זענען מער חילוקי דעות וואָס שייך טאַקטיק און סטראַטעגיע. דאָרט איז אַלץ אומבאַרירבאַר, גאָט איז איינער און זיין נביא איז לענין. יעדע אָפּווייכונג איז כפירה און דער געראַנגל גייט וועגן פּירושים אָבער נישט וועגן דער הלכה.

אין דער „עבודה"־פּאַרטיי „הויזן" צוזאַמען: רעליגיעזע און פרייע, מאַרקסיסטן און סתם ליבעראַלן, אַנהענגערס פון פרייער אַרבעטער־באַווע־ גונג און „עטאַטיסטן", מענטשן פון ארץ ישראל השלמה און „טויבן שבטויבן" — אָבער, דאָס איז חלילה נישט סתם קיין פּראַגמאַטיזם, אַ מין פאַרבינדונג פאַר צייטווייליקע אינטערעסן, פּראַקטישע צילן און מאַכט. ס׳איז אַ שות־ פות, אַ רעזולטאַט פון דערפאַרונג אין קאַמף, אַ צוגאַנג, אַ מענטאַליטעט, אַ סך הכל פון אַלגעמיינע פּרינציפּן וואָס איז סאָלידער פון דער אייזן פעס־ טער איינשטימיקייט, וואָס קען נאָר אַרויפגעצוווּנגען ווערן דורך געוואַלט. מיר איז ליבער אָט די סימפאָנישע האַרמאָניע ווי די „איינשטימיקייט" פון מאַרשפּויקן.

און פון אינעווייניק צום דרויסן, פון דער באַוועגונג צו דער „גאַס".

מען קען אַזוי ציען דעם פאָדעם ווייטער און ווייטער און פּרוּוון דורכ־ פירן אַ גזירה־שוה צווישן די דערפאָלגן און אויפטוען פון דיביידע פּאַר־ טייען, צווישן די היסטאָרישע באַלאַנסן וואָס זיי ברענגען צו די קאָנגרעסן.

ס׳קען זיין, אַז דער פאַרגלייך וועט אַרויסרופן אַ שמייכל ביי די וואָס דענקען אין טערמינען בלויז פון כוח און כמות. קודם־כל וועגן מצב: פון איין זייט האָט סאָוויעט־רוסלאַנד דערגרייכט אַ תקופה פון זיכערקייט, קיינער באַדראָט נישט דאָס לאַנד און זיינע גרענעצן זענען לענגער און ווייטער ווי זיי זענען געווען אין וועלכער עס איז תקופה אין זיין געשיכטע, רוסלאַנד האָט פאַרווירקלעכט היסטאָרישע אַמביציעס אין נאָענטן מזרח און שטעלט אַריין אַ פוס אין דרום־אַמעריקע. זיינע היסטאָרישע שונאים זענען איצט זיינע פריווילּיקע אָדער געצוווּנגענע פאַרבינדעטע. סאָוויעט־רוסלאַנד איז די צווייטע אָדער אפשר די ערשטע מדינה אין דער וועלט אין פרט פון אַטאָמישער אַנטוויקלונג. טראָץ אַלע יוירונגען און ספּאָראַדישע אָפּאָזיציעס איז דאָס לאַנד צוגעקומען צו אַ רעלאַטיווער סטאַביליטעט, האָט אַפילו אָפּגעשוואַכט די געפערלעכע אַספּעקטן פון טעראָר. וואָס שייך ישראל געפינט זי זיך אין מיטן פון דעם קאַמף פאַר איר נאַקעטן קיום. זי איז נאָך אַלץ נישט זיכער אין אירע שכנים און מעכטיקע פיינט זאָגן איר אָפּ דאָס לעבן. זי קען נאָך נישט קיין רו אויף קיין איין מינוט. מ׳פאַרגינט איר נישט דאָס ביסל זיכערקייט, וואָס זי האָט זיך אויסגעקעמפט דורך אומצייליקע קרבנות און גבורה און „מ׳לייגט איין וועלטן״ כדי זי צוריקצושטופן צו די וואַקלדיקע, גליטשיקע גרענעצן. זי איז נאָך אַלץ אַ באַלאַגערטע געזעלשאַפט.

ווען עס קומט צו דערגרייכונגען קען קיינער נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט און פאַרלייקענען די אויפטוען פון סאָוויעטישן רעזשים, וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד אין אַ הויך־אינדוסטריעלער מדינה, אַ פרימיטיווע באַפעלקערונג — אין אַ פאָלק מיט אַ הויכן ניוואָ פון וויסנשאַפט. נישט געקוקט אויף אַלע רעגימענטאַציעס און אויף דער פאַריאָכונג, איז דאָרט פאַראַן אַ גרויסער אויפשוווּנג פון קונסט און פון ליטעראַטור און אַ פאָלקלאָריסטישע פאַרביקייט; מ׳קען אויך נישט פאַרגלייכן דעם היינטיקן מצב אינעם לאַנד מיט דעם נידעריקן לעבנס־ניוואָ, מיט די שוידערלעכע באַדינגונגען אין פאַר־קאָמוניסטישן רוסלאַנד.

און פון דעסטוועגן, און טראָץ דעם — איז נישטאָ קיין גרונט פאַר קנאה אָדער חלילה שפלות־הדעת מצד די טויזנטער דעלעגאַטן פון דער ישראלדיקער קאָנפערענץ. פאַרקערט, ביי יעדן פאַרגלייך און פאַרמעסט

קומט אַרויס דער ישראלדיקער אויפטו — נאָך שענער, שעפערישער און מער טריומפירנדיקער. אַלץ וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד האָט אויפגעטאָן — איז דערגרייכט געוואָרן דורך ימים בלוט, דורך טעמפּער אכזריות, דורך גייסטיקער און אינטעלעקטועלער פאַריאָכונג. די פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט דורך געוואַלט און לעבט נאָך אַלץ אויף באַגנעטן. די מאַ־סיווע רעזולטאַטן זענען אויסגעפּרעסט געוואָרן דורכן שווייס און דורך די יסורים פון מיליאָנען, וואָס די בעסטיע — דער רעזשים — האָט אויפגעע־פרעסן, זיינע אייגענע בעסטע און גראָטנסטע קינדער.

אויך איצט האָט דער ראַטן־רעזשים נישט קיין צוטרוי צו די אייגענע בירגער. ער מאַכט „איין שריט פאָרויס און צוויי צוריק״! אַ ביסעלע, אַ טיי־לעפעלע פרייהייט און גלייך נאָך דעם די רעסטאַוראַציע פון טעראָר; יעדער אויסדרוק פון אַ מיינונג, יעדער איינצלנער פּראָטעסט פון אַן אינטעלעקט־טואַל, יעדע פּעטיציע און קאָלעקטיווע ביטע, פאַר עליה למשל, ווערט באַ־טראַכט ווי אַ יוצא־דופנדיקע פּאַסירונג, כמעט ווי אַ נס מן השמים. עס איז נאָך אַלץ „אַ פּאַרטיי״ מיט 99,9 פּראָצענט יאָ־זאָגערס, קאַזיאָנע שרייבערס, אַ לאַנגווייליקער קאָנפאָרמיזם אין אַלע שטחים פון מענטשלעכער יצירה.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג און איר גרויסע פּאַרטיי אין ישראל האָט אַלץ געפּורעמט מיטן כוח פון אידעאַליסטישן רצון און אין אַ קלימאַט פון פולער פרייהייט. זי איז געקומען צו דער מאַכט אַ דאַנק אירע מעשים און אויפקלערונג. יעדע עטלעכע יאָר שטעלט זי זיך פאַר די וויי־לערס און דאַרף באַנייען איר מאַנדאַט; יעדן טאָג אין יאָר געפינט זי זיך אין אַ דיאַלאָג מיטן פאָלק און אונטערן פייער פון קריטיק. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אַלע מאַסן־אינסטרומענטן פון אויפקלערונג פון צייטונ־גען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע זאָלן זיין קעגן איר. טעאָרעטיש קען אַ קאָאַליציע פון אַלע פּאַרטייען זי אומוואָרפן ביי יעדער געלעגנהייט. די פרייהייט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אין די שווערסטע מלחמה־צייטן, אין טעג פון טאָטאַ־לער מאָביליזאַציע, וואָס האָבן געקענט אַרויסרופן דעם יצר און אפשר אַפילו באַרעכטיקט אַ שטרענגע קאָנטראָל.

און ביי דעם אַלעמען — אַ מעכטיקע אַרבעטערשאַפט, אַ סאָציאַליסטי־שע לאַנדווירטשאַפט, אַ פּאָלקסבאַזיץ פון באָדן און אוצרות, אַ הויכער לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן, אַ שנעלע איינוואָרצלונג פון הונדערטער טויזנ־

טער עולים, אַ מעכטיקע אַנטוויקלונג פון פּאַרוואָרלאָזטע געגנטן און דאָס אַלץ מיט רייניע הענט, אָן טעראָר און אָן אַרבעט־לאַגערן, אָן „אָפּשאַפן" בירגערלעכע פרייהייט, אָן דעקרעטן־הערשאַפט, אָן מיליטערישער השפעה און אָן פּריווילעגיעס פון די גרויסע און מעכטיקע. נישט נאָר אין די עטי־שע וועגן האָט די „עבודה"־פּאַרטיי די אויבערמאַכט. און אפשר איז די זאַך אַליין טאַקע אינערלעך שווערער, דערפאַר אָבער טיפער, מענטשלעכער און העראָישער און די רעוואָלוציע — רעוואָלוציאָנערער.

נישט ענדערן אַ געזעלשאַפט, נאָר זי געשטאַלטיקן און בויען, נישט בעסער עקספּלאָאַטירן די נאַטירלעכע רייכטימער, נאָר זיי אַרויסרייסן און אַנטפּלעקן און אַפילו שאַפן זיי מיטן כוח פון שכל און וויסנשאַפט, נישט נאָר פירן אַן אַרבעטערשאַפט, נאָר זי פאָרמירן פון סאַמע יסוד פון מענ־טשנשטויב פון דער גאַנצער וועלט, זיין גרויס אין דער אויפגעצווונגענער קלייניקייט, ווידער אַמאָל ברענגען אַ ביישפּיל דער גרויסער וועלט אַזוי ווי אין די נאָבעלע אָנהויב־יצירה־צייטן אין דער יידישער געשיכטע.

צוויי קאָנפערענצן — צוויי וועלטן, צוויי תורות. ס'קען זיין אַז פון דעם אויסגאַנג פון דעם געראַנגל איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער גאַ־רער וועלט.

1971

צענטראַליטעט פון מדינת ישראל און אירע אַספּעקטן

א

לעצטנס איז ווידער באַנייט געוואָרן דער וויכוח אַרום דער צענטראַליטעט פון מדינת ישראל אין דער יידישער וועלט. די פראַגע וואָס איז אַזוי אַלט ווי די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז אויפגעהויבן געוואָרן אין איר פולער שאַרפקייט, סיי דורך ישראלדיקע, סיי דורך חוץ־לארצדיקע קרייזן. זי איז נישט בלויז קיין טעאָרעטישע. זי האָט פּראַקטישע אויסווירקונגען אינעם חינוך, אין דער מאָביליזירונג פון פינאַנסן פאַר יידישע הצטרכותן און בכורה יעדעס מאָל, ווען עס שאַפט זיך אַ קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון ישראל און פון די לאָקאַלע קהילות א.א.וו. פונעם ישראלדיקן צד ווערט באַטאָנט דער פרימאַט פון דער מדינה, באַזונדערס אין די איצטיקע טעג פון אירע שווערע נסיונות, ווען זי איז כמעט אַליין אויף דער וועלט און ס׳איז איר פאַרבליבן נאָר די לאָיאַליטעט פון יידישן פאָלק. אויסער ישראל ווידער, און באַזונדערס אין אַמעריקע, געפינט מען פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן אַפילו אין קרייזן, וואָס זענען לאָיאַל, געטריי און איבערגעגעבן צו דער מדינה, אַז ווי וויכטיק ישראל זאָל נישט זיין, איז זי נישט דער איינציקער פאָקוס, און אַז אין חשיבות, אויב נישט אין דרינגלעכקייט, דאַרף זי נישט האָבן קיין פּריאָריטעט אינעם בויען און שאַפן קהילות אויף די ערטער, ווארעם דאָס זענען אייגנטלעך פּאַראַלעלע און גלייכע אויפגאַבעס. אויב מען זאָגט, בכן, אויף ישראל, אַז זי ליידט פון אַ „מצדה־קאָמפּלעקס״, קאָן מען מיט נישט ווייניקער רעכט באַהויפּטן, אַז דאָס יידישע אַמעריקע קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם „בבל־קאָמפּלעקס״.

האָבן מיר דאָ נישט בדעה זיך אַריינצולאָזן אין דער דאָזיקער אַלטער

אידעאָלאָגישער און היסטאָריאָזאָפישער מחלוקה. וואָס מיר ווילן דאָ יאָ, איז בלויז מאַכן אייניקע ראַנד־באַמערקונגען און זיך אָפּשטעלן אויף איי־ניקע, גאַנץ אומעטיקע אַספּעקטן פון יידישן לעבן, וואָס האָבן אַן אינטימע שייכות מיטן דיסקוטירטן ענין.

1. עס האַנדלט זיך וועגן צענטראַליטעט און נישט עקסקלוזיוויטעט פון ישראל. כ׳ווייס נישט, צי עס איז דאָ נאָך עמעץ וואָס פאַרטרעט די עקסטרעמע טעאָריע, אַז מיט דער צייט וועט דער גאַנצער ענין תפוצות און ישראל זיין אַ היסטאָרישער באַגריף; אַז דאָס יידנטום אין גלות איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג און אַלץ וואָס עס וועט בלייבן פון יידן און יידישקייט וועט זיך געפינען אין ישראל. אָט דער אכזריותדיקער פּראָג־נאָז פון ד״ר יעקב קלאַצקין ווערט היינט דורך קיינעם נישט אַפּראָבירט. דאָס וואָרט „צענטער״ גופא טראָגט דאָך אין זיך דעם באַגריף פון אַ פּע־ריפעריע, פון אַן אַרום, פון ישובים, וואָס דער דאָזיקער צענטער באַ־ווירקט און באַשטראַלט, ווי אויך פון טיילן וואָס גראַוויטירן אַרום אים און ווערן דורך אים באַאיינפלוסט. דאָס מיינט אויך קעגנזייטיקע באַפרוכפּע־רונג. ווייל אויב דער אַרום איז כולו פינצטערניש און אונטערגאַנג, קאָן אויך דער צענטער נישט זיין כולו ליכט און אויפגאַנג. כדי ישראל זאָל דערפילן איר געגאַרטע און אויסגעבענקטע ראָל מוזן אויף דער וועלט זיין ישובים, וואָס זענען גייסטיק און קולטורעל צוגעגרייט אויפצונעמען „די תורה פון ציון און גאָטס וואָרט פון ירושלים״.

היינט צו טאָג איז זייער געוואַגט און כמעט אוממעגלעך צו רעדן וועגן דער פיזישער צונויפזאַמלונג פון אַלע יידן פון דער וועלט אין ישראל און אַפילו די קאָנצענטראַציע פון רוב בנין ומנין פון פאָלק זעט אויס צו זיין אַ מין משיחישער, מיסטישער ציל, און אַ מוזיק פון דער זייער ווייטער צוקונפט. מען דאַרף זיך רעאַליסטיש צוגעווינען צום געדאַנק אַז מיליאָנען יידן וועלן לעבן אויסערהאַלב דער מדינה; אַז די עקזיסטענץ פון ישובים אויסער ישראל איז אַ היסטאָריש פּערמאַנענטער פאַקט. די אויפגאַבע פון דעם צענטער איז זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן אין קולטורעלן, גייסטיקן און עטניש־נאַציאָנאַלן זינען.

2. פון דער צווייטער זייט אָבער איז נישט מעגלעך צו שטעלן אַ גלייכצייכן צווישן ישראל און גלות. וואָרעם אויב ס׳איז אמת, אַז מען

קאָן פולשטענדיק זיך אויסלעבן אַלס ייד אין גלות, אַז מען קאָן אין אונד־זער צייט פאַרזיכערן יידישן קיום און המשך, זייענדיק אַ מינדערהייט אין אַ פרייער אַסימילירנדיקער געזעלשאַפט, אויב מען קאָן שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור וואָס איז זעלבסטשטענדיק און רייך, כדי אַנטקעגנ־צוווירקן דער אומגעהויערער אַסימיליר־קראַפט פון דער אַרומיקער סביבה, טאָ צו וואָס דאַרף מען האָבן די צענטראַליטעט פון ישראל און אפשר ישראל בכלל?

3. מען מוז אַריינברענגען אַבסאָלוטע קלאָרקייט אין נאָך עפּעס: עס האַנדלט זיך נישט וועגן דער פאַרזיכערונג פון אינדיווידועלן פיזישן קיום פון יידן אַלס יחידים און, אַזוי צו זאָגן, אַלס מענטשלעכע, ביאָלאָגישע באַשעפענישן. מיר שליסן אויס פון אונדזערע באַטראַכטונגען די שרעקלעכע מעגלעכקייט פון אַ נייער שואה (כאָטש קיינער קאָן נישט גאַראַנטירן אַז אַזוינס וועט זיך מער נישט איבערחזרן, לכל הפחות, אין געוויסע לענדער און אַפילו קאָנטינענטן). אין אונדזערע צייטן באַזירן מיר די צענטראַליטעט פון ישראל מער אויף יידישקייט־נויט, ווי אויף יידן־נויט. מיר בויען נישט אונדזער ציוניזם אויף קאַטאַסטראָפעס.

ס׳איז אָבער קלאָר, אַז פון אַ ריין נאַציאָנאַלן און אָביעקטיוון שטאַנד־פונקט איז נישט קיין אונטערשייד צי יידן גייען אונטער אַלס רעזולטאַט פון פּאָגראָמען און גאַזאָוונס, אָדער זיי פאַרשווינדן „סתם". אין ביידע פאַלן זענען זיי פאַר אונדז, אַלס יידן, פאַרלוירן. מיר האָבן אין פאַרלויף פון אונדזער געשיכטע פאַרלוירן אַ סך מער דורך צוזאַמענגיסן זיך מיט אַרומיקע פעלקער, ווי דורך די פיזישע רדיפות וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין. די מיליאָנען „אָפּגעמעקטע" יידן אין אַמעריקע טוען אונדז נישט וויניקער וויי, ווי די פאַרטיליקטע דורכן היטלעריזם. מ׳קאָן שטאַרבן אין אַגאָניע־יסורים, אָדער אין זיסן שלאָף. אין ביידע פאַלן איז עס טויט.

פון אָט דעם איינפאַכן און טראַגישן שטאַנדפונקט קאָן מען און מען מוז באַטראַכטן די פראַגע וועגן דער צענטראַליטעט פון ישראל. צי קאָן מען אָן איר, אויסער איר, אומאָפּהענגיק פון איר און אַפילו פאַראַלעל צו איר פאַרזיכערן די יידישע קאָנטינואיטעט און אידענטיפיקאַציע?

4. אין תוך גענומען איז דער וויכוח אַן אידעאָלאָגישער. רעאַליסטיש באַטראַכט, הערשט אומעטום די צענטראַליטעט פון ישראל. שוין נישט

רעדנדיק וועגן נאַציאָנאַלע עלעמענטן צווישן די 3 מיליאָן יידן אין סאָ־וויעט־רוסלאַנד, פאַר וועלכע יידישקייט איז אידענטיש מיט ישראל, נאָר אַפילו אין די לענדער מיט גרויסע יידישע קאָנצענטראַציעס אין כמות און אויך אין איכות, איז ישראל, קאָנקרעט און פּראַקטיש, דער הויפּט־מאָטאָר אין דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט פון יידן און דער לייט־מאָטיוו פון זייער קהילה־לעבן. נישט רעליגיע (מיט איר גאַנצער לעבנס־וויכטיקייט און היסטאָרישן כח), נישט דער אַפּווער־קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם און די פאַרבליבענע פאָרמען פון דיסקרימינאַציע און נישט די פּי־לאַנטראָפּישע און אַפילו די קולטור־אינסטיטוציעס, נישט דער טעמפּל און נישט דער קהילה־צענטער, קאָנען זיך מיט איר פאַרגלייכן. אַלץ איז גוט צוזאַמען, אָן איר בלייבט גאָרנישט, אָדער נישט מער ווי וועגעטאַציע.

די זאַך איז אָבער וואָס אַפילו די, וועלכע לייקענען נישט אָפּ די קלאָרע פאַקטן, ווילן זיי נישט, אַזוי צו זאָגן, אידעאָלאָגיש „סאַנקציאָנירן", ווער פון געוווינהייט, ווער פון פּאַטריאָטיש־לאָקאַלן אייפער און ווער פון קנאה און אַפילו שנאה.

אָט מיט זיי איז דער וויכוח.

ב

די וואָס אָנערקענען נישט די צענטראַליטעט פון ישראל (און ס'רעדט זיך וועגן אמתע פריינד און איבערגעגעבענע און לאָיאַלע טוערס) באַנוצן זיך געוויינלעך מיט צוויי אַרגומענטן. 1. די אומפעיקייט פון דער מדינה צו זיין די גייסטיקע מעטראָפּאָליע פון יידישן פאָלק, צוליב אירע גרויסע סאָציאַלע און גייסטיקע שאָטנזייטן, וועלכע זיי אונטערשטרייכן און טרייבן אַפילו איבער; 2. זיי רעדן אומאויפהערלעך וועגן דער „שעפערישקייט" פון אייגענעם ישוב. און דאָס איז באַזונדערס ריכטיק אין דעם גרויסן יידישן קבוץ אין אַמעריקע. עס געהערט דאָרט צום גוטן טאָן צו פּראָקלאַמירן די „אומאָפּהענגיקייט" פון ישראל אין יידישער הינזיכט און אַרויסשטעלן דאָס ביסל אייגענע האָב און גוטס אַן „אַלטערנאַטיווע", אַלס „אַ ברירה" אַלס עפּעס גלייכס צו ישראל.

אויף דער פּרעטענזיע ווילן מיר זיך אַ ביסל לענגער אָפּשטעלן.

דער באַוווסטער און קאָמפּעטענטער זשורנאַליסט באָריס סמאָליאַר גיט איבער וועגן דער ערשט אָפּגעהאַלטענער קאָנפערענץ פון דעם צענטראַל־ראַט פון די אָרגאַניזירטע יידישע געמיינדעס אין אַמעריקע („קאָונסול אָף דזשואיש פעדעריישנס ענד וועלפער פאָנדס"). אָט די וויכטיקע קערפּער־שאַפט פאָלגט נאָך, שטודירט און ריכט די פּראָצעסן אין יידישן לעבן, זייער טענדענץ און ריכטונג פון אַנטוויקלונג.

און אָט צו וועלכע מסקנות עס זענען, ווי ער גיט איבער, געקומען די עקספּערטן:

1. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט נישט אין זיינע רייען קיין גרויסע יידישע דיכטערס און פילאָזאָפן, וועלכע זאָלן באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון יידישן לעבן, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע, אין די צייטן פון יהודה הלוי, פון רמב"ם, פון אבן עזרא א.א.וו. (מיר מעגן אויך צוגעבן דעם ליכטיקןביישפּיל פון פּוילישן יידנטום מיטן יאַנגן צעטל פון באַרימטע מורי־הלכה, רעליגיעזע אויטאָריטעטן און גרויסע וועלטלעכע פיגורן).

2. 90 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין אַמעריקע באַקומען נישט קיין יידישע דערציִונג נאָך דער בר־מצוה־צערעמאָניע און די וואָס זיי קריגן ביז דעמאָלט איז אויך אַ מאָגערע און ראַכיטישע.

3. אַ גרויסער טייל פון זייערע עלטערן האָבן נישט באַקומען קיין יידישן וויסן און זייער יידישקייט איז אויפן שפּיץ־מעסער.

4. די צאָל יידישע געבורטן ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. די דעמאָגראַפישע ליניע האַלט אין איין זינקען און עס קומט אַ מאָמענט ווען די געבורטן באַלאַנסירן נישט די פאַרלוסטן און דאָס יידנטום הערט אויף זיך צו פאַרמערן.

5. אין דעם קלאַסישן סינאַגאָגע־ישוב איז מער ווי אַ העלפט פון יידישע פאַמיליעס נישט אָנגעשלאָסן אין קיין שום קאָנגרעגאַציע פון וועלכער עס איז ריכטונג און מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידנטום איז נאָך אין אַ טיפערערן קריזיס. אין אַמעריקע ווייסט מען נישט „מיט וואָס מען עסט עס".

6. דער שיכט פון די אַזוי גערופענע פּראָפעסיאָנעלע יידן, די אָנגעשטעלטע אין די געלט־זאַמלונגען, ביי סאָציאַלער אַרבעט, אין די קהילה־

צענטערס איז אַדמיניסטראַטיוו און טעכניש גוט אויסגעשולט, אָבער, אין פּרט פון יידישקייט זייער אָרעם און ער קען נישט אינספּירירן די קהילות, אין וועלכע ער איז טעטיק.

7. די יידישע לערנאַנשטאַלטן ווערן נישט גענוג אונטערגעשטיצט דורך די געמיינדעס און אַפילו די העכערע אינסטיטוציעס לאָזן אַרויס זייער ווייניק מענטשן מיט פונדאַמענטאַלער יידישער בילדונג. די צייט וועט ווייזן צי די לעצטנס געשאַפענע פאַקולטעטן און קורסן פאַר יידישע סטודיעס אין די אוניווערסיטעטן וועלן עפּעס ענדערן אויף דעם געביט.

8. ס׳איז איבעריק נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן וועגן דער מגיפה פון געמישטע חתונות און וועגן דער גאַלאָפּירנדיקער אַסימילאַציע. אָבער עס איז כדאי אונטערצושטרייכן אַנדערע טרויעריקע פאַקטן:

א. די צאָל גטן און שיידונגען צווישן יידישע פּאָרלעך אין עלטער פון 25 יאָר איז 3 מאָל אַזוי גרויס ווי צווישן דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

ב. מיר זענען עדות פון אַ צעפאַלן זיך פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער פאַמיליע. קינדער פאַרלאָזן די עלטערן נאָך דער גראַדואירונג אין די אוניווערסיטעטן און קלייבן זיך אַריבער אין אַנדערע שטעט און די פאַרבינדונגען מיט דער משפחה ווערן לויזער און קעלטער. ס׳פאַרשווינדט דאָס עיקרדיקע קעמערל פון דער אָרגאַנישער, יידישער איינהייט. די צאָל יידן אין עלטער פון צווישן 35 און 65, דער רוקנביין פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ווערט אַלץ קלענער און די צאָל יידן פון 65 און העכער ווערט אַלץ גרעסער, פילפאַכיק מער, ווי ביי נישט־יידן.

עד כאן די פּעסימיסטישע אויספירן וואָס קומען נישט פון קיין ציוניסטישע „נביאים פון חורבן", נאָר פון איינגעוואָרצלטע, אַמעריקאַניזירטע (על פי רוב אָפיציעל נישט קיין ציוניסטישע) קרייזן.

אוודאי איז דאָס נישט דאָס גאַנצע בילד: דער ישוב אין צפון־אַמעריקע איז נאָך אַלץ אַ וויטאַלער, אַ קרעפטיקער, אַ יידיש פּאַטריאָטישער, אַן איינפלוסרייכער אין לאַנד. זיין האַרץ איז נאָך אַלץ „אויפן ריכטיקן פלאַץ".

אָבער פון דאַנען ביז „בבל", פון דאַנען ביז דעם איינרעדן זיך, אַז מען לעבט אַ יידיש לעבן און אַז מען „קאָן זיך באַגיין" אָן דער ישראל־

באַשטראַלונג, באַפּרוכפּערונג און אַן איר גרויסער השפּעה, איז אַ ווייטער מהלך. נישט אַזוי דאַרף אויסזען אַ ישוב פון „אַלטערנאַטיווע און ברירה".

ס'איז אַ סך מער איינרעדעניש, ווי ביי די „פאַלקיסטן" און „בונדיסטן" אין אַמאַליקן מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן געהאַט הינטער זיך גרויסע מאַסן און אַן עכט יידיש לעבן.

און אַז מען רעדט שוין וועגן אויסניכטערונג פון אילוזיעס, איז אפשר כדאי צו ברענגען אויסצוגן פון אַ צווייטן אַרטיקל. דאָס מאָל פון דעם טאַלאַנטפולן און געלערנטן אָבסערוואַטאָר פון יידישן לעבן דזשאפּרי ווי־גאָדער וועגן דעם גרויסן יידישן ישוב אין אַרגענטינע.

מיר געדענקען נאָך אַלע ווי מען האָט אין דעם דאָזיקן פאָלקסטימ־לעכן, וואַרעמען יידישלעכן ישוב געהאַט אויף אונדז פאַריבל, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די סכנות, וואָס לויערן אויף דער קהילה. ליידער האָבן זיך די זאַכן אַנטוויקלט אַ סך ערגער, ווי ס'האָבן געקענט פאַרויסזען די עקסטרעמסטע שוואַרצזעערס. און מיר זענען נישט אויסן די אַזוי קלאָרע און דערשיטערנדיקע אויסערלעכע געפאַרן (די פּאָליטישע קריזיסן, די אַבסאָלוטע אומזיכערקייט פון דעם נאָך פּעראָן־פּעריאָד, די עקאָנאָמישע פאַראַרעמטקייט א.א.וו. א.א.וו.). ווער אָבער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַז דאָרטן, אין אַ לאַנד פון אַ הערמעטיש געשלאָסענער קאַטוילישער גע־זעלשאַפט וועט זיך די אַסימילאַציע אַזוי צעבושעווען?

ס'וועט זיין גענוג צו ברענגען די אָנגעגעבענע פאַקטן וועגן די יונגע דורות אינעם ישוב. וויגאָדער ברענגט אַ שילדערונג פון ראָבערט ווייס־באַרד. דער זשורנאַליסט האָט געזען ווי אַזוי יונגע יידן האָבן אַפּלאָדירט אַ דערקלערונג, וואָס האָט אַטאַקירט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנספּיראַציעס: די קאַטוילישע, די יידישע און די מאַסאָנישע. די יונגע יידן האָבן דער־קלערט, אַז דאָס מיינט מען נישט זיי, נאָר די ציוניסטן. ווי אַזוי קאָן דאָס אַנדערש זיין, ווען נאָר 15 פּראָצענט פון יידישע קינדער קריגן אַ יידישע דערציִונג אין אַ ישוב, וואָס איז אוניווערסאַל באַגריסט געוואָרן אַלס אַ פעסטונג פון יידישן חינוך? לעצטנס איז נאָך די צאָל יידישע תלמידים געפאַלן. די יידישע סטודענטן, ווידער, פאַלן אַ קרבן פון דער הערשנדי־קער ראַדיקאַלער און נאַציאָנאַליסטישער אַטמאָספער אין די קאַמפּוסן. צווישן דער יידישער יוגנט, וואָס שטעלט צו איין זעקסטל פון די סטודענטן

8) מאָל אַזוי גרויס ווי דער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג), הערשט די שטימונג און דאָס געפיל, אַז יידישקייט שטייט אין וועג דער סאָציאַלער גערעכטיקייט. צווישן די 90 טויזנט יונגע יידן אין בוענאָס איירעס זענען נאָר 10 פּראָצענט אַנגאַזשירט אין וועלכער עס איז יידישער טעטיקייט. אָבער אַפילו די יוגנט, וואָס איז געבליבן אין דער יידישער סביבה און ווייזט אַרויס אַ געוויסן אינטערעס צו יידישער כלל־טוערײַ, איז ביטער אַנטוישט אין דער שטעלונג פון די עלטערע עלעמענטן לגבי זיי. ווי האָט געזאָגט אַ יידישער סטודענטן־פירער? „די בלינדקייט פון דער קהילה־פירערשאַפט צו דעם קריזיס איז אַ פולשטענדיקע. די פירערס ווילן בעסער זיך ראַנגלען מיט דער יוגנט איידער זי אונטערשטיצן".

אוודאי איז אויך דאָס דאָזיקע בילד צו איינזייטיק און צו מעלאַנכאָליש.

עס איז נאָך דאָ אַ סך ליכט, איינגעוואָרצלטקייט, ישראל־סענטימענטן אין אָט דער קהילה פון אַ האַלבן מיליאָן יידן (אגב דער אַרגענטינער ישוב האָט אָפן און קלאָר אָנערקענט דעם פּרימאַט פון ישראל און זיין ציוניסטישן כאַראַקטער). אָבער, ווידער אַ מאָל, קאָן דאָס זיין אַ „ברירה"? צי קאָן מען אַפילו פּרווון פאַרגלייכן דעם ישוב מיט דער מדינה, וואָס האָט אַ לשון, אַ מיליאָן קינדער, וואָס קריגן אַ יידישע דערציִונג אויף אַלע שטאַפּלען, זיבן אוניווערסיטעטן, גרויסע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, דורות פון יידישע שרייבערס (צווישן זיי אויך אין יידיש), טעאַטערס, מוזיק־אַנשטאַלטן, תורה־צענטערס, ישיבות, ברייט־פאַרשפּרייטע פאַרלאַגן, געוואַלטיקן יידישן פּאַטריאָטיזם און דינאַמיזם? ישראל איז נאָך ווייט פון אַ גייסטיקן צענטער אין אחד העמישן זינען, אָבער זי איז שויןביים היינטיקן טאָג דער קווינטעסענץ פונעם יידישן לעבן, דער איינציקער המשך פון יידישן געניוס.

ג

פון דעסטוועגן לויגט זיך אין דעם וויכוח אַריינברענגען צוויי קאָרעקטעס. 1) דער געאָגראַפישער פאַקט וואָס די מדינה געפינט זיך אין ישראל, דער פּסיכאָלאָגישער פאַקט פון זיין אַ גרויסער כח איז נאָך נישט גענוג,

כדי איר צו פאַרזיכערן די צענטראַליטעט. נישט די פלאַש איז וויכטיק נאָר דער ווייַן: וואָס יידישער עס וועט זיין ישראל — אַלץ נאַטירלעכער וועט זיין איר צענטער־פּאָזיציע.

2) אַ מינימום פון קולטור־שעפערישקייט פון יידישע ישובים איז נויטיק, כדי די צענטראַליטעט זאָל זיך אויסווירקן. אַ מדבר קאָן נישט און וועט נישט אויפנעמען די מחיהדיקע און זיסע וואַסערן פון יידישער תורה, חיות און וואָרצלען וועלן דעריבער פאַרזיכערן, מער ווי יעדע טעאָרעטישע באַגרינדונג, די פּראָמינענץ און העגעמאָניע פון ישראל אין יידישן פאָלק.

1975

אונדזער נאַציאָנאַלע אחריות

פון די צייטונגען דערוויסן מיר זיך, אַז סאָוויעטישע יידן, וואָס וועלן קריגן אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש און אַ ישראל־וויזע, וועלן זיך מוזן אונטערשרייבן, אַז זיי וועלן באמת עולה זיין און, אויב זיי וועלן נישט האַלטן זייער פאַרפליכטונג, וועלן זיי נישט געניסן פון דער אונטערשטיצונג פון די יידישע וועלטפאָנדן, פון „האיאס״, „דזשאָינט״ א. אַנד.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז דער באַשלוס איז אַן איבערראַשונג און אַז עס איז אַ גזירה, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. ס׳איז געווען קלאָר, אַז די יידישע פירערשאַפט וועט לאַנג נישט קענען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און איבערלאָזן אָט די גורלדיקע און היסטאָרישע ענינים צו דער „סטיכיישער אַנטוויקלונג״. די זאַכן האָבן אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם און געהאַט אַזאַ טיפע און ווייטגייענדיקע יידישע פּאָליטישע אויסווירקונג אַז מ׳האָט געמוזט באַשליסן אויף דעם אָדער יענעם אופן. די רעאַקציע איז געקומען גענוג שפּעט. די אַנטוויקלונג איז במשך אַ לענגערע צייט געווען אַ לאַנגזאַמע. אין אָנהייב איז דער פּראָצענט פון די וואָס זענען געבליבן „שטעקן״ אין ווין און פאַרקערעוועט זיך קיין אַמעריקע און קאַנאַדע געווען אַ רעלאַטיוו נידעריקער און ס׳האָט זיך נישט געלוינט צו מאַכן וועגן דעם אַ טומל. ערשט ווען דאָס אָפּפאַלן האָט אָנגענומען אומגלויבלעכע פּראָפּאָרציעס (פון 40־60 פּראָצענט), האָט מען שוין געמוזט אָננעמען מיטלען. אָבער דאָס איז ווייט נישט אַלץ. די סיבות וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן פון האַנדלען און אַפילו אַרויסטרעטן עפנטלעך קעגן דער טרויעריקער און העכסט שעדלעכער דערשיינונג זענען געווען אַ סך טיפערע און ערנסטערע. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ דעליקאַטער, דראַמאַטישער און פיינלעכער דילעמע, אין אַ געוויסנס־ענין פון דער ערשטער מדרגה, אין אַ צוזאַמענשטויס פון יידישע כלל־אינטערעסן, וואָס זענען

אַלע מאָטיווירט פון „אהבת ישראל" און האָבן הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע און טראַדיציע.

באַזונדערס איז שווער געווער צו באַשליסן פאַר יידישע קהילות אין דער וועלט און קודם כל פאַר די אַמעריקאַנער פירערס. אויך אין ישראל האָבן זיך געהערט שטימען, גאַנץ וואָגיקע און ערנסטע, קעגן דעם באַשלוס, וואָס האָבן געזען אין אים אַן „אוקאַז", וואָס פאַרשליסט די טירן פאַר יידן זיך אַרויסצורייסן פון טיראַנישן רעזשים, פון צוואַנג־אַסימילאַציע, און געפינען אַ מקום־מקלט אין אַ יידישער סביבה. מיר קענען גרייַלעך באַגרייפן אַזאַ שטאַנדפונקט. ביי די אַמעריקאַנער איז די פרייע באַוועגונג, דאָס רעכט פון אַ מענטשן צו פאַרלאָזן זיין ווױנפלאַץ און דאָס אויסוויילן זיך אַ לאַנד ווו ער וויל עמיגרירן אַ הייליקער פרינציפּ, אַ יסוד פון דער דעמאָקראַטיע. אַנווייזן און אומדירעקט צווינגען פליטים צו עמיגרירן דווקא אין אַ באַשטימטן פלאַץ — איז נישט אַמעריקאַניש, מעגן דערביי זיין ווי וויכטיק די נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון אַזאַ שטעלונג. דערייַבער איז די אָפיציעלע שטעלונג פון אונדזערע פריינד אין אַמעריקע געווען: דאָס פרייע אַרויסגיין פון סאָוויעט־רוסלאַנד און נישט זייער באַזעצן זיך אין ישראל, כאָטש אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די זאַכן זענען אָרגאַניש געבונדן ממש ווי אַ סיאַמער צווילינג.

דער „אימאַזש" פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַזאַ, אַז יעדער איינער וואָס פאַרלאָזט דאָס דאָזיקע לאַנד ווערט באַטראַכט ווי אַן אָפּגעראַטעוועטער פון גיהנום — אַן אָרעמער פליט אָדער אַ טראַדיציאָנעלער בונטאַר. ווי אַזוי־זשע קען מען פאַרמאַכן פאַר אַזעלכע מענטשן די טויערן פון אַמעריקע, וואָס איז נאָך אַלץ אין זייערע אויגן דער רעטונגס־פּלאַץ פאַר געדרודפטע און געפּלאָגטע ווי ס'שטייט אויסגעקריצט אויף דער פרייהייט־סטאַטוע ?

ס'איז קעגן דער גאַנצער טראַדיציע פון די אַמעריקאַנער יידן צו העלפן עמיגראַנטן און נויטבאַדערפטיקע, נישט מאַכנדיק קיין חשבונות און נישט אַריינטראַכטנדיק. מ'טראָגט אונטער פשוט מענטשלעך, נישט פּאָליטיש אינספּירירטע הילף. אָט די רחמנים בני רחמנים־פּסיכאָלאָגיע האָט גייסטיק געשפּייזט און דערצויגן דורות אַמעריקאַנער יידן. די סאָוויעטישע עמיגראַציע איז געוואָרן איינע פון אַ לאַנגער שורה מזרח־אייראָ־

פּעישע, אָריענטאַלישע און שארית־הפּליטה־שטראָמען, יידן וואָס האָבן זיך איינגעגלידערט און אַריינגעגאָסן אין דער יידישער געזעלשאַפט וואָס באַשטייט ווי דאָס לאַנד גופא פון „בלויז עמיגראַנטן".

די סאָוויעטישע יידישע עמיגראַנטן זענען אויפגענומען געוואָרן ווי די גבורים פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער דראַמע פון דעם אויפשטאַנד פונעם „יידנטום פון שווייגן". מען האָט פאַרגעסן אָדער געמאַכט זיך פאַר־געסן, אַז דער שורש, די נשמה און דער אינהאַלט פון דעם אויפוואַך, פונעם רעוואָלט און רענעסאַנס איז בלויז ישראל און אַז די עמיגראַנטן האָבן זיך דאָ אַרויפגעכאַפּט אויף אַ „טרעמפּ". מען האָט זיך באַוווסטזיניק נישט געוואָלט אַריינטראַכטן אין דעם, וואָס האָט געקענט קאַליע מאַכן אַ ראָ־מאַנטישע איינרעדעניש, אַז מ׳טוט דאָ נישט בלויז פילאַנטראָפּיע, נאָר אַ נאַציאָנאַלן אַקט.

בעת אונדזערע באַזוכן אין די שטאַטן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אין אַן אָרגאַניזירטן קאַמפּיין פון גאַנצע קהילות פאַר אַבסאָרבירן, אָרגאַניזירן, גייסטיק אַקלימאַטיזירן די סאָוויעטישע עולים און דאָס אַלץ אויף אַ טיפּיש אַמעריקאַנער סענטימענטאַלן אופן. מען האָט אפילו נישט באַגריפן, אַז מ׳שאַפט דאָ ממש אַ נייע באַוועגונג עלעהיי אַ קליטה אין ישראל.

מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די גאַנצע באַרעכטיקונג פאַר „האַיאַס" באַשטייט אין העלפן עמיגראַציע אויסער ישראל. אויף דעם געביט האָט די דאָזיקע אינסטיטוציע ממש היסטאָרישע פאַרדינסטן.

און צום סוף: די „נישט־ציוניסטישע" עלעמענטן אין אַמעריקאַנער יידישן ישוב (שוין אָפּגערעדט פון די אָפענע קעגנערס) וועלן זען אין דער נייער פּאָליטיק לגבי די „נושרים" נאָך אַ באַווייז פון דער ישראלדיקער באַהערשונג פונעם יידישן לעבן, נאָך אַן אויסדרוק פון איר שטרעבונג צו מאָנאָפּאָל און עקסקלוזיוויטעט און פון דער אַמביציע אַלץ מקריב צו זיין און צו סובאָרדינירן צו אירע באַלדיקע אָדער ווייטערע אינטערעסן. פון דעסטוועגן האַלטן מיר אַז דער אָנגענומענער באַשלוס איז באַרעכטיקט פון נאַציאָנאַל־יידישן, אַלוועלטלעכן און יידיש־סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט. ס׳איז אויך אים נישטאָ קיין שום פלעק, אפשר בלויז די אַנטוישונג פון יחידים, פאַר וועלכע די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך גאָרנישט מתחייב געווען און איז זיי מאָראַליש גאָרנישט שולדיק. אפשר פאַרקערט.

מיר גלויבן, אַז ס׳איז קוים נויטיק בהרחבהדיק צו באַגרינדן איי־ניקע אמתן:

א) די דערוואַכונג, דער יידישער „ווידערגעבורט" אין סאָוויעט־רוס־לאַנד, דער אויפשטאַנד פון דער נאַציאָנאַל־געקריוודעטער מינדערהייט — וואָס איז איינער פון די גרעסטע נסים אין דער יידישער געשיכטע. ער איז געבוירן געוואָרן אונטערן לאָזונג פון עליה קיין ישראל, אַ מין „רעפּאַטריאַציע" און נאָר מיט דעם דערקלערט זיך איר אינטערנאַציאָנאַ־לער אָפּקלאַנג, פאַרנעם און איר הצלחה.

קיין שום סאָוויעטאָלאָג איז נאָך נישט דערגאַנגען צום סוד פאַר וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, „אונטערגעגעבן" און דער־לויבט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע עמיגראַציע קיין ישראל, מיט וועלכער זי געפינט זיך אין געשפּאַנטע, נישט פריינדלעכע (מילד געזאָגט) באַציונגען. פאַר אונדז איז קלאָר, אַז נאָר דער פּאַטריאָטיש־ישראלדיקער אויפפלאַם פון דער יוגנט האָט זי באַוויזן „אַראָפּצושלינגען די ביטערע פּיל" און דעם פאַרלוסט פון איר פּרעסטיזש און דעם אָפענעם ווידערשפּרוך צו איר גאַנצער פּאָליטיק. דער באַגריף פון „משפחה־פאַראייניקונג" האָט אייגנטלעך נישט מער ווי פאַרדעקט די פּרעצעדענטלאָזע און, פון סאָ־וויעטישן שטאַנדפּונקט געפערלעכע, קאָנצעסיע.

אָבער ווי יעדער גרויסער אַקט אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, האָט אויך דער דאָזיקער נס געקענט געשען און ווערן אַ ממשות דורכן אומבאַ־שרייבלעכן העראָיזם פון די מוטיקע קעמפערס. נישט כדי עטלעכע טויזנט משפחות זאָלן זיך אינדיווידועל איינאָרדענען אין אַמעריקע שמאַכטן אסירי ציון אין די פאַרשיקונגס־ערטער, נישט צוליב דעם האָבן העראָישע יחי־דים דורכגעפירט דעמאָנסטראַציעס און הונגער־שטרייקן, נישט צוליב דעם זענען זיך צונויפגעקומען די בריסעלער קאָנפערענצן און דאָס אַמעריקאַ־נער יידנטום האָט אַנטוויקלט איינע פון זיינע מעכטיקסטע, געלונגענסטע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַקציעס.

אוודאי איז פון פאַרויס פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער גערעַנגל אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז מער ווי פאַר עליה קיין ישראל; ער איז אַ צוריק־קומען, אַ רענעסאַנס צו יידישקייט. מיט דעם איז געווען פאַרבונדן דער קאַמף פאַר קולטורעלע און רעליגיעזע רעכט פון ייד אין אַט דעם מולטי־

נאַציאָנאַלן שטאַט און אין צענטער פון דעם איז געווען די ווידערבאַהעפ־טונג מיט ישראל.

פון דעם אַרויספאָרן פון עטלעכע צענדליקער טויזנטער יידן קיין קאַנאַדע אָדער אַמעריקע וועט זיך מיט דעם אַפילו אויף קיין האָר נישט אַ ריר טאָן אינעם יידישן לעבן, וואָס איז שטערבלעך באַדראָט אין זיין עצם־קיום דורך אָפּגעריסנקייט, פאַרפרעמדטקייט און צוואַנג־אַסימילאַציע.

די אַלץ וואַקסנדיקע עמיגראַציע אין די „באַקוועמע" לענדער פאַר־קריפּלט דעם גאַנצן קאַמף, און טוישט אויס דעם גרויסן אוצר פון אַ קעמפערישער, אידעישער באַוועגונג אויף קליינגעלט. זי איז עלול צו דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט, אַז די שטאָלצע שטעלונג פונעם סאָוויע־טישן יידישן ישוב און וועלטיידנטום איז געווען נישט מער ווי אַן אָנ־שטעל פאַר פּערזענלעכע מאַטעריאַליסטישע צוועקן.

כ'ווייס נישט אויב סאָוויעט־רוסלאַנד וועט חלילה אָפּשטעלן דעם אַרויספאָר פון אירע יידישע בירגער צוליב אָט דער נייער אַנטוויקלונג. אָבער ס'איז פאַראַן די סכנה, אַז אויב זי וועט ענדערן איר זיג־זאַג־פּאָלי־טיק, וועט זי האָבן מער ווי אַ תירוץ און אַפילו אַן אויסערלעך לאָגישע סיבה: יידן האָבן זי אָפּגענאַרט, די גאַנצע זאַך איז נישט מער ווי אַ מאַ־כערייקע, אַ כיטרער מיטל פון „שעדלעכע עלעמענטן" צו דערזערטירן קיין אַמעריקע.

די פּופּציק פּראָצענט אָפּפאַלנדיקע קענען געבן אַ טויטקלאַפּ דער גאַנצער אַקטיוויסטן־באַוועגונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד און חלילה אַ סוף מאַכן צום הערלאָישן קאַפּיטל פון אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע.

וואָס עס מיינט פאַר ישראל דער פאַרלוסט פון די צענדליקער טויזנ־טער פּראָדוקטיווע, הויך געבילדעטע יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס זענען אָביעקטיוו דער וויכטיקסטער קוואַל פון מענטשן־מאַטעריאַל פאַר ישראל, דאָס איז איבעריק צו באַווייזן.

☆

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן געזאָגט איז

ווייט נישט געגוג. עס איז אויך דאָ אַן עטישער שטאַנדפּונקט. מיר געהערן נישט צו די וואָס גלויבן, אַז דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען און אַז מיר האָבן דאָס מאָראַלישע רעכט צו באַגיין עוולות לגבי יחידים אין נאָמען פון אינטערעס פון כלל און האָבן אַ רעכט אָנצוטאָן די קרוין פון יסורים אויף צופעליקע קרבנות. מיר זענען אָבער טיף איבערצייגט, אַז דער באַשלוס איז אויסגעהאַלטן פון יעדן מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, אַז נישט נאָר מיר האָבן נישט „אָפּגענאַרט", מיסגעברויכט מיטן צוטרוי פון די עמיגראַנטן, נאָר פאַרקערט — זיי, די עמיגראַנטן, זענען באַגאַנגען אַן אַקט פון אַ גע־וויסער אָפּנאַרעריי, כאָטש מיר באַטראַכטן זיך נישט ווי ריכטערס און שטראָפערס און ווילן אויך נישט דערשיינען ווי האַרצלאָזע ביוראָקראַטן. די מענטשן האָבן געקראָגן ישראל־וויזעס, דאָס הייליקסטע און דאָס ווערט־פולסטע פון יידישן האָב און גוטס, נישט כדי זיי זאָלן זיי אויסנוצן פאַר אַנדערע צוועקן. זיי האָבן געוואָלט שניידן די פּרוכטן פון די יסורים, ליידן און קאַמף פון די עליה־אַקטיוויסטן.

אויך דער „האַיאַס", דער „דזשאָינט" און אַנדערע אינסטיטוציעס, אין וועמענס גוטן ווילן מיר צווייפלען נישט, באַגרייפן מסתמא, אַז זייערע גוטע כוונות פירן צו אַ יידישן גיהנום. זענען זיי דען חלילה געשאַפן גע־וואָרן כדי צו ברענגען שאָדן דער מדינה, וואָס געפינט זיך נאָך אַלץ אין לעבן־ און טויט־געראַנגל, און כדי צו העלפן די יחידים, וואָס האָבן גע־ווּוסט וואָס זיי טוען און וועלן נאָך אויך איצט פון פאַרויס געוואָרנט ווערן? קיינער לייגט נישט פאַר מ׳זאָל זיי שווער מאַכן דאָס אינדיווידועלע איינ־אָרדענען זיך אויף אייגענער אחריות און אייגענע קאָסטן, אָבער נישט דאָס יידישע פאָלק איז זיי שולדיק.

וואָס שייך ווידער דער יידישער רעטונג פון די עמיגראַנטן אין אַמעריקע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אויך אָנגעכאַפּט געוויסע ישראלדיקע דענקערס און פּובליציסטן, זעט דאָס אונדז אויס צו זיין אַ זייער בלאַסער אַרגומענט. ערשטנס, האָבן אָט די סאָוויעטישע יידן אין אַמעריקע די אויסזיכטן גאַנץ שנעל זיך צו אַסימילירן. און אויב אַפילו נישט, וואָס איז עס לגבי דעם גרויסן חשבון פון סאָוויעטישן יידנטום גופא?

און זאָלן מיר נישט געשטראָפט ווערן פאַר די רייד: נישט צוליב

יידישע בענקשאַפטן און יידישע גייסטיקע אימפולסן רייסן זיך די „נוש־רים" קיין אַמעריקע.

צי וועט די נייע פּאָליטיק העלפן? צי וועט זי פאַרגרעסערן די צאָל עולים קיין ישראל? קיינער קען עס נישט פאָרויסזען. איין זאַך אָבער וועלן מיר, לכל הדעות, געווינען: מיר וועלן האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן נישט פּאַסיוו געשוויגן און אַז אונדזערע הענט האָבן נישט „פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט".

1976

יוגנט

א.

וואָס איז שענער, געגאַרטער און רייצנדיקער ווי יוגנט? וואָס איז ווּיכטיקער ווי דער פרימאָרגן און מאָרגן פון דער געזעלשאַפט? צו ווע־מען קוקט מען צוריק מיט נאָסטאַלגיע און אויף וועמען לייגט מען די האָפענונג פאַר דער צוקונפט?

אונדזער שטורמישער דור איז אפשר מער ווי אַנדערע פיקסירט אויף יוגנט און אירע רייצן. אין דער קונסט, אין ספאָרט, אַפילו אין דער פּאָליטיק הערשט די יוגנט און רק מען טראַכט ווי אַזוי מ׳האַלט זי אָן וואָס לענגער. אַפילו אין דער וועלט פון וויסנשאַפט און אינטעלעקט איז דאָ אַ פאָרצוג פאַרן יונגן פּראָפעסאָר און דענקער. דערביי איז די יוגנט אַליין... יינגער געוואָרן און ס׳ווערט אַלץ דינער דער אונטערשייד און דער איבערגאַנג פון יינגל צום יונגן מאַן, פון מיידלשע יאָרן צו פרויאישקייט.

דער לענגערער לעבנסדויער אין אונדזער צייט און די מאַסן פון עלטערע מענטשן מיט זייערע פּראָבלעמען, געוווינהייטן און מיחושים, אַקצענטירן נאָך מער די פרישקייט, האַרמאָנישקייט, גנאַד און אויס־שטראַלונג פון די שוואַרץ־קעפּיקע; דאָס איז אַ תקופה, אין וועלכער די עלטערע גענעראַציע „גיט אָפּ כבוד" און פאַרערט די יונגוואַרג און נישט פאַרקערט. יונגע יאָרן זענען וויכטיקער ווי דערפאַרונג.

אין אַמעריקע, למשל, זענען מיר עדות ממש פון פּאַטעטישן „געיעג אויף צוריק", פון געקינצלטן און סינטעטישן יוגנטלעכן אויסזען — רווישנדיקע קליידער, יינגלשע פריזורן, שוין אָפּגערעדט פון פרויען, וואָס כידוע ווערן קיין מאָל נישט אַלט. מען זוכט די פאַרלוירענע יוגנט, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי.

פון דעסטוועגן דאַרף מען פון דעם נישט ציען קיין פאַלשע מסקנות און גלייך פון אָנהויב אָן ווילן מיר אָפּלייקענען אייניקע קאָנווענציאָנעלע ליגנס: א. אַז יוגנט איז די זאָרגלאָזסטע און גליקלעכסטע צייט אינעם מענטשלעכן לעבן; ב. אַז דער איבערגאַנג פון דור צו דור איז נאַטירלעך, אָרגאַניש און רויִק; ג. אַז דער עצם פאַקט פון יוגנט גיט איר ספּעציעלע רעכט און פּריווילעגיעס און ד. אַז יוגנט (חוץ אין ביאָלאָגישן זינען) איז אַן איינהייטלעכער באַגריף, אַ זאַך וואָס באַשטייט פאַר זיך אַליין.

ב.

ס'וואָלט געווען קעגן יעדער היסטאָרישער דערפאַרונג צו דענקען, אַז די איינגעזעסענע, הערשנדיקע גענעראַציע איז גרייט פון גרויס ליבשאַפט אָפּצוטרעטן איר פּלאַץ דער יוגנט, איר „מאַכן אַ וואַרע" און זיך לאָזן ירשענען ביים לעבן; „דער איבערגאַנג פון גענעראַציעס", דאָס „איבער־געבן די וואָך" און דער „דור לדור יביע אומר" זענען ווייט נישט קיין אידילישער פּראָצעס. קיין דור „נעמט נישט איבער" אָן געראַנגל און קאַמף. פון אַלע אַנטאַגאָניזמען, פאַרמעסטן און קאַמפן איז דער גענעראַציע־געראַנגל עקשנותדיקער און פאַרביסענער, ווייל פּונקט ווי אין דער וועלט פון „ער און זי" איז דאָס אַ שנאה־ליבע קאָמפּלעקס. און אַז מיר האָבן שוין אָנגערירט די וועלט פון ליבע אין שייכות מיט יוגנט, אפשר זאָלן מיר טאַקע פאַרזעצן מיט דער אַנאַלאָגיע. ווער איז נאָך אַזוי באַזונגען און פאַרהערלעכט ווי די פרוי אַפילו היינט, ווען מיר לעבן שוין נישט אין די צייטן פון די זשוליעטס, דולצינעס און נאָך אַזעלכע געטינס? אָבער די ריטערס, וואָס זענען גרייט געווען אָוועקצוגעבן פאַר דער פרוי דאָס לעבן, האָבן איר אָפּגעזאָגט יעדע רעכט, אָנזען און חשיבות אין דעם לעבן גופא. דער מתיקותדיק פאַרחלשטער „אשת חיל מי ימצא" איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן באַליידיקטן (רעליגיעזן און לעגאַלן) סטאַטוס פון דער יידי־שער פרוי אין דער געזעלשאַפט און מען איז אַפילו דערגאַנגען צום אָראַ־גאַנטן גאווהדיקן „שלא עשני אשה".

כ'האָב מורא, אַז דאָס פּאַסט זיך אויך פאַר יוגנט. שבחים און באַ־גייסטערונג וויפל דו ווילסט, אָבער ביז צום תכלית, צו ממשות. מ'ראַציאָ־

נאַליזירט שוין אָט דעם אומווילן זיך צו שיידן פון דעראָבערטע רייכטימער, פּאָזיציעס און אַפילו עולם הזהדיקע הנאות; מ'שטעלט אַנטקעגן דערפאַרונג, מיושבדיקייט, רייפקייט פון מחשבה קעגן דער „היצקעפּיקייט", רויִקייט" פון די יונגע שנעקעס.

און פון דער זייט פון דער יוגנט: נאָר אין דער וועלט פון אוטאָפּיע הערשט ביי דער יוגנט אַ דרך־ארץ פאַר די עלטערע בירגער (און מיר האָבן דאָ נישט אין זינען די זיידעס, צו וועלכע אייניקלעך האָבן אַ באַזונדערס אידעלע באַציונג און קערן צו זיי זיך אום ציקלוויז), פאַר די אַקטיווע טאַטעס. אין רעאַלן לעבן איז דאָ דער זילזול פון דער יוגנט צום עלטערן, די אכזריותדיקע אומגעדולד מיט זייער אַנוועזנהייט; דער שטענדיקער רעוואָלט קעגן זייער וועלט פון באַגריפן, געוווינהייטן און שטרעבונגען און די איינרעדעניש, אַז די זענען איבעריק, אַז זיי שטייען אין וועג און אַז זי, די יוגנט, וועט דאָס מאַכן בעסער. פיגוראַטיוו קאָן מען דאָס אויסדריקן, אַז די עלטערע זיצן און רירן זיך נישט און די יינגערע „איילט דער וועג".

מען דאַרף פאַרשטיין אָט די נישט איבעריק סימפּאַטישע איינשטעלונג פון דער יוגנט. די גלאָריפיצירטע „בעסטע זין", „יונגע אָדלערס" זענען טאַקע נישט די אידעאָלאָגן און די פירערס, אָבער זיי טראָגן אויס די אידעאָלאָגיעס אויף זייערע פּלייצעס און זענען מקריב, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, זייערע לעבנס גופא אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען און באַצאָלן טייער פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. דער צוגעזאָגטער גן־עדן פירט אָפט דורכן בית־הקברות פון יונגע מענטשן. ווי שוין געזאָגט איז אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן דאָס לעבן פון די יונגע פרויען און מענער ווייט פון שיר השירימדיקייט. פאַר זיי זענען עס צייטן פון שטורעם און דראַנג, פון יסורים פון זעלבסט־פאָרמאַציע, פון זעלישע און פיזישע דרוקן, פון זוכענישן און אומזיכערקייט. זיי זענען די ערשטע צו דערפילן אויף זייער לייב און לעבן דאָס שלעכטע פון דער געזעלשאַפט, די אָרעמסטע צווישן די אָרעמע שיכטן, די ערשטע געטראָפענע פון אַרבעטלאָזיקייט; איז נישט קיין וווּנדער וואָס אָפט מאָל פּלאַצט די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערטקייט און נעמט אָן פאָרמען פון געוואַלד און ווילדע אויסברוכן; דאָס נאָרמאַלע שפּילעוודיקע, עראָטיש־ספּאָרטיווע

ווערט פּלוצלינג אַ בלוטיק שפּיל, ביז די הייסע בלוטן קילן זיך אָפּ און מ׳גייט אַריין ווידער אין שפּאַן פון געוויינטלעכן און גראָען ווי אין אַלע צייטן און דורות.

ג.

אַלץ וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן איז גילטיק אויך פאַר יידן און פאַר אונדזער יוגנט... אָבער מער ווי דאָס, לויטן אַלטן און קלוגן זאָג, אַז „יידן זענען מענטשן, אָבער עפּעס מער". ס׳זענען דאָ גענוג צוגאָב־פּראָבלעמען און אַנדערשקייטן (און וואָס איז ביי אונדז נישט אַנדערש?) וואָס שייך יוגנט, כדי זי זאָל באַזונדער באַטראַכט ווערן. ס׳איז נאָך ביז איצט זייער ווייניק גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן אָט דער גרויסער און אינטערעסאַנטער טעמע.

מיר נעמען זיך נישט אונטער אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל צו באַהאַנדלען די יידישע היסטאָרישע אויפפאַסונג און דעם יידישן רעליגיעזן קוק אויף יוגנט, באַציִונג צווישן דורות א.אַ.וו. מיר ווילן בלויז מאַכן איי־ניקע באַמערקונגען וועגן דער אומגעהויערער ראָל, וואָס יוגנט האָט גע־שפּילט אין אונדזער יאָרהונדערט, אין די גרויסע און צענטראַלע געשעע־נישן און ענדיקן מיט דער באַזונדערער פּראָבלעמאַטיק פון דער יוגנט אין אונדזערע טעג סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות.

לאָמיר אָנהייבן פון דער פּשוטער, אָבער אמתדיקער און אומבאַ־שטרייטבאַרער באַהויפּטונג, אַז יוגנט איז געווען דער הויפּט־כוח אין אַלע גרויסע פּאָליטישע באַוועגונגען אין יידישן לעבן. אָן איר וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, גאָרנישט פאַרווירקלעכט געוואָרן — נישט דער ציוניזם, נישט דער יידישער סאָציאַליזם, נישט חלוציזם, נישט די רעוואָלוציאָנערע אַקטי־וויטעטן, נישט דער אויפשטאַנד אין די געטאָס און נישט די מדינה, וואָס זי, די יוגנט, האָט געבויט און פאַרטיידיקט מיטן מויער פון אייגענע ליי־בער. ס׳קלינגט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער מיר זענען גענייגט דאָס צו פאַרגעסן. מיט דער יוגנט זענען פאַרבונדן אויך אַלע אַנטוישונגען און טראַגעדיעס. זי האָט געטרוימט, פאַרטראַכט און געטראַכט; זי האָט רעוואָלטירט און גלייכצייטיק ממשיך געווען; זי האָט געשטורעמט די באַס־

טיליעס אין אַלע לענדער און געבויט „אין דער לופט אירע שלעסער" פון גרענעצלאָזן אידעאַליזם. זי האָט באַפּעלקערט אומציילינקע תפיסות און באַפּרוכפּערט מיט איר שוויס די פעלדער פון דער אויפקומענדיקער מדינה.

זי איז נישט נאָכגעגאַנגען, ווי גוטע קינדער, אין די פוסטריט פון די עלטערן; זי איז געגאַנגען פאָרויס. עפּעס מער אַוואַנגאַרדיסטיש האָט די וועלט נישט געזען; זי האָט נישט געדאַרפט פאָדערן און קעמפן פאַר אַ פּלאַץ אין דער יידישער וועלט, ווייל „מלא כל הארץ כבודה".

אירע רעכט זענען געווען נאַטירלעכע, ווי אַ טייל פון אירע מעשים און די שרעק־אַנוואָרפנדיקע אחריות. זי האָט נישט געדאַרפט קיין „פאַר־פאַנצערונגען" אַלס גאַראַנטיע פאַר פאַרשטייערשאַפט אין דער פירער־שאַפט. דאָס איז צו איר געקומען נאַטירלעך, ווייל ס'איז איר געקומען.

ד.

דער היסטאָריקער וועט זיך אַ מאָל באַזונדערס אָפּשטעלן אויף דער ראָל פון אידעישע און פאָליטישע יוגנט־באַוועגונגען (השומר הצעיר, גורדוניה, פרייהייט, בית"ר־יוגנט, צוקונפט, בני עקיבא א. אַנד.). דאָס זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע פאָרמאַציעס און זיכער נישט קיין אָרנאַמענטיק פאַר פּאַרטייען, נאָר גרויסע כוחות, וואָס אין סך־הכל האָבן זיי געפורעמט די אידעישע באַוועגונגען, אָנגעפירט דורך די עלטערע חברים. אָפט מאָל, ווי אין פאַל פון השומר הצעיר, זענען זיי געווען דער קערן פאַר אַ נייער באַוועגונג; זיי האָבן אַרויסגערופן צו זיך דרך־ארץ און דער עיקר געשאַפן אייגענע לעבנס־פאָרמען און זעלבסטשטענדיקע אויפטוען, לינקער, רעכטער, אָבער אַנדערש פון דעם וואָס עס ווערט היינט גערופן „עסטאַבלישמענט".

אַזוי שטאַרק איז געווען זייער כמותדיקער און איכותדיקער צושטייער, אַזוי שאַפעריש און בויעריש, אַז אַ געוויסע צייט האָט מען געגלייבט אינעם ווערט פון יוגנט אַלס אַזעלכע און אין איר אָן־סופיקן המשך; מ'האָט זיך איינגערעדט, אַז מ'האָט, אַזוי צו זאָגן, אַנטדעקט געזעלשאַפטלעך און אי־דעיש דעם אייביקן קוואַל פון יוגנט. אוודאי איז דאָס געווען אַן אילו־זיע. ליידער איז נישטאָ עפּעס מער צייטווייליקס ווי יוגנט. אין דעם ליגט

טאָקע איר כישוף און רייץ. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן איבערטרייַ־בונג פון אַן אמת גרויסן כוח.

וואָס איז געווען יינגער ווי דער ישוב אין ישראל? אַ שטיק צייט האָט מען יוגנט נישט באַמערקט, ווייל ס׳זענען נישט געווען קיין אַלטע. אַלע פאַרבן זענען געווען צאַפּלדיק פריש. די בלויקייט פון ים, די גאָלדנקייט פון די זאַמדן, די רויטלעכע שקיעה פון די הימלען, די ווייסע געצעלטן, די ציטערדיקע פלאַנצן. דאָ האָט מען געקענט זאָגן פּאַראַדאָקסאַל, אַז די יוגנט האָט אָנגעהויבן פון זיך אַליין. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו ברעכן און קעגן וועמען צו רעוואָלטירן. זי האָט געבויט און געשאַפן פאָרמען און טראַדיציעס. זיי זענען ממש געוואָרן... די זקני העדה.

ה.

פונקט אַזוי ווי מדינת ישראל ווערט אַלץ מער און מער אַ נאָרמאַ־לער שטאַט און געגנט ווי אונדזער געזעלשאַפט קריגט דעם אויסזען פון דער מערבדיקער וועלט, אַזוי ווערן דאָ אויך ענלעך די באַציונגען צווישן דורות.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן דורות ווערט שאַרפער און דער קאַמף העפ־טיקער. נישטאָ קיין באַוועגונג און פאַרטיי און וועלכע עס איז אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאָרם, וווּ אָט דער צוזאַ־מענשטויס זאָל נישט פאָרקומען. יוגנט (אגב אַ נישט איינהייטלעכער און רעלאַטיווער באַגריף שוין רייַן כראָנאָלאָגיש) פאַרלאַנגט דאָס איריקע. די עלטערע (אויך אַ רעלאַטיווער באַגריף) האַלטן נאָך נישט זייער ראָל פאַר געענדיקט. עס שפּיגלען זיך אָפּ אַ סך טראַגעדיעס אין דער היגזיכט און ס׳איז נישטאָ קיין רחמים בדין. עס איז אויך אַוועק די צייט, ווען אַלץ אין ישראל איז געווען יונג. אפילו דער הויפּטשטאָב פון צה״ל איז עלטער געוואָרן. יוגנט האַלט, אַז ס׳קומט איר פירערשאַפט נישט טראָץ, נאָר צו־ליב איר יונגקייט. און ווידער אַ מאָל, נישט זייענדיק מסכים מיט אַ סך פון אירע פאָדערונגען און מעטאָדן, קאָן מען פאַרשטיין איר מצב און געמיט: זיי טראָגן דעם יאָך פון דער מלחמה און די שפּאַנונג אויף די גרענעצן; זיי ראַנגלען זיך פאַר בויען משפחות; זיי זענען די ערשטע וואָס ווערן

גערופן און די לעצטע וואָס ווערן באַלוינט. אוודאי קליידן אָן די „צעירים" פון אַלע באַוועגונגען זייער דראַנג פּאַר השפעה און מאַכט מיט אידעאָלאָגישע פעדערן; זיי זענען לינקער, אָדער רעכטער לויט דער אַלגעמיינער איינשטעלונג פון דער באַוועגונג. זיי רעוואָלטירן אומאויפהערלעך און זאָגן אָפּ דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן זייערע לערערס, וואָס זענען נאָך אַקטיוו און שעפעריש.

וואָס שייך די וותיקים: ס'העלפט נישט דאָס קריטיקירן „די יונגע קאַריעריסטן" און באַווייזן זייער הינטערשטעליקייט לגבי די אַמאָליקע יאָרן און לגבי דער אַמאָליקער יוגנט. יעדער דור און זיין פירערשאַפט און מ'דאַרף נישט האָבן קיין טענות צו יהושע בן נון פאַר וואָס ער איז נישט געווען משה רבינו. ווי געוויינלעך זיגט צום סוף די דיאַלעקטיק פון דורות. דאָס לעבן פאַרלאַנגזאַמט שוין די אייליקע גיריקייט פון די יונגע און פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון צוריקציען זיך פון די עלטערע. די ביאָלאָגיע טוט דאָס איריקע. בסך הכל זענען זיך די דורות משלים און גיסן זיך צוזאַמען.

ווער עס וויל, קאָן זען די ווילדגראָזן אין דער יוגנט: געוואַלד, אַפּיום, סעקסועלע הפקרות, אַראָגאַנטישקייט. און ווער עס וויל קאָן זען הונדערטער טויזנטער שטודירנדיקע יוגנט, התנחלות, צה"ל, שאַרפע קעפּ, גרויסע טאַלאַנטן. ס'איז געווענדט ווער און ווו מען קוקט.

☆

דער שרייבער פון די שורות גלייבט באמונה שלמה, אַז די נייע גענעראַציע פאַרשעמט נישט אויף קיין האָר אירע פאָרגייערס און אויב נישט נאָך העכער.

כ'גלייב, אַז מען דאַרף נישט פאַרלירן קיין סך ווערטער, כדי צו שילדערן דעם דורות־קאָנפליקט אין גלות. ליידער, ליידער זענען דאָס צוויי וועלטן. ס'איז אַ צעבראָכענער טעלעפאָן: די גרויסע מערהייט פון דער יוגנט פאַרלאָזט די וועלט פון זייערע עלטערן, אָדער קלאָרער געזאָגט, די יידישע וועלט. זיי זענען שפּראַכלעך, קולטורעל און אידעיש ווייט פון יידישקייט, ווי מזרח פון מערב; אוודאי זענען זיי יוגנט מיט דעם גאַנצן

גלאַנץ און דעם שכל פון יידישע קינדער, אָבער די סכנות, אַז מיר פאַרלירן זיי און אַז זיי „גליטשן זיך אַרויס פון צווישן אונדזערע פינגער" זענען ממשותדיקע און באַשיימפּערלעכע. ס'איז נישט קיין קאָנוועגציאָנעלער קאַמף פון דורות; ס'איז אין תוך אַ קאַמף צווישן קיום און אונטערגאַנג.

צום גליק מערן זיך אין פאַרשידענע ישובים סימנים פון תשובה, פון אומקערן זיך צום קוואַל און צו יידישקייט און פון גרויסער ליבע צו מדינת ישראל. זענען עס פריִלינג־שפּראָכן, אָדער איינצלנע, צעוואָרפענע בלע־טער? מיר טוען תפילה, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָנהייב און אַ בשורה.

1977

דער באַגריף „גלות״ אין היינטיקן אַמעריקע

(ענטפערס אויף אַן אַנקעטע)

אַט האָבן מיר פאַר זיך נאָך אַ סימפּאָזיום אין יידישן אַמעריקע — ווידער אַ פּרווו פון זעלבסט־אַנאַליז, פון פאָרשן זיך אַליין און „טאַפּן דעם אייגענעם יידישן דופק״.

דאָס מאָל איז אָבער דער סימפּאָזיום איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער צייטשריפט „מידסטריט״ און איבער, אַזוי צו זאָגן, היי־מישע פּראָבלעמען. די טעמע פון דער אַנקעטע איז: „דער באַגריף גלות אין היינטיקן אַמעריקע״. די רעדאַקטאָרן קומט אַ יישר כוח פאַר אינטעלעק־טועלער געוואַגטקייט: מען האָט נישט מורא געהאַט זיך צורירן צו איינעם פון די עמפּינדלעכסטע און קאָמפּליצירטסטע ענינים איבער וועלכן עס זענען דאָ די שאַרפסטע חילוקי־דעות, און וועגן וועלכן עס איז באַקווע־מער צו שווייגן, אָדער רעדן פאַרנעפּלטע דיבורים.

די פראַגן האָבן זיך נישט באַגרענעצט צו דעם באַגריף „גלות״ אַליין. „גלות״ און „גאולה״ זענען טיפע און רייכע סימבאָלן, וואָס זאַפּן אין זיך אַריין די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון יידישן קיום און גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע און זענען דער הויפּט־מאָטיוו אין דער „גרויסער ציוניסטי־שער דעבאַטע״.

האָט מען דעריבער געשטעלט די אָנטיילנעמערס אַזש 7 קשיות: 1. צי פּאַסט זיך דער טערמין גלות, אין זיין פיזישן, קולטורעלן און סאָציאַלן מיין, צו דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַמעריקע? 2. צי קען מען פו־נאַנדערטיילן צווישן דעם באַגריף ציון און דער געאָגראַפישער און קאָנקרע־טער איינהייט, וואָס הייסט מדינת ישראל? 3. ווי אַזוי פאַרגלייכן זיך די פאַרבינדונגען צווישן אַמעריקאַנער יידן און ישראל מיט די באַציונגען צווישן אַנדערע עמיגראַנטן־גרופּעס און זייערע פריערדיקע ווינלענדער?

אויב ס'איז דאָ אַן אונטערשייד, אין וואָס באַשטייט ער? 4. צי האָבן די גלייכע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע רעכט אַוועקגענומען ביי יידן דאָס געפיל פון פרעמדקייט אין אַמעריקע? צי האָבן זיי זיך דאָרט פולשטענדיק איינגעגלידערט? 5. אויף וואָס פאַראַ אופן האָט דער אָנדענק פון דעם היטלער־אומגליק פאַרפעסטיקט און פאַרטיפט אָט דעם פרעמדקייט־באַוווסטזיין? 6. צי ווערן יידן „אַקצעפּטירט" דורך דער אַמעריקאַנער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, נעמענדיק אין אַכט איר טראַדיציאָנעלע פאַרשטעלונג וועגן זיי? 7. אויף וויפל איז דאָס אָפּהיטן טראַדיציעס און היסטאָרישע זכרונות אַ שטערונג פאַר פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג?

אָט האָבן מיר פאַר זיך דאָס גאַנצע בינטל פראַגן קלאָר און שאַרף פאָרמולירט. די ענטפערס זענען אָבער נישט געווען לויטן אַנקעטע־סטיל „על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון". מען געפינט דאָרט אַ סך צעפלאָסנקייט, פערזענלעכע ווידויים, איינדרוקן און אַפאָריזמען פון שיינגייסטער. אגב, לויט אונדזער מיינונג, זענען די פראַגן 3, 6 און 7 אינטים און ענג צווישן זיך פאַרבונדן. ענטפערט מען אויף איינער פון זיי, באַקומט זיך ממילא די תשובה אויף אַלע.

דער סימפּאָזיום האָט זיך נישט באַנוגנט מיט ציוניסטן אַליין. עס האָבן אין אים זיך באַטייליקט מענטשן מיט די פאַרשיידנסטע אידעישע און פּסיכאָלאָגישע צוגאַנגען. ראַבאַיס, עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן און סתם אַמעריקאַנער יידישע ראַדיקאַלן. איז די פילפאַרביקע באַטייליקונג דווקא נישט שלעכט, אָבער צוויי זאַכן זענען צום באַדויערן: ערשטנס, וואָס די רעליגיעזע, אָרטאָדאָקסישע מחשבה איז אין דעם ויכוח כמעט נישט פאַרטראָטן. זי האָט דאָך זיכער וואָס צו זאָגן וועגן אָט די אייביקע און מיט געשיכטע אָנגעזאַפּטע ענינים. צווייטנס, האָבן אין דעם ציוניסטישן סימפּאָזיום כמעט ווי זיך נישט באַטייליקט קיין ציוניסטן. מיר האָבן געפונען נאָר אייניקע באַקאַנטע נעמען, ווי ראָז האַלפּערין, בצלאל שערמאַן, מערי סירקין. און ווו איז ראַבאַי סילווער, ד"ר גיומאַן, ד"ר מאַרגאָשעס, פּראָפ' קאַפּלאַן? אָן זיי קען די רשימה געוויס נישט זיין קיין פולע און באַפרידיקנדיקע.

צוליב ריין טעכנישע סיבות וועלן מיר באַטראַכטן באַזונדער די ענט־

פערס פון די ציוניסטן און די פון נישט־ציוניסטן. אין תוך גענומען זענען דאָ די גרענעצן זייער פאַרווישט, און וואָלטן מיר נישט געקענט די נע־מען און די אָרגאַניזאַטאָרישע אָנגעהעריקייט פון די באַטייליקטע, וואָלט געווען שווער צו אונטערשיידן איינע פון די צווייטע.

☆

אין דעם נישט־ציוניסטישן לאַגער באַגעגענען מיר זיך מיט אַ פאַר־שיידנפאַרביקייט פון מיינונגען.

פון איין זייט — אַן עקסטרעמער יידישער ניהיליזם. מען קען אים אַפילו נישט אָנרופן אַסימילאַציע. ביי די יאַהודים זענען כאָטש פאַר־בליבן אייניקע הוילע רעליגיעזע פּרינציפּן. די מאָדערנע פּרעדיקערס פון יידישן אונטערגאַנג זענען אָבער נישט קיין אַמעריקאַנער פון משהס גלויבן. דערצו זענען זיי צו אַגנאָסטיש. ווען כ׳וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר אַ שאַרף וואָרט, וואָלט איך געזאָגט, אַז זיי זענען פשוט אַנטי־יידיש.

אָט זענען, למשל אייניקע אויסצוגן פון די מיינונגען פון די עסעיסטן און שרייבערס: ראָט און נעפּאוו: צווישן יידן אין אַמעריקע און ישראל איז דאָ ווייניקער פאַרבינדונג ווי למשל, צווישן אַמעריקאַנער אירלענדער און אירלאַנד, ווייל די לעצטע זענען דאָרט כאָטש געבוירן, אָבער וואָס האָט דער באַגריף „ציון״ צו טאָן מיט ישראל, וואָס איז אַ נאַציאָנאַליסטיש לענדעלע ווי אַלע אַנדערע לענדער? די היטלער־פאַרניכטונג דאַרף פאַרקלענערן און נישט פאַרגרעסערן דאָס געפיל פון פרעמדקייט. נישט נאָר יידן זענען גע־הרגעט געוואָרן, נאָר אויך מיליאָנען פּאָליאַקן און רוסן. האָבן מיר הייסט עס, אַזוי צו זאָגן, אַ שותפות פון גורל, נאָענטקייט פון אַ געמיינזאַמען גורל. אוודאי זענען יידן נישט פולשטענדיק אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז זייער אייגענע שולד. זיי ווילן זיין גלייך און אין דער זעלבער צייט אַנדערש. ס׳איז זיי באַקוועם אין זייערע גאָלדענע געטאָס. דעם גרעסטן ביישטייער וואָס זיי קענען מאַכן איז — אויפגעבן ביי זיך און זיך „אַוועקשענקען״ דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

צום גליק איז דאָס נאָר איין זייט פון דער מטבע. מיר געפינען אויך מיינונגען, וואָס, אויב זיי צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין באַזונדערער

טיפקייט און לומדות, טראָגן זיי אָבער אויף זיך דעם שטעמפּל פון פּערזענ־לעכע ווידויים. אָט למשל, שרייבט דער באַרימטער האָוואַרד פאַסט: ער נעמט נישט אָן דאָס וואָרט „ווערן אַקצעפּטירט״, ווייל ער ווייס, אַז דער פּרייז פאַר אַ פולשטענדיקער אַנערקענונג דורך דער נישט־יידישער גע־זעלשאַפט איז זעלבסט־אויפליייזונג. דאָס איז דער יסוד פון סאָוויעטישן אַנ־טיסעמיטיזם, דאָס איז אויך דער מקור פון אַנטי־יידישע געפילן אין אַמע־ריקע. יידישער קיום איז נישט קיין פּראָבלעם, נאָר אַ באַשרייבונג פון אַ מצב. דער אַנטיסעמיטיזם איז די דאגה פון דער קריסטלעכער געזעל־שאַפט און פון איר געוויסן. ער איז אַ ייד דורך אויסוואַל. „עס האָט נישט קיין זינען זיך צו אידענטיפיצירן מיט איין געקרייציקטן, ווען דאָס יידישע פאָלק איז מיליאָנען מאָל געקרייציקט געוואָרן אין דער געשיכטע״.

ריינאָלד סאַנדערס, אַ קינד פון אַ געמישטער חתונה, דערציילט וועגן זיין גאַנג צום יידנטום. אין אַנהויב איז דאָס געווען אַ מין טראָציקייט, אַ מין צו להכעיס־אויסדרוק פון נישט־קאָנפאָרמיזם. דאָס אמתע דערפילן זיך אַלס ייד האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַרמיי. שפּעטער — דורך לערנען יידיש, און צום סוף — דורך באַקענען זיך מיטן סוד פון העברעיש. פון אַ נעגאַטיווער פּראָטעסט־יידישקייט צום פּאָזיטיוון אָננעמען אירע ווערטן.

מ׳קען אַ סך אַרויסלייענען צווישן די שורות פון דער דערקלערונג פון דעם געהילף־רעדאַקטאָר פון „קאָמענטאַרי״ זאַלאָטאַראָוו, נאָך מער פון דעם, וואָס ער האָט נישט דערזאָגט. ער האָט פּשוט דערפילט אין זיך דעם רוף פון זיינע באַרימטע ציוניסטישע אבות און אַפילו דאָס וואָרט גלות קלינגט פאַר אים נישט אומהיימלעך.

דער צד־השווה פון אָט די אַלע דערקלערונגען: ערשטנס פאַרלייקע־נען זיי אַלע די אָנגענומענע מיינונג, אַז אין אַמעריקע איז דאָ קולטורע־לער פלוראַליזם. דאָס איז אַ לאַנד מיט אַן איינהייטלעכער ציוויליזאַציע, אין וועלכער עס גילטן אייניקע עטנישע רעזערוואַטן. אַלע זענען מודה (מיט פאַרשיידענע נוסחאות) אין דער עקזיסטענץ פון אַנטיסעמיטישע געפילן (רעליגיעז, געזעלשאַפטלעך א.אַז.וו.) אַ סך פון זיי נעמען אָן דעם גלות, אָבער אָן זיין יידישער נשמה. ס׳מיינט פאַרלאָרנקייט, אַליינקייט און פאַר־פרעמדקייט פון דעם מענטש אין דער מאָדערנער וועלט.

אין די ווערטער פון ראַבאַי איגאַס באַגעגענען מיר זיך מיט דער באַ־

קאַנטער מליצה וועגן דער גרויסער מעגלעכקייט צו לעבן אין אַמעריקע „אַ גוט לעבן", (נישט נאָר אין זינען פון עולם הזה, נאָר אויך מאָראַליש). דעם יידישן גלות פאַרבייט מען מיט דעם אויסלענדישן גאָר נישט זאַגנדיקן באַגריף פון דיאַספּאָראַ. אָט סתם זיך אַזוי אַ געאָגראַפישער באַגריף.

און איצט צום ציוניסטישן טייל.

ראַז האַלפּערין איז כמעט די איינציקע אָפיציעלע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָגט בולט אַרויס איר מיינונג. מיט רעכט קען זיך ביי דעם נישט צו פיל אינפאָרמירטן לייענער שאַפן דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַזוי צו זאָגן די אָפיציעלע פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט. זי רעדט קלאָרע דיבורים: דער ענין גלות איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. היות ווי מען צווינגט נישט דעם ייד צו בלייבן אין אַמעריקע און די טויערן פון ישראל זענען פאַר אים אָפן, איז ער ממילא נישט אין גלות. דער פאַקט פון ברירה שליסט דאָס אויס. יידן זענען געווען אין גלות אין מיטלאַלטער, אין די געטאָס פון מזרח־אייראָפּע, אַפילו אין דעם פרע־היטלער־דייטשלאַנד. אָבער זינט מיר זענען מיט מזל אַריינגעטראָטן אין דער אַמעריקאַנער תקופה פון דער יידישער געשיכטע, איז גלות „אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האַנט". נישטאָ קיין פאַרפאָלגונגען, נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. דער קולטורעלער פלוראַליזם גיט פאַר יידן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. עס איז דאָ אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן די יידישע רעליגיעזע באַגריפן און די אָנגענומענע אַמעריקאַנער ווערטן. בקיצור — גלות „להד"ם"! וואָס שייך דער צווייטער זייט פון גלות, די שכינתה בגלותא: די גאַלאָפּירנדיקע אַסימילאַציע, די אוממעגלעכקייט פאַר אַ פול יידיש לעבן — דאָס זענען אַלץ נייע פּירושים, פּונקט ווי עס איז ניי די דעפיניציע פון בן־גוריונען, אַז זעלבסט־פאַרווירקלעכונג איז אַ באַדינג פאַר ציוניזם.

די באַציונגען צווישן מדינת ישראל און אַמעריקאַנער יידן דאַרפן כאַראַקטעריזירט ווערן ווי אַ מין „געמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן יידישן גורל".

עס איז נישט אונדזער אויפגאַבע צו פּאָלעמיזירן מיט אָט די דערקלערונגען. איינס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז גאָר אַ נייע אויפפאַסונג פון ציוניזם, וואָס ווערט אַרויסגענומען פון זיין געשיכטלעכער, סימבאָלישער

און רעליגיעזער גאַנצקייט. רעדט טאַקע בן האַלפּערין וועגן דער גרויסער חשיבות, וואָס די ווערטער גלות און גאולה האָבן פאַר דער באַרייכערונג און שעפערישקייט פון יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז גוט, וואָס דער סימפּאָזיום פאַרענדיקט זיך מיט די טיפע און שיינע ווערטער פון מערי סירקין: —

גלות איז יעדע פאָרם פון עקזיסטענץ, וואָס באַגרענעצט און פאַרקלענערט דעם פולן אויסדרוק פון יידישן לעבן. גלות איז דאָס פאַרלירן די מעגלעכקייטן פאַר אייגענעם אויסדרוק. אין אַמעריקע איז טאַקע נישטאָ קיין גלות אין געוויינטלעכן, מאַטעריעלן און פּאָליטישן זינען, אָבער וואָס שטאַרקער יידן ווערן אַריינגעשליידערט אין דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער שטראָם, אַלץ מער פאַרלירן זיי זייער נאַציאָנאַלן פּרצוף.

נישטאָ קיין אַלטערנאַטיווע פאַר ישראל: נישטאָ קיין אמתע רעליגיעזע איבערלעבונגען, און די מצוות מעשיות דערנענטערן זיך צום אַלגעמיינעם לאַנד־קאָלאָריט. די שטאַפּלען פון אַסימילאַציע זענען: לעבלעכע טאָלעראַנץ, פּאַסיווויטעט און אונטערגאַנג. עס קען נישט זיין קיין אמתער קולטורעלער פּלוראַליזם אָן אַ טעריטאָריאַלער באַזע פאַר די עטנישע און שפּראַכלעכע מינדערהייטן, ווי עס איז, למשל, דער פאַל אין סאָוויעט־רוסלאַנד און דאָס וויל דאָך כמעט קיינער נישט. די באַרימטע „סובארביא״ איז אויך נישט קיין גאַראַנטיע פאַרן יידישן קיום. דאָס זענען סתם צופעליקע ווײַנבוגס־קוואַרטאַלן, וואָס אונטערשיידן זיך זייער ווייניק פון די קריסטלעכע. נאָר אין ישראל איז פאַראַן די מעגלעכקייט פאַר אַ פול יידיש לעבן, סיי פאַר רעליגיעזע און סיי פאַר וועלטלעכע. דאָס איבעריקע איז גלות. די מאָס פון גלות איז אָפּהענגיק פון דער טיפקייט פון די באַציונגען מיט ישראל.

גאָלדענע ווערטער. מען קען זיי נאָר באַוווּנדערן און זיי אָננעמען מיטן גאַנצן האַרצן.

1963

31 יידישע אינטעלעקטואַלן

דער סימפּאָזיום א.ד.ט. „יידישקייט און די ייִנגערע אינטעלעקטואַלן", וואָס די צייטשריפט „קאָמענטאַרי" (אַפּריל 1961) האָט דורכגעפירט, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. די 31 פאַרעפנטלעכטע תשובות (אייגנט־לעך, קליינע עסייען) זענען דיסקוטירט און באַלויכטן געוואָרן פון די פאַר־שיידנסטע שטאַנדפּונקטן. עס איז אַ וויכטיקער דאָקומענט און דער ער־שטער פּרוּוו פון דעם מין און פאַרנעם. אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם באַ־קומען מיר אַ מאַטעריאַל־רייך בילד וועגן דער באַציִונג פון דעם דריטן אָדער אפשר פערטן דור אין אַמעריקע צו יידן און רעליגיע, וועגן זיין פאַרבינדונג מיטן אַמעריקאַנער יידישן ישוב און שטעלונג צו מדינת יש־ראל. דער אינטים־פּאַרטרוילעכער און אָפנהאַרציקער טאָן פון די ענט־פערס גיט צו דעם אידעישן רעפערענדום אַ סך אָריגינאַליטעט און אוי־טענטישקייט.

נישט נאָר פאַר אונדז דאָ אין ישראל, נאָר אויך פאַרן אַמעריקאַנער ישוב איז די דאָזיקע אין אַמעריקע געבוירענע און נאָך־מלחמה דערצויגע־נע גענעראַציע — אַ רעטעניש און אַ גרויסער פּרעגצייכן. איר יידישע וועלט איז געווען פאַרשלאָסן אויף שלעסער. און דאָ פּלוצלינג האָבן זיך ווי אויפגעעפנט אַלע טירן, מיט אַזוי פיל „אני מאמינס" און אַפילו לירישע „ווידויים".

דערביי האַנדלט זיך דאָ וועגן גאָר באַרימטע טאַלאַנטפולע און דער־פאָלגרייכע יונגעלייט: פיל־צוזאָגנדיקע זשורנאַליסטן, 12 פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטלערס, פילם־פּראָדוצירערס, דיכטערס — מענטשן פון גרויסן פּרעסטיזש און אָנזען. ס'איז ממש אַן „אַל סטאַר"־פאַרשטעלונג פון איב־טעלעקטועלע באַרימטהייטן. פאַרשטענדלעך, אַז זיי זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען אויף אַ העכסט אינטערעסאַנטן אופן און מיט אַ סך הומאָר, סאַ־

טירע און חן. (אָפט מאָל פאַרדעקט אַפילו די רייכע שפּראַך, שפּילעוודי־קער סטיל פון אַפאָריזמען און מעטאַפאָרעס, די אָרעמקייט אין יידישן וויסן, וועלכע באַצייכנט זיי כמעט אַלעמען).

דער הויך אינטעלעקטועלער און עקסקלוזיוועך כאַראַקטער פון דעם קרייז וואָס האָט זיך באַטייליקט אין סימפּאָזיום באַגרענעצט אויך זיין באַדייטונג און ווערט.

מען דאַרף געדענקען, אַז ס'האַנדלט זיך נאָך וועגן אַ געוויסן טייל פון דער יונגער יידישער אינטעליגענץ. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם סימפּאָזיום גיבן עס אַליין צו אין זייער אַריינפיר־וואָרט. עס זענען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַלע יונגע מענטשן, וואָס זענען אַקטיוו אינערהאַלב דער יידישער קהילה: די שעפערישע כוחות פון אַלע שיכטונגען, ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס. עס זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם קרייז נישט נאָר די אַזוי גערופענע פּראָפעסיאָנעלע יידן: דער ראַבאַי, דער סאָשל־וואָרקער א.אַ.וו. — נאָר אויך 13 „ליימען", (נישט־פּראָפעסיאָנעלע), צווישן זיי מענטשן מיט נישט קיין קליינעם אינטעלעקטועלן באַגאַזש.

מען האָט אויך פון פאָרויס עלימינירט אינטעלעקטואַלן מיט אַ פרומער גלויביקער וועלט־איינשטעלונג. די כלומרשטע סיבה איז — די אָנגעפּרעגטע וועלן נישט געבן קיין „זעלבסטפאַרשטענדלעכע ענטפערס", און זיי וועלן אויך די פראַגן האַלטן פאַר לעכערלעך.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דינער שיכט פון יחידים, וואָס זענען שעפעריש אויסשליסלעך אין אַלגעמיין אַמעריקאַנער שטחים, וועמענס פאַרבינדונג מיט דער יידישער קהילה איז די לויזסטע וואָס מ'קען זיך נאָר פאָרשטעלן. דאָך צוליב פאַר זיי אַליין אומפאַרשטענדלעכע און אומלאָגישע סיבות, זענען זיי נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט יידן און יידישקייט. מיר האָבן דעריבער יעדן יסוד צו באַהויפּטן, אַז דער סימפּאָזיום שפּיגלט בשום אופן נישט אָפּ דאָס ריכטיקע און אַרומנעמענדיקע בילד פון די יונגע יידישע דורות פון אַמעריקע.

נישט קוקנדיק דערויף, דאַרף מען זיך זייער ערנסט באַציען צו אָט דער אַנקעטע. א) עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע יונגע און טאַלאַנטפולע מענטשן האָבן אַ טיפע השפעה אויף זייערע סטודענטן און לייענער־קרייזן, צווישן די צענדליקער טויזנטער יידן. ב) זייערע קריסטלעכע קאָלעגן זעען

אין זיי דעם ייד, און אין זייערע מיינונגען און נייגונגען — דעם גייסטיקן סך־הכל פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ.

ב.

מיר וועלן גרופּירן די ענטפערס לויט די געשטעלטע פראַגעס, כאָטש נישט אינגאַנצן גענוי — און נישט לויטן זעלבן סדר.

1. יידישקייט און יידן.
2. חינוך פון זייערע קינדער.
3. אַמעריקאַנער יידישע געזעלשאַפט.
4. יידישער ראַדיקאַליזם.
5. ישראל.

אייגנטלעך באַקומען זיך 31 טיפּן פון יידישקייט. ווייל יעדער איינער פון די אָנטיילנעמערס האָט זיך זיין אייגענע טעאָריע. בדרך כלל זענען עס אימפּראָוויזירטע, ליטעראַריזירטע, העכסט פּערזענלעכע באַגריפן.

„יידישקייט איז נישט קיין סובסטאַנץ. דאָס איז אַ צופאַל, וואָס איז שווער צו ענדערן. נאָר אַנטיסעמיטן און שאָוויניסטן באַציען זיך צו יידישקייט ווי צו אַן אייביקן שטריך. ס'איז נישט קיין ביאָלאָגישער המשך, ווייל דער גענעאַלאָגישער אָפּשטאַם פון יידן איז נישט קיין זיכערער. אויך קולטורעל האָט דער אַמעריקאַנער ייד מער געמיינזאַמעס מיט זיין גויישן מיטבירגער ווי מיט אַ תימנישן ייד".

אוישוויץ, טרעבלינקע און די אַפּאָקאַליפּטישע גרויל־פּאַסירונגען מאַכט זיי „צווייפלען אין דער מענטשלעכער חיה", אָבער פאַרבינדן זיי נישט ספּעציעל מיט איר יידישן קרבן.

פּראָפעסאָר פעלדמאַן זעט פאָרויס, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ וועט אונטערגיין און פאַרשלונגען ווערן. אין דער צוקונפט וועלן פאַרבלייבן נאָר לעגענדאַרע ווערטן, אָפּגעטיילט פון דעם קערפּער פון דער יידישער קהילה, אַ מין „נשמות ערטילאיות", עפּעס אַ טראַנסצענדענטאַלע יידישקייט פאַר דער גאולה פון דער וועלט. דער פּראָפעסאָר מיינט, אַז דאָס זענען סתרי תורה. אין אמתן זענען דאָס די „מיסיאָן"־טעאָריעס פון דער אַלטמאָדישער אַסימילאַציע.

הער ר. גאָרדיס, למשל, האָט שוין געהאַט אַ טראַדיציאָנעלע היים; ער פאַרשטייט אָפּצושאַצן די גרויסע ווערטן פון יידנטום: א) דאָס באַנוצן עטי־שע פרינציפּן אויף קליינע ערדישע ענינים, נישט פאַרלירנדיק דערביי די פּערספּעקטיוו פון וועלט־דערלייזערישע צילן. ב) דאָס אונטערשטרייכן „מע־שים טובים". ג) דער געמיש פון אידעאַליזם און סקעפּטישער חכמה. פון דעסטוועגן האָט ער נישט כלפּי דער דאָזיקער יידישקייט קיין שום התחיי־בות. 1) צוליב דער קעגנערשאַפט צו טעאָלאָגיע. 2) צוליב דער שאַרפער פאַנאַנדערטיילונג צווישן רעליגיע און עטיק. דאָס איינציקע וואָס איז פאַרבליבן איז אַ ביסל טראַדיציעס און עסטעטישע, דערציערישע מאָטיוון.

פאַר יהודית יאַראָוויץ, אַ געהילפס־פּראָפעסאָרין פאַר פילאָזאָפיע, מיינט יידישקייט: הומאָר, דרך־ארץ פאַר ביכער, ענערגיע, פילבאַרקייט פאַר מאָ־ראַלישע ווערטן און אַ ביסל סענטימענט פאַר יידיש. בקיצור: אַ „כשר סטיל"־יידישקייט, אַ נישט פאַרפליכטנדיקע היימישקייט. און דאָס איז פאַר איר גענוג.

עדגאַר ראָזנבערג מאַכט דאָס כמעט סטאַטיסטיש. „ער איז דריי פערטל אַמעריקאַנער און איין פערטל ייד". ער האָט געוויסע „פאַראור־טיילן". אָט איז ער צופרידן ווען אַ באַליבטער אַרטיסט ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַ ייד. ער האָט אַפילו געהאַט אַ נישט כשר געפיל פון טריומף ווען ער האָט געלייענט וועגן דעם סיני־בליץ־קריג.

מאַקס הענטאָף האָט דרך־ארץ פאַרן יידישן עקשנותדיקן קאַמף פאַר קיום, אָבער ער זעט נישט קיין שום זינען אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. ער פילט זיך מערער אייגנוואָרצלט אין דער נעגערישער געמיינדע, וואָס גייט אויך אַרויס פון געטאָ, אָבער קלייבט זיך אויס די ריכטונג פון אינ־טעגראַציע. זאָגט אַ. פעלדמאַן: מיין יידישקייט איז נישט אַמעריקאַניש און נישט אַלגעמיין, עס איז עטוואָס נאָסטאַלגישעס, אַזאַ באַציִונג אַ סענטימענ־טאַלע, וואָס איז קיין מאָל נישט שטאַרק גענוג כדי צו זיין אַקטועל און איז נישט מחייב צו באַשלוסן און מעשים.

ג.

אויב דאָס זענען די ווערטן, וואָס מ'שטיינס געזאָגט איז שוין דאָ צו איבערגעבן די קינדער?

אַבעלסאָן וועט זיין „שאָקירט", אויב זיינע קינדער וועלן אַריבערגיין צו אַן אַנדערער רעליגיע, (אויף פּראָסט מאַמע־לשון — זיך שמדן). ס'וועט אים פאַרדריסן וואָס זיי וועלן נישט זיין גענוג סקעפּטיש, כדי צו באַגרייפן אַז ס'איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן איין רעליגיע און אַ צווייטער.

ווען פּראָפעסאָר עפּשטיינס זון זאָל ווערן פּלוצלינג יידיש פרום וואָלט דער פאָטער זיך שטאַרק חידושן: ווי קומען עס צו אים אַזעלכע רעליגיעזע אימפּולסן?

ווען מ'האָט יידישע עלטערן, בלייבט מען שטענדיק אַ ייד. עס איז גיכער אַ פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. אָבער אָט איז ער אַליין פאַר־הייראַט מיט אַ „שיקסע" און ס'איז אים גוט ווי די וועלט. פאַר וואָס זאָל דאָס זעלבע נישט פּאַסירן מיט זיינע קינדער?

מאַקס הענטאָף האָפט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך דערווייטערן, סיי פון דעם אַטאַוויסטישן ריטואַל פון דער אָרטאָדאָקסיע און סיי פון דער פּוסטקייט פון רעפאָרם־יידן. „ס'איז בעסער זיי זאָלן זיך האַלטן פון דער־ווייטנס פון רעליגיעס און געפּרעגלטע שפּייזן".

ראָבערט לאַנגזויער וויל, אַז זיין טאָכטער זאָל לערנען העברעיש. אויב ער זאָל קריגן פּלוצלינג אַ קריסטלעכן איידעם, וועט עס זיין אומהיימלעך. אָבער דאָס וועט ווייניקער צעשטערן דעם גאַנג פון לעבן ווי דאָס פּלוצלינג־דיקע דערשיינען פון אַ יונגן אָרטאָדאָקסישן באָבערדיקטן ייד, וואָס „וועט מיט זיי נישט וועלן עסן צוזאַמען קיין אָוונטברויט".

שאַפּיראָ זאָגט, אַז ער וואָלט געוועזן איבערראַשט ווען איינער פון זיינע קינדער וואָלט געוואָרן אַ מעטאָדיסט. נישט ווייניקער וואָלט ער זיך גע־חידושט ווען זיי הויבן אָן פּלוצלינג צו גיין אין שול אַריין.

רעזומירנדיק: אַביסל יידיש וויסן — שאַדט נישט. ס'איז בעסער אַז די קינדער בלייבן יידן. אָבער זיי וועלן זיך דעם „ספּאָדעק נישט צורייסן", אויב דאָס דינע קייטעלע פון דורות וועט איבערגעריסן ווערן.

ד.

די אָנטיילנעמערס האָבן אַן איראָנישע, כמעט גרינגשעצערישע באַ־ציִונג צו דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט. אַביסל צוליב סנאָבישן

קוקן „אויבן אַרויף" און אַביסל צוליב דער פאַראַכטונג פון „סאַלאָן־סאָציאַ־ליסטן" צו דער רייכער און זעלבסט־צופרידענער מענטאַליטעט פונעם אַמע־ריקאַנער ישוב. זיי זעען נישט אין דעם ספּעציפיש יידישן כאַראַקטער פון דעם קיבוץ און אוודאי נישט קיין בייטראַג צום אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד.

„מאָראַליש איז די אַמעריקאַנער יידישע געמיינדע צוזאַמענגעגאָסן מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט און שפּילט נישט קיין שום ראָלע".

„וואָס וואָלט פּאַסירט ווען אַלע יידן וואָלטן פאַרשווונדן פון אַמעריקע? אַחוץ דעם פאַרלוסט פון אַ לייכטן יידישן אַקצענט פון ניו־יאָרק וואָלט די גאַנצע זאַך פאַרביי אומבאַמערקט אויף דעם גרויסן קאָנטינענט פון אַט־לאַנטיק ביזן פּאַסיפיק".

פיליפּ ראָט באַמערקט נישט קיין באַזונדערן יידישן נוסח פון לעבן, וואָס זאָל זיין אַנדערש פון אַלגעמיין אַמעריקאַנער (אַחוץ געשמאַק און גע־וויסע שפּייזן). נישטאָ קיין ווערטן, אַספּיראַציעס און אַנשויונגען, וואָס זאָלן פאַרבינדן איין ייד מיטן צווייטן אַחוץ דעם פּראָקלאַמירטן אומגלויבן אין דער יעזוס־לעגענדע. וואָס קען שוין זיין די פאַרבינדונג צווישן דער אַמע־ריקאַנער קהילה מיט דעם גלות־בבל אין 7־טן יאָרהונדערט, מיטן ספר־דישן יידנטום אין 1492, אָדער אַפילו מיט וואַרשעווער יידן פון 1943? אַלץ וואָס איז דאָ, איז אַ ביסל יום־טובים און אַ פּאָר נאָסטאַלגישע צערעמאָ־ניעס. ווען עס וואָלט באמת געווען אַ רעליגיעזע פאַרבינדונג, וואָלט זיך עס אויסגעדריקט אויך קולטורעל. מ'קען נישט לעבן נאָר אויפן סמך פון זכרו־נות ווען ס'איז נישטאָ קיין לעבעדיקע רעאַליטעט.

שפּירא זאָגט, אַז אַחוץ דער יאַרמלקע און דער „דיסקרעט פאַרבאָ־האַלטענער" תורה איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער שול און דער קירכע (לאָמיר דאָ צוגעבן אַ שאָוויניסטישן „להבדיל").

אַמשאַרפסטן קומט די דאָזיקע שטעלונג צום אויסדרוק אין דער שניידנ־דיקער סאַטירע פון וואָלאַס מאַרקפיל וועגן דעם גאַנצן אַמעריקאַנער יידישן לעבן, שולן, אַפילן, יידישע פּרעסע, אָרדנס, פּרויען, קלובן א.אַז.וו.

כמעט אַלע זענען מסכים, אַז ישראל פאַרקערפּערט אַ סך מער די טראַ־דיציאָנעלע יידישע ווערטן.

אויף אַ משונהדיקן אופן איז צוגעשפּיצט געוואָרן אַ פראַגע, וואָס איז גע־

שטעלט געוואָרן די אַנטיילנעמערס: דער איינפלוס פון יידישן ראַדיקאַליזם און ראַדיקאַלן אויף אַמעריקע, אויפן אַמעריקאַנער יידישן לעבן בכלל און אויף זיי בפרט. דער באַגריף „ראַדיקאַליזם" איז דאָ בכיוון אומקלאָר און פאַרטושט. ער נעמט אַריין אין זיך די פאַרשיידנסטע ענינים. די ערשטע סאָציאַליסטישע קאָסמאָפּאָליטישע יידישע פירערס, אַמעריקאַנער יעווסעקעס, טראָצקיסטן און סתם וועלט־באַנייערס. אַ סך פון די באַטייליקטע אין סימפּאָזיום האָט מען דאָ געטראָפן ווי אין „פּינטל אַריין". עס פאַראייניקט זיי, ווייזט אויס, מיט יענעם טיף ראַדיקאַלן אַ געוויסע אָפּגעריסנקייט פון דער יידישער סצענע. אגב איז דאָס אַ ראַדיקאַליזם נישט קיין משיחישער, נישט ק״ן עקאָנאָמיש ־ געזעלשאַפטלעכער און געוויס נישט קיין פּאָליטיש רעוואָלוציאָנערער. ער פּאָרט זיך צוזאַמען מיט בורזשואַזע באַקוועמלעכקייטן און לאָזט זיך אויס צו אַנטי־דיסקרימינאַציע און טענות צו דער רייכער אַמעריקע, פון וועלכע מ׳געניסט גאַנץ געשמאַק, אָבער וועלכע ס׳איז אַ מצוה צו קריטיקירן. זייער ריכטיק באַמערקט גאָרדיס, אַז די יידישע ראַדיקאַלן זענען געווען אַ קאָמבינאַציע פון רעוואָלט קעגן יידישע טראַדיציע און אידעאַליזם. היינט איז זיין אַ ייד „אַ גאַנץ רעספּעקטפולע" זאַך און דאָס נייע אַמעריקע האָט איבערגענומען אַ סך פון דער סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם. ביי פיליפּ גרין קומט דאָס טוליען זיך צום ראַדיקאַליזם אַרויס אַמבולטסטן. די גאַנצע יידישקייט באַשטייט אין דער ראַדיקאַלער פאַרלייקענונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. יידן וועלן דעמאָנסטרירן זייער אייגנאַרט, נישט דורך אַקטיוויטעט אין דער יידישער קהילה, נאָר דורך פאַראייניקן זיך מיט די פּראָגרעסיווע פּאָליטישע כוחות. יידישקייט איז גאָר עפּעס אַ סעקציע פון ראַדיקאַליזם. אַלץ וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער ראַם איז וויכטיק און מ׳דאַרף עס איבערגעבן די קומענדיקע דורות. דאָס איבעריקע דאַרף מען אַוועקוואַרפן ווי אַן אומנויטיקן באַלאַסט.

ה.

כמעט אַלע, אַחוץ איינעם, האָבן אַ וואַרעם געפיל פאַר ישראל, אַ סך סימפּאַטיע און אָפט מאָל אַ באַוווּנדערונג. ביי אייניקע דערגייט עס אַפילו צו אידענטיטעט. די דאָזיקע דערפרייענדיקע באַציונג איז צונויפגעמישט מיט

אַ שאַרפער קריטיק קעגן דעם נאַציאָנאַלן און „מיליטערישן" כאַראַקטער פון דער מדינה. זיי טאַדלען אָפט דעם „מבצע סיני", אָדער ווי זיי רופן עס אָן „די סועץ־אָפּעראַציע", דאָס כאַפּן אייכמאַנען, און זיי האָבן רחמנות אויף די אַראַבישע פּליטים. אייניקע פון זיי האָבן נישט ליב בן־גוריונס משיחיזם, אַנדערע קריטיקירן אונדזערע משפחה־געזעצן.

ביי ר. אַשער איז דאָ אַ גאַנצער קנויל פון געפילן. ער איז באַגייסטערט מיט דעם קיבוץ־גלויות, אָבער ער האָט נישט ליב קיין סאַברעס. ער פאַר־טראָגט נישט „זייער שנאה צו יידיש" און זייער זלזול־באַציונג צום גלות. אָפט מאָל שעמט ער זיך מיט דעם, וואָס עס אימפּאָנירט אים דער מיליטערי־שער כוח פון יידישן לאַנד. כאָטש י. עפּשטיין איז באַגייסטערט פון ישראל, צווייפלט ער, צי „דער עקספּערימענט וועט אַרבעטן", ווייל ער איז אַ רעזול־טאַט פון שטאַרקן ווילן און נישט פון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג.

אייניקע האָבן ליב געהאַט ישראל „אהבה שתלויה בדבר", דהיינו — צו־ליבן קיבוץ. אַזוי ווי די קיבוץ־באַוועגונג ווערט אָפּגעשוואַכט, איז אויס ליבע צו דער מדינה. „ס'מוזן זיין קיבוצים, אַנדערש באַשטייען זיי נישט"!

אַנדרע האָקער האָט אַ געפיל פון אידענטיפיקאַציע מיט ישראל און ער טאַדלט די יידן וואָס ווילן זיין 100 פּראָצענט אַמעריקאַנער און האָבן מורא פאַר פרעמדע לאָיאַליטעטן. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו זיין גלייכצײ־טיק אַ גרויסער חסיד פון נאַצערן צוליב זיין „אַנטי־אימפּעריאַליסטישער שטעלונג". דער פילם־פּראָדוצירער ראָגאָזין, וועלכער האָט באַזוכט אייניקע מאָל ישראל, האָט פאַר איר אַ סך סימפּאַטיע, אָבער ער האַלט, אַז די יידי־שע אָריגינאַליטעט ווערט צעשמאָלצן אין דעם נאַציאָנאַליסטישן פייער פון שאָוויניזם.

די וואַרעמע אָפּשאַצונג פון ישראל גייט אָפט מאָל צוזאַמען מיט אַן עקסטרעמער יידישער פאַרלייקענונג. ווי למשל, ביי באַרבאַראַ סאַלאָמאָן. זי פאָדערט זיך אָפּצוזאָגן פון רעליגיע. זי וויל, אַז אירע קינדער זאָלן זיין ווייניקער יידן און מערער מענטשן. פון דעסטוועגן האָט זי אַ „ווילדע פאַר־געטערונג פאַר ישראל".

אין אַ פּאָר זאַצן: עס איז אַ ליבע מיט אַ שלעכטן געוויסן. מען איז צו־געצויגן צו ישראל כמעט מיסטעריעז. מען פּראָבירט אָבער ראַציאָנאַליזירן און אָפּשוואַכן די שוין גאָרנישט „אינטעליגענטע" באַגייסטערונג דורך קריי־

טיק. אָבער ס׳מאַכט נישט אויס. אָפט מאָל איז די אומלאָגישע ליבע די שטאַרקסטע און די ליידנשאַפטלעכסטע.

☆

פון דעם גאַנצן דאָקומענט בלאָזט מיט פרעמדקייט און אָפּגעריסנקייט. פרעמדקייט סיי פון דעם יידישן היינט, און סיי פון דער גייסטיקער ירושה. עס איז אויסטערליש ווי אַזוי אינטעלעקטואַלן זאָגן אַרויס מיינונגען איבער ענינים וועגן וועלכע זיי ווייסן אַזוי ווייניק. אומוויסנהייט איז נישט קיין זינד. עס פאַרדריסט אָבער, וואָס קיין איינער פון זיי באַדויערט נישט, וואָס ער האָט נישט שטודירט די ענינים אין אָריגינאַל און קיינער האָט נישט פאַר־ריבל אויף די עלטערן, פאַר וואָס זיי האָבן זיי נישט געגעבן די סאַמע יסו־דות. פון דעסטוועגן דאַרף מען אויך דאָ גיין אין רבי לוי־יצחקס דרכים: אַזוי ווייט און דאָך נישט אַוועק. קיינער פון זיי שעמט זיך נישט מיטן יידישן אָפּשטאַם. אַ סך זעלבסטווערדע און קיין סימן פון זעלבסטהאַס. און דאָס אַלץ טראָגט דעם אומוויסן. היינט, ווי וואָלט דאָס אַלץ אויסגעזען מיט אַביסל מער דערציונג, אינפאָרמאַציע, פאַרבינדונג, קאָנטאַקט און זאָרג? דער סימפּאָזיום דערוועקט צער. אָפט מאָל אויך אַביסל פאַרדרוס. ער טאָר אונדז בשום אופן נישט אַריינטרייבן אין יאוש און האָפענונגסלאָזער מרה־שחורה.

1961

דאָפּלטע לאָיאַליטעט און נייטראַליטעט

די צייטשריפט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס „גשר" ווידמעט איר סעפּ־טעמבער־אויסגאַבע „20 יאָר מדינת ישראל". די סעריע אַרטיקלען עפנט אויף ד"ר גאָלדמאַן מיט אַן אידעאָלאָגישער און טעאָרעטישער הקדמה. ער הייבט אָן מיט אונטערשטרייכן דעם „אוניקום", וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די מדינה און דאָס יידישע פאָלק, פאַרשפּרייט אין העכער 60 קיבוצים. ער איז גערעכט, ווען ער האַלט, אַז דאָס איז אַ סיטואַציע אָן אַ פּאַראַלעל און אַ פאַר־גלייך מיט אַנדערע לענדער, וואָס האָבן אויך „זייערע גלותן" (איטאַליע מיט מיליאָנען איטאַליענער אין אַמעריקע, דייטשלאַנד מיט הונדערטער טויזנטער אין זעלבן לאַנד א.א.וו.). עס איז נישט דאָס זעלבע שוין רייַן סטאַטיסטיש ווי אין ישראל, ווו עס לעבן נישט מער ווי 17 פּראָצענט פון פאָלק. אמת, צו אונדזער גליק איז דאָס נישט קיין סטאַטישער צושטאַנד און די דעמאָגראַפי־שע דיאַגראַם באַוועגט זיך סיי אַבסאָלוט און סיי רעלאַטיוו אין דער ריכטונג פון ישראל, אָבער דער פּראָצעס איז אַ פּיינלעך לאַנגזאַמער. עס איז אויך ריכטיק, אַז די באַציונגען דאַרפן נישט זיין געבויט נאָר אויף עמאָציאָנעלער סימפּאַטיע פון די תפוצות־יידן צו ישראל, נאָר אויף אַ סאָלידער באַזע.

אָבער מ'קען נישט קומען און זאָגן, אַז די גרויסע התעוררות בשעת און נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז געווען נאָר די זאָרג פאַר צוויי און אַ האַלבן מיליאָן יידן און נישט פאַר דער מדינה אַלס אַזעלכער; ס'איז בפירוש געווען דער אומרו פאַרן גרויסן נאַציאָנאַלן אויפטו פון פאָלק — די יידישע מדינה — וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם אָנזען פון יידן אין דער וועלט. מיר גלויבן אויך, אַז עס האָט דאָ געווירקט דער פחד פאַרן אייגענעם גורל, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיטן קיום פון דער מדינה, אָבער אַז מען טאָר זיך אויף דעם נישט פאַרלאָזן און אַז אין אַ געוויסער מאָס פאַר־טאַכלעווען מיר שוין די גרויסע שעהען פון 1967. וועגן דעם קענען נישט

זיין קיין צוויי מיינונגען. דער וויכוח הייבט זיך אָן ווען ד״ר גאָלדמאַן ברענגט אַרויס פּלוצלינג דעם דעליקאַטן און סכנותפולן ענין פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט!

מיר זענען געווען געווּיגט, אַז דעם ענין פון „ליבע און טריישאַפט״־פּאָליגאַמיע זאָלן אויפהויבן קעגנערס פון ציוניזם. אַנטיסעמיטן מכל המינים באַנוצן זיך אין זייער העצע מיטן אַרגומענט, אַז יידן זענען אייגנטלעך ביר־גערס פון צוויי מדינות: פון לאַנד, וווּ זיי וווינען און פון ישראל, אַז „מען קען דעריבער זיי נישט טרויען״. דערשראָקענע יידן האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט כדי צו באַווייזן אַז זיי זענען כשרע און אוי־טענטישע פּאַטריאָטן. אין דער ליטעראַטור און עסעיסטיק פון אָפּגעריסענע אינטעליגענטן ווערט אונטערגעשטראָכן די צעשפּליטערטקייט פון דער יידי־שער נשמה מיטן אַקצענט אויף „פרעמדקייט״; סאָציאָלאָגן האָבן געשאַפן אַ נייעם טערמין פאַר יידן אַלס „מאַרגינאַלע״ מענטשן — דאָס אַלץ כדי פונאַנ־דערצובלאָזן דעם אילוזאָרישן קאָנפליקט צווישן טרייהייט צו ישראל און פּאַטריאָטיזם צום אייגענעם לאַנד.

ד״ר גאָלדמאַן אַליין גלויבט, אַז די מדינה האָט נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען פון אירע בירגערס עקסקלוזיווע געטריישאַפט. „אַ קולטור־מענטש לעבט אין דער ספערע פון פאַרשידענע לאָיאַליטעטן און נאָר פּרי־מיטיווע און באַרבאַרן האָבן איין טריישאַפט. עס איז דאָ אַ טריישאַפט צו דער מדינה, צו מינדערהייט־סטאַטוס, צו אַ רעליגיע, צו אַ סאָציאַלן שטאַנד, עס זענען דאָ די פאַרשידנסטע טרייהייטן״.

אויב אַזוי, וואָס האָט געצוווּנגען ד״ר גאָלדמאַנען אַרויסצוברענגען דאָס פּראָבלעם אַלס אַ צענטראַלן און וועזנטלעכן ענין אין דער פראַגע פון די באַציונגען צווישן דער מדינה און די תפוצות? ווּ און ווען איז עס געקו־מען צום צוזאַמענשטויס אין אונדזער צייט חוץ אין די מוחות פון שונאים און פּחדנותדיקע יידן? עס איז אויסטערליש וואָס דער ענין ווערט אַרויס־גערופן אין אַ צייט ווען מיליאָנען האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט ישראל, צווישן זיי אויך פרעמדע און ווייטע, נישט קימערנדיק זיך אויף אַ האָר מיט דאָפּלטע לאָיאַליטעט־קווענקלעניש. אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען, אויך די נישט־יידן. די געשיכטע פון אונדזער צייט איז פול מיט ביישפּילן ווי יידישע ישובים (אַמעריקע, ענגלאַנד און טאַקע דרום־אַפריקע אַליין) האָבן גע־

קעמפט פאַר די אינטערעסן פון ישראל קעגן דער פּאָליטיק פון זייער רעגי־רונג און קיינער האָט נישט קוועסטיאָנירט זייער פּאַטריאָטיזם.

אָבער ווייזט אויס, אַז דער ענין דאָפּלטע לאָיאַליטעט איז נאָר ביי ד״ר גאָלדמאַנען אַן אַריינפּיר צו זיין הויפּט־טעמע: די נויטווענדיקייט פון אַב־סאָלוטער נייטראַליטעט פון ישראל אין די פּאָליטישע און מיליטערישע עני־נים פון דער וועלט. „כדי יידן זאָלן האָבן רעכט נישט נאָר לעגאַל נאָר אויך מאָראַליש צו פאַרלאַנגען די עמאַציאַנעלע און אינטעלעקטועלע טריישאַפט פון אַלע טיילן פון פאָלק, וועט זי (ישראל) געצוווּנגען ווערן צו זיין ס׳נייט־ראַלסטע לאַנד אין דער וועלט״ — „מיט דעם וואָס זי שטעלט זיך מיט איין צד, אַנטאַגאָניזירט זי במילא דעם צווייטן״.

וועגן נייטראַליטעט אַלס פּאָליטיש־פילאָזאָפישער ענין לאָזט זיך דיס־קוטירן. עס איז אַ ספק צי אַ יידישע מדינה אַלס אַזעלכע קען זיין נייטראַל, צי דאָס איז איר ראָל, צי דאָס דערוואַרט פון איר די וועלט. אָבער דאָס איז זיכער נישט קיין תנאי פאַר יידישער לאָיאַליטעט.

אינעם לעצטן קאַפּיטל רעדט ד״ר גאָלדמאַן וועגן נייע פאָרמען פון אָר־גאַניזירן די באַציונגען צווישן די תפוצות און ישראל און מאַכט דערביי אַ מאָדנע דערקלערונג, אַז ביז אַהער איז דאָס געווען אַן איינזייטיקער וועג. נאָר יידן אין גלות האָבן געגעבן. אמת, ער אַליין גיט גלייך צו, אַז די תפוצות האָבן באַקומען אַן „עמאַציאָנעלע״ קאָמפּענסאַציע, אַ גייסטיקע באַפרידי־קונג, אַן אינספּיראַציע, אַ שטאָלץ אויף דער מדינה, צה״ל א.אַ.וו. דוכט זיך מיר, אַז דאָס אַליין איז מיליאַנען־פאַכיק מער ווערט ווי מיליאָנען און מען קען דאָס גאָרנישט אָפּשאַצן. אָנרופנדיק דאָס פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, פאַרקלענערט מען נישט זייער אַן סופיקן ווערט.

וואָס שייך דער מאָס פון איינפלוסן פון יידן אין דער וועלט אויף ישראל דאַרף ד״ר גאָלדמאַן זיין קאָנקרעטער און זאָגן אונדז וואָס ער מיינט. אַ רעכט צו באַשטימען דעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן רעזשים אין לאַנד? אַ פאַרטרע־טערשאַפט אין די פאַרשידענע אָרגאַנען אין דער מדינה? זעט אויס, אַז ער אַליין האָט נישט קיין ענטפער און לאָזט עס איבער פאַר אַ מוחות־טראַסט און פאַר טיפע שטודיען פון לאַנגע דורות.

1968

זעלבסט־שנאה

פאַר וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט ביי אונדז די שנאה צו זיך אַליין? פאַר וואָס האָבן מיר אין אַלע תקופות געהאַט מומרים להכעיס, געטויפטע אָדער נישט? פאַר וואָס איז אַט די פּסיכיש־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר האָט אָנגענומען אַנדערע, מער היפּאָקריטישע פאַרמען נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה? מיר מיינען נישט די שאַרפע זעלבסט־קריטיק פון די בעסטע און גייסטרייכסטע, אַ זעלבסטקריטיק, וואָס איז אָפט מאָל געווען איבערגעטריבן און האָט אָנגענומען פאָרמען פון פאַרלוימדונג צוליב צופיל אייפער און סענסיוויטעט. מיר האָבן אַפילו נישט אין זינען די סנאָבישע „אויפגעקלערטע" מכל המינים, וועלכע באַציען זיך מיט זלזול צו אונדזערע רעליגיעז־גייסטיקע אוצרות און פאַרטראַגן נישט קיין לעבעדיקע יידן אין נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטער אַבסטראַקטער און בלוטלאָזער יודאַיסטיק. פאַר אַ מינוט האָבן מיר אַפילו געדולד צו פאַרפירטע, וואָס הויבן אָן זייער אידעאַליסטיש־אַלוועלטלעך לעבן מיט יידישן זעלבסטמאָרד.

אויסן זענען מיר דאָס מאָל די באַוווּסטזיניקע פאַררעטערס, אַקטיוויסטן און פירערס, נישט מיטלויפערס — נאָר פאַרלויפערס פון די „אַל־פאַטאַכס" און אַנדערע פאַרניכטונג־באַנדעס — אָן חכמות, אָן מליצות, נאָר אָפן און ברוטאַל.

אין דער יוני־אויסגאַבע פון דער „קאָמוניסטישער מאָלדאַוויע", דעם אידעאָלאָגישן זשורנאַל פון דער מאָלדאַווישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איז דערשינען אַן אַרטיקל פון י. פעלדמאַן, דעם טרויעריק בארימטן פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן יידן און ישראל. הויבן הויבט זיך אָן דער פּאַשקוויל מיט די געוויינטלעכע קלישייען וועגן ציוניזם, „...וואָס איז איינע פון די גרעסטע קאָנגלאָמעראַטן פון פינאַנס־קאַפּיטאַל אין דער וועלט און אַ גלאָבאַלער מיניסטעריום פון יידן".

אַט די קאָאָפּעראַציע טוט נישט מער און נישט ווייניקער ווי: „גיין אין די פּוסטריט פון די נאַציס, וועמענס טעאָריע פון דער העכערער אַרישקייט האָט געקאָסט צענדליקער מיליאָנען און צווישן זיי אויך זעקס מיליאָן יידן". נאָך דעם, ווי ער פאַרגלייכט אונדז מיט די נאַציס, מיט דער טומאה אַליין — באַשמוצט ער און באַשפּייט דאָס יידנטום לויטן נוסח פון די פּעפּערקאָרנס אין מיטלאַלטער. די דאָגמעס און די מיטאָסן פון תנ"ך זענען געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער ישראלדיקער פּאָליטיק, דאָס ביבלישע געזעץ דערלויבט צו באַגיין די גרעסטע מיליטעריִשע אַוואַנטור־רעס, מאָרד און פאַרברעכן אין נאָמען פון „אתה בחרתנו".

פּונקט ווי אין יוני 1967 „קען מען זען דעם סילועט פון די אינטער־נאַציאָנאַלע פּראָוואָקאַציעס, די ציוניסטישע סוחרים, וואָס זענען גרייט צוליב רווח און מאַכט צו באַגיין יעדן פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט". — אַט האָט איר אַלץ: די טונקעלע מיסטיק פון דער פאַרשווערונג פון די „זקני ציון", דאָס בילד פון יידן אַלס אינטערנאַציאָנאַלע ברונעם־פאַר־גיפטערס, די טמאהדיקע באַליידיקונג פון די נביאים, און די באַרעכטי־קונג פון יעדן קאַמף מיט אַלע מיטלען קעגן אַט אָ די אַלע „שונאים און באַשווערערס" אין דער וועלט.

געשריבן איז עס אין 1969, אויף געדולדיק פּאַפּיר אין אַן „אידעאָלאָ־גישן" זשורנאַל, דורך אַ קינד פון אַ יידישער מאַמען פאַר הונדערטער טויזנטער גוים, אין אַ רעפּובליק, וואָס האָט דעם העכסטן פּראָצענט יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. קען מען זיך אין דער ווילדסטער פאַנטאַזיע פאָרשטעלן וועלכן עס איז קאָמוניסט אין דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי שרייבן וועגן זיין פאָלק, וועגן זיין היים און וויגעלע? ווי תהומות־דיק עס קען אַראָפּנידערן אַ יידישע נשמה!

אין „דזשואיש כראָניקל" פון 12טן סעפּטעמבער ה.י., ווערט דער־ציילט אַ געשיכטע פון אַ 22־יעריקן אייניקל פון אַ רב, וואָס האָט אָנ־טיילגענומען אין אַ „שטודיע־מיסיע" פון 48 ענגלישע בירגערס אין די „אל־פאַטאַך"־לאַגערן אין ירדן. זיין נאָמען ווערט נישט אָנגעגעבן, כדי נישט צו פאַרשאַפן נאָך מער צער זיין משפחה.

זיין מאַמע האָט דערקלערט דעם קאָרעספּאָנדענט: „איך וועל נישט

קענען קוקן מיינע פריינד אין די אויגן, אויב מען וועט זיך דערוויסן. ווען ער וואָלט געווען אַ פאַרברעכער, וואָלט איך אים פאַרטיידיקט, אָבער נישט ווען ער איז אַן אַנטי־ישראלדיקער טעראָריסט״.

דאָס געראָטענע אייניקל האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו קעמפן מיט דעם „אַל־פאַטאַך״ קעגן די ישראלים, דורך דער מאָאָאיסטי־שער געזעלשאַפט „פריינד פון כינע״ איז ער געקומען אין באַרירונג מיט „אַל־פאַטאַך״. ער באַרימט זיך מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַ פאָרזי־צער פון אַ פּראָ־פאַלעסטינער מיטינג, וואָס צום סוף פון זייער באַזוך אין ירדן איז ער פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר דער פּרעסע ווי אַ יידישער אונטערשטיצער פון די פאַלעסטינער טעראָר־אָרגאַניזאַציעס.

ער האָט קיין מאָל נישט באַזוכט ישראל, אָבער ער האָט זי פיינט אַלס „אימפּעריאַליסטישן״ און „עקספּאַנסיאָניסטישן״ שטאַט וואָס איז באַזירט אויף רעליגיע. ער טוט אונדז די טובה און ער איז קעגן דער פיזישער פאַרניכטונג פון יידן און ער איז גרייט זיך צו שווערן ביי באָרד און פאות (פון אַ ביטניק), אַז „אַל־פאַטאַך״ האָט עס גאָרנישט בדעה צו טאָן. מיט דעם איז ער נישט אָריגינעל, נאָר חזרט איבער פאַפּוגיי־מעסיק די לאָזונגען פון „אַל־אַפטאַך״, וואָס באַמיט זיך צו דערשיינען ווי אַ סאָלידע באַוועגונג און פאַרשטעקן איר מערדערישן מעסער אונטער פראַק און צילינדער. ס׳געפעלט אים אויך דאָס פאַרכאַפּן פון עראָפּלאַנען. אויב יידן האָבן וועלכע עס איז רעכט אין ישראל — איז עס נאָר ווי פאַלעס־טינער, ווי בירגער פון אַ פאַלעסטינער שטאַט.

אפשר איז עס גוט, וואָס מען קען נישט זיין נאָמען. עס פּאַסט זיך פאַר אַ פּנימלאָזן ייד, פאַר אַ זעלבסטגעקרוינטן קאַפּאָ, וועלכער איז, ליי־דער, ליידער נישט דער איינציקער צווישן די טויזנטער, וואָס רעדן אַזוי און די וואָס לאָזן פּחדנותדיק רעדן אין זייער נאָמען.

אין „ידיעות אחרונות״ פונעם 21סטן סעפּטעמבער ה.י., דערציילט יוחנן להב וועגן אַ יידישער, עלעגאַנטער יונגער אָרגאַניזאַטאָרין פון אַן „אַל־פאַטאַך״־דעמאָנסטראַציע אין מערב־בערלין, אָט דער יידישער טאָכ־טער, וואָס איז אַן אַסיסטענטין פון פּאָליטישע וויסנשאַפטן.

זי איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערין. געפּרווווט

האָט זי זיך אָנצושליסן אין טשע־געוואַראַס קאָמאַנדאָס, ס׳איז איר אָבער נישט געלונגען — האָפט זי דעריבער, אַז ס׳וועט איר איצט געלינגען צו קעמפן אין די פראָנט־ליניעס פון „אַל־פאַטאַך״.

איר אינפאָרמאַציע וועגן ישראל האָט זי געשעפּט פון די „מצפּן״־מיטגלידער און זי ווייס באַשיימפּערלעך, אַז אין ישראל קומט פאָר אַ גרויליקער טעראָר אין די אָקופּירטע געביטן און אַז מען דריקט אונטער די „פרייהייט״־קעמפערס. זי האָט זיך געקווענקלט זיך צו באַגעגענען מיט דעם קאָרעספּאָנדענט, ווייל זי האָט זיי פיינט, די בלוטדורשטיקע עמיסאַרן. זי איז גאָר, גאָר אַ מומחה אין די אַראַבישע ענינים. אין פוילן איז טאַקע נישטאָ קיין סאָציאַליזם; נאַצער און בומעדיען זענען טאַקע נישט קיין סאָציאַליסטן, אָבער „אַל־פאַטאַך״, זיי, זיי זענען די רעוואָלוציאָנערן פון מאָרגן. זי לייקנט שטיין אוןביין, אַז די נאַצישע ס.ס.־מענער מושטרירן די „אַל־פאַטאַך״־פאָרמאַציעס, ווייל אויב פאַקטן זענען קעגן אידעאָלאָגיע — עקזיסטירן זיי נישט. זי חזרט איבער די בלבולים פון דער „נאַציאָנאַל און זאָלדאַטן־צייטונג״, אַז די ישראלדיקע יידן זענען פאַשיסטן.

עס עקלט איבערצוחזרן די אַנדערע פּערל פון דער יונגער דאַמע, וואָס האָט מסתמא געהאַט אַ מאַמען מיט כשרע יידישע אויגן און אַ באַבען, וואָס האָט פרום געלייענט די „צאינה וראינה״ און לויטער געזאָגט „גאָט פון אברהם״.

ווידער אַ מאָל: זי איז נישט די איינציקע. זי איז טיפּיש אין איר טפשות, זי פאַרבאַהאַלט זיך הינטער פראַזן און פילט נישט ווי זי האָט זיך אַליין פיינט...

טאָ ווי אַזוי היילט מען אָט אָ די מחלה ביי אונדז? ווי פאַרמיידט מען איר פאַרשפּרייטונג? מיט וואָס באַקעמפט מען זי? דאָ העלפט נישט קיין דיסקוסיע און קיין פאָלעמיק, כאָטש מען דאַרף זיך, פאַרשטענדלעך, ווערן און אָפּווערן, זיין וואַכזאַם און שלאָגפאַרטיק. ס׳איז דאָ נאָר איין תשובה: אהבת ישראל: לערנען ליב האָבן יידן, אַפילו אין זייערע מאָמענטן פון אָנמאַכט און פאַרבלענדקייט, דעקן און אויפדעקן אַלע אוצרות און גרויסקייטן פון אונדזער אומשטערבלעך פאָלק. נאָר זיך נישט שרעקן פאַר „שאָוויניזם״ און פאַר „ענגן נאַציאָנאַליזם״. אין אָנבליק פון אָט די זומפּן

פון שפלות און געפאַלנקייט — ציט זיך דאָס אויג בענקענדיק און התפעלותדיק צו די גאָלדשפּיצן פון יידישן געניוס אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער.

1969

אַ יידישער קולטור־רענעסאַנס אין גלות?

אין „דזשואיש קראָניקל" פון 25סטן יוני איז דערשינען אַ לענגערער באַריכט פון אַ רעפעראַט וואָס עס האָט געהאַלטן אין אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים אין לאָנדאָן ראַבאַי קעלמאַן, אַ פּראָפעסאָר פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו יאָרק און אַ פּראָמינענטער און אַקטיווער יידישער מנהיג. שוין די טעמע אַליין פונעם רעפעראַט: „צי איז דאָ אַ יידישער קולטור־רענעסאַנס אין די תפוצות?" איז אַ נישט־געוויינלעכע און פּראָוואָצירנדיקע. און נאָך מער זענען עס די אויספירן צו וועלכע עס קומט דער חשובער פּרעלעגענט. מיר האָבן נישט דעם פולן און אָפיציעלן טעקסט פון דעם רעפעראַט און מוזן זיך פאַרלאָזן אויף דעם געוויינלעך באַגלייבטן און אָביעקטיוון איבערגעבן פון דעם לאָנדאָנער וואָכנבלאַט. מיר וועלן נישט באַדויערן אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די ווערטער פון ראַבאַי זענען נישט פּינקטלעך ציטירט געוואָרן צוליבן טעות פון רעפּאָרטער. דערווייל דאַרף מען אָבער אָננעמען, אַז דער באַריכט שפּיגלט באמת אָפּ די אַרויסגעזאָגטע אָנשויונגען פון רעפערענט.

מיר ווילן גלייך באַמערקן, אַז מיר זענען מסכים מיטן ראַבאַי קעלמאַן, ווען ער טרעט אַרויס קעגן דער טענדענץ וואָס האַלט, אַז יידיש לעבן אין די תפוצות איז בלויז אַ קייט קאַטאַסטראָפעס און קריזיסן און וואָס פאַרזעט דאָס פּאָזיטיווע און שעפערישע אין אים. פּונקט ווי ער גרענעצן מיר זיך אָפּ פון די כראָנישע מרה־שחורהניקעס און שוואַרצזעערס נישט נאָר וואָס שייך די תפוצות, נאָר אויך וואָס שייך ישראל. עס וואָלטן צווישן אונדז און דעם ראַבאַי נישט געווען קיין חילוקי־דעות, ווען ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פיזישן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב פון מערב־יידנטום, בעיקר דעם פון אַמעריקע. אוודאי איז עס אַ מאַסיווער שעפערישער כוח אָן אַ פּרעצעדענט און אָן אַ פאַרגלייך מיט

וועלכן ס׳איז ישוב אין דער צוויי טויזנט יעריקער גלות־געשיכטע. גע־וואַלדיקע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, פּאָליטישע השפעה, רירעוודיקייט און פעיקייט צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן כוחות פאַר יידישע וועלט־ענינים מיט ישראל אין דער שפּיץ, העכסטע פּאָזיציעס אין דער וויסנ־שאַפט, אין דער קונסט, אין דעם קולטור־לעבן פון די לענדער א.אַ.וו.

אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ ספּעציפישן ענין, וועגן דעם יידיש־גייסטיקן לעבן, וועגן דעם נשמה־צושטאַנד פונעם גרויסן אַמעריקאַנער יידישן ישוב, וועגן די רעזערוון און פערספּעקטיוון פאַר אַ משמעותדיקן המשך און וויטערדיקן קיום. אוודאי איז פאַראַן אַ שייכות צווישן דער ווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פון דעם ישוב מיט זיינע גייסטיקע ענינים, אַ פאַרבינדונג צווישן חומר און רוח, צווישן צאָלן און איכות, כוח און יצירה. ס׳זעט אָבער אויס, אַז די שייכות איז אַ רעלאַטיווע און אַ באַגרענעצטע. מיר וועלן דאָ גאָרנישט מחדש זיין זאָגנדיק, אַז אָפט מאָל שאַפן גאָר די נייע מעגלעכקייטן באַדינגונגען פאַר סכנות פון יידישן שטאַנדפונקט און אַז זייער אָפט פירט נישט די עמאַנציפּאַציע צו דער געגאַרטער אויטאָ־עמאַנציפּאַציע.

אָן קיין שום ספק איז אויך דער דאָזיקער ספּעציפישער געביט נישט כולו מדבר און פאַרוויסטונג. מיר האָבן אָפט געשריבן מיט אמתער פרייד וועגן די אימפּאָזאַנטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון חכמת־ישראל, פון איינזאַמלען יידישע גייסטיקע אוצרות, וועגן דער וואַקסנדיקער צאָל או־ניווערסיטעטן מיט פאַקולטעטן פאַר יידישקייט, פאַר יודאַיקאַ, פאַר יידיש־לשון א.אַ.וו. דאָס אַלץ איז טאַקע אמת ויציב, אָבער פון דעם ביז „אויפ־בליי״, „אויפלעבונג״ איז ווייט ווי פון מזרח צו מערב. ראַבאַי קעלמאַן וועט אונדז מסתם מוחל זיין, ווען מיר וועלן אים זאָגן, אַז ער באַנוצט זיך אָפט מיט דער „סגי נהור״־שפּראַך. אַלץ זעט אויס לחלוטין אַנדערש ווען מ׳קומט צו צאָלן, צו מאַסן, צו פּראָצענטער און צו פּריאָריטעטן אין דער וועלט פון יידישער קולטור. דאָ האָט דער ראַבאַי לחלוטין פאַרלאָרן דעם חוש פאַר באַלאַנס און פּראָפּאָרץ. אַזוי למשל דערקלערט ער, אַז נאָך קיין מאָל האָבן אין אַמעריקע אַזוי פיל מענטשן נישט געלערנט יידי־שע לימודים אויף אַ מיטלשול־ און אוניווערסיטעט־ניוואָ אַזוי ווי היינט. אָבער דער נחת פאַרשווינדט, ווען ער גיט אַרויס די געוואַלדיקע ציפער

פון 10.000 אויף אַ קיבוץ פון 6 מיליאָן יידן און ווען מ׳פאַרגלייכט די ציפער מיט דעם כמעט האַלבן מיליאָן יידישע סטודענטן אין אַמעריקע. צי איז דען באמת דאָ מיט וואָס זיך צו באַגייסטערן? איז עס דאָך נישט מער ווי אַ טראָפּן אַנטקעגן דעם ים. זיכער איז עס בעסער ווי גאָרנישט, אָבער בלויז בעסער און נישט גוט. צי קען מען דען אַפילו רעדן וועגן אַ חינוך־ און קולטור־מיניִמום, ווען העכער אַ העלפט יידישע קינדער קריגט נישט קיין שום יידישן חינוך, אַפילו נישט דעם גאָר מאָגערן פון אַ פּאָר שעה אַ וואָך? צי קען מען בויען בלויז אויפן דאָך פון אוניווערסיטעט־פאַקולטעטן, בעת די סאַמע יסודות זענען צעטרייסלט? אוודאי זענען 60 טויזנט יידישע פּראָפעסאָרן אַ גרויסער אוצר, אָבער צי קאָמפּענסירט עס דאָס וואָס ראַבאַי קעלמאַן זאָגט אַליין, אַז נאָך קיין מאָל אין דער יידישער געשיכטע איז נישט געווען אַזאַ גרויסע צאָל אַמעראַצים (עם הארצים) אין יידישקייט. און אַז וואָס גרעסער און טיפער ס׳איז ביים יידישן אינ־טעלעקטועל זיין אַלגעמיינער קולטור־ניוואָ, אַלץ בולטער און אַלץ שאַר־פער איז ביי אים די אָרעמקייט פון זיין יידישן וויסן?

אוודאי איז די נעץ פון לערן־אַנשטאַלטן, סעמינאַרן און אוניווערסי־טעט־דעפּאַרטאַמענטן אַן אָנהייב פון אַ יידיש געבילדעטן קאַדער פון עס־קנים — און דאָס איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג. צי קען עס אָבער אונדז מאַכן פאַרגעסן דעם גלייכגילט און די אָפּגעפרעמדקייט פון גרויסע מאַסן יידישע יוגנט. די גייסטיקע אויסליידיקונג פון דער יידישער היים, דאָס פאַרשווינדן פון אַ יידישן לעבנס־שטייגער, דאָס פאַלן פון דער צאָל מיטגלידערשאַפט אין די קהילה־צענטערס און די מינימאַלע צאָל מת־פּללים אין די שולן אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר אויסער די הייליקע טעג און צענטראַלע יום טובים? צי קען מען אַפילו אָנהייבן פאַרגלייכן דאָס יידישקייט פון די 6 מיליאָן אַמעריקאַנער יידן מיט דעם יידישקייט פונעם אַמאָליקן פּוילישן יידנטום, וואָס האָט אויסגעמאַכט בלויז אַ העלפט פון דער צאָל. צי איז דאָ אין אַמעריקאַנער יידנטום אַפילו אַ ווייטער עכאָ פון דער גאָלדענער יידישער תקופה אַמאָל אין שפּאַניע?

און דאָס רופט ראַבאַי קעלמאַן רענעסאַנס? צי זענען עטלעכע שי־טערע ביימער אין אַ וויסטעניש אַ וואַלד און צי איז אַ געזאַנג פון איינצלנע אַ סימפאָניע? צי זענען אַזעלכע ברעקלעך און שטיקלעך פון יידישקייט

אַפילו אַן אָנהייב פון צוריק אַנטפּלעקן און אויפדעקן פאַר די יונגע דורות אונדזערע גרויסע נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות? און ווי אַזוי פּאַסט זיך אויטענטישע יידישקייט מיט געמישטע חתונות?

קיינעם פּאַלט וואָס אַן אמת נישט איין אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט דעם קליינעם און טייערן יש. פאַרקערט. מיר ציטערן איבער אים ווי אי־בער אַ שוואַכן און טייערן קינד. אָבער פּונקט אַזוי ווי ס׳איז שעדלעך דער „פון אויבן אַראָפּ״־זלזול און גרינגשעצונג, אַזוי איז אויך פאַלש און פאַרפירעריש דאָס קנייפּן זיך אין די באַקן און דאָס אויפבלאָזן זיך ווי די זשאַבע אין דער פאַבל. מ׳טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן און זיך נישט וויסנדיק מאַכן פון דער ביטערערווירקלעכקייט אין נאָמען פון לייכטן און אויבערפלעכלעכן „אַלרייט״, פון וועלכן די ערנסטע אַמעריקאַנער יידן און בתוכם ראַבאַי קעלמאַן גופא האָבן זיך שוין לאַנג דערווייטערט.

אפשר איז אין דעם צוזאַמענהאַנג כדאַי צו ציטירן אַ רעדע פונעם באַקאַנטן סאָציאָלאָג מילטאָן הימעלפאַרב, דעם דירעקטאָר פון אינפאָרמאַ־ציע־פאָרשונג ביים אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, וואָס מ׳קען נישט חושד זיין אין „גלות־פאַרלייקענונג״. דער געלערנטער האָט (לויט אַ מיט־טיילונג פון „ייטאַ״ פון 4טן יוני), אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישע קהילה־אַרבעטער כאַראַקטעריזירט יידן ווי „ספּעצימענען אין געפאַר״ צוליב דער אַסימילאַציע און זייער נידעריקער געבורטיקייט און געזאָגט צוו. אַנד. אָפן, אַז „יידן שטייען פאַר דער סכנה פון אומקום צוליב דעם אַסימילאַ־טאָרישן צוזאַמענגוס מיט דער נישט־יידישער, צו זיי פריינדלעכער מער־הייט״ און אַז זיי „באַגייען אַ מאַסן־זעלבסטמאָרד מיט זייער איבערגע־טריבענער געבורט־קאָנטראָל״.

קען זיין, אַז דער חשובער סאָציאָלאָג טרייבט איבער אין דער פאַר־קערטער ריכטונג (זיכער אין סטיל און פאָרם) און וואַרפט אַן אַ צו גרויסן פחד. אָבער צווישן אָט דעם אַלאַרם־סיגנאַל און דיבורים וועגן רענעסאַנס איז מסתם פאַראַן אַ מיטלוועג פון אַ מער רעאַלער און מער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג.

1976

פאַר וואָס „ברירה"?

אין דעם באַרימטן זשורנאַל „קאָמענטאַרי", וואָס גיט זיך נישט צו אָפּט אָפּ מיט יידישע פּראָבלעמען, האָבן מיר געפונען די גרינדלעכסטע אָפּשאַצונג פון דער זייער קאָנטראָווערסאַלער, אַפילו יוצא דופנדיקער, אָבער שטאַרק אַקטיווער גרופּע „ברירה". דאָס איז אַ לענגערע אַרבעט פון יוסף שאַטאַן, וואָס גיט איבער די געשיכטע, די אָפענע און פאַרשטעלטע צילן און שטעלט פאָר די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס אַלע רעדן וועגן איר, אָבער מען קען זי זייער ווייניק. ברענגען מיר, דעריבער, מיט אַ סך אָנערקענונג פאַרן מחבר, דעם תמצית פון דעם אַרטיקל.

צו ערשט אַ פּאָר באַמערקונגען: ס'איז נישט סתם קיין פּאַרש־אַר־בעט: דער מחבר האָט אַ בפירוש נעגאַטיווע שטעלונג צו דער גרופּע, אָבער זיין אַרטיקל איז אַזוי רייך דאָקומענטירט, אַזוי וויסנשאַפטלעך קאָרעקט, אַז ער דערוועקט צוטרוי און באַגלויבלעכקייט ביי ראַפינירטע און הויך אינטעלעקטועלע לייענערס, ציוניסטן און אויך נישט־ציוניסטן.

וועגן „ברירה" גופא הערשן די פאַרשידנסטע מיינונגען. פון איין זייט איז זי שטאַרק געלויבט געוואָרן דורך אַזעלכע ערנסטע פּרעסע־אָרגאַנען ווי „טיים" און „וואַשינגטאָן פּאָסט", אַלס „אַ וויכטיקע פּאָליטישע אַנטוויקלונג, וואָס באַווייזט דעם ווילן פון אַמעריקאַנער יידן צו קריטיקירן ישראל". פון דער צווייטער זייט, ווערט זי אַטאַקירט דורך אירע קעגנערס אַלס אַ פאַרמאַסקירטער און צביעותדיקער אַנטי־ציוניסטישער כוח, וואָס פאַרנעמט, כמעט שטענדיק, אַן איינזייטיקע פּראָ־אַראַבישע שטעלונג. זיי זאָגן אויך, אַז זי באַשטייט פון מיטגלידער, וואָס וויסן אייגנטלעך נישט וואָס זיי זענען און לאָזן אַ רירעוודיקע מינדערהייט רעדן אין זייער נאָמען. ווי איר נאָמען זאָגט, וויל די גרופּע „ברירה" זיין „אַן אַלטערנאַטיווע

פאַר דער געמיינזאַמער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צווישן ישראל און די תפוצות", אויפן פשוטן לשון — אַן אינסטרומענט פון קריטיק, פון נישט מסכים זיין מיט דער אָפיציעלער ליניע פון ישראל, נישט אַ מאָל, נישט אָפּילו אָפּט, נאָר שטענדיק. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אָפּגרענעצן זיך פון דער אָפיציעלער ישראל־פּאָליטיק טראָגט זיך אויך איבער אויף דעם קאָנצענזוס פון דער אַמעריקאַנער יידישער פירערשאַפט.

ביז איצט קלינגט עס גאַנץ אומשולדיק. מיר האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז קריטיק פון ישראל מצד די תפוצות איז נישט בלויז אַ פּריווילעגיע, נאָר אַ חוב.

די גרופּע איז אין איר אָנהייב באַשטאַנען פון אינטעלעקטועלע פון „רעספּאָנס"־מאַגאַזין און גוט באַקאַנטע רעפאָרמירטע און קאָנסערוואַטיווע ראַבאַיס מיט „בבל"־קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן געוואָלט מאַניפעסטירן די גלייכע וויכטיקייט פון יידיש לעבן אין גלות און אין ישראל.

די גרופּע האָט געצויגן די עפנטלעכע אויפמערקזאַמקייט אין נאָוועמבער 1974, ווען זי איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אויפטריט פון יאַסער אַראַפאַט אין דער אונאָ, האַלטנדיק, אַז דאָס וועט בלויז פאַרטיפן יידישע דאגות און ישראלס איזאָלאַציע. זי האָט אויך גערופן די ישראל־רעגירונג אויסצודריקן איר גרייטקייט צו אונטערהאַנדלען „מיטן ברייטסטן קרייז פון דער פּאַלעסטינער פירערשאַפט" (בלשון בני אדם, מיינט עס „אָרגאַניזאַציע פאַרן באַפרייען פּאַלעסטינע", פּ.ל.אָ.). דערביי האָט זיך „ברירה" נישט באַנוגנט מיט אַ ריין אינערלעכער דיסקוסיע, זי האָט אָנגעהויבן האַנדלען אין דרויסן, אויסער די ראַמען פון דער אָרגאַניזירטער קהילה.

אין יולי 1975 איז דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון „ברירה", וואָסקאָוו, אויפגעטראָטן פאַר דעם מאַק־גאָווערן סוב־קאָמיטעט פאַר אָנגעלעגנהייטן פון נאָענטן מזרח און פאָרגעלייגט ישראל אונטערצוהאַנדלען מיט דער „פּ.ל.אָ." וועגן די באַציונגען צווישן די „צוויי שטאַטן" (ביי אים איז עס שוין געווען אַ פאַרטיקע זאַך). אין זייער חודש־זשורנאַל „ביוז דעי", האָבן די „ברירה"־לייט אָפּילו געפאָדערט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, זי זאָל „אַרויפצווינגען" אַ שלום און דער באַוווסטער לינקיס־

טישער פירער, וואָסקאָוו, האָט איינגעאָרדנט סעמינאַרן פאַר קאָנגרעס־מיטגלידער, כדי זיי „אויפקלערן" און עפענען פאַר זיי אַ נייע פּערספּעק־טיוו פאַר אַ לייזונג פונעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם, וואָס איז זיי ביז איצט נישט געווען באַקאַנט.

אין „דזשערוזאַלעם פּאָסט" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ גרויסער אַנאָנס אונטערן קעפּל „ס'איז די העכסטע צייט אָפּצושטעלן דעם „גוש אמונים", אין וועלכן דער נאָמען „ברירה" ווערט נישט דערמאָנט. שפּע־טער האָט זי אָבער פאַר אים גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער „טיים" האָט זיך טאַקע אויף זיי פאַררופן און געשריבן, אַז ס'ווערט אַלץ שטאַרקער צווישן די אינטעלעקטועלן די איבערצייגונג, אַז „קריטיק פון ישראל מיינט נישט אַז מ'וויל זי פאַרלאָזן".

אין 1976 האָבן זיי זיך דערפילט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן געקענט צוזאַמענרופן אַ לאַנד־קאָנפערענץ מיט באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי הויפּט־רעדנערס.

פון די פּרטים וואָס דער מחבר פונעם אַרטיקל אין „קאָמענטאַרי" גיט איבער וועגן די קרייזן און אָרגאַניזאַציעס פון וועלכע די „ברירה" איז אַנטשטאַנען (אַלע מיט אַ פּראָ־אַראַבישן און לינק־ראַדיקאַלן הינ־טערגרונט) ווערט קלאָר, אַז די גרופּע איז נישט געשאַפן געוואָרן ווי אַ ריין ציוניסטישע באַוועגונג, כאָטש זי האָט צוגעצויגן אַזעלכע פּערזענ־לעכקייטן ווי דעם באַרימטן ראַבאַי יאָאַכים פּרינץ, דעם פּלאַמיקן רע־דאַקטאָר באָראָוויטש און אַזעלכע אינטעלעקטועלן און שרייבערס ווי אויר־ווינג האָו און נאַטאַן גלאַזער (אַ טייל האָט זיך שפּעטער פון זיי אָפּגע־טרייסלט). „ברירה" איז אויפגעקומען פון גוט סובסידירטע און פינאַנ־סירטע אָרגאַניזאַציעס, ווי „קאָנאַמע", „פּעריוו" און דעם „אינסטיטוט פאַר פּאָליטישע פאָרשונגען". זי האָט געדאַרפט זיין אַ ריין יידישע, ציוניסטישע ווערסיע פון אָט די גרופּעס. אין דער אמתן איז עס געווען „די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט".

אין די באַגעגענישן צווישן פּ.ל.אָ.־פאָרשטייערס און אַמעריקאַנער יידישע פּערזענלעכקייטן איז דער עקזעקוטיוו־מיטגליד פון „ברירה", דער אויבן דערמאָנטער וואָסקאָוו, געווען שטאַרק אַקטיוו.

לאַנג אָבער האָט מען נישט געקענט נאַרן דעם עולם. ווען דער בולט

פראָ־אַראַבישער כאַראַקטער פון „ברירה" איז קלאָרער געוואָרן, האָט זיך ראַבאַי פרינץ צוריקגעצויגן פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז די אָפיציעלע קערפּערשאַפטן פון „ברירה" שפּילן נישט קיין שום ראָלע און אַז די קליינע גרופּע טוט וואָס זי וויל און באַראָט זיך נישט מיט קיינעם. שפּעטער האָט אַ גרופּע פּראָפעסאָרן און סאָציאָלאָגן וואָס האָבן זיך שוין אַנגעשלאָסן, אָדער געהאַט בדעה דאָס צו טאָן זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון „ברירה". וואָס שייך די אָפיציעלע יידישע קערפּערשאַפטן, האָבן זיי זיך צעטיילט אין צוויי חלקים: אַזעלכע וואָס האָבן שאַרף רעאַגירט (אַמאָל צו שאַרף, לויט אונדזער מיינונג) און אַזעלכע וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ דיפּלאָמאַטיש שווייגן.

„ברירה" האָט, ווייזט אויס, דערפילט, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. אויף איר נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין פעברואַר ה.י. האָט זי זיך באַמיט צו פאַרבעסערן איר „אימעדזש" און איז אַרויס מיט גאַנץ מעסיקע פּאָדערונגען, איינלייגנדיק ממש וועלטן מען זאָל זי גלייבן אַז זי איז ציוניסטיש, פּראָ־ישראלדיק א.אַ.וו. ס'איז אָבער אַ ספק צי עס וועט איר געלינגען צו דערשיינען ווי אַן אינערלעכע לאָיאַלע אָפּאָזיציע.

אין תוך איז „ברירה" אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער שווערער תקופה פון נאָך דער יום־כיפור מלחמה, ווען די מדינה איז געוואָרן אי־זאָלירט אין דער וועלט און פאַרלאָזן דורך אירע פריינד. צוזאַמען מיטן צוריקציען די פּאָליטישע הילף איז אויך געקומען אַן אָפּשוואַכונג פון דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג. קינסטלעך איז געשאַפן געוואָרן דאָס בילד, אַז ישראל און איר עקשנות זענען דער סאַמע וואָרצל פון דעם גאַנצן מזרח־פּראָבלעם. די אַראַבער איז געלונגען, לכל הפחות אויסערלעך, אי־בערצוצייגן דעם מערב, אַז זיי זענען די מעסיקע, די בייגזאַמע און אַז נאָר די יידן זענען די האַרטע נוס. דאָס געפיל האָט זיך אַריבערגעטראָגן צום ליבעראַלן סעקטאָר פון אַמעריקע און צום סוף האָט אָט די פּאָליטישע פעלשונג אָנגעהויבן פאַרסמען און פאַרטומלען די יידן גופא.

אין דעם פּרט האָט „ברירה" געשפּילט אַ גאָר חשובע ראָלע. איר ליטעראַטור איז פול מיט דערקלערונגען, דירעקטע אָדער אומדירעקטע, לכל הפחות רמזים און אינסינואַציעס, אַז די אַראַבער חלשן ממש נאָך שלום. זיי האָבן פאַרשפּרייט ידיעות אַז די „אָרגאַניזאַציע פאַרן באַפרייען

פּאַלעסטינע״ איז גרייט צו אָנערקענען ישראל און האַלט זיך אָפּ דערפון בלויז צוליב דער מורא פאַר די עקסטרעמיסטן.

שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס גוטע יידן, איבערצייגטע ציוניסטן לאָזן זיך כאַפּן אויף דער ווענדקע און גיבן זייער שטעמפּל צו אַזאַ שעד־לעכער אָרגאַניזאַציע. איז עס צוליב אַנטי־וויעטנאַם־רעצידיוון? און אפשר כדי צו דערשיינען ווי אולטראַ־ליבעראַלן, ווי מענטשן אָן נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן? וואָסערע ס׳זאָלן נישט זיין די כוונות, פירן זיי צום גיהנום.

☆

צו אַט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פונעם געלערנטן מחבר זאָל אונדז דערלויבט זיין צוגעבן איניקע באַמערקונגען.

1. אונדז דאַכט זיך, אַז דער ענין איז געוואָרן אַביסל אויפגעבלאָזן, אַז מ׳האָט אַ ביסל איבערגעטריבן אין פאַרדאַמונגען און אַפילו שטראָף־מיטלען. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, שפּילט פּראָפּאָרץ און מאָס אַ וועזנטלעכע ראָלע. מ׳האָט געגעבן צופיל „פּובליסיטי״ אָן אומבאַדייטנדי־קער גרופּע.

2. מ׳דאַרף זיך שטאַרק היטן אַז די קעגנערשאַפטן צו דער דורכויס שעדלעכער גרופּע זאָל נישט פאַרמישט ווערן מיט אַ „פאַרבאָט״ צו קריי־טיקירן ישראל, כל זמן דאָס ווערט געטאָן בלויז אין די ראַמען פון אי־דעישער אויפקלערונג און נעמט נישט אָן די פאָרם פון סעפּאַראַטע פּאָ־ליטישע אַקציעס. דער ענין קען ווערן שטאַרק אַקטועל מיטן קומען פון מנחם בעגין צו דער מאַכט, ווען אַ סך ציוניסטישע און ישראל־פריינדלעכע באַוועגונגען און יחידים וועלן זיך אָפּגרענעצן פון דער ליכוד־פילאָזאָפיע און פון פּאָליטישע שריט פון בעגינען און וועלן אין אַזאַ אָפּגרענעצן זיך נישט זען קיין פאַרראַט קעגן ישראל. דער דעליקאַטער באַלאַנס צווישן דער פאַרטיידיקונג פון די וועזנטלעכע אינטערעסן פון ישראל קעגן אירע שונאים און וואַקלדיקע פריינד פון איין זייט, און די קאָנסטרוקטיווע און אידעישע קריטיק לגבי דער פּאָליטיק פון ליכוד פון דער אַנדערער זייט, וועט פאַרלאַנגען אַ סך פאַרנונפט און יידישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען וועט דאַרפן שאַרף אונטערשיידן צווישן, למשל, די „ברירה״־לייט, וואָס נעמען אַ פריאָרי אָן אַ פּראָ־אַראַבישע שטעלונג און באַוועגונגען און

פערזענלעכקייטן אין וועמעס געטריישאַפט צו ישראל מ׳קען בשום אופן נישט צווייפלען.

דער קאַמף קעגן „ברירה״ און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס וועט ווערן דרינגענדיקער ווען ס׳וועט קומען די קאָנפראָנטאַציע צווישן אַמעריקע און ישראל, וואָס זעט אונדז אויס אומפאַרמיידלעך טראָץ אַלע ביז איצטיקע חנדלעך.

פאַר די אַדמיניסטראַציע־קריזן אין אַמעריקע וועט זיין וויכטיק צו באַווייזן, אַז די אָפיציעלע יידישע אייניקייט איז נישט אַזאַ אַבסאָלוטע און אַז דער געמיינזאַמער פראָנט איז נישט אַזוי סאָליד. אין דעם פאַל וועט „ברירה״ דינען ווי אַ באַקוועמער און איבערצייגנדיקער עלעמענט. מען וועט דעמאָלט מיט אַ כיוון אויפבלאָזן אירע דימענסיעס, אויב נישט כמותדיק איז איכותדיק, ווי אַזאַ וואָס דריקט אויס די מיינונג פון איינפלוסרייכע קרייזן, ווי אַן אָנגעזעענע גרופע אינטעלעקטואַלן א.אַ.וו. זי קען אויך ווערן די היים פאַר וואַקלדיקע עלעמענטן וואָס ליידן פון „טאָפּלטע לאָיאַליטעט״־קאָמפּלעקסן און פחד פאַרן גרעאַנגל מיט דער אייגענער רעגירונג און ווילן עס באַפּוצן מיט אידעישע פעדערן.

און לאָמיר פאַרענדיקן מיט עפּעס וואָס איז מער ווי אַ פּילאָלאָגישע אַסאָסיאַציע. מערקווערדיק ווי פאַרשידן עס זענען זאַכן אין גלות און אין דער מדינה. אין אַמעריקע באַשטייט די אינטענסיוויטעט פון יידישן גייסטיקן לעבן אין דער רייכקייט פון ברירות, אין דער אַזוי באַרימטער פּלוראַליסטישקייט.

אין ישראל אָבער, זענען מיר דערצויגן אויף דער „לית ברירה״, אויף דער האַרטער הערזישער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. די אַלטערנאַטיווע איז אָפּט מאָל צווישן לעבן און אומקום, צווישן פּאָליטישער עקזיסטענץ און עלימינאַציע פון דער וועלטמאַפּע. מיט דעם „לית ברירה״־געפיל האָבן מיר געזיגט און בייגעקומען שונאים פון דרויסן און וואַקלדיקע עלעמענטן פון אינעווייניק. מיר ווען זיך אַן עצה געבן אויך מיט דער גרופע, וואָס מיר פאַרגלייכן חלילה נישט מיט שונאים. אָבער זי איז געגנוג שעדלעך. מיר וועלן זיך מיט איר ראַנגלען און זי באַזיגן, ווייל... „ס׳איז נישטאָ קיין ברירה״.

1977

מילטאָן פרידמאַן

פאַר וואָס דער ליכוד האָט געפונען פאַר נייטיק אין מיטן ברען פון די וואַלן מודיע צו זיין, אַז ער לאַדט איין אַלס יועץ דעם אולטראַ קאָנסערוואַטיוון און רעאַקציאָנערסטן עקאָנאָמיע־טעאָרעטיקער פּראָפעסאָר מילטאָן פרידמאַן, בלייבט זיין סוד. פונקט ווי די דערקלערונגען פון בייעם פינאַנס־מיניסטער וועגן סעלעקטיווער אַרבעטסלאָזיקייט, וועגן שניידן אַלע סובסידיעס א. אַז. וו. דער איינציקער רעזולטאַט פון אָט דעם „מוסר מודעה זיין” איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן צוגעהאָלפן צום זיג פון מערך אין די הסתדרות־וואַלן.

דאָס מאָל האָט מען זיך נישט באַנוגנט מיט סתם אינפאָרמאַציע. אין די ערשטע טעג פון בעגינס רעגירונג האָט דער פּראָפעסאָר מזכה געווען מיט זיין באַזוך, אין שייכות מיט זיין באַקומען דעם ערן־דאָקטאָראַט פון ירושלימער אוניווערסיטעט. ער איז אַ וועלט־באַרימטע אויטאָריטעט און אויב ער האָט געקענט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז, איז ער זיכער ראוי צו דער ירושלימער אויסצייכענונג (כאָטש מיר וואָלטן זיך געווונטשן אַ ווייניקער פּאָליטישע און קאָנטראָווערסאַלע צייט פאַר דעם). און ער האָט ממש פאַרפלייצט די צייטונגען און אויסגענוצט אַלע מעגלעכע בינעס פאַר זיינע טעאָריעס און עצות פאַר אונדזער מדינה, אַלץ אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן פון אַ פּוסק אחרון וואָס, דעם אמת געזאָגט, גייט נישט צוזאַמען מיט אינטעלעקטועלער גדלות, בפרט אין עקאָנאָמיע, וואָס איז פאָרט נישט קיין אָביעקטיווע און עקזאַקטע וויסנשאַפט. אין זיינע רעפעראַטן און אינטערוויוען האָט ער גאָרנישט מחדש געווען. ס'איז אים אָבער געלונגען צו שאָקירן און דערשרעקן אַפילו זיינע הייסע חסידים און ביסלעכווייז האָט מען זיך פון אים גענומען אָפּטרייסלען; נישט מער אַ שטענדיקער ראַט־געבער, נאָר אַן עקספּערט, וואָס מען הערט אויס זיינע מיינונגען, וועלכע,

ווי ס'האָט געזאָגט שמחה ערליך, מ'קען יאָ אָדער נישט אָננעמען.

מיט דעם וואָלט אייגנטלעך דער ענין געקענט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג ווי נאָך איין פּאַסירונג אין אונדזער אויסטערלישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

דער שרייבער פון די שורות וואָלט זיכער נישט אַנטיילגענומען אין דעם גערודער. ערשטנס, בין איך אַ קנאַפּער מומחה אין עקאָנאָמישע פראַגן (כאָטש דאָס נעמט ביי מיר נישט צו דאָס רעכט צו זיין קעגן אַ שיטה פון ווילדער, אומגעצוימטער און גיריקער פּריוואַט־איניציאַטיוו, וואָס נעמט אין גאַנצן אַראָפּ די אחריות פון דער געזעלשאַפט פאַרן שוואַכן און גע־קריוודעטן און וואָס מאַכט זאַמבאַרטן פאַר אַ קאָמוניסט, רחמנא ליצלן). צווייטנס, ווייל איך וויים, אַז ישראל איז אויפגעבויט געוואָרן אַ ן און אָפּט מאָל אַפילו ק ע ג ן די טעאָריעס און עצות פון עקספּערטן.

אויב מיר נעמען דאָך אַ וואָרט אין דער דעבאַטע, איז עס ווייל דער חשובער גאַסט איז אַרויס פון זיינע ראַמען און אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען אין ענינים פון יהדות, געשיכטע און כאַראַקטער פון ישראל, גלות און מדינה און געפּרוווט צו זיין אויך אַן א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע ר מורה הוראה אין ענינים וועלכע זענען אים פרעמד און וועגן וועלכע — זאָל ער מיר מוחל זיין — ער האָט אַ קנאַפּע אַנונג. די דעקלאַראַציעס (און מיר וועלן אים פון איצט אָן ציטירן לויט „ידיעות אחרונות" פון דעם 8טן יולי) וואָס ער האָט געמאַכט ביים באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם, זענען אַ געמיש פון דילעטאַנטישקייט און געשיכטלעכע פאַלסיפיקאַציעס. ליידער, ליידער, לייגט מען ביי אונדז מער אַכט ו ו ע ר עס זאָגט און נישט ו ו אָ ס ער זאָגט.

אָט, למשל, די פּרינציפּן־דערקלערונג:

„סאָציאַליזם און יידנטום זענען אַ נאַטירלעכער קעגנזאַץ". „ס'איז דאָ אַ קאָנפליקט צווישן סאָציאַליזם און די אינטערעסן פון מדינת ישראל".

„דער אידעאַליזם און דער יידישער כאַראַקטער ווי זיי האָבן זיך אַנט־וויקלט במשך 2000 יאָר, טראָגן אַ בולטן ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ן (די אונטערשטרייכונג איז אונדזערע — ב. פּ.) כאַראַקטער".

„ווען נישט אָט די קאַפּיטאַליסטישע אייגנשאַפטן, גלייב איך נישט, אַז דער נס פון מדינת ישראל וואָלט בכלל מעגלעך געווען".

ראשית כל ווילן מיר מאַכן אַן אַלגעמיינע באַמערקונג: ס'איז דאָס

ערשטע מאָל וואָס מיר באַגעגענען זיך מיט אַזאַ אידעאַליזאַציע פון קאַפּי־טאַליזם. געוויינלעך, שטאָלצירט מען מיט אים נישט און מען מאַכט אים נישט פאַר אַ פּאַן, אַפילו אין לענדער און רעזשימען וואָס זענען אויף אים באַזירט (ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, און דאָס שוין אויך נישט אין דער אַבסאָלוטער פאָרם פון 19טן יאָרהונדערט, נאָר מיט אַ היפּשער אַריינמישונג פון דער מדינה און מיט נישט קיין קליינער דאָזע פון סאָציאַליזם). איך האָב נאָך נישט געזען אַ פּאַרטיי וואָס זאָל זיך אָנרופן קאַפּיטאַליסטיש. מען פאַרשלייערט עס מיט מער אָנגענעמבאַרע נעמען, ווי: ליבעראַליזם, דערמו־טיקונג פון פּריוואַטער איניציאַטיוו א. אַז. וו. דאַקעגן ווער עס האָט גאָט אין האַרצן פּוצט זיך מיט סאָציאַליסטישע פעדערן, אַפילו ווען מען איז ווייט פון זיי, ווי מזרח פון מערב.

דאָ האָבן מיר אַ פּרוּוו צו באַקליידן אַ ריין מאַטעריעלע שיטה מיט ממש מעטאַפיזישע אייגנשאַפטן. ווי אַ קעגנזאַץ צום סאָציאַליזם, וועלכן — ווי דער שטייגער איז פון אַלע רעאַקציאָנערן — ער גיט זיך נישט קיין מי צו אונטערשיידן פון קאָמוניזם. דער סאָציאַליזם פאַרקריפּלט, לויט אים, די יידישע ווערטן פון דער אחריות פון יחיד פאַר גאָט און פאַר אַ פרייער געזעלשאַפט. פון דעם דאַרף מען לערנען על פּי אַנטיטעזע, אַז דער קאַפּי־טאַליזם איז יאָ באַשיינט מיט אָט די אַלע אייגנשאַפטן.

וואָלט אָט די, מילד געזאָגט, אומגלויבלעכע שטעלונג ווייניקער אָנגע־גאַנגען ווען ער וואָלט נישט פּרובירט אידענטיפיצירן קאַפּיטאַליזם מיט יידן ווי זייער אני מאמין, כאַראַקטער־שטריך און נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט און ווען ער וואָלט נישט אַריינגעשלעפּט אין די ערדישע ענינים די יידישע רעליגיע. דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן נישט נאָר מיט בילבול המוחות, נאָר מיט אַ געפערלעכער טעאָריע, וואָס האָט אונדז טייער געקאָסט אין דער פאַרגאַנגענהייט און טראָגט מיט זיך סכנות פאַר דער צוקונפט.

יעדער איינער וואָס לייענט אָט די שורות דערמאָנט זיך די אַנטיסעמי־טישע פּראָפּאַגאַנדע וועגן „יידישן קאַפּיטאַליזם", וואָס ברענגט אַלע אומ־גליקן אויף דער וועלט, דעם עקלהאַפטיקן פּאַשקוויל פון יונגן מאַרקס וועגן יידן אַלס פאַרקערפּערונג פון קאַפּיטאַליזם, אַ פאָלק וואָס זיין איינציקער גאָט איז געלט, א. אַז. וו. נישט ווילנדיק (און מיר גלויבן אין דעם מיטן

גאַנצן האָרצן) גיט פּראָפ. פרידמאַן ממש געוועהר אין די הענט פון אונדזערע ביטערע שונאים.

אויב אידענטיפיצירן אַ פאָלק מיט אַ באַשטימטן עקאָנאָמישן סיסטעם איז אומגעלומפּערט אַבסורדאַל, איז עס על אחת כמה וכמה פאַלש לגבי יידן. אונדזער גאַנצער רעליגיעזער און מאָראַלישער וועזן, אונדזער געשיכטלעכער גאַנג, אונדזער לערע און אויפפירונג, סיי אין גלות, סיי אין אייגענעם לאַנד לייקענען אָפּ אָט דעם בילבול.

דאַרף מען פאַרלירן צייט און פּאַפּיר, כדי איבערצוחזרן די צו גוט באַקאַנטע אמתן ,אַז די יידישע רעליגיע און עטיק זענען געבויט אויף צדק און סאָציאַלן פּאַטאָס, אויפן נביאישן צאָרן קעגן אויסנוצערס און בלוט־זייגערס, אַז אונדזער רייכע ירושה פון מישנה, תלמוד, פוסקים, רבנישע ליטעראַטור זענען לײדנשאַפטלעך פאַרנומען מיט דער פראַגע ווי אַזוי די געזעלשאַפט זאָל פאַרטיידיקן דעם יחיד? נישט וועלנדיק אַריינגיין אין סעמאַנטיק, מוז מען זאָגן אַז יידנטום איז איינער פון די רייכסטע קוואַלן פון סאָציאַליזם, לכל הפחות אין דעם ברייטסטן זינען פון וואָרט.

און וואָס מ׳שטיינס געזאָגט פאַר אַ קאַפּיטאַליזם האָט דאָס גלות־יידנטום מיט זיך פאַרגעשטעלט, אַ חוץ אַ מאַסע אָרעמעלייט, קליינהענדלערס, בידנע בעלי־מלאכות און שרעקלעך פאַראָרעמטע אַרבעטער און לופטמענטשן? אפשר מיינט ער דערמיט די געלט־באַרגן־פּרנסות צו וועלכע יידן זענען געצווונגען געוואָרן אין מיטלאַלטער און מ׳האָט עס אַ נאָמען געגעבן „פינאַנס־וועזן?‟ אָדער מאַכט ער פון די אויסנאַמפאַלן, פון די באמת גרויסע קאַפּיטאַליסטן, די ראָטשילדס א.אַז.וו. אַ כלל און נישט קיין אויסנאַם, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט די אין־סופיקע נויט? אָט דאָס הייסט ביי אים טויזנטער יאָרן גלות מיט אַ בולטן קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער?

אפשר זאָלן מיר איצט פשוט איבערגעבן די אַרויסגעזאָגטע פעסט־שטעלונגען און זיי פשוט אַפּלייקענען?

„אָן קאַפּיטאַליזם וואָלט דער נס פון ישראל נישט געווען מעגלעך‟. דורכאויס פ אַ ל ש. די יסודות פון דער ישראל־געזעלשאַפט, פון ישוב, פון דער מדינה זענען געלייגט געוואָרן דורכן אָרגאַניזירטן כלל ,דורך אַרבע־טער־ און סאָציאַליסטישע כוחות. די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע האָט אָנגע־

צייכנט די גרענעצן פון לאַנד, די פּרעכטיקע אַגריקולטור איז געשאַפן געוואָרן מערסטנטייל דורך קיבוצים און קבוצות, וואָס האָבן זיך, אגב, ריין וויסנשאַפטלעך פולשטענדיק באַרעכטיקט. די הסתדרות איז געוואָרן אַ דאָמינירנדיקער ווירטשאַפטלעכער כוח און די חברת־עובדים אַ מעכטיקער פאַקטאָר און הונדערטער־טויזנטער מענטשן זענען אָבסאָרבירט געוואָרן דורך נאַציאָנאַלע מיטלען און נישט דורך פּריוואַטע געזעלשאַפטן. אַוודאי דאַרף מען נישט גרינגשעצן די אויפטוען פון פּריוואַטן סעקטאָר וואָס האָט זיך איינגעבירגערט, איינגעגלידערט און היפּשלעך רייך געוואָרן אין אונדזער פּלוראַליסטישער ווירטשאַפט, אָבער כדי צו זאָגן אַז פּריוואַט־איניציאַטיוו האָט געבויט דאָס לאַנד, אַנטוויקלט פּאַרוואָרלאָזטע געביטן, און פּאַרליי־קענען דעם עיקרדיקן סאָציאַליסטישן כוח, דאַרף מען זיין לחלוטין דער־ווייטערט פון ישראלס רעאַליטעטן, פון איר געשיכטע און אויפקום, אָדער באַשאַנקען זיין מיט אַ היפּשער דאָזע בייזוויליקייט.

אגב, ווי רופט מען אַ לאַנד, ווו צוויי־דריטל אַרבעטער האָבן נישט קיין בעל הבית, ווו די ערד באַלאַנגט צום פאָלק, ווו אַלע נאַטירלעכע אוצרות געפינען זיך אין די הענט פון דער מדינה, ווו לופט, יבשה און ים־טראַנספּאָרט, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, פּאָסט און טעלעפאָן באַלאַנגען אַלע צו דער געזעלשאַפט? אויב דאָס איז קאַפּיטאַליזם, נוסח פרידמאַן, בין איך אַ טערק.

אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, פּלאַנירט קיינער נישט אין ישראל סטרוקטורעל און וועזנטלעך צו ענדערן דעם מצב. ס'איז צו שפּעט און שעדלעך. עס נעמט אָן אַ גרויל ווען מען טראַכט, וואָס וואָלט פּאַסירט ווען מען וואָלט טאַקע אָנגעווענדט דעם פּראָפעסאָרס אידעען און מען וואָלט אָפּגעשטעלט אינפלאַציע דורך אַרבעטסלאָזיקייט, אָפּגעשטעלט די מלוכה־הילף פאַר בויט־ליידנדיקע א. אַז. וו. ריין יידישלעך וואָלטן מיר געזאָגט, אַז אַ כפרה אַלע טעאָריעס פאַר אַ טרער פון אַ הונגעריקן יידישן קינד. (אגב האָבן אַפילו הויך קאַפּיטאַליסטישע מדינות זיינע אידעען נישט רע־אַליזירט אין לעבן).

אין איינעם פון זיינע אויפטריטן — דוכט זיך מיר אַז אויף דער זיצונג פון דער פינאַנס־קאָמיסיע פון דער כנסת — האָט ער פּרובירט רעזומירן

אויף הללס שטייגער זיין תורה, אַז מען טאָר נישט באַקומען קיין פּרישטיק אומזיסט.

וועלן מיר שוין עסן אונדזערע שווער פאַרהאָרעוועטע מאָלצייטן אָן זיינע טעאָריעס און עצות טובות.

1977

אוניווערסאַליזם און היפּער־אַמעריקאַניזם

דער נייער עקזעקוטיוו־וויצע־פּרעזידענט פון „בני ברית", ד"ר דניאל טאַרש, איבערגעמענדיק דעם וויכטיקן אַמט אין דער גרויסער אָרגאַניזאַציע מיט אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, האָט געהאַלטן אַ פּראָגראַמאַטיש־אידעאָלאָגישע רעדע. אַזוי ווי עס האַנדלט זיך אין אַ באַוועגונג וואָס איז שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן די פּראַטערנאַל־פילאַנטראָפּישע פאַזע און איז געוואָרן אַ וועלט־באַוועגונג, איז כדאי זיך אַריינצוטראַכטן אין זיינע רייד. אין אַ געוויסער מאָס שפּיגלען זיי אָפּ די שטימונגען פון גרויסע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, צווישן זיי ציוניסטן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט אָנגענומען די צענטראַליטעט פון ישראל אין יידישן לעבן און די אַלץ וואַקסנדיקע קעגנזייטיקע און גורלדיקע אָפּהענגיקייט. ער דערקלערט גלייך ביים אָנהייב פון זיין רעדע, אַז ווי וויכטיק ישראל זאָל נישט זיין פאַר דער סכעמע פון געשעענישן און פאַר אונדזער זעלבסטגעפיל, איז דאָס נישט גענוג צו פאַרזיכערן דעם קולטור־המשך פון דער קומענדיקער גענעראַציע פון אַמעריקאַנער יידנטום.

מיט דעם קען אַפּילו אַ ישראל־צענטריסט מסכים זיין. מיר האָבן שטענדיק געזען די טעטיקייט פאַר ישראל, די זאָרג פאַר איר קיום און אַנטוויקלונג, די עליה קיין ישראל נישט במקום שעפערישע יידישע טעטיקייט אין יעדן ישוב, באַזונדערס אויפן געביט פון יידישן חינוך, לעבנסשטייגער, יידישע רעליגיעזע אָדער אַנדערע פאָרמען פון עקזיסטענץ. מיר האָבן אין ישראל געזען דעם צענטער, דעם הויפּט־אָנשפּאַר פון די וואָס ווילן ממשיך זיין און לעבן ווי יידן. ציטירנדיק דעם חשובן געלערנטן, אַז אין אַ צייט פון דער גרויסער אָפּשוואַכונג פון דער רעליגיע, דאַרף מען האָבן „אַ שטרענגערע אידעאָלאָגישע באַזע, וואָס זאָל געבן אַן אינהאַלט פאַרן יידישן לעבן אין אַמעריקע", צי קען דען זיין

אַ טיפּערע, ממשותדיקערע באַזע ווי ישראל, אַזוי ווי זי שטייט און גייט מיט אַלע אירע פּראָבלעמען און שאַטנזייטן? וואָס זי איז — איז זי, אָבער יידיש מיט אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון אינהאַלטן און פאָרמען, וואָס איז ביכולת צו געבן אַ טעם פאַרן לעבן פון הונדערטער טויזנטער „יידן מרצון" און נישט דורך אַ צופאַל.

ד"ר טאַרש וויל, מיט רעכט, אַ ספּעציעלע באַזע פון יידישער עק־זיסטענץ אין אַמעריקע. ליידער איז אָבער זיין תרופה אָדער אַן איבער־חזרונג פון אַלטע לאָזונגען, וואָס זענען שוין פון לאַנג דורכגעפאַלן, אָדער דאָס איז (זאָל מיר דער פּראָפעסאָר מוחל זיין) ריינע רעטאָריק. עס איז נישט גענוג דער אָריגינעלער זאָג: „מ'דאַרף איבערבייטן דעם גאַנג צו „אינסולאַריטעט" און אויסברייטערן דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען אין דער געשטאַלטונג פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט". ווען מיר פּרוּוון איבערזעצן די פאָרמולירונג אין אַ פּשוט לשון מיינט עס, ווי טאַרש זאָגט: יידישע אַקטיוויטעטן אין די אַנטי־אָרעמקייט פּראָגראַמען, ענער־גיע, קאָנסערוואַציע, טעטיקייט פאַר עלטערע בירגער און אַנטי־דיס־קרימינאַציע־מיטלען לגבי די „באַלאַגערטע מינדערהייטן" ווי: טשיאַנאָ און אינדיאַנער געזעלשאַפט. ווילן מיר פון פאָרויס באַהויפּטן, אַז מיר זענען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר אָט די פּראָגרעסיווע פּראָגראַמען און אַז מיר צווייפלען נישט אין דער אויפריכטיקייט פון ד"ר טאַרש, אָבער דאָס טאָר בשום אופן נישט געשען במקום ישראל.

מיר שטעלן נאָר פעסט, אַז יידן האָבן שטענדיק געטאָן מער ווי אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג און האָבן אָפט מאָל אַפילו באַ־צאָלט רבי־געלט פאַר דעם צו פיל אייפער. צווייטנס — מיט וואָס זענען די טעטיקייטן יידיש און מיט וואָס פאַרזיכערן זיי דעם יידישן אינהאַלט און עקזיסטענץ? וואָס טוען זיי ווי יידן, וואָס זיי קענען נישט טאָן ווי סתם־אַמעריקאַנער? וואָס איז דער ייחוד, די רבותא פון זייער פאַר־עקשנטן געראַנגל צו פאַרבלייבן ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע אויף דער אַמע־ריקאַנער ערד? מיט וואָס וועט דאָס צוציען די יונגע יידישע דורות צום מקור, צו יידישע וואָרצלען, צו אונדזער גרויסער ירושה? וועט עס כאָטש אויף איין פּראָצענט אָפּשטעלן די געמישטע חתונות? וועט עס פאַר־גרעסערן מיט עפּעס די צאָל יידישע קינדער וואָס קריגן אַ יידישע דער־

ציונג? וועט עס מאַכן איין טעמפּל־מיטגליד גלייביקער, יידישער?

אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז די טענדענץ דאַרף זיין אַ פּאַרקערטע, אַז צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע הומאַנע אַקטיוויטעטן דאַרף זיין אַ פֿאַר־עקשנט פאַראַנקערן זיך אין יידישע ווערטן, אויף „אינסולאַריטעט" און אסור מיר, אויב עמיצער וועט די יידן וואָס זענען די „טיפּישסטע אַמע־ריקאַנער" חושד זיין אין ווייניק אינטערעס צום אַמעריקאַנער פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן.

ס'וועט שווער זיין דאָס אַרויסצוזאָגן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין די רייד איז פאַראַן עפּעס פון דעם יאַהודישער קאָנצעפּציע, עפּעס וואָס קערט אונדז אום צו דער „מיסיאָן־טעאָריע". עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דאָס זאָל זיין ביי אַזאַ באַוועגונג וואָס טוט אַזאַ ווונדערבאַרע אַר־בעט אין די ריין־יידישע געביטן פון די הלל־הייזער און אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס באַווייזט נאָר וויפל צעפּאַרנקייט עס איז דאָ אין אונדזער לעבן.

און צום סוף, די סטענאָגראַמע גופא פון דער רעדע האָבן מיר נישט. מיר ציטירן עס לויט דער יט"אַ (19טער יאַנואַר 1977). מיר וועלן זיין צופרידן אויב מ'וועט אונדז באַווייזן, ווי עס געשעט אָפט מאָל, אַז דער טעקסט איז נישט גענוי ציטירט געוואָרן. אַלענפאַלס, איז אונדז ד"ר טאָרש שולדיק אַ ברייטע אויפקלערונג, באַזונדערס ווען עס איז אויך פאַראַן אַזאַ שטימונג ביי ברייטע קרייזן פון דער אַקטיוו־געזעלשאַפטלעכער שיכט אין יידישן אַמעריקע.

1977

רעפאָרם־באַוועגונג 1977

די טעג איז דערשינען אַ מערקווירדיקער און אינטערעסאַנטער דאָקו־מענט: אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון דעם ס.ס.ס.ר., דעם אָרגאַן פון דער צענטראַלער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער רבים (רעפאָרמירטע) אויף דער טעמע: „קאָמענטאַרן וועגן רעפאָרם־יידנטום, אַ הונדערט־יאָריקע פּערס־פּעקטיוו״. אַ ספּעציעלע אידעאָלאָגישע קאָמיסיע האָט פון דאָס ניי פאָרמו־לירט די הויפּט־פּרינציפּן פון דער הײנטצײטיקער רעפאָרם־באַוועגונג אין זעקס קאָנדענסירטע און משמעותפולע קאַפּיטלען. יעדעס קאַפּיטל, ווידער, ווערט באַהאַנדלט דורך באַקאַנטע אויטאָריטעטן אין אַ מיניאַטור־עסיי פאַר מער גרינטלעכע און באַלערנדיקע קאָמענטאַרן. ס׳איז נישט בלויז אַן אינ־טערעסאַנטע קאָנסטרוקציע, נאָר ס׳גיט די געלעגנהייט אַפילו פאַר דעם נישט באַהאַוונטן זיך צו באַקענען מיט דעם פּראָגראַם, די אַנטוויקלונגען און דער גייסטיקער ענדערונג פון אָט דער גרויסער באַוועגונג.

ס׳איז דאָרט פאַראַן זייער ווייניק הלכה־מאַטעריאַל און טעאָלאָגישע וויכוחים. דער טראָפּ ווערט געלייגט אויף אַלגעמיינע מענטשלעכע און יידישע מאָמענטן.

ס׳איז דעריבער פון גאָר גרויסן אינטערעס צו ברענגען עס צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט, וואָס איז זייער ווייניק באַקאַנט מיט דער דאָזיקער רבנישער ליטעראַטור.

ווי געזאָגט באַשטייט דער דאָקומענט, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן צו דער געלעגנהייט פון הונדערט יעריקן יובילעום פון „דער יוניאָן אָן אַמע־ריקען היברו קאָנגרעגיישן״ און פון „היברו יוניאָן קאָלעדזש״ פון אייניקע קאַפּיטלען: וואָס האָבן מיר געלערנט אַנדערע; וואָס האָבן מיר אַליין געלערנט; דער באַגריף פון גאָט; דאָס יידישע פאָלק; תורה; אונדזערע מצוות — רעליגיעזע פּראַקטיק; תפוצות און מדינת ישראל א.א.וו. אַ.וו.

מיר ווילן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דעם אַלגעמיינעם דאָקומענט, איבערלאָזנדיק די פּירושים־אַרבעטן פּאַר אַ מער גרינטלעכער און עקס־פּערטער אָפּהאַנדלונג. מיר ווילן בלויז מאַכן לאַקאָנישע ראַנד־באַמערקונגען.

א. דער דאָקומענט שטאָלצירט, נישט אָן יסוד, מיט דעם גרויסן ביטראָג, וואָס עס האָבן געמאַכט די רעפאָרמירטע צו די אידעאַלן און דערגרייכונגען פון דער געזעלשאַפט. ער שטעלט פעסט, אַז אַ סך פון די אַוואַנגאַרדיסטישע קאָנצעפּציעס זענען איצט אָנגענומען דורכן גאַנצן בית־ישראל. עס איז איצט, למשל, אָנגענומען, אַז טראַדיציע דאַרף זיין גע־פּאָרט מיט מאָדערנער קולטור; אַז אירע פאָרמען דאַרפן אָפּשפּיגלען די היינטצייטיקע עסטעטיק; אַז ענדערונגען אין גייסט פון דער צייט זענען אַ פונדאַמענטאַלער פאַקט אין יידישן שעפערישן לעבן; און אַז מען דאַרף אין חכמת ישראל באַנוצן מאָדערנע מעטאָדן פון קריטיק.

כאָטש מיר זענען נישט מזלזל אין דעם גרויסן היסטאָרישן ביטראָג פון אָט דער באַוועגונג, וואָס גרופּירט אַרום זיך העכער טויזנט ראַבאַיס און קאָנגרעגאַציעס, זעט אונדז פון דעסטוועגן אויס די דערקלערונג אַ ביסל צו אַלגעמיין און אַבסאָלוט. מיר גלויבן קוים, אַז אַפילו די מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע איז גרייט פאַר פרייער פאָרשונג פון דער תורה. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט די היינטצייטיקייט געבראַכט צו אויסליידיקונג פון ווערטן.

זיכער קאָן מען נישט אָננעמען די באַהויפּטונג, אַז „די מערהייט יידן און זייערע רעליגיעזע באַוועגונגען נעמען אָן די יידישע רעפאָרמירטע פּערספּעקטיוון". דאָס איז אפילו נישט ריכטיק בנוגע דער נאָענטער און פיל גרעסערער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג, וואָס גייט זיך פונאַנדער מיט די רעפאָרמירטע, נישט נאָר אין דער מאָס פון מאָדערנקייט, נאָר אין דער וועזנטלעכער אויפפאַסונג פון הלכה און טראַדיציע.

ב. זייער באַלערנדיק און אויפריכטיק איז דאָס קאַפּיטל וועגן דעם וואָס די רעפאָרמירטע האָבן געלערנט און וועגן די אויספירן, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דער יידישער געשיכטע און פון דערווירקלעכקייט פון אונדזער תקופה.

„די רעפאָרמירטע שטודירן די אויסערגעוויינטלעכע פּאַסירונגען פון אונדזער דור און ווילן פאַרשטיין זייער באַדייט; די שואה האָט צעטרייסלט דעם אָפּטימיסטישן קוק אויף דער מענטשהייט און די אומפאַרמיידלעכקייט

פון איר פאַרשריט; מדינת ישראל האָט דורך אירע אויסערגעוויינלעכע דער־גרייכונגען אויפגעהויבן דאָס יידישע געפיל אַלס פאָלק צו הויכן פון אימפּראָוויזאַציע און איבערגעגעבנקייט.

„די גייסטיקע לייִדיקייט, ווידער, פון דער מערבדיקער קולטור און די סכנות, וואָס שטעקן אין דער עקספּלאָזיע פון טעכנאָלאָגישן וויסן האָבן גורם געווען, אַז מיר זאָלן זיך וויניקער פאַרלאָזן אויף די רייצן פון דער אַלגע־מיינער געזעלשאַפט און זיך אומקערן צום אייביקן אין יידישקייט.

„מיר האָבן געלערנט, אַז דער קיום פון יידישן פאָלק איז איינער פון אונדזערע העכסטע פּריאָריטעטן און אַז דערפילנדיק אונדזערע יידישע פליכטן העלפן מיר דער מענטשהייט אַוואַנסירן צו איר משיחישער אויס־לייזונג".

ווען מען גייט אַוועק אויף אַ ווייל פון די רבנישע מליצות, מיינט דאָס אויף פּשוטן לשון אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש; אַלזאָ אַ פאָלק און נישט קיין רעליגיעזע גרופּע, אייביקע ווערטן פון יידישקייט אין קעגנזאַץ צו דער פאַרבייגייענדיקער צייטווייליקער און אין תוך לייִדיקער אַלגעמיינער קולטור. מען האָט זיך אויסגעניכטערט פון די „מיסיע"־אילוזיעס און מען זעט אין יידישקייט אַן „אתחלתא דגאולה" פאַר דער מענטשהייט.

ג. עס בלייבט נאָך אַלץ די אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנצעפּציע פון פאַרשיידנ־קייט, פון אויטאָנאָמיע פון יחיד און גרופּע אין רעליגיעזן לעבן. נישט נאָר ווערט קאָנטראָווערסיע טאָלערירט, נאָר אפילו דערמוטיקט. פאַרשיידן־פאַרביקייט איז נאָך מער געוואונטשן אין אונדזער דור. זיי גיבן אָבער צו, אַז דאָס געבן פרייהייט די באַזונדערע קאָנגרעגאַציעס טאָר נישט שטעלן אין סכנה די מעגלעכקייט פון האַנדלען און אַנטוויקלען אַ טעטיקייט אין גייסט און לויטן כאַראַקטער פון דער רעפאָרם־דאָקטרינע.

לויט אונדזער מיינונג איז עס נישט נאָר אַ פּרווו אויסצומיידן אין דער באַוועגונג אַ היעראַרכיע ווי אין דער קירכע להבדיל. עס איז מער ווי דאָס; עס לאָזט איבער אַ מוראדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין די הענט פון איינצלנע ראַבייס (אָפט מאָל אויך שטאָט־באַלעבאַטים), וואָס דעצידירן וועגן דעליקאַטע, טיפע און העכסט רעליגיעזע ענינים. יעדע קאָנגרעגאַציע פירט זיך ממש ווי אַ סוווערענע מלוכה, וואָס זעט נישט קיין „פאַרמיטלער" צווישן זיך און דעם כביכול. דאָס איז אגב נישט נאָר אַ פּראָבלעם פון די

רעפאָרמירטע, נאָר אויך פון די קאָנסערוואַטיווע און אַפילו דער אָרטאָדאָקסי־שער לאַגער איז ווייט פון צו זיין מאָנאָליטיש און איז אינעווייניק היפשלעך געשפּאָלטן.

אין סך הכל אָבער האָט די ליבעראַלקייט און לויזקייט באַפּרוכפּערט דאָס גייסטיקע לעבן אין יידישן אַמעריקע און דאָס איז קודם כל דער פאַרדינסט פון די רעפאָרמירטע.

ד. מיר ווילן זיך נישט אַריינלאָזן אין דעם ענין פון דער אויפפאַסונג פון די רעפאָרמירטע פון גאָט און פון געטלעכקייט, מיר וועלן בלויז ציטירן אייניקע זאַצן: „די באַציִונג צו גאָט איז שטענדיק געווען וועזנטלעך פאַר אונדזער ווילן צו בלייבן לעבן.

„מיר באַזירן אונדזער לעבן פון יחיד און ציבור אויף גאָטס רעאַליטעט, אָבער בלייבן אָפן פאַר נייע עקספּערימענטן און דערפאַרונגען פון דאָס געטלעכע און צווישן דער מיסטעריע, וואָס מיר רופן אָן לעבן, זאָגן מיר, אַז די מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס זענען זיכער, אַז אַ סך רבנים וואָלטן געקענט אויסזעצן קעגן אָט דער קאָנצעפּציע פון גאָט און דער עיקר קעגן די זיך בייטנדיקע באַגריפן פון געטלעכקייט און הייליקייט. אָבער ווי געזאָגט, נישט דאָס זענען מיר אויסן".

ה. ס׳איז ממש אַ תענוג צו לייענען די ווייטערדיקע שורות נישט אַזוי אין זייער רעליגיעזן קאָנטעקסט, נאָר פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. יידן, זאָגט דער דאָקומענט, זענען אַ פאַראייניקונג פון גלויבן און פאָלקישקייט. מיר זענען פאַרבונדן, ווי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס, דורך שפּראַך, לאַנד, אינסטיטוציעס און געשיכטע. אָבער דאָס יידישע פאָלק איז איינציק צוליב זיין פאַרבינדונג מיט גאָט (אין אָריגינעלן טעקסט ווערט באַנוצט דאָס וואָרט „אינוואָלוומענט"). במשך פון אונדזער לאַנגער געשיכטע האָט אונדזער פאָלק זיך קיין מאָל נישט אָפּגעטיילט פון זיין רעליגיע. אסור מיר אויב וועלכער עס איז אָרטאָדאָקסישער ציוניסט וואָלט עס געקענט קלאָרער דעפינירן; ס׳איז טאַקע אַ סוף צו דער משיחישער אוטאָפּיע, אָבער די דעקלאַראַציע אַליין איז „משיחס צייטן".

נאָך קלאָרער און רעוואָלוציאָנערער קלינגט די באַהויפּטונג, אַז די תורה איז אַ רעזולטאַט פון דער באַגעגעניש (ברית?) צווישן גאָט און ישראל ממש „ישראל ואוריתא חד הוא". און כדי מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז

זיי גלויבן אין דעם, אַז די תּורה איז געגעבן געוואָרן מן השמים און איז געבליבן אומפאַרענדערט, גיבן זיי צו זייער ווערסיע, אַז „די תורה ווערט געשאַפן אין אונדזערע טעג".

וואָס איז בנוגע מצוות? אויך דאָ איז מען אַוועק פון קלאַסישן רעפאָר־מיזם. מען באַנוגנט זיך נישט מער מיט ריינער טעאָלאָגיע. פליכטן שפּרייטן זיך אויס אויך אויף אַנדערע אַספּעקטן פון יידישן לעבן: היים און משפּחה־לעבן; לערנען תורה אַ גאַנץ לעבן; דאַוונען בציבור און ביחידות; פּייערן ריטועל די געשעענישן אין פּערזענלעכן לעבן און דער עיקר „מיר דאַרפן באַגעגענען די יידישע טראַדיציע אויפן יסוד פון פאַרפליכטונג און געוויסן". ווער עס איז אַ ביסל באַקאַנט מיט די רעפאָרמירטע, ווייסט, אַז לכל הפּחות אין אַ טייל פון זיי איז איינגעפירט געוואָרן דער אַלטער נוסח, די מנהגים און שטייגער פון אַ בית־מדרש. מען קערט זיך אום צום וואָרצל.

ו. וואָס שייך ציוניזם און מדינת ישראל; דער דאָקומענט שפּיגלט אָפּ טעאָרעטיש דעם לאַנגן היסטאָרישן וועג, וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט די רעפאָרם־באַוועגונג פון יאַהודישער אַסימילאַציע ביז צו פילאַנטראָפּישער אונטערשטיצונג פון ישראל, איבער פּאָליטישער אידענטיפיקאַציע ביז צו אָננעמען דעם ירושלים־פּראָגראַם, אָנשליסן זיך אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און צום סוף שאַפן אַ ציוניסטישע פּאַרטיי.

מיר ווילן באַגלייטן דאָס שליסן דעם איבערזיכט פון דעם דאָקומענט (וואָס איז נאָך אַלץ נישט די אָפיציעלע שטעלונג פון דער באַוועגונג, אויב אַזאַ איז בכלל מעגלעך) מיט צוויי באַמערקונגען:

מיר גלויבן באמונה שלימה אין דער אויפריכטיקייט און אמתדיקייט פון דער נייער ווענדונג און מיר באַגריסן זי פון גאַנצן האַרצן.

ס'וועט חלילה נישט אַוועקנעמען פון דער וויכטיקייט פונעם דאָקומענט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דערווייל איז עס מערסטן טייל טעאָריע; אין דערווירקלעכקייט זענען די טעמפּלען נאָך גאַנץ ווייט פון די עקזאַלטירטע ווונטשן (למשל דער פאַקט, אַז אַ העלפט אָדער אַפילו מער פון די ראַבאַיס זענען מסדר חופּה וקדושין אָן מגייר צו זיין דעם קריסטלעכן צד).

פון דער צווייטער זייט, לייענענדיק די דעקלאַראַציע, די הקדמה פון הרב באָראָוויטש און די אַרטיקלען פון די באַזונדערע פּונקטן, זעט מען ווי שעדלעך עס וואָלט געווען אַ רעוויזיע פון חוק השבות, וואָס וואָלט די

רעפאָרמירטע דערוויטערט פון ישראל און ווי עס איז אומגערעכט די דיסקרימינאַציע קעגן זיי אין דער מדינה. צי קענען מיר זיך עס דערלויבן ? מיט אַלע באַוואָרענישן און קריטיק וועגן זיי, צי האָבן מיר געטרייערע קינדער פון יידישן פאָלק און בעסערע פריינד פון דער מדינה ?

1977

וואָס זענען די ציוניסטישע מצוות?

דאָס איז דער זייער פאַרפליכטנדיקער און געוואַגטער קאָפּ פון ראַבאַי לעאָ קראַניטשעס אַרטיקל („דזשואיש פראָנטיר", יאַנואַר 1975). אַריינגעטראַכט האָבן מיר זיך אין דעם שוין פאַרעלטערטן מאמר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידעאָלאָגישער דעבאַטע אויף דער יוני־סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. מיר האָבן דאַן געשריבן: „ס'איז קלאָר געוואָרן פון די נישט אָפיציעלע אידעאָלאָגישע טעקסטן פון די אַמעריקאַנער חברים און פון זייערע אויפטריטן אויף דער דעבאַטע, אַז מיר זענען ווייט פון אַ קאָנצענזוס בנוגע די אידעישע ענינים, און אַז אין גאָר גרויסע און גורלדיקע פראַגן: מדינה און תפוצות, און ציוניזם אַלס אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג, בנוגע עצם באַגריף פון גלות, און דער עיקר אין ענין עליה און קיבוץ גלויות, זענען די מיינונגס־פאַרשידנהייטן שאַרף און אָפּט מאָל דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע".

אַ בולטער ביישפּיל פאַר דעם קען טאַקע דינען דער דאָקומענט פון ראַבאַי קראַניטש, צוגעשטעלט פאַר דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע און דערשינען אין דער פאָרם פון אַ זשורנאַל־אַרטיקל.

אָבער איידער מיר סומירן די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, פון וועלכע מיר גרענעצן זיך שטאַרק אָפּ, ווילן מיר זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם מחבר אַליין. ראַבאַי קראַניטש איז איינער פון פאַרדינסטפולסטע און אינטערעסאַנטסטע יידישע פערזענלעכקייטן אין אַמעריקע, און דער עיקר — אַ ציוניסט מיט אַלע זיינע רמח אברים.

טאָקע דערפאַר איז די אַנטוישונג אַזוי גרויס. צי האָט ער באמת נישט געפילט, אַז די מצוות קאָנדענסירט אין דער פייערלעכער פאָרם פון עשרת הדיברות, רעדוצירן און מינימיזירן די ציוניסטישע תורה פון

וועלכער זיי דאַרפן זיין דער סאַמע תּמצית און פּועל־יוצא פאַר ציוניסטישע גרופּעס און יחידים ?

אפשר איז דאָ דער חשובער ראַבאַי, אינטעלעקטואַל און ליבעראַל געפאַלן אַ קרבן פון דעם טיפּיש־ אַמעריקאַנער זוכן פון קאָנצענסוס, פון רעדוצירן אַן ענין צו די מינימאַלסטע פּשוטסטע עלעמענטן וואָס „קענען אָנגענומען ווערן", וואָס מען קען פאַרקויפן צו וואָס מערער מענטשן און קרייזן. די געשיכטע אָבער פון אידעאָלאָגיעס (צווישן זיי אויך די דערפאָלג־רייכסטע און זיגרייכע), לערנט אונדז אָפט מאָל דאָס פאַרקערטע. מען דאַרף האָבן מוט און וועלן זיך אויסטיילן, אפילו ווען מען איז אַ מינדערהייט, פון קנאותדיק אָפּהיטן פּרינציפּן, פון זען דעם ענדציל, בחינת שוויתי לנגדי תּמיד.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין קאָנקרעטע טעטיקייטן און מעשים טובים אין וועלכע מיר זענען חלילה נישט מזלזל. זיי געהערן אָבער צו אַן אַנדער ספערע. וואָס מיר זענען אויסן, זענען עיקרים, מצוות מעשיות, אַ טייל פון דער אמונה.

לאָמיר בקיצור אויסרעכענען די פאַרגעלייגטע מצוות: באַזוכן ישראל אַזוי אָפט ווי מעגלעך. יעדע פאַמיליע זאָל כאָטש איין מאָל אין 7 יאָר עולה־רגל זיין קיין ישראל, און ווי ווייט מעגלעך אין פאַרבינדונג מיט אַ יום־טוב־דיקער פאַסירונג, ווי אַ בר־מצווה א.אַ.וו.; דערמוטיקן יוגנטלעכע אָנטייל־צונעמען אין לימודים און אַרבעטס־פּראָגראַמען אין ישראל; לייענען קלאַסישע ציוניסטישע ליטעראַטור, ספּעציעל די שטעלן וואָס זענען ספּעציפיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר יידישקייט און ציוניזם: גאולה, גאולת הארץ, עולה־רגל א.אַ.וו. די מאַקסימום־דערגרייכונג וועט זיין זיך אויסלערנען געגנוג העברעיש צו לייענען אַ צייטונג אָדער פירן אַ לייכטן געשפּרעך אין עברית; זיך אָנשליסן אין איינעם פון די צווייגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג; צוטראָגן אַ בייטראַג צום יידישן פאַראייניקטן קאַמפּיין, קויפן ישראל־באָנדס און אָנטיילנעמען אין אַנדערע אַקציעס (הדסה, העברעישער אוניווערסיטעט א.אַ.וו.); זיין פּאָליטיש וואַכזאַם און זיין גרייט זיך צו אידענ־טיפיצירן מיט איר דורך בריוו צו קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן, סטייט־דעפּאַרטמענט, פּרעזידענט א.אַ.וו.; נישט אויפהערן צו דערמאָנען אַמעריקע און די מערב־לענדער וועגן די מאָראַלישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף אַ

סוווערענער ישראל; שעפן פון די גייסטיקע און קינסטלערישע קוואַלן פון ישראל און אַזוי אַרום פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגען צווישן די תפוצות און ישראל; אַדאָפּטירן כאָטש איין פאַמיליע אין ישראל און מיט איר אָנהאַלטן ענגע באַציונגען.

עד כאן דער קיצור פון מאמר, אויף וועלכן מיר ווילן באַמערקן אָט־וואָס:

1. נישטאָ אין די אַלע מצוות קיין איינע אפילו, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש, ספּעציפיש און עקסקלוזיוו פאַר אַ ציוניסט און איז נישט חל אויף יעדן „גוטן יידן" אין דעם קאָנווענציאָנעלסטן זין פון וואָרט. אמתע נישט־ציוניסטישע פריינד פון ישראל זענען שוין לאַנג דערגאַנגען צו אַ סך האַרבערע התחייבותן און פאָדערונגען פון זיך אַליין און פון נאָענטע. איך גלויב אפילו, אַז מיר באַליידיקן דעם סתם ייד (אַפילו אין זיין אַמעריקאַנער ווערסיע) ווען מען שטעלט אַרויס ווי אַ מוסטער אַזעלכע „כללים פון אויפפירונג", אַזאַ „שולחן ערוך דע־לוקס".

2. מערקווירדיק ווי אַזוי יידישקייט איז דאָ צו גאָרנישט מחייב. זי איז כולה „פּלעזשור" און אָן פליכטן. רק מען זאָגט צו, אָבער מען זאָגט זיך פון גאָרנישט אָפּ. כ׳וואָלט עס אָנגערופן „ווי אַזוי צו זיין אַ ייד אָן זיך אָנצו־שטרענגען".

3. אויב בנוגע יידן אַזוי, איז לגבי ציוניסטן אַוודאי און אַוודאי: די מצווה פון עליה ווערט נישט דערמאָנט, אַפילו ווי אַ שטרעבונג, אַפילו לגבי איינעם פון אַ משפּחה.

ס׳ווערט נישט אונטערגעשטראָכן דער אַבסאָלוטער הייליקער מוז צו געבן קינדער אַ יידישן חינוך. די צענטראַליטעט פון ישראל איז דיסקרעט פאַרשווונדן פון דאָקומענט. נישטאָ קיין וואָרט וועגן אָפּהיטן טראַדיציעס, סימבאָלן און יום טובים, אָן וועלכע דער שרייבער פון די שורות וואָס איז נישט קיין שומר מצוות, קען זיך נישט פאָרשטעלן אַ יידיש הויז.

דער עיקר, די מצוות פירן נישט צו דער פאַרלייקענונג פון גלות, נאָר פאַרקערט, אים צו פאַרשענערן דורך אַריינגעבן אַ כזית ישראל.

4. די מצוות גופא ווערן רעדוצירט ביז גאָר.

א. עליה ווערט „עולה לרגל" זיין;

ב. חלוציות ווערט אַרבעט און שטודיע־פּראָגראַם אין ישראל;

ג. ציוניסטיש־אידעאָלאָגישע דערציונג באַטייט לייענען געוויסע טעק־

סטן. מער קען דער דעליקאַטער מאָגן פון „אינסטאַנט־ציוניזם" נישט פאַרטראָגן;

ד. ס'איז נישטאָ די אַמביציע צו פאַרוואַנדלען העברעיש אַלס צווייטע שפּראַך פון יידן אין אַמעריקע. דער גרויסער חלום איז צו דערגרייכן לייענען אַ צייטונג אָדער פירן אַ שמועס.

5. וואָס פאַראַ מצווה איז עס, למשל, געהערן (צווישן אַנדערע תרפ"ט־אָרגאַניזאַציעס) צו אַ ציוניסטישער אָפּטיילונג? וואָס איז דאָ די רבותא, וואָס וועט ער דאָרטן טאָן, וואָס ער קען נישט טאָן אין בני ברית, אָדער קאָנגרעס, אָדער אין אַ קאָנגרעגאַציע?

6. וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אַזאַ פונדאַמענטאַלער מצווה ווי אַדאָפּטירן אַ פאַמיליע אין ישראל? העכסטנס, קען עס זיין אַ לאָזונג פאַר אַ קאַמפּיין.

אָבער, ווי שוין געזאָגט, איר געפינט דאָ אַלץ: גוטע כוונות, פיינע איינפאַלן, אָבער דאָס זענען אפילו נישט קיין ציוניסטישע מצוות בני נח.

1977

די וואַנקווער־קאָנפערענץ און דער עקומעניזם

די נישט־פריינדלעכע (מילד גערעדט) האַנדלונג פון דער וואַטיקאַן־דעלעגאַציע אויף דער „האַביטאַט״־קאָנפערענץ אין וואַנקווער איז איינע פון די זאַכן איבער וועלכע מ׳קען נישט אַריבערגיין צום סדר־היום. וויפל מ׳זאָל זי נישט פּרוּוון פאַרטייטשן און מינימיזירן, בלייבט דער פאַקט, אַז די פאַרטרעטערס פון דעם „הייליקן שטול״ האָבן געשטימט פאַר דער וויל־דער אַנטי־יידישער דעקלאַראַציע, וואָס באַצייכנט ציוניזם ווי איינעם פון די אויסדרוקן און וואַריאַנטן פון ראַסיזם. זיי האָבן געגעבן זייער פאָרמעלע הסכמה צו דעם טאַקטיש געלונגענעם שריט פון אונדזערע שונאים אַריינ־צושמוגלען דאָס פאַררופן זיך אויף דער אונאָ־רעזאָלוציע אין דער „פּרינ־ציפּן־דעקלאַראַציע״ פון דער קאָנפערענץ. אוודאי איז דער גאַנצער ענין אַ שטיק אומזין. פּאָליטישע רעזאָלוציעס קלעפּן זיך צו ריין הומאַניטאַרע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, ווי ס׳זענען די פּראָבלעמען פון וווינונגס־נויט, אַזוי ווי אַרבעס צום וואַנט. אָן ספק איז דער פאַקט, וואָס מע פאַראורטיילט אַ לאַנד וואָס קען, אויפן געביט פון לייזן וווינונג־פּראָבלעמען, סיי קוואַנטי־טאַטיוו, סיי קוואַליטאַטיוו, דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער וועלט, נישט קיין קלענערע איראָניע ווי דער אונאָ־באַשלוס גופא. דערביי קען מען אפשר געפינען אַ געוויסע טרייסט אין דעם, וואָס 25 מדינות, צווישן זיי די פאַרגעשריטנסטע, האָבן געשטימט קעגן אָדער זיך אָפּגעהאַלטן פון שטי־מען פאַר דער דעקלאַראַציע.

דאָס פאַרענטפערט אָבער נישט די פראַגע פאַר וואָס ס׳האָט זיך צווישן אָט די 25 נישט געפונען די שטים פון דער אוניווערסאַלער קירך, וואָס רעדט אין נאָמען פון הונדערטער מיליאָנען. דאָס איז דאָך סוף כל סוף נישט געווען אַ פאַרשטייערשאַפט פון סתם אַן עקסטעריטאָריאַלער סוווע־רענער טל ומטר־טעריטאָריע, נאָר אַ דעלעגאַציע פון דער העכסטער רע־

ליגיעזער אויטאָריטעט, פון לויטער געוויסן, פון דעם גרויסן אמת וואָס מאַכט קיין מאָל נישט קיין פעלער. פאַר וואָס האָבן די שליחים פון וואַטיקאַן מיט זייער שטים מסכים געווען מיט אָט דער וויסטער שנאה־וואַקכאַנאַליע, וואָס פאַרוואַנדלט אונדזער גאַנצע פלאַנעטע אין אַ מאָראַלישן „סלאַם" אין וועלכן מ'קען נישט לעבן? און אויב די שליחים האָבן געמאַכט אַ טעות, פאַר וואָס האָט זיך דער וואַטיקאַן נישט אָפּגעטרייסלט פון זיי מיט דער האַרבקייט און אַנטשלאָסנקייט וואָס ער ווייזט אַרויס אין ענלעכע פאַלן ווען דאָס לוינט זיך אים?

דערווייל באַנוגענען זיך די פּרעסע־שופרות פון וואַטיקאַן מיט פוילע תירוצים, מיט צווייזייטיקע פירושים און נישט־דערזאָגעכצן. אין אָפיציאָז „אָסערוואַטאָרע ראָמאַנאָ" דערקלערט ד"ר קאַריגי, נאָך דעם ווי ער ציטירט דעם אַנגענומענעם פּאַראַגראַף וואָס פאַררופט זיך בפירוש אויף דער טרויעריקער אונאָ־רעזאָלוציע, אַז ס'איז זייער שווער געווען צו הייבן די האַנט קעגן דער דעקלאַראַציע, ווייל זי איז אָפּגעשטימט געוואָרן ווי אַ גאַנצע און נישט פּאַראַגראַפנווייז. אַזוי אַרום האָט מען נישט געקענט שטימען קעגן די קאָנטראָווערסאַלע פּאַראַגראַפן און דערמיט אָפּוואַרפן דעם גאַנצן דאָקומענט. דער גאַנצער אַרטיקל, וואָס איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון צווייפּנימדיקייט און צביעות, שיט נאָך זאַלץ אויף די ווונדן. פאַר וואָס האָט אָט די ריין פּראָצעדוראַלע סיבה (וואָס איז כיטרע פאַרטראַכט געוואָרן דורך די אַראַבישע פאַרשלאַג־געבערס כדי מטהר צו זיין דעם שרץ אין די הייליקע וואַסערן פון אוניווערסאַלע שיינע פּרינציפּן) נישט געשטערט אַמעריקע, ענגלאַנד און קאַנאַדע צו שטימען קעגן דער דעקלאַראַציע? זיי האָבן מסתם דערפילט, אַז קיינער וועט זיי נישט חושד זיין אין גלייכגילט צו דער ווינונגגנויט אין דער וועלט און אַז צוליב זייער שטימען וועט קיין איין מענטש נישט פאַרבלייבן, אַזוי ווי אין קאַלקוטאַ, אויף די גאַסן, אָדער אין די נאַסע פישער־שיפלעך אין האָנג־קאָנג. און אפשר האָבן זיי געפילט, אַז דאָ גייט אין עפּעס העכערס און וויכטיקערס פון דעם קאָנקרעטן ענין און אַז מ'לייזט נישט קיין פּראָבלעמען דורך באַגיין אַ גרויסע מאָראַלישע (און אַפילו אַ סך מער ווי בלויז אַ מאָראַלישע) עוולה קעגן דער האָפענונג פון אַ גאַנצן פאָלק דורך איבערחזרן אפשר דעם גרעסטן ליגן אין דער מענטשלעכער געשיכטע? פאַר וואָס האָט דער דאָ־

זיקער מוט פאַרפעלט דעם וואַטיקאַן, וואָס פרעטענדירט צו באַזיצן דעם מאָנאָפּאָל אויף מאָראַל און וואָס דערקלערט זיך לעצטנס אין ליבע צו יידן און צום יידנטום?

אויב מיר שטעלן זיך אָפּ אַזוי באריכותדיק אויף דעם ענין, איז עס דערפאַר וואָס ער טראָגט אין זיך אימפּליקאַציעס וועלכע גייען ווייט אַריבער די טרויעריקע פּאַסירונג. דאָס וואַרפט אָן אמת ליכט נישט נאָר אויף די פּאָליטישע באַציונגען צווישן ישראל און דעם וואַטיקאַן נאָר אויפן גאַנצן קאָמפּלעקס „קריסטלעך־יידישן דיאַלאָג" און פון דער א.ג. עקומענישער שותפות. דאָס שטעלט אונטער אַ פרעגצייכן די באַשיידענע דערגרייכונגען און ניכטערט אויס פון אַ סך אילוזיעס. ווי ס'זאָל נישט זיין, פאַרדינט עס אַ „ווידער־באַטראַכטונג" וואָס שייך אַ באַוועגונג, וואָס האָט לכתחילה נישט אַרויסגערופן צופיל באַגייסטערונג, גראָד ביי אונדזערע שטרענגע אָרטאָדאָקסן. דער גאַנצער ענין פון צווישן־רעליגיעזע קאָנטאַקטן זעט אונדז אויס צו זיין אַ סך ערנסטער און קאָמפּליצירטער. דער דיפּלאָמאַטישער רייִן ישראלדיקער אַספּעקט איז אַן ענין פאַר זיך און דאַרף איבערגעלאָזט ווערן אין די הענט פון דער רעגירונג און פון אויסערן־מיניסטעריום. דער ענין איז זייער אַן איידעלער און היפּש קאָמפּליצירטער. מע בלאָזט דאָ אויף אונדז „מיט הייסן און מיט קאַלטן": פון איין זייט — קאָמפּלימענטן פאַר דער קאָנקרעטער באַהאַנדלונג פון די „הייליקע ערטער", אַ דערקלערונג וועגן דעם באַזונדערן גורלדיקן געפיל פון יידן פאַר ירושלים און פון דער צווייטער זייט — דאָס רייסן זיך אין ספּאָדעק פאַר קאַפּוטשי, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכערישע מעשים, דאָס עקשנותדיקע אָפּלייקענען אַז מ'גייט אָנקניפּן באַציונגען מיט ישראל אָדער אַפילו זי אָנערקענען „דע פאַקטאָ", די אָפּטע פאָדערונגען צו אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים.

און וואָס איז בנוגע די אויסווירקונגען פון דעם וואַנקווער־אינצידענט אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע מקומות, וואָס געפינען זיך איצט אין סאַמע קלימאַקס פון קריסטלעך־יידישער פריינדשאַפט מיט דיאַלאָגן, סימפּאָזיומס, געמיינזאַמע קאָנפערענצן און דערקלערונגען מיט בשותפותדיקע גאָטעסדינסטן א.אַ.וו.? ווי אַזוי פאַרט זיך עס מיטן פיינטלעכן אַקט מצד דעם וואַטיקאַן? ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס דאָס ביסל נאָיווע און

לייכט גלייביקע יידישע מנהיגים ווערן ביטער אַנטוישט. אַזוי איז געווען אין 1973 בעת דער יום־כיפור־מלחמה, ווען די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון דער קירך (אין קעגנזאַץ צו די אײדעלע און מוטיקע אויפטריטן פון יחידים און גרופּעס) האָבן אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווייגעניש. שפּעטער האָט מען עס געפּרוווט דערקלערן מיט דעם, אַז די קריסטן באַגרייפן נאָך נישט דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון דער יידישער רעליגיע און דעם צענטראַלן פּלאַץ וואָס עס פאַרנעמט אין איר ישראל.

איצט קומט די דעקלאַראַציע פון דער „האַביטאַט"־קאָנפערענץ און הייבט אויף פון דאָס ניי דעם גאַנצן ענין. פרעגט זיך: צי איז דער עקומע־ניזם בלויז אַ טעאָלאָגישער ענין, וואָס זוכט אויסצובעסערן די פּרימיטיווע קאָנצעפּציעס פון דער קאַטוילישער קירך בנוגע דעם יידנטום, באַזייטיקן די ווילדע אַנטיסעמיטישע שטעלן אין די טעקסט־ביכער, די קאַטעכיזמען און די תפילות, באַפרייען די יידן פון אַמאָל און פון היינט פון דעם בילבול פון גאָט־דערמאָרדונג? אָדער צי איז עס אַן אָנהייב פון אַ נייער תקופה, פון דרך ארץ פאַר דער יידישער רעליגיע אין וועלכער ישראל איז דער שוואַרצאַפּל פון אויג — אַן שמד־פּראָפּאַגאַנדע? צי איז עס אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אָדער בלויז אַ „קאָסמעטישע" אָפּעראַציע?

1976

דעמאָגראַפיע און נאַציאָנאַלער יצר־הקיום

די דעמאָגראַפישע ירידה פון אַמעריקאַנער יידנטום איז ווידער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ דראַמאַטישער דרינגלעכקייט. די פאַרקלענערונג פון די געבורטן, דאָס צוקומען צום זעראָ־וווּקס, די העכערונג פון דורכשניט־עלטער ביי יידן זענען שוין פון לאַנג טרויעריק באַקאַנט אַלס פאַקט. דאָס איז אָבער איינער פון די „פאַקטן פון לעבן", וועגן וועלכע מ'מיידט אויס צו רעדן, טאַקע צוליב דער געפערלעכקייט און אפשר צוליב אַ פאַטאַליסטיש משלים זיין מיט אַ פּראָצעס, „וואָס מ'קען נישט פאַרמיידן".

דאָס מאָל אָבער איז דער אַלאַרם געקומען פון דער העכסטער רעליגיעזער אויטאָריטעט אינעם ישוב, פון דעם רבנים־ראַט אין אַמעריקע, דער דאַך־אָרגאַניזאַציע פון די אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמירטע שולן. די „אַנאַליזן", די פובליקאַציע פון אינסטיטוט פאַר פּלאַנירונג און פאַרשונג פון דער באַפעלקערונג האָבן געגעבן ציפערן און קאָמענטאַרן, וועלכע מ'קען נישט לייענען אָן אַ געפיל פון פחד פאַרן קיום פון יידישן ישוב אין דעם עלעמענטאַרסטן זין פון וואָרט. די דעגענעראַטיווע פּראָצעסן האָבן שוין געהאַט זייערע נעגאַטיווע ווירקונגען אויפן ישוב, באַזונדערס אויפן געביט פון חינוך.

אויב די דאָזיקע טענדענץ זאָל אַזוי אָנהאַלטן, וועט די דורכשניט־יידישע פאַמיליע אין אַמעריקע באַשטיין אין עטלעכע יאָר אַרום פון 1,7 ביז 1,9 קינדער, אין דער צייט ווען דער אַבסאָלוטער מינימום כדי אויסצופילן די פאַרלוסטן (פטירות א. אַנד.) איז 2,1.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דער רעשיקער וווּקס פון יידישן ישוב איז געקומען נישט אַזוי פון פריה ורביה, ווי פון דער גרויסער אימיגראַציע. ווען די גרויסע איינוואַנדערונג האָט אויפגעהערט, האָט זיך די איינערלעכע אימיגראַציע אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיִק צו קאָמפּענסירן דעם

פאַרלוסט. (אַן ענלעכע דערשיינונג ווי אין ישראל, אָבער אַ סך דראַמאַטי־שער און דעסטרוקטיווער). ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז דער פּראָצענט פון יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג געפאַלן פון 3.7% אין די מיטל 40ער יאָרן צו 2.6% אין די 70ער.

דער דורכשניט־עלטער איז איצט צווישן 45 און 48 יאָר. די צאָל פון יידן איבער 65 איז איצט גאַנצע צוועלף פּראָצענט — אַ זייער טרויערי־קער בילאַנץ.

די יידן זענען די ערשטע און איינציקע עטנישע גרופּע אין אַמעריקע, וואָס דערנענטערט זיך, ווי געזאָגט, צום „זעראָ־וווקס" און פון דאַנען איז דאָ נאָר איין וועג: ירידה און שקיעה.

ד"ר הערלד הימעלפאַרב, סאָציאָלאָגיע־פּראָפעסאָר אין אָהאַיאָ־אוני־ווערסיטעט, באַווייזט, אַז דער ערשטער קרבן פון דעם מצב איז דער יידי־שער חינוך. די רעגיסטראַציע פאַר די לעצטע פופצן יאָר אין אַלע טיפּן יידישע שולעס באַווייזט אַז עס איז געפאַלן מיט 15 פּראָצענט די צאָל תל־מידים (אַ דערפרייענדיקער אויסנאַם זענען די טאָגשולן, אין וועלכע די צאָל תלמידים האָט זיך גראַד געהויבן מיט 1 %, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם אַלגעמיינעם סך הכל).

די משמעות פון אָט די טרויעריקע פאַקטן איז אַ קלאָרע. אַפילו ווען „מ׳פאַרגעסט" אויף אַ מינוט די גייסטיקע נעגאַטיווע אַנטוויקלונג (געמיש־טע חתונות, אַקולטוראַציע, אַסימילאַציע) און מ׳קאָנצענטרירט זיך בלויז אויף די פיזישע פּראָצעסן, שטייען מיר פאַר אַזעלכע געפאַרן, וועלכע מ׳קען נישט פאַרבייגיין אָן אַ היפשער דאָזע לייכטזין און פאַטאַליזם. דער ענין איז אַ פיינלעך קאָמפּליצירטער. פון דער טרויעריקער דערפאַרונג אין פאַר־שידענע לענדער (צווישן זיי אויך ישראל) ווייסן מיר, אַז קלאָגן און פּרע־דיקן וועט ווייניק וואָס העלפן. אין אַ געוויסער מאָס (אָבער בלויז אַ גע־וויסער) איז עס נישט קיין ריין יידישע דערשיינונג. די צאָל קינדער אין אַ משפחה שטייט אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו בילדונג און וווילזיין. וואָס אָרעמער און פּרימיטיווער זיי זענען, אַלץ מער זענען די פאַמיליעס — ווי מען זאָגט עס אין אונדזער העברעישער מליצה — „געבענטשט מיט קינ־דער"; וואָס „גרויסשטאָטישער", אינטעליגענטער און רייכער — אַלץ ווייניקער „יורשים".

פון דעסטוועגן האַלטן מיר, אַז ס׳וואָלט געווען אַ טעות פונאַנדערצוטיילן די צוויי אַספּעקטן פון דעם פּראָבלעם: דעם ריין דעמאָגראַפיש־ביאָלאָגישן און דעם באַוווסטזיניק־עטנישן טייל, די פראַגע פון „רעפּראָדוקציע" און קולטור־שעפערישקייט פון יידן. מיר זענען נישט באַוואָפנט מיט די נייטיקע ציפערן, אָבער מיר זענען זיכער מיט אונדזער געפיל, אַז ס׳איז פאַראַן אַ גרויסע שייכות צווישן צוויי ענינים און אַ טיפע קעגנזייטיקע השפעה. אין מאָמענט פון יידישער דערוואַכונג, עטנישער פאַרטיפונג, פאַרשטאַרקונג פון קאָלעקטיוון יצר הקיום, מערן זיך די געבורטן און עס איז נישט וויכטיק, צי דאָס געשעט „באַוווסטזיניק" אָדער אומבאַוווסטזיניק און אינטואיטיוו. אין אַ צייט פון יידישער ציללאָזיקייט, פון מאַנגל פון אינטערעס, פון צונויפמישונג מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, פאַרלירט מען אויך דעם חשק פאַר קינדלען.

דער בעסטער באַווייז איז, אַז אין פרומע יידישע פאַמיליעס איז די צאָל קינדער גרעסער, נישט נאָר צוליב רעליגיעזע פאַרבאָטן, נאָר צוליב דער דביקות אין יידישקייט. דאָ העלפט די אידעאָלאָגיע דער ביאָלאָגיע.

אָבער אויך אין די וועלטלעכע קרייזן איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע מאָמענטן, כאָטש ווייניקער באַשיימפערלעך און אַנגעזען. פאַר וואָס פון דעסטוועגן איז דער נאַטירלעכער צוגוואוקס אין ישראל העכער ווי אין אַלע יידישע ישובים, אויב נישט צוליב אינטענסיוון, נאַציאָנאַל יידישן לעבן, צוליב זין און תכלית, שיינקייט און העראָיזם פון יידישן זיין, וואָס איז מער ווי סתם קיום?

נישט אַריינלאָזנדיק זיך טיף אין דעם ענין, דוכט זיך מיר, אַז מיר האָבן דאָ אַ קרייז: וואָס מער אַסימילאַציע — אַלץ ווייניקער די צאָל יידן; וואָס מער יידישקייט — אַלץ גרעסער דער צוגוואוקס פון יידן; ווו ס׳איז פאַראַן מער יידישע קוואַליטעט — אַלץ זיכערער איז דאָרט די יידישע קוואַנטיטעט. ס׳איז, אַזוי צו זאָגן, איין פּראָגנט. אפשר וואָלטן מיר עס דעפינירט אַ ביסל בילדלעכער: וואָס מער תלמידים אין יידישע שולן — אַלץ מער יידישע קינדערלעך אין די וויגעלעך. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען: דאָס ערשטע באַווירקט דאָס צווייטע און נישט פאַרקערט, ווי נישט נאַטירלעך דאָס זאָל נישט אויסזען.

1977

מיהו יהודי?

נאָך אַ לאַנגן קווענקלען זיך האָב איך גענומען שרייבן וועגן דער טעמע. ערשטנס, ווייל ס׳איז שווער מחדש צו זיין, זאָגן עפּעס אייגנס, בייטראָגן כאָטש אַ כזית אָריגינעלס אין דעם אַזוי פיל באַשריבענעם, דעבאַטירטן ענין; צווייטנס, צוליב דער פייערלעכקייט (כ׳האַלט זיך אָפּ פונעם וואָרט — הייליקייט) פון דער טעמע, וועגן וועלכער מען דאַרף רעדן בדחילו ורחימו, וואָס רירט אָן דעם סאַמע יסוד, דעם אורשפּרונג פון אונדזער זיין אין אַלע צייטן און דורות; דריטנס, מחמת די פראַגע איז אומגעהויער קאָמפּליצירט, פאַרשידן־געשטאַלטיק, ווו עס גיסן זיך צוזאַמען דאָס היסטאָריש־אייביקע און דאָס אַקטועלע טאָג־טעגלעכע, דאָס מיסטישע און דאָס ראַציאָנעלע, דער צוואַנג און דער רצון. אַ מאָל איז אויסגעהאַלטנקייט — אויבערפלאַכלעכקייט אין פאַראַלעל מיט אַנדערע פעלקער און דאָס באַנוצן זיך מיט אַלגעמיינע פאָרמולעס — לייכטזין און דעמאַגאָגיע. אָפּט מאָל מיינסטו, אַז דו דיסקוטירסט מיט אַנדערע. פאַקטיש ראַנגלסטו זיך מיט זיך אַליין.

מיר שטערט אַ ביסל, וואָס די פראַגע מיהו יהודי? (ווער איז אַ ייד?) הייבט געוויינלעך ביי אונדז זיך אָן אין שייכות מיט קאָאַליציע־ענינים פון דער רעגירונג, מיט דעם אַריינטריט אָדער נישט אַריינטריט פון די רעליגיעזע פּאַרטייען. ס׳ווערט אַ מקח וממכר־פראַגע אין די אונטערהאַנדלונגען און צום סוף אַ פּונקט אין אַ הסכם, אַ דערלייזנדיקע פאָרמולע. מ׳קומט אַדורך לויטן אַלטן פּרינציפּ פון „גיב און נעם”. דער שרייבער פון די שורות איז נישט קיין מפונק און אָפּגעריסענער אינטעלעקטואַל, ער קען די פּאָליטישע וועלט און איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרמישט אין איר. און כל זמן ס׳זענען פאַראַן פּאַרטייען, וואָס זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז דאָס פאַרטיידיקן דורך פיזישע מיטלען מעטאַפיזישע פּרינציפּן, איז

נישטאָ קיין ברירה ווי אונטערהאַנדלען וועגן ענינים וואָס זענען „ווערטן", פּרינציפּן, אמונות ודעות און נישט קיין פּראַגראַמאַטישע אַקטואַליטעטן. בפרט נאָך ווען דאָס טראָגט מיט זיך (באַזונדערס אין דער יידישער רעלי־גיע) פּראַקטישע אימפּליקאַציעס אין פּערזענלעכן סטאַטוס פון בירגער, אין מלאכה, אין טראַנספּאָרט, קולטור, פאַרווײַלונג א.אַ.וו.

פון דעסטוועגן וואָלט איך זייער געוואָלט אַז מ'זאָל וועגן דעם אַלעם דיסקוטירן אין „פרידלעכע צייטן" (ווען זענען זיי ביי אונדז בנמצא?), בנוחותא, דורך גרויסע מוחות אויף ספּעציעלע אסיפות און נישט אין די קאָרידאָרן און צימערן פון קאָאַליציע־אונטערהאַנדלונגען. דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אַליין נישט זיכער, צי דער אומגעדולד צו זען אַ דורכן מערך אָנגעפירטע רעגירונג פאַר די גרויסע שלום־ און מלחמה־אויפגאַבעס „פאַרטושן" נישט מיין שקול הדעת און פאַרטונקלען נישט מיין לאָגיק. כ'בין נישט זיכער צי איך בין און צי איך קען זיין פולשטענדיק אָביעקטיוו, באַזונדערס ווען עס גייט וועגן סאַמע תוך פון זיך אַליין, פון יידישקייט. אָבער פאַרפאַלן, מ'דאַרף צוטרעטן צום ענין.

און קודם כל איניקע פּרעלימינאַרע באַמערקונגען:

1. כ'ווייס, אַז ס'זענען ביי אונדז פאַראַן גענוג מענטשן וואָס פילן זיך אומבאַקוועם צוליב דער „אַריינמישונג פון דעם תפוצות־יידנטום" אין שייכות מיט די ענינים וואָס זענען נוגע אויסשליסלעך דער רעגירונג און דעם בירגער פון ישראל. די גרויסע רירעוודיקייט און ענערגיע וואָס עס ווייזן אַרויס ביידע צדדים אין דעם ענין: די ספּעציעל צוזאַמענגערופענע וועלט־קאָנפערענץ, דער דרוק אויף דער רעגירונג, די טעלעגראַמעס, פּעטיציעס, וואָרענונגען און אַפילו די קוים פאַרשטעלטע דראָונגען. פאַר מיר פּערזענלעך און כ'גלויב אויך ביי דער מערהייט ישראלים — איז עס נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך און כמעט אַ פליכט פון די גלות־יידן. נישט וועלנדיק דאָ אַריינגיין אין דער גאַנצער סוגיה פון דער באַרעכטיקונג, דער מאָס און די גרענעצן פאַר דעם רעכט פון די יידן אין דער וועלט צו זאָגן אַ דעה בנוגע ישראל־אָנגעלעגנהייטן, אַ זאַך וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע טיפערע און גרינטלעכע אויספאָרשונג אָן ווולגאַרן אָננעמען אַלגעמיינע קאָנצעפּציעס וואָס זענען שייך גאַנץ אַנדערע סיטואַציעס און אָפּוואַרפנדיק דעם ווולגאַרן און ברוטאַלן אַרגומענט פון די בעלי־מאה וואָס

זאָגן אַ דעה, איז דאָ דער ענין קרישטאָל־קלאָר. דאָס איז אַן אַלגעמיין יידישע און נישט בלויז אַ ריין ישראלדיקע פראַגע (כאָטש זי האָט אויך ריין מלוכישע אַספּעקטן) און אין אַ גרויסער מאָס גייט זי די יידן אין די תפוצות אַפילו מער אָן ווי אונדז. זייער גאַנצע יידישקייט הענגט אויף דעם. נישט צופעליק פרעגט מען נישט „מיהו ישראלי?" נאָר בלויז „מיהו יהודי?" צום ערשטן זענען דאָ קאָנקרעטע אָביעקטיווע, אוניווערסאַל אָנגענומענע קריטעריעס; דאָס צווייטע „בלאָנדזשעט" אין אַ וועלט פון געשיכטע, טראַדיציע און טראַסצענדענטאַלע אידעען. די באַגריפן ישראלי און יהודי זענען געבונדן אָבער נישט אידענטיש. אַכמעד פון נצרת דאַרף נישט פרעגן „מיהו יהודי" און אַ ניו־יאָרקער ציוניסט קימערט זיך נישט וועגן ישראלדיקע פליכטן. ס'וואָלט דעריבער געווען אומגאַטירלעך, ווען יידן „וואָלטן נישט אינטערווענירט" און ווער ס'נעמט אָן באַשלוסן וועגן „סטאַטוס קוואָ" אָדער ענדערונגען אין דער פראַגע — באַשליסט אויך וועגן דעם יידישן גורל פון מאַסן יידן אין די תפוצות. אויב אַזוי, האָבן זיי ד.ה. די יידן אין די תפוצות און דאַרפן האָבן עפּעס וועגן דעם צו זאָגן.

2. דער פּאָליטישער אַספּעקט פון דער פראַגע איז ביז גאָר אַ קלאָרער. די אַלטערנאַטיווע זענען שאַרפע און קאַנטיקע. „אַ וואַנט צו אַ וואַנט"־רעגירונג איז אַן אַבסורד, ווען מ'דאַרף אָננעמען שטאַרק קאָנטראָווערסאַלע, ליידנשאַפטלעך פונאַנדערטיילנדיקע באַשלוסן וועגן גרענעצן, שלום, טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע א.אַז.וו. אַ נאַציאָנאַלע קאָנצענטראַציע־רעגירונג קען נאָר זיין אַ ראַם און נישט אַ באַשליסנדיקע קערפּערשאַפט. אַ רעגירונג וואָס איז געבויט אויף אַ מערהייט פון איין שטים, איינשליסנדיק שוין די אַראַבישע דעפּוטאַטן, און אָננעמענדיק די אַנטיסעמיטישע, מוחל־טובהדיקע אונטערשטיצונג פון רק"ח — איז אַן אוממעגלעכקייט און וועט האָבן קורצע יאָרן פון קיום. און אויב מפד"ל (דער היסטאָרישער פאַרבינדעטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט וועלכן כ'וויל גיין צוזאַמען נישט נאָר ווייל כ'האָב נישט קיין מערהייט, נאָר ווייל כ'האַלט אַז דאָס בשותפותדיק קאָנסטרוקטיווע צווישן אונדז איז גרעסער און טיפער ווי דאָס פונאַנדערטיילנדיקע), וועט זיך פאַרעקשנען אין זיין פאַרגליווערט־דאָגמאַטישער שטעלונג, וועט נישט זיין קיין אַנדער ברירה ווי נייע וואַלן, אַ טרויעריקע און אַפילו אַ שאַדן ברענענדיקע עווענטואַלי־

טעט אָבער אַן אומפּאַרמײדלעכע, אויב מ׳וויל בלײַבן בײַ דער דעמאָקראַ־טיע, מען איז נישט „ברוגז״ אויף אירע „קאַפּריזן״ און מ׳דערדעדט זיך נישט, ווי עס האָט געטאָן אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ ברייט פֿאַרשפּרייטער נאָכ־מיטאָג צײַטונג, צו „דיקטאַטור״.

3. כ׳בין זיך מודה ומתוודה, אַז טראָץ מײַן פּערזענלעכער סימפּאַטיע און באַוווּנדערונג פֿאַר שולמית אַלוניס נצחון אין די וואַלן, נעם איך אָבער נישט אָן איר אַנטי־רעליגיעזן קרייצצוג, איר איגנאָרירן טראַדיציע און געשיכטע, ווען ס׳קומט צום ענין רעליגיע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פֿון אונדזער קולטור. איך באַטראַכט דאָס צופּאַסן די פֿאָרמולע פֿון „אָפּטיילן דעם שטאַט פֿון דער מדינה״ צו דער ייִדישער ווירקלעכקייט ווי אַ שטיק וווּלגאַריטעט און מעכאַנישקייט. אַזאַ שטעלונג איגנאָרירט די פֿאַלגן וואָס וואָלטן פֿון דעם אַרויסגעקומען פֿאַרן פֿאָלק אין גלות, פֿון וועלכן ישׂראל איז לכל הפּחות נומעריש נאָר אַ קליינער טייל און דעם חורבן וואָס די ראַמענ־לאָזיקייט, פּרינציפּנלאָזיקייט וועט מיט זיך ברענגען. אויב די באַזע פֿון שותּפֿות מיט איר זאָל זײַן דער ציווילער, פֿאָרמעלער כאַראַקטער פֿון געזעצגעבונג אין לעבן, אַן ייִדישע חתונות און אַן קבֿורה, אַן גט און ירושה — איז מוחל טובֿות. איך וויל בעסער (כאָטש איך טאָלעריר נישט און כ׳בין גרייט צו באַקעמפֿן די מיסברויכן און עוולות) די קאָנסערוואַ־טיווקייט פֿון די ייִדישע מנהגים ווי די פּראָגרעסיווקייט פֿון לית דין ולית דיין אין דער לויזער גוייִשער געזעלשאַפֿט און דערצו האָב איך נאָך די חוצפּה זיך נישט צו האַלטן ווי אַ וויסטער רעאַקציאָנער.

4. איך האַלט דעם פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן מאַקסימאַליזם פֿון געוויסע מפד״ל־קרייזן אַלס געקינצלטן, „צוגעקלעפּטן״. דאָס איז „דער עקסטרעמיזם פֿון די יונגע״, אַ פֿאַרבייגייענדיקע מאָדע. נישטאָ קיין געפֿערלעכערע זאַך ווי דאָס אַרײַנמישן דעם כּבֿיכול אין ריין און אויסשליסלעך פּאָליטישע ענינים. פּאָליטיק איז די קונסט פֿון דעם מעגלעכן אין געגעבענעם און נישט אַבסאָלוטן און „אויסגעתּפֿילהטן״. מ׳פֿירט נישט קיין מלחמה מיט „תּהילים זאָגן״ אַליין און זיכער נישט קיין שלום־אונטערהאַנדלונגען אין אונדזער זינדיקער וועלט. כ׳האָף, אַז ווען דעם וועט זיך דער שידוך נישט פֿאַנאַנדערגיין. אין קעגנזאַץ צום ליכּוד איז נישט דאָס דער עיקר בײַ די

רעליגיעזע עלעמענטן אַחוץ ביי געצײלטע היצקעפּ. מיר ווייסן, אַז די פּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן אין דער רעליגיעז־ ציוניסטישער באַוועגונג ווילן נישט צולאָזן די געפערלעכע קאָמבינאַציע פון היסטערישן נאַציאָנאַליזם און רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

5. מ׳דאַרף אויך נישט שרעקן מיט ווערטער: „דעמאָקראַטיע" ווי אַ „הייליקע קו", וועלכע מ׳טאָר נישט אָנרירן, און „טעאָקראַטיע" רחמנא ליצלן. מיר זענען זיך מודה ומתוודה, אַז דער „חוק השבות", וואָס איז אויסשליסלעך פאַר יידן, איז אויך נישט לויטן רייִנעם שולחן ערוך פון דעמאָקראַטיע און דאָס זעלבע איז אויך שייך ספּעציעלע פּאָרמען און אַנדערע פּריווילעגיעס פאַרן יידן וואָס זענען אויך אַ פאַרלעצונג פון גלייכבאַרעכטיקונג. קיין שלאָפלאָזע נעכט פאַרשאַפט דאָס מיר נישט, ווייל דער הייליקסטער פּרינציפּ, דער יסוד־היסודות פון ציוניסטישן „אני מאמין" איז דער קיום און די צוקונפט פון יידישן פאָלק. צוליב דעם איז ישראל געשאַפן געוואָרן. דאָס איבעריקע איז סובאָרדינירט צו אָט דעם פּרינציפּ. אַזוי פּשוט איז עס.

אָט דער פּרינציפּ דאַרף אויך זיין „דאָס ליכט פאַר אונדזערע פיס" ביי אָט דער גרויסער פראַגע, וואָס שטייט איצט אין ישראל און אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

איך וואָרף אָפּ מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דעם „סוביעקטיוויסטישן" צוגאַנג צום „מיהו יהודי?" — ווי נישט היסטאָריש, ווי אומפּראַקטיש און אומגלייך אין די באַדינגונגען פון גלות און אַפילו אין ישראל. (און ווידער דאַרף מען נישט פאַרמישן בירגערשאַפט מיט נאַציאָנאַלע, עטנישע און געשיכטלעך־קולטורעלע אָנגעהעריקייטן). ס׳מוזן זיין בינדנדיקע, אָביעקטיווע קריטעריעס, אויב מ׳וויל נישט קיין ניהיליסטישן תוהו ובוהו און דאָס פאַרוואַנדלען די שוין אַזוי אויך שוואַכע יידישע קהילות אין אַמאָרפע מאַסעס אָן אַ פּרצוף.

דעריבער האַלט איך, אַז דער סוביעקטיווער ווילן צו זיין אַ ייד איז נישט גענוג. דאָס דאַרף באַגלייט ווערן מיט קאָנקרעטע סימנים און אַקטן פון אַ סימבאָלישן, סאַקראַמענטאַלן כאַראַקטער. דאָס זעלבע גילט אויך, לויט מיין מיינונג, אין דער פראַגע וועגן ציווילע חתונות. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין.

פונקט אַזוי דאַרף מען אויך אַרויסטרעטן קעגן דער „מאַנאַפּאַליזאַציע" אָדער קאַרטעליזאַציע פון געוויסע אָרטאָדאָקסישע קרייזן, אַנצוואַרפן זייער קאָנצעפּציע פון גיור אַלס איינציקע, פאַרפליכטנדיקע, בינדנדיקע פאָרם און אַלס איינציקן מיטל אָנערקענט צו ווערן ווי יידן. אַוודאי איז וויכטיק דער פאַקט, אַז דאָס פאַרוואַנדלט די מערהייט פון יידן אין דער גרעסטער קהילה אין אַמעריקע אין „פרעמדע" און זייערע מגוּרים און קינדער — אין גוֹיִם און אַז דאָס שפּאַלט דאָס פאָלק.

אַוודאי ברענגט עס אויך שאָדן נישט נאָר יידן, פון וועמענס הילף מיר זענען אָפּהענגיק, נאָר אויך די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן אין אַ געגאַרטער אַטמאָספער פון טאָלעראַנץ און אַוודאי דערוויַיטערט עס פון אונדז די יונגע דורות וואָס נעמען נישט אָן די טראַדיציאָנעל פאַרהייליקטע וועגן פון די עלטערע און אויף וויפל זיי בלייבן אין יידישן כּלל, נעמען זיי גראָד אָן די ליבעראַלע, לויזערע פאָרמען פון קאָנסערוואַטיוון (וואָס איז בעצם אַ מילדע פאָרם פון אָרטאָדאָקסישע יידן נאָר אויף אַ פרעמד לשון) און רעפאָרמירטן יידנטום (וואָס איז אויך מער יידישקייט ווי גויִישקייט, נאָר האָט זיין היינטצייטיקע קאָנצעפּציע פון יידנטום).

נישט דאָס אַלץ איז דאָס וויכטיקסטע. די שטעלונג פון די באמת שלומי אמוני (און נישט פון די וואָס ווילן באַווייזן זייער כּוח און זייערע דערגרייכונגען) איז היסטאָריש נישט קיין ריכטיקע. יעדעס קינד ווייסט, אַז דינים האָבן זיך געביטן, אַז פאַרהייליקטע פאָרמען האָבן זיך געטוישט, אַז פאַרשידענע שטראָמען, באַוועגונגען און הויפן אין יידנטום האָבן אָפּ־געהיט זייער אופן פון יידישקייט, אַז אַפילו „הלכה" איז נישט שטענדיק געבליבן די זעלבע, און אַז אַ חוץ די קאַראַימער האָט מען אַפילו תורה מסיני אויסגעטייטשט אַזוי, אַז זי זאָל איינגעזאַפּט און אָנגענומען ווערן דורכן פאָלק.

אויף אָט דער אומגעהויערער פּרעטענסיע צו וועלן זיין די איינציקע פּוסקים, אַפילו פון די גדולי התורה, דאַרף געזאָגט ווערן אַ הילכיקער ניין! מיר וועלן נישט אויסשליסן מיליאָנען יידן פון קהל־ישראל צוליב די פאָרמען און מצוות וואָס זענען אַזוי געשיכטלעך רעלאַטיוו ווי דער מענטש אַליין.

און אַ פּערזענלעכער פּאָסט־סקריפּטום. זאָלן מיר מיינע לייענערס

גלויבן: כ׳האָב טיפע אַכטונג און ליבע פאַרן רעליגיעזן יידן, כ׳האָב ליב באהבה שלמה די אַלע אוצרות און שיינקייט פון יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע פון וועמענס מחיהדיקן זאַפט כ׳האָב געטרונקען. כ׳האָב פיינט אַפּיקורסים און אַפילו די, וועמענס גאַנצע פאָרשריטלעכקייט באַשטייט אין שעלטן די רבנים. איך בין אָפט מאָל מקנא די גראָד־ליניקייט און די יידישע וואָרצלדיקייט פון די רעליגיעזע. כ׳נעם אָבער בשום אופן נישט אָן זייער חוצפּהדיקע שטעלונג פון אויסשליסן יחידים און באַוועגונגען, וואָס גייען אויפריכטיק זייער יידישן וועג און זענען אויך קינדער פון גאָט.

1974

דער גרויסער וויכוח

א.

אונדזער וויכוח מיט דער קעגנערישער וועלט איז גאָרנישט פון די לייכטע. מיט דעם וואָרט „וויכוח״ מיינען מיר נישט דעם געראַנגל מיט די אָפיציעלע פּאָליטישע פיזישע מדינות און באַוועגונגען: מיט דעם פיינטלעכן קאָמוניסטישן בלאָק, מיט די געשווירענע אַראַבישע ידידים פון דעם אַזוי גערופענעם „דריטן כוח״, מיט אונדזערע שכנים וואָס קעמפן קעגן אונדז מיט אַלע מיטלען, מיליטעריש — אויף די גרענעצן; דיפּלאָמאַטיש — אין דער „אונאָ״ און אין די אַמבאַסאַדעס און אינטעלעקטועל — אין די אוניווערסיטעטן, קאָנגרעסן און צוזאַמענקונפטן. מיר מיינען אויך נישט די שטענדיקע אויפקלערונג און דאָס איינטענהן מיט אונדזערע וואַקלדיקע ידידים, וועמענס ליבע איז אָפט מאָל אַ פּאַראינטערעסירטע, אויף אַ תנאי און אַ פאַרבייגייענדיקע.

ווי קאָמפּליצירט דער דאָזיקער געראַנגל זאָל נישט זיין — אָפט מאָל אַליין קעגן אַלעמען — איז ער אַ קלאָרער און אַן אָפענער. דער אָפּוועך ווערט געפירט מיט קאָנווענציאָנעלע מיטלען דורך דער מדינה און אירע פאַרבינדעטע. אַוודאי קענען זיין פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער געראָטנקייט, ווירקזאַמקייט און פעיקייט פון די וואָס טראָגן די אחריות פאַר ישראלס שטעלונג און אימאַזש, אָבער דער ציל איז אַ קלאָרער און די מיטלען זענען באַקאַנטע.

אַ סך קאָמפּליצירטער און פילפאַכיק שווערער איז די דעבאַטע מיט דער נישט אָפיציעלער וועלט, מיט די וואָס זענען אין דרויסן פון דעם עסטאַבלישמענט און אָפט מאָל אין אַ ביטערער מלחמה מיט אים: מיט די גייסטיקע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע עלעמענטן,

מיט שרייבערס, עסעיסטן, טעאָרעטיקערס, רעדאַקטאָרן, עדיטאָריאַליסטן, מיט אַנדערע ווערטער — מיט די פּאַרמירערס און באַווירקערס פון דער עפנטלעכער מיינונג, נישט נאָר צוליב דעם וואָס מען דאַרף דערגרייכן הונדערטער יחידים און גרופּעס, נאָר צוליב טיפערע טעמים.

☆

אָט דער וויכוח פּאַרלאַנגט אַ גרויסע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מענטשן פון הויכער קולטור, בילדונג און שליף (נישט אין יידישע ענינים, ווו זיי זענען אָפט מאָל פרעמד, אומוויסנדיק און צייטנווייז קינדיש־נאַיוו). דער פייער פון גלויבן און איבערצייגונג און אַפילו פאַקטן און ציפערן זענען דאָ נישט גענוג. מען דאַרף זיין באַהאַוונט און פאַמיליער מיט דער שפּראַך פון אונדזער יאָרהונדערט. עס איז אַ ניי לשון פון באַגריפן, איינשטעלונגען און שיטות פון דענקען. אַוודאי חזרן זיי אָפט מאָל איבער אַלטע אמתן אָבער אויף אַזאַ נייעם אופן, אַז דו אַליין הויבסט אָן גלויבן אַז זיי זענען מחדש. די פאָרם און דער סטיל זענען פאַרפירעריש אָריגינעל און מ׳דאַרף זיך גוט אָנגורטן די לענדן כדי צו וויסן „וואָס צו ענטפערן די אפיקורסים״.

☆

די שוועריקייט אָבער איז נישט אין דער טעכניק אַליין פון רעטאָרישן געפעכט. דו באַגעגנסט זיך מיט אומזעבאַרע איראַציאָנאַלע עלעמענטן. איך וואָלט געזאָגט פאַראורטיילן, ווען די אָפּאָנענטן וואָלטן נישט געווען אַזלעכע „אויפגעקלערטע״, „היינטצייטיקע״ און „פּראָגרעסיווע״.

ביי די קריסטן למשל, אַפילו ביי די ליבעראַלסטע און פאָרגעשריטנסטע „שטימט נישט״ דער גאַנצער ענין ישראל מיטן געטלעכן חשבון. דאָס באַשטראָפטע און געבראַנדמטע פאָלק, וואָס האָט געדאַרפט געשפּענסטעריש „אָפּריכטן גלות״ פאַר נישט אָננעמען דעם דערלייזער, האָט זיך גאָר אומגעקערט צוריק און יידישע כוחות היטן זיין קבר. ווי אַזוי האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט די חוצפּה צו ווידערשפּעניקן די דאָגמע? און אויב עס איז נישט אַזוי ווי אין קאַטעכיזם שטייט, איז עס אומגערעכט, מעשה שטן, איריטירט עס און רופט אַרויס להכעיס־רעאַקציעס.

ביי די לינקע ליבעראַלן (צווישן זיי אויך יידישע) האָבן מיר חרוב געמאַכט אַן אילוזיע, אַ טעאָריע וואָס זיי פּרעדיקן פאַר אונדז און נאָר פאַר אונדז. זיי זענען, כידוע, קעגן נאַציאָנאַליזם, קעגן „פאַרגעטערונג פון שטאַט". מיט זייער עצם־קיום פון טויזנטער יאָרן זענען יידן געווען אַ ביישפּיל, אַן עליטע, אַ פּראָיעקציע אין דער צוקונפט, אַ העכערע פאָרם פון דער מיסטעריע פון קיום. האָבן מיר טאַקע באַצאָלט מיט בלוט פון מיליאָנען, מיט חרפּה און דערנידערונג, אָבער דאָס איז אַ מאַרטירער־פּרייז פון די דערוויילטע. און פּלוצלינג אַזאַ רעאַקציע! דאָס וועלטפאָלק וואָס שוועבט שאַגאַליש „איבער די הייזער" איז געוואָרן דאָס היינע־שפּינאָזאַ־פרויד־ און מאַהלער־פאָלק — אַ ווולגאַרע נאַציע פון לאַנדווירטן, סאָלדאַטן און מאַטראָסן און די ברייט־האָריזאָנטנדיקע קאָסמאָפּאָליטן זענען ענגקעפּיקע בויערס פון אַ העברעישער „פּראָווינציעלער" קולטור. צוליב דער גרויסער אַנטוישונג ווערט ביי זיי געשאַפן אַ איבערגעטריבענע פּיל־באַרקייט בנוגע דער מדינה לגבי וועלכער עס ווערן אָנגעווענדט די אוממעגלעכסטע ק ר י ט ע ר י ע ס. ערשט נישט לאַנג האָט ישראל אויס־געזען אַ הילפלאָזער קרבן! ווען זי האָט אָבער געהאַט די „חוצפּה" צו זיגן איז זי איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטאַריסטישער און נאַציאָנאַליסטישער אומה. רק מיר דאַרפן זיך פאַרענטפערן פאַר וואָס מיר זענען נישט קיין שלימזלען. אונדזער עצם דערפאָלג איז אַ פאַרברעכן.

אין דער גרויסער דעבאַטע שלאָגן זיך אַרויס צוויי הויפּט־טעמעס: די „מאַכט" און איר מיסברויך, און די קריוודעס לגבי די אַראַבער.

☆

צי איז מאַכט אַן און פאַר זיך אוממאָראַליש און מאַכטלאָזיקייט עטיש? צי איז כוח אַן עבירה און שוואַכקייט אַ מצווה? צי מוז דער זיגער זיין אַ בלוטדורשטיקער וואָלף און דער דורכגעפאַלענער אַן אומשולדיק לעמעלע? דער שוואַכער איז נישט שטענדיק דער צדיק און דער שטאַרקער דער רשע. אויב מאַכט קאָרומפּירט און אָפט מיסברויכט מען מיט איר, צי איז דען נישט פאַראַן אַ גרעסערע סכנה אַז שוואַכקייט ברענגט מרה שחורה, יאוש און דעגענעראַציע?

פון יידישן שטאַנדפּונקט: צי איז אונדזער קיום אין גלות אַלס שוצ־לאָזע מינדערהייט געווען אַ בלויער טלית פון אײדעלער העראָיק און אונדזער לעבן אַלס סוווערענע מערהייט כולו געוואַלד און עגאָיזם? צי איז דאָס פּאַסיווע גיין צו קרעמאַטאָריעס קדושה און דאָס בלוטיקע קלעטערן אויפן גולן טומאה? צי האָבן מיר אין גלות געשאַפן גרויסע קולטור־ און רעליגיעזע ווערטן צוליב אונדזער מאַכטלאָזיקייט אָדער טראָץ איר, שאַפנדיק סוראָגאַטן פאַר כוח־קאָמפּענסאַציעס פון גדלות און העכערקייט פאַר טאָג־טעגלעכע שיפלות און בזיונות? פון דער צווייטער זייט צי דאַרף נישט אַ סוווערען לאַנד זיין „פּראָווינציעל" און אין סתירה צו הימל און האָריזאָנטן. ווען זינגט אַ פויגל? ווען ער שוועבט אין די הימלען אָדער ווען ער שפּאַרט זיך אָן אין אַ פּאַרקן, ווייל אויך ער דאַרף האָבן אַן אחיזה?

אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער עצם באַגריף „מאַכט" אין אונדזער פאַל פאַרלאַנגט מער קלאָרקייט און פּרעציזקייט. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ מאַכט זענען מיר, קוים צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן אַרומ־גערינגלט דורך צענדליקער מיליאָנען אַראַבער, אַ לאַנד וואָס שוין מיט די נייע טעריטאָריעס איז עס ווי אַן „אַרבעס די גרייס", איינס פון די קלענסטע אין דער וועלט אין מיטן פון ריזיקע שטחים. און צווייטנס, ווען האָבן מיר מיסגעברויכט מיט דעם ביסעלע כוח פאַר וועלכן מיר האָבן באַצאָלט מיט שווייס און בלוט אין בוכשטעבלעכסטן זין פון וואָרט? ווי דען אַנדערש האָבן מיר זיך געקענט ראַטעווען דעם גוף און די נשמה אָן דער אָנווענדונג פון כוח? מיט אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור? מיט פאַרשעמען דעם קאָזאַק דורך אויפקלערונג? מיט בודיסטישן פאַרברענען זיך, אָדער מיטן פאַרלאָזן זיך אויף הבטחות? צי עס געפעלט יאָ אָדער נישט, נישט פון איבערפלוס פון כוח ליידן מיר נאָר פון מאַנגל. אונדזער תקופה געפינט זיך נאָך אַלץ אין צייכן פון מאַסיווער צונויפזאַמלונג פון כוחות און ענערגיע: מער מענטשן, מער אינוועסטיציעס, מער וואָפן. מיר לעבן נאָך אַלץ אין דער קאָפּשווינדלערישער שפּאַנונג פון אַריינקוקן אין תהום. ווי זאָגט דער פרומער ייד: מען דאַרף נאָך אַלץ האָבן סיעתא דשמיא.

און צוריק גערעדט: ווו איז די פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש און אַ ביסל מענטשלעך איינזען פון די קריטישע פּערספּעקציאָניסטן? צי איז עס נישט נאַטירלעך, אַז אַ דורשטיקער זאָל צופאַלן צום מים חיים און

פילן אין אים אַלע טעמים? קען מען נישט באַגרייפן, אַז אַ גערודפט פאָלק, שוצייִדן פון הויפן און שוצלאָזע פון פּאָגראָמען זאָלן זיך פאַרכלינען מיט דעם ביסל מלכות און אפילו „איבערטרייבן“? אויב מען דאַרף זיך פון עפּעס חידושן, איז ווי אַזוי דער קאָפּ האָט זיך אונדז נישט פאַרדרייט פון דער ניסימדיקער אַנטפּלעקונג און מיר האָבן נאָך ווי עס איז אָנגעהאַלטן ניכטערקייט און פּראַקטישן גלייכגעוויכט.

ב.

פאַר וואָס זענען די אַראַבער דער צערטלעכער און איידעלער בן־זקונים פון אַלע ריטערס און וועלט־באַזאָרגערס? ווי אַזוי איז אַן אַגרעסאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרבן? די נאַסערישע מיליטערישע דיקטאַטור איז אַ סימבאָל פון אייגנאַרטיקן סאָציאַליזם, די קנעכטיש אָפּהענגיקע פון סאָוויעט־רוסלאַנד — אַ מוסטער פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט; די באַהערשערס פון ריזיקע שטחים און כמעט אומבאַגרענעצטע אוצרות פון דער נאַטור — בידנע קבצנים. די וואָס זאָגן אונדז אָפּ דעם לעבן און פּראָקלאַמירן נאָך היינט, אַז מלחמה איז אומפאַרמיידלעך, זענען מעסיקע שלום־זוכערס, און טעראָר־אַקטן דאָס איז פּאַטריאָטישער ווידערשטאַנד אאַ"וו.

מען קען און מען דאַרף פאַרלאַנגען פון אינטעלעקטואַלן אַ ביסל דמיון און אַ ביסל היפּאָטעטיש דענקען. וואָס וואָלט געווען ווען עס וואָלט געשען פאַרקערט, ווען זייערע דראָונגען וואָלטן מקוים געוואָרן, ווען דער תהום פאַר וועלכן מיר זענען געשטאַנען וואָלט זיך אויפגעעפנט און אונדז איינגעשלונגען?

ווי אונדזער מערכה וואָלט אויסגעזען, קען מען עפּעס לערנען פון דער איצטיקער טשעכישער טראַגעדיע. די „אונאָ“ רעדט, „מען פּראָטעסטירט“, מען באַדויערט, אָבער מיט דעם ענדיקט זיך עס. אויב עס איז דאָ עפּעס אַ האָפענונג איז עס צוליבן טשעכישן ווידערשטאַנד. און דער נמשל איז ווייט נישט קיין פולער, מחמת קיינער וויל דאָך די טשעכן נישט פאַרטיליקן, „אַריינוואַרפן אין ים“, אָפּמעקן פון דער ערד, ליקווידירן ווי אַ טעריטאָריאַלע איינהייט — ווי דאָס וואָלט געווען אונדזער גורל אין פאַל פון חלילה אַ מפּלה פון 1967.

איז דען אַ וווּנדער, אַז מען קען זיך נישט פאַרלאָזן אויפן יושר פון דער אָרגאַניזירטער וועלט און עס איז בעסער פאַראורטיילט צו ווערן לעבעדיקערהייט איידער געלויבט צו ווערן אַלס בר־מינגס?

און נאָך מער: צי איז דען דאָ אין דער גאַנצער געשיכטע איין פאַל ווו דער זיגער האָט נישט געוואָלט אויסנוצן די פרוכטן פון דעם טייער באַצאָלטן נצחון, אָדער לכל הפחות זיך פאַרזיכערן קעגן אַן איבערחזרונג פון סכנות וועלכע ער האָט אויסגעמיטן דורך אוממענטשלעכע קרבנות?

אָט לאָמיר זיך פאַרטראַכטן אויף אַ מינוט: ווי וואָלטן די גרויסמאַכטן (וואָס האָבן ביז היינטיקן טאָג נישט קיין חשק צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד) געהאַנדלט, ווען דאָס באַזיגטע דייטשלאַנד וואָלט געשאָסן אויף עלזאַס־לאָטערינגען אָדער סאַאַר, באָמבאַרדירט שלעזיע און געזייט מינען און טעראָר אויף די וועגן? וואָס וואָלט געוועזן ווען עקס־נאַציס וואָלטן געשאַפן אַל־פאַטאַך־גרופּעס — צי וואָלט מען גערופן די „אונ״אָ, אָדער מען וואָלט דאָס אונטערדריקט מיט אַ שטאַרקער האַנט און אָן רחמנות? אָדער צי לעבן מיר אין אַ וועלט ווו דאָס וואָס איז דערלויבט די גרויסע און אַלמעכטיקע איז פּסול ביי די קליינע און שוואַכע?

און וואָס שייך די פּאָליטישע עצה־געבערס: אַלע פאָרשלאָגן וואָס ברענגען אונדז צום צושטאַנד פון אַ מינדערהייט אין אַן אַראַבישער מערהייט־סטרוקטור (און עס איז נישטאָ קיין שום גרונט צו מיינען פאַר וואָס אָט די מערהייט זאָל זיין ליבעראַלער און ברייטהאַרציקער פון דער קריסטלעכער) זענען נישט אָנגעמבאַר. דאָס איז דער אל״ף און ת״ו פון אונדזער פּאָליטיק לגבי די אַראַבער.

דאָס זענען נאָר פּונקטן פון דעבאַטן ווי אויבן געזאָגט. עס איז אַ שווערער דיאַלאָג. דו האָסט צו טאָן מיט מענטשן פון „ווייטן בליק״ וואָס דערזעען נישט דאָס נאָענטע און וויבריירנדיקע. אָדער אפשר איז דאָס אַ קלאַסישער ביישפּיל פון תנכ״ישן זאָג: „עינים להם ולא יראו אזנים להם ולא ישמעו?״

1968

יונגע דורות

א.

מיר געדענקען נאָך אַלע דעם טיפן איינדרוק וואָס ס'האָט געמאַכט „שיח לוחמים" — אַ זאַמלונג פון שמועסן און וויכוחים פון אונדזער קיבוצישער יוגנט גלייך נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה. ס'איז דורך אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי דער טיפסטער, אויפריכטיקסטער און אויטענטישסטער אויסדרוק פון דעם איידלסטן טייל פון דער ישראל־יוגנט אין טעג פון נצחון, אַ בוך פון הויכן מאָראַלישן קלימאַט און פון ערלעכסטן חשבון הנפש.

אינצווישן איז דערשינען אַ נייע זאַמלונג פון שמועסן. דאָסמאָל 2 יאָר נאָך דער מלחמה. און ווידער אַ מאָל איז דאָס אַ געטריע אָפּשפּיגלונג פונעם נשמה־צושטאַנד פון דער יוגנט. מיר האָבן דאָ אַרויסגענומען בלויז דעם וויכטיקסטן קאַפּיטל: „מהו החוט המקשר"? (וואָס איז דער פאַרבינדנדיקער פאָדים?) וואָס האָט צו טאָן מיט באַציונג צום יידישן פאָלק, צו טראַדיציע, צום טיפערן זין פונעם קיבוצישן קיום און צו דער פיינלעכער פרשה פון די באַציונגען פון יידישן מענטשן מיטן אַראַבישן שכן.

מיר ברענגען דאָ די נעמען פון די אָנטיילנעמערס, נישט צוליב זייער פּערזענלעכער חשיבות, נאָר כדי צו מאַכן דעם סיפור המעשה צוגענגלעכער פאַרן לייענער. און אָטאָ זענען זיי: אברהם ש., אבישי, אלי, אורי ל., שרה, אדם, יעל, גדעון, חגי, עמרם, רן און אבשלום.

עס איז דאָ, קודם כל, די מענטשלעכע אַנטוישונג פון אַ מלחמה פון וועלכער מען זעט נישט קיין סוף.

אלי פרעגט: „פון דער מלחמה פרעג איך מיר: פאַר וואָס מוזן יונגע שטאַרבן? צי וואָלסטו נישט גרייט געווען אָפּצוגעבן דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן

קיום פאַרן פרייז פון די יונגע פאַרשניטענע לעבנס? איז נישט מעגלעך, אַז דער ייד זאָל זיך אַסימילירן און פאַרשווונדן ווערן אין איינעם פון די ווינקלען פון דער וועלט? איך בין געבוירן געוואָרן אַן אַן אַנשפּאַר אין יידישער קולטור אין אַ סביבה וווּ אַלע האָבן מיך פיינט. פאַר וואָס? וואָס בין איך שולדיק? ווי דערציט מען מענטשן אין שאָטן פון טויט? צוליב וואָס קעמפן? צוליב וואָס פאַרטיידיקן אידעעז, וואָס היינט זענען זיי אַזוי און מאָרגן אַנדערש? וועגן אַ באַזונדערקייט וואָס גיט צו מער קללה ווי ברכה? מיך אינטערעסירט איין פראַגע: דער ציוניזם, ווי מיר האָבן זיך פאַרפלאָנטערט — ראַטעווען ער, אָדער פאַרניכטעט ער מענטשן?"

די יונגע לעבן דורך די אַנטוישונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין קאָמוניזם ווייטיקלעך און פערזענלעך (דער שמועס קומט פאָר אין מפ"מישן קיבוץ „עין־שמר").

אָט זאָגט גיורא: „מיט אייניקע יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט אַן אידעאָלאָגישן גלויבן — היינט האָבן מיר נישט קיין שום וועלט־אַנשויונג, אַ גרויסע ליניע, אַ קלאָרן ציל צו וואָס איך דערצי מיינע קינדער. מיין סאָציאַליזם איז געווען סאָוויעט־רוסלאַנד. היינט האָט זיך דאָס אַלץ אַ טרייסל געטאָן. און יידישקייט? זי איז אַ ריין ביאָלאָגישע."

דאָס עמפּינדלעך אידעאַליסטישע האַרץ פון די זיגערס, די „פרייסן פונעם נאָענטן מזרח" און די ריקזיכטלאָזע „דעראָבערערס" פאַרטראָגן נישט, יידישלעך, קיין עוולות.

אָט זאָגט אבישי: „כּדי אונדזער גערעכטיקייט זאָל זיגן, דאַרפן די אַראַבער געניזוקט ווערן".

יעלן פייניקט די פראַגע: „פאַר וואָס אַ מענטש דאַרף אומוואַרפן זיין גערעכטיקייט און די לעזונג קומט דורך כּוח. ס'איז אַ קאָנפליקט פון צוויי גערעכטיקייטן און די וואָגשאָל איז — ווער ס'האָט מער כּוח".

רק קען זיך נישט באַפרייען פון דער פליטים־פראַגע. ווי אַזוי געפינט מען דעם וועג צו דער אַראַבישער יוגנט?

עמרם גייט נאָך ווייטער: „שטענדיק טרייבן מיר אַרויס עמעצן. אַפילו, ווען מיר האָבן זיך באַפרייט פון מצרים האָבן מיר אויסגעוואָרצלט די אַרומיקע פעלקער".

אָט זענען פאַר אייך נשמה־בלאָנדזשענישן פון אַ טיף צערודערטער

יוגנט, וואָס טוט באַגייסטערט איר חוב און הערט דערביי נישט אויף צו טראַכטן. מיר, פּערזענלעך, איז נעענטער אָט די גאַנצקייט פון אַ צעבראָכן יידיש האַרץ, ווי דער הורא־פּאַטריאָטיזם פון דיסציפּלינירטע ראָבאָטן.

טאָ אין וואָס זשע זוכט די יוגנט אַן אָנהאַלט, אַ באַזע, די גרויסע פּאַרענטפערונג פאַר אירע אומרוען? און דאָ קומט אפשר דער אינטערע־סאַנטסטער טייל פונעם שמועס, וואָס איז די הויפּט־אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך די באַציונג צום יידישן פאָלק אין דער וועלט, צו יידישקייט, צו רעליגיע און צו טראַדיציע. עס ווערן גערעדט פשוטע און קלאָרע דיבורים. ס'איז ווייט נישט קיין רעזומע, דערוויל זענען דאָס זאָגעכצן. אָבער עס ווייזט אַן ווי עס בלאָזן די ווינטן אין יוגנטלאַנד.

אָט דערקלערט אברהם א.: „מיר האָבן אַוועקגעוואָרפן אַ סך טייערע זאַכן ווייל מיר האָבן געוואָלט זיין אַנדערע”.

אבישי דערקלערט: „מיר האָבן פּרובירט שאַפן אַן אָריגינעלע קולטור, וואָס איז געבויט אויף אַ גלויבן. מיר קענען דעם עקספּערימענט באַצייכענען אַלס דורכפאַל. נישטאָ קיין אַנדער וועג, ווי אומקער צו טראַדיציע. די באַזע אויף וועלכער מיר שטייען איז אַ וועג צו יידישקייט, צום יידישן פאָלק”.

יעל טראַכט אויך. זי גלויבט נישט, אַז נאָך דער ראַציאָנעלער דערציונג קען מען זיך אומקערן צו רעליגיע. אָבער זי פילט באַשיימפערלעך, אַז ס'פעלט איר טיפקייט פון ריטואַל פאַרן וואָכעדיקן לעבן.

חגי מיינט, אַז די לערערס און די עלטערן זענען דורכגעפאַלן, ווייל זיי האָבן נישט געשאַפן קיין טראַדיציאָנעלע פאָרמען פאַר יידישקייט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אין אונדז איינפלאַנצן. אפשר איז אַרכעאָלאָגיע דער ענטפער. דורך איר קומט מען צום אויספיר, אַז דאָס זענען מיר, אַז דאָס זענען אונדזערע וואָרצלען, אַז דאָ איז געבוירן געוואָרן די יידישע מדינה מיט 3 טויזנט יאָר צוריק.

חגי פאַרקלערט זיך איבער דער מיסטעריע פון אייביקן יידישן קיום, וואָס מען קען נישט דערקלערן מאַרקסיסטיש.

„ס'פעלן אונדז עלעמענטן פון יידישקייט. מען האָט פון אונדז אָפּגע־שניטן איינעם פון די טיפסטע עלעמענטן. מאַרקסיזם קען זיך גאָרנישט פאַרגלייכן מיט דער ברייטקייט און טיפקייט פון יידישער עטיק. ס'ווילט

זיך אומקערן צו דער יידישקייט פון די נביאים, אַ יידישקייט און אָן ריטואַלן".

רן פרעגט: „פאַראַן אַזעלכע וווּנדערבאַרע זאַכן אין דער תורה, אַנט־ציקנדיקע יום טובים, פּרעכטיקע זאַכן אין דער טראַדיציע. פאַר וואָס נישט צינדן ליכט אין יעדן הויז ערב שבת? פאַר וואָס נישט זיצן אין סוכּה קאָלעקטיוו אָדער אינדיווידועל? דער אומקער צו די מקורות וועט העלפן פאַרטיפן די געשיכטלעכע עמפּינדונג".

ער ברענגט פאַר אַ ביישפּיל דאָס קאַפּיטל תהילים פּ"ג. „ס'איז דאָס זעלבע לאַנד און די זעלבע שונאים. די זעלבע אייביקייט פון פאָלק אינעם געראַנגל פאַרן לעבן און אידענטיפיקאַציע. נצח נישט פון קאָנפליקט — נאָר פון קיום".

אַזוי פליסט דער שמועס אין דער כאַראַקטעריסטישער סאַברישער, נישט דערהויבלטער שפּראַך. ס'איז נישט גענוג אַ קיום, מען דאַרף אַ מיין און אַ תכלית. אָבער קודם כל — לב. ווען עס איז דאָ עקזיסטענץ דאַרף מען פּרובירן דערגרייכן דעם מהות פון אונדזער פאָלק און מדינה.

ווי געזאָגט אויבן, האָבן מיר געבראַכט נאָר איין קאַפּיטל פון אַ גרויסן און אינטערעסאַנטן דאָקומענט. מיר ווילן דערמיט נישט זאָגן, אַז דאָס איז דער געדאַנקענגאַנג פון דער יוגנט בכלל און פון דער קיבוצישער מחנה בפרט. אָבער ס'איז כאַראַקטעריסטיש און באַלערנד. ווייזט אויס, אַז פאָטער־לאַנד, אייגענע הימלען און נאַטירלעכע יידישקייט, איז נישט גענוג. גליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס אַפילו אַ טייל פונעם קעמפנדיקן אַוואַנגאַרד פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכער בטלנות און דערגייט מיט זיינע כוחות צו די וועגן פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. ס'איז אַ גאַנג צו זיך אַליין.

ב.

און פון ישראל צו אַן אַנדער קאָנטינענט און אַן אַנדערער יידישער יוגנט.

אין „פּאַרטשין" 1969, פאַרעפנטלעכט נתן גלאַזער אַן אַרטיקל וועגן יידישן אָנטייל אין דעם סטודענטן־אַקטיוויזם אין אַמעריקע.

מען שאַצט אָפּ, אַז ס'זענען דאָ אַרום 325 טויזנט יידישע סטודענטן.

דער פּראָצענט צווישן זיי אַקטיווע אין דעם „נייעם לינקס" — איז אַ קנאַפּער : 3 אָדער 4. די מאָס בייט זיך אָבער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז צווישן די 6 מיליאָן זיבן הונדערט טויזנט סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשן פאַררעכענען זיך אפשר 30 טויזנט צו די רעוואָלוציאָנערע און ראַדיקאַלע באַוועגונגען. אין אַט דעם קליינעם הייפל שפּילן יידן אַ גאָר אָנגעזעענע ראָל, ווייט, ווייט איבער זייער צאָל און פּראָפּאָרץ אין דער סטודענטנשאַפט.

צווישן די סטודענטן, וואָס האָבן פּראָטעסטירט אין טשיקאַגאָ קעגן דעם סיסטעם פון צוגאָב לער־עקזאַמענס, זענען 45% געווען יידן. קענט קניקסטאָן פון דער „יעיל" (YALE) אוניווערסיטעט האָט דורכגעפירט אַ מוסטער־אַנקעטע צווישן ראַדיקאַלע סטודענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „זומער־קאָמפּאַניע" אַרום וויעטנאַם. צווישן 14 אָנגעפרעגטע זענען 5 געווען יידן.

אָבער וואָס הייסט אַזוינס יידן? דער פּשוטער ענטפער איז, אַז די יונגע קומען פון פאַמיליעס, וואָס אידענטיפיצירן זיך אַלס יידיש־רעליגיעז אָדער עטניש. די סטודענטן נעמען אָן דעם דאָזיקן פאַקט, אָבער ער מיינט פאַר זיי גאָרנישט, ער האָט גאָרנישט קיין שייכות מיט זייער פּאָליטישער אַקטיוויטעט.

דער מחבר פאַרטיפט זיך אין די סיבות פון אַט דער ראַדיקאַליזאַציע פון דער יוגנט. ער געפינט זיי אין דער אימיגראַנטן־געשיכטע פון זייערע עלטערן, אָדער זיידעס אין דעם טראַדיציאָנעל־יידישן אָנטיילנעמען אין סאָציאַליסטישע, ראַדיקאַלע און ליבעראַלע באַוועגונגען אין די 30קער און 40קער יאָרן. ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז גאָרנישט אַזאַ טיפער קאָנפליקט צווישן דורות. די סטודענטן רעדן מיט דרך ארץ וועגן זייערע עלטערן. זיי האָבן נאָר צו זיי טענות, פאַר וואָס זיי האָבן נישט גענוג פאַרווירקלעכט די אידעאַלן, וואָס זיי האָבן איבערגעגעבן זייערע קינדער.

ווייטער רעדט גלאַזער וועגן אַנדערע השפּעות : די אינטעלעקטועלע אַטמאָספער אין די היימען, דאָס לערנען זיך אין די ראַפינירטסטע פּרעסטיזשפולע אוניווערסיטעטן, די נייגונג פאַר פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע, וואָס זענען מער פאַרבונדן מיט אַ ליבעראַלער וועלט־אַנשויונג א.אַז.וו., א.אַז.וו.

וויכטיק איז אָבער, וואָס עס שפּילט בשום אופן נישט קיין ראָל קיין יידישער חינוך. דער גרעסטער טייל פון די ראַדיקאַלע סטודענטן האָבן געלערנט כזית־יידישקייט אין די זונטיק־אָדער נאָכמיטאָג־שולן, אויך נישט רעליגיע. צווישן די מתפללים אין „בית הלל" איז זייער צאָל אַ נישטיקע. אויך די דערפאַרונגען פון אונדזער פאָלק אין נאָענטסטן עבר רירן זיי נישט אָן. ווען זיי רעדן וועגן גענאָסיד, האָבן זיי נישט אין זינען אונדזערע 6 מיליאָן, נאָר דעם מאָרד פון וויעטנאַמישע בירגער, אַטענטאַטן אויף נעגערישע פירערס און די ספּאָראַדישע טויטפאַלן דורך פּאָליציי־אַקציעס.

ווען זיי דענקען וועגן אויסראָטונג פון אַ פאָלק, מיידן זיי אויס צוויי קלאַסישע ביישפּילן: די גרויסע געפאַר פון פאַרניכטונג פון מדינת ישראל אין יאָר 1967 און די מאַסן־אויסהונגערונג און אויסמאָרדונג אין ביאַפראַ. דאָס ווייזט, אַז דער אידעאַליזם זייערער איז היפּשלעך פּאָליטיש און דאָקטרינאַריש קאָנטראָלירט און ער איז זייער רעלאַטיוו.

אַ טרויעריקער סך הכל: מיטלייד מיט אַנדערע און גלייכגילטיקייט צום אייגענעם יידישן פאָלק. פון אינדיפערענטקייט ביז אָפענער קעגנער־שאַפט צו ישראל איז דער וועג נישט אַזאַ ווייטער.

ג.

צום גליק איז דאָס נישט די גאַנצע יידישע יוגנט. אין דעם וועלט־באַרימטן „ניוזוויק" (וואָס האָט אַ צירקולאַציע פון מיליאָנען) געפינען מיר אַ לענגערע העכסט טשעקאַווע און דערמוטיקנדיקע געשיכטע:

אַ 250 סטודענטן האָבן דעמאָנסטרירט און פּיקעטירט דעם צוזאַמענ־פאָר אין באָסטאָן פון דעם ראַט פון די יידישע פעדעראַציעס פונעם וועלפער־פאָנד, וועלכער קאָאָרדינירט די צעטיילונג פון די געזאַמלטע געלטער פון אַרום 223 אַגענטורן און באַשטימט די פּריאָריטעטן פון סובסידיעס און קאַמפּיינען פון הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן.

מען האָט אויך פּראָטעסטירט קעגן דעם עסטאַבלישמענט און פאַר־לאַנגט פאַרשטייערשאַפט אין די פירנדיקע אינסטאַנצן.

אין דעם אַלעמען איז נישטאָ קיין חידוש, ס'איז לויטן געוויינלעכן סטיל און מאָדע. די נייקייט באַשטייט אין דעם ציל פון דער דעמאָנסטראַציע.

די סטודענטן אונטער דער אָנפירונג פון ראַבאַי הלל לעווין פאַרלאַנגען: מער, און נישט ווייניקער יידישקייט! זיי טענהן, אַז צופיל טראָפּ ווערט געלייגט אויף ריינער פילאַנטראָפּיע, שפּיטעלער און קאָמיוניטי־סענטערס און נישט גענוג אויף חינוך פון קינדער און דערוואַקסענע; צופיל שווים־באַסיינען און שפּיל־זאַלן און צו ווייניק שולן און תורה־אַנשטאַלטן. אין שפּיץ פון אונדזערע זאָרגן דאַרף זיין די פאַרשפּרייטונג פון יידישקייט; דער יידישער אינהאַלט פון די אינסטיטוציעס און די התחייבותן פון די פירערס צו לערנען און פאַרשפּרייטן יידישע ווערטן.

די יוגנטלעכע סטודענטן בענקען נאָך דער ליידנשאַפטלעכער פאַר־בונדקייט מיט טראַדיציע און יידישן לעבנס־שטייגער פון זייערע זיידעס. די סטודענטן וואַגן צו אַטאַקירן דעם ריזיקן סיסטעם פון פילאַנטראָפּיע אין אַמעריקע, די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן דעם יידישן פּרצוף און געוואָרן סתם צדקה־אַנשטאַלטן.

די רעפאָרם טאָר אָבער נישט גיין — לויט דער מיינונג פון די יוגנט־לעכע ענטוזיאַסטן — אויפן חשבון פון ישראל אָדער אויף די רעכט פון די סאָוויעטישע יידן.

עפּעס האָבן זיי שוין געפּועלט. דער ראַט האָט צוגעזאָגט צו גרינדן אַ פונדאַציע פאַר יידישער אידענטיטעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 100 מיליאָן דאָלאַר. אָבער לעווין און זיינע חברים באַנוגענען זיך נישט מיט דעם. זיי האָבן אָנגעהויבן צו גרינדן חברות פון „לערנען בציבור, דאַווענען און עקספּערימענטירן". איינע פון זיי, אין סאָמערוויל־מאַסאַטשוסעט, גיט אַרויס דיפּלאָמען פאַר העברעיש־תלמודישער יוריספּרידענץ און סאָציאַלער עטיק. די גראַדואירטע קריגן דעם טיטל „חבר" לויטן אַלטן נוסח.

דער ראַבאַי, זאָגט לעווין, איז געוואָרן אַ מטושטשדיקע פּערזאָן. ער וויל טאָן „אַלץ פאַר אַלעמען". די וויכטיקייט איז נישט קיום, נאָר זעלבסט־אַנטפּלעקונג, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן ווער מיר זענען.

אויסטערליש? יוצא דופנדיק? מעגלעך! אָבער אין זייער דראַנג און התלהבות ליגט מזל און ברכה. ס׳דוכט זיך מיר, אַז איבער אָקעאַנען דריקן זיי חבריש די הענט פון די קבוצניקעס אין די „שמועסן פון עין שמר", ס׳איז דערזעלבער שורש.

1975

געמיט אוןווירקלעכקייט

א.

דער צוועק פון דעם אַרטיקל איז, חלילה, נישט צוצוגעבן צום מבול פון מאַזאָכיזם און זעלבסט־שנאה. זיכער ווילן מיר נישט פאַרשפּרייטן נאָך מער אַלאַרם און איבערגעטריבענעם פּחד, וואָס זענען נישט ווייניקער געפערלעך ווי פאַלשע אילוזיעס. אָבער זאַכן זענען ביי אונדז דערגאַנגען צו אַ מצב, וואָס מ׳קאָן נישט „פאַרגלעטן" און אַפילו ראַציאָנעל דערקלערן.

מיר לעבן איצט דורך איינעם פון די שווערסטע, אויב נישט דעם שווערסטן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד און מיר פילן, אַז אויב מיר וועלן זיך נישט נעמען אין די הענט, זענען מיר עלול זיך צו דערקייקלען צום סאַמע תהום און זיך ממש חרוב מאַכן מיט אייגענע הענט. אַ פאַרגלייך מיט עטלעכע יידישע היסטאָרישע סיטואַציעס — מאַכט דאָס געפיל נאָך גרויליקער און דעם געמיט נאָך טרויעריקער.

וואָס איז מיט אונדז געשען? ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? ווי אַזוי האָבן זיך פּלוצעם אַ טרייסל געטאָן אַזוי פיל יסודות, אויף וועלכע עס שטייט דער גאַנצער בנין? וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַ בליענדיקע, וואַקסנדיקע, זעלבסטזיכערע (און נישט אַראָגאַנטע און חוצפּהדיק פאַרריסענע, ווי עס זאָגן די פאַרלוימדערס), בויענדיקע, שעפערישע, אָפּטימיסטישע, פּאָליטיש סטאַבילע מדינה אין דעם, וואָס מיר זענען איצט: פּעסימיסטיש און אומזיכער, פאַרנומען מיט פאַרפלאָנטערטע ברידער־קאַמפן אין סאַמע מיטן פון ערנסטע אויסערלעכע געפאַרן, אַריינגעטאָן אין אַ פּאָליטישן ווירוואַר און אין אַ פאַרדריסלעכן, אומזיניקן קולטורקאַמף מיט די רעליגיעזע, וואָס מיר האָבן ווי עס איז אויסגעמיטן ביז איצט. במשך פון געציילטע טעג, וואָס האָבן קאָנדענסירט אַן אייביקייט (די טראַגישע מלחמה, וואָפן־

שטילשטאַנד, זשענעווע, כוחות־צעטיילונג, נאָפּט־מלחמה, אויב נישט צוליב אונדז — איז אַרום אונדז) האָט זיך ווי געביטן אונדזער פּערזענלעכקייט און מיר זענען אַריינגעזונקען אין אַ מרה־שחורה, אין דעם באַרימטן „מצב רוח״, וואָס באַדראָט ממש אונדזער גייסטיקע גלייכוואָג.

פיזיש און סטרוקטוראַל האָט זיך אייגנטלעך גאָרנישט געביטן. עס שטראָמען צו אונדזערע ברעגעס עולים אין צאָלן און פון אַ קוואַליטעט, וואָס האָבן נישט קיין פּרעצעדענטן אין די לעצטע יאָרן. צה״ל איז נומעריש און טעכנאָלאָגיש שטאַרקער ווי פאַר דער יום כיפור־מלחמה און געפינט זיך אויף אויסגעצייכנטע סטראַטעגישע ליניעס. מיר האָבן ווידער אַ מאָל אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן, כאָטש נישט אַנטשיידנעם, מיליטערישן נצחון. אויך אונדזערע עקאָנאָמישע שוועריקייטן גייען נישט איבער דאָס נאָרמאַלע און געוויינלעכע אין אַזעלכע שווערע מלחמה־צייטן.

פּאָליטיש זענען דאָ געפאַרן, ביטערע געראַנגלען, אָבער אויך גאַנץ ראַציאָנאַלע אויסזיכטן אויף אַ שלום, אָדער אויף אַ פּאָליטישער רעגולירונג, אָדער אַ לענגערער רויִקייט אויף אונדזערע גרענעצן. אויך די אינערלעכע מאַפּע האָט זיך נישט געענדערט ראַדיקאַל און ס'איז נישט פאָרגעקומען קיין „ערדציטערניש״. דער מערך, הגם אַ שווער באַשטראָפטער און פאַר־וווּנדעטער, האָט נאָך אַלץ געקראָגן 650 טויזנט שטימען, 54 מאַנדאַטן און האָט די קאָנטראָל איבער דער מעכטיקער הסתדרות. ווער עס פאָרט איבער די וועגן און שטעגן פון לאַנד מערקט נישט קיין ערנסטע פאַרלאַנגזאַמערונג פון אונדזער אינדוסטריעלער און אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג.

נישט נאָר איז די סאָלידאַריטעט און די אידענטיפיצירונג מיט ישראל מצד דעם וועלט־יידנטום נישט שוואַכער געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זיי זענען שטאַרקער און טיפער געוואָרן. מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געקראָגן אַזאַ פאַנטאַסטישע מאַטעריעלע הילף, אַזאַ מאַסיווע לאָיאַליטעט און טריישאַפט.

איז אויב ס'איז אַזוי גוט — פאַר וואָס איז אַזוי שלעכט? פאַר וואָס איז דאָ אַזאַ קאָנטראַסט צווישן דעם פיזיש־מאַטעריעלן און פסיכיש־גייסטיקן? פאַר וואָס זענען מיר נשמהדיק אַזוי צעטרייסלט?

ב.

לויט אונדזער מיינונג זענען אָנגעגריפן געוואָרן די וואָרצלען פון אונדזער קיום און וואַקסן. עס זענען שווער געטראָפן געוואָרן די יעניקע יסודות און ווערטן, מיט וועלכע עס שטייט און פאַלט ישראל.

אונדזער קריזיס איז אַ פירפאַכיקער: א. די אָפּשוואַכונג פון דער אויטאָריטעט פון צה״ל; ב. דאָס אָנווערן אין אַ גרויסער מאָס דעם גלויבן און צוטרוי צו דער פירערשאַפט; ג. די פּאָליטישע צעברעקלונג און שלימזלדיקייט, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומפעיקייט פון זיך רעגירן און דאָס פאַרלירן דעם חוש און דעם דעליקאַטן באַלאַנס פון פּריאָריטעטן; ד. די שנאה צו זיך אַליין.

מיר באַנוצן דאָס וואָרט קריזיס מיט אַ כּיוון, ווייל מיר גלויבן באמונה שלמה, אַז אַזוי ווי אין דער מעדיצין, איז אויך דאָ דער קריזיס אָפּט מאָל אַן איבערברוך, אַ סימן פון גובר זיין די מחלה, אַן אָנפאַנג פון צוריקקערן זיך צום נאָרמאַלן און אַז מיר קענען זיך צוריק אָפּגעפינען. ס׳איז דאָך קלאָר, אַז די איצטיקע שטימונג איז נישט אויסגעבראָכן פּלוצלינג, נאָר אַז זי איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגזאַמער עראָזיע און ס׳איז נייטיק געווען דער אומגליקלעכער צוזאַמענטרעף פון קריג, דער נישט קאָנקלוזיווער רעזולטאַט פון וואַלן, די רעליגיעזע סומאַטאָכע, דער שאַרפער סעקטעס־ און פערזאָנען־קריזיס אין באַוועגונגען בכלל און אין דער אַרבעטער־מחנה בפרט, כּדי דאָס אַלץ זאָל קומען אויף דער אויבערפלאַך, זאָל אויפטרייסלען און שאָקירן און האָפנטלעך אויך אויסהיילן.

ג.

וואָס קאָן נאָך זיין באַליבטער, אומאָפּפרעגבאַרער און אָנערקענטער ווי צה״ל? דאָס איז דער נאַציאָנאַלער ווערט נומער 1. נישט נאָר צוליב זיין מיליטערישער גערעַטנקייט, וואָס האָט אים געגעבן די רענאָמע פון איינער פון די בעסטע אַרמייען אין דער וועלט און פון אומבאַזיגבאַרקייט. נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז דער קאָנקרעטסטער און אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון סוווערעניטעט; די אַנטיטעזע פון יידישער אומבאַהאָלפנקייט

אין גלות. אַפילו נישט נאָר ווייל ער איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך דעם בלוט פון זיינע גבורים, ווען מיר פאַרדאַנקען אונדזער לעבן. מיר האָבן און זען אין אים דאָס יונגע פאָלק.

דאָס בעסטע און איידלסטע פון דער ישראל־געבוירענער גענעראַציע, אַ געוואַלטיקער דערציונגס־פאַקטאָר און דער וויכטיקסטער אינסטרומענט אין קבוץ גלויות.

מיר זענען אויך געווען שטאָלץ, אַז אונדזער אַרמיי שטייט איבער, אָדער געניער געזאָגט, אויסער דעם פּאָליטישן לעבן, אַז זי איז ווייט פון מיליטאַריזם און איז וועזנטלעך נישט אַנדערש ווי די חלוצים־מחנה, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן.

די ליבע צו צה״ל האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף די יונגע גענעראַלן און קאָלאָנעלן. מיר האָבן אין זיי געזען די גרעסטע, די געוואַגטסטע און די פעיקסטע. אַפילו אונדזער אַוואַנגאַרד־פּרעסע האָט נישט געוואַגט זיך נוהג צו זיין בנוגע צו צה״ל אַזוי ווי די פייגל־פרייע זשורנאַליסטן האָבן דאָס געטאָן בנוגע דעם קבוץ, וואָס אַ סך פון זיי זענען נישט ווערט צו שטיין אין זיינע דלת אמות.

און פּלוצעם האָט זיך אַלץ איבערגעדרייט.

ס׳פאַרשפּרייטן זיך און פאַרמערן זיך געשיכטעס און רכילות וועגן „פאַרדאָרבנקייט, פּאָליטיזאַציע, פאַוואָריטיזם״. יעדן טאָג צעלייגט מען אויף טעלערלעך ווערטער־געפעכטן צווישן גענעראַלן. דער „כל הכבוד פאַר צה״ל״ און די ממש, נוסח פויפּסט, אוממעגלעכקייט, אַז צה״ל זאָל זיך טועה זיין, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הפקרדיקער קריטיק. באַלד וועט שוין זיין אַ גענעראַל פסול פאַרן בירגערלעכן פּאָליטישן לעבן אין ישראל. ווער עס גרייפט אָן צה״ל, צעטרייסלט די מויער פון אונדזער כוח אין דער וועלט; נישט נאָר די גאַראַנטיע פאַר אונדזער זיכערקייט, נאָר אונדזער נאַציאָנאַל־מאָראַלישן אָנשפּאַר בכלל.

ד.

ווער עס רעדט וועגן דעם פּאָליטישן (און אין אַ גרויסער מאָס געזעלשאַפטלעכן און אַפילו עקאָנאָמישן) קריזיס, האָט אין זינען דעם סיסטעם,

וואָס איז כמעט אויסשליסלעך באַזירט אויף פּאַרטייען. דאָס דריקט זיך אויס דרייפּאַכיק: א. אידעיש; ב. אָרגאַניזאַטאָריש און וואָס איז צום געפּערלעכסטן; ג. אין די צווישן־באַציונגען צווישן דער פירערשאַפט און די מיטגלידער. דאָס אָנווערן פונעם צוטרוי פון די חברים פון דער שורה צו די פירערס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער אויטאָריטעט און באַגלויבלעכקייט און דאָס פעלן פון אַ צענטראַלער, מאָראַלישער אויטאָריטעט.

אידעיש ווערן די פּאַרטייען אַלץ ווייניקער באַוועגונגען און אַלץ מער און מער לויזע ראַמען, אינסטרומענטן פאַר מאַכט־פּאָזיציעס און וואַל־מאַשינען. די דעמאַרקאַציע־ליניע, למשל, צווישן ליכּוד און מערך ווערט אַלץ מער און מער פאַרטושט. מען פאַרשווייגט אַלץ מער די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אונטערשיידן און דער ווילער הייבט אָן צו פילן, אַז ער „פּאַראַט נישט" קיין פּרינציפּן, מיינונגען און אפילו אינטערעסן, ווען ער גייט אַריבער פון איין פּאַרטיי צו אַ צווייטער. פאַר אַ סך פון זיי הייבט אָן די באַרימטע „העגעמאָניע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג" קלינגען ווי אַ פּוסטע פאָרמולע. אין דעם מאָמענט איז נישט וויכטיק וואָס ס'זענען די סיבות פאַר אָט דעם פעלן פון קלאָרע אונטערשיידן (די סאָציאַל־עקאָנאָמישע זענען גראָד נישט די עיקרדיקסטע). מ'זאָגט, אַז דאָס איז איצט אָן אַלגעמיינע וועלט־דערשיינונג. אָבער די צרת רבים איז זיכער נישט קיין האַלבע נחמה פאַר אַ יונגער מדינה וואָס איז אין גאַנצן אַ פּראָדוקט פון אַן אידעאָלאָגיע, פון גרעאַנגל און אויך פון קעגנזייטיקער אידעען־באַפרוכפערונג.

דער ווילער געווינט זיך צו צום געדאַנק, אַז אייגנטלעך איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה, צי דער ליכּוד, צי דער מערך שטייט ביי דער מאַכט. ער הייבט זיך אָן צו דעם באַציען פּראַגמאַטיש, אַפילו לייכטזיניק, לויט דער שטימונג פון מאָמענט און פּאַסירונג פון דער שעה.

צו דעם זענען גורם די פּאַרטיי־פירערס אַליין. די אומאויפהערלעכע פראַקציאָנירונג און סעקציע־פאָרמאַציעס פון דער פּאַרטיי, די קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען, די משונהדיקע און סתירותדיקע עפנטלעכע דערקלערונגען, די קנאה־שנאה אין דער באַוועגונג, דאָס פאַראייביקן אָפּשטאַמען און חטיבות מאַכן פון דער פּאַרטיי אַ געקינצלטע ראַם, וועלכע מ'דאַרף אומאויפהערלעך אָפּהיטן פון שפּאַלטונגען, דיסציפּלין־ברוכן א.אַ.וו.

לײדער פעלט איצט די מאָראַלישע אויטאָריטעט פון אַ בן־גוריון, אַ בערל קאַצנעלסאָן, אַ שפּרינצאַק, אַ טאַבענקין, וואָס זאָלן מיט זײער גרויסער פּערזענלעכקײט אָפּשטעלן די צענטראָפוגאַלע טענדענצן און שטימונגען.

מען דאַרף אויך וואָרענען קעגן דעם ווידערווילן קעגן פּאַרטײען בכלל, קעגן דער נײער מאָדע פון גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אַלס פּאָליטיש מיטל קעגן „אומאָפּהענגיקע”, „אַד האָק”־פאַראײניקונגען. אויף אַזאַ זומפּיקער ערד וואַקסן גיפטיקע שוואָמען, שפּראָצט אַרויס דיקטאַטור, וואָס איז דאָס אומגליקלעך קינד פון אַנאַרכיע און צעפּאָרנקײט.

ה.

די באַציונג פון די ישראלים צו זײערע מנהיגים איז שטענדיק געווען אײגנאַרטיק און אָריגינעל: אַ געמיש פון גרויסער אַכטונג מיט נאָענטקײט; גרויס דרך ארץ מיט דוצן זיך; אַ געפיל פון גלײכהײט צוזאַמען מיט צוהערן זיך; רעספּעקט און עווענטועלן אויך אויספאָלגן. מ׳איז טאַקע געווען סקעפּטיש, קריטיש, מ׳האָט שטאַרק אָפּגעהיט די פאָרמעלע גלײכהײט, אָבער גלײכצײטיק זיך באַציגן מיט ליבע און כּבוד. אַזוי איז עס געווען אין די אידילישע אָנהײב־יאָרן, אין דער געראַנגל־תּקופה פאַר דער מדינה. דער אויפטו און די געשטאַלטן, די אידעען און די לערערס, די שיף פון דער מדינה און די קאַפּיטאַנען זענען געווען אײנס און דאָס זעלבע. אַרלאָזאָראָוו, גאָלדע און אַנדערע זענען געווען פאַרקערפּערטע אידעען. און צווישן אַלעמען האָט זיך שטענדיק אויסגעשײלט אַ צענטראַלע פּערזענ־לעכקײט, צו וועמען מען האָט זיך געווענדט אין צײטן פון צעמישונג און צווײפל און וואָס האָט מיט זײן אויסשטראַלונג געווירקט מער, ווי קאָנס־טיטוציאָנעל רבנישע פּסקי דין.

ווו איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן? מען רעדט אויס אויף די מנהיגים וואָס אין דער קאָרט שטײט. מען דעמאָנסטרירט קעגן ערשט נעכטן כאַריזמאַטישע פּערזענלעכקײטן. אָפּט מאָל ווײזט זיך אַרויס, אַז מען רײסט אַראָפּ סאַדיס־טיש יעדן שלײער פון געשיכטלעכער גרויס פון מנהיגים און מען מאַכט זײ מיט דער בלאָטע צוגלײך.

ו.

איז וואָס פּאַראַ חידוש, אַז אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען זענען מיר געפאַלן ביי זיך און באַשיימפּערלעך געוואָרן קלענער. אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקציאַנס־קאָמיטעט זענען מיר געווען עדות פון אַ כאַראַקטע־ריסטישער דערשיינונג. ס'האָבן זיך איבערגעקערט די יוצרות און די גלות־דעלעגאַטן האָבן אונדז „געטרייסט און געשטאַרקט״, אַז עס איז נישט אַזוי געפערלעך, אַז עס איז בעסער ווי מיר מיינען א.אַ.וו. (אַ שאָד, וואָס די גוטע כוונות זענען אָפט מאָל באַגלייט געוואָרן מיט מוסר־זאָגעריי, וואָס איז געווען נישט ווייניקער נאַריש ווי טאַקטלאָז). ווען אַלץ קניפּט זיך צוזאַמען: געטער־דעמערונגען, נאַכט־זיצונגען וועגן סכאָלאַסטישע ענינים, אומאויפהערלעכע וואַכזאַמקייט, איז וואָס איז דער חידוש, אַז די נערוון ווערן צעשרויפט און דער מאָראַל פאַלט? און דאָס איז ערגער ווי פאַרלירן טעריטאָריע, ווי אַ מיליטערישער אומדערפאָלג, ווי נאָך מער דראַקאָנישע סובסידיע־אָפּשפּאָרונגען. ווי זאָגט דער סאַברע: „שלא נדע״.

●

אָבער ס'איז נישט צו שפּעט. מיר זענען איבערצייגט, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ שלימזלדיקע, שלעכטע תקופה. אָבער אַ צייטווייליקע. און דאָס זאָגן מיר נישט, כדי צו ענדיקן דאָס פּעסימיסטישע מגידות מיט אַ זיסן, טרייסטנדיקן „ובא לציון גואל״. מיר האָבן צו פיל געבויט און געשאַפן, כדי דאָס זאָל, חלילה, גיין אין ניוועץ. ס'זענען נאָך דאָ גענוג וויטאַלע, שלימותדיקע און קאָנסטרוקטיווע כוחות אין ישוב און אין דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, כדי אָפּצוהאַלטן דעם מוטנעם שטראָם און כדי ווידער צו געווינען די גבורה פון שעפערישקייט. אַוודאי איז דאָס שווערער, קאָמפּלי־ציטער און פיינלעכער ווי בייצוקומען פיזישע יסורים און מכשולים, אָבער ס'איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה. אין קאָן שטייט אַלץ, שטייען מיר אַלע, אָדער בעסער געזאָגט, אונדזער איינציק ביסל יידיש האָב און גוטס.

1974

פאַר וואָס האָבן זיי אויסגעקליבן אַמעריקע?

פאַר וואָס קלייבן אויס 49% פון די יידישע עמיגראַנטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד מיט ישראל־וויזעס אַנדערע לענדער און באַזונדערס אַמעריקע? ווער זענען די „נושרים" און פון וועלכער געגנט פון רוסלאַנד קומען זיי? וואָס איז זייער דעמאָגראַפישער צוזאַמענשטעל, בילדונגס־ניוואָ און באַשעפטיקונג אין דער פריערדיקער היים? וואָס דענקען זיי וועגן ישראל און פאַרוואָס האָבן זיי געגעבן פאָרצוג אַמעריקע?

דאָס זענען וועזנלעכע פראַגעס, וואָס אָן אַן ענטפער אויף זיי איז שווער צו פאַרשטיין די ממש טראַגישע אַנטוויקלונג, וואָס שטעלט אונטער אַ פרעגצייכן אונדזער נאַציאָנאַלן גערעכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד און האָט שוין באַוויזן צו צעטיילן לײַדנשאַפטלעך די עפנטלעכע מיינונג און שאַפן אַ ריס צווישן די אַמעריקאַנער גרויסע יידישע אינסטיטוציעס און דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין ליכט פון דעם אַלעמען האָט אַ באַזונדער ווערט די אַרבעט פון פראָפ׳ דב גיטעלסאָן (סאָוויעט דזשואיש אַפערס, באַנד 7, נומ. 1). די אָפּהאַנדלונג איז באַזירט אויף פּערזענלעכע און טעלעפאָנישע געשפּרעכן מיט 132 יידיש־סאָוויעטישע אימיגראַנטן אין דעטראָיט, העכער אַ העלפט פון זייער אַלגעמיינער צאָל. דער פאָרש־פּראָיעקט איז אונטערגענומען געוואָרן דורך דעם צענטער פאַר רוסישע און מזרח־אייראָפּעישע לימודים פון מיטשיגען־אוניווערסיטעט.

מ׳קאָן אָננעמען, אַז די דעטראָיטער יידיש־סאָוויעטישע אימיגראַציע איז טיפּיש און רעפּרעזענטאַטיוו פאַר אַנדערע צענטערס פון אַמעריקע און אַז די אַנקעטע קאָן לכל הפחות דינען אַלס וועגווייזער פאַר ווייטערדיקע פאָרשונגען.

ראשית כל עטלעכע דעמאָגראַפישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטן:

דאָס ערשטע, וואָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן איז דער רעלאַטיוו

יונגער עלטער פון די אימיגראַנטן. די גרופּע פון 16—19 מאַכט אויס 25% פון די ניי־אָנגעקומענע. די עלטער־שיכט פון 30—49 אויך 25% און פון עלטער פון 60 און העכער — בלויז איין פּראָצענט. דאָס איז אַן אינטע־רעסאַנטע דערשיינונג און לייקנט אָפּ די פאַרזיכערונגען, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד גיט די אַראַבער, אַז מען לאָזט אַרויס בלויז עלטערע מענטשן מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. אויב אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג זענען דאָ מער פרויען ווי מענער, איז דאָס פּונקט פאַרקערט אין דער סאָוויעטיש־יידישער אימיגראַציע. צווישן די יידיש־סאָוויעטישע אימיגראַנטן אין דעטראָיט זענען 53% מענער.

ווען מען רעדט וועגן דער סאָוויעטיש־יידישער עמיגראַציע אונטער־שיידט מען געוויינלעך צווישן די, וואָס קומען פון די 3 גרויסע סלאַווישע רעפּובליקן אונטער דער סאָוויעטישער ממשלה פון 1917 און די „זאַפּאַד־ניקעס”, ד. ה. די טעריטאָריעס, וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צו סאָוויעט־רוסלאַנד נאָך דער מלחמה און די מזרח־געגנטן, אַריינגערעכנט גרוזיע.

די אויספאָרשונג באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז 59.8% פון די אימי־גראַנטן קיין אַמעריקע קומען פון די סלאַווישע סאָוויעטישע רעפּובליקן. דאַקעגן ווייסן מיר שוין פון לאַנג, אַז אין קעגנזאַץ צו אַמעריקע און אַנדערע לענדער (אגב דערגרייכט שוין די צאָל פון סאָוויעטיש־יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע 17,000) קומט די עליה קיין ישראל פון די מערב־פּראָווינצן (49%), פון אַזיע — 37% און בלויז 14% פון גרויס־רוסלאַנד, אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

דער הויכער ניוואָ פון בילדונג פון די סאָוויעטישע יידן איז גוט באַקאַנט. אין דעם פּרט פאַרנעמען זיי דעם ערשטן פּלאַץ אין ראַטנפאַרבאַנד לויט זייער צאָל. פון דעסטוועגן איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן גרויס־רוסלאַנד, למשל, און מאָלדאַוויע. אין ישראל זענען מיר געוווינט צו רעדן וועגן 40% אַקאַדעמיקער, מיינענדיק דערביי מער ווי מיטלשול־בילדונג. צווישן דער דעטראָיטער אימיגראַציע איז דער ניוואָ פון בילדונג אַביסל נידעריקער ווי דער דורכשניט.

יידישקייט: 90% פון די אימיגראַנטן זענען באַצייכנט אַלס יידן אין זייערע פּאַספּאָרטן. וואָס שייך דער מאָס פון יידישער קענטעניש און באַ־וווסטזיניקייט דאַרף מען געדענקען דאָס פאָלגנדיקע: אין לעצטן צענזוס

אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן 17% יידן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. אין דער דעטראָיטער גרופּע איז דער פּראָצענט אַ ביסל העכער; דאָ חזרט זיך איבער דער אונטערשיד צווישן די אָפּשטאַמיקע פון צענטראַל־רוסלאַנד און די „זאַפּאַדניקעס". אין די באַלטישע פאַר־מלחמה־לענדער, אין מאָלדאַוויע (דעמאָלט אַ טייל פון רומעניע), אין מערב־אוקראַינע (וואָלין, פּאָלעסיע) און אין מערבדיקן ווייסרוסלאַנד (אַמאָל פּוילן) האָבן געבליט יידישע שולן און קולטור, און ס'איז נאָך פאַרבליבן אין די שווערע יאָרן אַביסל יידישקייט. די אורבאַניזאַציע, די טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונג, וואָס האָט געטריבן אין דער גרויסער אַסימילירנדיקער שטאָט האָבן ווייניקער אָנגערירט די שכנותדיקע געביטן, ווי רוסלאַנד גופא. אָבער די מערבדיקע דעריאָגן שנעל; אַ סימן פון דער שקיעה פון יידיש איז דער פאַקט, אַז יידיש־רעדנדיקע זענען צוויי מאָל אַזוי פיל צווישן די עלטערן, ווי צווישן זייערע קינדער, וואָס זענען דער רוב מנין און בנין פון די סאָוויעטיש־יידישע אימיגראַנטן.

אַ העלפט פון די אימיגראַנטן האָבן קיין מאָל נישט באַזוכט קיין שול און נאָר 8.5% זענען מער אָדער ווייניקער רעגולערע מתפללים. אין דער הינזיכט איז אין קעגנזאַץ צו די קריסטן, איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן מענער און פרויען. די לאַגע האָט זיך אויך נישט צו פיל געביטן, ווען זיי זענען געקומען קיין אַמעריקע. נאָר 20% כאַפּן זיך אַריין ווען עס איז אין שול, אָדער טעמפּל און דער פּראָצענט פון שטענדיקע באַזוכערס האָט זיך נאָר לייכט געהעכערט (11%). אין די ימים נוראים און פּסח קומען זיי אין גרעסערע צאָלן אויף דער איינלאַדונג פון זייערע אַמעריקאַנער גאַסטגעבערס און אויס העפלעכקייט.

דאָס באַלאַנגען, אָדער לכל הפּחות באַזוכן אַ שול איז אין פּאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו דער מאָס פון בילדונג. וואָס מער געבילדעט — אַלץ מער גלייכגילטיקייט צו רעליגיעזער יידישקייט.

פאַרוואָס האָבן זיי פאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד? די סאָוויעטיש־יידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעגעבן אַלס ערשטע סיבה:

פאַראייניקונג מיט משפּחות	— 30.3%
אַנטיסעמיטיזם	— 19.7%
פּאָליטישע פאַרפרעמדקייט	— 18.2%

די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון די קינדער	7.6% —
פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע	6.8% —
מאַנגל אין רעליגיעזן און יידישן אויסלעבן זיך	5.3% —
דיסקרימינאַציע פון יידן אין די בילדונגס־אינסטיטוציעס	5.3% —
אָן אַ תשובה	0.8% —

עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן, אַז עקאָנאָמישע סיבות האָבן אַ רעלאַטיוו קליינע ראָל אין דער עמיגראַציע.

פון דער צווייטער זייט, ווידער, איז די עמיגראַציע נישט געקומען מחמת לעכצענישן צו יידישן אינהאַלט.

די נעגאַטיווע פאַקטאָרן (אַנטיסעמיטיזם), קעגנערשאַפט צום רעזשים, זענען געווען אומפאַרגלייכלעך ווירקזאַמער ווי דער פּאָזיטיווער עלעמענט פון דערוואַכונג פון יידישקייט. אפשר דערקלערט עס אין אַ באַגרענעצטער מאָס (און מיר שטרייכן אונטער דאָס וואָרט באַגרענעצט) פאַר וואָס זיי האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע און נישט קיין ישראל. אַלס הויפּט־מאָטיוו, ס׳קאָן זיין צוליב פּאָרזיכטיקייטס־טעמים, ווערט אָנגעגעבן „פאַראייניקונג פון פאַמיליעס". דער משפחה־מאָמענט איז באַזונדערס אָנגעזען ביי די ווייניק געבילדעטע בכלל און מערבדיקע בפרט. דאַקעגן צווישן צענטראַל־רוסישע עלעמענטן דאָמינירט די אידעאָלאָגישע מאָטיוויזאַציע. אינטערע־סאַנט איז, אַז ביי די יינגערע עלעמענטן האָט דער אַנטיסעמיטיזם געווירקט שטאַרקער ווי ביי די עלטערע (39%), אפשר ווייל די לעצטע זענען שוין מער געוווינט צו צרות און אפשר צוליב דער גרעסערער פילבאַרקייט און דעם שטאָלץ ביי יונגע.

און איצט קומען מיר צו דער קריטישער פראַגע: פאַר וואָס האָבן זיי אויסגעקליבן אַמעריקע און נישט ישראל, און ווי איז זייער באַציונג צו דער יידישער מדינה?

דער חשובער פּראָפעסאָר איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז כדי צו פאַרשטיין דעם „נשירה"־פּראָבלעם איז נישט גענוג זיך צו באַקענען מיט דער דעמאָגראַפישער כאַראַקטעריסטיק פון די עמיגראַנטן און זייער יידישן הינטערגרונט. מ׳דאַרף זיך אויך באַקענען מיט זייער צוגאַנג צו ישראל און זייער מיינונג וועגן איר. ווי שטעלן זיי זיך פאַר ישראל נאָכן צוהערן

זיך צום סאָוויעטישן ראַדיאָ און טעלעוויזיע, נאָכן לייענען די פּיינטלעכע פּרעסע, נאָך באַגעגענישן מיט אויסלענדער און געשפּרעכן מיט אַנדערע סאָוויעטישע בירגער, וואָס קענען סיי אַמעריקע און סיי ישראל? (צווישן די אויסגעפרעגטע זענען געווען 19, וואָס האָבן שוין באַוויזן יורד־צו־זיין פון ישראל).

אין אַלגעמיין איז זייער פאָרשטעלונג וועגן ישראל אַ גאַנץ פּאָזיטיווע. זיי האַלטן, אַז ישראל איז אַ קאַפּיטאַליסטיש און נישט סאָציאַליסטיש לאַנד (ביי זיי איז דאָס אַ מעלה), אַז זי איז שלום־זוכנדיק, אַז זי איז אין דער קאַטעגאָריע פון אַנטוויקלטע לענדער, אָן לעוואַנטינישקייט.

דעם גרעסטן חסרון, וואָס די אימיגראַנטן געפינען אין איר איז, אַז זי איז צו רעליגיעז. זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט פון דער אָפיציעלער פּראָפּאַגאַנדע און האָבן זיך געשאַפן די פאָרשטעלונג פון ישראל אַלס אַ טעאָקראַטיע, באַהערשט פון אַנטי־וויסנשאַפטלעכע און אַנטי־מאָדערנע ווערטן. אָט די רעליגיעזע נאַטור פון שטאַט איז איינע פון די סיבות, וואָס ווערן אָנגעגעבן פאַן פּרעפעררירן די פאַראייניקטע שטאַטן איבער ישראל. אין דער הינזיכט איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן די מער קולטורעלע רוסן און די ווייניק געבילדעטע מערבניקעס.

וואָס זענען די ספּעציפישע סיבות פון אויסקלייבן אַמעריקע?

42% האָבן אָנגעגעבן דעם ווילן זיך צו פאַראייניקן מיט די קרובים, וואָס געפינען זיך גראָד אין אַמעריקע; צוויטנס — פּראָפעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע געלעגנהייטן; דריטנס — דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסטיזש פון אַמעריקע; פערטנס — די מורא פאַר מלחמה אין נאָענטן מזרח; פינפטנס — דער ישראל־קלימאַט; זעקסטנס — אַמעריקע איז דעמאָקראַ־טישער פון אַלע לענדער אין דער וועלט, איינשליסנדיק ישראל, און זי איז די אמתע פּאָליטישע אַלטערנאַטיווע לגבי סאָוויעט־רוסלאַנד.

דער עיקר: „כ׳וויל נישט לעבן אונטער באָמבאַרדירונגען” און „כ׳וויל נישט זאָרגן וועגן מיין מאַן”. בכן אַ געמיש פון אידעאָלאָגישע און פּראַק־טישע סיבות. דאָס גילט אויך פאַר די יורדים אין דער גרופּע, וואָס האָבן נישט באַרעכטיקט זייער פאַרלאָזן די מדינה מיט בילבולים און זידלערייען, נאָר גערעדט וועגן איר מיט אַ סך סימפּאַטיע.

☆

איבערגעבנדיק, ווי ווייט מעגלעך, פּרטימדיק, די רעזולטאַטן און אויספירן פון דער דעטראָיט־אַנקעטע, ווילן מיר פון אונדזער זייט מאַכן די ווייטערדיקע באַמערקונגען:

כאָטש די ענטפערס אין דער אַנקעטע זענען געווען אויפריכטיקע, דאַרף מען פון דעסטוועגן נישט פאַרגעסן, אַז זי איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע און אַז די אָנגעפרעגטע האָבן געוואָלט אויף אַ געוויסן אופן געפעלן די אָנפרעגערס. מיר צווייפלען אויך, צי זייער אויסקלייבן אַמעריקע איז געפאַלן, ווייל זי איז שטאַרק, וועלט־אָנפירנדיק און איז אַן איבער־מאַכט ווי רוסלאַנד. מיט אַנדערע ווערטער: טראָץ דעם קליינעם פּראָצענט פון די, וואָס האָבן אָנגעגעבן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג אַלס מאָטיוו פון דער נשירה, האַלטן מיר, אַז דאָס איז געווען גאָר אַ גרויסער פאַקטאָר.

מיר צווייפלען אויך צי דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון ישראל האָט אָפּגעהאַלטן די עולים. אַזעלכע געפּערלעכע אַטעיסטן זענען זיי נישט און זיי ווייסן זייער גוט, אָן אונטערשיד פון איינשטעלונג, אַז רעליגיע איז איינער פון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן פון יידישקייט, וואָס זיי האָבן אַזוי צו זאָגן געזוכט.

מיר צווייפלען אויך, צי דאָס וועלן פאָרן קיין אַמעריקע איז געווען דער ערשטער אימפּולס און דאָס אַרויסגיין פון סאָוויעט־רוסלאַנד צוויט־ראַנגיק און בלויז אַ געלעגנהייט. פון די ענטפערס גופא ווערט קלאָר, אַז דאָס איז פּונקט פאַרקערט.

די ענלעכקייט אין אַלע היגזיכטן צווישן די נושרים און די עולים איז אַ באַשיימפּערלעכע.

איין זאַך איז קלאָר, און דאָס איז, אַז יידישער באַוווסטזיין, די מאָס פון יידישער קינדערשטוב שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געשאַפענער ברירה.

און דאָס וויכטיקסטע: וואָלטן נישט געווען די אַמעריקאַנער און אַנדערע אַלטערנאַטיוועס, וואָלטן אַלע ישראל־וויזעס אויסגענוצט געוואָרן פאַר עליה, טראָץ דער שרעק פאַר „מלחמה״, פאַר טעאָקראַטיע א.א.וו. דער אָפענער וועג קיין אַמעריקע איז געווען די סיבה פון דער פאַרקלע־

נערונג פון דער עליה און נישט עפּעס אַנדערש. דאָס ווייזט זיך אַרויס, צווישן אַנדערן, ווי געזאָגט, דורך דער סימפּאַטישער שטעלונג פון די אימיגראַנטן צו דער מדינה.

און לסוף: אַ שאָד, וואָס מען האָט נישט געפרעגט די אימיגראַנטן די טיפּיש־אַמעריקאַנער פראַגע: „ווי גלייכסטו אַמעריקע?", „ווי האָט מען דיך דאָ אויפגענומען?" און כ׳בין זיכער, אַז מען וואָלט דעמאָלט געהערט (כ׳ווייס עס אויפן יסוד פון אייגענער דערפאַרונג) די זעלבע טענות, וואָס מ׳האָט צו ישראל: „קאַלטע אויפנאַמע", „שוועריקייטן ביים פּראַקטיצירן דעם פאַך" א. א. וו.

כ׳גלייב, אַז דער דאָקומענט איז אַ צוגאָב־באַווייז, אַז דער קאַמף פאַר ווענדן די איבערוועגנדיקע מערהייט אימיגראַנטן קיין ישראל און אומקערן דער גאַנצער באַוועגונג איר פריערדיקן נאַציאָנאַלן גלאַנץ, איז ווייט נישט פאַרלאָרן.

1977

דער עקספּאָנירטער ייד

אין דעם איינפלוסרייכן חודש־זשורנאַל „קאָמענטאַרי״ פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט איז דערשינען אַן אַרבעט פון דעם סאָציאָלאָג און פּראָפעסאָר פון דערציונג און סאָציאַלער סטרוקטור אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט — נתן גלאַזער א. ט. „דער אויסגעשטעלטער אַמעריקאַנער ייד״. לויט אונדזער מיינונג איז דאָס איינע פון די ווערטפולסטע מאָנאָגראַפיעס וועגן דער לאַגע פון אַמעריקאַנער ישוב (זיינע פּראָבלעמען, זאָרגן, אויסזיכטן און געפאַרן), וואָס איז דערשינען אין דער לעצטער צייט. ער איז גענוג דרייסט כדי צו זיין באַנייעריש און אינטעלעקטועל־סטימולירנדיק, גענוג קאָנטראָווערסאַל, כדי צו זיין אינטערעסאַנט, אויסערגעוויינלעך באַלערנדיק און קאָמפּעטענט.

דער לייטמאָטיוו פון דעם עסיי איז די אויסגעשטעלטקייט פון די אַמעריקאַנער יידן. (מיר זענען נישט זיכער צי דאָס איז די געניטע איבערזעצונג פון EXPOSED AMERICAN JEW). די אידעע איז אַ קלאָרע: די סכנות אויף וועלכע עס איז אויסגעשטעלט די הויך־קולטורעלע, מאַטעריעל און גייסטיק פּראָספּערירנדיקע און איינפלוסרייכע יידישע מינדערהייט, צוליב די אַלגעמיינע סאָציאַלע, מאָראַלישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין לאַנד.

דער אַרטיקל טיילט זיך אייגנטלעך אין דרייען: דער פּעריאָד פון רעלאַטיווער זיכערקייט, סכנות און פּראָבלעמען, וועלכע מ׳האָט אָפּט מאָל איראַציאָנעל אויסגעמיטן און גרויסע נייע אַנטוויקלונגען אויף וועלכע עס הענגט נאָך אַ פרעגצייכן.

מיט 4 אָדער 5 יאָר צוריק האָט די זאָרג פון געוויסע יידישע קהילה־טוערס לגבי דער פּאָזיציע פון דער אַמעריקאַנער יידישער קהילה אויסגעזען איבערגעטריבן. נאָך דער בלוטיקער היטלער־טראַגעדיע האָט דער

אַנטיסעמיטיזם געליטן כמעט אַ פולשטענדיקע מפּלה, אַזוי אויך דער אַנטי־כינעזישער און יאַפּאַנישער סענטימענט, און אין אַ געוויסער מאָס אַפילו די אַנטי־נעגערישע פאָראורטיילן. ביז צום סוף פון די זעכציקער יאָרן האָט מען געקענט אַפילו דענקען, אַז מ׳גיט אויס צופיל פינאַנסיעלע מיטלען און אָנשטרענגונגען פאַרן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. און אַ סך פון די גרויסע מיטלען מיט וועלכע ס׳האָט דיספּאָנירט די געמיינדע זענען טאַקע פאַרטאָן געוואָרן אויף אַנדערע צוועקן ווי למשל די אונטערשטיצונג פאַר יידישער קולטור און פאַר אַלגעמיינע ליבעראַלע צילן.

אָט די אָפּטימיסטישע און אין תוך לאָגישע אָפּשאַצונג פון דער יידישער לאַגע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אין די 70ער יאָרן. אַ סך פון די שוואַרצע פאָרויסזעונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. עס האָט למשל אויסגעזען, אַז יידן וועלן באַצאָלן פאַר דעם דורכפאַל אין וויעטנאַם, אַז אויף זיי וועלן פאַלן די פאָלגן פון דעם אויסגאַנג פון דעם ערשטן פאַרלוירענעם אַמעריקאַנער קריג אין דער געשיכטע. עס איז געווען אַ רעאַקציע פון דעם עקסטרעם רעכטן טייל פון דער באַפעלקערונג, ספּעציעל ווען די יידן האָבן זיך אַזוי שטאַרק אַנגעזען צווישן די קריטיקערס פון דער מלחמה און די מער אַקטיווע אויסמיידערס פון מיליטער־דינסט. בפרט האָט עס אויסגעזען אויסטערליש, וואָס אין דער זעלבער צייט האָבן די יידן גערופן צו אַקטיווער אונטערשטיצונג פאַר ישראל. האָט מען דעריבער געקענט דערוואַרטן אַ צוריקשלאָג. ס׳איז אָבער גאָרנישט געשען. די רעזולטאַטן האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, „צעוואָרפן" אויף אַ גרעסערער צאָל יאָרן. יידן זענען געוואָרן אָנהענגערס פון דער נייער פּאָליטיק פון אונטערשטיצן פריינד, און די רעאַקציאָנערע כמאַרעס זענען פאַרשוווּנדן. צווייטנס: עס זענען פאָרגעקומען געוואַלטיקע סאָציאַלע און מאָראַלישע ענדערונגען: אַ סעקסועלע רעוואָלוציע, אַבאָרטן־פרייהייט, די קעמפערישע פרויען־באַוועגונג. אַ סך האָבן אין דעם געזען די קאָנפראָנטאַציע צווישן די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן מיטן קאַטאָליציזם און די פונדאַמענטאַליסטישע פּראָטעסטאַנטישע עלעמענטן.

אַזעלכע ענדערונגען, וואָס רירן אָן די סאַמע אינטימסטע אַספּעקטן פון יחידישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, מוזן ברענגען מיט זיך אַגרעסיע. פאַר וואָס זאָלן יידן נישט זיין דער „שעיר לעזאזל" פאַר די מערבדיקע

קריסטן, בפרט, ווען זיי זענען געווען אַזוי פּראָמינענט צווישן די כוחות וואָס האָבן דערפירט צו אָט דער ווערטן־איבערקערעניש?

אָבער דאָס האָט אויך נישט פּאַסירט. די „מיטל־אַמעריקע" האָט נישט רעאַגירט קעגן דער סעקסועלער רעוואָלוציע. ווו זענען די קו־קלוקס־קלען א.אַז.וו.? אפשר האָט וואָטערגייט קאַנאַליזירט די פרוסטראַציעס אין אַן אַנדער ריכטונג? ס'האָט זיך נישט געשאַפן קיין פּאָלקסצאָרן־באַוועגונג אַנטקעגן די ליבעראַלן.

רעאַלע סכנות

פון דעם דאַרף אָבער נישט אַרויסדרינגען, אַז אַלץ איז אָגיל ואשמחדיק און אַז דער עקאָנאָמישער וווילטאָג און די פּאָליטישע זיכערקייט פון די יידן וועלן קיין מאָל נישט געשטעלט ווערן אין געפאַר, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין אַנדערע לענדער.

דריי געפאַרן זענען פאַראַן, וועלכע מ'מוז לכל הפחות פּאָרויסזען און וועגן זיי טראַכטן:

די ערשטע — דער אויפשטייג פון דער „אַפירמאַטיווער טעטיקייט". אין אָט דעם טיפּיש אַמעריקאַנער אויסדרוק באַהאַלט זיך אַ געוואַלטיקער ענין, וואָס די רעגירונגס־אַגענטורן און די געריכטן האָבן געפּרווט פאַר־טונקלען. דאָס מיינט, אַז פּרעסטיזשפולע פאַכן, בעסערע ווױנונגען, דאָס אָנקומען אין שולן זענען טאַקע אָפן פאַר אַלעמען, אָבער מ'דאַרף אַגרעסיוו זוכן קאַנדידאַטן צווישן די אונטערפּריווילעגירטע גרופּעס.

די מילדע ווערסיע באַשטייט אין פאַרעפנטלעכן סטאַטיסטיק און פאַקטן און אין איר שאַרפער פאָרם באַשטייט די „אַפירמאַטיווע טעטיקייט" אין אַרויסציען דערפון מסקנות. דער צוועק פון דער פּראַקטיק, וואָס איז איצט אָנגענומען אין יעדן קאָלעדזש, אוניווערסיטעט און רעגירונגס־קערפּערשאַפט, איז אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג צו פאַרגרעסערן די פאַר־טרעטערשאַפט פון די „נישט אויסגענוצטע".

פון דעם איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ פּאָליטיק קען נישט ברענגען קיין טובה פאַר די שיכטן וואָס זענען „איבער־באַנוצט" ווי די יידן, למשל, וועלכע זענען טאַקע 3% פון דער באַפעלקערונג, אָבער גאַנצע

19% אין דער פראָפעסור פון די עליטע־אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע.

אמת, גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. די פאַרלוסטן וואָס יידן קענען ליידן פון אָט דער פאָליטיק קענען קאָמפּענסירט ווערן אויף אַן אַנדער אופן. אַזוי ווי מ׳זוכט צו פאַרגרעסערן און געבן אַ געלעגנהייט די פרויען, מאַכט עס גוט אויף אַ געווויסן אופן די הפסדים, ווייל דער רעזערוואַר פון קוואַליפיצירטע יידישע פרויען איז אַ גאַר גרויסער, און זיי נוצן טאַקע אויס די נייע געלעגנהייטן.

פון דעסטוועגן האַלט אָבער דער מחבר, אַז די פילאָזאָפיע וואָס שטעקט אין דער נייער אַנטוויקלונג, אַז די שוואַכע דערגרייכונגען פון גרופעס זענען אַ רעזולטאַט פון דיסקרימינאַציע, מוז זיך אויסווירקן נעגאַטיוו אויפן יידישן כלל.

די צווייטע אַנטוויקלונג איז די „אָפנהאַרציקייט" אין עטנישע און ראַסן־עניגים. דאָס איז דווקא אַ פאָזיטיווע דערשיינונג. ס׳איז געווען אַ צייט ווען ס׳איז געווען פאַרווערט בתכלית האיסור צו רעדן וועגן „עטניציטעט" פונקט אַזוי ווי וועגן „קלאַסן". אין די צוואַנציקער יאָרן האָט געהערשט דער מיטאָס פון אַ קלאַסנלאָזער און פעלקערלאָזער אַמעריקע. דער פשוט׳ער מענטש האָט אָבער נישט באַדאַרפט קיין באַווייזן. די סאָציאָלאָגישע און שיינע ליטעראַטור זענען פול געווען מיט עטנישע און סאָציאַלע עלעמענטן און צו דעם האָבן זייער פיל צוגעטראָגן די פאַרטיידיקונגס־אַגענטורן און די יידישע סאָציאָלאָגן. מ׳פאַרעפנטלעכט איצט אַלץ מער און מער וואָל־רעזולטאַטן לויט נאַציאָנאַלע גרופעס, די עטנישע אָנגעהעריקייט איז אַ וויכטיקער פאַקט ווי: עלטער, ראַסע, הכנסה א. אַז. וו. דאָס קאָן ווערן אַן ערנסט פראָבלעם פאַר יידן.

מ׳דאַרף זען דעם פועל יוצא פון אָט דער אויפמערקזאַמקייט וואָס מ׳שענקט די עטנישע גרופעס: וועלכע פון זיי שטייט בראש און וועלכע געפינט זיך אין סאַמע עק אויף אַ געוויסן געביט, למשל, פון די רעגירונגס־אַנגעשטעלטע. מ׳טייטשט אויס אויף אַן ענגן, אַפילו קפדנותדיקן געביט, דעם „אַקט פון ציווילע רעכט". די אינטערפּרעטאַציע, וואָס איז אָנגענומען ביי די געריכטן, גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אויב אַ גרופע האָט דער־גרייכט דעם אויבנאַן, איז עס אויפן חשבון פון „דיסקרימינירן" און אונ־טערדריקן אַנדערע גרופעס. די פאַרעפנטלעכטע ציפערן זענען נישט אַזוי

באַקוועם פאַר יידן און זענען ממש אַ קלאַסישער באַווייז פאַרן יידישן פאָלקס־ווערטל „די כלה איז צו שיין". יידן זענען אַ הויך געבילדעטע פאַרמעגלעכע גרופּע, וואָס איז גאָר אַנזעעוודיק אין פּרעסטיזשפולע פּאָזיציעס און דאָס שאַפט פאַר זיי גאָר נייע פּראָבלעמען און צרות.

פאַר וואָס נאָר יידן?

ווייל אין אונטערשייד צו גריכן, אַרמענער, כינעזער און יאַפּאַנער, וואָס האָבן מצליח געווען, זענען יידן אַ קאָמפּאַקטע, רעלאַטיוו גרויסע גרופּע, און שטאַרק קאָנצענטרירט אין שליסל־פּאָזיציעס און סעקטאָרן פון דער געזעלשאַפט. פון דער צווייטער זייט קענען יידן זיך נישט פאַרגלייכן מיט די ערשטע פּיאָנערן, די מיוחסדיקע „מיי־פלאַוער"־אימיגראַנטן.

מ'טאָר אויך נישט פאַרגעסן דעם עבר. יידן האָבן שטענדיק געדינט אַלס צילברעט פאַר פיינטשאַפט און אפשר דערפאַר האָבן זיי געלערנט די חכמה פון נישט „צו פיל אויפרייסן די אויגן".

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז פאַרשטענדלעך ישראל, אָדער אַנדערש געזאָגט, דער פאַקט, אַז יידן דאַרפן בעטן פון זייער לאַנד גאָר גרויסע זאַכן: אונטערשטיצן ישראל און פאַרזיכערן איר קיום.

דאָס שטעלט אַוועק די יידן, זאָגט דער מחבר, אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזיציע. אַמעריקע איז דער נישט־יידישער איינציקער כוח וואָס שטיצט ישראל קעגן דער סכנה פון אָנווערן די סוווערעניטעט און אַפילו פון פּשוטער עקסטערמינאַציע. אַמעריקע דאַרף אַנטקעגנקומען אַזעלכע מאַסיווע פאָדערונגען (2 מיליאַרד דאָלאַר אַ יאָר) אין אַ צייט ווען זי איז מיד פון אונטערשטיצן פרעמדע קליינע פעלקער.

ישראל האָט געמאַכט יידן נאָך „וויניקער נאָרמאַל", נאָך מער אַנדערש ווי אַלע פעלקער. קיין שום לאַנד אין דער וועלט ליידט נישט היינט פון אַזאַ אוניווערסאַלער פאַראורטיילונג ווי ישראל. און דאָס טראָגט זיך אַריבער אויף יידן אין דער תפוצה. דער מחבר ברענגט אַ ריי ביישפּילן פון די „מאַס־מעדיאַס" (מיטלען פון עפנטלעכער מיינונג). פריער האָבן זיי כמעט אַלע איינשטימיק אונטערגעשטיצט ישראל, ווי אַ פרייע געזעלשאַפט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן רעקאָרד פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און מיט אַ ביישפּיללאָזער באַציונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט, וועלכע איז דאָך פאַרבונדן מיט איר רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער סביבה. היינט

צעלייגט מעג אויף טעלערלעך אַלע אומגערעכטיקייטן און קרומקייטן פון דער ישראל־..עזעלשאַפט, ווו אַלץ ווערט פריי איבערגעגעבן אין קעגנזאַץ צו דער אונטערדריקונג פון נייעסן און מיינונגען פון כמעט אַלע אַראַבישע לענדער אויסער לבנון. דאָס אַלץ שאַפט אין אַלגעמיין אַן איינזייטיקע און נעגאַטיווע שטעלונג פון דער אַזוי גערופענער עפנטלעכער מיינונג.

אמת, דאָס פאָלק, די לייענערס און צוהערערס זענען בעסער פון זייַנע פירערס, „אויפקלערערס און דערציערס״; עס איז סטאַבילער און האָט נאָך אַלץ ליב ישראל און איז חושד די כינעזער. אָבער אויף ווי לאַנג נאָך? די פאַרטיידיקונג פון ישראל קאָסט טייער און דאָס אויך אין אַ צייט ווען דאָס אויסגעבן געלט פאַר פרעמדע לענדער איז נישט פאָפּולער און ס׳איז פאַראַן אַ צווייפל צי די סובסידיעס ווערן ריכטיק אויסגענוצט.

מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אויף די עצות, וואָס דער חשובער מחבר גיט כדי אַנטקעגנצוקומען די גרויסע סכנות פון אַ פיינטלעכער, חלילה, ווענדונג און די שטימונגען און שטעלונגען וואָס הערשן אין פאָלק, עצות מיט וועלכע מיר זענען אין אַלגעמיין מסכים. אָבער אין דעם פאַל אינ־טערעסירן אונדז ווייניקער די טרעפלעכע אָנווייזונגען, ווי דער בריליאַנ־טענער אַנאַליז פון די שוועריקייטן און געראַנגלען פון אַמעריקאַנער יידנטום.

☆

מיר וואָלטן זיך געקענט באַנוגענען מיט איבערזעצן און קאָנדענסירן דעם קאָמפּאַקטן, באַלערנדיקן אַרטיקל; מיר קענען אָבער נישט ביישטיין דעם יצר הרע פון אַ פּאָר ראַנד־באַמערקונגען.

אין דעם באַגריף און מצב פון „עקספּאַנירטקייט״ פון יידן אין דעם גרויסן און רייכן קיבוץ איז פאַרקערפּערט די גאַנצע טראַגישקייט פון גלות. מ׳דאַרף, חלילה, נישט קיין פורעניות, אויפטרייסלונגען און רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, כדי צו באַשטעטיקן די ציוניסטישע טעזע, וואָס ווערט איצט אַזוי קוועסטיאָנירט, בעת מ׳הייבט אַרויס די „נעאָ־דאַאיקייט״.

אַן ספּעציעלע אידעאָלאָגישע כוונות אילוסטרירט עס דער מחבר אויף אַ גלענצנדיקן אופן. דער פאַקט וואָס די יידישע מערכה איז אַ דעליקאַטע, און אַז דער דורכפאַל אין וויעטנאַם, ווי אויך די גרויסע מאָראַלישע און

סאָציאַלע ענדערונגען זענען עלול געווען אויסצולאָזן זיך „אויף די יידישע קעפּ", דער פאַקט וואָס יידן האָבן מורא צו „דאַרפן באַצאָלן דעם פּרייז" פאַר זייערעווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע דערגרייכונגען און אַז ס'איז זייער שולד וואָס אַנדערע גרופּעס זענען צו דעם נישט צוגעקומען, דער שטענדיקער פּחד, אַז מ'איז „גרויס אין די אויגן" פון דער אַרומיקער סביבה, און אַז מ'דאַרף כסדר, כדי יוצא צו זיין, געבן כופר פאַר דעם „ביסעלע גליק" וואָס מ'האָט דערגרייכט מיט פעיקייטן און שווערער האָרעוואַניע, און אַז מ'דאַרף רק זיין באַוואָפנט מיט דעם ספּע־ציעלן חוש צו דערפילן, דערשפּירן די „שטימונגען" פון דער הערשנדיקער מערהייט — דאָס אַלץ זענען דאָך די אַלטע אומעטיקע און באַקאַנטע מאָטיוון אין אַ כלומרשט נייער ווירקלעכקייט. דער מחבר האָט, אין תוך גענומען, אויף אַ וויסנשאַפטלעך אַנאַליטישן לשון מסביר געווען די הלכה פון די גרויסע לערעס פון ציוניזם. אַוודאי איז גוט, וואָס די אַלע פּעסימיסטישע און גאַנץ „לאָגישע" פּאַרויסזעונגען זענען נישט מקוים געוואָרן און מיר האָפן, אַז אויך בנוגע די דריי פּאָטענציעלע אַנטוויקלונגען וועלן מיר אָפּ־קומען מיט שרעק. אָבער דאָס נעמט נישט אַוועק דעם אומרו (און דאָס לייגט זיך שווער אויפן געמיט פון די אַמעריקאַנער יידן), די פּראָבלעמאַטיק און די פאַרגלייכן מיט אַנדערע ישובים אין אונדזער געשיכטע (נישט מיר באַנוצן זיך מיט דער ווייטער־אַנאַלאָגיע). בקיצור: גלות איז גלות.

אונדז דוכט זיך, אַז דאָס געפיל פאַר באַלאַנס האָט פאַרלאָזן דעם חשובן שרייבער, דעם סאָציאָלאָג, ווען ער האָט זיך באַריכותדיק אָפּגע־שטעלט אויף די נעגאַטיווע אויסווירקונגען אויף דעם מעמד פון די אַמעריקאַנער יידן פון דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, פון דער „איזאָ־לאַציע" און דער אַלגעמיינער פאַראורטיילונג פון ישראל אין דער וועלט און פונעם פאַרבלייבן מיט אַמעריקע אַלס דעם איינציקן פּראָטעקטאָר. אַלע פאַקטן און באַווייזן וואָס ער ברענגט זענען טאַקע קאָרעקט. לויט אונדזער אויפפאַסונג איז די כמעט סיאַמישע גורל־פאַרקניפּטקייט צווישן ישראל און די יידן אין דער וועלט אַפילו אַ נאַטירלעכע, כמעט „נאָרמאַלע" דער־שיינונג. כ'מעג דאָ און דאָרט האַלטן (אפשר נישט אויפן יסוד פון פאַר־שונגען, נאָר פון אומאויפהערלעכע נסיעות אין דער וועלט), אַז מ'טרייבט איבער מיט דער „איזאָלאַציע" פון ישראל, וועלכע דער מחבר כאַראַקטע־

ריזירט ווי אַ „פּאַריאַ־שטאַט״. דוכט זיך מיר, אַז מ׳פּאַרמישט דאָ די שטעלונגען פון די רעגירונג־עסטאַבלישמענטן מיט די שטימונגען פון די מאַסן, ביי וועלכע ישראל געניסט פון פּאָפּולאַריטעט און ליבע.

מיר דערלויבן זיך אַפילו צו צווייפלען, צי איז די סטראַטעגיע „איינ־צוּוויקלען״ די ספּעציפיש יידישע פאָדערונגען אין טלית פון אַלגעמיינע, אַמעריקאַנער און וועלט־פּרינציפּן אַזוי ווירקזאַם ווי פּראָפ. נתן גלאַזער שטעלט זיך פאָר.

אָבער, ווי געזאָגט, מיר פרעגן נישט אָפּ די פאַקטן און די מסקנות.

דאָס וואָס עס פאַרדריסט אונדז איז עפּעס אַנדערש, אַפילו אויב מיר זענען נישט זיכער צי דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער טעמע. ווען דער מחבר דערציילט אַזוי פיל וועגן די צרות און פחדים וואָס יידן האָבן אויסצושטיין צוליב ישראל, האָט זיך ממש געבעטן (אויך צוליב דעם איינפלוסרייכן און הויך־אינטעלעקטועלן, אָבער גענוג סקעפּטישן לייענער־קרייז) אויך צו דערציילן וועגן דעם נחת וואָס ישראל האָט געגעבן די יידן און דעם געפיל פון זיכערקייט און סאָטביליטעט־סטאַטוט און פּרעסטיזש. מיר מיינען נישט נאָר דעם ענין פון אינהאַלט און צוועק, פון תכלית און הויפּט־מאָטיוו און טיפקייט אין יידישן לעבן. מיר האָבן אין זינען די אויסשטראַלונג אויף די יידן פון אַ שעפערישער, קעמפנדיקער, דינאַמישער און דעמאָקראַטישער יידישער מדינה, וואָס איז סוף כל סוף פליש פון זייער פליש און בלוט פון זייער בלוט. כ׳בין זיכער, אַז אויך אַמעריקאַנער יידן האָבן דעראָבערט אַ נייע דימענסיע פון דרך ארץ און כבוד. זיי האָבן נישט נאָר געליטן פון די שטעכיקע דערנער, נאָר אויך פאַרזוכט דעם האָניק פון דער פרעכטיקער בלום. אַוודאי דאַרף מען דאָס אַלץ דעם פּראָפ. גלאַזער נישט דערציילן, און מיר זענען ווייט פון מוסר פרעדיקן און פון אַנטדעקן זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן; אָבער אַז מען רעדט שוין וועגן אויסווירקונגען פון ישראל אויף דער ברייטער יידישער וועלט, שאַדט נישט דאָס אונטערצושטרייכן, בפרט ווען עס קומט פון אַזאַ תניא דמסעיא...

אין אַלגעמיין אָבער, ווי געזאָגט, אַ וואָגיקע ערנסטע און באַלערנדיקע אַרבעט.

1975

אַ בליק אין דער צוקונפט

ווי וועט אויסזען יידיש לעבן אין 10 יאָר אַרום, אָדער אַפילו אין יאָר 2000 ? וואָס וועט דאַן זיין דער דעמאָגראַפישער, רעליגיעזער און קולטורעלער צושטאַנד פון די מאַסן־ישובים אין די תפוצות ? ס׳איז נישט אַריינצולאָזן זיך אין נביאות און אין אַ מין אַסטראָלאָגיע. די עצם פאָרשונג איז געוואָרן מעגלעך און נייטיק סיי צוליב דער אַנטוויקלונג און פאַר־שפרייטונג פון דער אַזוי גערופענער פוטוראָלאָגיע און סיי צוליב דעם פשוטן טעם, אַז וואָס מיר טוען איצט, וועט באַשטימען דעם מאָרגן, אַז אונדזערע אַקטועלע מעשים און באַשלוסן געשטאַלטיקן די צוקונפטיקע דורות. דאָס פאַרקערטע איז אויך אמת. אַ ריכטיקער פראָגנאָז איז אַ תנאי פאַר אַ רעאַליסטישן דיאַגנאָז פון יידישן לעבן. ביי ציוניסטן איז דאָס ז ע ן געווען דער י ס ו ד פאַר ד ע ר ז ע ן. ציוניזם איז אַ קייט פון מקויים געוואָרענע נביאות.

האָבן מיר טאַקע דעם חודש זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי אינטערעסאַנטע אַרבעטן : „דאָס ענגלישע יידנטום אין יאָר 2000״ פון ארוק מאנמאן („וואָרלד דזשורי״, דעצעמבער 1971) און „די סינאַגאָגע אין די 70ער — וואָס וועלן אירע פירערס דאַרפן וויסן״, פון געראַלאַט ב. בוביס („רעקאָנ־סטראַקשיאָניסט״, 15טער אָקטאָבער).

א.

דער ערשטער אַרטיקל גיט זיך אָפּ, דער עיקר, מיט שטעלן פראַגן און אָנצייכענען מעגלעכע אַנטוויקלונגען אין יידישן לעבן פון ענגלאַנד, אין רעזולטאַט פון די קאָלאָסאַלע ענדערונגען וואָס ווערן פאָרויסגעזען אין דער אַלגעמיינער בריטישער געזעלשאַפט. ער מאַכט אָבער דערביי זייער

אינטערעסאַנטע באַמערקונגען, וואָס זענען פאַר זיך אַליין שוין אַ שפּאַנענדיקער לייען־מאַטעריאַל.

אין דעמאָגראַפישער זינען ווערט אין ענגלאַנד (ווי אומעטום) געשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דאָס פּראָבלעם פון פּאָלוציע און פון „באַפעלקערונגס־עקספּלאָזיע". ווי וועט זיך דאָס אויסווירקן אויף יידן? וואָס וועט זיין זייער צאָל און זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג? צו דעם קומט נאָך צו די מאָדערנע אריכת ימים וואָס פאַרגרעסערט דעם פּראָצענט פון עלטערע מענטשן און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, ווי למשל, דאָס פריע צוריקציִען זיך פון אַקטיוון לעבן און דאָס קולטורעלע און סאָציאַלע צופּאַסן זיך צו די נויטן פון גייסטיקע באַדערפעניש פון אַזאַ גרויסער שיכט פון דער באַפעלקערונג. דער מחבר ענטפערט נישט אויף די שאלות. מיר ווייסן אָבער פון אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ פון יידישע סאָציאָלאָגן און מנהיגים אין ענגלאַנד, וואָס איז געווען דורכויס פּעסימיסטיש און האָט אַפילו פאָרויסגעזען דעם אונטערגאַנג פון ישוב ביים סוף פון דעם יאָרהונדערט.

אויפן רעליגיעזן געביט וועט די וואַקסנדיקע סעקולאַריזאַציע אַרויסרופן ענדערונגען אין דער שול. די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן דער איצט הערשנדיקער אָרטאָדאָקסיע און דעם רעפאָרמירטן און ליבעראַלן יידנטום וועלן זיך ענדערן לטובת די לעצטע. די אָרטאָדאָקסיע וועט זיך מוזן צופּאַסן, זיין בויגזאַם און זיך דערנעענטערן צום אַמעריקאַנער קאָנסערוואַטיוון נוסח. דאָס קאָן זיך אויסדריקן, צווישן אַנדערע, אין אַ גרעסערן דגש אויף קבלת־שבת־אָוונטן, אין פאָרן אין שבת אאז"וו.

אין די נאָענטסטע 30 יאָר וועט די סינאַגאָגע נאָכלויפן די נייע געגנטן און פון דער צווייטער זייט זוכן וועגן ווי צו ברענגען די איינוווינער פון צענטער פון די שטעט — צוריק „אין שול אַריין".

אין משפּחה־לעבן מערקט זיך שוין און וועט נאָך ווערן טיפער די איבערשאַצונג פון ווערטן און באַדינגונגען. עס וועט נאָך אָפּגעשוואַכט ווערן די משפּחה־איינהייט און אירע מיטגלידער וועלן זיין צעזייט איבער זיבן ימים. דער מרחק צווישן יחיד און דער טראַדיציאָנעלער יידישער היים וועט ווערן אַלץ ווייטער.

עס בייט זיך אויך די ראָל פון דער עקרת־הבית אין דער ריכטונג

פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלער גלייכבאַרעכטיקונג. איז ווי־זשע קאָן מען קעגנווירקן, אָדער אָפּשוואַכן (פאַרמיידן איז אוממעגלעך) די ווייטגייענדיקע השפּעות פון די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אויפן יידישן קיום און המשך?

די פענאָמענאַלע טעכנישע אַנטוויקלונג ברענגט צו אַ פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטוואָך און צו אַ פאַרגרעסערונג פון דער פרייער צייט. ווי אַזוי וועלן יידישלעך אויסגענוצט ווערן אָט די לײדיקע שעהען? ווי אַזוי פאַרמיידט מען אַ חלל? וועט זיך די יוגנט באַנוגענען מיט די איצטיקע פאָרמען פון שולן און קלובן? וועט דער קאָנטראַסט צווישן דער פאַרביקער אַלגעמיינער קולטור און מאָגערן אייגענעם האָב־און־גוט נישט ווערן נאָך בולטער און שרייענדיקער?

ווען מיר גייען אַריבער צו דער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, זעט עס אויס נאָך מער פאַרנעפּלט. דער גאַנצער ענין וואָס איז איצט אַ פונדאַמענט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, שטייט אונטער אַ פרעג־צייכן. דער לייטער פון פּריאַריטעטן וועט זיך איבערקערן. וואָס וועט זיין די ראָלע פון פרייוויליקן צדקה־פאַקטאָר אין אַ מלוכה וואָס וועט זיך מער און מער אָפּגעבן מיט דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג און וועלפער־נויטן פון אירע בירגער?

ווי אַזוי וועט אויסזען אין יאָר 2000 דער אַנטיסעמיטיזם? פון איין זייט קען מען אָננעמען, אַז ס'וועט פאַרשווינדן די אָפענע קלאַסישע שנאה צו יידן; אָבער פון דער צווייטער זייט זענען ראַסן־קאָנפליקטן עלול אַרויס־צורופן נייע פאָראורטיילן און אויפלעבן אַלטע פיינטשאַפטן. יידן קאָנען ווערן דער שעיר לעזאזל פון שפּאַגל־נייע איבלען.

וואָס וועט זיין די ווירקונג פון דעם בשותפותדיקן מאַרק, וואָס קאָן זיך אַנטוויקלען אין אַ פולשטענדיק אינטעגרירטער אייראָפּעישער געמיינ־שאַפט און אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע? ווי וועלן יידן אויסזען אין דער נייער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע?

עס וועט זיך אַ סך ענדערן אין אָרגאַניזאַציע־לעבן און אין דער פירערשאַפט גופא. די אויבן דערמאָנטע סעקולאַריזאַציע וועט אַרויס־ברענגען נייע צענטערס פון השפּעה אויסערהאַלב דער סינאַגאָגע. און פון דער צווייטער זייט וועלן די פּני שוין נישט מער זיין די סוחרים אַליין.

אינטעלעקטואַלן און אַקאַדעמיקער וועלן צעברעכן דעם מאָנאָפּאָל. ס׳וועלן אויפשטייגן נייע כוחות.

און צום סוף, דאָס סאַמע עיקרדיקסטע — די השפעה פון ישראל. די אַנטוויקלונג פון דער מדינה און די פאַרגרעסערונג פון דער עליה קאָן און וועט וואַרשיינלעך ענדערן דאָס יידישע לעבן סיי אין כמות, סיי אין איכות.

אָט דאָס זענען די וויכטיקסטע און ווייט נישט אַלע פּראָגן. אַ קלוג און דערפאַרן פאָלק מוז זיך באַצייטנס צוגרייטן און נישט איבערלאָזן זאַכן „אויף גאָטס באַראָט״. גאַרנישט איז בלינד־פאַטאַל. מ׳קאָן רעגולירן און פאַרמיידן. לעבן פון האַנט צום מויל איז נישט רעאַליזם, נאָר פאַרברע־כערישער לייכטזין.

ב.

דער אַרטיקל פון דזשעראַלד ב. בוביס איז באַגרענעצט אין פאַרנעם און באַשעפטיקט זיך נאָר מיט די נאָענטסטע 10 יאָר פון יידישן אַמעריקע. דערפאַר אָבער באַנוגנט ער זיך נישט מיט פאָרמולירן שאלות און מאַכט זיינע פאָרויסזעונגען מיט אַ געוויסער זיכערקייט. די אויפמערקזאַמקייט ווערט דאָ געצויגן אויף דער שול, אין וועלכער ער זעט דעם צענטער און דעם פילבאַרן סייסמאָגראַף פון ישוב.

מיר ווילן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם אַלגעמיינעם טייל פון דער אַרבעט און נישט אויף דעם ספּעציפישן פּראָבלעם פון דעם כאַראַקטער, אויסערלעכן אויסזען, פונקציעס און ריטואַל פון דער שול אין נאָענטן עתיד. נעמלעך: וואָס פאַרא ייִד וועט זיך פאָרמירן אין דעם קומענדיקן יאָרצענדליק? וואָס וועט זיין זיין גייסטיקער, מענטשלעכער און יידישער פּרצוף? וואָס וועלן זיין די לעבנס־געוואוינהייטן, נייגונגען און טעטיקייטן פון די קומענדע גענעראַציעס?

דער מחבר רעזומירט דאָס אין 8 כאַראַקטער־שטריכן:

1. די יידישע משפחה וועט ווערן נוקלעאַר און די 3 דורות־איינהייט וואָס האָט געלעבט אין איין סביבה, וועט זיין אַ ריין היסטאָרישער באַגריף. עלעקטראָניק און טעלעפאָן וועלן פאַרטרעטן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט

צווישן מיטגלידער פון אַ פאַמיליע, וואָס וועלן זיין אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן דורך מרחקים פון טויזנטער מיילן. דעם פּלאַץ פון דער אָרגאַנישער קרובהשאַפט וועט פאַרנעמען די „ברייטע פאַמיליע", געבויט אויף פריינד־שאַפט און אַלערליי פאַרבינדונגען. פרייד און זאָרגן פון אַ גאַנץ יאָר וועלן געטיילט ווערן אַ סך מער מיט פריינד ווי מיט קרובים.

2. דער הויך־געבילדעטער ייד פון די שפּעטע זיבעציקער וועט זיין אַ היפּשער עם־הארץ אין יידישקייט. שוין איצט זענען פון 6—10 פּראָצענט פון קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן באַפעלקערט דורך יידן. 80—90 פּראָ־צענט פון דער יידישער יוגנט באַקומט אַקאַדעמישע בילדונג. אין לויף פון די קומענדיקע יאָרן וועלן כמעט אַלע האָבן אַ הויכן אַקאַדעמישן גראַד. אַנדערש וועט עס זיין מיט יידישקייט. אַפילו ווען ער וועט שוין דורכמאַכן 4 יאָר יידישן חינוך, וועט עס זיין אַן עקוויוואַלענט צו די שעהען וועלכע ער האָט פאַרבראַכט ביי דער טעלעוויזיע אין די יאָרן פון קינדער־גאָרטן. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אַז ער וועט נישט זיין ביכולת און אויך נישט וועלן אָננעמען זיין יידישקייט אין טיפן און קאָמפּליצירטן זינען פון וואָרט. ער וועט זיך באַנוגענען מיטן „יידישן האַרץ", מיט אַ שמערצ־לאָזער און לייכטער אָנגעהעריקייט. ער וועט אויך מער ווי דאָס נישט פאַרלאַנגען פון זיינע קינדער.

3. דער יונגער ייד וועט זיין געאָגראַפיש מאָביל. די קאָרפּאָראַציעס, אוניווערסיטעטן, שפּיטעלער און לאַבאָראַטאָריעס וועלן אויף אים אַרויפ־צווינגען אַ שטענדיקע באַוועגלעכקייט און אַלע 5 יאָר וועט ער בייטן זיין וווינאָרט. ער וועט געפינען זיין זיכערקייט און סטאַבילקייט נישט אַזוי דורכן פיזישן המשך אויף איין פּלאַץ, ווי דורכן פּסיכישן המשך אין רוים.

אָבער טראָץ, און אין מיטן פון זיינע וואַנדערונגען, וועט ער בענקען נאָך וואָרצלען, נאָך אַן אָנשפּאַר, און דאָס וועט אים ברענגען צו יידישע געגנטן, טעמפּלען, חתונות און שמחות ביי יידן און צווישן אייגענע.

4. אין די שפּעטע זיבעציקער וועלן כמעט אַלע יידן אין לאַנד זיין אַמעריקאַנער געבוירענע און אַ פּראָדוקט פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע און קולטור פון שולן, פילמען, טעאַטער און בוך. אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי וועט האָבן באַזוכט ישראל און אייראָפּע. פון איין זייט וועט יידישקייט זיין פאַר זיי אומבאַדייטנד און נישט רעלעוואַנט און וויט נישט

אַוועקגיין פון דעם קינדערישן ניוואָ פון פאַר בר־מצווה־לימודים. דאָך וועלן זיי זיין קריטיש געשטימט לגבי זייערע עלטערן פאַר נישט געבן זיי גענוג יידישן וויסן. זיי וועלן זיך פילן אַנטוישט און אָפּגענאַרט. גאָלף וועט טאָקע פאַרטרעטן גמרא און פון דעסטוועגן וועט זיך מערקן אַ לעכצן נאָך אייגענע אָנהייבן און מקורות.

5. דעמאָגראַפיש גייט צו דעם, אַז די יידישע באַפעלקערונג וועט באַשטיין פון אַ סך זקנים (איינשליסלעך אַ וואַקסנדיקע צאָל פון אלמנות און גאָר יונגע). די מיטלשיכט וועט ווערן שיטערער און שיטערער.

6. דער יונגער ייד וועט אין מאַטעריעלן זינען זיין איבערגעזעטיקט, וועט האָבן פון פויגלמילך, פון אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט: אויטאָס, שווים־באַסיינען, קאַוויאַרן און אַן אויסוואַל פון בילדונג און פאַרווײַלונג־מעגלעכקייטן. דער מאַטעריעלער גערעאַנגל פון זייערע עלטערן וועט אים אויסזען אומרעאַל. אַלס רעאַקציע קעגן לייכטן קאָמפאָרט, וועט אַנטשטיין אַ גייסטיקע יוירונג, אַ בענקשאַפט צום מיסטישן, אַ פאַרלאַנג פאַר עמאָציאָנעלע דערפאַרונגען. מען וועט זיך פּרווון דערגריבלען צום תוך פון ענינים, צום מיסטישן זין פון לעבן. זאַכן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און פון עתיד וועלן סטימולירן, אויפרעגן און אינטריגירן. די עולם־הזה־גרופּע וועט ווערן גאָט־זוכעריש — אַ טשיקאַווער צוזאַמענפלעכט אין אומגעווײַנלעכע באַדינגונגען.

7. דער ייד פון די 70־קער וועט זיין אַ „וועלט”־מענטש. די רעוואָלוציע אין טראַנספּאָרט און טעלעקאָמוניקאַציע וועט דערגרייכן איר קליימאַקס. דיסטאַנסן וועלן פאַרשווינדן. דער טעלעפאָן־פילם, די סופּערסאָנישע לופטשיפן וועלן מאַכן מענטשן אָפּהענגיק איינער פון צווייטן און אויפטרייסלונגען און קאַטאַסטראָפעס אויף איין אָרט וועלן אָנרירן אַפילו די ווייטסטע סביבה. אָבער צוזאַמען מיט דער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע וועט זיך אַנטוויקלען דער נישט קסענאָפאָבישער נאַציאָנאַליזם. מ׳וועט אַלץ מער און מער אָננעמען די עטנישע רעליגיעזע און קולטורעלע פאַרשיידנהייט. די דימענסיע פון טיפקייט, פון אייגנס אין דער פאַרמלאָזער אינסופדיקייט־מאַסע פון אַ גרענעצלאָזער און תחומים־לאָזער וועלט.

8. דער מחבר זעט פאָרויס, אַז אין 1975 וועלן הונדערט טויזנט יידן

האָבן עולה געווען קיין ישראל. די זעלבע צאָל וועט דאָרט שטודירן און אַ פינפטל פון ישוב וועט אויך האָבן באַזוכט די מדינה. דער פאַרגרעסערטער קאָנטאַקט מיט ישראל וועט צוזאַמענפאַלן און וועט אויך זיין די סיבה פון יידישן אומרו און אומקער צו אייגענע ווערטן. עס וועלן ענגער ווערן די באַציונגען מיט ישראל דורך פּאָפּולערע פאַמיליען־רייזעס, אויסטויש פון פּראָגראַמען צווישן אָרגאַניזאַציעס, קאָנגרעגאַציעס און קהילות. דאָס אַלץ אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ אין לויף פון די יאָרן.

9. עס וועט זיך ענדערן די תקופה פון אידעאָלאָגישע חילוקי־דעות. יידן וועלן זיך מער נישט טיילן לויט דאָגמע און פּאָליטישער איינשטעלונג. אין דער דאָזיקער (אגב גאַנץ לאַנגווייליקער) וועלט וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר באַזונדערע רעליגיעזע דאָגמעס ווי אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרם־יידן.

פאַרענדיקנדיק דעם איבערזיכט, ווילט זיך מאַכן נאָר אַ פּאָר באַמער־קונגען. די אַרבעטן לייענען זיך גלאַטיק און די פּראָגנאָזן לייגן זיך אויפן שכל און זעען אויס גאַנץ לאָגיש. אָבער מער ווי דאָס איז עס נישט. די צוקונפט דערשיינט דאָ ווי אַ המשך און אַן אויסברייטערונג פון דער קעגנוואַרט, וואָס די מחברים נעמען אָן ווי זי שטייט און גייט. ס׳איז דאָס זעלבע, נאָר מ ע ר און אין אַ פּולערער מאָס. די צוקונפט איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין געטרייער המשך פון דעם „היינטיקן טאָג״. דערצו איז זי צו שעפעריש, קאַפּריזיק און מיסטעריעז.

אַוודאי איז גוט און וויכטיק צו פאָרשן די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג, די טענדענצן, די ריכטליניעס, אָבער מ׳דאַרף בשום אופן נישט באַטראַכטן עס ווי אַ וויסנשאַפט. ווער האָט געקענט פאָרויסזען, אַפילו מיט די ראַפּי־נירטסטע און אַנטוויקלטסטע כלים פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, דעם אומקום פון זעקס מיליאָן, דאָס אַנטשטיין פון מדינת ישראל און — אין די לעצטע יאָרן — דעם נס פון דעם סאָוויעטיש־יידישן רענעסאַנס?

ביידע אַרטיקלען זענען באַזירט אויף אַן עוואָלוציאָנערער און לאַנג־זאַמער אַנטוויקלונג, ווי די שטילע וואַסערן פון שילוח. אָבער אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק זענען נישט איין מאָל געווען שטורעמס און ערד־ציטערנישן. זיי מוזן נישט און הלוואי זאָלן זיי נישט פּאַסירן. אָבער אַ פאָרויסזעער פון דער יידישער צוקונפט קאָן נישט אויסמיידן די מעג־

לעבקייט, אַז זיי וועלן פאָרקומען און וועלן זיך אויסווירקן סיי אויף די יידן אין די תפוצות און סיי אויף דעם פאַרנעם און דויער פון קיבוץ גלויות אין ישראל.

1972

אַ ביסעלע אהבת ישראל

בייסנדיקע זעלבסט־קריטיק (וואָס דעגענערירט אָפּט מאָל אין זעלבסט־שנאה) איז כמעט אַ נאַציאָנאַלער שטריך ביי יידן. אין יידישן פאָלקלאָר, אין הומאָר און סאַטירע, אין דער יידישער ליטעראַטור און קאַריקאַטור זאָגן אויף זיך יידן כל דבר אסור. אָבער ווען מיר הערן דאָס פון אַ נישט־יידן, ווערן מיר אויפגערעגט און באַשולדיקן אים אין אַנטיסעמיטיזם. די סיבה פאַר אָט דעם טאָפּלטן „סטאַנדאַרט" איז אַ נאַטירלעכע. יידן קריטיקירן זיך פון גרויס ליבע. מען שטרייכט אונטער דאָס נעגאַטיווע, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דאָס חוזק מאַכן פון זיך אַליין איז אָפּט מאָל געווען אַ טעראַפּיש מיטל פון אַנטשפּאַנונג, פון גובר זיין גרויסע צרות („לאַכן איז געזונט"). ביים גוי, אָבער, האָבן יידן חושד געווען, אַז דאָס אָפּשפּאָטן, דאָס פאַרקריפּלען אונדזער געשטאַלט קומט פון שנאה באַגלייט מיט שאָדנפרייד. נישט קיין ווונדער, אַז מיר האָבן גענומען פאַר ליב די שטראָפרייד פון אייגענע און זיך געווערט קעגן פאַרלוימדונגען פון פרעמדע.

עס זענען אָבער פאַראַן צייטן, ווען מען טרייבט איבער די מאָס, ווען מען פאַרלירט יעדן חוש פאַר פּראָפּאָרץ און טעם, ווען מען מישט דאָס אייגענע געפיל פון עמפּערונג קעגן זיך אַליין מיט בייזוויליקייט און אַפילו פערווערסער הנאה. דעמאָלט פאַרטושט זיך די גרענעץ צווישן אונדז און רק מען רעדט וועגן דאָס צעשטערנדיקע, דאָס פאַרבייגייענדיק פינצטערע, מען זייט יאוש און מען באַשטעטיקט דעם נביאישן זאָג „מהריסיך ומחריביך ממך יצאו".

ס'איז אַ כלל גדול: קיינער האָט נישט ליב עמעצן, וואָס האָט זיך אַליין פיינט. עגאָצענטרישקייט, איבערגעטריבענע זעלבסט־זיכערקייט זענען טאַקע נישט קיין שיינע מידות, אָבער אומפאַרגלייכלעך שעדלעכער איז שיפלות־

הדעת און מינדערוועדטיקייט־קאָמפּלעקס. נישט אומזיסט האָבן חסידים געהאַלטן, אַז איבערגעטריבענע עצבות איז דער מקור פון זינד און איר באַגלייט־דערשיינונג: דאָס נישט פאַרטראָגן זיך אַליין. און וואָס טאַלאַנטפולער און בריהדיקער עס איז דער אויסדרוק פון אָט די געפילן, אַלץ מער חורבן און פאַרוויסטונג זייען זיי.

אָט די לאַנגע הקדמה האָבן מיר געמאַכט, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם שטראָם פון זיך אַליין שמייסן, פון צידקותדיקן און „ווילגערנטן" אַריינזאָגן ישראל און יידן, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף אונדז זינט דער יום־כיפור־מלחמה. אָט דער מוטנער ים איז עלול אונדז צו פאַרפלייצן. פאַר דעם איז גענוג נאָר צו לייענען צייטונגען, הערן ראַדיאָ און זען טעלעוויזיע, באַזוכן טעאַטערס, זיך צוהערן צו דער גייסטיקער „עליטע", צו שמועסן „מיט מענטשן פון דער גאַס". אָפט מאָל דוכט זיך, אַז מען דאַרף גאָרנישט האָבן קיין קיטשקאָס, קיין לעקציעס אויף די אַראַבישע אוניווערסיטעטן. מען דאַרף בלויז לאָזן די יידן אָנגיין מיט דער אַרגיע פון מאַזאָכיסטישער אָנגרייפערישקייט. דאָס וועט שוין פון זיך אַליין טאָן די אַנטיסעמיטישע מלאכה, אָן דער הילף פון דרויסן...

מיר ווילן זיך אָפּשטעלן אויף אַ טייל פון די אָנגענומענע טענות צו ישראל, וואָס ווערן אַזוי אָפט און עקשנותדיק אַרויסגעבראַכט.

1. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, רעדט וועגן דער „געפאַלענער שטימונג", געזונקענער מאָראַל און טיפן פעסימיזם פון אונדזער געזעלשאַפט. אַ קאָנגרעס פון פסיכיאַטרען האָט אַפילו ספּעציעל שטודירט די פּסיכיק פון דעם ישראלי נאָך דער יום־כיפור־מלחמה. אַלס טיפּישן מאָדעל פון קאָלעקטיווער מרה־שחורה. אין צייט פון געפאַר און שפּאַנונג האָבן זיי אין אונדז דערזען קרבנות פון דעפּרעסיע. ווען עס איז געקומען אַהער אַ דעלעגאַציע פון די אַמעריקאַנער יידישע פירערס, האָבן זיי אויסגעדריקט זייער „פרייידיקע איבערראַשונג", אַז אַנשטאָט אַ געשלאָגענער מאַסע האָבן זיי געפונען אַן אַנטשלאָסענעם, דינאַמישן און ציל־באַוווסטן ישוב. געקומען זענען זיי, ווייזט אויס, כדי צו טרייסטן געפאַלענע און האָבן צום סוף גאָר געפונען אינספּיראַציע און מוט פאַר זיך אַליין.

ס'וווּנדערט מיך נישט די פרייד פון די חשובע און טייערע טוערס. איך חידוש זיך פון זייער איבערראַשונג. זיי האָבן, ווייזט אויס, פאַרביטן שטימונ־

גען („מצב־רוח״, ווי מען זאָגט ביי אונדז) מיט דער אמתער שטים פון פאָלק, וואָס איז לויטער און קלאָר אויך אין אונדזערע טעג. אין די „טעג פון דעפּרעסיע״ האָבן מיר געבויט, פּאַרפּעסטיקט אויף אַן אומגעהויערן אופן אונדזער אַרמיי, אַריינגענומען זידלונגען אויף די גרענעצן, ווי נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אַרויסגעוויזן פעסטקייט און קאַלטע אַנטשלאָסנקייט אין אָנבליק פון אינטערנאַציאָנאַלע פּראָוואָקאַציעס און שענדלעכע באַשלוסן פון דער אונ״אָ און אונעסקאָ, אַנטוויקלט שלום־איניציאַטיוון, אַרויסווייזנדיק דערביי ווידערשטאַנד קעגן אינטערנאַציאָנאַלע דרוקן אַפילו מצד אייגענע פריינד, אָנגעהויבן געזונט צו מאַכן אונדזערווירטשאַפט א.אַ.וו., א.אַ.וו.

מענטשן קענען דאָס אין מאָמענטן פון אמתער, אָרגאַנישער געפאַלנקייט נישט באַווייזן; זיי מוזן האָבן טיפע וואָרצלען פון גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון דעם אויפטו, אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון זיין פאַרווירקלעכונג. מען דאַרף פאַרמאָגן וויטאַליטעט און אָפּטימיזם, וועלכע האָבן אונדז שטענדיק געראַטעוועט אין קעגנזאַץ צו די נביאים פון חורבן.

און צוריקגערעדט — ווייזט מיר נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי קעמפן קעגן אומגלייכע כוחות, אַזוי זיין אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע געפאַרן, געפינען זיך אין אַ נערוועזער אומזיכערקייט צווישן שלום און מלחמה, און פון דעסטוועגן לעבן נאָרמאַל און נישט פאַרלירן דעם צלם אלוקים ואדם.

2. ס'איז הימל און ערד און „יורדים״ פון לאַנד. לויט די יאוש־זעערס איז יעדער בירגער אַ קאַנדידאַט פאַר ירידה. אַלע ווילן אַנטלויפן פון ישראל, והראיה, „מיין שכן״, דער יונגערמאַן פון דער צווייטער גאַס, דער עולה איקס, פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, די יידן, וועלכע האָבן געקריגן וויזעס קיין ישראל און אויסגעקליבן אַמעריקע און קאַנאַדע א.אַ.וו. א.אַ.וו. אָט די טרויעריקע פאַלן ווערן פונאַנדערגעבלאָזן מחוץ פון יעדער פּראָפּאָרץ און אָנעם מינדעסטן אָפּשטיי פאַרן אמת פון ציפערן און עס פרעגט זיך:

פאַר וואָס רעדן וועגן די 200 טויזנט יורדים פון ישראל זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און נישט וועגן אַ מיליאָן מיט 800 טויזנט, וועלכע האָבן פאַרפירפאַכט אונדזער צאָל אין לאַנד, זיך איינגעבירגערט פיזיש און גייסטיק, „האָבן געבויט הייזער און געפלאַנצט ווייגגערטנער״, איבערגעאַנדערשט די מאַפּע פון לאַנד און זי פאַרזייט מיט דערפער, אינדוסטריעלע

צענטערס, אַנטוויקלונגס־געביטן און „שטעט מיט יידן״? פאַר וואָס דער־ציילן, איבערקייען ביז צום עקל די טרויעריקע געשיכטע פון די עטלעכע טויזנט סאָוויעטישע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צו די ישראל־באַדינגונגען? פאַר וואָס זיך נישט באַנוגענען מיט קריטיקירן אונדזערע טעותן אין קליטה און פאַרשווייגן אָדער נישט גענוג אונטערשטרייכן די גרויסע עליה גופא, דאָס אַריינברענגען קרוב 100 טויזנט סאָוויעטישע יידן, דעם פאַקט, אַז איבער 90 פּראָצענט פון זיי האָט געפונען וווינונגען, פּלעצער פון אַרבעט און אַז די מדינה האָט זיך געטיילט מיט איר אָרעמען ביסן, כדי זיי עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל אינטעגרירן אין לאַנד אָפט מאָל אויפן חשבון פון וותיקים און יונגע מענטשן? ווי נאָך איז דאָ אַזאַ ביישפּיל פון אַלטרואיזם, פון סאָלידאַריטעט, וואָס איז ביי אונדז אַ „נאַטירלעכע זאַך״?

אוודאי טוט אונדז ווי פאַר יעדן ייד (בפרט ווען ער איז יונג, מיט אַ פאַך אין האַנט, אַ הי־געבוירענער און אָפט מאָל אַ מלחמה־וועטעראַן) וואָס פאַרלאָזט דאָס לאַנד; אָבער ווו אין דער וועלט איז דאָ אַ לאַנד, וואָס מען פאַרלאָזט נישט אין נאַטירלעכן פּראָצעס פון עמיגראַציע? פאַר וואָס זאָל זיך נישט געפינען אַ געוויסע צאָל, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן די שפּאַנונגען, די גרענעצן, די פיזישע אומזיכערקייט פון לאַנד און זוכט „גליקן״ אין אַנדערע לענדער און יבשות? צי דאַרף מען צוליב דעם פאַרלירן דעם קאָפּ? צי דאַרף מען פאַרוואַנדלען אַן אויסנאַם אין אַ כלל? צי דאַרף מען פון די יורדים מאַכן „קרבנות״ פון רעזשים?

וואָס שייך דער פאַרדריסלעכער פאַרקלענערונג פון דער עליה, טאָר מען וועגן דעם ענין נישט טראַכטן אין קאַטעגאָריעס פון אַ יאָר און צוויי. ווער ווייס דען נישט, אַז אין דער עליה איז שטענדיק געווען אַ צופלוס און אַן אָפּפלוס. אָבער צי קאָן עמעצער אָפּפרעגן דעם אַ סך וויכטיקערן און מער זאָגנדיקערן פאַקט פון די קרוב 300 טויזנט יידן, וואָס זענען אָנגעקומען נאָך דער זעקס־טאָגיקער און נאָך מער נאָך דער יום־כיפור־מלחמה? צי איז אונדזער אַלעמענס שטרעבן צו אַ סך אַ גרעסערער עליה אַ באַרעכטיקונג מזלזל צו זיין אין דעם יש דאָ, ווי קליין ער זאָל נישט אויסזען אין די אויגן פון די „מאַקסימאַליסטן״ און „פּערפעקציאָניסטן״?

די זעלבסט־געקרויינטע קטיגורס פון ישראל שילדערן אונדזער פּאָליטיש לעבן ווי איין גרויסן כאַאָס. ערנסטע פּובליציסטן באַנוצן זיך מיט דער פאָרם

און מיטן סטיל פון טעאַטער־סאַטירעס און פּאַגראָמען: אַלץ צעפּאַלט זיך, דער גאַנצער פּאָליטישער סיסטעם איז צעטרייסלט און צעבראָקלט. ממש אַ שיף אָן אַ רודער. אין דער רעגירונג זאָגט איין מיניסטער דאָס פּאַרקערטע פון צווייטן און עס פעלט „אַ פירנדיקע האַנט". נישט נאָר אין דער הערשנ־דיקער עבודה־פּאַרטיי, וווּ עס איז דאָ אַ שטענדיקער ויתרוצצו פון פאַר־שיידענע דרוק־גרופּעס, חטיבות, פּערזענלעכקייטן און זייערע אַמביציעס, אָנ־שוויונגען און אינטערעסן, נאָר אויך אין די אַנדערע פּאַרטייען, וואָס זענען אָן אַרענע פון אומאויפהערלעכע צוזאַמענשטויסן און אינטריגעס. די איינצי־קע קענצייכנס פאַרן מפד"ל, למשל, זענען די הויף־אינטריגעס פון די פּי־רערס, די קאַמפן צווישן יונגע און אַלטע, די צביעות פון דער פירערשאַפט א.אַ.וו.

די ישראלדיקע פּרעסע, וואָס צו איר שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זי פאַרנעמט זיך נישט צו פיל מיט סעקס און געוואַלט, פּאָרנאָגראַפיע און פאַר־ברעכן־כראָניק, האָט געמאַכט פון די פּאָליטישע געשעענישן אַ מין נייעם סעקס און זי צעלייגט אויף טעלערלעך יעדן אינצידענט און פּראָטאָקאָלירט מיט קידוש לבנה־אותיות יעדע רוטין־מחלוקת אויף זיצונגען פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט. ס'ווערט ממש חושך פאַר די אויגן פון די הונדערטער אינטערוויוען, וואָס פאַלן אויף אונדז מיט אַ מאָנאָטאָנקייט פון אַ רעגן. אַלץ כדי פאַרצושטעלן אונדזער פּאָליטישן און פּאַרטייאישן סיסטעם, ווי אַ געמיש פון קנאותדיקער סעקטאַנטישקייט און סענסאַציאָנעלן פּראָווינציאַליזם.

זענען מיר ווייט פון וועלן פאַרטושן אָט די שאָטנזייטן פון אונדזער דע־מאָקראַטישן רעזשים אין זיין טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. אַוודאי באַדויערן מיר די איבערגעטריבענע צאָל פּאַרטייען (כאָטש דאָס איז מיר ליבער ווי דער איין־פּאַרטיי־סיסטעם פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות, אָדער פון די לענ־דער פון דעם אַזוי גלאָריפיצירטן דריטן וועג פון דרום־אַמעריקע, אַפריקע און אַזיע). אַוודאי איז דער איצטיקער וואַל־סיסטעם אין זיין עקסטרעמער „פּראָפּאָרציאָנאַליסטישער פאָרם" מער פעלשונג פון דעמאָקראַטיע ווי איר שלימותדיקער אויסדרוק.

דאָס בילד פון ישראל ווי דער סאַמע אויסדרוק פון צערודערטקייט, פון אומסטאַבילקייט איז אָבער אַזוי ווייט פונעם אמת, ווי עס איז ווייט דער מזרח פון דעם מערב.

עס איז גענוג צו דערמאָנען נאָר עטלעכע פאַקטן: אין גאַנצן נאָענטן מזרח זענען מיר די איינציקע אויטענטישע דעמאָקראַטיע מיט וואַלן, מיט פּאַר־לאַמענטאַרישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער רעגירונג, פיל־פּאַרטיי־סיס־טעם און כמעט אומבאַגרענעצטער פרייהייט פון וואָרט, פון פּאָליטישע איבער־צייגונגען, וואָס פאַר אַ מדינה אין פאַקטישן מלחמה־צושטאַנד איז עס אַפילו ריזיקאַליש. עס איז כמעט אָן אַ פּרעצעדענט אין דער וועלט, באַזונדערס אין איר מערבדיקן פרייען טייל, אָט די מערקווירדיקע סטאַביליטעט פון דער רע־גירונג. פאַר די לעצטע 40 יאָר שטייט ביי דער מאַכט כמעט אָן איבעררייס איין באַוועגונג, איין פּאַרטיי מיט לייכטע ענדערונגען פון אירע שותפים אין דער קאָאַליציע. אויב דאָס איז נישט סטאַביליטעט — איז וואָס דען איז עס? בפרט אַז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אָן געוואַלט, אין אָן אָרנטלעכן, אָפענעם וואַלסיסטעם, וואָס פאַוואָריזירט אָפט קלענערע גרופּעס, און אין צייטן, וואָס נישט שטענדיק האָבן זיי געבראַכט דערגרייכונגען און נצחונות.

אפשר לוינט זיך צו דערמאָנען בלויז די סאַמע לעצטע פּאָליטישע אַנט־וויקלונגען: דעם פאַקט, וואָס מען האָט געוואַגט דורכפירן וואַלן עטלעכע חדשים נאָך דער טראַומע פון דער יום־כיפּור־מלחמה און דאָס לויט דער איניציאַטיוו פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, וואָס האָט נישט געקענט אויס־קלייבן קיין ערגערע צייט פאַר איר, ווען זי וואָלט נישט באַוויזן געוועזן פון דעמאָקראַטישע מאָטיוון.

צי איז עס נישט אַ סימן פון דער וויטאַליטעט פון דער ישראל־דעמאָ־קראַטיע, אַז זי האָט געוואַגט אין אַ היסטאָרישער אויסנאַמצייט אַוועקצו־שטעלן אין שפּיץ פון לאַנד און פאָלק אַ גאַנץ נייע גרופּע פירערס, ייִנגערע און אומדערפאַרענע, וועלכע האָבן איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָן די גרעסטע און וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן פון לאַנד און אַז אַזאַ רע־וואָלוציע איז געווען „בלוטלאָז" (און מיר מיינען נישט חלילה דעם פּשוט פיזישן באַגריף פון וואָרט), אַז אַלץ האָט געקלאַפּט און אַלע סימנים ווייזן, אַז דאָס קינד איז געראָטן און וועט האָבן אריכת־ימים.

צי דאַרף מען נישט באַוווּנדערן די דיסציפּלין און די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון אַלע פּאָליטישע פאַקטאָרן אין ישראל פון עקסטרעם־רעכטס ביז לינק (מיט קליינע אויסנאַמען, ווי למשל סעבאַסטיאַ, אָדער די אומגע־וווּנטשענע לינקיסטישע דעמאָנסטראַציעס), ביי ווען עס לאָזט זיך אויס

מיט רעדן און מיט מעשים פון „יידישע גזלנים"? צי איז עס אַזוי פּשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך אין אַ צייט פוןליידנשאַפטלעכע און הייסע דע־באַטעס איבער באמת גורלדיקע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דעם סאַמע פונ־דאַמענט און די צוקונפט פון דער מדינה? צי איז עס נישט קיין סימן פון פּאָליטישער רייפקייט, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פון אידעלן פּאַטריאָ־טיזם, פון חכמה און געלאַסטקייט?

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן ישראלדיקע קולטור־ענינים. מ'וואַרפט פאָר אונדזער שולסיסטעם, אַז ער דערציט עם הארצים. מ'דערמאָנט די רעזול־טאַטן פון דער באַרימטער אַנקעטע צווישן די קאַנדידאַטן אויף מלוכה־אַמטן א.אַ.וו. מ'זאָגט, אַז אונדזער קונסט איז כולה דילעטאַנטישקייט, מאָרד, אַזאַרד און סעקס־מאַטעריאַל, אַז אונדזערע שרייבערס זענען גראַפאָמאַנען, אַז מיר האָבן פאַרלוירן אַלע ווערטן און יאָגן זיך נאָך דעם ביליקן און וווּלגאַרן־היינטצייטיקן, אַז דאָס לאַנד באַשטייט פון אפּיקורסישע ניהיליסטן אָן אַ ברעקל יידישקייט און רעספּעקט פאַר טראַדיציע און קולטור, אַז מען יאָגט זיך אומאויפהערלעך נאָכן געלד און באַקוועמלעכקייטן.

אָט די קריטיק ווערט אונטערגעהאַלטן דורך די יידן אין די תפוצות (צווישן זיי אַפילו ציוניסטן און פריינד פון ישראל), וואָס זעען דערין אַ מין צרת־רבים־טרייסט פאַר דער אויסליידיקונג פון יידישע ישובים פון יעדן יידישן אינהאַלט און פאַר דער גאַלאָפּירנדיקער אַסימילאַציע. ס'איז, ווי מע וואָלט געזאָגט: „און איר זענט בעסער? צי איז דען לכל הפחות באַרעכטיקט אייער פּרעטענזיע וועגן גייסטיקער צענטראַליטעט?" געוויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין גלות דערלויבן זיך צו רעדן וועגן „אַ ברירה", אַן אַלטערנאַטיווע צו ישראל, וואָס איז נישט מער ווי אַ מין רעצידיוו פון בונדיזם אָבער אָן מאַסן און אָן שפּעדישער „דאָיקייט".

ווילן מיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין אַ פּאָלעמיק, וואָס קען אויסגע־טייטשט ווערן ווי אַן אידעאַליזאַציע פונעם איצטיקן קולטור־מצב אין ישראל, צוזאַמען מיט זיינע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס מיר זענען די ערשטע צו באַדויערן און צו באַקעמפן. ס'איז אונדז אויך פרעמד יעדע כוונה מזלזל צו זיין אין די דערגרייכונגען פון יידישע ישובים אין דער וועלט, ווי קליין זיי ייאָלן נישט זיין.

ס'פרעגט זיך אָבער, ווי אַזוי זענען מיר פּלוצלינג בלינד געוואָרן, כדי

נישט דערזען די ממש לעגענדאַרע אויפטועך פון ישראל אין די ספערן פון קולטור, אַנטקעגן וואָס עס ווערן בלייך די אויפטועך פון אַ סך גרויסע, קולטורעלע און אַלטע מדינות? צי קען מען זיך נישט אַנטציקן פון אַ מיליאָן תלמידים אויף אַ באַפעלקערונג פון קנאַפע 3 מיליאָן יידן? צי זענען מיר, חלילה, „מפיל־קינדער" אין דער וויסנשאַפט אין אירע סאַמע מאָדערנסטע און ראַפינירטסטע אויסדרוקן? צי איז נישט די שטענדיקע באַרייכערונג און פאַרטיפונג פון העברעיש אין דער טאָג־טעגלעכער און אין דער סובלי־מירטער קאַנווע איינס פון די „זיבן וווּנדער פון דער וועלט"? צי זענען מיר נישט געוואָרן דער צענטער פון תנ"ך אין פולן זינען פון וואָרט און אין אַלע זיינע אַספעקטן? צי זענען מיר, חלילה, די לעצטע און נישט די ערשטע אין דער וועלט אין לערנען און אין דערציונג פאַר דערוואַקסענע? צי זענען מיר נישט געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער צענטער פון מוזיק? צי האָבן מיר זיך וואָס צו שעמען מיט אונדזער פרעסע, וואָס טראָגט אַלע אירע פעלערן, קענען אַפילו אירע נאָכמיטאָג־צייטונגען קאָנקורירן וואָס שייך ניוואָ, ערנסטקייט און טאַלאַנט פון אירע מיטאַרבעטערס מיט די פרעסטיזשפולסטע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין דער וועלט? צי איז ערגעץ ווו דאָ אַן אַנדער יידישער צענטער פאַר ליטעראַטור, יידיש אַריינגערעכנט? ווי קאָן מען עס גאָר פאַרגלייכן מיט די מער ווי באַשיידענע אויסדרוקן פון רעליגיעזער און וועלטלעכער שעפערישקייט פון יידישע ישובים, שוין אַריינרעכענענדיק דעם מעכטיקן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן?

מיר וואָלטן געקענט אַזוי אַנגיין און אַנגיין, ענטפערנדיק און אויס־טענהנדיק זיך מיט די אומברחמנותדיקע קריטיקערס. פאַרוואָס, למשל, זעען זיי נאָר די פאַרדריסלעכע שטריכן פון די שליסל־פאַראיינען, וואָס האַלטן די מדינה ביים גאָרגל און נישט די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וועלכע טוען פרידלעך און ערנסט זייער אַרבעט אין נישט קיין געהויבענע עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען? פאַרוואָס רעדן וועגן ווירטשאַפטלעכן עגאָיזם פון דער ישראל־באַפעלקערונג, פאַרגעסנדיק אַז ישראל איז אַ לאַנד, ווו מען צאָלט דעם העכסטן הכנסה־שטייער אין דער וועלט?

און פון וואַנען נעמט זיך אָט די נישט באַלאַנסירטע און איינזייטיקע קריטיק פון ישראל, וואָס צווישן אַנדערע דערגייט עס ביז צום אָרויפ־וואַרפן די שולד אויף ישראל פאַר נישט דערגרייכן דעם שלום אין נאָענטן

מזרח (דר. גאָלדמאַן), ביז צום וואָגן וואָרענען ישראל און דאָס וועלט־יידנטום און פאַקטיש די וועלט קעגן דער סכנה פון אַ פּרעווענטיוון קריג מצד ישראל (דר. יאָאַכים פּרינץ), פון ווילדע אָנפאַלן אויף אונדזער לאַנד מצד דער „ראַדיקאַלער" יידישער יוגנט אין געוויסע לענדער?

ווי געזאָגט, איז עס אַ היסטאָריש נאַציאָנאַלער שטריך: זעלבסט־שנאה האָט אונדז באַגלייט אין אַלע דורות. אין גלות האָבן מיר אַנטוויקלט די אייגנשאַפט פון קריטישן צוגאַנג צו זאַכן, וועלכע נישט מיר האָבן געשאַפן און פאָרמירט, פון טיפּיש אינטעלעקטואַלן צוגאַנג צו סיטואַציעס אין נאָמען פון דעם אָפט מאָל אומדערגרייכלעכן און אַבסאָלוטן.

אָבער דאָס ווערט אומדערטרעגלעך אין אַ לאַנד, ווו מיר זענען די געשטאַלטערס פון אַן אייגענער רעאַליטעט, וואָס מוז זיין מענטשלעך, נישט פולקום, אַ רעאַליטעט אין וועלכער טעותן זענען אַ לעגיטימער טייל.

די צרה מיט אונדז איז, וואָס מיר האָבן זיך ליב צו פאַרגלייכן נישט צו מדינות פון אונדזער גרייס און יכולת, נאָר צו די סאַמע שפּיצן. מיר ווילן זיין אַזוי דעמאָקראַטיש, פּאַרלאַמענטאַריש ווי ענגלאַנד, אַזוי בריהדיק טעכנאָלאָגיש ווי אַמעריקע און האָבן אַ לעבנס־סטאַנדאַרט נישט ווייניקער ווי די סקאַנדינאַווער.

און וואָס איז מכוח אַ ביסל מער באַשיידנקייט? פאַרוואָס זיך נישט פאַרגלייכן צו מיטעלע אייראָפּעישע לענדער, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע?

אַוודאי איז גוט צו קלעטערן אויף די שטאַפּלען פונעם גאָלדענעם לייטער צום הימל, אָבער למען השם נישט פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס.

כּדי זיך צו דערהייבן צום הייליקן פּאַטאָס פון צאַרענען און שטראָפן, דאַרף מען זיין אַ נביא, אָבער כּדי צו דערזען דאָס גרויסע און ווערטפולע, דאַרף מען נישט קיין סך, נאָר בלויז אַ ביסעלע אהבת ישראל.

1975

אַ ביטערער דיאַלאָג

א.

אַ דיאַלאָג מיט נייע עולים איז נישט קיין לייכטער ענין, באַזונדערס, ווען ער נעמט אָן די פאָרם פון אַ וויכוח, אַ קאָנפראָנטאַציע און אַפילו פון אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס. ער ווערט אָפט מאָל באַגלייט מיט טרויער, ווי עס געשעט אין אַ מחלוקת צווישן אייגענע און נאָענטע. פון דעסטוועגן זע־נען מיר נישט פריי פון אים, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין.

אפשר פאַרלייכטערט דאָס געמיט די טעמע פון דער דיסקוסיע. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישער קליטה, וועגן די „פריי־ווילעגיעס" פאַר נייע עולים, וועגן דעם באַרימט געוואָרענעם און אומ־גליקלעכן אַנטקעגנשטעלן עולים קעגן ותיקים, יונגע ישראלדיקע פאַרלעך קעגן ניי־אָנגעקומענע א.א.וו. מיר זענען אַפילו נישט אויסן די געזעלשאַפט־לעך־גייסטיקע קליטה, די פראַגע וועגן פריינדלעכער באַציונג, גוטע מאַנירן שכנותדיקע קאָנטאַקטן, וואָס וועגן זיי קענען גאַרנישט זיין קיין צוויי מיי־נונגען. די דעבאַטע, וואָס מיר האָבן אין זינען איז אין דער ספערע פון אידעאָלאָגיע און ווערטן. וועגן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן רעזשים און דעם כאַראַקטער פון דער מדינה, וועגן תוך־זאַכן און מענטאַליטעט, אַזוי צו זאָגן „קליטה של מעלה".

דער שווערפּונקט איז נישט ווי אַזוי מיר זעען און באַגעגענען די עולים, נאָר ווי אַזוי זיי זעען אונדז און ווי זיי נעמען אויף די פונדאַמענטאַלע כאַראַקטער־שטריכן פון אונדזער געזעלשאַפט.

לאָמיר זאָגן פאַרויס, אַז עס איז אַ וויכוח צווישן גלייכע. דאָ נאָך מער ווי אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט גילט נישט קיין „ותק", סטאַזש! דאָס לענגער זיין אין לאַנד גיט נישט צו קיין שום באַזונדערע וואָג און

דאָס אָנצייגן אויף די דערפאַרונגען איז נישט קיין וועג פון איבערצייגונג. דערפאַרונג איז טאַקע אַ גרויסע זאַך, אָבער אָפט מאָל איז נישט ווייניקער וויכטיק אַ פרישער קוק פון נייע מענטשן. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז די פריווילעגיע פון נייע עולים און זייערע דעמאָקראַטישע פליכט אַרויס־צוזאָגן זייער מיינונג פונקט ווי זיי וואָלטן מיט אונדז געזעסן פון דור דורות אָן.

ווי באַלד אַזוי, דאַרפן די עולים נישט דערוואַרטן פון אונדז קיין באַ־זונדערן איינזען און קיין מילדע טאָלעראַנטקייט צו מיינונגען, וואָס זעען אונדז אויס פאַלש, צו וווּלגאַרע פאַראַלגעמיינערונגען, צו אייליקע פעסט־שטעלונגען. פאַרקערט, אויב מיר זאָלן זיי „אַראָפּשלינגען", זינדיקן מיר בפירוש קעגן זיי און זייערע אונטערוואַקסנדיקע דורות, אויך שאַרפע פאָ־לעמיק איז אַ וועג פון אויפקלערונג און דערציונג.

ב.

דאָס איז חל ראשית כל אויף די סאָוויעטישע עולים. מען מוז זיך אָנ־טאָן אַ כוח און אויף אַ געווויסן מאָמענט זיך נישט לאָזן באַהערשן פון דער פרייד פון זייער עצם זיין צווישן אונדז, פון דעם דרך־ארץ פאַר זייער אינ־טעגריטעט און העראָיזם און פון דער דאַנקבאַרקייט פאַר זייער באַנייען דעם גלויבן אין ציוניזם און אין יידישקייט בכלל. און כדי נאָר שווערער מאַכן אונדזער אויפגאַבע האָבן מיר אויסגעוויילט אַלס פאַרטנער צו דעם וויכוח נישט קיין אַנדערן ווי באָריס קאָטשוביעווסקי, אַ ממש העראָישע פער־זענלעכקייט, פון די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון יידישןווידערשטאַנד אין סאָוויעט־רוסלאַנד און וואָס האָט געוויזן דעם וועג פאַר אַנדערע מיטן ממש היסטאָריש געוואָרענעם אויפטריט אויף זיין פראָצעס. אָבער דווקא דערפאַר קענען זיינע ווערטער האָבן אַ טיפערן איינדרוק אויף מאַסן, וואָס וועלן פאַרמישן אַ רעוואָלוציאָנערע פערזענלעכקייט מיט רעאַק־ציאָנערע מיינונגען, אַ מוטיקע שטעלונג מיט אַ פאַלשער, נישט באַגרינדע־טער אינטעלעקטועלער איינשטעלונג. אין דער וועלט פון אידעען איז פאַ־ראַן אייך דין פאַר גרויסע און קליינע, קיינער שטייט נישט העכער פון אמת.

אין דער צייטונג „ידיעות אחרונות" (29טן מערץ 1972) ווערט גע־

דרוקט זיינער אַן אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „די יידן פון שווייגן וועגדן זיך רעכטס". דער מאמר איז פול מיט דערקלערונגען, איינע קאַטעגאָרישער פון דער צווייטער, וועגן דעם אומגלויבן, וואָס עס האָבן די עולים וואָס שייך דער מעגלעכקייט צו בויען אַ געזעלשאַפט אויף די יסודות פון וועלכן עס איז סאָציאַליסטישן גלויבן, וועגן דעם, אַז די סאָוויעטישע עליה פאַר־לייקנט נישט נאָר דעם קאָמוניזם, נאָר דעם סאָציאַליזם בכלל, וואָס מוז פריער, אָדער שפּעטער אָננעמען די סאָוויעטישע תורה, אַז די ישראלדיקע פּאָליטישע סטאַביליטעט איז אידענטיש מיט גייסטיקער, געזעלשאַפטלעכער פאַרפרוירנקייט און טראָגט מיט זיך גרויסע סכנות, אַז די עולים פון ראַטנ־פאַרבאַנד קערן זיך אָפּ פּרינציפּיעל פון קיבוץ, אַז זיי זענען קעגן רעליגיע־רעפאָרמען, אַז זיי זענען פאַר אַן אַגרעסיווער אויסערן־פּאָליטיק און פאַר „אף שעל" (נישט אָפּטרעטן קיין טריט) א.אַ.וו.

נישט מיט אַלץ ווילן מיר פּאָלעמיזירן. וואָס קאָן מען, למשל, זאָגן וועגן אַ דערקלערונג, אַז „די וועלט גייט רעכטס און מיר צוזאַמען מיט זיי"? שוין פון ריין פאַקטישן שטאַנדפּונקט איז עס אַן אַבסורד. צי גייט אַמעריקע (און מיר הויבן אָן גראָד פון דעם קאָנסערוואַטיווסטן קאַפּיטאַליס־טישן טייל אין דער וועלט) רעכטס, אָדער פאַרקערט? עס קומען אין איר פאָר גרויסע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס וואָלטן נאָך פריער מיט אַ 20 יאָר צוריק פאַרשריגן געוואָרן אַלס סאָציאַליזם רחמנא לצלן. צי קומען נישט אין דרום־אַמעריקע פאָר קיין פּראַצעסן, וואָס זאָגן אָן גרויסע סאָציאַלע טראַנספאָרמאַציעס, אויפברויזן און איבערקערענישן? צי איז עס אַ צופאַל, וואָס אַלע באַפרייונג־באַוועגונגען אין אַפריקע און אַזיע מוזן אָננעמען דעם סאָציאַליזם אין פאַרשיידענע נוסחאות און שיטות אַלס פּאָליטישע און סאָציאַלע פילאָזאָפיע, אויב נישט אין מעשים, איז לכל הפחות טעאָרעטיש? צי שטייען נישט סאָציאַליסטישע רעגירונגען ביי דער מאַכט אין מערב־אייראָפּע און צי ווערן נישט גרויסע טיילן פון זייער פּראָ־גראַם פאַרווירקלעכט אַפילו דורך זייערע קעגנערס, וואָס ענטפערן אמן בעל כורחם? ווו געפינען זיך היינט „רעכטע" רעזשימען, אַחוץ אפשר די דיק־טאַטורן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, מיליטערישע רעזשימען אין לאַטיין־אַמעריקע און... דער רעזשים פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס איז אַזוי סאָ־ציאַליסטיש ווי סיריע און סאַודיע זענען פּראָגרעסיוו און באַפרייעריש.

מיר ווילן אויך נישט דיסקוטירן וועגן פראַגן, וואָס זענען נישט דווקא ספּעציפיש פאַר די נייע עולים, נאָר זענען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם וויכוח אין לאַנד. איך דאַרף נישט גראָד אויסוויילן קאַטשוביעווסקין אַלס מעדיום פון דעם שטענדיקן וויכוח מיט די מאַקסימאַליסטן, מיט די מענטשן פון ארץ־ישראל השלמה. מיליטאַנטישע פּראָזעאָלאָגיע איז נישט קיין נייעס און „אף שעל״ איז נאָר אַ וואַריאַציע פון דעם „רק ככה״. ווען עס וועט קומען די צייט, וועט דאָס פאָלק דורך אונדזערע אַנגענומענע דעמאָקראַטישע פאָרמען אַנטשיידן וועגן שלום־באַדינגונגען, גרענעצן א.אַ.וו.

ביז איצט האָט דער ישוב געשענקט דעם צוטרוי די מענטשן, וואָס זע־נען געגאַנגען אויפן וועג פון פּאָליטישן רעאַליזם, פון שאַפן פאַקטן אַלס יסוד פון פּאָליטישע פאָדערונגען. דורך דעקלאַראַציעס איז נאָך קיין איין „שעל״ ד.ה. קיין איין שפּאַן ערד נישט צוגעקומען צום יידישן לאַנד. און כ׳האָב מורא, אַז דורך מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ „גרויסמאַכט״ (לויט קאַ־טשוביעווסקיס ווערטער) וועלן מיר קיין גרויסמאַכט נישט ווערן. און זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד, כ׳וויס גאָרנישט צי איך וויל עס...

אויב איך מוז שוין, וויל איך בעסער פירן דעם רעליגיעזן וויכוח מיט דער רבנות־הראשית, מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען. איך צווייפל צי אַ סך פון די רעליגיעזע עלעמענטן וועלן מסכים זיין צו דעם, אַז מ׳קאָן נישט מאַכן קיין שום רעפאָרמען אין דער רעליגיע, שוין צוליב דעם, ווייל דאָס וואָס איז געטרייע אָרטאָדאָקסיע ביים מפד״ל (מזרחי) איז אפּיקורסות ביי דער אגודה און עבודה זרה ביי די נטורי קרתא. דאָס וועלן פאָרשטעלן וויטאַלע ענדערונגען און צופּאַסונגען ווי אַ פּרוּוו „צו שטעלן זיך העכער פון דער תורה״ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פאַנאַטישער מינדערהייט.

ס׳איז אויך אַ פראַגע צי ס׳איז אין גייסט פון יידנטום. (אויך רעלי־גיעזן) דאָס באַהויפּטן, אַז דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן צוליב דער רעליגיע און נישט די רעליגיע צוליבן מענטשן. די פונדאַמענטאַלע פאָרטיילונג איז אַ געקינצלטע און אַ פרעמדע. גאָט און מענטש חד־הוא...

אָבער, ווי געזאָגט, נישט דאָס זענען מיר אויסן, כאָטש ס׳שרעקט אונדז זייער די פאַרבינדונג צווישן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און מיליטאַנטישער רעליגיעזיטעט, וואָס איז אפשר איינע פון די גרעסטע געפאַרן אין פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן אין ישראל. ס׳פעלן פאַר דעם נישט קיין פינצטערע פּרע־

צעדענטן און אַנאַלאָגיעס. ס׳איז גאָר נישטאָ קיין שעדלעכע און רעאַקציאָ־נערע האַנדלונג, וואָס מ׳קען נישט כשרן מיט כוח פון רעליגיע. גיי דיסקו־טיר מיטן כביכול אַליין...

דאָס וואָס רעגט אונדז אויף, איז וואָס מען פּרוּווט אידענטיפיצירן די שטעלונג פון די אָדער יענע עולים (ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין) מיט דער מיינונג פון דער גאַנצער סאָוויעטישער עליה. אָבער וועגן דעם אַ ביסל ווייטער.

☆

אַזוי אַלט ווי די וועלט איז די טעאָריע, אַז מ׳דאַרף ענדערן דעם סאָציאַלן סיסטעם פון ישראל, כדי יידן פון אַמעריקע זאָלן וועלן עולה זיין, פּונקט ווי ישראלס סאָציאַלער סיסטעם וואָלט געווען די סיבה פון דער קליינער עליה און פונקט ווי די סאָציאַליסטישע ישראל וואָלט נישט געגעבן די גרעסטע דערמוטיקונג און די בעסטע אינוועסטיציע־מעגלעכקייטן פאַרן קאַנסטרוקטיוון קאַפּיטאַל אין ישראל. קאַטשוביעווסקי זעט אַפילו אַ געוויסע פונקציע־צעטיילונג צווישן די סאָוויעטישע עולים און די אַמעריקאַנער יידן. די לעצטע וועלן קעמפן און דריקן פאַר אַ גרויסער עליה און די סאָוויע־טישע יידן וועלן צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַן עליה פון די פאַראייניקטע שטאַטן דורך דעם, וואָס זיי וועלן ענדערן די סטרוקטור פון דער ישראלדי־קער געזעלשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער — שאַפן ביי אונדז אַ גן־עדן פאַר קאַפּיטאַליסטן.

דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז צום גליק האָבן זיך אַמעריקאַנער יידן קיין מאָל נישט געלאָזט באַהערשן דורך אַזעלכע טעאָריעס, וואָס אַפּעלירן צו די ענגסטע עגאָיסטישע אינטערעסן, אַז די גרויסע אינוועסטיציעס זענען גע־מאַכט געוואָרן אין פולער שותפות מיט דער רעגירונג, מיט דער הסתדרות, אַז זיי, די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, האָבן קיין מאָל נישט פאַרבונדן זייערע ריזיקע ביישטייערונגען מיט וועלכן ס׳איז פּרווו אָנצוואַרפן אויף ישראל דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, אַז זיי האָבן מיט אַ טיפער היס־טאָרישער אינטואיציע איבערגעלאָזן פאַר די שעפערישע כוחות פון ישראל צו באַשטימען זייער אייגענעם וועג. און אויב ס׳איז דאָ אַן אָנהויב פון אַן

ערנסטער עליה פון אַמעריקע, און אויב ס׳איז דאָ אַ האָפענונג אַז זי וועט ווערן גרעסער און ברייטער, קומט זי פון קרייזן, וועלכע זוכן עפּעס אַנ־דערש ווי דעם אַמעריקאַנער לעבנסוועג. דאָס זענען קרייזן וואָס זוכן דווקא יאָ סאָציאַליסטישע פאָרמען פון לעבן, אָדער טיפע יידישע רעליגיעזע איבערלעבונגען, קרייזן וואָס זענען ווייט ווי מזרח פון מערב, פון „רעכט־קייט״, פון „פריוואַטער איניציאַטיוו״ און פון נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס קאַ־טשוביעווסקי „האָט אַנטדעקט״ אין אַמעריקע.

ג.

אויף דריי דערקלערונגען פון קאַטשוביעווסקין, וואָס ווערן געמאַכט ממש אין דער פאָרם פון אַקסיאָמעס, קאָן מען נישט אַריבערגיין צום סדר היום, שוין צוליב דעם, ווייל זיי זענען טיפּיש פאַר די אויפטריטן פון אַ געוויסן טייל פון וואָרטזאָגערס (אָדער גענויער וואָרטנעמערס) פון דער נייער עליה.

1. לאָמיר גלייך זאָגן ווי אומדערלאָזבאַר ס׳איז ווען מען פּרוּווט אי־דענטיפיצירן די שטעלונג פון די אָדער יענע עולים (ווי ריכטיק זיי זאָלן נישט זיין) מיט דער מיינונג פון דער גאַנצער סאָוועטישער עליה. אויך קאַטשוביעווסקי נעמט זיך דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אַלע סאָוויע־טישע עולים. זיין אייגענע מיינונג ווערט דאָ פאָרגעשטעלט ווי אַ „קאָנסענ־סוס״. ס׳איז אמת אַז צווישן די עולים געפינט אַ באַדייטנדיקע, אַן אַקטיווע, אַ פאַרדינסטפולע גרופּע, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פּרינציפּן פון „חרות״. דאָס איז זייער רעכט און דאָס פאַר־מינערט ביי קיינעם נישט און אויך ביי דעם שרייבער פון די שורות די פרייד צוליב זייער אָנקומען און דעם רעספּעקט פאַר זייער גוראַנגל. אָבער פון וואַנען די איינרעדעניש, אַז זיי פאַרטרעטן דעם גלויבן, די שטימונגען און די געפילן פון סאָוועטישע יידן בכלל? קיינער האָט נאָך דערוויל נישט דורכגעפירט קיין ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מיט אויסגעפּרוּווטע פאַקטן וועגן די עולים בכלל און אוודאי נישט וועגן זייערע גייסטיקע איינ־שטעלונגען, געפילן, נייגונגען, שטימונגען און פּאָליטישער אָריענטאַציע? ס׳קאָן זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קלאַסישן ביישפּיל פון אַ וואָ־

קאָלער מינדערהייט און אַ שווייגנדיקער מערהייט. אויך מיר זענען אין דעם נישט זיכער. אָבער ס׳איז גרייליך מעגלעך.

ס׳איז זיכער פּריצייטיק צו מאַכן פעסטשטעלונגען, ווען עס האַנדלט זיך דערוויל וועגן די ערשטע צענדליקער טויזנטער און דאָס נאָך איידער זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצונוצן זייער פּאָליטישע רעכט צו שטימען ביי וואַלן און צו באַשטימען.

די היסטאָרישע דערפאַרונג פון ישוב און פון דער מדינה האָט באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ באַשטימטע פּאָליטישע אָריענטאַציע פון אַן עליה פון אַ באַשטימטן לאַנד. דאָס איז אַפילו נישט געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער אַ ביסל פּרימיטיווער עליה פון די מזרח־לענדער, ווו ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז „כאַמולעס" זאָלן דעצידירן פאַר זייערע „שאָף", פאַר די ברייטע און צאָלרייכע שבטים און משפחות.

די גרויסע מאַסן־שטראָמען פון עליה פון צענדליקער לענדער און אָפּשטאַמען האָט נישט געביטן די פּאָליטישע מאַפּע פון ישראל. ס׳זעט אויס, אַז געאָגראַפיע און פּאָליטישע געוווינהייטן און אַלערגיעס פון די אָפּשטאַם־לענדער האָבן ווייניק וואָס צו טאָן מיט פּאָליטישע אָריענטאַציעס אין ישראל גופא. פאַראַן אַנדערע ענינים, וואָס דערציען און פאָרמירן: עקאָנאָמישע אינטערעסן פון קלאַסן און שיכטן, גורל־פראַגן אין דער אויסערלעכער און אין דער זיכערקייט־פּאָליטיק, איינשטעלונגען צו רעליגיע און צו אַנדערע גייסטיקע פראַגן. אין גאָר אַ קורצער צייט הויבן אָן עולים דענקען ווי ישראלדיקע און זייערע אָנפירנדיקע קאַדרעס (און איך ווינטש עס מיטן גאַנצן האַרצן אויך קאַטשוביעווסקין) אינטעגרירן זיך אין די שורות פון אונדזער גרויסן פּאָליטישן אַקטיוו.

בקיצור, ווען איך וואָלט געווען קאַטשוביעווסקי, וואָלט איך זיך נישט געאײַלט מיט נביאות, אַז די סאָוויעטישע יידן זאָגן אָן אַ קער אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט און כ׳וואָלט נישט געוועקט קיין אילוזיעס ביי „גחל".

2. דער הויפּט־טעות און לויט מיין מיינונג דער קוואַל פון דער גאַנצער פאַלש אויפגעבויטער קאָנצעפּציע איז דאָס פאַרמישן סאָציאַליזם מיט קאָמוניזם. זייביידע זענען נישט קיין וואַריאַציעס, קיין שאַטירונגען פון איינער און דער זעלבער באַוועגונג. זיי זענען טעזע און אַנטי־טעזע, צוויי וועלטן, דם־שונאים איינע דער אַנדערער. לויט מיין מיינונג זענען זיך די מי־

ליטערישע דיקטאַטורן און סאָוויעט־רוסלאַנד אַ סך נענטער, ווי סאָציאַליס־טישע דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם.

סאָציאַליסטן זענען דער היסטאָרישער קעגן־כוח צו קאָמוניסטן און זיי־נע קרבנות און מאַרטירערס, וואָס ציילן זיך אין מיליאָנען. ס'איז אונדזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז די אַלטערנאַטיווע פון באָלשעוויזם איז נישט דער „קלאַסישער" קאַפּיטאַליזם (אין וועלכן קיינער גלויבט שוין נישט, אַריינ־געשלאָסן אַמעריקע און מערב־אייראָפּע), נאָר דער פרייהייטלעכער, הומאַ־נער און דעמאָקראַטישער און „אַלטמאָדישער" סאָציאַליזם. נעמען און עמבלעמען זענען דאָ נישט וויכטיק. קיינער איז נישט שולדיק, וואָס דער קרעמל וויל זיך גראָד אָנרופן סאָציאַליזם, וואָס די מזרח־אייראָפּעישע רע־זשימען ווילן זיך גראָד באַצייכענען ווי פאָלקס־דעמאָקראַטיע. צוליב דעם וועל איך נישט אויפהערן זיין אי אַ סאָציאַליסט, אי אַ דעמאָקראַט. מיר מעגן אויך באַמערקן, אַז דאָס באַוווסטזיניקע פאַרמישן און נישט אונטער־שיידן צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן איז אַ קענצייכן פון אַ קליינער און פאַרביסענער נעאָ־פאַשיסטישער גרופּע אין דער וועלט, וואָס חלומט נאָך וועגן די אַלטע גוטע צייטן פון פאַר די ערשטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, אָדער פון האַלב קאָמישע מאָנאַרכיסטישע גרופּעס אין דער וועלט. קיין שום ערנסטער אַפילו נישט סאָציאַליסטישער, בירגערלעכער און קאָנסערוואַטיווער דענקער וועט נישט מאַכן די דאָזיקע פאַרמישונג פון מין בשאינו מינו.

נאָך מער איז עס ריכטיק בנוגע דעם ישראלדיקן סאָציאַליזם. כ'וואָלט געראָטן די אינטעליגענטע און הויך־געבילדעטע עולים זיך צו פאַרטיפן אין דעם ענין און דורכמאַכן אַ שטיקל סעמינאַר אין דעם מהות און אין דער געשיכטע פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און פון איר פּאָלי־טישער אַנטוויקלונג. ס'וועט זיי דאַן קלאָר ווערן, אַז די מעכטיקע השפעה פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט אויפן ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן פון לאַנד איז נישט קיין היסטאָרישער צופאַל און אַפילו נישט קיין רעזולטאַט פון אַ געלונגענער פּאָליטישער אָריענטאַציע, נאָר אַז אַנדערש האָט עס גאָרנישט געקאָנט זיין, ווייל אַנדערש וואָלט זיך ישראל נישט געקאָנט בויען און אויפנעמען עליה און זי אינטעגרירן, בתוכם אויך די סאָוויעטישע. ישראל האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם נוסח, אַן אייגענע שיטה, וואָס איז אַזוי ענלעך צום געוויינטלעכן טיפּ סאָציאַליזם, ווי אַ שופר צו אַ קלאַר־

נעט, אַז קיין ערנסטער סאָציאָלאָג קאָן ביי אונדז נישט אונטערשיידן ווי איז סאָציאַליזם און ווי נאַציאָנאַלע באַפרייונג, ווי קלאַס און ווי פאָלק, ווייל זיי שאַפן איין אָרגאַנישע גאַנצקייט.

זיי וועלן זיך אויך דערוויסן, אַז נישט איינער האָט געפרוווט (צווישן זיי אויך די אידעען־געגנאָסן פון קאַטשוביעווסקי, שפּערלינג און אַנדערע) צערייסן דעם דאַזיקן קנופּ, „ברעכן" די השפּעה פון חלוצישן ציוניזם און איז געבליבן „ביים וועלן". די אַרבעטערשאַפט שטייט ביי דער מאַכט נישט מיטן כוח פון געוואַלט פון „אַפּאַראַט", נאָר מיטן צוטרוי פון פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט, אַז נישט דער וואָס שרייט „מער" איז בכוח צו פּראָדוצירן אַפילו דאָס „מינימום" און נישט דער וואָס שרייט מיט פּאָמפּע וועגן „מלכות" איז דער איינציקער, אָדער אַפילו דער אמתער פּאַטריאָט.

מיר גלויבן, אַז מיר וועלן זיין געטריי דעם אמת, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די פילבאַרקייט צו סאָציאַלער גערעכטיקייט און גלייכהייט וועלכע קאַ־טשוביעווסקי פּאַרטראַגט נישט האָט אירע טיפע מאָראַלישע וואָרצלען אין דער יידישער טראַדיציע און אַז די שעפערס, די בויערס פון „דגניה" און אַפילו פון „מרחביה" האָבן געלערנט מערער פון ישעיהו און פון עמוס ווי פון מאַרקס און ענגעלס. פאַרשטעלן עקאָנאָמישן קאָנסערוואַטיזם ווי יידישן נאַציאָנאַליזם איז פּונקט אַזוי ריכטיק ווי כאַראַקטעריזירן — אַזוי ווי קאַטשוביעווסקי טוט עס — דאָס בונטאַרישסטע און רעוואָלוציאָנערסטע פאָלק אויף דער וועלט, ווי „קאָנסערוואַטיוו אין העכסטן זין פון וואָרט".

דער ישראלדיקער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַ שם דבר אין דער וועלט, אַ מאָדעל, אַ וועגווייזער פאַר פעלקער. ס'קאָן גאָר זיין, אַז דאָ ווערט פאַר־ווירקלעכט קאַטשוביעווסקיס טרוים פון אַ „גרויסמאַכט" אין גייסטיקן, אי־דעאָלאָגישן זינען. „לא בכח ולא בחיל כי אם ברוח".

3. און צום סוף. רעדנדיק וועגן די סיבות צוליב וועלכע די סאָוויע־טישע מאַכט דערלויבט אַ גרעסערע צאָל יידן עולה צו זיין, זאָגט ער נישט מער און נישט ווייניקער: „אונדזער רעגירונג און אירע אָפיציעלע פאַר־שטייערס האָבן אין זייערע הענט געוואַלטיקע מעגלעכקייטן, כדי אויסצו־איבן אַ דרוק אויפן ראַטנפאַרבאַנד, אָבער די דאַזיקע מעגלעכקייטן זענען דורך איר נישט אויסגענוצט געוואָרן ווי געהעריק (דאָס אונטערשטרייכן איז אונדזערס — ב. פ.). לאָמיר זיך נישט נאָכשלעפּן נאָך דער איניציאַטיוו

פון סאָוויעטישן יידנטום, ווי מ׳האָט זיך נוהג געווען ביז איצט. מיר דאַרפן אויפוועקן און דיריגירן די דאָזיקע איניציאַטיוו, כּדי ס׳זאָל נישט געשאַפן ווערן אָט די פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אַז אונדזער ציבור איז נישט געווען גרייט פאַר עליה און אַז אַפילו די אָפיציעלע פאָרשטייערס האָבן געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה אויף אַזאַ אומדערוואַרטן אופן. ס׳איז דאָך געווען אַזוי זיכער, אַז זי וועט קומען און ס׳איז דאָך אַזוי פּשוט געווען איר צו העלפן״.

דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן נישט מיט אידעאָלאָגיע, נאָר ממש מיט אַ בלבול.

א. מיט דער גאַנצער און פולער אָפּשאַצונג צו דעם ווידערשטאַנד פון די סאָוויעטישע יידן מוז געזאָגט ווערן אַז ס׳איז נישט אמת אַז „די ישראל־רעגירונג האָט זיך נאָכגעשלעפּט״. אָן דער זעקסטאָגיקער מלחמה, אָן דעם אומאויפהערלעכן קאַמף פונעם וועלט־יידנטום, אונטער דער אינספּיראַציע און פירערשאַפט פון ישראל, וואָס האָט מאָביליזירט די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, וואָלט אפשר די ווונדערלעכע דערוואַכונג פון די סאָוויעטישע יידן נישט געהאַט די געהעריקע פּעולה. וואָס נאָך האָט מען געקאָנט טאָן ?

ב. ס׳איז נישט ריכטיק, אַז די אָפיציעלע פאָרשטייערס פון דער מדינה האָבן זיך פאַרלאָרן צוליב דעם פאַרנעם פון דער עליה, כאָטש קיינער, איינשליסנדיק די סאָוויעטיש־יידישע אַקטיוויסטן אַליין, האָבן נישט געקאָנט פאָרויסזען די צייט, דעם טעמפּאָ און דעם צוזאַמענשטעל פון דער עליה. פאַרקערט, די ישראל־רעגירונג האָט אומאויפהערלעך דערקלערט, אַז זי איז גרייט אויף יעדער עווענטואַליטעט און זי האָט אויסגעאַרבעט אַלטערנאַטיווע פּלענער ביז צו 100 טויזנט עולים אַ יאָר. זי איז גרייט מיט אַלע מיטלען צו אינטעגרירן די עליה, נעמענדיק אין חשבון די קרבנות, וואָס זי פאַרלאַנגט, און מיט רעכט, פון אירע בירגער. דער בעסטער באַוויז דערפאַר איז, אַז ס׳ווערן געלייזט אויף אַ געלונגענעם אופן לכל הפּחות די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער קליטה, פון שיכון און פון אַרבעט און אַז די ירידה איז אַ נישטיקע.

וועלן באַווייזן עפּעס אַנדערש הייסט : אָדער זיך רייסן אין אָפענע טירן, אָדער אַריבערגיין די גליטשיקע גרענעץ פון אומגעדולדיקער געטריישאַפט

צו ענג פּאַרטייאישן יצר־הרע פון וועלן שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל אין אַזאַ גרויסן און העראָישן ענין.

יאָ, ס׳איז נישט לייכט צו שרייבן די דאָזיקע שורות. אָבער אַ חברישע און ערנסטע פרייע דעבאַטע איז אויך אַ ריכטיקע קליטת־עליה.

1972

נאָסטאַלגיע

אויף יעדן שריט און טריט באַגעגנט מען זיך מיטן וואָרט נאָסטאַל־גיע, וואָס דריקט ביי אונדז אויס שטימונגען, נייגונגען און איבערלעבונגען און לעצטנס אַפילו אַ מאָדע און אַ סטיל. און ווי געוויינטלעך ווערט דער באַגריף וווּלגאַריזירט און ס׳קומט אַ מאָל אויס אַז מ׳באַצייכנט מיט אים דאָס פאַרקערטע פון זיין מהות.

אין זיין אויטענטישער פאָרם מיינט עס בענקשאַפט נאָכן עבר, נאָך עפּעס וואָס ווערט שענער, זאַפטיקער און לירישער מיטן לויף פון די יאָרן. וואָס ווייטער דער צייט־מרחק — אַלץ טיפער און שפּעריש עער די בענק־שאַפט. דער שטויב און דער ווילדער אָנוווּקס פון דעם צייטווייליקן און אַק־טועלן פאַלט אָפּ און ס׳פאַרבלייבן נאָר דאָס גינגאָלדענע און די ווייכע קאָנ־טורן פון פאַרנאַכטיקער מטושטשקייט. אמתע נאָסטאַלגיע איז שטענדיק באַ־גלייט דורך אַ געפיל פון רעזיגנאַציע, אַ געפיל, אַז דאָס אַמאָליקע קען זיך שוין מער נישט אומקערן, אַז העכסטנס קען מען רעדן וועגן רעקאָנסטרוק־ציע און „נעאָ־באַוועגונגען״. ס׳איז קינדער־יאָרן וואָס זענען פאַרשוווּנדן, ס׳איז טוליען זיך נאָך אַ יוגנט, וועלכע איז ביאָלאָגיש אַוועק. אָבער אין דעם עצם טוליען זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָ אַ טיפער אינ־האַלט, אַ לאַשטשענדיקע חיות און אַ ווערטפולער צוגאָב און נישט בלויז אָרנאַמענטיק צו דער האַרטער היינטצייטיקייט.

☆

כדי די נאָסטאַלגיע זאָל זיין שפּעריש און בויעריש, דאַרף זי אין זיך פאַרמאָגן אייניקע עלעמענטן: זי דאַרף זיין עכט און אויפריכטיק — נישט פּאָזע און אָנשטעל; זי דאַרף זיין אַן אויסדרוק פון עכטער אַנטוויקלונג

און באַגלייט ווערן מיט אַ חרטה אויף פאַרלאָזן ווערטן און פאַרמעגן אין דעם ווילדן געיעג נאָכן „סאַמע נייעסטן״, אַוואַנגאַרדיסטישן און נאָך דעם לעצטן וואָרט פון דער מאָדע.

פון דער צווייטער זייט אָבער דאַרף די נאָסטאַלגיע קיין מאָל נישט זיין קיין וועג פאַר אַנטלויפן פון אונדזער תקופה און אירע געראַנגלען, פון גיין אויף צוריק, פון אין תוך רעאַקציאָנערער פאַרגעטערונג פונעם אַמאָל, מאַכנדיק זיך נישט וויסנדיק פון דעם נעגאַטיוון, זינדיקן און אָפּגעשטאַנענעם. ס׳טאָר נישט זיין קיין שוואַרץ־ווייס־קעגנזאַץ צווישן אונדזערע עלטערן ווי אַ טלית שכולה תכילת און אונדז ווי בידנע עפּיגאָנען.

צי איז דאָס וואָס מיר לעבן דורך אין ישראל אין די לעצטע צענדליק יאָר די אמתע נאָסטאַלגיע? צי זענען מיר עדות פון אַ רענעסאַנס, אָדער איז עס בלויז מאַניעריזם? צי קומט עס פון חולשת הדעת, פון אַ פּרווו צו פאַרדעקן די אומזיכערקייט פון עתיד מיט דעם וואַרעמען מאַנטל פון עבר? בקיצור — צי איז עס קולטור אָדער אַ שפּרונג אויף צוריק?

ס׳איז אויסער יעדן ספק, אַז עס איז איצט דאָ אַ בענקשאַפט און אַ ביסל אַ פּאַרשפּעטיקטע ליבע צו די נעכטיקע טעג און דער נעכטן מיינט סיי דעם וויטן עבר און סיי די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט אין גלות און די אָנהייב־יאָרן פון דער ארץ־ישראלדיקער געשיכטע. די דערשיינונגען זענען צו אָפטע, כדי זיי צו באַטראַכטן ווי אַן עפּיזאָד. גיכער איז עס אַ קולטורשטראָם, אַ פאַקטאָר אין אונדזער גייסטיקן לעבן וואָס ווירקט אין אַ געוויסער מאָס קעגן די מוטנע כוואַליעס פון היפּער מאָדערנעם, אַבסורדאַלן און מטורפדיקן.

מיר ווילן זיך נישט אָפּשטעלן אויף דעם ווי אַזוי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם דענקען, אין דער ליטעראַטור און קונסט, און ווילן גראָד אָנווייזן אויפן לייכטן און באַשיימפּערלעכן, וואָס נעמט אַרום צענדליקער טויזנטער מענטשן.

אָט, למשל, חסידות. ס׳איז הימל און ערד און חסידישער ניגון און ריקוד. הי־געבוירענע און „סאַמאַראָדנע״ סאַברעס זענען צוגעפאַלן ווי פאַרחלשטע צו אָט דעם מחיהדיקן קוואַל. זיי געפינען אין אים אַלץ וואָס ס׳האָט געפעלט נישט נאָר אין „פּאָפּ״, נאָר אויך אין דעם מערבדיקן געזאַנג: נאָגנדיקע זיסקייט פון מעלאָדיע, עסטעטישע פאַרביקייט פון טראַכט און באַוועגונג, יידישע אָריגינאַליטעט אַפילו אין דער שפע פון רומעניש,

סלאַווישע און אָריענטאַלע מאָטיוון, אויך פון גוישקייט וואָס מען האָט פאַר־יידישט; אומעטום — דאָס שערעלע, דער חתונה־טאַנץ, די זיידענע יונגע־מאַנטשיקעס אין קאַפּאָטעס און די מיידלעך אין זשופּיצעס — פון דעם „איש חסיד היה" ביז די פעסטיוואַלן און גאַנצע פאַרשטעלונגען. ס'איז כמעט אַ מוז־נומער וואָס טאָר נישט פעלן אין אַ רעסיטאַל. די, וואָס זענען געקומען אַהער מיט די השכלה־קאָמפּלעקסן קעגן דער פאַנאַטישקייט און פּרימיטיוו־קייט פון חסידות, די, וואָס האָבן געזען בלויז מאה שערים, האָבן אַנטדעקט אַ פאַרכּישופט לאַנד.

מ'האָט אויך גענומען גראָבן אין די גאָלדגרובן פון שטעטל. די זומפּיקע און אָפּגעשטאַנענע ווינקעלעך זענען געוואָרן צויבער־אינדזלען. אַלץ אָפטער און אָפטער פירט מען אויס אויף אונדזערע בינעס פּיעסן פון אונדזערע קלאַסיקערס, באַווייַנערס פון שטעטל: דעם אוצר פון שלום־עליכמען; מסעות בנימין השלישי פון מענדעלען; די מגילה פון מאַנגערן און אויך מירעלע אפרת און גאָט, מענטש און טייוול א. אַנד. פלוצלינג האָט מען דערזען אַ שלל פון פאַרבן און קלאַנגען, טיפקייט און ראַפינירטקייט און אַפילו קאָמפּליצירטקייט אונטער דער אויבערפלאַך פון כּלומרשטער נאַיִוקייט. ס'איז אָבער אויך דאָ אַן אומקער צום ארץ־ישראלדיקן נעכטן. אין אונדזער שנעל זיך באַוועגנדיקער ווירקלעכקייט זענען אויך 80 יאָר אַן אייביקייט. מיר מאַכן איצט דורך אַ ווידעראויפלעב פון די לידער פון חיבת ציון, פון עליה, פון די ראָמאַנסן און געזאַנגען פון דעם „קוקו און סאַראַפאַן", פון דער שטורעם־און־דראַנג־תקופה פון דער דריטער עליה, פון די מאַרשן און זעלנער־לידער פון פלמ"ח, פון די „פלאַקער־פייער"־פינדזשאַן־ניגונים, פון ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור, כהן, אַלטערמאַן און שלאָנסקי־מאָטיוון.

חדשים לאַנג איז אויף דער טעלעוויזיע געוויזן געוואָרן דער פאָפּולער־סטער פּראָגראַם „שרתי לך ארצי" וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָפּורי פון פאָלקסלידער צונויפגעזאַמלט און קאָמענטירט דורך דן אלמגור. מען האָט געלעקט די פינגער. דער צוהערער האָט פאַרזען און מוחל געווען די היפּשע דאָזע פון אוקראַיניש־רוסישן איינפלוס, די דיקע סענטימענטאַלקייט און די „ער און זי"־נאַיִוקייט. די צייט האָט אַלץ פאַרשלייערט מיט איר זיסקייט און בענקשאַפט.

פון דעם אויפטויך פון אַמאָליקן געזאַנג האָבן אויך געננאָסן די יידישע

פאָלקסלידער, וואָס ווערן אומאויפהערלעך געזונגען נישט נאָר אויף די ספּעציעלע פעסטיוואַלן און אין די ראַדיאָ־אוידיציעס, נאָר כּמעט אויף יעדן קאָנצערט. ס׳איז אַפילו אַן אָפּטע דערשיינונג, אַז תּימנער זינגערינס זאָלן אויסזינגען אַ יידיש ליד מיט אַלע חנדלעך און קנייטשן.

אָבער, כּדי אַט די ווי פון „הימל אַראָפּגעפאַלענע" קולטור־ישועה זאָל זיין מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע שטימונג, נאָר אויך אַ קוואַל פון שעפע־רישקייט, פאַרלאַנגט זיך:

א) זיך היטן פון מעכאַנישער נאָכמאַכעריי און פון אַריבערפירן דעם פאַרגאַנגענעם „שטייגער" אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אַן וועלכער עס איז שייכות מיט דער איצטיקער סביבה, געוווינהייטן און געשמאַקן פון די מענטשן פון אונדזער דור.

דער בעסטער ביישפּיל פאַר דעם איז דער היפּשלעך דערפאָלגרייכער און שטאַרק באַזוכטער טעאַטער אויף יידיש מיט זיינע פּאַטריאָטן און אַן ספק ליבע און האַרציקע אַקטיאָרן. ער איז געבליבן אַ שטיק פּרימיטיוו, קליינשטעטלדיקייט, כּינקע־פּינקע־ און צוויטע עוועניו־טעקסטן און האַרץ־רייסנדיקע אָפּערעטע־מוזיק. עס איז אַ טעאַטער מחוץ פון רוים און פּלאַץ; ס׳איז אַ מיליע, וואָס איז אַ מאָל געווען אָרגאַניש און היינט איז עס יוצא דופנדיק און סטעריל — פּשוט אַן אַנאַכראָניזם. אַוודאי טאָר מען אים חלילה נישט „אַרונטעררייסן". ער ברענגט אַריין פרייד און יום טוב ביי טויזנטער „גייסטיק" פאַרגעסענע מענטשן. אָבער יידיש איז דער שענסטער אינסטרו־מענט פאַר דערהויבנקייט און נישט נאָר פאַר ריינעם פאַרוויילן זיך אַן טעם און אַן האַרמאָניע.

ב) נאָך געפערלעכער און קולטורלאָזער (טראָץ דער סנאָבישער גרויס־האַלטעריי) איז דאָס עקספּערימענטירן — די ווירקלעכע פּרייהייט, וואָס עס נעמען זיך רעזשיסאָרן, קאָמפּאָזיטאָרן און דירעקטאָרן און פאַרוואַנדלען אַמאָליק גינגאָלד פון די קלאַסיקערס אין גלאַנציקע פּאַטשערקעס פון מאָ־דערנע עפעקטן. ווער ס׳האָט נישט געזען ווי מ׳האָט „רעדאַגירט און פאַר־בעסערט" מענדעלען און שלום־עליכמען אין „הבימה", האָט זיך איינגע־שפּאַרט עגמת נפש און פאַרדרוס. ס׳איז פאַרשווונדן דאָס לירישע און גראָ־טעסקע, דער געלעכטער און די טרערן, די תּמימות און דער חוזק פון שלום־עליכמס „אוצר". געבליבן איז דער ספּעקטאַקל, די פרעמדע פאַר־

שוינען, דער ווילדער טאַנץ פון הוועיות און תנועות. מ׳האָט פשוט פאַר־טאַכליעוועט אַן אוצר. מ׳האָט צוגענומען ביי סענדערן די אשה, דאָס ביסל צערטלעכקייט און פּאָעזיע אין זיין שלימזלדיקייט.

אָפּט מאָל זוך איך אין די חסידישע קאַדרילן און שערעלעך פון אונדזער יוגנט די מקורותדיקייט פון די טענץ פון די הייסע התלהבותדיקע יידן און געפין זי נישט. אַ מאָל זע איך ווי מען קוילעט „אַן אַ מעסער״ מיין אויס־געחלומטע האַרציקע וועלט.

אַוודאי זענען די ענינים דעליקאַט און נישט פשוט און ס׳איז נישט לייכט צו האַלטן אַ באַלאַנס און גיין אויפן גאָלדענעם שליאַך.

ווי אַזוי לעבט מען אויף פאַרגאַנגענהייט און מ׳נעמט זי אַריין אין זיך, נישט ווערנדיק צו איר פאַרשקלאַפט? ווי אַזוי נעמט מען זי אויף ווי מאָדערנע מענטשן און מען בלייבט גלייכצייטיק געטריי איר תוכן און עיקר־פאָרם?

אין דעם אמתן ענטפער אויף אָט די פראַגעס און דילעמעס ליגט דער גאָלדענער שליסל צו דער שעפערישער נאָסטאַלגיע.

1976

צי איז ישראל דער קולטור־צענטער
פון יידישן פאָלק?

צי איז ישראל דער גייסטיקער צענטער פון יידישן פאָלק? צי ווערט פאַרווירקלעכט דער „מרכז רוחני" פון אחד העם, אַזוי ווי עס איז מקויים געוואָרן הערצלס פּאָליטישער ציל דורך דער שאַפונג פון מדינת ישראל? צי קען מען זאָגן, אַז די גייסטיקע און קולטור־פעדים פון גלות־יידנטום ציִען זיך פון ירושלים אַלס קוואַל פון העכסטער אויטאָריטעט? צי פאַר־מירן מיר און געשטאַלטיקן דעם קולטור־פּרצוף פון גלות־יידנטום?

אויבן אויף זעט אויף די פראַגע אַ ריין־רעטאָרישע און די תשובה אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע, באַזונדערס ערב תשכ"ח, נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג און די התעוררות פון גלות־יידנטום. אָבער אין דער ווירקלעכקייט זעט עס אויס אַ ביסל אַנדערש.

פון איין זייט זענען מיר עדות פון אַן ערנסטן קולטור־רענעסאַנס אין ישראל, וואָס האָט ווייניק ביישפּילן אין דער געשיכטע פון פעלקער. דער אויפקום און אויפבלי פון געוועדטן העברעיש; דער צוריקקער צום תנ"ך, קאָלאָריט און לאַנדשאַפט פון תנ"ך; די מזל־ברכה פון פיר דורות ליטע־ראַרישער יצירה; די טויזנטער ביכער און הונדערטער צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבן, די גרויסע נעץ פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס; די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט אויף פון די הייגטצייטיקע פּרעציזע צווייגן פון עלעקטראָניק און אַטאָם־פאָרשונג; די איינדרוקספולע אַקאַדעמישע אַנ־שטאַלטן; די פאָרשונג־צענטערס; דער אויפשטייג פון קונסט אין אַלע אירע פאָרמען: מוזיק, טעאַטער און טאַנץ; די פיינע אַנהויבן פון פאָלקלאָר און איבער אַלעמען דער סך־הכל פון ווערטן, פאָרמען און סימבאָלן פון חלוצישן און קיבוצישן ישראל. דאָס זענען גרויסע אוצרות נישט נאָר פאַר די איינ־

וווינער פון ישראל. זיי באַרייכערן דאָס גאַנצע פאָלק, און זיי זענען לכתחילה פאַר אים געווען באַשימט.

אַן איבערפלאַכלעכער קוק אויפן גלות ווייזט טאַקע, אַז אויף וויפל עס איז דאָ עפּעס שעפערישס און אָריגינעלס אין יידישן לעבן, אָטעמט עס און לעבט מיט ישראל. דער הויפּט־מאָטיוו פון חינוך טראָגט זיך אַריבער פון שטעטל אויף ישראל; רעפאָרמירטע און קאָנסערוואַטיווע טעמפלען נעמען אַלץ מער אַריין ישראל־מאָטיוון און נוסח אין זייערע תפילות און צערעמאָניעס; יידישע לערער־סעמינאַרן זוכן אַלץ מער און מער צו פאַר־פולקומען זיך אין ישראל; יידישע הייזער זענען פול מיט רעליגיעזע חפצים און אָנדענקען פון ישראל; גראַמאָפאָן־פּלאַטן פון ישראל־לידער ווערן פאַר־שפּרייט אין די מיליאָנען; די ליטעראַטור, אויף וויפל זי איז נישט איינ־געטונקען אין זכרונות און מעדיטאַציעס פון נאָענטן עבר, איז פול מיט ישראל־טעמעס. און דער עיקר — פאַר מיליאָנען יונגע מענטשן איז גאָר נישטאָ קיין אַנדער יידישקייט ווי ישראל, דאָס איז זייער איינציקע גייס־טיקע שפּייז; די סיבה און אינהאַלט פון זייער יידישער אינדיווידואַליטעט.

אפשר אַמכאַראַקטעריסטישן ווייזט זיך אַרויס די קולטור־פּריאָריטעט פון ישראל אין דער מערכה פון יידיש. ישראל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם וויכטיקסטן צענטער פון יידיש אויף דער וועלט. דאָ האָבן זיך קאָנ־צענטרירט די פּלעיאַדע פון שרייבערס און פּאָעטן, די טאָן־געבערישע זשור־נאַלן און ערנסטע ביכער און דער עיקר: ס׳האָט זיך פאָרמירט אַן עולם פון פּאַטריאָטן פון יידישן וואָרט, טעאַטער, ראַדיאָ־אוידיציעס, פאָרלעזונגען.

און וואָס מכוח די פאַראייניקטע שטאַטן? מיר האָבן קיין מאָל נישט אָנגענומען די פאַלשע און וווּלגאַרע מיינונג וועגן אַמעריקאַנער יידישן ישוב, ווי וועגן אַ קהילה פון רייכע גענישערס, מאַטעריאַליסטן און עמי־הארצים. דאָס איז קיין מאָל נישט געווען ריכטיק און ס׳איז אַוודאי פאַלש אין דער איצטיקער תקופה. עס ווערט דאָרט געשאַפן אַ נייע פאָרם פון יידישקייט און ס׳קומט דאָרט פאָר אַ דויערהאַפטיקער און לויבנסווערטער אָפּווער קעגן די מעכטיקע כוואַליעס פון אַסימילאַציע. מען טאָר נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די גרויסע צאָל שרייבערס, דענקערס און רעליגיעזע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס זייער השפּעה גרייכט אַריבער זייער אייגענע סביבה.

פון דעסטוועגן איז דאָס נאָך אַלץ נישט קיין גייסטיקע קולטור, אין דעם זינען, ווי מען האָט דאָס פאַרשטאַנען אין פוילן און וואָס דריקט זיך אויס אין איין וואָרט יידישקייט — ס'הייסט אַן אָריגינעל יידיש לעבן, אַן אייגן לשון, אַ דור פון געבורויכערס פון יידישע שאַפונגען (ספר, טעאַטער, בוך) פון לעבנס־שטייגער (יום־טובים, היים־טראַדיציעס). אין סך־הכל איז דאָס אַ יידישקייט פון געציילטע שעהען אין וואָך, וואָס ווערט באַאיינפלוסט פון דער סביבה. זי איז כולה אָפּווער און אַפּאָלאָגעטיק. עס איז יידישקייט פאַר אַנדערע, וועלכע מען העלפט און מיט וועמען מען איז סאָלידאַר.

און דאָס קען אויך געזאָגט ווערן מער אָדער ווייניקער וועגן אַנדערע מערב־לענדער. אויך די וואָרעמע און פאָלקסטימלעכע ישובים פון דרום־אַמעריקע קענען נישט זיין קיין צענטערס פאַרן יידישן פאָלק, זיי האָבן צו טאָן מיט זיך אַליין, זיי פירן לעצטנס ממש אַ יאושדיקן קאַמף קעגן דער דעזינטעגראַציע, וואָס גייט אַ סך שנעלער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל ס'פעלט דער טעמפּל און די גרויסע נעץ פון פילאַנטראָפּיע.

אַזוי אַרום זענען צערונען אַלע טעאָריעס וועגן פּאַראַלעלע צענטערס. ס'איז נישט בבל און ירושלים, ווייל קיינער פון די ישובים דערגרייכט נישט צו דער מדרגה פון בבל; בהכרחדיק און גורלדיק מוז ישראל איבער־נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זי מוז זיין דער איינציקער צענטער.

☆

אָבער צי איז דאָס אמת, טראָץ דעם אויבן געזאָגטן? קען מען זאָגן, אַז ישראל איז שוין אָדער אויפן וועג צו ווערן דער מרכז רוחני?

דער עצם זין און תכלית פון אַ קולטור־צענטער איז פאַרזיכערן דעם יידישן קיום, שאַפן כוחות אין קאַמף קעגן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג. צי איז עס געלונגען דער מדינה? ליידער באַווייזן די ביטערע פאַקטן דעם היפוך פון דעם. די קליינע צאָל העברעיש און יידיש רעדנדיקע, די וואַקסנדיקע צאָל געמישטע חתונות. ווי קען זיין אַ צענטער, וואָס זיין פּעריפעריע צע־פאַלט זיך?

אַוודאי קען מען טענהן, אַז אַן ישראל וואָלט געוועזן נאָך ערגער, אַז

די מדינה האָט דערהאַלטןביים לעבן און ז'ערוואָרעמט מיליאָנען יידן און אָנגעפילט זיי מיט שטאָלץ און באַוווסטזיין, אַז לאָיאַליטעט און באַוווּנדערונג פאַר ישראל איז דער ברעג צו יידישקייט. דאָס איז אמת, אָבער נאָר אַ האַלבע נחמה. מעג מען זיך באַנוגענען מיט רעשטלעך און ברעקלעך, מיט בידנער עקזיסטענץ, מיט קיום דערהאַלטן די נשמה?

עס איז אונדזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז מיר האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן אויסנוצן די גרויסע קולטור־מעגלעכקייטן, וואָס ליגן אין עצם קיום פון דער מדינה; אַז מיר האָבן זיך נאָך נישט אַפילו צייטווייליק מאָביליזירט פאַר אָט דער גרויסער מלחמה. נאָר אַ פּאָרביישפּילן:

די שטאַרקסטע און נאַטירלעכסטע בריק צווישן אונדז און די תפוצות וואָלט געדאַרפט זיין די רעליגיע מיטן באַפרייטן ירושלים אַלס צענטער.ליידער, איז דאָס רעליגיעזע יידנטום ווענטלעך און אינסטיטוציאָנעל צעטיילט. צווישן דער ישראל־אָרטאָדאָקסיע און די רעפאָרמירטע און אָרטאָדאָקסישע יידן, וואָס זענען די מערהייט אין די מערב־לענדער, הערשט אַ תהום און נישט נאָר אין טעאָלאָגישע ענינים. כל זמן אונדזער אָרטאָדאָקסיע וועט פאַרבלייבן שטייף, דאָגמאַטיש און קנאותדיק זעען זיך ווייניק אויסזיכטן. עס דאַרף געפונען ווערן אַ וועג פון דערנענטערונג און דאָס וואָלט געהאַט אַ השפּעה נישט נאָר אויף דער גרויסער צאָל יידן, פאַר וועלכע רעליגיע איז לכל הפּחות אַ ראַם, נאָר אויך פאַר וועלטלעכע, וואָס פאַלגן נאָך ריטואַלן און צערעמאָניעס אין די וויכטיקסטע מאָמענטן פון זייער לעבן.

עס מוז קומען אַן ענדערונג מצד ישראל צו אָט דעם גאַנצן ענין, וואָס הייסט קולטור־ווירקונג אויפן גלות. די מלוכה, אָדער גרויסע אָרגאַניזאַציעס מיט איר שטיצע, דאַרפן אַ סך מער טאָן, אַזוי ווי דער בריטישער אינסטיטוט אָדער די פראַנצויזן, וואָס אַרבעטן אַזוי פלייסיק פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון זייער קולטור אין דער גאָרער וועלט. אַ מאַסן־איבערזעצונג פון ישראל־ביכער אין די וויכטיקסטע פרעמד־שפּראַכן, אַ גרויס־צוגיקער פּלאַן פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, פילם, געזאַנג, פאָלקלאָר און פאָלקס־שפּילן.

וועגן חינוך איז אָפּגערעדט: טעקסט־ביכער, דערציונג פון לערערס אין ישראל, ישראל־אינסטיטוטן און אויך דערציונג פון דער יוגנט דורך צערעמאָניעס, סימבאָלן און פאָרמען, וואָס זענען די אויסערלעכע סימנים פון יידישן מיטאָס.

דאָס אַלץ קען נישט געמאַכט ווערן פון אויבן אַראָפּ, דורך ישראל אַליין.

עס זענען דאָ געגנוג כּוחות אין גלות, וואָס זענען ראוי און ווייליק פאַר שותּפות. נישט ביי אונדז שטייט אין די גאַנצע חכמה. מיר האָבן זיך אַ סך וואָס צו לערנען פון יידישע ישובים און פון זייער נסיון. מיר דאַרפן דאָס טאָן צוזאַמען, און מיט געמיינזאַמע כּוחות פאַרוואַנדלען ישראל אין דעם מרכּז רוחני אין פולן זינען פון וואָרט.

1967

קאָנצענסוס און כאַריזמע

פון צייט צו צייט הייבן מיר זיך אָן צו באַנוצן מיט ווערטער און לאָזן זיי נישט אָפּ. מ׳חזרט זיי איבער אומאויפהערלעך. זיי ווערן מער ווי אַ מאָדע, ממש אַ דיבוק. געוויינלעך, געברויכט מען אַן אויסלענדישן טערמין, כדי צוצוגעבן קאַטעגאָרישקייט און באַווייזן ווילגעלערנטקייט, כאָטש ס׳איז אַ סך היימישער און אינטימער אויף העברעיש אָדער יידיש. מיט דער צייט הייבן אָן אָט די ווערטער פירן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן אָן שייכות מיט זייער אינהאַלט און אַ מאָל אין סתירה מיט זייער אמתער משמעות. אַבי ס׳קלינגט שיין.

לאָמיר היינט ברענגען ווי אַ ביישפּיל צוויי אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס פיגורירן כסדר אין אונדזער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אויף פּאַר־זאַמלונגען: קאָנצענסוס און כאַריזמע. נישט כדאַי צו זוכן זייער עקזאַקטן פירוש־המילה אין די ענציקלאָפּעדיעס און ווערטערביכער. סיי ווי איז עס קיינעם נישט מחייב, אַפילו נישט פּאָליטישע גדולים און אינטעלעקטואַלן. אָבער ס׳איז קלאָר אַז ס׳שטאַמט פון אַמעריקע. און דער שטייגער איז ביי אונדז, באַזונדערס ווען ס׳קומט צו סאָציאָלאָגישע און פּאָליטישע באַגריפן, אַז מיר האַלטן זיך ביי זיי נאָך אַ לאַנגע צייט, נאָך דעם ווי זיי זענען שוין אַרויס פון סטיל אין זייער „מוטערלאַנד”.

אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. וואָס אונדז אינטערעסירט, זענען נישט די ווערטער גופא, נאָר וואָס זיי מיינען אין אונדזער ווירקלעכקייט און וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער זייער אָפטן געברויך.

קאָנצענסוס — אַלגעמיינע, אָדער איבערוויגנדיקע הסכמה — איז אַן אָנגענומענער באַגריף. ס׳קען נישט געמאָלט זיין קיין פאָלק, געזעלשאַפט און אַפילו דאָס לעבן אַליין אָן אַ מינימום פון אוניווערסאַלער צושטימונג. אַראָפּגייענדיק פון דעם קאָסמישן צום היימיש יידישן און ישראלדיקן, קען

מען אַן שוועריקייטן אַנוייזן אויף אַלגעמיין אָנגענומענע, דויערנדיקע, קוואַזי אייביקע אמתן: אונדזער דערשיינען אַלס היסטאָריש־נאַציאָנאַלע איינהייט; אונדזער רעכט אויף ישראל; די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט צו גאַראַנטירן איר זיכערקייט; העברעיש; ציוניזם אַלס די יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג; די צענטראַליטעט פון ישראל אין יידישן לעבן אויף דער וועלט, א.אַ.וו. אויך אין דעם זענען דאָ פאַרשיידענע וואַריאַנטן, צוגאַנגען, דגשים און פּריאָריטעטן, אָבער אין אַלגעמיין זענען אַט די יסודות אומדערשיטערטע.

נאָך קאָנקרעטער און נאָענטער: מ׳קען אויך רעדן וועגן אַן אַלגעמיינער, נאַציאָנאַלער איינשטימיקייט בנוגע ירושלים אַלס אומצעטיילבאַרע שטאָט פון ישראל, דאָס נישט צוריקציִען זיך אַן שלום, נישט קיין נייער פּאַלעסטינער שטאָט א.אַ.וו.

פּאַראַן תקופות אינעם לעבן פון אַ מדינה ווען דער נאַציאָנאַלער „קאָנצענסוס" דאָמינירט און פאַרווישט צייטווייליק די גרויסע חילוקי־דעות, די היסטאָרישע דעבאַטעס, די צווישן־פּאַרטייאישע גערֿאַנגלען. גע־וויינלעך קומט עס פאַר אין צייט פון לעבן־ און טויט־געראַנגל פון אַ לאַנד, אָדער אין עקסטרעמע פאַלן פון צעטרייסלונג און כאַאָס. אָבער דאָס איז אַן אויסנאַם, פון וועלכן מ׳טאָר נישט מאַכן קיין כלל.

ווען „נאַציאָנאַלער קאָנצענסוס" ווערט אַ מיטל פאַר פאַרטושן אמתע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, ווען ער ווערט אַ תירוץ פאַר דערשטיקן אָפּאָזיציע, ווען ער שאַפט אַן אילוזיע פון אַ טאָטאַלער אחדות, וואָס מאַכט איבעריק, משמעותלאָז פּאַרטייען און באַוועגונגען, ווערט ער אַ בפירוש אומגליק.

„נאַציאָנאַלער קאָנצענסוס" קען זיך לייכט אַראָפּגליטשן צום טאָטאַ־ליטאַרן סיסטעם, צו אַליין־הערשאַפט פון אַ פּאַרטיי אָדער יחיד. ס׳מוז נישט זיין גראַד סאַנקציאָנירט דורך אַן אָפיציעלן שטעמפּל. ס׳איז גענוג אַז עקסטרעמיסטישע אַקטן פון אַ רעגירונג ווערן נישט געמעסיקט און קאָנ־טראָלירט דורך אַ קעמפנדיקער אָפּאָזיציע און ווערן געמאַכט אין נאָמען פון „אחדות", „איינִיקייט" און נאָך אַזעלכע שיינע ווערטער און לאָזונגען.

האָבן מיר טאַקע אַזוי פיל „קאָנצענסוס" אין אונדזער מדינה?

אַט זענען מיר צעטיילט וועגן אַזאַ „קליינִיקייט" ווי נישט אָפּטרעטן אָדער טעריטאָריאַלע קאָנצעסיעס, נישט בלויז ווי אַ וועג צו שלום און

ווי אַן אויסערלעכער מוז, נאָר ווי דער איינציקער אופן צו פאַרזיכערן דעם יידישן כאַראַקטער פון דער מדינה.

וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָנצענסוס, ווען דאָס לאַנד שטייט פאַר דער גרויסער דילעמע צווישן היסטערישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אויפגעצוווּנגענעם לעבנס־שטייגער פון איין זייט און אַ מדינה פון געזעץ, ווו יעדער איינער קען לעבן לויט זיין געוויסן און איבערצייגונגען, פון דער אַנדערער זייט, ווען די ברירה איז צווישן דער אַלץ באַהערשנדיקער אָרטאָדאָקסיע און רעליגיעזן פּלוראַליזם, ווו יעדער קען דינען זיין גאָט צוזאַמען מיט נאָך מיליאָנען יידן, אין וועמענס רעליגיעזיטעט, פּאַטריאָטיזם, אָדער לכל הפחות סוביעקטיווער יידישקייט קיינער קען און טאָר נישט צווייפלען?

דאַרפן מיר אָנווייזן אויפן תהום וואָס טיילט פונאַנדער דעם ליכּוד און מערך אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן? אין דער אויפפאַסונג פון דער הסתדרות, כאַראַקטער פון אַרבעטס־באַציונגען, אין דער ראָלע וואָס ס'דאַרף שפּילן די מדינה אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד א.אַ.וו.? ווי קען זיין אַ קאָנצענסוס (אַחוץ פון צייט צו צייט לאַגישע, טיילווייזע פאַרשטענדיקונגען) צווישן בויערס פון אַ פרייער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ראַנגלט זיך פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט דורך אַלע לעגאַלע מיטלען, איינשליסנדיק דאָס רעכט צום שטרייקן און די טשעמפּיאָנען פון „נאַציאָנאַלן אַרביטראַזש", דער אַלטער חלום פון די אַמאָליקע „ברעכערס" און היינטיקע פאַרבינדעטע פון אַלטע און נייע געלט־מאַגנאַטן?

מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זענען נישט ווייניקער וויכטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און געזעלשאַפט און דער פּאַטריאָטישער דערציונג פון בירגער, ווי די אַלץ אַרומנעמענדיקע „אחדות", וואָס איר רעזולטאַט קען נאָר זיין, אויב נישט די אָפּשאַפונג אָדער פאַרגליווערונג פון דעמאָקראַטישן רעזשים, איז לכל הפחות די אָפּטעמפּונג פון פאַרטייען, וואָס דערווייל זענען זיי נאָך דער פּאָליטישער אויסדרוק און סימן מובהק פון דעמאָקראַטיע.

אַוודאי האָבן מיר אַליין אַ סך קריטיק קעגן דער גרויסער צאָל פּאַרטייען, קעגן דער אומנייטיקער צעשפּליטערונג און דעם פאַנאַטיש־דאָגמאַטישן כאַראַקטער פון אונדזערע פּאָליטישע באַוועגונגען, אָבער אַן זיי וואָלטן מיר מסתּמא נישט צוגעקומען צו אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים און וואָלטן אויסגעזען ווי, למשל, די אומאָפּהענגיקע אַפריקאַנער רעגירונגען. דאָרטן איז

אַלץ פּאַסאַדע, אָרנאַמענטיק און אַן אַבסאָלוטע הערשאַפט וואָס פּאַראַדירט אַלס פרייער רעזשים. איידער אַזאַ „קאָנצענסוס", שוין בעסער אָפענע חילוקי־דעות און געראַנגל פון אָריענטאַציעס. אין לעצטן סך הכל זענען זיי דער באַוועגונג־כּוח פון פּאָרשריט, ענדערונגען און אויפטועז.

נאָך נעפּלהאַפטער ווי קאָנצענסוס זענען די באַגריפן פון „כאַריזמע", „כאַריזמאַטישער פירער" א. אַ. וו. אַט די אויסלענדישע באַצייכענונג דאַרף מיינען פּערזענלעכע פירערשאַפט־אייגנשאַפטן, מאַגנעטישע השפעה און אויטאָריטעט, וואָס קומט פון אינעווייניק און נישט דווקא מיטן כּוח פונעם אַנפּאַרטרויטן אַמט. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס דאַרף זיין אַ מנהיג, וועלכער ווירקט נישט נאָר צוליב זיין הויכער פּאָזיציע און אַפילו נישט צוליב דער באַוועגונג וואָס ער פאַרטרעט, נאָר בזכות עצמו. די אָפיציעלע אויטאָריטעט איז בלויז אַ רעם, וואָס ער פילט אויס מיטן חיות פון זיין אייגענער גע־זאַלבטער פערזענלעכקייט.

(אַגב איז דער אויסדרוק „כאַריזמע", „כאַריזמאַטיש" בשעתו געשאַפן געוואָרן — פון גריכיש — דורכן דייטשישן באַרימטן סאָציאָלאָג, פּראָפעסאָר מאַקס וועבער).

ליידער טראָגט אין זיך די „כאַריזמע" גאָר גרויסע חסרונות פאַר דער געזעלשאַפט, באַזונדער ווען זי איז פריי און דעמאָקראַטיש, אָדער לכל הפחות ערנסטע ריזיקעס.

די צרה איז, וואָס אויף יעדער אמתער כאַריזמע זענען דאָ צענדליקער כמו „כאַריזמעלעך", וואָס ווערן אויפגעבויט און אויפגעבלאָזן דורך די מעכטיקע איינרעדענישן. ס'נעמט אַ צו לאַנגע צייט ביז מ'דערזעט, אַז דער כאַריזמאַטישער קעניג איז נאַקעט. אַזאַ „לידער", „ראַיִס", „שעף" פאַר־געסט אָפט מאָל דעם „מאין באת", פון וואַנען ער שטאַמט און דער עיקר „לפני מי אתה עתיד לתת דין וחשבון", דאָס פאָלק ,דער פּאַרלאַמענט, וואָס האָבן אים געגעבן דעם באַגרענעצטן מאַנדאַט. אויב ווידער דער פּאָליטישער פירער איז טאַקע געבענטשט מיט די גרויסע אינדיווידועלע סגולות, אַנטשטייט אַ סכּנה פאַרן רעזשים. אויפן שוועל פון כאַריזמע ליגט די עווענטועלע דיקטאַטור. מ'קען ברענגען צענדליקער ביישפּילן פון דעם סאָרט אין אַלע תקופות. אין אַ סך פאַלן היט אַזאַ מנהיג אָפּ די פאָרמאַליטעטן פון דעמאָ־

קראַטיע, אָבער אין תּוך ווערט ער דער בעל הבית פון הויז און ער טוט וואָס ער וויל.

געוויינלעך ענדיקן זיך אַזעלכע רעזשימען, געבויטע אויף דער כאַריזמע פון אַ יחיד, זייער טרויעריק.

זיכער זענען דאָ איינצלפאַלן, ווען ס'שטראַלט אַרויס אַ משכמו ומעלה־פיגור, וואָס נישט נאָר זי צעטרייסלט די דעמאָקראַטיע, נאָר באַפעסטיקט און צעמענטירט זי: אַ טשוירטשיל, אַ בן גוריון, אַ גאַנדי, אַ דע גאָל, אַ רוזוועלט א.אַ.וו. אָבער וויפל זענען דאָ אַזעלכע? און אויך זיי פאַרגייען נאָך ביי זייער לעבן, שרייבן מעמואַרן און ווערן קוים טאָלערירטע עלטערע שטאַטסמענער.

ס'איז אויך קלאָר, אַז כאַריזמאַטישע פירערס האָבן נישט קיין יורשים און אויב ס'קומט נישט נאָך זיי דער מבול, ווערן זיי נאָכגעפאָלגט פון גרויע מיטלמעסיקייטן. אינטערעסאַנט אָבער, אַז דאָס פאָלק באַגעגנט זיי מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג.

מיר דוכט זיך, אַז די כאַריזמע־מאָדע האָט צו טאָן מיט אַ צווייטער איבערפלאַכלעכער דערשיינונג: די פערסאָנאַליזאַציע. די „פערזאָן", און די „קוואַליטעטן" פון קאַנדידאַט (און זיי מוזן כּלל נישט האָבן קיין דירעקטע שייכות מיט די פעיקייטן פאַר דעם אַמט צו וועלכן „מ'לויפט"), זיין אויסער־לעכער אויסזען, זיין פאָטאָגענישקייט און זיין טעלעוויזיע־געשטאַלט שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי פּראָגראַם, אָנשוויונגען און מעשים. דאָס איז ווידער אַמעריקאַניזאַציע, וואָס מ'טראָגט אַריבער אויף אונדזער אין גאַנצן אַנדערש־דיקן באָדן.

כ'האָב מורא, אַז מיטן קומען פון מנחם בעגינען צו דער מאַכט (און ער איז זיכער באַשאָנקען מיט גרויסע פּערזענלעכע פאַרערשאַפט־אייגנשאַפטן), גייען מיר אַריין אין אַ תּקופה פון כאַריזמע־נעפּל, פון פאַרלאָזן זיך אויפן יחיד בדורו. אַוודאי קען עס נישט (און מיר גלייבן נישט אַז עמעצער וויל עס) דערגיין צו דיקטאַטור. אַ לאַנגע צייט אָבער וועלן ענינים ווערן באַשטימט לויטן ווילן פון אַ יחיד, וואָס וועט זיכער נישט זיין „דער ערשטער צווישן גלייכע". די פּאַראַדע, די פּערזענלעכע גלאָרי־פיקאַציע, די בלינדע געהאָרכזאַמקייט פון חסידים־שוטים צום „רבין זאָל לעבן" וועלן ווערן אַ צו אָפטע דערשיינונג. אפשר וואָלט גוט געווען מ'זאָל

וועגן דעם אַ טראַכט טאָן באַצייטנס, כדי צו פּאַרמיידן נישט געוווּנטשענע אַנטוויקלונגען. דאָס איז אָפּהענגיק פון דער וואַכזאַמקייט, קעמפערישקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אָפּאָזיציע. איינער פון די וועגן דאָס צו פאַרמיידן איז אַרויסנעמען דאָס וואָרט „כאַריזמע" פון אונדזער פּאָליטישן לעקסיקאָן. מ'דאַרף געדענקען, אַז לכל הפּחות ביי יידן איז אַ מנהיג אַ בשר ודם, וועמען ס'איז שווער מקנא צו זיין...

1977

ישראלים ווי יידן און ציוניסטן

די באַוווסטע סאָציאָלאָגן לואיס גוטמאַן און שלומית לעווי האָבן פאַרעפנט־לעכט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט (אין פאָרום, 24.1.1976) וועגן דעם ציוניזם און יידישקייט פון די ישראלים. ס'איז נישט די ערשטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דעם מין. זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה שטודירט מען די פראַגע מעטאָדיש און פעריאָדיש.

דאָס מאָל האָבן מיר אָבער פאַר זיך אַ קלאָרע און סיסטעמאַטישע אַרבעט, באַגלייט מיט אויפקלערונגען, וואָס גיבן אַ באַגריף פון אָט די פאַרוויקלטע ענינים: באַטראַכטן זיך די ישראל־יידן ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק אין דער וועלט? זעען זיי זיך ווי ציוניסטן? די פראַגע שיינט צו זיין פּאַראַ־דאָקסאַל. אָבער די מחברים באַמערקן מיט רעכט, אַז מ'קאָן זיך באַטראַכטן „יידיש" און נישט זען זיך דווקא ווי אַ טייל פון דער מענטשן־גרופּע מיט דעם נאָמען וואָס איז צעשפּרייט אין צענטלעקער לענדער. מ'קען וויסן און פילן, אַז מ'לעבט אין פאַרשפּראָכענעם לאַנד, אָבער נישט ציִען פון דעם קיין ציוניסטישע מסקנות.

ווי געזאָגט, האָבן זיך די „אידענטיפיקאַציע"־פאָרשונגען אָנגעהויבן נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה. די לעצטע אָבסערוואַציעס זענען געמאַכט געוואָרן אין מערץ 1975. די געזאַמלטע פאַקטן זענען גענומען פון פער־מאַנענטן פאָרש־איבערזיכט, וואָס ווערט דורכגעפירט דורך דעם ישראל־אינסטיטוט פאַר סאָציאָלאָגישער פאָרשונג און דעם קומוניקאַציע־אינסטיטוט פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

אין דעם לעצטן איבערזיכט זענען געשטעלט געוואָרן 20 דירעקטע פראַגן צו צוויי טויזנט ישראל־יידן פון פאַרשידענע שיכטן, און דאָס האָט געמאַכט מעגלעך צו אונטערזוכן די קעגנזייטיקע באַציונגען און שייכותן צווישן די ענטפערס.

מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט איבערגעבן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם דעם אינהאַלט פון דער אַרבעט, און מיט מאַכן פון אונדזער זייט אייניקע באַמערקונגען.

אין דער מדינה געפינט זיך נאָר אַ פינפטל פון יידישן פאָלק און די קעגנזייטיקע השפעה איז אַן אינטערעסאַנט פּראָבלעם. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס אויסער די גרונטפראַגן פון יידישער און ציוניסטישער אידענטיפיקאַציע זענען געשטעלט געוואָרן שאלות, וואָס זענען אַ פועל־יוצא און פון דעסטוועגן, אַ וועלט פאַר זיך אַליין. למשל: וויפל ישראל־יידן דענקען, אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון ישראל הענגט אָפּ פון די יידן אין דער וועלט און פאַרקערט? אַז דער יידישער עצם־קיום אין דער וועלט איז פאַרבונדן מיטן גורל פון דער מדינה? וואָס זענען די אויפגאַבן פון אַ ייד בכלל און פון אַ ציוניסט בפרט? ווי זעט זיך דער ישראלי אין אַט דער דאָפּלטער ראָל?

אין דער גאַנצער אַרבעט האָט מען נישט פּרובירט דעפינירן דעם קאָנצעפּט פון „יידישן פאָלק" און „ציוניזם". מען האָט געלאָזט די אָנגע־פרעגטע זיך שאַפן זייער אייגענעם באַגריף וועגן דעם מיין און אינהאַלט פון די טערמינען. אָט האָט מען אין 1968 געקראָגן תשובות וועגן די פּונקטן פון „ירושלימער פּראָגראַם" אָן אָנצורופן עס בפירוש ביים נאָמען, און מ׳איז געקומען צו דעם זייער סימפּטאָמאַטישן אויספיר: הסכמה צו די קאָמפּאָ־נענטן און פּראָגראַם מצד די, וואָס באַטראַכטן זיך נישט אַלס ציוניסטן. דער אָפיציעלער שטעמפּל שרעקט אָפּ. מ׳נעמט אָן די פּאָזיטיווע טיילן פון פּראָגראַם אָן דעם אידעאָלאָגישן סך הכל און אָן דער פאַרפּילכטנדיקער באַצייכענונג. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער פּונקט, וואָס ברענגט אַריין ספקות וועגן דער קלאָרקייט פון דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל און צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

די פראַגע: אין וועלכער מאָס באַטראַכט איר זיך ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק, איז געשטעלט געוואָרן אין מיטן פון דער יום־כיפּור־מלחמה. העכער 90% האָבן געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער: „יאָ!" און „גאַנץ באַשטימט יאָ!". אין 1974, פאַר מעלות און קרית־שמונה, איז די צאָל געפאַלן צו 88%. אין 1975 איז די צאָל ווידער אַרויפגעשפּרונגען צו 95%. די ענדערונגען אין די תשובות זענען באַזונדערס מערקבאַר, ווען עס קומט צו די העכסט

אַפירמאַטיווע ענטפערס פון „גאַנץ באַשטימט יאָ". בשעת דער מלחמה האָבן 2/3 געגעבן דעם העכסט פּאָזיטיוון ענטפער; אין אַפּריל 1974 — בלויז 47%; אין 1975 האָבן די שטאַרקע „באַיאָער" אַרויפגעשפּרונגען צום ניוואָ פון דער מלחמה־צייט.

מ'קאָן דעריבער שוין אַרויסציִען מסקנות: ערשטנס, אַז אין דער צייט פון קריזיס אין דער תקופה פון מלחמה, אָדער קריגס־געפאַר ווערט דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט און גורל־שותפות מיט יידן אין דער וועלט טיפער און אינטענסיווער.

מיר ווילן אויך ציִען די אויפמערקזאַמקייט אויף דער דיפערענציאַציע לויט דער אינטענסיוויטעט פון די ענטפערס („יאָ" און „גאַנץ באַשטימט יאָ", „ניין" און דעפינירט „ניין"), וואָס מאַכט מעגלעך זען זאַכן מער ניואַנסירט — מער אין דער טיף און מער אין שייכות מיט אַנדערע פאַרבינדעטע ענינים.

דער ענין רעליגיע הייבט אָן שפּילן אַ ראָל, ווען ס'קומט צו די ענטפערס „באַשטימט יאָ". עס ווייזט זיך אַרויס, אַז צווישן די וועלטלעכע יידן האָבן נאָר 56% געגעבן די עקסטרעם פּאָזיטיווע תשובה, אָבער ביי די שטרענגע שומרי־מצוות — גאַנצע 85%, וואָס שטאַרקער די פרומקייט, אַלץ הייסער די תשובה. די צעטיילונג לויט אַנדערע קריטעריעס — סעקס, עלטער, סאָציאַלער שטאַנד — האָט נישט קיין דירעקטע השפּעה אויף די ענטפערס.

אַזוי צי אַזוי, ישראלים זעען זיך ווי אַ טייל פון דער יידישער וועלט־משפּחה. די תקופה פון „כנעניזם", פון געפיל פון „העכערקייט" לגבי דעם יידן אין גלות איז פאַרביי.

דריי פערטל פון די אָנגעפרעגטע האַלטן, אַז ישראל קען נישט עקזיס־טירן אָן ענגע פאַרבינדונגען מיט דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט. אַ קלענערע צאָל (68%) גלויבט, אַז יידן אין גלות וועלן קיין קיום נישט האָבן אָן מדינת ישראל. אַ זייער כאַראַקטעריסטישער געדאַנקען־גאַנג, וועלכן מ'דאַרף שטודירן און אַנאַליזירן.

די פראַגע: „צי באַטראַכט איר זיך ווי אַ ציוניסט?" איז צום ערשטן מאָל געפרעגט געוואָרן בשעת דער אויסמאַטערונגס־מלחמה אין 1970. די שאלה האָט מען איבערגעחזרט בשעת און נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה און ווידעראַמאָל סוף מערץ 1975. אין 1970 האָבן 78% געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער „יאָ" און „גאַנץ באַשטימט יאָ"; אַ יאָר שפּעטער — 84%, און

אין דער יום־כיפור־מלחמה — 90%. זינט דעמאָלט שטייט עס ביי 80%. די וואַריאַציעס מערקן זיך באַזונדערס ווען ס'קומט צו די מער אינטענסיווע ענטפערס. די יונגע זענען ווייניקער פּאָזיטיוו ווי די עלטערע (כאָטש אויך דאָ 68%). דער פּראָצענט איז העכער 90% ביי דער גרופּע פון 55 יאָר און העכער, און איז שטאַרקער ביי די מזרח־אייראָפּעישע און אַנגלאָ־סאַקסישע עלעמענטן. אָבער אויך ביי די מזרח־עדות דערגרייכט די פּאָזיטיווע ציוניס־טישע אידענטיפיקאַציע ביז 70%. וועלכע זענען די קוואַלן, די וואָרצלען, דער רצון צו געהערן צום יידישן פאָלק? ביי 82% איז עס די געשיכטע פון דעם ישוב אין דער לעצטער תקופה, ביי 76% — יידישע טראַגעדיע; ביי 72% — דריי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע; ביי 71% — יידישע עטיק; אויפן לעצטן פּלאַץ — יידישע רעליגיע.

אַוודאי איז מעגלעך און אַפילו וואַרשיינלעך אַ צוזאַמענגוס פון איינ־פלוס־שטראָמען. וואָס דאַרף אַן איינוווינער אין די תפוצות טאָן, כדי צו זיין פאַררעכנט אַלס גוטער ייד און גוטער ציוניסט, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, אין זייערע אויגן די „גראַדואַציע פון פּריאָריטעטן"? דערציונג פון קינדער ווי יידן — 91%; עליה און קליטה אין ישראל — 92%; פּאָליטישע אַקטי־וויטעטן פאַר ישראל — 89 %; קאַמף פאַרן קיום און המשך פון דער לאָקאַלער קהילה — 88%; עקאָנאָמישע נויטן פון ישראל — 82%. ס'זענען נישטאָ קיין גרויסע אונטערשיידן אין דער רשימה פון מצוות, וואָס דאַרפן פאַרפליכטן ציוניסטן. לאָמיר, אָבער, באַמערקן, אַז בלויז 56% האַלטן, אַז אַ ציוניסט דאַרף געהערן צו אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און בלויז 56% האַלטן, אַז ער דאַרף זיין אין איר אַקטיוו, אַ היפּשע צעמישונג פון באַגריפן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין אויבן אָנגעדייט.

80% האַלטן פאַרן ציוניסטישן חוב פערזענלעכע עליה. אין אַלגעמיין, אָבער, זעען די אָנגעפרעגטע גאָר נישט קיין גרויסן חילוק צווישן סתם יידן און ציוניסטן, לכל הפחות פון ריין אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט. אַלע אָנגעפרעגטע ווילן דעם המשך פון יידישן לעבן אין די תפוצות און פאַר־שטייען דעם באַטייט און די מאָראַלישע גראַנגלען פאַרן קיום און אַנט־וויקלונג. אין סך הכל: אַ קאָנצענסוס אין אַלגעמיין־יידישער און ציוניס־טישער אידענטיפיקאַציע.

די אַנקעטע באַשטעטיקט קלאָר און אויטאָריטאַטיוו, אַז די ישראלים

באַטראַכטן זיך ווי יידן און נישט צוליבן צופאַל פון געבורט אָדער פון ישראל־בירגערשאַפט און נישט נאָר ווי אַ פאַקט, וואָס מ׳דאַרף בלית ברירה אָננעמען. זיי ווייסן „פאַר וואָס" און „צוליב וואָס". די ספּעציעלע, מער אַקצענטירטע אידענטיפיקאַציע פון די רעליגיעזע לאָזט זיך דיסקוטירן און דאַרף ווערן גענוי אונטערגעזוכט. וויכטיק איז, אַז ס׳איז אין דעם פאַל נישטאָ קיין אונטערשיד פון דורות. אויך די יונגע זענען נישט קיין אויסנאַם און אין דער הינזיכט „קאָנוועַנציאָנעל" און „קאָנפאָרמיסטיש". דאָס איז גאָר אַ גרויסער עניק, ווען מ׳פאַרגלייכט עס מיט דער יידישער גלייכגילטיקייט און פרעמדקייט און אַפילו שנאה פון גרויסע מאַסן ביי דער תפוצות־יוגנט. די מדינה האָט נישט פאַרנומען דעם פּלאַץ אין טויזנטיעריקן עבר. די ישראל־בירגערשאַפט איז אַ פּרעכטיקער, אָבער נישט איינציקער אויסדרוק פון שייכות צום כלל־ישראל. דאָס וואָלט נאָך קלאָרער געוואָרן, ווען ס׳וואָלט אין דער אַנקעטע פיגורירט די פראַגע: וואָס איז אייער מאָס פון פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע בירגער אין לאַנד? מ׳וואָלט זיך איבערצייגט, אַז נישט נאָר ביי די נאַציאָנאַלע עקסטרעמיסטן, נאָר ביי די ליבעראַלסטע און מעסיקסטע איז עס אַ ריין־געזעצלעכע און פּאָליטיש־געאָגראַפישע פאַרבינדונג און מ׳דאַרף נישט און מ׳טאָר עס נישט פאַרגלייכן מיט דער באַציונג צום יידנטום סיי אַלס געשיכטלעכער און סיי אַלס גאָר היינטצייטיקער באַגריף. ס׳איז ווי אַן אַנדער פּלאַנעט.

וואָס שייך דער ציוניסטישער אידענטיפיקאַציע, זענען דאָ די זאַכן נישט אַזוי קלאָר. אַוודאי איז פאַראַן אַ פולשטענדיקע הסכמה צום תוך און צו די פּראַקטישע צילן, אָבער די אינדיווידועלע אויסטייטשונג פון דעם באַגריף „ציוניזם", די קליינע דערפאַרונג פון די ישראלים אין די אינעווייניקסטע ענינים פון יידישן לעבן אין דער וועלט מאַכט אונדז גלויבן, אַז וואָס שייך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ווי אַזעלכער, האָבן נישט נאָר די יוגנטלעכע (צווישן וועלכע די מועצה ציונית פירט אַן ערנסטע דערציעריש־אויפקלערערישע אַרבעט), נאָר אויך די עלטערע נישט קיין קלאָרע מיינונג, באַזונדערס די ניי־אָנגעקומענע פון נישט־ציוניסטישע לענדער אַרייַנגערעכנט רוסלאַנד.

מערקווירדיק איז דער ברייטערער קוק פון די ישראלים, וואָס איז ווייט פון עקסקלוזיוון זעלבסט־אינטערעס און ענגהאַרציקייט. זיי שטעלן

אַוועק דערציִונג בראש פון די חובות און דאגות פון די יידן אין גלות, אַפילו העכער ווי די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטיצע פאַר ישראל און אַפילו ווי עליה. אויך שטרייכן זיי אונטער די וויכטיקייט פון דער אַקטי־וויטעט פאַרן המשך און קיום פון די ישובים, וואָס מ׳פלעגט אַמאָל רופן „קעגנוואַרט־אַרבעט”. דאָס איז ווייט פון „שלילת הגלות” (אַלנפאַלס אין דעם אָנגענומענעם זינען) ווי מזרח פון מערב.

ס׳קען זיין, אַז ס׳וועט נאָך קומען די צייט פאַר דער פראַגע: „וועלכע פליכטן האָבן די ישראלים לגבי דעם גלות?” כ׳בין זיכער, אַז אויך דאָ וועט זיך אַרויסווייזן אַ יידיש כלל־ישראל־געפיל, אחריות און באַוווסטזיין, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַרן אַוואַנגאַרד און צענטער פון יידישן פאָלק.

1976

די גרענעצן פון יידישקייט

װעלכע זענען די גרענעצן פון יידישקייט פון דעם אַזוי גערופענעם ליבעראַלן יידנטום? װען איז מען און װען װערט מען אַ ייד? װען װערט מען אויס ייד? װעלכע נאָרמען פון מאָראַלישער אויפפירונג און אינסטיטוציעס „הויזן" נישט צוזאַמען מיט „יידישקייט"? מיט אַנדערע װערטער: װאָס איז דער מינימום שבמינימום פון יידישקייט? װוּ זענען די גרענעצן, װאָס װען מ׳גייט זיי אַריבער, פאַלט מען אַריין אין דער פרעמדער טעריטאָריע?

די דאָזיקע פראַגן עקזיסטירן גאָרנישט פאַר מצוות־אָפּהיטנדיקע אָרטאָדאָקסן, זיי זענען אָבער זייער פאַרוויקלט און קאָמפּליצירט, װען ס׳קומט צו „ליבעראַלע" יידן (אַ ברייטער באַגריף, װאָס נעמט אַרום די װאָס היטן נישט אָפּ טראַדיציעס און די אָפיציעלע װאָרטזאָגערס און ראַבאַיס פונעם רעפאָרמירטן טייל פון יידנטום), װוּ די גרענעצן צװישן יידן און קריסטן זענען סיי װי סיי היפּשלעך מטושטש און אַלץ איז „אויפן שװעל".

אָט די גרונט־פּראָבלעמען װערן באַהאַנדלט דורך נאָרמאַן ל. פרידמאַן אין אַ גלענצנדיקן עסיי „גרענעץ־פּראָבלעמען פאַרן ליבעראַלן יידנטום" („מידסטרים", נאָװעמבער 1973). ער נעמט אַלס ביישפּיל דריי טיפּישע גרענעץ־פאַלן: געמישטע חתונות; די „באַװעגונג פון יידן פאַר יעזוסן" און טעמפּלען פאַר האָמאָסעקסואַלן.

געמישטע חתונות

אין 1971־72 איז די הויפּט־פראַגע אויף די צוזאַמענקונפטן פון דער צענטראַלער קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער ראַבאַיס (רעפאָרם) געװען: צי מעגן די ראַבאַיס דורכפירן חתונות צװישן יידן און קריסטן, װאָס האָבן זיך נישט מגייר געװען? אין 1973 האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, װעלכע

זאָגט זיך קלאָר אַרויס קעגן דעם. אָבער ווי באַקאַנט, האָט מען צוגעגעבן אַן אויסבעסערונג, וואָס האָט אויסגעליידיקט דעם באַשלוס פון יעדן תּוכן: מ׳האָט „דערמאָנט״, אַז די קאָנפערענץ־ראַבאַיס האָבן שטענדיק אינטער־פּרעטירט טראַדיציע אויף אַן אינדיווידועלן און פאַרשיידנאַרטיקן אופן און װעלן אויך ווייטער אַזוי זיך נוהג זיין. אויפן פּשוטן לשון הייסט עס, אַז מען וועט נישט אַרויפלייגן קיין סאַנקציעס אויף די „ווידערשפּעניקע״ ראַבאַיס.

דער „אַמענדמענט״ האָט אָפּגעשפּיגלט די טרויעריקע רעאַליטעט: אַן אַנקעטע ביי 478 ראַבאַיס האָט באַוויזן, אַז 41% פון זיי גיבן אַזעלכע „חופּה־וקידושין״ און די וואָס טוען דאָס נישט, שיקן איבער די געמישטע פּאָרלעך צו אַנדערע ראַבאַיס. 68% פילן, אַז זייערע קאָנגרעגאַציעס „הייסן גוט״ אָט די פּראַקטיק.

פאַרשטענדלעך, אַז דער ענין איז אַ פּיל ברייטערער, ווי דאָס יאָ אָדער נישט אָנטייל נעמען פון די גייסטיקע פּאַסטעכער אין אַזעלכע חתונות. פאַראַן אַ חשד, אַז דורך דעם גיט מען אַ דע־פאַקטאָ אַנערקענונג פאַר דער יידישקייט פון דעם קריסטלעכן חתונה־פּאַרטנער, וואָס גייט נישט אַדורך דעם אַקט פון מגייר זיין זיך. מען ברייטערט אויס די גרענעצן פון יידישקייט און מ׳נעמט אין זיי אַריין אויך קריסטן.

עס ווייזט זיך אויך אַרויס פון די פּרעלימינאַרע באַפעלקערונג־פאָר־שונגען, אַז עפּעס אַ העלפט פון דעם קריסטלעכן צד באַטראַכט זיך אַלס יידיש, אומאָפּהענגיק פון די „פאָרמאַליטעטן״ פון זיך מגייר זיין.

די רעאַקציע פון די „נישט־טראַדיציאָנעלע״ און ליבעראַלע יידן צו דער ראָל פון די ראַבאַיס אין אָט דעם מין חתונה האָבן און צו די געפילן פון גוישן צד, איז ווייט פון אַלאַרם און דאגה. מען פאַרענטפערט די דער־שיינונג מיט ריין אָפּאָרטוניסטישע טעמים: מען וויל נישט, אַזוי צו זאָגן, דורך אַ נעגאַטיווער שטעלונג, פאַרלירן אַ פּאָטענציאַל פאַרן רעפאָרמירטן יידנטום. אויב די נישט־יידן פילן זיך מער און מער „אַקצעפּטירט״ און אַ טייל באַטראַכט זיך אַפילו פאַר יידן, איז עס דערפאַר, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ ווילן זיי אויפצונעמען, זיי אַריינרעכענען און נישט פאַרלירן זיי״.

געמישטע חתונות ווערן אַלץ צאָלרייכער און די נישט־פאָרמעלע יידן ווערן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין דער יידישער געזעלשאַפט. ס׳וואַקסט במילא די צאָל ראַבאַיס, וואָס פירן דורך די חתונה־צערעמאָניע, טראָץ דער

אַנגענומענער רעזאָלוציע. דער מחבר ברענגט אויך די מיינונג פון באַקאַנטן געלערנטן מירסקי, אַז עס זענען אויך דאָ ספּעציעלע „פונקציאָנעלע מאָטיוון" פאַר דער פּאָזיציע און ראָל פון די רעפאָרמירטע ראַבאַיס. זיי פירן דורך אַ פונקציע, וואָס אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע רבנים ווילן נישט און דאַרפן אויך נישט אויספירן, כל זמן ס׳זענען דאָ די רעפאָרמירטע קאָלעגן: געבן אַ סאַנקציע פאַר דערשיינונגען און מינהגים וואָס עקזיסטירן נישט לויט דער הלכה און וואָס די יידישע געזעלשאַפט נעמט אָן בלית ברירה. „דער רעפאָרמירטער ראַבאַי דינט דער יידישער קהילה דורך דעם, וואָס ער סאַנקציאָנירט נישט־הלכהדיקע, אָבער געזעלשאַפטלעך פאַרשפּרייטע און אָנגענומענע אויפפירונגען". מיט אַנדערע ווערטער: עפּעס ענלעכס צו דעם (מיטן גאַנצן כבוד צו די ראַבאַיס) וואָס ביי אונדז אין שטעטל האָט געטאָן דער שבת־גוי...

די יידישע יעזוס־באַוועגונג

די צווייטע גרענעץ־פראַגע איז נוגע דאָס פאָדערן דורך יחידים און געזעלשאַפטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון „יידן פאַר יעזוסן", באַטראַכט צו ווערן אַלס יידן.

די מיסיאָנערישע טעטיקייט האָט אויפגעלעבט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַוועגונג און מאָדע אין לאַנד און דעם עוואַנגעלישן „קי 73 קאַמפּיין".

אמת, ס׳איז נישט קיין נייע דערשיינונג. זינט 1884 עקזיסטירט „אַן אַמעריקאַנער ראַט פון דער מיסיאָן צו יידן" און אַפּילירטע גרופּן, ווי: „יידישע קריסטן" און „בית הר שלום". אין 1971 האָט דער ראַט אויפגעפירט אין דער טעלעוויזיע אַ קריסטלעכע ווערסיע פון דער סדר־נאַכט. אין 1972 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אַנאָנס אויף אַ גאַנצער זייט, וואָס באַווייזט 39 מענער און פרויען וואָס „שמייכלען אין אונדזערע טעג", ווייל זיי האָבן געפונען יעזוסן. מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע און גוט פינאַנסירטע פּראָזעליטישע טעטיקייט, הויפּטזעכלעך געווענדט צו דער יידישער יוגנט.

„די יידן פאַר יעזוסן" באַטראַכטן זיך פאַר נישט ווייניקער יידיש ווי

קריסטלעך. זיי האַלטן, אַז זיי זענען נישט אַריבער די גרענעצן פון יידיש־קייט, אַז זיי זענען נאָך מער שלימותדיק, אַ חבורה פון משיחישע יידן. „מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו זיין יידן. מיר גיבן נאָר צו אַ נייע פּרעכ־טיקע דימענסיע צו זיין אַ ייד. מיר ווערן נאָך יידישער".

די אַלגעמיינע רעאַקציע צו זיי איז, צום גליק, געווען כמעט אַן איינ־שטימיק נעגאַטיווע. וועגן דער אָרטאָדאָקסישער מחנה איז דאָך אָפּגערעדט. דער באָסטאָנער בית־דין האָט אין 1972 געפּסקנט: „אַ יידישער קריסט — קען נישט חתונה האָבן מיט אַ ייד, קען נישט זיין קיין מיטגליד אין אַ שול און קומען צו קבורת ישראל".

אָבער אויך די רעפאָרמירטע און ליבעראַלע האָבן זיך דאָס מאָל אָפּגעטרייסלט און אָפּגעגרענעצט און אַנטוויקלט אַן ענערגישן ווידערשטאַנד. זיי האָבן אַרויסגעשיקט דעם נייטיקן מאַטעריאַל צו 700 אַפילירטע טעמפּלען מיטן ציל אויפצוקלערן דער יוגנט און זי לערנען ווי אַזוי „ענטפערן די אַפּיקורסים", באַזונדערס בנוגע די טרויעריק באַרימטע שטעלן אין תנ"ך, וואָס זאָגן כלומרשט אָן דאָס אָנקומען פון משיחן. דאָ האָבן אַלע דערשפּירט, אַז „מען טאָר נישט אַריבער די ליניע" און מ'דאַרף אָפּוואַרפן די מיסיאָנע־רישע פּרעטענזיעס אויף יידישקייט. ס'האַנדלט זיך דאָ נישט ווי אין פאַל פון געמישטע חתונות פון פרעמדע וואָס באַוועגן זיך און דערנענטערן זיך צום יידישן כלל, נאָר וועגן יידן וואָס גייען אַוועק און דערווייטערן זיך פון אונדזערע גרענעצן. ס'רעדט זיך דאָ וועגן אַ נייער אידעאָלאָגיע, וועגן אַ משונהדיקער איינשטעלונג, אַז דורך שמדן זיך ווערט מען אַ בעסערער און „אמתער ייד".

ס'איז אויך אַ פאַל, ווען דער הלכהשער און סאָציאַלער שטאַנדפּונקט באַגעגענען זיך אין פולשטענדיקער האַרמאָניע. דער פרייסטער ייד וועט זיי נישט אָננעמען צוליב סאָציאָלאָגישע, נאַציאָנאַלע און קהילה־מאָטיוון — און נישט דווקא טעאָלאָגישע מאָטיוון. אָט דער טיפּ משומד קאָן נישט אַבסאָרבירט ווערן דורך דער יידישער געזעלשאַפט. ער שטעלט מיט זיך פאָר „די לעצטע שטרוי"...

די האָמאָסעקסועלע, אָדער „פריילעכע" טעמפּלען

צי קאָן מען לעגאַליזירן טעמפּלען פאַר האָמאָסעקסואַלן און זיי באַ־

טראַכטן אַלס לעגיטימען טייל פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפט ? די גרויסע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין די אַמעריקאַנער סעקס־נאָרמען, די ראַדיקאַלע סטודענטן־באַוועגונג און פּרעסע, האָבן פּראָמינענט אַוועקגעשטעלט די פראַגע.

ס'איז שוין נישט קיין ריין טעאָרעטישער ענין. אין לאָס־אַנדזשעלעס, למשל, איז די „פּריילעכע" (אַ פּאָפּולערע אָנגענומענע באַצייכענונג פאַר האָמאָסעקסואַליסטן) „מעטראָפּאָליטאַנער קהילה־קירכע" געוואַקסן פון 12 מיטגלידער אין 1968 ביז 500 אין 1970. אין נאָוועמבער 1970 האָט אַ ראַבאַי אין ניו־יאָרק אָנגעפירט מיטן דאַווענען אין אַ האָמאָסעקסואַלן געבעט־הויז אונטערן נאָמען „דוד און יונתן". די סטודענטן־פּרעסע גיט פון צייט צו צייט איבער נייעס וועגן די האָמאָסעקסואַלן. אָט דערציילט די שיקאַגער „חוצפּה":

„דאָ אין שיקאַגאָ האָבן מיר געהאַט אַ ,פּריילעכן' סדר פון 25 פּערזאָן. פאַר אַ סך פון זיי איז דאָס געווען די ערשטע יידישע איבערלעבונג זינט זיי זענען געווען קליינע קינדער. די אַטמאָספער איז געווען אַ וואַרעמע און פריינדלעכע".

דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום האָט אָנגענומען אַ קלאָרע שטעלונג, באַ־טראַכט די דערשיינונג אַלס אַן עקלהאַפטע און פאַרברעכערישע געוווינהייט און אויפפירונג („מעשה תועבה"). די מער מאָדערנע און פאַרגעשריטענע פּאָזיציע איז געווען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ירושה, אָדער געוווינ־הייט, צי קראַנקייט. דער ראַדיקאַלער פּירוש אָבער אויף האָמאָסעקסואַליזם איז, אַז „ס'איז נישט קיין זינד, נישט קיין בושה, נישט קיין מחלה, נאָר אַ מאָראַליש נייטראַלע דערשיינונג, אַן אַלטערנאַטיווער סטיל פון סעקסואַלער פּראַקטיק".

אין דער הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש די אַנטוויקלונג פון אַ האָמאָסעקסועלן טעמפּל אין לאָס־אַנדזשעלעס מיטן נאָמען „חיים חדשים", געגרינדעט דורך 4 „פּריילעכע" און וואָס ציילט שוין איצט 60 מיטגלידער פון פאַרשיידענעם עלטער. אַנאַ בעם, די זשורנאַליסטין און פאַרשעריך, וואָס האָט באַזוכט זייערע תפילות און אויך אינטערוויואירט די מיטגלידער, גיט איבער, אַז זיי פילן זיך אַנדערש און פאַרשידן, ווי זייערע קריסטלעכע „קאָלעגן". לויט זיי קומט אויס, אַז זיי האָבן מער קולטורעלע אַפיניטעט און געמיינזאַמקייט מיט אַ יידישן, ווי מיט אַ קריסטלעכן „ליבהאָבער".

וואָס איז וויכטיק אין אָט דער מערקווירדיקער געשיכטע, איז די פֿאַר־בינדונג וואָס זיי האָבן מיטן אָפֿיציעלן רעפֿאָרם־יידנטום. אַ ראַבאַי פֿון דער געגנט האָט זיי געהאָלפֿן מיטן דאַווענען, מיטן קולטור־פּראָגראַם פֿאַר דער־וואַקסענע און פֿאַר זיי געקראָגן אַ ספֿר־תּורה. אַן אולטראַ־ליבעראַלער טעמפּל האָט זיי געגעבן אַ צימער פֿאַר תּפֿילות און עונג שבת.

די שטעלונג פֿון אָפֿיציעלן רעפֿאָרמירטן „עסטאַבלישמענט" איז נאָך נישט אויספּרובירט געוואָרן און ס'איז נישט קלאָר, למשל, ווי וואָלט מען זיך באַציגן צו אַ ביטע פֿון אָנשלוס פֿון זייערע טעמפּלען אין דעם פֿאַר־באַנד. ס'זענען נאָך נישטאָ קיין גענוג געגעבענע, כּדי פֿעסטצושטעלן אַ פּאָזיציע צו דער „לעגיטימקייט" פֿון אָט די טעמפּלען. דערווייל זעט אויס, אַז מ'איז מער גענייגט זיי צו טאָלערירן און העלפֿן ווי אַנדערע קראַנקע, איידער צו זען אין זיי אַן אַלטערנאַטיוו לעבנססטיל. אויב ס'איז באַשערט אַז עס זאָלן זיין אַזעלכע יידן, איז בעסער זיי זאָלן אָפּגעזונדערט אין זייערע אייגענע ראַמען.

זייער ווייניק וואָלטן מסכּים געווען צו דער רירנדיקער שילדערונג פֿון אַ חתונה־יובילעאום פֿון צוויי לעסבישע פֿרויען, טאַקע אין דעם טעמפּל.

אַ סך איז אָפּהענגיק פֿון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג אין לאַנד און אין די ראַשיקע ענדערונגען אין די סעקס־געוווינהייטן. אויב די סעקסואַלע רעוואָלוציע זאָל ווייטער פֿאַרגעזעצט ווערן אויף דער אַלגעמיינער גאַס, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די „פֿריילעכע סינאַגאָגעס" זאָלן ווערן קאָנטראָ־ווערסאַלע און אפֿשר גאָרנישט אַזוי קאָנטראָווערסאַלע מיטגלידער פֿון דער יו. אַ. ה. ס. משפּחה.

☆

עד כּאן האָבן מיר געטריי איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פֿון דעם זייער אינפֿאָרמאַטיוון עסיי. מיר האָבן עס נישט געטאָן צוליב דער שאַרפֿקייט אָדער פּיקאַנטקייט פֿון דער טעמע, נאָר צוליב דעם, ווייל מיר זעען אין אָט די עקסטרעמע פֿאַלן נאָר אויסערלעכע סימנים פֿון גרויסער, יידישער, אינערלעכער, גייסטיקער צעפֿאַלנקייט און שוואַכקייט. ס'איז אַן אויסדרוק פֿון לויזקייט, פֿון אַנאַרכיע, פֿון לית־דין ולית־דיין. ס'איז נישט אַזוי חילול־השם, ווי חילול העם. ס'האָט נישט צו טאָן נאָר מיט רעליגיע, נאָר מיט

דעם לויז ווערן פון אַלע יידישע נאַציאָנאַלע רייפן וואָס שאָקירט דעם וועלטלעכסטן צווישן אונדז. זיכער זענען דאָס, ווי אויבן געזאָגט, פּאַלן „אויף דער שוועל״. אָבער יידישקייט איז פּאָרט נישט קיין הפקר־לאַנד, ווו יעדער איינער טוט וואָס ער וויל. אפשר איז אין דעם אַלעמען פאַראַן אַ פּינטעלע ייד. אָבער דער דגש איז אויף דעם קליינעם פּינטעלע און נישט אויפן ייד. די גרענעצן דאַרפן זיין קלאָרע און שאַרף אָנגעצייכנטע. אויב מען פאַרנעפּלט זיי, פאַרלירט מען די גלייכוואָג און מען פאַלט אַריין אין כּף־הקלע פון חורבן און אונטערגאַנג.

1974

יידישקייט, ציוניזם און רעליגיע ביי ישראלים

ס׳קומט אַ דאַנק דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר דער וויכטיקער אַנקעטע, וואָס זי האָט באַשטעלט ביים אינסטיטוט פאַר געזעלשאַפטלעכער פאָרשונג און וואָס אירע רעזולטאַטן זענען איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ס׳איז גוט, וואָס נישט געקוקט אויף די אויסערלעכע דרוקן, שפּאַנונגען, געפאַרן און געראַנגלען האָבן מיר גענוג באַדאַכטקייט און גענוג פאַרשטענדעניש פאַר אינערלעכע מהותדיקע ענינים, פאַר זיך אַליין, פאַרן תּוך, פאַרן געשיכטלעכן און כמעט אייביקן. די אַנקעטע, אַ מוסטער־אָפּשניט פון 1200 אַנגעפרעגטע, האָט זיך פאַרנומען מיט אַזעלכע פראַגן ווי: די באַציונג פון די ישראלים צום ציוניזם, צו רעליגיע און טראַדיציע, צו די תּפוצות און וועגן דער מאָס פון זעלישער אידענטיפיקאַציע און אַנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק.

די ענטפערס גיבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די ענינים וואָס מאַטערן אונדז נישט פון היינט און באַגלייטן אונדז שוין אַ פּאָר דורות, באַזונדערס זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל. אַוודאי איז דאָס נישט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפט. ווי שטענדיק איז עס אָפּהענגיק פון דעם פרעגער און דער פאָרמולירונג פון דער פראַגע און פון דער קוואַליטעט, דעם אָפּשטאַם און דעם שטאַנד פון דעם ענטפערער. ווי רעפּרעזענטאַטיוו, טעכניש און וויסנשאַפטלעך גענוי אַזאַ אַנקעטע זאָל נישט זיין, דאַרף מען שטענדיק נעמען אין אַכט דאָס ריין צופעליקע און דאָס טעותדיקע, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע אַבסטראַקטע, אידעאָלאָגישע און עמאָציאָנעלע ענינים, וואָס לאָזן זיך נישט „וועגן און מעסטן״.

פון דעסטוועגן איז די אַנקעטע אַ וויכטיקער דאָקומענט. זי ווייזט אויף דעם פאַרנעם און ריכטונג פון איינשטעלונגען און פּרינציפּן און, דער עיקר, זי רעוואַלידירט און פאַרלייקנט אָנגענומענע פאַלשע באַגריפן און פאָראורטיילן.

80% פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט באַטראַכט זיך אַלס „ציוניס־טיש” (די געענדזנפיסלעך ווערן דאָ געגעבן נישט אין נעגאַטיוון זינען, נאָר ווי אַ טערמין, ווי אַן אָנקעטע־באַגריף).

די פראַגע אַליין האָט שטענדיק אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג און אַפילו מיספאַרשטענדענישן. וואָס איז די רבותא? ווי קען עס דען זיין אַנדערש? ס'איז פונקט אַזוי ווי צו פרעגן צי וואַסער איז נאַס. ווי אַזוי קען ישראל, וואָס איז דער פּראָדוקט (לכל הפחות אידעאָלאָגיש) פון דער ציוניסטישער, נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג, וואָס איז איר פאַרווירקלעכונג און קרוין־דערגרייכונג, זיין עפּעס אַנדערש ווי ציוניזם אין טיפסטן און אמתדיקן זין פון וואָרט? און אויב ציוניזם הייסט נאַציאָנאַלע גאולה, עליה, התישבות, ווו נאָך איז דאָס געקומען צום אויסדרוק ווי אין ישראל, וואָס האָט געפאָ־דערט די פולשטענדיקע פּערזענלעכע אידענטיפיקאַציע ביז צום פרייז פונעם לעבן אַליין? אַפילו די אויבן דערמאָנטע „געענדזנפיסלעך”, וואָס זענען געוואָרן אַ באַצייכענונג פאַר אַלע אידעישע, געשיכטלעכע ענינים, האָבן זיך באַצויגן מער אויף סטיל, לשון, נוסח און געוווינהייט ווי אויפן תוך, אויפן עצם ענין. דער סאַברע האָט פּשוט נישט פאַרטראָגן אונדזער באַ־ליבטן לעקסיקאָן פון באַגריפן, אונדזער מליצה און צום סוף האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. ער האָט אַזוי לאַנג איראָניזירט איבער דער פאָרם פון ווערטן, ביז ער האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרלירן.

און פון דעסטוועגן דאַרף מען נישט נעמען דעם ענין אַזוי לייכט. פאַר מיר איז דער ענטפער בנוגע ציוניזם פונעם ישראל־בירגער אַן אָנגענעמע און דערמוטיקנדיקע געשעעניש.

זינט דער אַנטשטייונג פון מאָדערנעם ישוב אין ישראל און מכּל שכּן זינט דעם אויפקום פון ישראל אַלס מדינה האָבן ביי אונדז געקעמפט צוויי טענדענצן: די ישוביסטישע, די שטרענג לאָקאַלע אויפפאַסונג און די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע. די אָנהענגערס פון דער ערשטער אויפפאַסונג האָבן געזען דעם עיקר אין די „תכליתדיקע” קאָנקרעטע ענינים פון ישוב און אַ צוועק פאַר זיך אַליין. די צווייטע ווידער האָבן געלייגט דעם דגש אויף די ברייטע יידישע וועלט־אַספּעקטן און באַטראַכט דעם ישוב ווי אַ מיטל, ווי אַן אינסטרומענט אין דינסט פון גאַנצן פאָלק און זיין באַפרייונג. די

ערשטע זענען געווען כולו געאָגראַפיע; די אַנדערע האָבן אין זיך געזען אַ געשיכטלעכן המשך און רעוואָלוציע.

מיר וויסן נישט צי די ענטפערערס האָבן גראָד געהאַט אין זינען די ציוניסטישע באַוועגונג אין איר קאָנקרעטער אָרגאַניזאַציאָנעלער הינזיכט (כאָטש אַלע פּאַרטייען, חוץ רק״ח און די ראַדיקאַלע שפּליטער־גרופּעס און סתּם יוצא־דופנדיקע באַטראַכטן זיך אַלס טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע). איינס איז זיכער, אַז די מענטשן האָבן געוווּסט וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך און זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן אַ שאַרף דעפינירטע קאָנצעפּציע, גענוג ספּעציפיש און אַנדערש ווי סתּם אָנגעהע־ריקייט אין שייכות צום כּלל ישׂראל.

ציון אַלס געשיכטלעכער, מאָראַליש־רעליגיעזער באַגריף און נישט אַלס טעריטאָריע, כאָטש אין אונדזערע צייטן איז עס בלויז אַ טעאָרעטישע פראַגע.

ציוניזם אין ישׂראל מיינט: עליה און דאָס זען אין ישׂראל די היים פון גאַנצן יידישן פאָלק און נישט נאָר פון די וואָס זענען אירע בירגער. עס מיינט, אַז די תּפוצות האָבן נישט נאָר התחייבותן, נאָר אויך רעכט, וואָס זענען געוויס אַנדערש, אָבער פיל ערנסטער ווי למשל די נאַטירלעכע רעכט פון אַן אַראַבישן בירגער.

ציוניזם מיינט צו זאָרגן פאַרן קיום פון די יידן אין זייער צעזייטקייט, פאַר זייער קולטורעלן המשך דורך חינוך, העברעישן רענעסאַנס, קהלה־לעבן א.אַ.וו.; ציוניזם מיינט דענקען וועגן טעריטאָריע אין ישׂראל נישט נאָר אין זיכערקייטס־באַגריפן, נאָר ווי אַ באַזע פאַר אויפנעמען די מיליאָנען יידן וואָס וועלן קומען. און אַפילו דער ענין „צענטראַליטעט פון ישׂראל״, וואָס איז איינער פון די קענצייכנס פון ציוניזם אין גלות, איז נישט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך ביי אַלעמען אין ישׂראל.

מיר באַטראַכטן דעריבער די סך הכּלען פון דער אַנקעטע נישט נאָר ווי אַ „צייכן פון דער צייט״ נאָר ווי אַן אידעאָלאָגישע ווענדונג און קודם כּל ביים יונגן דור.

שטאַרקער און ממשותדיקער איז דער ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע: די באַציונג צום יידישן פאָלק. אויך דאָס דאַרף נישט גענומען ווערן לייכט און ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

95% באַטראַכטן זיך ווי אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק. דאָס מיינט, אַז זיי אָנערקענען זיך נישט נאָר אַלס יידן ווי יחידים (צוליבן פֿאַקט פֿון געבורט, פֿון אָפּשטאַם), נאָר געהערן צו אַ פֿאָלק, צו אַ היסטאָריש־גייסטיקן קאָלעקטיוו. און דאָס איז אַ גרויסער ענין. פֿון דעם קען מען ציִען די ווייט־גייעדניקסטע מסקנות:

דער „כנעניזם”, די אידעאָלאָגיע פֿון בלויז ישראלדיקער אָנגעהעריקייט, פֿון אָפּגעריסנקייט פֿון יידן אין דער וועלט, דאָס נעגירן אונדזער טויזנטער יאָריקן גלות און אונדזערע געוואַלדיקע קולטור־אוצרות, איז כמעט ווי פֿאַרשוווּנדן. וואָס עס איז נאָך וויכטיקער: דער פּאָטענציעלער כּנעניזם פֿון סופֿעריאָריטעט און פֿון קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף אַנדערע יידן, וואָס לויערט אויף יעדן יונגן ישראל־געבוירענעם, איז אין פּראָצעס פֿון ירידה. לאָמיר עס בעסער צעקייען: דער ישראלי האָט אַ דאָפּלטע לאָיאַליטעט: פֿון מדינת ישראל, וואָס ער טיילט צוזאַמען מיט די אַראַבישע מיטבירגער (כאָטש דאָס לאַנד איז יידיש אין אַלע הינזיכטן); און צום יידישן פֿאָלק, וואָס ער טיילט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן אין דער וועלט. ס׳איז אין סופֿיק, ט׳ךּ און גלייכצייטיק לויטער פּשטות אַזוי ווי דער אמת אַליין.

ס׳מיינט אַ בעסערע און היימישערע באַציונג צו די „תּפֿוצות”, צום „גלות־ייד”, צום עצם באַגריף פֿאָלק און יידישקייט און צום פּלאַץ פֿון דער מדינה אויף דער יידישער וועלטמאַפּע: טאַקע אַ צענטער (און נישט נאָר, כאָטש בעיקר אַ גייסטיקער), אָבער נישט דאָס גאַנצע פֿאָלק; דאָס אויבערשטע, אָבער נישט דער שטייסל. ציטירנדיק בן־גוריונען: „צום ערשטן אַ ייד און דערנאָך אַ ישראלי”, כ׳וואָלט מיר דערלויבט עס צו פּאַראַפֿראַזירן: „מ׳איז אַ ישראלי, ווייל מ׳איז אַ ייד”... פּלאַסטיש גערעדט — ס׳איז דינאַמישער „לויף פֿון דער צייט” און נישט סטאַטיק פֿון ערד און טעריטאָריע, ווי הייליק און באַליבט זי זאָל נישט זיין.

כּדי גענויער צו באַגרייפֿן דעם זין פֿון די תּשובֿות, איז כּדאַי צו ברענגען די סיבות, וואָס ווערן אָנגעגעבן פֿאַר דער אידענטיפֿיקאַציע מיטן פֿאָלק: פֿאַר 82% — די געשיכטע; פֿאַר 66% — די רעליגיע און פֿאַר 73 פּראָצענט דער יידישער „עסטאַבלישמענט” (דאָס וואָרט וואָס מיר זעצן איבער טעקסטועל פֿון העברעיִשן „ממסד” דאַרף גענומען ווערן אין ברייטן

זינען פון קאָנקרעטער, היינטצייטיקער יידישער ווירקלעכקייט פון וועלכער ישראל איז דער הויפּט־קאָמפּאָנענט). אַוודאי שליסן די אַלע פאַקטאָרן חלילה נישט אויס איינער דעם צווייטן. מ׳קען זיין אַ ייד צוליב אַלע סיבות צו־זאַמענגענומען און דאָס איז מסתמא דער פאַל פון אַ ריזיקער צאָל, אויב נישט פון דער מערהייט פון אַלע אינטערוויואירטע. די פראַגע איז נאָר אויף וואָס עס ווערט געלייגט דער דגש און דער ענטפער איז: אויף דער יידישער געשיכטע, וואָס איז נישט סתם אַ גרויסער מאַסיוו פון דורכ־געלעבטע יאָרן, נאָר אַ סך הכּל פון דערפאַרונגען און נסיונות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון טויזנטער יאָרן אויף מולטי טעריטאָריעס און מולטי ציוויליזאַציעס און סביבות.

די פריידיקע און דערהויבענע דערפאַרונג פון די לעצטע צענדליקער יאָרן זינט דעם אויפקום פון דער מדינה איז נישט קיין רעוואָלוציע, נישט קיין רעוועלאַציע, נאָר אַ פשוטער פועל יוצא, אַ הויכפּונקט פון אַ לאַנגן פּראָצעס, אַלס אַ ניי המשך־קאַפּיטל און נישט קיין ניי בוך, אַ נייער רענעסאַנס און נישט קיין בראשית.

דער הויכער פּראָצענט פון רעליגיעזע דאַרף אויך באַגלייט ווערן מיט אַ פּירוש. אין אַן אַנדערער אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן רעליגיע־מיניסטעריום, האָבן זיך בלויז 22% דערקלערט ווי רעליגיעזע (אין דעם קלאַסישן און קאָנווענציאָנעלן זינען פון וואָרט), אָבער 42% ווי טראַדיציאָנעלע. אונטערן וואָרט טראַדיציע דאַרף מען פאַרשטיין: קולטור אָדער יידישקייט אין וועלכער רעליגיע שפּילט אַ גאָר חשובע און איינציק־אַרטיקע ראָל, אָן וועלכער ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן אונדזער גאַנצע געשיכטע. ס׳הייסט אַ טיפער דרך ארץ פאַר די גרויסע יידישע ווערטן פאַרקערפּערט אין דער יידישער רעליגיע, פאַר אירע גינגאָלדענע אוצרות פון פּאַטריאָטיזם און ליבע צו יידן, אירע פּרעכטיקע זעלבסטשטענדיקע אויסדרוקן פון אונדזער פאָלק, פאַר איר ראָל אין אונדזער אויפהאַלטן בלויז דאָס לעבן. די קעמפערישע און גאָט־לעסטערנדיקע שטעלונג איז פאַרטראָטן דורך 3% יידן. און שטאַמט ביי זיי נישט פון אַנטי־קלעריקאַליזם, נאָר פון אָפּגעפרעמדקייט פון פאָלק, פון זיינע לײַדן, פון זיין געראַנגל און פון זיין

וועג אין דער וועלט. קיין וווּנדער נישט דעריבער, אַז זי איז פֿאַרטראַטן מיט קוים 3% שטימען.

ווי שוין אויבן געזאָגט: ס׳איז נישט מער ווי אַ מוסטער־פֿאַרשונג. ס׳איז אָבער אַ מוסטער פֿון יידישקייט, פֿון רייפֿקייט און פֿון דעליקאַטער גייסטיקער גלייכוואָג.

1975

נויט

אין „אָבסערוועד" דרוקן זיך רעגולער דע־ווילסאָנס רעפּאָרטאַזשן אונ־טערן קעפּל „טאָגבוך פון דער דריטער וועלט". מ׳קען זיי נישט לייענען אָן אַ געפיל פון שוידער, גרויל און צער.

אין נומער פון 21־טן נאָוועמבער ה. י. דערציילט ער וועגן די סלאָמס און אָרעמקייט־באַצירקן פון דאַקאַר (סענעגאַל) און ריאָ דע זשאַנעיראָ (בראַזיל).

מענטשן האָבן איבערגעריסן מיט הונדערטער יאָרן דאָרפישער פּאַט־ריאַרכאַלער טראַדיציע און זיך אַ לאָז געטאָן אין די שטעט. זיי זענען אַנטלאָפן פון טריקענישן, שווערער דאָליע און הויכער שטערבלעכקייט צווישן זייערע קינדער. אָבער זיי געפינען אַ וועלט, וווּ זיי זענען נישט געוווּנטשן, וווּ זיי קריגן נישט קיין אַרבעט, אָדער באַקומען הונגער־לוינען און באַזעצן זיך אין סלאָמס.

אַלץ הייסט סלאָמס! מיט זייערע צען פינגער האָבן זיי זיך אויפגעבויט בודקעס אין אַ געגנט, וואָס מען רופט אויף פראַנצויזיש „בידאָנווילס" אויפן נאָמען פונעם מעטאַל וואָס זיי רייסן אָפּ פון דעכער און ווענט. אַרום הונדערט טויזנט וווינען אין די מאָסיווע קאָמפּלעקסן פון קאַרטאָן־פּושקעס, באַפּעס־טיקט מיט אַ ביסל האָלץ און מעטאַל. צען אין אַ צימער, אָן עלעקטריציטעט, אָן די מינימאַלע סאַניטאַרע באַדינגונגען. אָפט מאָל מיט די הויז־חיות צוזאַמען.

אַ סך ליידן פון דער טרויעריק באַרימטער קרענק אין געטאָ און פונקט ווי די מוסולמענער זענען זיי געשוואָלן פון הונגער.

די ענגשאַפט צוזאַמען מיט דער שמוץ אין די גאַסן שאַפן אומדער־טרעגלעכע געזונטהייטס־פּראָבלעמען. דער געשטאַנק איז אומדערטרעגלעך.

ס'איז אָפּפאַל און מיסט אין פולן קאָנטראַסט מיט די עלעגאַנטע קוואַרטאַלן פון דאַקאַר.

די שפּייז־געשעפטן זענען קליינע בודקעס, ווו עס געפינט זיך אַ ביסל פוילעכץ, וואָס מען טאָר נישט נעמען אין מויל אַריין.

דער מחבר דערציילט וועגן אַ יאַטקע אין דרויסן, ווו ס'איז אַרויסגעשטעלט געל פלייש און אויף וואָס עס קריכן פליגן; און וועגן אַ קליין יינגעלע וואָס נישטערט אין מיסט, כּדי צו געפינען עפּעס צום עסן. דער שרייבער האָט תּפילה געטאָן צו גאָט ער זאָל גאָרנישט געפינען, ווייל יעדע מציאה וואָלט אים אַוועקגענומען פון דער וועלט.

☆

אין דער פּרעכטיקער, רייצנדיקער און פאַרביקער ריאָ דע זשאַנעיראָ וווינט דאָס אָרעמע פאָלק אין מיזעראַבעלע שטעטלעך, וואָס הייסן פאַוועלאָס. די באַדינגונגען זענען נישט בעסער ווי אין די „בידאָנווילס" אין דאַקאַר. בלויז דער אויסלייג פון די הייזער איז אַן אַנדערער. די שטיבלעך זענען געבויט אין די בערג, „קאָפּ אויף קאָפּ". ס'זעט אויס ווי אַ פּאַלאַץ פון קאַרטן, וואָס קאָן אַוועקפליִען מיטן ווינט.

דער שרייבער האָט באַזוכט איינעם פון די וווינונגס־פּראָיעקטן אויסערן שטאָט. דאָ זענען נאָך צוגעקומען די אוממעגלעכע טראַנספּאָרט־באַדינגונגען און אין אַ געוויסער מאָס איז עס נאָך ערגער ווי אין די „פאַוועלאָס".

די סלאַמס ברוטאַליזירן דעם מענטשן. סטאַדעווייז קומען זיי פון צפון, קרבנות פון נאַטור־אומגליקן, און פאַלן אַריין אין גהינום אויף דער ערד (זיי רופן זיך טאַקע „פלאַגעלאַדאָס", וואָס דאָס הייסט געשלאָגענע). דער רעזולטאַט איז צווישן אַנדערן, מאַסן־פּראָסטיטוציע. פּאַראַן שטעט אין בראַזיל, ווו די צאָל גאַסן־פרויען דערגרייכט צו דער אומגלויבלעכער ציפער פון 50.000.

אין דער מאַגאַ־געגנט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דאָס שוידערלעכע בילד פון אַ „קאַמפּאַונד" אין וועלכן ס'זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרן העכער טויזנט אַזעלכע מיידלעך מיט טעמפּע אויסדרוקלאָזע געזיכטער און מעכאַנישע קערפּער־באַוועגונגען. דאָרטן ווערן זיי באַליידיקט שעה נאָך שעה, ווערן אַרויסגערופן, אַריינגעשליידערט אין די אַרומיקע הייזער און פאַר־

קויפט פאַר 10 שילינג. ס׳איז שווער זיך פאַרצושטעלן ווי אַזוי מענטשן קאָנען דעגראַדירט ווערן צו אַזעלכע אָפּגרונטן פון חרפּה און ווי אַזוי רעגירונגען קענען טאָלערירן אַזאַ קערפּער־האַנדל.

לייענענדיק אָט די רעפּאָרטאַזשן, האָבן פאַר מיר אויפגעטויכט ענלעכע זכרונות און בילדער פון די אָפטע רייזעס וואָס כ׳האָב געמאַכט אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

אין קאַראַקאַס — די זעלבע „פּאַנאָראַמע". אונטן אַ צויבער־שטאָט, מאָדערנע אויטאָסטראַדעס, שוואַרצער, גלאַטער אַספאַלט, שורות פון לויפנ־דיקע אויטאָמאָבילן, ווילעס און פּאַלאַצן, געבויט מיט דער ראַפינירטסטער אַרכיטעקטור, גערטנער, מאָנומענטן. אַלץ לויט דער פאַנטאַזיע פון דעם דיקטאַטאָר. אויבן אָבער אויף די בערג — טויזנטער קליינע ביידלעך, וואָס זעען אויס ווי מעלינעס פון הינט מיט בלעכענע דעכער אָן ליכט, אָן וואַסער־אינסטאַלאַציע, אָבער איראָניש מיט טעלעוויזיע־אַנטענעס אומעטום.

עס געדענקט זיך רעגנדיקע, קאַלטע אָוונטן אין באָגאָטאַ, מיט קינדערלעך, וואָס שלאָפן אויפן בריק, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. די וויזשאַ־מיזעריאַס אין בוענאָס איירעס. אַ כמאַרע פון יוגנטלעכע בעטלערס אין מאָנטעווידעאָ.

אין דער פּרעכטיקער מעקסיקע מיט אירע שטיינרייכע קלויסטערס, צויבער־גאָרטנס, פּאַרביקע באַזאַרן, באַגילדעטע פּאַלאַצן, שלאָפן מענטשן אין לעכער פון טונעלן און בריקן.

כ׳קען נישט פאַרגעסן די פישערשטאָט אין האָנג־קאָנג, ווו הונדערטער משפחות גייען נישט אַרויס פון די טוכלע שיפלעך. „לעבן" דאָרטן, פאַרלען זיך, געבוירן קינדער און שטאַרבן. און אַזוי פון דור דורות.

און אַזוי אין אַפריקע: עטלעכע קילאָמעטער פון דער דינאַמישער יאָהאַנעסבורג פון גאָלד, בריליאַנטן, קופּער און ווילעס מיט פּריוואַטע שווים־באַסיינען — די אַפריקאַנער געטאָס, כאַטעס אָן פענצטער און אָן טירן, מיט האַלב־נאַקעטע אין שמוץ פאַרזונקענע איינוווינערס. אַ טריט פון דער שיינער נאַיראָבי אין קעניאַ — דער מעסייאַש־שבט אויף אַ הויף פון מיסט און חיות־אָפּפאַל אין שמאָלע היילן, אַלץ צוזאַמען — בהמות, מענטשן, פייגל און ווילדער ריטואַל.

מען וואָלט געקאָנט דערציילן אַן אַ סוף מעשיות פון בעצם איין פּינצ־טערער נאַכט פון מענטשלעכן בזיון, הונגער און נויט.

יעדער פּאָליטישער קאָמענטאַר און יעדער סאָציאַלער מוסר־השכל זענען איבעריק. די ווונדן זענען אָפן, טריפן מיט בלוט און שרייען עד לב השמים.

1971

יורדים

אין אַלע יידישע מאַסן־צענטערס זענען זיי דאָ און זענען בולט און רוישנדיק. ווי יעדע פאַרדריסלעכע דערשיינונג וואָס דו ווילסט אויסמיידן, טרעפסטו זיך אויף איר אומאויפהערלעך אָן. דו קענסט היינט נישט רעדן וועגן אַ יידישער קהילה אָן זייער אָנוועזנהייט. דער לייענער האָט זיך שוין מסתּם אָנגעשטויסן, אַז איך מיין דאָ די עמיגראַנטן פון ישראל, וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען יורדים.

זיי זענען דאָ אין גרויסע מאַסן אין אַמעריקע, אין די טויזנטער אין קאַנאַדע, אין בראַזיל, אין דייטשלאַנד, אין דרום־אַפריקע און אין אַנדערע לענדער, בירגער פון נייע גלותן, „צייטווייליקע" עמיגראַנטן, „פּערמאַנענטע טוריסטן, אָדער אין טראַנזיט אויפן וועג צו אַנדערע לענדער.

מערסטנטייל זענען עס יחידים (טאַקע אין אימפּאָזאַנטע צאָלן), וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין אייגענעם סיפור המעשׂה. אָבער אַ מאָל דערשיינען זיי גלייך ווי אַ בולטע גרופּע, ווי אַ קאָלעקטיוו מיט פאָדערונגען, מיט פּרעטענזיעס ווי למשל די, וועלכע זענען „אָפּגעפאַלן" פונעם סאָוויעטישן עליה־שטראָם, אָדער באַלד אין אָנהייב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיפּישער עמיגראַנטן־גרופּע, אַ דורכגעפּרעסענער דורך עלנט און פאַרדרוס.

שווער צו וויסן אָן אַ גענויער אויספאָרשונג וויפל פון זיי זענען פרישע עולים, וואָס האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן און וויפל — ותיקים אין ישראל געבוירענע, וואָס זוכן גליקן אויף פרעמדער ערד, ווייל דאָ אין לאַנד איז זיי „עפּעס צעבראָכן געוואָרן", ווי ס'זאָגן פלאַסטיש די סאַברעס; וויפל זענען פון עלטערן דור און וויפל אין זייערע שפּעטערישע בלי־יִענדיקע יאָרן (די לעצטע, דוכט זיך מיר, זענען די מערהייט, אפשר דערפאַר ווייל זיי וואַרפן זיך מער אין די אויגן און זייער מאַסן־יציאה פון ישראל טוט אָממערסטן וויי).

ווי גרויס איז זייער צאָל בכלל? נישטאָ קיין גענויע ציפער, אָבער זי וואַקלט זיך מסתּם צווישן 250.000 און 300.000, אַ באמת קאָלאָסאַלע ציפער, אַ גרויסער אומגליק וואָס קען נישט „געלינדערט" ווערן דורך דעם אין תּוך ריכטיקן פאַרגלייך מיט דער צאָל פון מער ווי צוויי מיליאָן מענטשן וואָס מיר האָבן אַריינגענומען אין ישׂראל זינט די מדינה איז אַנטשטאַנען, זיי איבערגעבויט און איינגעגלידערט. ס'העלפט נישט. די צאָל שרייט ווי אַן אָפענע ווונד. די צאָל ווערט אכזריותדיק גרעסער, באַשיימפּערלעכער, פאַרדריסלעכער צוליב זייער טיפּיש עמיגראַנטישער קאָנצענטראַציע אין עטלעכע גרויסע צענטערס, ווי למשל אין ניו־יאָרק (כאָטש זיי זענען אויך צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד), אין טאָראָנטאָ, אין סאַן פּאַולאָ, אין פראַנקפורט. לעצטנס איז אויך צוגעקומען די טיפּיש יידישע, טראַדיציאָנעלע נייגונג „צו זיין צווישן יידן". נאָך אַ געוויסער צייט גרויער אַנאָנימקייט, פון פאַרשעמטן צוריקציִען זיך, פון איינשליסן זיך אין אייגענע ד' אמות, זעט זיך לעצטנס גראָד אַ פאַרקערטע דערשיינונג: אַ נייגונג צו מאַניפעסטירן יידישקייט, צו ישׂראל־פּאַטריאָטיזם, צו העברעיש און צו אייגענעם סטיל, אפשר צוליב דער אַלגעמיינער עטנישער מאָדע אין אַמעריקע און אפשר צוליב דער געענדערטער שטימונג לגבי זיי אי מצד די ישובים, וואָס דריקט זיך אויס דער עיקר אין זייער ליבעראַלקייט און ברייט־האַרציקייט, אי מצד ישׂראל גופא. זיי געניסן אויף אַזאַ אופן פון צוויי וועלטן: אַלס יידן, צווישן זייערע אַמעריקאַנער אָדער קאַנאַדער ברידער און אַלס ישׂראלים אין דער פרעמד.

צוליב וואָס אָבער זענען זיי יורד געוועזן? נאָך צענדליקער און אפשר הונדערטער שמועסן וואָס כ'האָב געהאַט מיט אַ סך פון זיי, קום איך צום אויספיר, אַז מ'טאָר נישט פאַראַלגעמיינערן. יעדער איז „אַ וועלט פאַר זיך", יעדער האָט זיין מאָטיוו אָדער תּירוצים, אמתע אָדער כּלומרשטע טענות. פונדעסטוועגן קען מען, מיין איך, מאַכן אייניקע קלאָרע און זיכערע פעסטשטעלונגען: דאָס איז נישט קיין „אידעאָלאָגישע" ירידה. זייער ווייניק האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד צוליב אַנטוישונג אין ציוניסטישן געדאַנק, צוליב קעגנערשאַפט צום הערשנדיקן רעזשים, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער ביוראָקראַטיע, פינאַנס־סקאַנדאַלן א.אַז.וו. חוץ אַ קליינער טומלערשער און בייזוויליקער גרופּע פאַרביטערטע זעלבסטהאַסערס. דאָס איז אויך נישט קיין

עמיגראַציע פון „אָרעמע״, פאַרצווייפלטע און געקריוודעטע. גאָר אַ היפּשע צאָל פון די יורדים באַשטייט דווקא פון איינגעאָרדנטע און סאָלידע עלעמענטן. דער הויפּטמאָטיוו איז דאָ: דאָס זוכן מאַטעריעלע פאַרבעסערונגען און געלט־גיריקייט. נישט די „גאָלדענע ברעגעס״ פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, נאָר גאָלד פשוטו כמשמעו. ערגעץ ווו טליעט נאָך די אילוזיע, אַז די „נייע וועלט״ איז דאָס לאַנד פון „אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן״, פון דעם אַמעריקאַנער וועג פון אַ שוכפּוצער צום מיליאָנער. אַוודאי איז עס נישט נאָר אַ „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ״. ס׳איז אַ פאַקט, אַז וויסן, אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס ווערן בעסער „באַצאָלט״ אין די מערב־לענדער ווי אין ישראל (נישט נאָר אַבסאָלוט נאָר אויך רעלאַטיוו). ס׳איז אַ צוגאַנג אַ ריין סוחרישער, אַ תכלית־דיקער. מען זאָגט: „לאָמיר נאָר מאַכן אַ ביסל געלט און מיר וועלן זיך אומקערן צוריק אַהיים״. אָבער דער אַפּעטיט וואַקסט מיטן עסן. מיט דער צייט ווערט דער גלות אַ רעאַליטעט און ישראל — אַ נאָסטאַלגישע דערינע־רונג, אָדער אַ לאַנד וואָס מ׳באַזוכט אָפּט און מ׳ווערט דאָרט אויפגענומען בכבוד גדול.

ס׳וואָלט אויך געווען פאַלש פּרוּוון אַריינצופּאַסן די יורדים אין אַ באַ־שטימטער קאַטעגאָריע פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. זיי זענען אַ קוואַר־שניט וואָס איז נישט אַנדערש ווי דער ישראלדיקער דורכשניט; אַלט און יונג, פּלייסיקע און פוילאַקעס, געבילדעטע און אומוויסנדיקע, יידיש־ גע־שטימטע און אַסימילאַנטן, געזעלשאַפטלעך־רירעוודיקע און עגאָצענטרישע, א.אַז.וו. אָפּט מאָל רייסט פשוט דאָס האַרץ ווען מ׳זעט וואָס פאַראַ גלענצנדיקע עלעמענטן ישראל האָט אין אַ טייל פון זיי פאַרלוירן.

אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע זענען די סאָוויעטישע יידן, וואָס קומען כוואַליעסווייז. וואָס אַן אמת איז שווער אָנצורופן זיי אַפילו מיטן סימבאָלישן נאָמען יורדים, אַזעלכע וואָס האָבן קוים אויסגעהאַלטן אַ יאָר אָדער צוויי אין ישראל. זיי דערשיינען ווי די אַגרעסיווסטע און צום מערסטן אַנטי־ישראדליקע עלעמענטן. שוין צוליב דער זעלבסטבאַרעכטיקונג דערציילן זיי גרויל־געשיכטן און באַמיען זיך צו דערשיינען ווי „קרבנות״, וואָס „מ׳האָט פאַרפירט מיט פאַלשע צוזאָגן״, פאַרטריבן מיט קאַלטקייט און פרעמדקייט א.אַז.וו. אָבער נאָך אַ קורצער צייט, נאָך דער אידילישער אויפנאַמע, נאָך די דערוואַרטונגען, שווימען אַרויס די זעלבע טענות. דאָס מאָל צו די אַמע־

ריקאַנער יידן, אַז מ׳אינטערעסירט זיך נישט מיט „זייער גורל״, אַז מ׳באַ־טראַכט זיי ווי אָביעקטן פאַר פילאַנטראָפישער הילף, אַז מ׳צווינגט זיי צו בייטן זייערע פּראָפּעסיעס און מ׳לאָזט זיי איבער אויף „גאָטס באַראָט״. ס׳איז געוואָרן אַ שפּאַציר איבער קוני איילאַנד, איבער די הייזער וואָס מ׳האָט פאַר זיי אויסגעבויט, כּדי צו זען, אַז „סדנא דארעא חד הוא״ — און אַז לכל הפּחות, וואָס שייך זיי, זענען אויסגערונען אַלע גליקן.

מיר דאַרפן זיך אָבער האַלטן ביים גרויסן כּלל: וואָס עס זאָל נישט זיין אונדזער אָפּשאַצונג וועגן זייער פּערזענלעכן דערפאָלג אין די נייע לענדער (און אַ חוץ אייניקע געציילטע, איז דער דערפאָלג זייער אַ באַ־שיידענער), איז עס — נאַציאָנאַל און ישׂראלדיק גענומען — אַ גרויס אומגליק, אַ לעבעדיקער עדות פון אַ דורכפאַל. זייער אַנוועזנהייט איז — אָביעקטיוו גענומען — אַ סך אַ גרעסערער אַנטי־ציוניסטישער אַרגומענט, ווי די אַמבעסטן אָרגאַניזירטע אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע און די פיינטלעכסטע אַנטי־ציוניסטישע רעזאָלוציע; כאָטש מיר האַלטן אַז דאָס איז נישט די איינציקע און אַפילו נישט די עיקרדיקע סיבה פון מאַנגל אין עליה, איז עס דאָך אַ וויכטיקער פאַקטאָר. גיי רוף עולה צו זיין קיין ישׂראל, ווען אַזוי פיל ישׂראלים שטראָמען „אויף צוריק״. זיי, די יורדים, דאַרפן אַפילו נישט רעדן קיין לשון הרע אויף ישׂראל, זיי מעגן אַפילו פּאַראַדירן אויף מאַניפעסטאַציעס און געבן ברייטהאַרציקע געלט־צושטייערס, זיי קענען אַפילו זיין די „פאַרשפּרייטערס פון יידישקייט״ ווי לערערס, כּלל־טוערס, יוגנט־אינסטרוקטאָרן. ס׳העלפט נישט. זיי אַליין זענען די שטאַרקסטע קריטיק, דער גרעסטער שטער פאַר עליה. אַלע פאַרגלייכן מיט „אַנדערע לענדער פון וועלכע מ׳עמיגרירט אויך״ האָבן נישט קיין האַפט און זענען אַפילו פאַרפירעריש.

ווי דער שטייגער איז ביים „עמא פזיזא״, זענען מיר אין אונדזער באַציונג צו די „יורדים״ אַריבערגעשפּרונגען פון איין עקסטרעם צום צווייטן. געווען אַ צייט ווען די יידישע געזעלשאַפט האָט זיך צו זיי באַציגן ווי צו מענטשן פון „מחוץ למחנה״, ווי צו „פאַררעטערס״, „רענעגאַטן״. צווישן די מאָראַל־פּרעדיקערס זענען אויך געווען מנהיגים און גוט־שטייענדיקע סאָלידע אָרגאַניזירטע ציוניסטן, וואָס האָבן אַליין נישט געטראַכט עולה צו זיין און אַפילו נישט געפילט אין זייער געוויסן קיין סתירה צווישן זייער „אידעאַל״

און זייער פּראַקטיק. העכסטנס האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט באַזוכן דאָס לאַנד און עס אָנגערופן תּנכיש „עולה רגל זיין". היינט איז מען אַריבער צום צווייטן עקסטרעם: די יורדים זענען געוואָרן חשובע און אָנגעזעענע עלע־מענטן אין דער טעטיקייט אויפן ישראל־געביט. זיי פירן אָן מיט די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, שטעלן צו אַ גרויסן חלק פון די יידישע לערערס, זענען די „עקספּערטן" און טאָנגעבערס נישט נאָר אין אַלגעמיין יידישן לעבן, נאָר אויך אין ציוניסטישע פעדעראַציעס. אַ „ישראלי" ווערט אַזאַ נאַטירלעכע זאַך ווי אַ „פּוילישער", „גאַליציאַנער", „רומענישער" ייד, נאָר מיט מער יחוס.

ס'איז מער ווי אַ בדיעבדיקע צושטימונג צו אַ טרויעריקן מצב (זיי זענען דאָך פּאָרט „יידישע קינדער"), ס'איז אַ לעגיטימאַציע אויף אַלע פראָנטן. דער יורד זאַמלט געלט פאַר ישראל וואָס ער האָט פאַרלאָזן און באַלד וועט ער מסתּם אויך ווערן איינער פון די אַקטיוויסטן פון דער עליה־באַוועגונג...

און מיר אין ישראל און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גיבן דעם ביישפּיל. אָט האָבן מיר אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון „צוריקקער פון די יורדים" דורך עליה־אַנאָנסן אין די צייטונגען, וועגן לאַקונגען, צוגעזאָגטע פאַרלייכטערונגען און מאַטעריעלע פּריווילעגיעס פון וועלכע זיי וועלן געניסן ווען זיי וועלן צוריקקומען. אַוודאי דאַרף מען קיינעם נישט דערקלערן די חשיבות פון עליה פון וועלכן קוואַל זי זאָל נישט קומען און מיר האָבן קיין מאָל נישט אָנגענומען די טעאָריע, אַז יורדים זענען חלילה אונטער אַ מאָ־ראַלישן חרם. „ישראל אַף על פּי שחטא ישראל הוא". אָבער ווען איז דאָס גילטיק? ווען די אַקציע וואָלט געהאַט אמתע אויסזיכטן אויף דערפאָלג, ווען ס'וואָלט געווען אַ גוט באַגרינדטע האָפענונג, אַז די יורדים וועלן זיך צוריקקערן אין די טויזנטער. דערווייל איז עס אָבער בלויז אַ „שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער". אָבער די אַלע צוזאָגן רופן אַרויס אַ פאַרביטערונג ביי ותיקים דאָ אין לאַנד, ביי יונגע פאַרלעך וואָס זענען אין לאַנד פאַרבליבן און נישט אַוועק פון דאַנען. געוויסע פּאָטענציעלע אַרויספאָרערס זעען אין די יורדים „חברהלייט" און בריהס און ס'שאַפט זיך אַ באַרעכטיקונג, אַ מין צוזאָגנג אַז „מ'מעג", אַז פאַרלאָזן דאָס לאַנד איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אַפילו אין מאָמענטן פון גרויסע קריזיסן.

היוצא מדברינו: אַוודאי קען מען די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען אין דעם אַרטיקל דעמאַגאָגיש פֿאַרקריפּלען. קיינער לייגט נישט פֿאָר קיין חרם־קאַמפּאַניע קעגן די יורדים. קיינער וועט נישט, לויטן עוואַנגעליע־נוסח, וואַרפֿן אויף זיי אַ שטיין. אָבער פֿון דעם ביז צו פּאַסיוויטעט און פֿאַרשוויגן כּלפּי דער מאַסן־ירידה און ביז אַ „סקאַנדאַל קומט"־באַציונג צו די יורדים מצד דער יידישער געזעלשאַפֿט, איז גאָר אַ וווייטער מהלך.

אַ ביסל פּראָפּאַרציע, רבותי, און אַ ביסל טראָציקייט און ווערדע. אַן אַקציע קעגן דער ירידה, אַ פּראָנטאַלער געראַנגל מיט יורדים איז דאָס געבאָט פֿון דער שעה.

1975

מעדיטאַציעס

פּעסימיזם

דער אָנגענומענער באַגריף פון פּעסימיזם איז אַן אומעטיקער, שלעכטס־פּאָרויסזעענדיקער, איבערגעטריבן סקעפּטישער קוק אויף דער צוקונפט. דאָס פאָלקסווערטל רופט עס: „אויסלייגן צום שלעכטן".

אָט די אַלגעמיינע און אין תוך אויבערפלאַכלעכע דעפיניציע נעמט אַרום אַ שלל פון איינשטעלונגען, שטימונגען, נשמה־צושטאַנדן און צו־גאַנגען וואָס זענען אפשר ווייטער איינער פון צווייטן ווי פּעסימיזם פון אָפּטימיזם גופא.

ס'איז פאַראַן דער ריין קליניש־פּסיכאָלאָגישער פענאָמען פון דעפּרעסיע, פון מרה־שחורה, מעלאַנכאָליע אין פאַרשידענע שטאַפּלען און וואַריאַציעס, וואָס קען זיך דערקייקלען צו תהומותדיקער האָפנונגסלאָזיקייט, זעלבסט־פּייניקונגען און אַפילו צו איבערגעחזרטע פּרווון פון זעלבסטמאָרד. ס'הויבט זיך אָן פון אַ שווערער שטימונג (להבדיל פון פּאָעטיש־לירישן אומעט, וואָס איז די באַגלייט־דערשיינונג פון יעדער קינסטלערישער שעפערישקייט) און ס'קען זיך ענדיקן מיט „חולשת הדעת", אין וועלכער חסידים האָבן מיט רעכט געזען דעם מקור פון אַלדאָס בייז.

אַ מאָל גרייפט אָן אַזאַ דעפּרעסיע אַ גאַנצן ציבור, און פונקט ווי ביי יחידים, דעם סאַמע פּילבאַרסטן, צאַרטסטן און במילא ברעכעוודיקן (אָט למשל, האָט אַ ספּעציעלע גרופּע פון פּסיכאָלאָגן באַזוכט ישראל נאָך דער מלחמה כדי צו שטודירן די מעלאַנכאָליע פון אַ קאָלעקטיוו). געוויינלעך קומט עס גראָד נאָך פריידיקע מאָמענטן, ווי אַ מין „מאגרא רמא לבירא עמיקתא" (פון אַ הויכן דאַך אין אַ טיפער גרוב אַריין), ווי אַ רעאַקציע קעגן עקזאַלטאַציע, גוזמאדיקער זעלבסטזיכערקייט און אויפגעבלאָזנקייט.

נישטאָ כמעט אין דער מענטשלעכער געשיכטע אויף דעם גאַנצן ערד־קיילעך אַזאַ געזעלשאַפט וואָס האָט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ פּסיכאָזע, אָט דעם ציקל פון יאוש, מיט מאַסן־זעלבסטמאָרד און אַנדערע אויסדרוקן פון עקסטרעמער פאַרצווייפלונג.

ווי באַוווּסט אָבער איז דער פּעסימיזם נישט שטענדיק אַ פּועל־יוצא פון שלעכטן מזל, פון דורכפאַלן, פון בדידות, פאַרלוירענע אילוזיעס און זיקנה. אָפט מאָל קומט ער דווקא פון איבערגעזעטיקטקייט פון איבערפלוס פון הצלחה אינעם קאָנווענציאָנעלן זינען פון וואָרט און איבער־חכמה. פּשוט: שוין אַזוי פיל געזען, געגאַסן און דורכגעלעבט, אַז ס'בלייבט נישט מער קיין חשק און קיין אינטערעס צום לעבן. וואָס מ'שטיינס געזאָגט קען מען שוין דערוואַרטן אין דעם מאָנאָטאָנעם, מעלאַנכאָלישן גאַנג פון מזלות, מענטשן און פּאַסירונגען?

נישט שטענדיק איז פּעסימיזם אַ צעשטערעריש̈ער, אָדער פאַראַליזירנ־דיקער געמיט־צושטאַנד. אָפט מאָל איז ער גראָד שעפעריש, נישט נאָר ווי אַ קוואַל פון נאָבעלע מייסטער־שאַפונגען אין מוזיק, מאָלעריי, דיכטונג — אַלע באַהויכט פון דעם גייסט פון „דע פּראָפונדיס״, אָדער תנ״כיש געזאָגט — ממעמקים.

אַ מאָל איז דער פינצטערער פּעסימיזם אַן אַריינפיר צו ליכטיקע עולמות, אָט ווי אַ שטיקנדיקער טונעל, וואָס פירט צום רחבותדיקן שליאַך, אָט ווי די ערשטע דריי טיילן פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע, וואָס קולמינירן אין דעם טריומפירנדיקן אָדע־געזאַנג.

ס'טרעפט, אַז דער פּעסימיסטישער בליק אויף דאָס שוימיקע, צייט־ווייליקע און לייכטזיניק אָנגענעמע ווערט בכיוון אַקצענטירט, כדי צו קומען צו דער באַציאונג פון אייביקן, באַשטאַנדיקן, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק למשל אין קהלת.

ס'איז פאַראַן אַ בויערישער פּעסימיזם, ווי דער ברענערישער „אף על פי כן״, ווי דער פּעסימיסטישער קוק אויף דער צוקונפט פון גלות, אַן וועלכן ס'קען נישט געמאָלט ווערן קיין ציוניזם.

אָבער נישט דאָס אַלץ זענען מיר אויסן.

געבראַכט צו אָט די מעדיטאַציעס האָט אונדז דער פּסעוודאָ־פּעסימיזם, די מאָדע און דער איינשטעל, דהיינו — די ביליקע פּעלשונג פונעם מקורדיקן

געפיל. מ׳מאַכט דעם אומגלויבן פאַר אַ סימן פון קלוגשאַפט, פון היינט־צייטיקייט. דער פעסימיזם פון ציניקערס און סנאָבישע לעבויונגען — זיי מאַכן צום געלעכטער און צו שפּאָט די בלוי־אויגיקע טרוימערס צדיקים (און אַזעלכע זענען נאָך בנמצא אַפילו אין אונדזער דור). זיי באַטראַכטן ווי ווערטלאָז מאָראַלישע און אידעישע ווערטן, זיי מאַכן צו בושה די אַנטציקונג פון מעשה בראשית, פון אַ פּראַכטיקער לאַנדשאַפט, און זעען אין אַ שיינער בליִענדיקער פרוי דעם נאַכן טויט־סקעלעט...

ס׳פעלן נישט אַזעלכע „פעסימיסטן" אויך ביי אונדז אין ישראל. רק זיי זעען דאָס נעגאַטיווע און פאַרקריפּלטע. זיי האָבן עס אַריינגעשטעלט אין געגנדזן־פּיסלעך דעם ציוניזם, פאַרוואַנדלט אידעאַליסטן אין ירחמיאַלים, געשאַפן דעם אידעאַל פון אַ דערפאָלגרייכן מאַרעוויכער — אַלץ ווי אַן אויסדרוק פון אַ כלומרשט פעסימיסטישן קוק אויפן לעבן, וואָס ענדיקט זיך חלילה נישט מיט קיין זעלבסטמאָרד, נאָר מיט עולם־הזהדיקער זויפעריש־קייט, מיט „אכול ושתה, כי מחר נמות".

אַזאַ פעסימיזם רופט נישט אַרויס קיין מיטגעפיל, קיין דרך ארץ, באַגלייט מיט אימה, נאָר פאַרקערט, אַן עקל און ווידערשטאַנד. אויב אמתער פעסימיזם איז די סטרא אחרא, זענען די טאַנדעט־פעסימיסטן סתם שרטים און לצים, וואָס זענען אַן אומגליק פאַר אונדזער פאָלק און מדינה.

תוך און פאָרם

ווי אַזוי קליידט מען אָן אַ געשטאַלט און מען גיט אַ פאָרם אונדזערע יום־טובים און טרויער־טעג? ווי אַזוי באַנייט מען זיי, און מען מאַכט זיי רעלעוואַנט פאַר אונדזער צייט אָן אָוועקצונעמען דעם דורותדיקן תוך, דאָס סימבאָלישע און ריטועלע? ווי אַזוי, פון דער אַנדערער זייט, גיט מען אַן אויסדרוק די פייערלעכע דאַטעס פון שמחה און אבלות פון אונדזערע טעג, וואָס האָבן שוין אויך געמעגט האָבן אַ טראַדיציע, אַ נוסח, אַ מערכה פון מצוות און מנהגים (חג העצמאות, שואה א. אַז. וו.)?

אָט די פראַגן שווימען אויף באַזונדערס אין די חדשים פון אַפּריל און מאַי, ווען דער יידישער לוח איז אָנגעלאָדן מיט פייערלעכע טעג, אָנהויבנדיק פון פסח, שואה און גבורה, חג־העצמאות־צערעמאָניעס און, ווער עס גלויבט

אין דעם, ערשטער מאַי. יעדער איינער פון אָט די טעג מיט זיין אייגענעם יחוס, משמעות און מיט אַ מחנה גלוביקע וואָס ווילן מתפלל זיין, געפינען אַ תיקון פאַר זייער בענקשאַפט אין דער פאָרם פון אַ קאָנצענטרירטן לירישן אויסדרוק פון דעם מיט וואָס זיי אידענטיפיצירן זיך בלב ובנפש.

אונדזער הילפלאָזיקייט און באַגרענעצטקייט דריקט זיך אויס אין די פרוּוון פון דער פּאָעטישער ווידער־אויפלעבונג (לויט דעם באַרימטן עסיי פון ד״ר זשיטלאָווסקי) פון די טראַדיציאָנעלע יום־ טובים און אין דער געשטאַלטיקונג פון פרישע פייערונגען.

לאָמיר עס אילוסטרירן מיט די זוכענישן און עקספּערימענטאַציעס מיט דער הגדה.

מער ווי אין אַנדערע פאַלן האָט מען געזוכט מחדש צו זיין אין דער הגדה. די צענדליקער ווערסיעס, וואַריאַציעס, אינאָוואַציעס וואָלטן געקענט זיין אַן אָביעקט פון אַן ערנסטער פאָרשאַרבעט. דאָ איז די פרייהייט סיי אין דער טעמאַטיק, סיי אין דער פאָרם און סיי אין דעם ריטואַל געווען אַ פולע. מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פון רעשיקע ענדערונגען אין דעם אור־אַלטן סיפור המעשׂה, איבערלאָזנדיק בלויז די עיקר־מאָטיוון, סכעמע, סימבאָלן און העלדן.

די סיבה פון אָט דער ליבעראַלקייט, וואָס האָט אָפט מאָל געגרענעצט מיט שלעכטן געשמאַק און הפקרות, שטעקט אפשר אין דעם, וואָס די מאָטיוון פון דער הגדה (פרייהייט, דאָס אַרויסגיין פון שקלאַפעריי, דער ווידערשטאַנד קעגן טיראַניע, די חד־גדיא־סאַטירע, דער נס פון גאולה), זענען אַזוי אוני־ווערסאַל און לאָזן זיך צופּאַסן צו אַלע צייטן און פּאַסירונגען. ס׳איז אַ פּרעכטיקע כּלי, ווילקירלעך אָנגעפילט מיט וואָס עס לאָזט זיך. אין אונדזער עקומענישער תּקופה פּראָוועט מען אין אַמעריקע געמיינזאַמע סדרים מיט גלחים און מאָנאַשקעס און יידישע מחברים מיט אַן אָנטוויקלטן חוש פאַר מאָדע האָבן פאַבריצירט הגדות ווו נעגערס זענען די קנעכט וואָס גייען אַרויס פון מצרים. שוין אָפּגערעדט פון פּאַרמישן, צוליב קאַלענדאַר־נאָענט־קייט, פּסח מיט פּאַסכאַ, להבדיל, דעם כּשרן אָונטברויט מיט דעם „לעצטן מאָלצייט״ פון ישו. די צאָל שמד־הגדות האָלט זיך אין איין מערן. אַנדערע זענען נישט געגאַנגען אַזוי ווייט, נאָר בלויז „רעדאַגירט און פאַרבעסערט״ די זיסע און לויטערע שאַפונג און צוגעגעבן און באַרייכערט זי מיט מאָדערנע

ליטעראַרישע טעקסטן, וואָס „טויגן טויג זיי טאַקע, אָבער פאַר קיין הגדה טויגן זיי נישט". אפשר טאַקע דערפאַר ווייל זיי זענען אַזוי ליטעראַריש געשליפן. די אַלטע הגדה האָט זיי אַלעמען באַזיגט מיט איר געמיט, שטילער פייער־לעכקייט, זיסער דערציילערישקייט, מיטן צונויפפּאָרן ליריק מיט באַדאַכט־קייט, דאָס נאַיווי־תמימותדיקע מיט חכמה. דאָס לאָזט זיך נישט אינסצעני־זירן און מען קען נישט קאָנקורירן מיטן געניאַלן רעזשיסאָר פון דער צייט.

אָבער נישט בלויז אין גלות און צווישן גויים, אויך ביי אונדז אין ישראל האָבן די בעסטע און פאַרוואָרצלטע צווישן אונדז (באַזונדערס אין די קיבוצים) געזוכט צו אַקטואַליזירן די הגדה. יעדעס יאָר האָט מען צונויפ־מענגעשטעלט און רעדאַגירט די קיבוצישע הגדות, וואָס אַ טייל פון זיי זענען געוואָרן אַ שם דבר, בפרט וואָס מען האָט זיי דערציילט אין דער אָרגאַנישער סביבה, אויף דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט, אָפט מאָל ביים ים־סוף אַליין. אָבער ווייטער פון גערעכטע פאַרשטעלונגען איז עס נישט געגאַנגען. די טיילן זענען געווען גלענצנדיקע, אָבער דאָס גאַנצע איז אַרויס היפּשלעך געקינצלט, אויב נישט קיין פּאַראָדיע, איז אַ בלאַסע ווערסיע פונעם אַלטן טעקסט וואָס איז אייביק יונג. מען האָט געטוישט גינגאָלד אויף סתם מטבעות, אַ שופר אויף אַ קלאַרנעט, אַ יום־טוב אויף חול־המועד.

דער שרייבער פון די שורות פּראַוועט שוין העכער 20 יאָר דעם אַרבעטער־סדר פון דער הסתדרות. ער איז דורכגעגאַנגען אַ סך גלגולים, אָבער מיט יעדן יאָר ווערט דער טראַדיציאָנעלער עלעמענט וויכטיקער און דער אַקטועלער — מאָגערער און אומבאַדייטנדיקער.

פון דער צווייטער זייט, ווי קען מען דערציילן וועגן די פּייניקונגען פון אונדזערע אור־עלטערן אין מצרים און נישט דערמאָנען די שואה, וועגן דעם ים־סוף — אָן מבצע קדש און די זעקס־טעג מלחמה; וועגן שלח את עמי, אָן דעם געראַנגל פון די סאָוועטישע יידן פאַר עליה? דאַרף מען פּרובירן און פּרובירן. אפשר וועלן מיר דאָך צוקומען צו דער גאָלדענער סיטנעזע פון דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט פריִער: דאָס רעלעוואַנטע — אָן צונעמען דעם דורותדיקן תּוך.

1977

אַ קדיש נאָך מאַרטין לוטער קינג

פאַר וואָס איז גאַנץ אַמעריקע אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דעם מאַרטירער־טויט פון מאַרטין לוטער קינג? צי איז עס צוליב דער וואַנזיניקער פאַרברעכערישקייט קעגן אַ פּערזאָן וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן באַקעמפט געוואַלד אַפילו ווי אַ מיטל צו אַ גערעכטן ציל? צי איז עס צוליבן צער אויפן פאַרלוסט פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע און ליכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער דור? צי האָבן נעגערס באַוויינט אַ גרויסן זון וואָס איז אויפגעוואַקסן אין זייערע אָרעמע געצעלטן און אויפגערודערט אַ לאַנד און די וועלט, בלייבנדיק דערביי איינער פון זיי? צי האָבן די ווייסע באַקלאָגט אַ גרויסן אַמעריקאַנער וואָס איז טראָץ די גרויזאַמע אַנטוישונגען פאַרבליבן אַ פרומער קריסט און אַן איידעלער פּאַטריאָט? צי איז עס געווען אַ פּשוט סענטימענטאַלער באַדויערן אויף אַ פּראַכט וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן אין סאַמע בלי, עפּעס ענלעכס צו דער דזשאָן קענעדי־טראַגעדיע? צי איז עס געווען אַ חרטה־געפיל פון אַנשטענדיקע מענטשן פון ביידע צדדים פאַר לאָזן זיך פאַרפירן דורך געפיל פון שׂנאה, מוטנעליידנשאַפטן און טעראָר? צי איז עס געווען איראָניע פון גורל, וואָס ער איז פאַרלאָשן געוואָרן גראָד ווען עס האָבן אָנגעהויבן שעמערירן די ערשטע פרימאָרגן־שטערן פון שלום אין וויעטנאַם? ס׳איז זיכער געווען פון דעם אַלעמען אין דעם טיפן טרויער.

פאַר אַלעמען איז דר. קינג געווען אַ מנהיג, אַ פאַסטעך פון מענטשן. איז נישט קיין ווונדער, אַז די שיף פון נעגערקאַמף האָט זיך דערפילט אָן אַ קאַפּיטאַן. אַחוץ נעגערס האָט דאָס געפיל פון ווייטיק און אַנגסט באַהערשט די יידן. נישט נאָר צוליב דער גרויסער פריינדשאַפט פון דר. קינג צו יידן און צו ישראל. (ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זיינע עלאָקווענטע און פּאַטעטישע ווערטער בשעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה), און אויך נישט נאָר צוליב

דעם טיפן אינטערעס, וואָס יידן האָבן אין דעם נעגער־פּראָבלעם און אין דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס זיי האָבן פאַרנומען צווישן קינגס מיטאַרבעטערס, מיטמאַרשירערס און נאָכפאָלגערס און חברים. די אמתע סיבה איז, אַז מיט זיין אַוועקגיין וועט נאָך שאַרפער ווערן דער ריס און טראַגישער דער אומגליקלעכער דיאַלאָג צווישן יידן און נעגערס אין אַמעריקע. עס וועט נאָך שאַרפער ווערן די שפּאַנונג, וואָס טראָגט אין זיך די אמתע רעאַלע סכּנה פון אַנטיסעמיטיזם אין די שטאָטן. מען קען עס נישט פאַרלייקענען. ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי קנאה פון דער נעגערישער אָרעמקייט צו דער דער־פּאָלגרייכע יידישער מינדערהייט, געמישט מיט אַ געפיל, אַז ס'איז לייכטער צו שלאָגן דעם שוואַכערן ווייסן...

מען ראַבירט יידישע געשעפטן ווייל זיי זענען די מערהייט אין די שוואַרצע געטאָס. מען גיסט אויס דעם צאָרן אויף דעם בעל־הבית פון דער „סלאַם"־וווינונג, ווייל צו אָפט איז ער אַ ייד. מען צאָרנט אויפן סוחר, וואָס באַרגט אויף קרעדיט, אָפט מאָל אויף דראַקאָנישע באַדינגונגען. ליידער איז די אָנוועזנהייט פון יידן אין די האַרלעמס אין אַמעריקע אַ סך גרעסער אַבסאָלוט און רעלאַטיוו ווי זייער צאָל. אָט למשל, איז אַרויס לעצטנס אַ פאָרשונג וועגן נואַרק: 90 פּראָצענט פון די געשעפטן אין דעם געטאָ־דיסטריקט און 70 פּראָצענט פון וווינונגען באַלאַנגען צו יידן.

ס'וועט נישט העלפן דער גוטער ווילן, די געוואַלדיקע פילאַנטראָפּישע טעטיקייט פאַר נעגערישע אינסטיטוציעס, די אַקטיווע ראָלע אין דער „סיוויל רייטס"־באַוועגונג, ווידער אַ מאָל זענען יידן דער שעיר לעזאזל, ווייל זיי געפינען זיך אין די פּילבאַרסטע פּאָזיציעס פון סאָציאַלער שפּאַנונג, צווישן „האַמער און קאָוואַדלע". און דער רעזולטאַט? אַנטי־ישראל פּראָפּאַגאַנדע, אַנטיסעמיטיזם און העצע אין גאַס, אין די שענקען און אַפילו אין די קירכעס. פאָדערן זיך מענטשן פון גוטן ווילן, פון מאָראַלישער אויטאָריטעט, וואָס זאָלן קענען פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס דערנענטערט זיך, וואָס זאָלן קענען אָנווייזן אויף די אמתע שונאים און אַנטפּלעקן די געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן, וואָס פאַרבינדן יידן מיט אַלע פאַרפאָלגטע מינדערהייטן. אַזאַ איז געווען לוטער קינג. אונדזער היימישער הספד וועט זיין אַן אומעטיקער קדיש־יתום. אויך מיר זענען פאַריתומט געוואָרן.

1968

אַ יידיש יינגעלע

קיין ירושלים דאַרף מען עולה זיין נישט מיטן שנעלן באַקוועמען אויטאָסטראַדע־שליאַך פון תל־אביב, דאָס איז אַ וועג אָן געשטאַלט, אָן ריח פון אַלטע זכרונות, אָן פּערספּעקטיוו און אָן לאַנדשאַפט. אַן אויסנאַם אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג איז די ברוינע פּאַנאָראַמישע רחבות פון עמק־אילון (אילון־טאָל), ווו די זון אַליין „בלייבט שטיין" אין אַנטציקונג צוזאַמען מיט די פרומע מאַנאַכן. אָבער ווי געזאָגט, דאָס איז אַן איינצלבילד.

האָב איך טאַקע די טעג אויסגעקליבן דעם לאַנגזאַמען און אַ ביסל פאַרפּלאָנטערטן אומוועג פון עמק־כסלון. פאַר דער פאַרלוירענער צייט גע־ווונען אַ שפע איבערלעבונגען און פולע הויפנס געננוס. עס איז אַ וועג פון גאָטס ווונדער און נאַטור־שיינקייטן: בערג מיט „אַ פּנים", וואָס קייטלען זיך אין אָריגינעלע אויסבייגן, באַצירטע מיט געדיכטער וואַלדיקייט פון יונגע ביימער. אַלע באַגייסטערטע פאַרגלייכן: „די שווייץ פון ישראל", „די אַנדן" א.א.וו. זענען פאַלש און פאַרפירעריש. עס איז ווייניקער און דערפאַר אָבער אויך אַ סך טיפער. ס'איז נאַטור „רעדאַגירט און פאַרבעסערט" דורך — מענטשלעכן פלייס פון פלאַנצערס, וועג־פלאַסטערערס און איבערבויערס.

אין אָט דעם כסלון־געביט ווערט פאַרווירקלעכט דער היסטאָרישער פּלאַן פון פלאַנצן זעקס מיליאָן ביימער צום זכר פון די זעקס מיליאָן אומ־געקומענע יידן. נישט די אומהיימלעכע טונקלקייט און דער גרויל פון אַ „טאָל פון טויט", נישט ווייסער מאַרמאָר און פאַרגליווערטע אבלות — נאָר רוישנדיקע ביימער: אי זכרון פאַר דורות, אי פולסירנדיקע גרינע אָרגאַ־נישקייט; אי אונטערגאַנג, אי צמיחה.

אויפן שפּיץ פון די באַרגיקע פעלדזן און גרינע תהומען, אין סאַמע קלימאַקס פון דעם אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אויסבליק געפינט זיך דער ווונדער־לעכער מאָנומענט פונעם סקולפּטאָר ראַפּאַפּאָרט, געווידמעט די 6 מיליאָן

פֿאַרשניטענע און פֿאַרטיליקטע יידן. דאָס ווערק רופֿט זיך מיטן פֿולן מש־מעותדיקן און אייגנאַרטיקן נאָמען „מגילת האש".

וועלן מיר דאָ נישט אַנאַליזירן די קונסטשאַפֿונג וואָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר אַ באַזונדערער עסיי, לאָמיר זיך נאָר באַנוגענען מיט דעם, אַז דער קינסטלער איז „אַריין אין דעם פּרדס און איז אַרויס בשלום". ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויסצוגיסן אין בראָנז, אין צענדליקער רעליעפֿן און געשטאַלטן די גרויזאַמע חורבן־אומבאַגרייפֿלעכקייט און האָט מנצח געווען. ער האָט געגעבן אַ תּיקון דער אומענדלעכער טראַגיק און דעם העראָאיזם. דער בשר ודמדיקער מייסטער האָט זיך אַריינגעפּרעסט אין דער געטלעכער סביבה.

און דאָ קומען מיר צו צום תּוך.

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן פּרובירט שילדערן און באַשרייבן איז נאָר אַ הקדמה צום עיקר: צום יידישן יינגעלע.

געווען איז עס אַזוי: ביים אָנקומען צום מאָנומענט האָט אונדז באַגעגנט אַ קלאַס פֿון שולקינדער, איינער פֿון אַ סך וואָס מען ברענגט דאָ אַהער ווי אָרגאַניזירטע גרופּעס. די כּאַליאַסטרע אַליין איז אַ פֿאַרביקער גאָרטן: אַ פֿריילעכער מישמאַש פֿון קאָלירן, „טעמבעל"־היטלעך, הויזן פֿון אַלע פֿאַרבן, יינגעלעך מיט לאַנגע האָר און מיידעלעך מיט קורצע קליידעלעך, שוואַרצע מאַנדל־אויגן און בלאָנדע צעפּ. בקיצור: קליינע לוסטיקע ברואימלעך אַנטקעגן דעם בראָנזענעם געשריי, חן־פּיטנעלעך אין דער כּמורנער געשטאַלט פֿון אונדזער גורל.

און צווישן די גדעונס און דפנהלעך — ער, מיין יידיש יינגעלע. איך האָב אים אויסגעטיילט פֿון דער חבֿרה און זיך אויף אים פֿאַרפּיקסירט און אים באַגלייט מיט אַ נאָסטאַלגישן בליק פֿון אַנטציקונג.

געשטאַנען איז ער אין סאַמע צענטער פֿון מאָנומענט, ווי אַן איינצלטויב אויף אַ קאַטעדראַלע. ער האָט אויסגעקליבן איינעם פֿון די דורכגאַנג־שפּאַלטן פֿון דעם דענקמאָל און זיך געלאָזט פֿאָטאָגראַפֿירן. דין ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, ס'קערפּערל פֿאַרשרפּהט און פֿאַרברוינט, מיט חנוודיקע תּנועות און פֿאַרשייטע אייגעלעך, האָט ער זיך אַזוי אָוועקגעשטעלט און אויסגעקליבן די גרעסטע פּאָזע. ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז ער פּאָזירט פֿאַר עולם ומלואו, אַז ער שטייט פּנים אל פּנים מיט דורות און אַז אין דער

פאָטאָגראַפּיע וועט זיך אָפּשפּיגלען אַ מין קאָנפראָנטאַציע — דאָס ייִנגעלע און די גאַנצע ייִדישע וועלט.

נישט ווילנדיק האָט זיך מיר פאַרנעפּלט דאָס אויג מיט טרערן און איך האָב זיך אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. אָט זענען זיי די משהלעך, שלמהלעך, די ציצית, קאַפּאָטקעלעך און פּיאהלעך; אָט איז דער ייִדישער בחורל מיט דעם איטשע־מאיר־היטל; אָט איז מאָטל, וואָס דער טאַטע ווייסט נישט וואָס עס וועט „זיין דער סוף פון אים"; אָט איז דאָס קינד וואָס מען רופט אים ער זאָל לערנען די קליינע אותיולעך. אָט איז דאָס לובלינער ייִנגעלע פון גלאַטשטיינס פּאָעמע, וואָס האָט בייגעוויינט אַלע מעמדים פון אומקום און קדושה; אָט זענען די העלדישע קליינע פּרנסה־געבערס אין אַ סביבה פון יאוש און הונגער. אַלע, אַלע, ווי איינער — אַ גאַנצער מיליאָן.

— — — און פון זיי אַלעמען איז מיין אַנאָנימער ישראל־ייִנגעלע אַ גלגול און אַ המשך, אַ יורש און אַ טרייסט, אַ ליכטיקער זונענשטראַל פון בראַנדזענעם שוידער, דער גאָט־געבענטשטער פּרינץ פון דער ייִדישער אויפלעבונג אויפן וועג קיין ירושלים.

1976

אין סימן פון אייביקן לעבן

די ווענדונג פון די 18

די פּעטיציע פון די 18 גרוזינישע יידן איז אפשר דער הויכפּונקט אין אונדזער געראַנגל פאַר יידישע רעכט אין סאָוויעטנפאַרבאַנד. פון וועלכן שטאַנדפּונקט מען זאָל נישט באַטראַכטן דעם בריוו איז דאָס אַ דראַמאַטישער און אַן איבערטרייבונג היסטאָרישער דאָקומענט. דער בריוו רעדט מיטן לשון פון תנ״כישער פשטות און רעליגיעזער דביקות. די ווערטער וועלן מאַכן געשיכטע. עס איז אַ טעקסטבוך פאַר דורות.

עס איז „הפוך בה והפוך בה — דכולא בא״. אַלץ איז דאָרט דאָ: אַן ערשטראַנגיקע פּאָליטישע דעקלאַראַציע, אַ יידישער אַני־מאמין, אַ ציוניס־טישע פּראָקלאַמאַציע און דער עיקר, אַ מענטשלעכער דאָקומענט.

עס איז קודם כל גבורה. אוודאי ווייסן מיר וועגן ווענדונגען פון טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג עולה צו זיין קיין ישראל (אויך נישט קיין קליינע גבוראַטקייט), וועגן די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער בירגערשאַפט; עס איז צו אונדז אויך דערגאַנגען אַ גענויער באַריכט וועגן פּראָצעס פון אינזשיניער קאַטשובייסקי. אָבער שיקן איז אַ בריוו אָרגאַניזירט אין פאָרם פון אַ פּעטיציע צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אינס־טאַנץ, אויפן אַדרעס פון דער אַמבאַסאַדע פון ישראל, מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער אייגענער רעגירונג, דאָס איז מוט, וואָס אונדזער נאָרמאַלע און גרויע לאָגיק קען עס גאָרנישט באַגרייפן. די טייערע יידן האָבן אויפגעריסן די בלייענע אַטמאָספער פון שווייגן. כ׳וואָלט געזאָגט: עס איז קידוש השם, ווען כ׳וואָלט נישט תּפילה געטאָן ס׳זאָל זיי גאָרנישט פּאַסירן.

אָבער דאָס איז חלילה נישט קיין בראַווקייט פון פאַרצווייפלטע. פאַר־קערט, די ווענדונג אָטעמט מיט זעלטענעם אָפּטימיזם: „מיר וועלן וואַרטן

חדשים און אויב עס וועט זיך פאַרלאַנגען אונדזער גאַנץ לעבן, אָבער מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון אונדזער גלויבן און האָפענונג. מיר גלויבן, אונדזערע תפילות וועלן צוקומען צו גאָט, מיר ווייסן, אונדזער רוף וועט דערגרייכן צו מענטשן, ווייל מיר ווילן נישט קיין סך, נאָר מען זאָל אונדז לאָזן זיך אומקערן צום לאַנד פון אונדזערע אבות". עס איז אפילו דאָ דער נאַיווער גלויבן אין דער „אונאָ" ווי „די וואָס דאַרף טראַכטן וועגן מענטשן", אַז זי וועט פועלן אין אַ קורצער צייט ביי דער סאָוויעטישער רעגירונג צו געבן זיי די דערלויבעניש. ס'לייגט זיך גאָרנישט אַנדערש אויפן גראָדן שכל און רייַנעם האַרצן אַז עס קען גאָר אַנדערש זיין...

דער דאָקומענט דעקט אויף דעם אמתן מצב און פּרצוף פון סאָוויעט־רוסלאַנד בנוגע עליה קיין ישראל, אָדער אַזוי גערופענער „פאַראייניקונג פון משפחות". „אַלע זענען מיר אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ קרוב אין ישראל, אַלע האָבן אויסגעפילט די נויטיקע דאָקומענטן, אַלעמען האָט מען מינדלעך צוגעזאָגט, מיר האָבן פאַרקויפט אונדזערע פאַרמעגנס און אָפּגעזאָגט געוואָרן פון אַרבעט".

אָבער עס זענען אַוועק חדשים און אפילו יאָרן און זיי וואַרטן נאָך אַלץ און גלויבן.

דאָס דעמאָנסטרירט די „אויפריכטיקייט" פון דער דערקלערונג, אַז ווער עס וויל פאַרלאָזן דאָס לאַנד קען דאָס טאָן, און פון דעם צוזאָג פון קאָסיגינען פון 1966 וועגן דער פאַראייניקונג פון קרובים אאַז"וו. און דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן צענדליקער. „מיינט נישט, אַז מיר זענען 18. די צאָל חתימות וואָלט געקענט זיין אַ סך גרעסער".

דער בריוו באַשטעטיקט אָן ספק, אַז עס איז פאַראַן אַ דראַנג, אַ בענקשאַפט פאַר ישראל, וואָס ווערט איינגעהאַלטן דורך אַדמיניסטראַטיווער ווילקיר. צענדליקער קאָנגרעסן און קאָמיסיעס זענען נישט אַזוי איבערצייגנ־דיק ווי דער פשוטער סיפור המעשה פון די 18.

לייענט די דערהויבענע רעטאָריק, וואָס יעדער וואָרט איז פלאַם פייער און וואָס דאַרף געהערט ווערן דורך קינד און קייט, דורך די וואָס זענען פאַרקייטלט צו אַנדערע און די וואָס זענען קינדיש אומוויסנדיק בנוגע יידיש און יידישקייט. זיי דערציילן וועגן חורבן פון בית המקדש, וועגן די אומ־אויפהערנדיקע בענקשאַפטן, וועגן דעם, אַז יידן זענען מערער ווי 12 מיליאָן,

נאָר זיי זענען די פילע מיליאָנען וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן, וועגן דעם בלוט וואָס רינט אין די אָדערן פון די בענקערס נאָך ציון; דאָ רוישן די וואָרצלען פון אַלטן בוים און עס ריזלען די אייביקע קוואַלן פון יידישער אמונה.

אויב דער בריוו איז נישט ציוניסטיש אין זיין אויטענטישער און ריינסטער פאָרם, ווייס איך נישט וואָס ער איז. די פשוטע יידן מיט די אויסטערלישע טאָטערישע נעמען לערנען אונדז ציוניזם און קודם כל היסטאָרישע יידישקייט, המשך און קולמינאַציע־פונקט.

„ס'איז מקוים געוואָרן די נבואה: דאָס יידישע פאָלק איז אויפגעשטאַנען פון אַש, מיר האָבן ירושלים נישט פאַרגעסן און אונדזערע רעכטע הענט זענען איר נויטיק געוואָרן".

אַ ייד דאַרף עולה זיין קיין ישראל נישט נאָר, ווייל ער האָט קיין ברירה נישט, ווייל ער האָט נישט קיין אַלטערנאַטיווע פון אַ קאַנאַדע אָדער דענעמאַרק, נאָר ווייל עס איז זיין היים.

ווי זאָגן עס די 18 (און דערביי אין זייער אויפריכטיקייט באַנוצן זיי איינעם פון די געניאַלסטע פּאָליטישע אַרגומענטן און נעמען אַרויס דעם ווינט פון די רעדער פון דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע און נעמען דערביי אויך צו יעדן פוילן תירוץ), „שוין אַ לאַנגע צייט ווי עס קומען נישט פאָר קיין פּאָגראָמען קעגן יידן, עס איז נישטאָ קיין תחום המושב און קיין נומערוס קלאַוזוס. יידן קענען גיין אין די גאַסן אָן שרעק, זיי קענען זיך באַזעצן ווו זיי ווילן און אויספילן יעדן פּאָסטן, אַפילו אַ פּאָסטן פון אַ מיניסטער; בתי כנסת זענען דערלויבט און מיר קענען דאַווענען אין אונדזערע הייזער".

אַלזאָ אַ דערטרעגלעכער גלות, אָבער אין דער היים איז נאָך בעסער. „אונדזערע תפילות זענען פאַרבונדן מיט ישראל", אַזוי געניאַל־פשוט. מען קען עס נישט לייענען אָן טרערן אין די אויגן. יידן פון ווארעמע דיסקרימי־נאַציעלאָזע לענדער דאַרפן עס לייענען און לייענען אין זייערע פרייסטע און פאַרטראַכטע שעהען...

איך ווייס נישט וואָס וועט זיין דער רעזולטאַט פון אָט דעם „שאָס אין דער פינצטערניש", וואָס וועט עס מיינען אין דעם געראַנגל וואָס מיר פירן מיט דער סאָוויעטישער רעגירונג פאַר די רעכט צו עולה זיין. כ'ווייס נישט

וואָס וועט זיין דער גורל פון די פעטיציאָנערן. אָבער איצט איז מיין האַרץ פול מיט יובל און שטאָלץ.

18 זענען זיי געווען — סימן חי. אין זכות פון אַזעלכע לעבט דאָס יידישע פאָלק.

1969

די זעלביקע ייִדן און דער זעלבער ציוניזם

דער גערא̈נגל פון און פא̈ר די סא̈וויעטישע ייִדן איז זיכער איינער פון די סא̈מע דערהויבנסטע קא̈פּיטלען פון דער יידישער געשיכטע. דער ווידערשטא̈נד פון יידישע פּא̈טריא̈טן קעגן דער מעכטיקער און ריקזיכטלא̈זער מלכות שטייגט א̈ריבער יעדע פא̈נטא̈זיע. ס׳זענען אויך דא̈ ווייניק פא̈לן פון א̈זא̈ גערעכטער און דערפא̈לגרייכער סא̈לידא̈ריטעט־א̈קציע פון וועלט־יידנטום.

דא̈ס א̈לץ איז א̈זוי נסימדיק, א̈ז א̈לץ וואָס מיר וועלן צוגעבן וועט זיין טריוויא̈ל און א̈פילו איבעריק. א̈בער... ליידער דא̈רף מען נישט און מען טא̈ר נישט א̈ריבערגיין — אין סא̈מע אויפבליץ פון קא̈מף — איבער שא̈טנ־זייטן, בא̈גלייט־דערשיינונגען, שטימונגען און געדא̈נקען, וואָס זענען שעד־לעך און עלול צו שעדיקן דעם גרויסן ענין א̈ליין.

פא̈ר וואָס דא̈רף מען בא̈גלייטן דא̈ס אויפהויבן ביז צום הימל די סא̈וויעטישע ייִדן מיטן א̈רא̈פּנידערן און גרינגשעצן א̈נדערע ייִדן, בא̈זונדערס די פון די א̈מעריקא̈נער און מערב־אייראָפּעיִשע לענדער? פא̈רוואָס א̈קעגנ־שטעלן זייער אידעא̈ליזם, קדוש־השם־גרייטקייט, פלא̈מיקע אהבת־ישראל קעגן קליינבירגערלעכן מא̈טעריא̈ליזם, פחדנות און צופא̈סונג פון די „זא̈טע״ יידן פון די פרייע לענדער? צי איז עס באמת א̈ פא̈ל פון א̈ משל און א̈ נמשל? קען מען דען פא̈רגלייכן? צי הא̈בן מיר פא̈רגעסן דעם אמת, א̈ז ס׳זענען נישטא̈ קיין „גוטע״ און „שלעכטע״ ישובים, נא̈ר א̈נדערע היסטא̈רישע בא̈דינגונגען און א̈ז די זעלבע יידן הא̈נדלען א̈נדערש און פא̈רשיידענע מא̈מענטן, „דערהויבן זיך צו די שטערן א̈דער קייקלען זיך אין זא̈מד״ לויטן וווּנדערבא̈רן מדרש? אין אונדזער התפעלות הא̈בן מיר געשא̈פן א̈ שווא̈רץ־ווייסע און פא̈רא̈ינפא̈כטע צעטיילונג: פון איין זייט דער קלא̈סישער ציוניזם פון די פייגינס, צוקערמא̈נס, דרא̈בקינס — ציוניזם פון רענעסא̈נס און

רעוואָלט און פון דער צווייטער זייט דער ציוניזם אין גענדזנפיסלעך, דאָס הייסט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איז נישט מער ווי אַ „געלט־זאַמלונג־אַפּאַראַט", אַן אָרגאַניזאַציע פון יוסטע בעל־הבתים, אַפּהיטערס פון סטאַטוס־קוואָ און פון קאָנגרעסן און מויל־מלאכה. מען נעמט אַוועק פון דער אַלטער אָרגאַניזאַציע די פּאָעזיע און מ'לאָזט איבער די טרוקענע פּראָזע...

אויפן אָרט פון דעם יידישן רענעסאַנס, וואָס באַשטעטיקט אַזוי קלאָר און דראַמאַטיש דעם ציוניסטישן אַנאַליז און אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל שטאַרקן די באַוועגונג, ווערט ער גאָר דורך אַ פאַרקרימטן שפּיגל אויסגע־נוצט כדי זיך נאָך מער אויסלייזדיקן. ס'איז אַזוי צו זאָגן: וואָס איז שיין איז נישט אירס און וואָס איז אירס איז נישט שיין.

דער אמת איז אַז ס'איז דער זעלבער ציוניזם, נאָר אויף צוויי באַזונדערע פּראָנטן, אויף צוויי באַזונדערע געשיכטלעכע פּאָזיציעס.

ווער האָט למשל געפּסקנט ווי אַזוי אַמעריקאַנער יידן וואָלטן געהאַנדלט, ווען זיי וואָלטן חלילה געשטאַנען פאַר די זעלבע שרעקלעכע נסיונות? ווען האָט מען זיי אויסגעפּרוווט און זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען? וואָס וואָלט געווען ווען אויפן אָרט פון פאַרנעמען זיך מיט דעם ווולגאַרן קאַמפּיינעווען און מינערוויכטיקער פּאָליטישער אַרבעט, וואָלטן זיי גאָר געדאַרפט קעמפן פאַר זייער עצם־קיום קעגן שנאה און נישט קעגן אַ פריינדלעכער אַסימילירנדיקער סביבה?

יעדער קאָנטאַקט מיט אַמעריקאַנער יידן און מיט זייער אומרויקער, אין תוך איידעלער און קעמפערישער יוגנט לייקנט אָפּ די פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן זיי.

אגב, עס זענען שוין געווען פאַלן, ווען זיי האָבן געקעמפט קעגן זייער אייגענער רעגירונג פאַר ישראל, כאָטש מ'האָט זיי צוליב דעם נישט געזעצט אין תפיסה און נישט פאַרשיקט אין גלות...

מ'האָט זיך שוין אַפילו דערדעדט אַז די סאָוועטישע יידן זענען ציוניס־טישער... ווי ישראל אַליין. געוויסע היפּכא־מסתברא־דיקע אינטעלעקטואַלן און זשורנאַליסטן זענען זיכער, אַז אַלץ איז „געקומען פון זיך אַליין?" אַז מיר האָבן גאָרנישט געטאָן, כדי צו דערמונטערן, דערוועקן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אַז דאָס איצטיקע ישראל האָט נישט קיין „ווערטן", קיין „איינ־האַלט" כדי צו שפּייזן די ציוניסטישע קעמפערס אין ראַטנפאַרבאַנד און

העכסטנס זענען מיר אַן „אַדרעס", אַ „מקום־מקלט". צי דאַרף מען פֿאַרלירן ווערטער כדי צו דיסקוטירן מיט אַזאַ קרומער שטעלונג פֿאַר וועלכער דאָס וואָרט אַבסורד איז צו מילד און מעסיק?

אָט די שטימונגען ברענגען אַרויס נאָך טיפֿערע, כאַטש אומדירעקטע קאָנסעקווענצן.

אויף דער גרויסער אינטערעסאַנטער דעבאַטע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין כנסת וועגן חינוך (אַ זייער וויכטיקער ענין פֿאַר זיך אַליין) האָבן אייניקע רעדנער בטל אָפּגעפֿרעגט דעם באַדייט פֿון חנוך.

„די לענינגראַדער פּראָצעסן האָבן געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג ווי הונדערטער לערערס־שליחים" און נאָך אַזעלכע דיבורים. דאָס זענען פֿראַזן וואָס מען באַנוצט זיי אַן קאָמפּליקאַציעס און ווערן פֿאַרפּירעריש און ליג־נעריש. דאָס איז פֿאַרוואַנדלען דעם אויסנאַם אין אַ כלל צום „טראָץ דעם" און „צוליב דעם", דאָס איז מאַכן פֿון דעם נס — אַ געזעץ פֿון לעבן.

וואָס קען דען פֿאַרבייטן די סביבה, די ייִדישע היים, דעם אָרגאַנישן איינפֿלאַנץ פֿון אמתן און אמונות דורך חינוך?

ווי אַזוי האָבן מיר אויסגעהאַלטן אַלע קאַטאַסטראָפֿעס און אויפֿברויזן? צי דען נישט דורך שלימותדיקער אינערלעכקייט, וואָס קומט פֿון חינוך און סביבה אַפֿילו אין גלגול פֿון צווייטן און דריטן דור?

ווידער אַ מאָל נישט וועגן דעם עצם קאַמף קעגן דאָס וואָס איז גערעכט און לעבנס־נויטיק — נישט חלילה אין פֿאַרמינערן אַ האָר דעם סאָוויעטישן ייִדישן נס. מיר רעאַגירן קעגן איינזייטיקייטן און פֿאַלשע טענער, קעגן ווילדגראָז.

1971

וועגן די נביאים פון חורבן

אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון בני ברית, אָפּגעהאַלטן אין ישראל, (אַ פיינער און אינטערעסאַנטער מנהג), האָט דער געוועזענער פּרעזידענט לייבל כ״ץ זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן די שוואַרצזעערס בנוגע די אַמעריקאַנער יידן, אָדער ווי ער רופט זיי אָן „די נביאים פון חורבן״. ער לייקנט נישט אָפּ די אַזוי אָפט באַקלאָגטע דערשיינונגען: אַסימילאַציע, געמישטע חתונות, די כּזיתדיקע קענטשאַפט פון יידישקייט, אָבער ער גלויבט נישט, אַז דאָס זענען סימפּטאָמען פון אַן אומהיילבאַרער מחלה. ער האָט פאַר דעם אַ סך באַווייזן: קודם־כּל, די פילאָזאָפישע אוממעגלעכקייט פון דעם, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך אַז אַ יידנטום וואָס איז ווידערגעשטאַנען צוואַנג און רדיפות זאָל גראָד פאַלן אַ קרבן פון פרייהייט. דאָס איז אַזוי צו זאָגן פאַרלייקענען דיווירקלעכקייט וויל.. זי איז נישט לאָגיש.

צווייטנס, קעגן די דערשיינונגען פון זעלבסט־פאַרלייקענונג און פאַר־פרעמדקייט זענען פאַראַן אויסדרוקן פון יידישער וויטאַליטעט. למשל: דער רעשיקער וווקס פון די הלל־הייזער, וועלכע באַווירקן דעם סענסיטיווסטן טייל פון דער יוגנט, די סטודענטשאַפט און... דער גרויסער איבערראַשנדער דערפאָלג פון דעם „פידלער אויפן דאַך״ אין בראָדוויי, וואָס באַווייזט ווי יידישע ווערטן און געשמאַקן האָבן זיך איינגעזאַפּט אין דער אַמעריקאַנער קולטור. דאָס הייסט, אַז אַנשטאָט מיר זאָלן זיך אַמעריקאַניזירן, פאַריידישט זיך גאָר אַמעריקע.

האָבן מיר נישט בדעה צו באַשטרייטן די גאַנצע הנחה, ווייל מיר זענען פאַרויס געשלאָגן... ערשטנס, ווילן מיר, אַז ער זאָל זיין גערעכט, צווייטנס, האַלטן מיר, אַז דער עצם גלויבן אין לעבן, די עפנטלעכע דעקלאַראַציע פון אַ דינאַמישן יידישן פירער פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע אַז „לא אמות כי אחיה״ זענען אַ נאַציאָנאַלער אַקט פון קיום. ווער איז דאָס פאַראינטערע־

סירט אַט דעם גלויבן אָפּצושוואַכן אַפילו אויף אַ האָר? אַ מאָל איז דער חשק צום לעבן די בעסטע רפואה. אונדז האָט זייער געפרייט צו לייענען אין דעם וועלט־באַרימטן „טיימס־מאַגאַזין" די ציטאַטן פון אָט דער דער־קלערונג ווי אויך די רייד פון ראַבאַי קעלנער אויף דער קאָנסערוואַטיוער קאָנווענשן, אַז דער ייד אין אַמעריקע „פאַרשווינדט" נישט. ס'איז זייער וויכטיק, אַז אונדזער פּיינט און די האַסטיקע אַסימילאַנטן זאָלן זיך נישט צו פרי פרייען און אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אויף גויאיש, אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, וועלן יידן זיכער גלויבן.

אָבער פונקט ווי עס איז שעדלעך אַ פּעסימיסטישער, קרענקלעכער פּעסימיזם, טראָגט אין זיך אויך דאָס פאַרקערטע גרויסע סכנות. מיר נעמען נישט אָן דעם נאַיוון „אַזוי וויל איך"־אָפּטימיזם. מיט שרייען און „זיך מאַכן אַ האַרץ" וועלן מיר די גרויסע מחלה נישט פאַרשרייען. הפקרדיק פאַרזען די געפאַר איז נישט ווייניקער שעדלעך ווי היפּאָכאָנדריע.

✡

ווער זענען עס די „נביאים פון חורבן"? ווער זענען עס די שוואַרצע קראָען אויף די זוניקע האָריזאָנטן פון גלות? מען דאַרף נישט זיין קיין וועלט־חכם, כדי צו פאַרשטיין, אַז מען מיינט דערמיט די ישראלדיקע מנהיגים, דענקערס און שריפטשטעלערס. ס'איז אַזוי צו זאָגן אַ טייל פון דעם אייביקן דיאַלאָג צווישן „זיי מיט אונדז". אויב דאָס איז דער פאַל, איז דאָס אַ טענה אויף אַ פאַלשן אַדרעס. „שולדיק" אין דער פּאַניק זענען די אַמעריקאַנער יידן אַליין. טויזנטער אַרטיקלען, צווישן זיי אויך דער סענסאַציאָנעלער מאמר אין „לוק", אַנקעטעס און אויספאָרשונגען אָנגעפּי־קעוועטע מיט סטאַטיסטיקעס וועגן געמישטע חתונות אין גרויסע און קליינע ישובים, דערקלערונגען פון יונגע אינטעלעקטואַלן, פול מיט שטוי־נענדיקן עם־ארצות און זעלבסטהאַס. די נביאים.. קומען פון אַמעריקע.

ווייסן מיר, אַז זעלבסטקריטיק קען אָפּט מאָל זייער שלעכט אויסגענוצט ווערן. במה דברים אמורים? ווען עס האַנדלט זיך וועגן קעגנערס. אָבער אין דעם פאַל? איז דען דאָ אין ישראל איין ייד וואָס גלויבט, אַז ישראל וועט אויפגעבויט ווערן אויפן חשבון פון גלות? צי וועט אונדז אָן אויסגעטריקנטע אַטראָפּירטע פּרצופלאָזע יידישע אַמעריקע געבן מענטשן און הילף? וואָס

קען ישראל זיין, וואָס איז זי אָן איר גרויסן יידישן אָנשפּאַר, אין אַמעריקע אין דער ערשטער שורה? צי קען זי לעבן און געדייען מיט זיך אַליין?

ביז איצט קלאַפּט מען דאָ אין אַן אָפענער טיר.

☆

אָבער, דעם אמת געזאָגט, זענען מיר טיף באַזאָרגט. ליידער קענען מיר נישט אָננעמען די היסטאָריאָזאָפיע און דעם גלויבן, אַז טענדענצן אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פירן צום קיום פון יידנטום. מיר גלויבן, אַז פאַרקערט. אַלץ אין אַמעריקע טרייבט צו אַסימילאַציע. די איינציקע רעטונג ליגט אין דעם פאַרלאָזן זיך אויף אייגענע כוחות און ווידערשטאַנד און שווימען קעגן שטראָם, אין אַ ביסל פרימיטיוון איינשליסן זיך, אין אַ שאַרפער אָפּשייד־ליניע פון שכן, אפילו אויפן חשבון פון באַקוועמלעכקייט, אין געקניצלטן אַפילו אויפבלאָזן פון „פינטעלע ייד". „מען קען נישט עסן דעם קוכן און קוקן אויף אים" — זיין טיפּיש אַמעריקאַניש און בלייבן אַ ייד.

☆

פאַראַדאָקסן און סתירות. אָט למשל, באַהויפּט ה' כ"ץ האָפערדיק, אַז דאָס יידנטום לעבט אויף אַ פּאַראַדאָקס. איז דאָס אַ זייער פשוט און באַקוועם לעבן, שוין גאָר אַ אויסטערלישער נוסח פון „שווער צו זיין אַ ייד". אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן. אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס וואָס ה' כ"ץ רופט אָן פּאַראַדאָקסן זענען באמת סתירות, און ס'איז שוין גאָר אַ גרויסער אונטערשייד. אַ פּאַראַדאָקס איז אַן אמת געגעבן אין אַ נישט באַנאַלער פאָרם, דער ווידערשפּרוך איז אַ דרויסנדיקער, דער אינהאַלט איז אַן אמתער.

אָבער אין אַמעריקאַנער יידנטום זענען פאַראַן גרויסע היסטאָרישע סתירות, וואָס טראָגן אין זיך געפאַרן פון אויסברוך. אָט די סתירות דאַרף מען זען קלאָר און רעאַליסטיש. יידן האָבן זיי געשאַפן, יידן קענען אפשר מצליח זיין זיי פונאַנדערפלאָנטערן און לייזן.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף צוויי:

א. אַ ישוב פון נישט רעליגיעזע יידן, וואָס איז אויסשליסלעך געבויט אויף רעליגיע אַלס יידישער אינהאַלט און פאָרם פון עקזיסטענץ.

ב. אַן אַנטי־דעמאָקראַטיש יידיש לעבן אין איינעם פון די דעמאָקראַ־טישסטע לענדער אין דער וועלט.

מען רעדט וועגן אַ רעליגיעזן רענעסאַנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין פלוג זעט עס טאַקע אַזוי אויס; די טעמפלען פון אַלע דענאָמינאַציעס זענען געוואַקסן אין מיטגלידערשאַפט. דער בית־תפילה איז דער איינציקער פּלאַץ וווּ עס זאַמלען זיך פון דעסטוועגן טויזנטער יידן. דער ראַבאַי איז דער פירער און אַ געמיש פון אַ גייסטיקן פאַסטעך און אַ פּאָליטיקער, אָנגענומען ביי יידן און אָנערקענט ביי גוים. ער פירט אָן מיט די ענינים פון זיין געמיינדע און מאַכט פּאָליטישע דערקלערונגען. די קאָנגרעגאַציע פילט אויך אויס סאָציאַלע און קולטורעלע פונקציעס.

דאָס וועלטלעכע יידנטום געפינט זיך אין ירידה אויב נישט אין גסיסה און צוזאַמען מיט זיי די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, סאָציאַליזם און די וועלטלעכע יידישע ליטעראַטור. אין צוריקגאַנג זענען אויך די קאָמיוניטי־צענטערס פון וועלכע די קאָנגרעגאַציעס נעמען צו זייערע קולטורעלע און סאָציאַלע פונקציעס. זיי ווערן אַלץ מערער געגנט־צענטערס פון אַ נישט „סעקטאַראַלן" נישט ספּעציפיש יידישן כאַראַקטער. צו דעם אַלעמען איז דאָ די צושטימונג נישט נאָר פון די באַוווּסטזיניקע אַסימילאַ־טאָרן די „דת משה אַמעריקאַנער" נאָר פון דער גרויסער מערהייט פון סתם־יידן, פאַר וועלכע דער טעמפּל דערשיינט אַלס אַ טיפּיש אַמעריקאַנער פאָרם פון יידישער אָנגעהעריקייט און פון אַ מינימום קהילה. דאָס איז אַ כזית יידישקייט און זי איז צו גאָרנישט מחייב.. אפילו נישט צו רעליגיע אַליין. די רעליגיעזע פאָרם פון יידישן לעבן אין אַמעריקע איז אַ ריין אוטיליטאַרע, זי איז צוליב עפּעס און נישט מיטן כוח פון אמונה, זי איז פאָרם און אינסטי־טוציע און נישט סובסטאַנץ. זי איז אַ מיטל, ווען אַפילו פאַרן הייליקן צוועק פון יידישן קיום און נישט דער יסוד פון אַלע יסודות ווי אַ רעליגיע דאַרף זיין. לאָמיר עס מאַכן קלאָרער:

1) דאָס וואָס רעליגיע אַליין דערשיינט אַלס סימן־היכר פון יידישקייט ווייזט, אַז אַלע אַנדערע יסודות פון אַ עטניש־גייסטיקן קיבוץ (שפּראַך, לעבנס־שטייגער, טראַדיציעס) זענען צערונען געוואָרן. ס'איז אַ סימן־דלות.

2) רעליגיע דערשיינט דאָ סיי אַלס אַן אופן פון צופּאַסן זיך און נאָכמאַכן פון גויאישן לעבן און אַלס אויסדרוק פון באַזונדערקייט. ס׳איז אַזוי אַרום אַ דעליקאַטע צווייטזייטיקייט. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן „דאַרף מען״ באַלאַנגען צו עפּעס אַ קירכע. ס׳איז אַ סימן פון בירגערלעכער אָנשטענדיקייט. פאַרן אַמעריקאַנער איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז זיין יידישער שכן זאָל באַלאַנגען צו אַ יידישער „טשערטש״. איז אויב שוין געפעלן דעם שכן, דאַרף מען נישט צופיל אונטערשטרייכן אין דער שול דאָס ספּעציפיש יידישע. ווערט טאַקע די שול אַלץ פּרצופלאָזער און דער אונטערשייד מיט דער קירך בלאָסער און בלאָסער.

אָבער דער עיקר, ווי אַזוי מאַכט מען רעליגיע פאַרן אינהאַלט פון לעבן פאַר נישט רעליגיעזע מענטשן? נישט רעליגיעזע סיי מעטאַפיזיש און סיי לעבנסשטייגעריש. ווי אַזוי קען מען זיך דאָ באַפרייען פון אַ געוויסער מאָס היפּאָקריזיע? ווי אַזוי קען מען דאָס מאַכן פאַרן הויפּט־מאָטיוו פון חינוך, וועמענס ערשטער יסוד איז אמת? ווי אַזוי קען מען מיט דעם באַשטראַלן די נייע דורות, וואָס דערפילן דעם נישט־אמת, וואָס ווערן באַהערשט פון ווידערווילן און אין בעסטן פאַל זענען זיי טאָלעראַנט און מילד־איראָניש.

דער פאַרגלייך מיט די אַנדערע דענאָמינאַציעס (קאַטאָליקן, פּראָטעס־טאַנטן) איז אוממעגלעך. קיינע פון די אויבנדערמאָנטע רעליגיעס האָט נישט קיין „נאַציאָנאַלע״ אַספּיראַציעס און איז נישט פאַרבונדן מיט אַ גרופּע, וואָס זי דאַרף דערהאַלטן ביים לעבן. פרעגט זיך די פראַגע: ווי לאַנג נאָך וועט אַ פאָלק לעבן אין פיקציע פון אַ דעקלאַמירטן גלויבן אין גאָט, אַן געטלעכקייט און אַן קדושה?

☆

און איצט וועגן ענין דעמאָקראַטיע. ס׳קען זיין, אַז מען דאַרף עס אָנרופן אַנדערש. דער מאַנגל אין פּשוטן יידישן רעפּרעזענטאַטיוון לעבן בכלל, דאָס פעלן פון אַן אַנערקענטן אַדרעס אויסערלעך און אינערלעך פאַרן ישוב און פאַר דער רעגירונג. ס׳קען דאָך געמאָלט זיין, און ס׳געשעט אין דער ווירקלעכקייט, אַז אַ רעפּרעזענטאַטיווער סיסטעם, וואָס איז נישט אַזוי על פּי „טהרת הדעמאָקראַטיע״ האָט פון דעסטוועגן אַ בכבודיקן קיום און אויטאָריטעט. ס׳קומען נישט פאַר למשל, קיין אַלגעמיינע וואַלן צום קאַנאַדישן

יידישן קאָנגרעס, וואָס פאַרטרעט אָרגאַניזאַציעס און פון דעסטוועגן פרעגט קיינער נישט אָפּ זיין השפעה. דאָס זעלבע בנוגע דער „דאַיאַ" אין אַרגענטינע, דעם „צענטראַל־קאָמיטעט" אין אורוגוואַי, דעם „באָרד אָוו דעפּיוטיס" אין ענגלאַנד, דעם „עקזעקוטיוו־קאָונסיל" אין אויסטראַליע. אָבער דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז אַ פולשטענדיקער תוהו ובוהו. אַ גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי אויך גרויסע לויתנס, וועלכע באַטראַכטן זיך אַלס „סוווערען" און אַנערקענען נישט קיין שום אויבערשטע רשות וואָס זאָל רעדן אין אַלעמענס נאָמען. אוצרות פון ענערגיע ווערן פאַרוועגדט אויף „קאָאָרדינירן", אויף שאַפן לויזע פעדעראַציעס אויף דורכצופירן צייטווייליקע, אָפט מאָל גרויסע אויפגאַבעס. די בעסטע מוחות זענען פאַרנומען מיט אויסגעפינען פאָרמען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן אַ פאַראייניקטע האַנדלונג און גלייכצייטיק אָפּהיטן און נישט אָנרירן חלילה די „פּרעסטיזש"־גרענעצן פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע קעניגרייכן, און אַז מען גיט זיך שוין אַן עצה מיטן ענין רעפּרעזענטאַנץ, איז עס שטענדיק אויפן חשבון פון די גרויסע מאַסן פון יידן. מיט זיי האָט דאָס לחלוטין נישט צו טאָן. דאָס זענען קליינע, איינגעשרומפּענע גרופּן פון פּרעזידענטן, וואָס רופן זיך מיט דעם נישט זייער סימפּאַטישן נאָמען „קלובן", וואָס רעדן שוין אין זייער נאָמען און טיילן זיך מיט די כיבודים.

אָט דער טרויעריקער מצב ווירקט זיך אויס סיי אויף דער ברייטער יידישער וועלט־אַרענע און סיי אינעם לעבן פון דער קלענסטער יידישער אָרגאַניזאַציע אין די שטאַטן.

אַ וועלט־רעפּרעזענטאַנץ איז אויף אַזויפיל דעמאָקראַטיש אויף וויפל עס זענען עס אירע באַשטאַנד־טיילן אין די לענדער. יעדער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע איז מחייב זיך צו רעכענען מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. זי איז אָפּהענגיק פון דעם גוטן ווילן און צושטימונג פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס און זי ווערט אָפט מאָל דורך דעם פּאַראַליזירט.

און נאָך מער, די יידן פון אַמעריקע האַלטן אַזוי שטאַרק פון זייער דעמאָקראַטיע אַז זיי „עקספּאָרטירן" זי אין דער גרויסער יידישער וועלט. די וואָס פאַרלייקענען אַפילו אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יידיש וועלטפאָלק, זאָגן זיך חלילה נישט אָפּ פון שאַפן וועלט־סעקציעס. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט למשל, גיט אַוועק פאַר דעם אַ סך מיטלען און פעיִקייטן

און מ׳מוז צוגעבן מיט אַ געוויסער הצלחה. און מיט דעם גייט שטענדיק אַ קאָנקורירנדיקע און אָפט מאָל אַ אונטערגראָבערישע טעטיקייט קעגן די דעמאָקראַטישע איינהייטלעכע קערפּערשאַפטן (לאַטיין־אַמעריקע, קאַמאַנ־וועלט־לענדער, א.אַ.וו.). דאָס איז אַ מאָדערנער נוסח פון „יאַהודים״ מיט אַ באַפאַרבונג פון אַנטי־אַסימילאַציע דיבורים.

און אינערלעך ? צי איז דאָ עפּעס, וואָס דערמאָנט כאָטש פראַגמענטאַריש אין אַ קהילה חוץ אייניקע אויסנאַם־שטעט? אודאי זענען דאָ גרויסע לאַנדעס־ראַמען פאַר רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע טעטיקייטן (די וועלפער־באָרד, די רבנים־קאָנפערענצן, די פעדעראַציע פון וועלט־פאַר־באַנדן) אָבער ווער רעדט אין נאָמען פון אַלע יידן, פון גרויסן כלל ישראל ?

מיר באַטראַכטן די אומדעמאָקראַטישקייט פון ישוב נישט ווי אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע, נאָר ווי אַן ענין פון תוך. אָן אַ מינימום פון אַנערקענטער פירערשאַפט פאַר יידן, אָן אַ פאַרבינדונג פון גרויסע צאָלן יידן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָן אַ ביסל יידישע אַחדות און דיסציפּלין, אָן דעם אַלעמען ווערט אויך טיפער און ברייטער די אַסימילאַציע. אין לויזע און צעשרויפטע קאַנאַלן פליסן אויך שנעלער פרעמדע וואַסערן פון פאַרלייקענונג און פאַרפרעמדונג.

אונדז דוכט זיך דעריבער, אַז אויפן אָרט פון „קנייפּן זיך אין בעקל״ און זאָגן „כי טוב״ דאַרף מען זיך שטאַרק פאַרטראַכטן. דאָס זענען נישט קיין סימפּטאָמען פון אַ בליענדיקער און שעפערישער קולטור. מיר געפינען זיך אין אַ וואַלד פון סתירות, פון וועלכן מען קען אפשר אַרויסקריכן דורך אַ לאַנגזאַמער און רוקן־ברעכנדער מי פון נאַציאָנאַלע כוחות אין די לענדער מיט אונדזער ישראלדיקער הילף.

1965

בלעטלעך פון אַ שליחות־פּנקס

1. די מיסטעריע פון יידישן כוח

וואָס איז דער קוואַל פון יידישן כוח אין די פאַראייניקטע שטאַטן? וואָס איז דער סוד פונעם פּאָליטישן און גייסטיקן איינפלוס וואָס איז אַזוי ווי אַ רעטעניש און וואָס מיסטיפיצירט פריינד און שונאים צוגלייך?

דער ישוב איז זיכער נישט די גרעסטע עטנישע גרופּע (ווייניקער פון 3% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג); טראָץ זיין עקאָנאָמישן ווילזיין און הויכן סטאַנדאַרט פון לעבן — אויך נישט די רייכסטע; אַלס רעליגיעזע קהילה — נישט די פרומסטע, אָרגאַניזירטסטע און געטרייסטע. פון דעסט־וועגן ווערן מיר ביי יעדן באַזוך אונדזערן אין אַמעריקע, איבערראַשט פון דעם דערהויבענעם סטאַטוס פון דעם דאָרטיקן ישוב, פון זיין בכבודיקער פּאָזיציע אין תחום פון וויסנשאַפט און קונסט, פון דער פּאָפּולאַריטעט פון זיינע מנהגים, פון זיין לעבנס־נוסח, זיינע שפּייזן, זיינע ווערטלעך, וואָס „פאַריידישן" ממש אַ גרויסן טייל פון דער גוישער אַמעריקע.

ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? ווי אַזוי האָבן אָרעמע פּליטים־עמיגראַנטן אַרויפגעקלעטערט אויפן סאַמע אויבנאָן פון סאָציאַלן לייטער און זענען געוואָרן מאַסגעבנדיק און טאָנגעבנדיק, אַ יסוד פון עסטאַבלישמענט, אָנ־יאָגנדיק — און אפשר אַריבעריאָגנדיק — די וואַספּישע „עליטע"? באַזונ־דערס איז עס אַ רעטעניש, ווען עס קומט צו פּאָליטישן כוח, וואָס האָט זיך אַזוי בולט און דראַמאַטיש אויסגעדריקט אין די לעצטע פּרעזידענט־ און קאָנגרעס־וואַלן אין אַמעריקע.

מען קען זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן, ס'איז געוועזן הימל און ערד און דער יידישער ווילער. נישט נאָר ניקסאָן און מעק־גאָווערן, נאָר אַלע, וואָס זענען „געלאָפן" פאַר וועלכן עס איז אַמט, האָבן זיך געלייגט אין דער

לענג און אין דער ברייט, כדי נושא חן צו זיין ביים יידישן ציבור. מען האָט זיך געשווירן אין געטריישאַפט צו ישראל, מען האָט אַרויסגעבראַכט דעם רעקאָרד פון שטימען אין פּאַרלאַמענט און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו שאַפן דעם איינדרוק פון באַגלויבטקייט און לאָיאַליטעט צו יידן. מען האָט דעם יידישן וויילער געזוכט אומעטום: אויף אַלע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, אין די יידישע קוואַרטאַלן, אין די שולן און רבישע הויפן. ישראל איז געוואָרן אַן „אישו" אין די וואַלן. ווען ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז ניקסאָן האָט געוווּנען מיט אַ ריזיקער מערהייט — האָט מען פון דעסטוועגן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז 40% יידן האָבן פאַר אים געשטימט, פונקט ווי אַן דעם וואָלט ער זיך נישט באַגאַנגען און פונקט ווי אַ יידישע שטימע וואָלט געוויגן און געציילט מער ווי אַן אַנדער בשר־ודמיקער וואַל־צעטל.

ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי פאַלשע די לעצטנס אָנגענומענע מיינונגען (וואָס יידן האָבן געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן), אַז ס'איז מער נישטאָ אַזאַ זאַך ווי די „יידישע שטימע", און אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ מיטאָס. אויב זי איז נישט בנמצא — טאָ פאַר וואָס האָט מען זיך אַזוי געיאָגט נאָך איר? ס'האָט אויך געפּלאַצט די באַקוועמע טעאָריע, אַז יידן שטימען נאָר אַלס אַמעריקאַנער אָן אַ ספּעציעל יידישן חשבון. דאָס מאָל האָט זיך די איבער־וויגנדיקע מערהייט פון יידישע פירערס און וויילערס אָפן מודה געווען, אַז זיי שטיצן ניקסאָנען צוליב זיין שטעלונג און מעשים לגבי ישראל און אַז זיי געטרויען נישט מעק־גאַווערנען צוליב זיינע פריערדיקע דערקלערונגען און אַרויסזאָגונגען און צוליב זיין אַרויסזאָגן זיך אין ענין פון קוואָטעס א.אַז.וו. מען האָט אַפילו פאַרעפנטלעכט אַ טאַבעלע פון פונקטן וועגן אָפּשטימונגען פון סענאַטאָרן וועגן ישראלדיקע און יידישע פראַגן, געגעבן אויסצייכענונגען אָדער דיסקוואַליפיקאַציעס, אָן פּחד און אָן דעם באַרימטן לאָיאַליטעט־קאָמפּלעקס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ נישט באַגרינדעטע די הנחה, אַז די יידישע פּאָליטישע השפּעה איז אין ירידה, אַז אין דער נייער ניקסאָן־קאָאַליציע פון דער שוויגנדיקער מערהייט פאַרנעמען יידן אַ צווייטראַנגיקן פּלאַץ א.אַז.וו. טאָ וואָס זשע איז פאָרט די סיבה פון אָט דער השפּעה, וועלכע איז אַ גרויסער אוצר פאַרן וועלט־יידנטום און פאַר ישראל, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ און נישט פאַר־

טאָכליעווען און צעטרענצלען דורך אויסנוצן אים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק?

זיכער שפּילט דאָ אַ ראָל די אינטעליגענץ פון יידישן וויילער, זיין פּאָליטישע אָריענטאַציע און באַהאַוונטקייט, וואָס איז העכער פון דעם דורכשניט; אָוודאי דערקלערט עס זיך מיט דער קאָנצענטראַציע פון די יידן אין די וויכטיקע שליסל־שטאַטן אין אַמעריקע (אגב, זענען זיי געוואָרן וויכטיק און שליסלדיק אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם, וואָס די יידן האָבן די דאָזיקע שטאַטן געהאָלפן אַנטוויקלען ווירטשאַפטלעך און גייסטיק). אָוודאי איז וויכטיק זייער צושטייער צו דער פינאַנסירונג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע אָן וועלכער מען קען זיך אין אַמעריקע — נאָך ווייניקער ווי אומעטום — קיין ריר נישט טאָן. אָבער דאָס אַלץ זענען נאָר אויבערפלאַכלעכע טעמים און סימפּטאָמען, נישט מער ווי באַגלייט־דערשיינונגען פון עפּעס טיפערס.

יידן זענען אפשר די „אַמעריקאַנישסטע" גרופּע אין דער דאָזיקער פיל־ראַסיקער מולטי־פעלקערדיקער און פאַרשידנפאַרביקסטער געזעל־שאַפט. ווען דער דגש איז געווען דער מעלטינפּאָט (שמעלצטאָפּ) האָבן יידן שנעלער ווי אַנדערע, רירעוודיקער און בריהדיקער זיך אינטעגרירט אין דער דאָזיקער וועלט פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, פון פּריוואַטער איניציאַטיוו און וויסנשאַפטלעך־טעכנאָלאָגישע וווּנדער. זיי האָבן זיך לייכט באַוועגט אויף די שנעלע פּאַסן פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם האָבן יידן אָפּגעהיט זייער באַזונדערקייט, און ווען דער שווערפּונקט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף עטניציטעט אויפן „שטאָלץ מיטן שטאַם און אָפּשטאַם", מיט דער „שוואַרצער, ווייסער אָדער געלער שיינקייט און כוח", זענען יידן ווידער אַמאָל געוואָרן פּראָמינענט מיט זייער טויזנטער־יעריקער קולטור, מיט זייער רעליגיעזער און נאַציאָ־נאַלער ירושה. נאָך יאָרן פון פאַרשפּרייטן און קולטיווירן די טעאָריע פון אידענטישקייט צווישן די אינטערעסן פון אַמעריקע און פון די יידן און דער גייסטיקער פאַרוואַנדשאַפט צווישן תנ"ך און דער... אַמעריקאַנער קאָנסטי־טוציע, האָט מען אָנגעהויבן וועגן און מעסטן אידעען און דערשיינונגען, פּראָצעסן און געשעענישן לויט דעם אַלטמאָדישן „צי איז עס גוט פאַר יידן".

אַזוי אַרום זענען יידן דער סייסמאָגראַף, דער געניסטער, פּילבאַרסטער

און ראַפינירטסטער אויסדרוק פון ענדערונגען און וואַנדלונגען אין אַמעריקע, דער אָנזאָגער און פּיאָנער (און גלייכצייטיק דער קרבן) פון די מאָדערנסטע שינויים. עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס מען זעט לויט די יידן „וווהין דער ווינט בלאָזט". אַז מען שטעלט אָן די מוזיק לויט זייער קאַמערטאָן און מען באַטראַכט זיי ווי טאָן־געבערס.

ס'איז דער כוח פון איכות, די מיסטעריע פון יידישן שכל, די ברכה און אַמאָל אויך די קללה פון ווייטזען און דערזען און דערפאַר זיך אויך אָנזען. דערווייל אָבער איז עס אַ געוואַלטיקער רעזערוואַר פון כוחות פאַרן פאָלק און פאַר דער מדינה.

2. מיט די ליובאַוויטשער אין אַ הקפות־נאַכט

אין דעם געדיכט באַזעצטן נעגערשן געטאָ פון איסטערן־פּאַרקוויי געפינט זיך דאָס האַרץ און דער צענטער פון דער ליובאַוויטשער אימפּעריע. דער „רבי זאָל לעבן" האָט באַפוילן נישט צו אַנטלויפן און נישט אַריבער־צוגיין אין אַנדערע מער זיכערע „באַקוועמערע ווייסע געגנטן" — שרעקט מען זיך נישט, „מ'גיט נישט אויף קיין פּאָזיציעס", אַ מין חסידישער נוסח פון „לא נזוז מכאן", פון שטילער גבורה.

אַלץ איז אַרומגענומען פון פחד. מען האָט מורא די נאַכט אַרויסצושטעקן אין די נעסטן פון רויב, פון גוואַלט און פון שכרות. אָבער נישט די ליובאַוויטשער.

סוף־כל־סוף האָב איך זוכה געווען צו זיין אין זיין מחיצה, אין דעם ראָד פון זיינע התלהבותדיקע חסידים אין דער הקפות־נאַכט. כ'קען נאָך ביז היינט נישט קומען צו זיך פון דעם אומגעהויערן איינדרוק, פון דער געוואַלטיקער איבערלעבונג, וואָס איז אַ הויכפּונקט אַפילו אין מיין ברייטער און לאַנגער רייזע צו די גרויסע מעטראָפּאָליעס פון דער וועלט.

קודם כל דער עולם. הונדערטער אויב נישט טויזנטער יונגע מענטשן. נישט ווייניקער „נאָן־קאָנפאָרמיסטיש", „אַנטי־עסטאַבלישמענט", הייס־בלוטיק און אומגעצוימט ווי זייערע אַנדערע בני דור, אָבער יידישער, וואָרצל־דיקער. די בערד זענען נישט קיין מאָדע — נאָר טאַקע כשרע בערד און פּיאות; די טראַכטן — אַטלאַס און אַלפּאַגע פון אַלטפרענקישן נוסח. דער

געזאַנג איז ווילד און שטורמיש ווי דער סאַמע מאָדערנסטער „ביט”, אָבער דיסציפּלינירט און געלייטערט דורך חסידישער מתיקות און מזרח־איראָ־פּעישער נאָסטאַלגיע. צוזאַמען מיט די יונגע — די באַקאַנטע פיגורן פון חסידישע הייף: די מקורבים, די קלוגע זקנים, די „מיניסטאָרן”. אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין דעם איידעלן געוועב פון היעראַרכיע און אויטאָריטעט וואָס אין זיין שפּיץ איז דער אדמו״ר, דער רבי אַליין.

געגאַנגען צו אים בין איך נישט ווי אַ חסיד (און דאָס בין איך נישט געוואָרן) און מיט פּאַרדרוס אויף זיינע לעצטע נטורי קרתא׳דיקע אויפטריטן און דעקלאַראַציעס (און איך בין אויך געבליבן ביי מיינעם). אָבער איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַוועק פון אים אַ באַרוישטער און אַ פאַרליבטער. כ׳האָב געהאַט דאָס זעלטענע געפיל, אַז איך שטיי פּנים אל פּנים מיט אמתער גרויסקייט. דער רבי (זאָל ער מיר מוחל זיין פאַרן אויסלענדישן אויסדרוק) איז „כאַריזמאַ” אין פולן זין פון וואָרט. אַ בלייכער, אַ דורכ־זיכטיקער, מיט אַן אַסקעטיש געזיכט, אַן איבערראַשנדיק ברייטן און מאַסיוון גוף, מיט בלויע קינדערישע אויגן און אַ באַצויבערנדיקן שמייכל, טיפער פאַרקלערטקייט און שטילן כוח, מיט מלכותדיקע פּירעכצן און פאָלקס־טימלעכער יידישער וואַרעמקייט. אַ וועלט פון עקסטאַז צוזאַמען מיט אָרגאַ־ניזאַטאָרישן זשעני און אַ חוש פאַר קלייניקייטן. און דערביי שטענדיק אַליין, אַפילו צווישן טויזנטער, אין דער התבודדות פון באַרגשפּיצן.

טויזנטער מענטשן הענגען אויף טיש און בענק, אַ געדראַנג אין לשער. קעפּ אויף קעפּ ממש, אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. זאָל זיך איינער אַ גליטש טאָן, קאָן חלילה די מאַסע זיך איינברעכן און איינפאַלן. אָבער אַלץ ווערט געהאַלטן אין אַ שטייפן צוזאַמענפּרעס ווי רצועות פון תפילין. ס׳איז אַ געפילדער און אַ געשריי, וואָס ווערט אָבער תיכף, אַזוי ווי דורך אַ כישוף, אָפּגעשטעלט דורך דעם מינדסטן ווונק פון רבין. די הקפות ווערן „ביזנעסמעסיק” אויסגענוצט פאַר געלט־זאַמלונגען, אָבער דאָס מאָנאָ־טאָנע אויסרופן נעמען און סומעס ווערט איבערגעריסן דורך אַ ניגון אויף אַ פּסוק, וואָס דער רבי הויב אָן און וואָס ווערט אויפגעכאַפּט דורכן עולם מיט אַ שטייגנדיקן ריטם און מיט ווילדער התפעלות און סטיכישן כוח פון „ופרצת”.

דער רבי איז מקרב ישראלדיקע. ער געפינט צייט און אינטערעס פאַר

אַ סאַמע לעצטע נייס פֿון ישראל און איז אויסערגעוויינלעך גוט אינפֿאָר־מירט וועגן די אינערלעכע ענינים פֿון דער מדינה. אין אַ מאָדערנעם ספּרדישן עברית שמועסט ער זיך דורך אין מיטן פֿון גאַנצן גערודער וועגן די אינער־לעכע מחלוקתן אין די פּאַרטייען, ווי מפד״ל למשל.

דו טראַכסט זיך און זאָגסט צו זיך אַליין: וואָס ביסטו אַזוי באַגייסטערט פֿון אַ וועלט, וואָס איז שוין לאַנג נישט דיינע און וועט שוין מסתּמא נישט זיין דיינע? איז עס אַ ריין קינסטלעכע איבערלעבונג? קומט עס פֿון טוריסטישן נייגיר? חלילה, דו לעבסט איבער אהבת ישראל — אַ פּרעכטיקן אויסדרוק פֿון יידישער קולטור.

...פֿיר אַ זייגער פֿאַרטאָג. שפּעט ביינאַכט אין סמבטיונדיקן ניו־יאָרק. אין די פֿינצטערע ראָגן שלייכן זיך מענטשן פֿון די קליינע שעהען, אָבער דו קערסט זיך אום אַ באַזעליקטער. דו פֿאַרגעסט ווו דו געפֿינסט זיך. ס׳איז אויסער צייט און רוים, ס׳איז יידישע אייביקייט!

1972

דאָ און דאָרט

נעכטן און היינט

נאָך יאָרן אָפּוועזנהייט בין איך ווידער צוגעפֿאַלן צו פּאַריז אַ פֿאַרבענקטער און אַ פֿאַרליבטער... זי איז נאָך אַלץ די איינציקע, די אייגנאַרטיקע, די אַנטציקנדיקע. די שטאָט פֿון פּראָפּאַנעם און פֿון הייליקן, פֿון דורותדיקער פּראַכט און פֿון געניוס פֿון דער שעה, פֿון מאַיעסטעטישן און היימיש־אינטימען. די שטאָט, וואָס איז אין גאַנצן קונסט און גאַסן־צעזונגענקייט. גוט געווען ווידער אַ מאָל אָנזעטיקן דאָס אויג מיט דעם פּאַרטרוימטן און פֿאַרנעפּלטן סענע־טייך און באַוווּנדערן דעם באַהעמיש־קינסטלערישן לינקן ברעג, לאַגע שעהען וואַנדערן איבער די קונסט־גאַלעריעס פֿון לוווּר און שטיין פֿאַרגאַפֿט ביי דער אַרכיטעקטאָנישער מיסטעריע פֿון אויסטערלישן, סודותדיקן און אומבאַגרייפֿלעכן נאָטרדאַם.

די סאַקרע־קער־קירך וויקלט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט פֿרומען פֿליסטער פֿון רעליגיעזן עקסטאַז. גוט געווען צו שפּאַצירן אין דעם לוקסענבורג־גאָרטן מיט זיינע איידלסטע סקולפּטורן און גיין איבער דעם האַרבסטיקן בלעטער־אָפּפֿאַל אויפֿן מאָנטמאַרטער־בית הקברות און שטיל רעפֿלעקטירן ביים קבר פֿון הײַנען. אויף יעדן טריט — די מאַיעסטעטישע ליניעס פֿון דער רוימישער ציוויליזאַציע. די דרייסטע אַרויסרופֿערישע קאָלומנעס פֿון דער אַלעקסאַנדער־בריק; דער, דאַכט זיך, אומגעלומפּערטער און דאָך גראַציעזער און אַרויסרופֿערישער אייפֿל־טורעם.

פֿון דער אַנדערער זייט איז פּאַריז נאָך אַלץ שטיל־יום־טובדיק און פֿריידיק. אַפֿילו אַ רעגן פֿאַרמאָגט דאָ די מעלאַדישקייט פֿון אַ לירישן אינטערמעצאָ. ס׳איז אַ שטאָט, וווּ יעדער קאַפֿע אויפֿן ראָג פֿון אַ גאַס האָט די באַצויבערנדיקע גאַסטפֿריינדלעכקייט פֿון אַ היים.

גייסט איבער די בולוואַרן, צעטיילט לויט היסטאָרישע פּלעצער און מאָנומענטן און פּילסט געשיכטע אויף טריט און שריט. צום אונטערשייד פון רוים זענען דאָ קעגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט נישט קיין באַזונדערע וועלטן, נאָר צוזאַמענגעוועבט, צוזאַמענגעבונדן. דו אָטעמסט מיט הווה, מיט די רעאַליטעטן פון דיין יאָרהונדערט און זעסט זיי אין דער פאַרנעפּלטער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער אין מאָמענטן פון ניכטערקייט וואַרפט זיך דיר אין די אויגן די פאָלגנדיקע דערשיינונג: ס'איז אייגנטלעך די זעלבע פּאַריז, וואָס דו האָסט געקענט אין דיינע יונגע יאָרן. עפּעס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. מלחמות זענען אויסגעבראָכן, רעוואָלוציעס האָבן אויפגעפלאַקערט, ווירט־שאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן זיך ראַדיקאַל געביטן, דער געמיט און דער טעמפּעראַמענט פון פראַנצויז איז נישט צו דערקענען, אָבער די שטאָט איז געבליבן די זעלבע, פּונקט אַזוי ווי די פּרעכטיקע וויטראַזשן פון די קירכעס, די באַגילדטע טויערן פון די פּאַלאַצן און די געפּלעגטע אַלעען פון די פּאַרקן. אין גרויסן סך הכל איז פּאַריז דער נעכטן און דיין טוליען זיך צו איר איז נאָסטאַלגיע נאָך אַ וועלט, וואָס וועט זיך שוין נישט אומקערן. עפּעס ווי דער פּאַריזער וואָלט באַשלאָסן, אַז זיין שטאָט איז דאָס לעצטע וואָרט פון פּערפעקציע און וועט שוין אַזוי בלייבן אין די שלייערן פון אומפאַרענדלעכער שיינקייט, וואָס דו באַוווּנדערסט מיט פאַרחלשטער באַגייסטערונג.

און אַלס קאָנטראַסט צו פּאַריז קומט דיר אויפן זינען די שטאָט פון דיינע שפּעטערדיקע יאָרן, טויזנטער מיילן ווייט, די מאָדערנע גינבה: ניו־יאָרק. דער ריזן־כּרך האָט נישט קיין פאָרם און קיין געשטאַלט. ער איז כולו יוירנדיקע סטיכיע, ער איז אין גאַנצן אומאויפהערלעך וואַקסן און שטייגן. ער איז לויז־אָרגאַניזירטער כאַאָס. פאַר דעם צושויער איז די שטאָט רויע ברוטאַליטעט. אַ מאַסיוו פון אַלומיניום־ און גלאָז־הייזער, וואָס רייסן זיך צו די הימלען, אַ שטענדיקער שטראָם פון אַ באַוועגונג פון מיליאָנען, אַ קאַליידאָסקאָפּ פון ראַסן, פעלקער. די גאַנצע וועלט אויף איין פּלאַץ. ניו־יאָרק איז נישט שיין אין קאָנווענציאָנעלן זין פון וואָרט. אַפילו אירע לירישע, שמייכלדיקע מאָמענטן קומען פון אָנזאַמלונג פון ענערגיע: פון די ליכט, וואָס קומט פון מיליאָנען אויטאָמאָבילן, וואָס לויפן אויף די

בריקן, פון מיליאַרדן פענצטער אין די וואָלקן־קראַצערס, וואָס צינדן זיך אָן אין די פאַרנאַכטן, ווי זון־אונטערגאַנג, פון דער אומגעהויערער אַנזאַמלונג פון מענטשן, וואָס גיט דער שטאָט אַ הייסן ריטם פון ענערגיע און דינאַמיק.

איר קענט אויף ניו־יאָרק אויסרעדן כל דבר אסור: אומגעהויערער רעש און טומל, איינזאַמקייט פון יחיד און זיין אַנאָנימקייט, שמוץ, געוואַלד, רצח, מאָרפיום, ביליקע פּאָרנאָגראַפיע, ביליקע רעקלאַמע, רייבונגען און קאָנפליקטן צווישן שיכטן, קלאַסן, ראַסן און גרופּן, אָבער איינס קאָנט איר נישט אָוועקנעמען — דאָס איז די שטאָט פון אונדזער צייט; דאָס איז די הויפּטשטאָט פון 20סטן יאָרהונדערט. זי איז אַזוי ווי די היינטיקע וועלט, אין איר דערהויבנקייט און שיפלות, אין איר געפעלנקייט, אָבער אויך אין אירע גערעַנגלען פאַר פּאָרשריט און אַנטוויקלונג. דאָס איז דער נערוון־צענטער פון דער וועלט, דער קאָסמאָפּאָליטישער צענטער פון פינאַנסן און ווירטשאַפט, די מעטראָפּאָליע פון פּאָליטישע געשעענישן; דאָס ראַפינירטסטע, אָפט מאָל אַפילו מטורפדיקסטע אין קונסט און ליטעראַטור. אַלץ וואָס איז דאָ אין דער וועלט איז דאָ אין ניו־יאָרק. אַלע פּורעניותן און אַלע בענקשאַפטן, אַלע דערגרייכונגען און אַלע פרוסטראַציעס.

פּאַריז און ניו־יאָרק! אויב שטעט האָבן לשון, רעדט צו אונדז די פראַנצויזישע שיינע „מאַריאַן" מיט דער שמייכלדיקער שפּראַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און עס שרייט צו אונדז ניו־יאָרק מיט דעם ווילדן אויסרוף פון אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיט אַ מעסער צווישן די ציין

און וואָס עס קאָן פּאַסירן אין דער זעלבער ניו־יאָרק אין די היינטיקע 70־קער יאָרן איז באַוויזן געוואָרן טאָקע אין די טעג. אין דעם הויכן, שמאָלן אין גראַדליניקן בנין פון די פאַראייניקטע נאַציעס איז פאָרגעקומען דער שענדלעכסטער ספּעקטאַקל פון אונדזער יאָרהונדערט. אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע איז געשטאַנען מיט אַ רעוואָלווער אויף די לענדן דער פירער פון די פּאַלעסטינער טעראָריסטן, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס קעגן אומשולדיקע קינדער און פרויען;

דער, וועלכער האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער וועלט מיט די גרוילעכסטע אַקטן פון טעראָר. ער איז דערשינען ווי אַ פירער פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג. עס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז ער האָט נישט פּרובירט באַהאַלטן זיינע געפילן און אמתע כוונות. ער האָט נישט געשפּילט די קאָמעדיע פון אַ מעסיקן שטאַטסמאַן און נישט פאַרדעקט זיינע פינצטערע אַמביציעס מיט דיפּלאָמאַטישע פראַזעס. יאָ, ער איז גרייט אָנצונעמען דערוייל „די באַפרייטע" טעריטאָריעס, אָבער ווי אַ שטאַפּל צו אַ „דערמאָקראַטישער" (פונקט ווי ישראל דאַרף זיך לערנען דערמאָקראַטיע פון די דיקטאַטאָרישע־ און שקלאַפן־רעזשימען פון די אַראַבער), וועלטלעכער (אַזוי ווי דער גאַנצער קאַמף קעגן די יידן וואָלט זיך נישט געפירט אין אַן אַטמאָספער פון „הייליקן קריג" און מוסולמענישן פאַטריאָטיזם) פּאַלעסטינער מדינה. ער איז גרייט אונדז מאַכן די קאָנצעסיע און געבן דעם סטאַטוס פון אַ טאָלערירטער מינדערהייט אַלע יידן וואָס וווינען אין לאַנד און נישט נאָר די, וועלכע זענען אַהער געקומען פאַר 1948. (עפּעס וועגן דער גלייכהייט פון רעכט קענען דערציילן די געטרודפּטע און געפּלאָגטע יידן אין די אַראַבישע מדינות). דער נישט־ראַזירטער און פיזיש אָפּשטויסנדיקער נביא פונעם אַראַבישן עקסטרעמיזם האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל פון אַ פילאָזאָף, וואָס קליידט אים ווי אַ חזיר קאַרעלן. ער „ווייסט" שוין, אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיע. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט די תורה פון פונאַנדערטיילן צווישן ציוניסטן און יידן, צווישן ישראל און יידישע קהלות אין דער וועלט. ער האָט זיך צעלייגט אויף דער בינע פון די פאַראייניקטע פעלקער, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. ער האָט געדראָט, מעלאָדראַמאַטיש אונדז געגעבן דעם אויסוואַל צווישן אַן איילבירט־צווייגל און אַן אויטאָמאַט. אָבער דעם אמת געזאָגט: נישט דאָס איז דאָס סאַמע שאָקירנדיקסטע. נאָך אַ ווילדער שונא־ציון אויף אונדזער לאַנגן היסטאָרישן וועג. זיי קומען און גייען און מיר לעבן זיי איבער.

דאָס וואָס האָט באמת שאָקירט און אויפגעטרייסלט, דאָס וואָס האָט דיך געמאַכט זיך פילן פאַרשעמט ווי אַ מענטש — איז די קעלבערנע התפּעלות (און דאָס וואָרט דאַרף גענומען ווערן אין דעם פּשוטסטן ביאָלאָגישן זין), מיט וועלכער מ'האָט אים אויפגענומען, דער כבוד פון מלכים,

וואָס מען האָט אים צוגעטיילט, די שטורמישע אָוואַציעס און דאָס אויפשטעלן זיך פון כמעט אַלע דעלעגאַטן אויף די פיס (צווישן זיי אויך מן הסתם פאָרשטייערס פון אַלטע קולטורן, ציוויליזאַציעס און אויפגעקלערטע פעלקער). אַ גאַנצע וועלט האָט זיך געבוקט פאַרן געטש פון ווילקיר און האַס.

כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס בילד פון אַ באַנדיט מיט אַ מעסער אין די ציין. פאַר וועלכן פאָעטן האָבן געדיכטעט באַלאַדעס. עולם און מלואו האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. אַלעמען האָט אַזוי ווי פאַראייניקט די שנאה צום אייביקן, ליידנדיקן יידישן פאָלק.

און טאָמער וואָלט דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט די טרויעריקע וואָך פאַרחתמעט שוין קיין פאָרשטייער פון אַ קליינער פאַלעסטינער גרופּע, נאָר אַ צענטראַלע פיגור פון דעם מעכטיקסטן און גרעסטן פאָלק אין דער וועלט. פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע כוחות אין אַמעריקע האָט אַרויסגערעדט געבעלס. די יידן זענען צו גרויס אין די אויגן. זיי באַהערשן די עפנטלעכע מיינונג, די פינאַנסן, זיי קאָנטראָלירן דעם קאָנגרעס און בכלל האָבן זיי צו פיל מאַכט און איינפלוס. אַוודאי האָט ער זיך שפּעטער פאַרענטפערט, אַז ער האָט נישט אַזוי געמיינט. אין דער אמתן איז ער געווען בבחינת שיכור, וועלכער האָט געפּלאַפּלט מיט דער צונג דאָס וואָס איז אים ניכטערהייט אויף דער לונג. ער וועט מסתמא שפּעטער צוגעבן, אַז זיינע „בעסטע פריינד זענען יידן". און ווידער אַ מאָל, נישט ער אינטערע־סירט אונדז. וויכטיק איז די רעאַקציע פון אַמעריקע. זי איז נישט אַרויס פון די כלים. דער פּרעזידענט האָט אים אויסגעמוסרט, אָבער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט נישט בדעה אים אָפּצוזאָגן פון זיין אַמט. דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, אַנשטאָט אַראָפּוואַרפן דעם עקלהאַפטן פאַרשוין פון אַלע שטיגן פון פּענטאַגאָן, האָט זיך בלויז „אָפּגעגרענעצט" פון זיינע רייד, האָט אָבער דערקלערט, אַז ער האָט צו אים צוטרוי. ס׳ווערט ענג און שטיקנדיק. „מונדאָ קאַנאַ" — די וועלט פון כלבים.

טאַנצנדיקע פייערן

דעם זעלבן אָוונט בין איך אַנטלאָפן צום באַלעט־אויפטריט פון די פאַנאַווס און געפונען גנאָד און מילדע טרייסט. כ׳האָב באַרואיקט מיין

געמיט מיט דעם ספּעקטאַקל פֿון שיינקייט און הימלישער דערהויבנקייט. דאָס פּאַרטרערטע אויג האָט זיך נישט אָנגעזעטיקט מיט די ווייסע גראַציעזע פֿיגורן פֿון דעם גרויסן קינסטלער און זיין חנעוודיקער באַגלייטערין: ער מיט זיין מענלעכער גבורה און גראַציע און זי מיט איר פֿלאַטערנדיקן שוועבן. די האַרמאָנישקייט פֿון לעבנס־סצענעס, ווי: „דער כוליגאַן און דאָס מיידל"; די ראַפֿינירטקייט פֿון לצנים־טאַנץ און דאָס אַלץ באַגלייט מיט דער זאַנפֿטיקער און טיפֿער מוזיק פֿון אונדזער אָרקעסטער.

אָבער צוריק גערעדט, צי איז עס נישט אַן אַנטלויפֿן פֿון דער ווירק־לעכקייט? צי איז עס נישט זיך אָנשיכורן מיט קונסט, כדי צו פֿאַרגעסן דעם אומעט און דעם רעוואָלט? צי איז עס נישט, ווי לעניין האָט געזאָגט: „גלעטן קעפּ, ווען מען דאַרף זיי שניידן"? ניין און ניין! מיין אינסטינקט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. אויף אַן אירראַציאָנאַלן וועג איז עס אַן ענטפֿער אונדזערע שונאים. נאָר אַ גרויס פֿאָלק קען, שטייענדיק מיטן פּנים צו דער וואַנט, אין גרויליקן שאָטן פֿון טויט, באַווייזן צו לעבן אַזוי סובלים און אַזוי שיין, פֿלעגן קונסט און קולטור אין אַ וועלט פֿון אַן אַראָפּאַט און איבן סאַוד.

און ס׳איז מיר אויפֿגעשווומען אין באַוווסטזיין דאָס אומשטערבלעכע ליד פֿון פּרץ מאַרקיש, דעם קרבן פֿון אכזריותדיקן סאָוויעטישן רעזשים: „די יידישע טענצערין", ווו די גאַנצע טראַגיש־העראָישע געשיכטע פֿונעם יידישן פֿאָלק ווערט פֿאַרקערפּערט דורך די באַוועגונגען פֿון דער גראַציעזער יידישער טענצערין, וואָס איז גוף און סימבאָל, שיינקייט און גורל. און אַז מען לאָזט שוין די פֿאַנטאַזיע פֿריי, הייבט זי זיך אָן באַוועגן ווי אין אַ פֿילם אין אַ ריי בילדער. דער טאַנץ פֿון יידישע לאַנדווירטן אינעם אַמאָליקן ישראל, די ריטואַלע פֿעסטיוואַלן אין אונדזער היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענהייט, די דביקותדיקע טענץ פֿון חסידים, די כשרע מצווה־טענצלעך פֿון טאַטעס און מאַמעס, די ריטמיש געפֿלאָכטענע לייבער פֿון רעוואָלוציאָנערע דעמאָנס־טראַנטן, די באַגייסטערטע האָראַס פֿון די חלוצים, פֿייער און טאַנץ — דער קאַראַהאָד פֿונעם יידישן לעבן. ווי האָט דער דיכטער למדן געזאָגט: „די קייט וועט זיך נישט איבעררייסן"...

1974

גרוסן פון אַמעריקע

דאָס רעכט צו שטאַרבן

אַזוי הייסט דאָס געזעץ, וואָס איז די טעג אָנגענומען געוואָרן אין קאַליפאָרניע. ס'איז דאָס ערשטע פון דעם מין אין די שטאַטן און מיר דוכט זיך, אין דער וועלט. עס דערוועקט געמישטע געפילן פון גרויל און פון אַ געוויסער פאַרלייכטערונג. ס'איז אַ געוואַגטקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט חוצפה כלפּי שמים און גלייכצייטיק אַן אַקט פון רחמים. ס'זענען אין דעם פאַרקניפּט און פאַרבונדן הייליקע, כמעט אומבאַרירלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך שטענדיק געפונען אין טראַגישן קאָנפליקט: די קדושה פון מענטשלעכן לעבן, דאָס רעכט, און טייל זאָגן, אפילו די פליכט צו מאַכן אַ סוף צו אומזיניקעליידן, די מורא צו „אינטערווענירן" דורך געזעץ אין מיסטעריעזן פּראָצעס פון לעבן און טויט, די פראַגע ווען הערט אויף אַ מענטש צו זיין, ווען אַזוי פיל פון אונדז קענען נישט שלום מאַכן מיטן „סופיקן סוף" און ערגעץ ווו לעבט ביי אונדז אַלע דער גלויבן אין „השארת הנפש".

אין תוך וואַרפט אויף אונדז אָן דער זעלבסטמאָרד, נאָך מער פאַרענדיקן דאָס לעבן מרצון, אַ גרעסערן פחד, ווי דער געוויינלעכער טויט. דער קבורת חמור־מנהג ביי יידן איז אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן מענטשן, וואָס באַטראַכטן זייער גוף ווי אַ „פּריוואַט אייגנטום" און נישט ווי אַ פּקדון, פּונקט ווי דו ווערסט נישט געבוירן ווען דו ווילסט, אַזוי קאָנסטו אויך נישט שטאַרבן פּרייוויליק און פאַרלעצן דעם הייליקן „על־כורחך". וויבאַלד אַזוי לגבי דעם מענטשן, גופא, ווי אַזוי קען מען טרויען דעם דאָקטער מיט זיין אָרעם ביסל וויסן צו זיין דער פּוסק אחרון? דער ראַציאָנעלסטער און ניכ־

טערסטער מענטש גלויבט אין נסים אין „אָפּשרייען דעם טויט" און אפילו אין תּחית המתים...

דער כּלל גילט אויף נאָענטע, ווען עמען עס פּלאַצט דאָס האַרץ צו זען זייער טייערסטע אין דער באַליידיקנדיקער און נידעריקער פֿאָרם פֿון לעבן אַלס „וועדזשעטעיבל" אין פֿולער טעמפּקייט פֿון באַוווסטלאָזקייט.

די געוואַלדיק אַנטוויקלטע טעכנאָלאָגיע פֿון מעדיצין האָט געשאַפֿן די ריין מעכאַנישע מעגלעכקייט פֿון ממשיך זיין דעם מענטשלעכן קיום אויף אַ לענגערער צייט, אים לאָזן ווייטער עקזיסטירן אויף אַ קינסטלעכן אופֿן. ס'איז די מהר"ל־גולם־ווערסיע, נאָר פֿאַרקערט, נישט כּדי צו דערפֿילן אַ שליחות, נאָר כּדי פֿאַרצווזעצן אַ סתם אַבסורדאַלע אַנוועזנהייט אויף אונדזער פּלאַנעטע. ס'האָבן זיך אויף לעצטנס געמערט די פֿאַלן פֿון די אַזוי גערופֿענע רחמנות־מאָרדן פֿון נאָענטע און ליבע און פֿון דאָקטוירים, וואָס ווילן פֿאַרלייכטערן די יסורים פֿון די „וואָס בעטן אויף זיך דעם טויט". אָבער דאָס וועגן וואָס מיר רעדן איז עפּעס אַנדערש: יסורים זענען נאָך אַן אויסדרוק פֿון לעבן, טאָקע אומבאַשרייבלעכע ליידן, אָבער ערגעץ ווו קענען יעדער לאָגיק איז נאָך פֿאַראַן אַ האָפֿענונג און ביים קראַנקן אַ קלאַמערן זיך אין לעבן אונטער אַלע אומשטאַנדן, אַפֿילו ביי מענטשן, וואָס פֿויזען ווי ווערים אויף די גאַסן. אָבער אַ לעבן פֿון אַ שטיק פֿלייש? וואָס איז דער תּכלית? איז דאָס רחמנות נישט קיין אכזריות? איז דאָס נישט דאָס אַריבערטראָגן אונדזער אייגענע שרעק צו שטאַרבן אויף אַ פּערזאָן, וואָס קען נישט רעאַגירן און פּראָטעסטירן און האָט פֿאַרלוירן דעם צלם אלקים?

די דילעמע האָט געקראָגן אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דעם פֿאַל (וואָס איז מסתמא איינער פֿון אַ סך) פֿון אַ מיידל מיטן נאָמען קערען אין ניו דזשוירזי, זי איז געלעגן אין קאָמאַ מער ווי אַ יאָר און מ'האָט זי אויפֿגעהאַלטן ביים לעבן מיט דער הילף פֿון מעכאַנישע מיטלען. די עלטערן האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די כּלים אַ דאַנק וועלכע זי אָטעמט, אין נאָמען פֿונעם רעכט צו שטאַרבן, אָדער בעסער געזאָגט, פֿונעם רעכט צו מאַכן אַ סוף מיטן געראַנגל פֿון טויט און אַ מחלה, וואָס איז לויט אַלעמענס מיינונג געווען אומהיילבאַר און אין אַ צושטאַנד, וואָס האָט זיך נישט געקענט ענדערן אפֿילו אויף אַ ווײַלע. דער טראַגישער ענין האָט אַרויסגערופֿן מיינונגס־

פאַרשיידנהייטן ביי דאָקטוירים, רעליגיעזע אויטאָריטעטן, יוריסטן און פסיכאָלאָגן. ענדלעך איז די עלטערן דערלויבט געוואָרן אָפּצושטעלן די אָטעמונגס־מאַשין און דעמאָלט איז געשען דאָס אַמווייניקסטן פאַרויסגעזעענע און דאָס אומגלויבלעכע: דאָס מיידל לעבט נאָך אַלץ. עפּעס ווי דער באַשאַפער וואָלט רעאַגירט קעגן דעם צעשטערן די אייביקע אָרדענונג, דעם אומשטערבלעכן ציקל פון געשעענישן.

איצט האָט דער גאָווערנאָר בראַון אונטערגעשריבן אַ געזעץ, וואָס גיט דאָס רעכט פאַר אַבסאָלוט אומהיילבאַרע אויפצוהערן די קינסטלעך־מעדיצי־נישע פאַרלענגערונג פון לעבן און „אָפּגעבן זייערע נשמות צום בורא״. דער גאָווערנאָר האָט זיך געראַנגלט מיט דעם ענין פון געוויסן און ער האָט געחתמעט דאָס געזעץ אַ שעה פאַרן אויסגיין פון זיין וועטאָ־רעכט. איך בין זיכער, אַז די האַנט האָט ביי אים געציטערט, ווען ער האָט אונטערגעשריבן דאָס געזעץ, וואָס דאָס וואָרט היסטאָריש איז פאַר אים אַ בלאַסע און שאַבלאָנע באַצייכענונג.

אוודאי איז דאָס געזעץ פול מיט באַוואָרענישן: דער פּאַציענט דאַרף אונטערשרייבן זיין ווילן פאַרן אויספירן דעם רחמנות־אַקט און צוויי דאָק־טוירים דאַרפן באַשטעטיקן אַז ער טוט עס ביים פולן באַוווסטזיין. ער קען אויך חרטה האָבן ביזן סאַמע לעצטן מאָמענט פון לעבן, אָבער די אַנטשיידונג איז געקומען. מען איז אַריבערגעשריטן די אייביקע שוועל פון לעבן און טויט. מ׳האָב אויטאָריזירט דעם טויט פון די „וועמעס לעבן איז קיין לעבן נישט״. מ׳האָט געכשרט מאָרד אונטער באַשטימטע אומשטאַנדן, מ׳האָט, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגעריסן דעם מיסטישן שלייער פון מענטשנס גוף און נשמה.

מ׳איז אַריין אין פאַרבאָטענעם פּרדס. צי וועט מען, ווי דער גרויסער עקיבא, ארויס פון אים בשלום?

וועגן די פּרעזידענט־וואַלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אַ וואַל־קאַמפּאַניע אין אַמעריקע איז אַן אויסערגעוויינלעכע איבער־לעבונג. ס׳איז מער ווי אַ פּאָליטישע אַנטשיידונג פאַרן לאַנד: מ׳ווילט אויס אַ פירער פאַר דער דעמאָקראַטישער וועלט. מער ווי דער אינהאַלט איז מערקווירדיק די פאָרם און דער סטיל פון פאַרמעסט: אַ דראַמאַטישער

גערانגל צווישן די קאַנדידאַטן. אַ קאָלירפולער ספעקטאַקל פאַר די מאַסן, אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון פאַרזאַמלונגען, מאָלצייטן, פעסטיוואַלן, אויספלוגן, ראַדיאָ־און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען, אאַז״וו. לעצטנס איז אויך צוגעקומען די דעבאַטע — אַ קאָנפראָנטאַציע פאַר די אויגן פון קנאַפּע 100 מיליאָן צושויערס, צו וועלכע די אָפּאָנענטן גרייטן זיך ווי צו אַ חתונה. גאַנצע טעג גרייט מען צו דעם אויסזען, די דיקציע, די פּאָזע, אַלע אויסערלעכע עפעקטן וואָס שפּילן נישט קיין קלענערע ראָלע ווי מיינונגען און פּראָגראַם, פּלאַט־פאָרמע און ציל.

מער ווי אין אַנדערע לענדער אין דער וועלט (איינשליסנדיק ישראל) ווערט אַלץ באַהערשט, באַפאַרבט און באַטראַכט פונעם שטאַנדפּונקט פון עלעקטאָראַלער הצלחה.

ס׳איז אמת, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט דער קאַמפּיין ערנסטער, באַ־טראַכטער און פּאָליטישער. מער און מער זעען זיך אָן די בולטע אונטערשיידן אין פילאָזאָפיע, פּראָגראַם, כאַראַקטער פון נאָכפאָלגערשאַפט צווישן די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער, דהיינו: צווישן קאַרטערן און פאָרדן. פאַר־געסנדיק די געוויינלעכע אידעאָלאָגישע באַצייכענונגען, קען מען זאָגן, אַז אין ספּעציפיש אַמעריקאַנישן לשון איז עס דער חילוק צווישן קאָנסער־וואַטיווע און ליבעראַלע רעפאָרמען, צווישן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מדינה פאַר די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און דער זאָרג פאַר זייער באַשעפטיקונג און פאַר יעדן פּרייז, „די עקאָנאָמיק״, וואָס מיינט אָפּט די אומבאַגרענעצטע פּראָפיטן פון די געלט־מאַגנאַטן. איך וואָלט פּשוט געזאָגט: דער קאַמף צווישן רעכטס און לינקס, ווען ס׳וואָלט נישט געקלונגען אַזוי פרעמד און גרילצנדיק אין די אַמעריקאַנער אויערן. ס׳זענען אויך פאַראַן אונטערשיידן אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק און די הויפּט־קריטיק פון דזשימי קאַרטער אויף דער מעסיק דערפאָלגרייכער און ברייט האָריזאָנטיקער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון פאָרדן (ריכטיקער געזאָגט: קיסינדזשערן) איז איר מאַנגל אין מאָראַלישקייט און באַגלויבטקייט. מיט אַנדערע ווערטער: אַמעריקאַנער קאַמפּיינען ווערן אַלץ מער און מער „קאָנטינענטאַל״. אונטער דער צענטראַלער פיגור פון דעם אַספּיראַנט אויף דעם שווערסטן אַמט אין דער וועלט שטייט אַ פּראָגראַם און אַ באַוועגונג. דוכט זיך, די זעלבע עלע־מענטן אין ביידע מחנות: עטנישע גרופּן, פּאָליטיקער, וואָס פאַרטרעטן די

אָפּט מאָל קעגנזעצלעכע אינטערעסן פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, קאַפּיטאַליסטן, אַפילו ביי די דעמאָקראַטן, און אַרבעטער, אַפילו ביי די רעפּובליקאַנער, אָבער פון דעסטוועגן זענען דאָס צוויי באַזונדערע זאַכן. מ׳קען זאָגן אַן גוזמאַ: צוויי אַמעריקעס.

דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גערענגל ווערט אָפט פאַרקערעוועט אויף אַנדערע וועגן: דער קאַמף צווישן דער פעדעראַלער רעגירונג און די באַזונדערע שטאַטן, ברייטע ציווילע פרייהייטן און דער שטרענגסטער שטראָף־קאָדעקס קעגן פאַרלעצערס און וו׳דערשפעניקערס, און די שטאַרק אָקצענטירטע עטנישע באַזונדערקייטן און לאָיאַליטעטן, שטאַרקע אָפּגעהיטע צעטיילונג צווישן שטאַט און מדינה און דער עקזאַלטירטער מעמד פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס, שטאַרק אַנטוויקלטע פילבאַרקייט פאַר נויט און ליידן, צוזאַמען מיט נויט און געוואַלד אויף יעדן טריט און שריט.

אָבער אויך אין דער מגדל־בבל־סטרוקטור זענען פאַראַן געוויסע הויפּט־טענדענצן, וואָס מאַכן דעם וואַלקאַמפּיין אַזוי שפּאַנענדיק, אַזוי פּראַגמאַטיש, אַזוי משמעותדיק פאַר דער צוקונפט פונעם לאַנד.

מיט דעם אַלעם האָבן אין זיך די וואַלן געוויסע אייגענעם אַמעריקאַנער קאָלאָריט, מערקווערדיקייט, טשעקאַווע פּאַסירונגען, דאָס וואָס מען רופט דאָ „יומען אינטערעסט״. ס׳איז פאַראַן געוויס מאַטעריאַל כּדי צו אַמוזירן דעם נישט־צופיל פּאָליטיש־פאַראינטערעסירטן, וואָס זוכט אין דעם גאַנצן הו־האַ און סומאַטאָכע אַ „פּיקאַנטע מעשׂה״ און עקזאָטיק.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט דער אומדערמידלעכער און שפּרודלדיקער דזשימי קאַרטער געגעבן אַן אינטערוויו דעם באַרימטן, פּאָפּולערן און שטאַרק געלייענטן זשורנאַל „פּלעיבאָי מאַגאַזין״. פאַר וואָס האָט קאַרטער דווקא אויסגעקליבן דעם האַלב פּאָרנאָגראַפישן זשורנאַל פון די לעביונגען? דאָס איז שוין גאָרנישט קיין צופאַל. די טעמע פון געשפּרעך האָט געדאַרפט זיין סעקס און קאַרטערס אָנשויונגען וועגן תאווה, פאַרראַט, אאַז״וו. איז ווידער אַ מאָל די קשיא צו וואָס האָט ער זיך געגעוויטקט אין אַזאַ קיצלדיקער טעמע, וואָס איז פאַרט נישט רעלעוואַנט צום וואַלקאַמפּיין (אַחוץ דעם שטאַרק דבעאַטירטן ענין פון אַבאָרטן). איז פאַר דעם פאַרוואָס אויך דאָ אַ צוליב וואָס. קאַרטער איז אַ פרומער באַפּטיסט און דער דורכשניט־בירגער באַציט זיך מיט אומצוטרוי צו זיין פרומקייט, צו זיין פונדאַמענטאַליסטישן

צוגאַנג צו ענינים, וואָס פּאַרט זיך נישט מיט מאָדערנער מלוכה־פירונג. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו בייטן אויף כוח זיין אימאַזש.

אַרויסגעקומען איז פונקט דאָס פאַרקערטע: דער אינטערוויו האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין עפנטלעכן ווידוי, אָדער צו רעדן קריסטלעך אין אַ „קאָנפעשאָן" אָן די שטילע שעפּטשענדיקע טענער.

קאַרטער האָט דערציילט בקול רם, אַז ער האָט אין געדאַנק אַ סך מאָל פאַרראַטן זיין פרוי, אָבער גאָט האָט אים געהאָלפן און ער איז בייגע־שטאַנען דעם נסיון. (זיין פרוי האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז עס אַרט איר נישט, „כל זמן עס בלייבט ביים ווערלן"). אָבער כדי צו באַרואיקן זיינע וויילערס זאָגט ער, אַז ער האָט זיך קיין מאָל נישט געפילט מאָראַליש ווי אַנדערע, וואָס (און דאָ האָט ער באַנוצט אַ ווולגאַריזם, וואָס די אָפּגעהיטע „טאַימס" האָט זיך געשעמט אָפּצודרוקן) האָבן געזינדיקט מיט פרעמדע פרויען. מיט אַנדערע ווערטער. איך וועל זיך נישט מישן אין אייערע אינטימע ענינים און וועל אייך נישט הייסן מיר נאָכגיין. בקיצור: אי אַ צדיק, אי אַ ברייטהאַרציקער ליבעראַל.

דער מוסר השכל פון דער געשיכטע: זי דריקט אויס די אַלץ וואַקסנ־דיקע טענדענץ צו אונטערזוכן און צו וואַכן איבער דער מאָראַלישער אויפ־פירונג פון כלל־טוער. עס איז אין דעם פאַראַן אַ היפּשע מאָס איבערגע־טריבנקייט, ווולגאַריטעט און פּראָווינציאַלע צדקות. דאָס איז, ווייזט אויס, דער פּרייז וואָס מען באַצאָלט פאַר מאַכט און רום. ס'קען אָבער ווערן אַ מין נייער סאָרט פון „מכשפות־געיעג" און אַפילו טראַגעדיעס. דערווייל איז דאָ אַן אטמאָספער פון שלאָף־צימער־סודות, וואָס לייענען זיך שפּאַנענ־דיקער ווי דעטעקטיוו־געשיכטעס און קענען פירן אַמעריקע אויף אַ גליטשיקן וועג.

1974

זעכציק טויזנט

די אויספאָרשונג, וואָס פּראָפעסאָר מאַזור פון דעם סיראַקוז־אוניווער־סיטעט האָט דורכגעפירט, באַשטעטיקט וויסנשאַפטלעך און אויטאָריטאַטיוו דעם פאַקט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין זענען פאַראַן נישט ווייניקער ווי 60.000 יידישע פּראָפעסאָרן — 9 פּראָצענט פון דעם אַקאַ־דעמישן קאָרפּוס, דהיינו — דריי מאָל אַזוי פיל ווי דער פּראָצענט פון יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. יידן מאַכן אויס: 22 פּראָצענט פון דער פּראָפעסור אין די מעדיצינישע פאַקולטעטן; 25 פּראָצענט אין די יוריס־פּרודענץ־שולן און 20 פּראָצענט אין די פיזיק־ און עקאָנאָמיע אָפּטיילן און אינסטיטוטן. צו דעם קען מען צוגעבן, אַז אין די באַרימטע אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן און פּאָסט־גראַדואירנדיקע אַנשטאַלטן (יעיל, האַרוואַרד, פּרינסטאָן, בערקליי און אַנד.) איז זייער צאָל און איינפלוס נאָך גרעסער.

איז עס אַוודאי אַ דערפרייענדיקע ידיעה, וואָס פילט אונדז אָן מיט צופרידנקייט און שטאָלץ, ווייל מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געניסן פּראָפעסאָרן פון אַ גאָר גרויסן פּרעסטיזש, וואָס שטייגט אַריבער זייער וויסנשאַפטלעכן בייטראָג. זיי זענען אַ טייל פון דעם שיכט אינטעלעקטואַלן און וויסנשאַפטלערס, וואָס קומט אַלץ מער און מער צום פאָדערגרונט — אין אַ לאַנד וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אָפּן דאָמינירט פון באַנקירן, סוחרים און אינדוסטריעלער. זיי, די פּראָפעסאָרן, זענען, אגב, אויך (נישט אין אַזעלכע מאָסן ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד) אַ טייל פון דער עקאָנאָמיש גוט סיטואירטער — און אַפילו פּריווילעגירטער — עליטע.

אָבער נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, כאָטש נישט מער ווי אַ מאָל, למשל, אין מיטלאַלטער און אין דער רענעסאַנס־תקופה, זענען אויך היינט די אוניווערסיטעטן צענטערס פון אומאָפּהענגיקן, קריטישן גייסט און זייער

אָפּט פון ראַדיקאַלע, באַנייערישע און נישט־קאָנווענציאָנעלע שטעלונגען. אָפּט מאָל אַפילו אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער כוח אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע געראַנגלען. דער פּראָפעסאָר איז שטענדיק געווען אַ סכנה פאַר אַ דיקטאַטאָר און דעספּאָט (כאָטש די אידענטיפיקאַציע פון דער פּראָפעסור מיט ליבעראַלע און פאָרגעשריטענע באַוועגונגען, איז בשום אופן נישט קיין אויטאָמאַטישע). באַזונדערס גרויס איז זייער כוח ביי די מיליאָנען סטודענטן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אָפּט מאָל איז עס ממש אַ מאַגישע השפעה. אָפּט מאָל איז דער פּראָפעסאָר מער ווי טאַטע־מאַמע און זיכער מער ווי דער פּאָליטישער מנהיג. נישט נאָר אויפן געביט פון דירעקטע סאָציאַלע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן — נאָר אַפילו אין די ספערן וואָס זענען ווייט פון קאָנקרעטע ענינים, האָט אויך דער פּראָפעסאָר אַ גרויסן איינפלוס. אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי די גאָלדענע שליסלען פאַר אויפעפענען די פאַרשלאָסענע הערצער פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות.

60.000 פּראָפעסאָרן זענען אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר אין דער גייסטיקער פאָרמאַציע און אָריענטאַציע פון דעם יונגן דור, אומאָפּהענגיק פון סאָציאַלן אָדער עטנישן אָפּשטאַם. די יידישע יוגנט איז, פאַרשטענדלעך, נישט קיין אויסנאַם, אויך ביי זיי איז דער פּראָפעסאָר אַן אָנגענומענע אויטאָריטעט, אַ „סאָציאַלער מוסטער" וואָס מ'דאַרף נאָכפאָלגן.

אָבער אונדזער פרייד פון דעם פאַקט, וואָס יידן זענען געוואָרן די געבילדעטסטע גרופּע אין דעם הויך־אַנטוויקלטן לאַנד, איז געמישט מיט טיפע ספיקות, זאָרג, פאַרדרוס און אַפילו מיט פאַרביטערונג. נישט דערפאַר וואָס „די כלה איז צו שיין", נאָר ווייל דער פאַקט זאָגט עדות אויף אַן איבערפלוס, וואָס אונדזער אָרגאַניזם קען אים נישט פאַרדייען. מיר האָבן זיך שוין לאַנג דערווייטערט פון דער סימפּליציסטישער טעאָריע וועגן דער „פאַרקערטער פּיראַמידע" נוסח באָראָכאָוו. וואָס אונדז אינטערעסירט אין אונדזער יידישער „עגאָצענטרישקייט" איז דאָס, וואָס עס מיינט אָט די אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג פון יידישן שטאַנדפּונקט, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר אָט די צענדליקער טויזנטער יידן. וואָס זענען זייערע קוואַלי־פיקאַציעס — צווישן זיי אויך זייער מאָס פון יידישן וויסן — וואָס זאָל זיי באַרעכטיקן צו פירן און דערציען דעם יידישן יונגן דור? צי קען מען

זיי, טראָץ דעם צוטרוי צו זיי מצד די שילערס און פאַרערערס, אָנפאַרטרויען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין יידישע לעבן? און אויב נישט — ווער זענען די שולדיקע און וואָס דאַרף געטאָן ווערן בכדי זיי צו געווינען, זיי צוציען צו אחריות און פירערשאַפט אין יידישן לעבן, און וואָס עס איז נאָך וויכטיקער — ווי אַזוי ציט מען זיי אַריין אין דעם קרייז פון די יידישע קולטור־אוצרות און ווערטן? ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון אָט דעם פאַרכישופטן קרייז, אַז יידישע פירערס זענען נישט קיין אינטעלעקטואַלן און די אינטעלעקטואַלן זענען נישט יידיש? ווי אַזוי פאַרוואַרפט מען אַ בריק צווישן דעם אַקאַדעמישן כלל און דעם יידישן עסטאַבלישמענט, באַזונדערס אויף די וועזנטלעכע געביטן פון חינוך און קולטור פאַר דערוואַקסענע?

די אויספאָרשונג שטעלט פעסט (און מיט דעם רעזומירט זי בלויז אַנדערע מער אויספירלעכע אַנקעטעס און אַרבעטן), אַז די מערהייט פּראָפעסאָרן אינ־טערעסירן זיך נישט מיט רעליגיע (און אין די אַמעריקאַנער אָנגענומענע באַגריפן מיינט עס בדרך כל אַ גלייכגילט צו יידישע ענינים); „זיי האָבן אַ נעפּלהאַפטע באַציונג צו דער יידישער אידענטיטעט" און זיי אינטערעסירן זיך כמעט נישט מיט ספּעציפישע יידישע ענינים א.אַז.וו.

פון דער קורצער נאָטיץ דערוויסן מיר זיך נישט וועגן דער מאָס פון יידישן וויסן ביי די פּראָפעסאָרן, אָבער מ'דאַרף נישט זיין קיין גרויסער מומחה כדי צו וויסן, אַז זי איז אַ מינימאַלע אין קעגנזאַץ צו דער ברייטער און טיפער אַלגעמיינער בילדונג. פאַרקערט, זייער אַמעריקאַנער שעפעריש־קייט און גייסטיקע עשירות אַקצענטירט נאָך מער זייער יידישן דלות און סטערילקייט. וואָס ביי אַלע אַנדערע פעלקער איז דער קולטור־אַוואַנגאַרד — איז עס ביי אונדז אַ צוריקגעשטאַנענער כוח. ליידער איז די פעסטשטעלונג, אַז זייער פאַראינטערעסירונג אין רעליגיעזע פראַגן איז אַ שוואַכע, אַן אַבסאָלוט ריכטיקע, כאָטש ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פאַר אָרטאָדאָקסישע רבנים מיט אַ רעלאַטיוו היפּשער מיטגלידערשאַפט, איז דער אינטערעס פון די פּראָפעסאָרן צו די הלל־צענטערס אין די קאַמפּוסעס גופא אַ צופעליקע און עפּיזאָדישע. און דאָס איז נאָך אַלץ דער לעבנס שטח פון די ראַבאַיס.

נאָך וויכטיקער איז די מסקנה פון דער אויספאָרשונג, אַז אַלע פרוּוון מצד די קהילות צוצוציען די פּראָפעסאָרן צום יידישן לעבן זענען נישט

געלונגען. אָט די, דוכט זיך אונדז, נישט צופיל באַגרינדעטע דערקלערונג פאַרלאַנגט אייניקע קוואַליפיקאַציעס: ס׳איז זייער טרויעריק וואָס מ׳דאַרף זיי ערשט צוציען, ווי זיי וואָלטן געווען יוגנטלעכע אָנפאַנגערס. לויט זייער ניוואָ און איינפלוס וואָלטן זיי געדאַרפט זיין די ראשי המדברים.

מיר האָבן נישט דעם איינדרוק — אויפן יסוד פון שטודירן דעם עניין און פון ד״ צאָלרייכע באַזוכן — אַז אויף דעם געביט איז אַלץ געטאָן געוואָרן, אַז ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אַלע אָנשטרענגונגען. וואָס ס׳איז יאָ געלונגען, איז זיי צו מאָביליזירן פאַר גרויסע, קאָנצענטרירטע און איינמאָליקע אַקציעס: פאַר די סאָוויעטישע יידן, אין אַלגעמיינע ראַמען און אין די באַזונדערע בראַנזשעס, שוין אָפגערעדט פון דעם וווּנדערבאַרן פאַראיין פון פראָפעסאָרן פאַר ״שלום אין מזרח״ און ווי געזאָגט, מיט גרויס הצלחה. עפּעס אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט צו פערמאַנענטער, אַקטיווער, אינערלעכער אַרבעט אין די קהילות, אין דער טעמפּל־באַוועגונג, אין דער וועלפער־באַארד, אין חינוך פאַר דערוואַקסענע, אין די ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע אונטערנעמונגען, אַפילו אין דעם אידעלן און קאָמפּליצירטן געוועב פון באַציונגען מיט שכנים — דאָ האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט. דער אינטעלעקטואַל שפּילט דאָ נישט די ערשטע פידל. ער איז אַ זעלטענער גאַסט, ער איז כמעט כולו אַריינגעטאָן אין זיין פאַך־טעטיקייט אין דעם צוריקגעצויגענעם קרייז פון שטילן און אינטימען פאַמיליע לעבן און די יידישע גאַס ווערט ווייטער דאָמינירט דורכן עסקן, גרויסן נדבן און דעם פּראָפעסיאָנעלן ייד, רב און ראַבאַי און עקזעקוטיוו־דירעקטאָר. אַוודאי ווייסן מיר, אַז פּראָפעסאָרן זענען נישט קיין צו לייכטער עלעמענט, נישט נאָר פאַר ״גיין אין שפּאַן״, נאָר אויך פאַר שלעפּן אַ וואָגן, און ישראל אַליין איז דער בעסטער ביישפּיל. אָבער פון דעסטוועגן מוז מען עקשנותדיק, געדולדיק און דער עיקר דרך־ארצדיק פאַראינטערעסירט זיין אין דעם צווישן־געשפּרעך, אַפילו ווען די טעלעפאָן־ליניעס זענען אָפט מאָל צעבראָכן.

ווי קען מען פאַרבייגיין אַזעלכע נישט אויסגענוצטע אוצרות פון וויסן און יצירה? ווי לאַנג נאָך וועט אַזאַ כוח פאַרטאַכליעוועט ווערן? ווי לאַנג נאָך וועט יידישקייט בטל בששים ווערן ביי די טויזנטער און טויזנטער אידעלע און וויל־געלערנטע קינדער פון אונדזער פאָלק?

1976

יידיש און גאָלדעס אייניקלעך

...13־טער יוני 1973 — אַן אָוונט פאַר שרייבערס וואָס האָבן געקראָגן דעם הײַ־יאָריקן פּרײַז פון יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן פאַריין. כ׳האָב דעם כּבוד זיי אַלעמען פאָרצושטעלן: דעם אייביק יונגן, אַלוועלטלעך יידיש־באַרימטן, וועטעראַן פון ישׂראל־פּאָעזיע אויף יידיש, יוסף פּאַפּיערני־קאָוו, דעם פּראָזאַיקער א.מ. פוקס, וואָס זיין שאַפונגס־וועג ציט זיך שוין צענדליקער יאָרן איבער פאַרשיידענע תּקופות און קאָנטינענטן; דעם אָריגי־נעלן פּאָעט פון חסידיזם, פון שייער, פון חלוציזם און אַרבעט — אריה שמרי פון עין־שמר; דעם פיינעם ליריקער און טעאַטער־מענטש — מאָטל סאַקציער; דעם באַדייטנדיקן פּאָעט — הירש אָשעראָוויטש, וועמענס זאַמל־בוך פּאָעזיע „צווישן דונער און בליץ" איז ערשט דערשינען אין י.ל. פּרץ־פאַרלאַג און דעם פעליעטאָניסט, מחבר פון מאַקאַמעס, מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ וווּנדערבאַרן חוש פאַר הומאָר און פּאָליטי־שער סאַטירע — יצחק בראַט.

אַ פול געפּאַקטער זאַל, אַ יום־טובדיקע און געהויבענע שטימונג.

דער אָוונט איז נאָר איינער פון אַ ריי גרעסערע און וויכטיקערע יום־טובֿים, פּרײַזן־צוטיילונגען פאַר און לכּבֿוד יידישע שרייבער. די פייערלעכע צוטיילונג פון דעם פּרעסטיזשפולן מאַנגער־פּרײַז, די פּרעמיע וואָס איז געגעבן דורכן פיכמאַן־פאָנד און צום סוף דאָס שאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד פון גאָלדע מאיר פאַר אַ יידישן שרייבער, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן אויף אַן אַקאַדעמיע, מיטן אָנטייל פון פּרעמיער־מיניסטער, דעם טאַלאַנטפולן פּראָזאַיקער עלי שעכטמאַן, דער מחבר פון „ערבֿ".

ווי דערקלערט מען אָט דעם טיפן און גרויסן אינטערעס, וואָס ווערט לעצטנס אַרויסגעוויזן צו מאַמע־לשון און דעם כּבֿוד, וואָס מען טיילט צו אירע ליטעראַרישע פאָרשטייערס? ווערט ישׂראל ווירקלעך אַ צענטער פון יידיש

אין דער וועלט, איז עס אַ רעפלעקס פון דעם חורבן און פון צער פאַר דער שפּראַך, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די מיליאָנען, וואָס האָבן אויף איר געלעבט און מיט איר אומגעקומען?

נישט נאָר אין ישראל, אויך פון אַמעריקע קומען אָן ביכער און אַרטיקלען פול מיט לויב פאַר דער שיינקייט, חכמה, האַרציקייט און פאַרביקייט פון יידישן לשון. ווערט דאָרט יידיש אַ ניי לשון־קודש, אָדער אפשר אָן אינטע־לעקטועלע מאָדע.

אין ישראל דאַרף מען די דערפרייענדיקע דערשיינונג פון גנאָד און בעסערע יאָרן פאַר יידיש זען אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרץ, אָן אילוזיעס. אָבער אויך אָן גרינגשעצונג. ס׳איז נישט קיין ווענדפונקט און דורכברוך, אָבער אויך נישט קיין סתם מאָדע, וואָס לאָזט זיך אויס אין אַ פעסטיוואַל פון יידישע לידער אין אַ היפשלעך פונאַנדערגעבלאָזענעם מאַנגער־קולט און אין אַנקוועלן פון יידישן גלייכווערטל און וויץ א.אַ.וו.

די וואַרעמע באַציונג צו יידיש, וואָס איז אַריין אין די הויכע פענצטער פון פּרעזידענט־פּאַלאַץ און פון פּרעמיער־ און מיניסטאָרן־רעזידענצן האָט נישט געענדערט איר פּאַקטישן מעמד אין לאַנד. פון דעם אַלעמען איז נישט צוגעקומען קיין איין נייער לייענער פון יידישער ליטעראַטור און קיין איין צוהערער יינגער פון 50 יאָר, און אַ ישראל־געבוירענער לייענער פון דער יידישער פּרעסע, ליידער, ליידער איז פאַר הונדערטער טויזנטער יונגע ישראלים יידיש אַ פאַרמאַכט בוך עלעהיי די בודיסטישע פילאָזאָפיע.

פון דער צווייטער זייט, אָבער, איז עס, ווי שוין געזאָגט, מער ווי אַ קאָניונקטור־ענין. דאָס צופאַלן צו יידיש האָט טיפע וואָרצלען. עס ווערט רייפער און רייפער די דערקענטעניש, אַז יידיש איז בשום אופן נישט איינע פון די „פּרעמדשפּראַכן״, און אַז זי איז איינע פון די הויפּט־קאָמפּאָנענטן פון יידישער קולטור־שאַפונג, אפשר איינע פון די פּרעכטיקסטע און שענסטע אין אונדזער טויזנטיאָריקער קולטור־געשיכטע. און אַז זי איז דער סאַמע אויטענ־טישסטער אויסדרוק פון יידישער אייגנאַרט, און אַז מען קאָן נישט פּרעטענ־דירן אויף וויסן אין יידישקייט אָן צו קענען די יידישע ליטעראַטור, כאָטש אין איבערזעצונג. אָן איר זענען מיר אַלע אַרעמער און גרויער. דאָס איז נישט קיין גרויסמוטיקע באַציונג פון דעם „זיגער״ העברעיִש צום געפאַלענעם יידיש. פאַרקערט — ס׳איז אַ באַוווּנדערונג, אַ דרך־ארץ און אַ שטרעבונג

זיך אויסצוגלייכן מיט איר אין איר אידיאָמאַטישקייט, בילדלעכקייט און בויגזאַמקייט.

וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס איז שוין אַן אַלגעמיין אָנגענומענער פֿאַקט. כ׳האָב מורא, אַז ס׳איז נאָך אַלץ אַן ענין פֿון די שפּיצן און נישט פֿון די מאַסן. עס פֿעלן נישט קיין פֿאַראורטיילן, אָדער ביטול, וואָס קומט פֿון עם־הארצות און פּראָווינציאַנאַליזם.

גאָלדע מאיר האָט זיך ביי דער געלעגנהייט פֿון איבעראָרגאַניזירן דעם קאָמיטעט פֿונעם מאַנגער־פּרייז אויסגעדריקט, אַז זי וועט לערנען אירע אייניקלעך יידיש. די דאָזיקע דערקלערונג האָט אַרויסגערופֿן אַ העפֿטיקן וויכוח, וואָס באַווייזט, ווי פֿיינלעך און לאַנג עס איז נאָך דער וועג פֿאַר אמתער יידישער קולטור אין ישראל און ווי שווער עס איז נאָך די מערכה פֿון מאַמע־לשון.

וויל איך דאָ נישט רעדן וועגן די געשווירענע שונאים פֿון יידיש, אויך צווישן די ראַדיקאַלע אינטעלעקטועלע און שרייבער־קרייזן. אין אַט דער שנאה דריקט זיך אויס כנעניזם און שנאה צום גלות; מער היסטערישער נאַציאָנאַליזם פֿון קליינשטעטלדיקע לעוואַנטינער, ווי אמתע און פֿאַרטיפֿטע ישראל־ליבע.

צו שרייבן דעם אַרטיקל האָט מיך באַוויגן אַ בריוו אין רעדאַקציע פֿון אמנון שמוש, פֿון קבוץ מעין ברוך אין גליל העליון („דבר" פֿון 28־טן יוני).

דער מחבר פֿונעם בריוועלע „ראַט" און פֿאָדערט אויף די אייניקלעך פֿון דער גרויסער באָבען איר ניט צו פֿאָלגן און חס ושלום נישט לערנען יידיש, ווייל — זאָגט דער חכם פֿון קיבוץ — „אין אונדזערווירקלעכקייט איז יידיש אַ שפּראַך, וואָס דערוויטערט הערצער און שפּאַלט דאָס פֿאָלק און זי לאָזט איבער אין דרויסן די פּרעמדע, אַ וויכטיקן טייל פֿון יידישן פֿאָלק און כמעט אַ העלפֿט פֿון די יידן, וואָס לעבט אין ציון. ער אַפּעלירט צו די אייניקלעך, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אַריינעמען אין דעם בונד פֿון יידיש־קענערס, ווייל יידיש צעטיילט דאָס פֿאָלק אין צווייען און אין נישט קיין גלייכע העלפֿטן.

מיט וואָס שפּאַלט יידיש דאָס פֿאָלק אין צווייען? פֿאַרוואָס גראָד יידיש? האָט דען גאָלדע פֿאַרגעלייגט, אַז די קינדער זאָלן אויפֿהערן לערנען, רעדן, שאַפֿן אויף העברעיש? ווי אַזוי קאָן אַ קולטורמענטש צולאָזן דעם געדאַנק, אַז קענען אַ שפּראַך, בפֿרט אַ יידישע, איז אַ שטערנדיקער עלעמענט?

צי מיינט ער טאַקע באמת, אַז די אָנגעקומענע פון מזרח־איראָפּע האָבן דערגרייכט העכערע פּאָזיציעס צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געקענט יידיש? אָדער עס זענען געווען אַ סך וויכטיקערע סיבות, צווישן זיי אויך דער פאַקט, וואָס זיי זענען געווען די ערשטע, די בויערס און די גרונטלייגערס פונעם ישוב?

אפשר איז גאָר דער ווידערווילן צו יידיש אַ פּועל־יוצא פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון אַ סך אָריענטאַלע עלעמענטן אין ישראל און נישט איר סיבה? עפּעס איז שמוש נישט רויק מיט זיך אַליין. ער זאָגט אויף אַ געוויסן אָרט אין בריוו, אַז אַ סך האָבן אַנטוויקלט אַ מין „אַלערגיע" צו יידיש. איז זיכט ווען איז אַן אַלערגיע אַ זאַך מיט וועלכער מען דאַרף זיך באַרימען. ס'איז אַ פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג, וועלכע מען דאַרף היילן מיט אַלע מיטלען. מיט וואָס איז עס וועזנטלעך און קליניש אַנדערש פון דער „אַלערגיע" פון געוויסע גויים צו יידן?

1973

פאַקטן און חלומות

א

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש איז אָן ספק אַ געוואַגטע און אפילו אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, כאָטש זי איז דער געבאָט פון דער שעה און זי ווערט גערופן לטובת איינעם פון די ווערטפולסטע אויסדרוקן פון אונדזער קולטור, דעם יידישן לשון; כאָטש זי קומט פאַר אין ריכטיקן מאָמענט ווען ס׳זענען רייף געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע באַדינגונגען פאַר אַ צוריקקער צו יידיש, פאַר אַ ווידער־אַנטפּלעקונג פון אירע אוצרות און פאַר גרויסע מעשים צו באַפעסטיקן דעם יש אין וועלכן מען טאָר נישט מזלזל זיין. אָבער טראָץ דעם וואָס עס מערקט זיך אַ שעפעריש־נאָסטאַלגיש טוליען זיך צו מאַמע־לשון, אַן אַנטציקונג מיט איר מצד נאָענטע און ווייטע, נעמען אויף זיך די איניציאַטאָרן פון וועלט־צוזאַמענפאַר אַ געוואַל־טיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פאַראַן אַ סכנה, אַז דער אוצר זאָל זיך חלילה נישט אַרויסגליטשן פון אונדזערע הענט, ס׳זאָל נישט זיין קיין אסיפה פון הוילער רוטין און פון אַן איין־סופיקער רעדנעריי, וואָרעם נאָך וויכטיקער ווי דעבאַטעס און באַשלוסן פון דעם צוזאַמענטרעף איז די קאָנפערענץ אַליין, דאָס אָפּפילן געשיכטע, דאָס געפיל פאַרן מעמד, די אַטמאָספער און שטימונג, דאָס געמיט.

די קאָנפערענץ האָט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן וועלכע קענען איר געבן אַ געשיכטלעכן פאַרנעם. איין קלייניקייט! אַ קאָנפערענץ פאַר יידיש אין גרויליקן שאָטן פון היטלער־חורבן און אין דער גינגאָלד־פּראַכט פון דער אייביקער הויפּטשטאָט פון דער מדינה, גראָד אין לאַנד, ווו ס׳איז געשען אפשר דער גרעסטער פון אַלע נסים — דער אויפבלי פון העברעיִש, די לייבלעכע שוועסטער פון יידיש. זי קומט פאַר אין אַ צייט ווען ס׳דוכט זיך,

אַז ס׳טרייסלען זיך אַלע יסודות פון אונדזער גייסטיקן קיום, אַלע רעליגיע־ און קולטור־רייפן, וואָס האָבן אונדז צוזאַמענגעהאַלטן און צווישן זיי — די סאַמע געטראָפנסטע און אין יסורים־אויסגעפּרווטע — די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור. מיר זענען עדות פון אַ צייט, ווען ס׳שליסט זיך אָפּ די תקופה פון אַ צוויי לשונות־געראַנגל וואָס איז אין פלוג געווען אַ שפּראַכן־מלחמה, אָבער אין אַ טיפערן הינזיכט — אַ „פּיינטשאַפט־ליבע־קאָמפּלעקס״ פון צוויי כוחות, וואָס האָבן זיך באַרייכערט און באַפרוכפּערט.

אָט די גרויסע און גורלדיקע פּאַסירונגען און ווענדונגען דאַרף די קאָנפערענץ אָפּשפּיגלען. זי דאַרף און איז מסוגל אָפּצושפּיגלען דעם פּאַנאָ־ראַמיש־פעלדזיקן כאַראַקטער פון דעם מאָמענט. ווען איז עס אָבער גערעדט געוואָרן? אויב מיר וועלן זיך דערהויבן, אויב דער שעת־חסד וועט זיך נישט אָנטרעפן אויף דער וואָכעדיקייט פון מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט נישט געלערנט און גאָרנישט נישט פאַרגעסן. אַלע סמנים ווייזן אָן אויף דער הצלחה פון צוזאַמענפאָר. ערשטנס, ווייל ס׳איז נישט קיין „יש מאין״־באַשאַ־פונג. ס׳זענען נאָך פאַראַן מיליאָנען יידן (אמת, נישט די ייִנגסטע) וואָס פאַר זיי איז יידיש די איינציקע, אָדער, לכל הפּחות, די עיקרדיקע שפּראַך; ס׳איז פאַראַן אַ יידיש שבכתב, אַ ליטעראַטור מיט אַ גרויסער צאָל שרייבערס און קינסטלערס וואָס זענען ווייט נישט קיין עפּיגאָנען; אַ פּעריאָדיק און פּרעסע, וואָס שליסט אויך איין טאָג־צייטונגען; אַ שולוועזן אין אַ ריי לענדער און שטעט; ראַדיאָ־פּראָגראַמען; פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס צענדליקער ביכער אַ יאָר; אַ טעאַטער מיט אַ דורשטיקן און באַגייסטערטן עולם פּאַטריאָטן, באַזונדערס אין ישראל. יידיש מאַכט איצט דורך אַ געוויסן רענעסאַנס וואָס שייך פּרעסטיזש און אָנזען און זי ווערט געלערנט אין צענדליקער פאַקולטעטן און אינסטיטוטן אין דער מערב־וועלט; אָבער דער עיקר — זי פאַרמאָגט נאָך אַלץ אַ מחנה פאַרליבטע קנאים און חסידים וואָס אָן יידיש האָט פאַר זיי דאָס לעבן קיין טעם נישט.

אוודאי איז דאָס אַלץ ווייניק פאַר אַ נאָרמאַלער עקזיסטענץ. צייטנווייז זעט עס אויס ווי אַ שאָטן פון אַ מאָל, אַ ליריש־אומעטיקער איבערבלייב פון אַמאָליקער נגידות און רחבות. ס׳איז אָבער נישט ווייניקער חיותדיק, אויטענטיש, נאַטירלעך און וואָרצלדיק. די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז נישט אַזוי צו שאַפן און צו פּראָקלאַמירן ווי צו איינזאַמלען, ווי צו אויסברייי־

טערן, באַפּעסטיקן און געבן סטאַטוס און חשיבות דעם פּאַראַנענעם, דעם אַלעם וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע געוויטערס און שטורעמס און איז אונדז ליב און טייער.

ב

דער פֿאַקט אַליין וואָס דער רוף צו דער קאָנפֿערענץ קומט פֿון ישׂראל און דאָס וואָס זי וועט פֿאָרקומען אין ירושלים איז שוין אַ דערגרייכונג און אַן אָנזאָג אויף הצלחה. ס׳איז נישט נאָר דער פּרעסטיזש, אויטאָריטעט און צענטראַליטעט פֿון ישׂראל וואָס איז ביים היינטיקן טאָג געוואָרן דער וויכטיקסטער יידיש־צענטער אין דער וועלט. אַוודאי האָבן צו דעם גורם געווען אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן און פּראָצעסן: די גאַלאָפּירנדיקע אַסימילאַציע אין דער פֿרייער וועלט, די רדיפֿות אויף יידיש אין סאָוויעט־רוסלאַנד, דער צוואַנגס־שמד און דער מאָרד פֿון אירע וואָרטזאָגערס און מייסטערס א.אַ.וו. אין תּוך גענומען איז עס אַן אָרגאַנישער און אינערלעכער פּועל־יוצא פֿון דעם וועזן פֿון אַ יידישער מדינה וואָס דאַרף נישט בלויז וואַכן אויף דער פֿיזיש־פּאָליטישער זיכערקייט פֿון יידן אין דער וועלט, נאָר אויך זיין דער „שומר־ישׂראל״ פֿון אַלע קולטור־ווערטן־אוצרות פֿון אַלע דורות, פֿון אַלע שבֿטים און עדות אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט. אין אירע הענט איז אָנגעטרויט דער צויבער־שליסל צו די שפּייכלערס פֿון גאָלדענעם שניט פֿון יצירה פֿון אַ מאָל פֿון היינט און די שפּראָצן און קערנער פֿון עתיד.

אויך דאָ דאַרף מען אָפּהיטן דעם חוש פֿאַר פּראָפּאָרציע: דער וואַקסנדיקער אינטערעס פֿאַר יידיש אין ישׂראל און איר פֿאַרבעסערטער מצבֿ איז נישט קיין ראַדיקאַלע ענדערונג און ווענדונג און ס׳איז נישטאָ קיין יסוד פֿאַר חרטה און תּשובֿה־געפֿילן. ס׳איז טאַקע געווען אַ יידיש־העברעיִשער קאָנפֿליקט, אַ יידישיזם פֿון פֿאַרביטערטע קעגנערס פֿון ציוניזם, אַ העברעיִזם פֿון סטערילע און אַראָגאַנטע „העברעיִסטן״. אמת איז, אַז אין דער גרויסער קאָנצענטראַציע צו בויען אַ מאָנאָליטישע קולטור וואָס זאָל צוזאַמענבינדן די צענדליקער עדות און שבֿטים, האָט דער ציוניזם, דער ישובֿ און די מדינה, אין די ערשטע יאָרן פֿון זייער קיום באַקעמפֿט, שפּעטער גרינגגעשעצט און דערנאָך בלויז טאָלערירט יידיש. מ׳האָט אין איר געזען אַ דיווערסיע פֿון עיקר: שאַפֿן אַ נאַציע מיט איין לשון אין מויל.

אָבער אויך דעמאָלט איז עס געווען אַ טראַגישע מיספאַרשטענדעניש. נישטאָ קיין קרומערע זאַך ווי צו ציען אַ גלייכע דעמאַרקאַציע־ליניע פון שוואַרץ־ווייס: אַז וואָס עס איז יידיש (שפּראַכלעך) איז אַנטי־ציוניסטיש און אָריענטירט אויפן גלות און וואָס עס איז העברעיִש איז אַנטי־תפוצות אין היסטאָרישן און קאָנסטרוקטיוון זינען.

דער שטויב ליגט שוין פון לאַנג אויף אַלע היציקע רעזאָלוציעס און פּלאַטפאָרמעס. דער אמת איז, אַז יידיש איז פול ווי אַ מילגרוים מיט אהבת־ציון־מאָטיוון; אַז העברעיִש איז געוואָרן אַ לעבעדיק לשון אין אַ גאַר גרויסער מאָס אַ דאַנק דער פעיִקייט איינצוזאַפּן און אַבסאָרבירן אין זיך באַגריפן, ווערטער, קלאַנגען, מעטאַפאָרעס פון יידיש. און פון דער צווייטער זייט: נעם צו העברעיִש פון מאַמע־לשון און ס׳בלייבט מיטלהויך־דייטש מיט אַ סלאַווישן צומיש.

די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע. ישראל איז איבערגעוואַקסן אירע קינדער־קראַנקייטן פון כבעניזם, פון גייסטיקער גרויס־האַלטעריי און פאַר־וואַרפן די פאַלשע היסטאָרישע קאָנצעפּציע וועגן ישראל ווי וועגן אַ רעוואָלוציאָנערן אָנהויב און נישט ווי אַ המשך און קלימאַקס. ישראל זעט זיך איצט ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק און נישט תמיד ווי „דאָס איבערשטע פון שטייסל״. ס׳איז אויך גאָרנישט פאַרבליבן פון פרינציפּיעלן יידישיזם, וואָס מאַכט פון דער שפּראַך אַ פעטיש און וויל נישט צוגעבן, אַז אין קיום און המשך פון דער יידישער מדינה ליגט די איינציקע האָפענונג פון יידיש. די אַסימילאַציע־פאַרפליצונג האָט אַלעמען פאַראייניקט. די מאָסגעבנדיקע פאַקטאָרן הייבן אָן אַלץ מער און מער צו אָנערקענען יידיש און ס׳קומט זיי דערפאַר נישט קיין דאַנק. מצד ישראל דאַרף עס נישט זיין קיין גרויסמוט פון אַ זיגער (אַז אַך און וויי צו אַזאַ זיג) און וואָס עס זאָל נישט זיין די וועלט־אַנשויונג פון די מאַקסימאַלע יידישיסטן, דאַרפן זיי נישט זיין קיין „ברוגזע מחותנים״ אויף דער שמחה. אַוודאי זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנ־קייטן, אונטערשידן אין צוגאַנג, אין פּריאָריטעטן אין אָפּשאַצונג. אָבער, למען־השם, נאָר נישט פאַרהייליקן די קאָנטראָווערסיע און פאַרוואַנדלען זי פון אַ נאַטירלעכן אויסדרוק פון דעמאָקראַטישער שעפערישקייט און אַ ציל פאַר זיך אַליין.

ג

קומענדיק צו דער קאָנפערענץ גופא: וואָס דאַרף זי און וואָס קען זי דערגרייכן?

איינע פון די סכנות איז איבערגעטריבענע דערוואַרטונג, איבער־אַמביציעזע פּלענער, פונאַנדערגעבלאָזענע האָפענונגען און במילא אויך אַ פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג פאַר „אַנטוישונגען" און „אַנטי־קלימאַקס"־געפילן. מ׳דאַרף נישט אויפשטעלן קיין באַרג פון אילוזיעס, וועט במילא נישט געבוירן ווערן קיין מויז. די קאָנפערענץ, למשל, איז פּשוט נישט מסוגל אויפצולעבן יידיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך פון מיליאָנען יונגע יידן אין דער וועלט און זי פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטער שפּראַך ביי יידן אין דער וועלט (אַ זאַך וואָס זעט אויס פאַנטאַסטיש אַפילו בנוגע העברעיש) און דאָס איז נאָר איינע פון די זאַכן און לאָזונגען, וואָס מ׳דאַרף ליידער אָפּוואַרפן ווי סתם דיבורים און זאָלץ אויף אונדזערע וווּנדן.

אויך דער פאַרגלייך מיט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז אַן איבערפלאָכלעכער און פּרעטענציעזער. אַוודאי איז פאַראַן אַ שיינבאַרע ענלעכקייט וואָס קען דינען אַלס גלענצנדיקע טעמע פאַר דרשות־מאמרים, אָבער דאָס איינציקע וואָס מ׳קען זאָגן, איז, אַז איןביידע פאַלן האַנדלט זיך עס אין אַ וועלט־צוזאַמענפאָר אין וועלכן דער קיום און מעמד פון יידיש זענען דער לייט־מאָטיוו. מיט דעם ענדערט זיך אָבער די אַנאַלאָגיע. אַל דאָס איבעריקע איז אַנדערש: אַנדערע אומשטאַנדן, אַנדערע באַדינגונגען, אַנדערע פּייגל און אַנדערע צייטן. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז מיטן חורבן איז אומגעקומען דער גרויסער מאַסיוו יידן וואָס זייער נאַטירלעכע אומגאַנג־שפּראַך איז געווען יידיש.

אָבער צווישן דעם אומדערגרייכבאַרן מאַקסימום און חלילה לאַנגזאַמער גסיסה אָדער וועגעטאַציע פון יידיש, ליגט אַ גרויסער ים פון מעגלעכקייטן, פון קאָנסטרוקטיווער טועכץ, פון מעשים וואָס וועלן זיין דער אָנהייב פון אַ נייער תקופה פון יידיש אין ישראל און אין דער גאַרער יידישער וועלט.

ד

אין קעגנזאַץ צו טאָקע צו טשערנאָוויץ דאַרף דער ירושלימער צוזאַמענפאָר

זיך קאָנצענטרירן נישט אויף שפּראַך, נאָר אויף קולטור. אוודאי זענען מיר איבערצייגט, אַז יידיש איז אויך אין אונדזערע טעג כולו לעבן און איז נישט גרייט קאַנאָניזירט צו ווערן אין אַ „לשון־קודש". זי איז נישט סתם פאָלקלאָר, און די קאָנפערענץ האָט נישט בדעה צו גרינדן אַ געזעלשאַפט פאַר דעם בלויזן אָפּהיטן און קאָנסערווירן אירע מערקווערדיקייטן און שיינקייטן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט. מיר קענען זיך ווייטער נישט באַנוגענען מיט דער נאָסטאַלגיע פון האַלב־אַסימילירטע פיינשמעקערס און עסטעטן.

אַלע טעטיקייטס־געביטן פון דער קאָנפערענץ זענען אַקטועלע און רעלעוואַנטע ענינים און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסדרוק פון אַן אָרגאַנישער פאָלקס־קולטור. ס'איז באַנייונג און נישט רעסטאַווראַציע. ס'איז אַ פאַרכי־שופטע וועלט פאַר צוקונפט־דורות און נישט בלויז אַ געוועב פון זכרונות פאַר פאַרבענקטע עסקנים, וואָס זענען בבחינת וועלטלעכע נטורי־קרתא. נישט וועלנדיק זיין פאַטעטיש, קען מען אָבער זאָגן אַז ס'איז אַ מאָרגנשטערן און נישט קיין שקיעה־ליכט. ס'זענען דאָ צילן און טעטיקייטן, וואָס „סטייען" פאַר גאַנצע קולטור־דיוויזיעס.

לערנען יידיש ווי אַ שפּראַך אין ספּעציעלע שולן און ווי אַ טייל פון פּראָגראַם פון אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן, אין ישראל, אויסנוצן געזעצלעך גאַראַנטירטע רעכט פון די עלטערן און אַריינפירן יידיש אַלס לימוד אין חינוך־סיסטעם פון ישראל, אַריינפירן מאַמע־לשון ווי אַן אָנערקענטן קעגנ־שטאַנד אין די מיטלשולן. אויסברייטערן און פאַרטיפן די גאָט־געבענטשטע איניציאַטיוו פון יידיש־פאַקולטעטן און קורסן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, קאָאָרדינירן און פּלאַנירן די טעטיקייט פון די פאַרלאַגן; אונטערשטיצן מאַטעריעל און מאָראַליש די טאָגפּרעסע און זי אָפּהיטן פון אונטערגאַנג; אויסברייטערן און צושטעלן מאַטעריאַל פאַר ראַדיאָ־פּראָגראַ־מען אין יידיש אין דער מדינה און אין די גרויסע יידישע קהילות. אויסנוצן די רעזערוון פון ליבע, וואָס דער יידישער טעאַטער רופט נאָך אַרויס ביים היינטיקן טאָג און העלפן אויפהייבן זיין ניוואָ און אינהאַלט. אפשר איז עס נישט צו אַמביציעז צו טראַכטן וועגן אַ יידישן קונסט־טעאַטער אין ישראל א.אַ.וו. א.אַ.וו.

אוודאי איז דאָ איין תנאי פאַר דעם אַלעמען: דער גוטער ווילן, די פירנדיקע העלפנדיקע האַנט פון דער מדינה, וואָס אָן איר קען זיך גאָרנישט

באַוועגן. אָבער די אַלע אויסגערעכנטע איניציאַטיוון זענען נישט קיין אוטאָ־פּישע. מען בויט נישט קיין שלעסער אין דער לופטן. די יסודות זענען נאָך אַלץ פעסט. מען דאַרף בלויז האָבן די געטרייע בויערס.

☆

פון אונדז איז עס אָפּהענגיק, אויב די קאָנפערענץ וועט זיין אַן איינמאַליקע איניציאַטיוו, אַן עפּיזאָד, אָדער אַן אויפטו פון מענטשן, וואָס פילן אַליין נישט ווי זיי מאַכן געשיכטע...

1976

די ייִדיש־קאָנפערענץ אין ירושלים

א

שוין באַלד אַ חודש זינט ס׳האָט זיך געשלאָסן די קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ירושלים. אָבער ס׳איז נאָך צו פרי אָפּצושאַצן אָט דעם מערקווערדיקן, אָריגינעלן און וויכטיקן צוזאַמענפאָר. ס׳איז שוין אָבער גענוג צייט צו באַפרייען זיך אַביסל פון דעם צויבער פון דער קאָנפערענץ, איר עמאָציע־אָנגעלאָדענער אַטמאָספער און דער באַגייסטערונג פון דער געטרייער מחנה. מען קען שוין סומירן אָביעקטיוו (אויף וויפל אָביעקטיוויקייט איז מעגלעך אין אַזאַ טיף־נשמהדיקן ענין) דעם גאַנג פון די זיצונגען, סימפּאָזיומס און קאָמיסיע־באַראָטונגען; פּרובירן אויפצוכאַפּן דאָס ספּעציעלע און אייגנאַרטיקע, אַנאַליזירן די באַשלוסן און אַפילו זיך אַרויסזאָגן מיט גרויס געהיטנקייט, וועגן אירע ממשותדיקע אויסווירקונגען אין דער צוקונפט.

דער גרעסטער דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ איז — זי אַליין; דער פאַקט, וואָס זי איז בכלל צושטאַנד געקומען. מיט דעם אַליין האָט זי איבערגעשטיגן אַלע אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען. עס זענען געקומען 400 דעלעגאַטן פון 16 לענדער. מען טאָר דערביי נישט פאַרגעסן, אַז אָט דער וועלט־צוזאַמענטרעף איז צוגעגרייט געוואָרן אָן אַ מלוכה־אַפּאַראַט, אָן דער שטיצע פון גרויסע און רייכע אָרגאַניזאַציעס. מען האָט ספּאָנטאַן און מיטן פולן האַרץ געענטפערט אויפן רוף פון אַן איבערגעגעבענער גרופּע איניציאַטאָרן, וואָס האָבן אפשר אַליין נישט געפילט, אַז זיי מאַכן געשיכטע. גאַנץ לויזע, כמעט אימפּראָוויזירטע צוגרייטונגען האָבן געבוירן איינע פון די גראַנדיעסטע ייִדישע אסיפות.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך באַטייליקט אין צענדליקער — און אפשר הונדערטער — אַלוועלטלעך־ייִדישע צוזאַמענפאָרן. כ׳האָב אָבער

קיין מאָל נישט געהאַט דאָס געפיל פון אַזאַ אינטענסיוו און אַקטיוו אָנטייל־נעמען און פון איבערלעבונג, ווי דאָס מאָל. איך בין זיכער, אַז דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגן די אַנדערע דעלעגאַטן. די זאַלן פון פלענאַרע זיצונגען און קאָמיסיע־סעסיעס זענען געווען איבערגעפּאַקט אָן אַן איבעררייס. מען האָט דאָ לגמרי נישט געזען דאָס געוויינלעכע בילד פון קאָרידאָרן, ווו עס דרייען זיך אַרום פאַרלאַנגווייליקטע אָנטיילנעמער. כ׳זויס נישט, צי דאָס איז בלויז געווען אין זכות פון די געלונגענע רעפעראַטן. מיר דוכט זיך, אַז די דעלעגאַטן האָבן פשוט געוואָלט זיין וואָס לענגער אין דער מחיצה פון מאַמע־לשון. אין די קאָמיסיעס, וואָס זענען פאַר זיך אַליין געווען „קליין־קאָנגרעסן", האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע בילד. צענדליקער דעלעגאַטן האָבן זיך געריסן צום וואָרט און זיי האָבן טאַקע געהאַט וואָס צו זאָגן. ס׳איז נישט געווען קיין צופעליקער עולם, נאָר דירעקט־פאַראינטערעסירטע אינעם גורל פון יידיש: פּראָפעסאָרן און לערערס, שרייבערס, זשורנאַליסטן, טעאַטער־מענטשן, פירערס פון אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. בקיצור: אַ ציבור פון גאָר הויכער קוואַליטעט.

ס׳איז אויך געווען אַ קאָנפערענץ מיט געמיט און שטימונג. אַ סך פאַקטאָרן האָבן בייגעטראָגן דערצו: די ליבע צו יידיש, ביי אַ טייל פון נאָסטאַלגיע און ביי אַנדערע פון אַזוי צו זאָגן, וועלט־אַנשויונג; די פּרעכטיקע פיזישע און גייסטיקע אַטמאָספער פון ירושלים; די אַנוועזנדיקייט פון אַזאַ גרויסער צאָל ישראל־מנהיגים, די עצם־ פריייד פון באַגעגענען זיך מיט יידן פון אַזוי פיל מקומות; און דער עיקר: דאָס געפיל, אַז מען פאַרריכט אַן עוולה און אַז מען פאַרשפּילט נישט די שעת־חסד פאַר יידיש לשון, קולטור און ליטעראַטור.

דער דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ איז נאָך מער איבערראַשנדיק, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די שטרויכלונגען און די פעלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביי די הכנות און אין לויף פון דער קאָנפערענץ גופא, וואָס וואָלטן אַן אַנדער צוזאַמענפאָר געבראַכט אַ נישט־אויסבעסערלעכן שאָדן. לאָמיר בלויז אויסרעכענען אייניקע פון זיי: אַ סך פון די אַנגעזאָגטע באַרימטע פערזענלעכקייטן זענען נישט געקומען. אָבער, דעם אמת געזאָגט, האָט מען עס כמעט נישט געפילט. קודם־כל צוליב דעם בייטראָג, וואָס עס האָבן געמאַכט די וועלכע זענען יאָ געקומען און דערצו איז דאָס געווען אַ צוזאַמענפאָר,

װעלכער איז נישט געװען געבױט אױף קײן „סטאַרס״. װיכטיק איז געװען די מילדע שײַן פֿון דעם גרױסן ענין. אָט האָט די קאָנפֿערענץ זיך אָנגעטראָפֿן אױף אַ פּרעסע, װאָס איז געװען נאָך ערגער װי פֿײַנטלעך. זי האָט פּשוט איגנאָרירט דעם ענין, אָדער זיך באַגרענעצט צו „היסטאָריאָזאָפֿישע״ און כּלומרשט האַרציקע באַטראַכטונגען װעגן דער אַמאָליקער פּראַכט פֿון ייִדיש און איר איצטיקער שקיעה. ס׳איז אױך געװען אַ סטרוקטור־שװעריקײט, װײַל עס איז געװען אַ קאָנפֿערענץ נישט בלױז פֿאַר לשון, נאָר פֿאַר אַלע אַספּעקטן פֿון קולטור. מען האָט געמוזט אַרײַנפּרעסן אין אַ פּאָר געצײלטע טעג דעם אומגעהױערן מאַטעריאַל און טעמאַטיק. מיטן בעסטן װילן און טאַלאַנט פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן, איז פֿאָרט געװען אַ געפֿיל פֿון איבערגעלאָדנקײט; פֿון געאײַל אין די אַנטש־ײדנדיקע און לעצטע מאָמענטן פֿון צוזאַמענפֿאָר.

פֿון דעסטװעגן גלױבן מיר, אַז די ליכטזײַטן האָבן איבערגעװױגן די שאָטנדיקע זײַטן און עס װעט זיך נאָך אַרױסװײַזן, אַז די קאָנפֿערענץ איז געװען אַ היסטאָרישע געשעעניש. עס איז אָפּהענגיק דערפֿון, װאָס מען האָט פֿון איר דערװאַרט. אָפּט מאָל זענען אױך קינסטלעך אױפֿגעבלאָזענע און מאַקסימאַליסטישע פֿאָדערונגען אַ װעג צום מינימיזירן און מאַכן צו קלײנ־געלט פּאָזיטיװע פּלענער און אמתע דערגרײכונגען.

מ׳האָט זיך לכתּחילה נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז ישׂראל װעט אַלײן (און איך גיב צו: אַפֿילו הױפּטזאַכלעך) קענען אױסטראָגן די משׂא. אַװדאי דאַרפֿן מיר װאַרעם באַגריסן די געענדערטע שטעלונג אין ישׂראל לגבי ייִדיש און די װיכטיקע דערגרײכונגען אױף דעם געביט אין דער מדינה (צײַטונגס־און פֿאַרלאַג־װעזן, אַ גרױסע צאָל ייִדישע קולטור־קלובן איבערן לאַנד, אונטער־שטיצונג מצד דער רעגירונג, מוניציפּאַליטעטן און דער הסתּדרות. מלוכה־פּרעמיעס פֿאַר שאַפֿונגען אין ייִדיש וכדומה). אָבער דאָס קען בשום־אופֿן נישט פֿאַרטרעטן די אַקטיװיטעטן און אָנשטרענגונגען אין די תּפֿוצות. ס׳איז נישט גענוג צו פֿאָדערן פֿון ישׂראל; צו קומען מיט טענות און קריטיקירן. די הױפּט־אחריות ליגט אױף די ייִדישע קהילות איבער דער װעלט

קײנער האָט נישט געטראַכט, אַז די קאָנפֿערענץ װעט פּראָקלאַמירן ייִדיש װי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿון דער מדינה; אַז ייִדיש קען װערן, למשל, די צװײטע שפּראַך אין ישׂראל און אַז מ׳קען דאָרט

בויען יידישע שולן פון דעם טיפּ ציש"אָ וכדומה. (דאָס לערנען אויף יידיש אין די אולטראַ־רעליגיעזע שולעס איז אַ גאַנץ באַזונדערע דערשיינונג. זי קומט פון גאָר אַנדערע סיבות און האָט נישט צו טאָן מיטן באַהאַנדלטן ענין).

פון דעם שטאַנדפּונקט איז עס, לויט מיין מיינונג, אַן איבערטרייבונג צו פאַרגלייכן די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ מיט דער קאָנפערענץ אין ירושלים. ס'איז נישט בלויז אַן אומגעראָטענע אַנאַלאָגיע, נאָר דער פאַרגלייך טראָגט אין זיך די סכנה פון איבערגעטריבענע האָפענונגען און פון אַ געוויסער אידעאָלאָגיע, וואָס מען שרייבט צו דעם טשערנאָוויצער צוזאַמענפאָר און וואָס איז נישט־רעאַליסטיש און אַבסורדאַל אין אונדזערע טעג.

ב

אָבער די מאָטיוון מצד די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ זענען געווען גענוג וואַגיק און רעאַליסטיש, כדי צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון צוזאַמענפאָר און געבן אַ יסוד פאַר פאַרזיכטיקן אָפּטימיזם לגבי דער פאַר־ווירקלעכונג פון אירע הויפּט־באַשלוסן.

1) דער גרויסער „יש", וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר יידיש — אויך אין אונדזערע טעג, נאָך דעם אומקום פון מיליאָנען, וועלכע האָבן אויף איר גערעדט און נאָך דעם ווי אַסימילאַציע האָט זי פאַרטריבן פון אומעטום: די הונדערטער טויזנטער וועלכע באַנוצן זיך מיט איר ווי די מוטער־שפּראַך (אויך אין ישראל); די רייכע און פילפאַרביקע ליטעראַטור, די פּרעסע, די גרויסע מחנה פון טעאַטער־פּאַטריאָטן און דער עיקר דער מערקווערדיקער שבט (וועמעס פאַרשטייערס מען האָט געזען אויף דער קאָנפערענץ), וואָס באַשטייט נישט פון ליבהאָבערס נאָר פון ממש פאַרליבטע אין יידיש אין דעם זין פון „עזה כמות אהבה".

2) דער ניי־דערוועקטער אינטערעס פאַר יידיש פון אָפּגעפרעמדטע און אַפילו פרעמדע קרייזן; אָפט מאָל נישט נאָר לשם למדנות, שפּראַך־פאָרשונג אָדער צוליב נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים און אָפּשטאַם. ס'איז מער ווי דאָס: ס'איז אַ שטרעבונג אויסצופילן אַ חלל אין גייסטיקן לעבן און אַ טיפע זוכעניש מצד דעם נישט רעליגיעזן יידנטום זיך צו באַהעפטן מיט אויטענ־טישער יידישקייט, מיט וואָרצלען.

3) די שוין פריער דערמאָנטע ווענדונג פון דער רעגירונג און פון דער געזעלשאַפט אין ישראל, וואָס איז איצט געוואָרן דער גרעסטער יידיש־צענטער אין דער וועלט. ס׳איז נישט געקומען פלוצלינג און פון זיך אַליין. ס׳איז אַ טייל פון אַ חשבון־הנפש וועגן מהות פון קולטור אין דער מדינה, פון דער טראַומע פון נאָך דעם יום־כיפור־מלחמה. אין דעם פרט איז עס מער אַ סימפּטאָם ווי אַ זעלבסטשטענדיקע דערשיינונג. אין דעם שטעקט טאַקע די ערנסטקייט פון דעם שינוי; ס׳איז מער ווי אַ „גוטע און ליבעראַלע באַציונג" מצד דער מדינה. ס׳איז אַ שינוי־ערכים.

(זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו זאָגן עפּעס אין קלאַמערן, קעגן דער איבערגעטריבענער התפּעלות, וואָס מ׳ווייזט אַרויס פאַר דעם, וואָס דער אָדער אָן אַנדער מיניסטער האָט באַגריסט די קאָנפערענץ אויף יידיש; אָדער, אַז דער בילדונגס־מיניסטער בכבודו ובעצמו האָט איר געגעבן זיין הכשר. עס דערמאָנט מיך די גלות־פּסיכאָלאָגיע, לויט וועלכער אַ יידישע אַסיפה האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג אָן דער אָנוועזנהייט און צושטימונג פון אַ שררה).

4) דאָס פאַרשווינדן פון דעם היסטאָרישן שפּראַכנקאַמף צווישן די העברעיסטן און יידישיסטן און די נייע תקופה פון שותפות אָנשטאָט קאָנפראָנ־טאַציע און געראַנגל. אויך דאָ זענען מיר מסופק, צי מ׳קען רעדן וועגן „שלום צווישן יידיש־העברעיש" און וועגן דער גרויסמוטיקייט פון „זיגער" לגבי דעם „באַזיגטן" יידיש. אין אַלע ישובים (אויסער ישראל) זענען סיי יידישיסטן און סיי העברעיסטן אַ שוואַכע באַוועגונג, וואָס ראַנגלט זיך ממש יאושדיק קעגן דער אַלץ פאַרשווענקענדיקער אַסימילאַציע.

ג

וואָס ווייטער? מ׳דאַרף געדענקען, אַז אַפילו די גרעסטע און דער־פאָלגרייכסטע קאָנפערענץ איז נישט מער ווי אַ באַגעגעניש אויף עטלעכע טעג, אַ דאַטע; אַז זי אַליין „בויט נישט און שאַפט נישט". אין בעסטן פאַל צייכנט זי אָן פּלענער און ריכטונגען. אַפילו די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן נישט געבויט ישראל; אָבער אָן זיי איז זיך שווער פאָרצושטעלן די געשיכטע פון ציוניזם, פון ישוב, די גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דער מדינה. צווייטנס, זאָגט נאָך נישט די גרויסע צאָל רעזאָלוציעס (אַלע

קאָנסטרוקטיווע און נוצלעכע), אַז זיי אַלע דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן גלייך מאָרגן און פאַר איין מאָל.

מיר זעען אָבער, ווי אַ מינימום, וואָס עס דאַרף און קען פאַרווירקלעכט ווערן. אָט זענען איינציקע הויפּט־באַשלוסן: א) דאָס פאַרזיכערן דעם מעמד פון יידיש אין אַ פאַרשטאַרקטער חינוך־באַוועגונג אין די תפוצות און דאָס איינפירן מער יידיש ווי אַ לימוד אין די שולעס פון ישראל. וויכטיק איז דאָס אויסשולן יידיש־לערערס למשל, דורך שאַפן ספּעציעלע קורסן אין די עקזיסטירנדיקע סעמינאַרן פון דער מדינה. ב) שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער יצירה פון יידישע שרייבערס דורך דער פאַרשטאַרקונג פון די עקזיסטירנדיקע פּרעמיעס און דורך דער גרינדונג פון אַ גרויסן ביכער־קלוב איבער דער וועלט. ג) בויען אַ יידישן קונסט־טעאַטער. ד) אַ פּרעסע־פאָנד, וואָס וועט העלפן די זיך ראַנגלענדיקע יידישע צייטונגען איבער דער וועלט, דורך פינאַנסיעלער שטיצע און מאַטעריאַלן. ה) אַ פּלאַנירטע, ערנסטע טעטיקייט פון איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן באַזונדערס אויף העברעיש.

אַוודאי קומען איצט טעג פון נסיון. די פראַגע פון ווער, ווען און ווי אַזוי (עניין פירערשאַפט און אינסטאַנצן, בודזשעט א. א.) זענען גורלדיק לגבי דעם המשך. מיר זענען אָבער זיכער, באַזונדערס נאָך דער קאָנפערענץ, אַז מ׳קען בייקומען די שוועריקייטן. מ׳דאַרף נאָר זען, אַז די באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זאָל נישט פאַרלירן איר שווונג. מ׳דאַרף אָן שום שהיות צוטרעטן איבערצוזעצן די רעזאָלוציעס אין מעשים.

און לסוף אַ באַמערקונג וועגן זיך אַליין: דאָס אָרט, וואָס עס דאַרף פאַרנעמען אונדזער באַוועגונג אין אָט דער גרויסער פרשה. ס׳איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס אונדזערע חברים, מיט חבר יצחק קאָרן בראש האָבן גענומען די איניציאַטיוו און געטראָגן די הויפּט־לאַסט פון דער אָרגאַניזירונג און צוגרייטונג פון דער קאָנפערענץ. די ווייטערדיקע ראָל און פּאָזיציע איז אָפּהענגיק פון איר אַקטיווקייט און אַרבעט. קיין זכות־אָבות וועט דאָ נישט העלפן. אָן מעשים קען עס זיך פשוט אַרויסגליטשן פון אונדזערע הענט. מ׳האָט שוין געזען אַזעלכעס אין דער לאַנגער געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג.

1976

ביים ברעג פון ים כנרת

אין אַמפיטעאַטער פון צמח אין עמק־הירדן. 5.000 פאַרזאַמלטע פון אַלע טיילן פון לאַנד: שטאָטישע אַרבעטער, קיבוצניקעס פון אַרומיקע משקים, וועטעראַנען, בלוי־העמדלדיקע יוגנטלעכע, מיניסטאָרן, כּנסת־דעפּוטאַטן. איבער דער בינע — די פינקלענדיקע אויגן און דאָס באַשטראַלטע געזיכט פון בערל קאַצנעלסאָן. מיר זענען אויף דעם אָפיציעלן אָנדענק־אָוונט פון דער הסתדרות, צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט.

פאַר דעם האָבן מיר שטילשווייגנד באַזוכט דעם בית הקברות פון כּנרת, דעם אַרבעטער־ און חלוציש פּאַנטעאָן פון לערערס, וויזיאָנערן און פירערס. אָט איז דער קבר פון דער שטילער, צאַרטער דיכטערין — רחל, וואָס שאַטנט זיך ביי די ברעגן פון דער באַליבטער כּנרת. אָט איז נאָך דער פרישער גל שטיינער אויפן קבר פון בער באָראָכאָוו. לעבן אים — דער קבר פון גרויסן וויזיאָנער נחמן סירקין. און צווישן זיי, אין סאַמע צענטער — טאַקע ער אַליין, דער לערער און בויער, מענטש פון גייסט און טאַט, פון ליבער שטראָף און צערטלעכקייט, דער וואָס איז מער ווי אַלע געוואָרן די פאַרקערפערונג פון אידעאַלן און ווערטפולסטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

☆

ס'איז אָבער נישט גענוג אַ פייערלעכע אַזכּרה, טראָץ דעם צערעמאָניאַלן, כּמעט מלוכהשן כאַראַקטער פון אָוונט. ס'איז גיכער אַ שיעור בציבור. נישט נאָר צום כּנרת פאַלט צו דאָס געמיט מיט פרומער דורשטיקייט, נאָר אויך צו די קוואַלן פון זיין חכמה און תורה. דערביי האַנדלט זיך דאָ נישט אין געוויינלעכן שטודירן. מען איז זיך נישט צוזאַמענגעקומען הערן

לעקציעס וועגן דעם גרויסן פובליציסט און פירער. עס גייט דאָ אין אַריינקלערן זיך אין זיך אַליין, אין אונדזערווירקלעכקייט, אין אונדזערע פּראָבלעמען — אַלץ אין ליכט פון זיין לערע. ס'איז אַ מין סימפּאָזיום אד"ט: „וואָס וואָלט היינט וועגן דעם אָדער יענעם בערל געזאָגט".

דאָס איז בערל. ער איז אַקטועל היינטצייטיק און אַרויסרופעריש. ער איז נאָך אַלץ צווישן און איבער אונדז. זיין הייסער שמועס (און דאָס איז געווען די באַליבסטע פאָרם פון זיינע טיפסטע און געשליפנסטע אַרבעטן) הערט זיך געגנוי און קלאָר. אַלע פון אים באַהאַנדלטע טעמעס זענען נאָך אַקטועל און צאַפּלדיק, זיינע גרעאַנגלען זענען נישט פאַרענדיקט און אַלע זיינע צווייפלען רודערן אויף אונדזער געוויסן.

בערל איז נישט געווען קיין וויסנשאַפטלעכער אַנאַליטיקער און פאַר־אויסזעער ווי בער באָראָכאָוו, און אויך נישט דער געניאַלער אַרויספילער פון עתיד, ווי נחמן סירקין. ער איז געווען דער וואָרטזאָגער פון דער שאַפנדיקער אַקטואַליטעט. ער האָט געדענקט אַרבעטנדיק און די אַרבעט איז דורך אים אָנגעפילט געוואָרן מיט מחשבה. ער האָט געזען פּראָצעסן נאָך אין דעם אָנהויב פון זייער פונאַנדערוויקלונג. אַלץ וואָס איז וועגטפול אין אונדזער צייט, אַרבעט און אַרבעטער־געזעלשאַפט, קולטור און העברעיש, יידישער סאָציאַליזם, — וועגן אַלץ האָט ער געטראַכט, אַלץ האָט ער באַ־טראַכט, אָבער אויך פאַרטראַכט, ווי טוט מען זיי אָן פלייש און בלוט פון פאַרווירקלעכונג, אויב אַרבעטער־איינהייט — איז הסתדרות, אויב קולטור — איז „עם עובד" און „דבר", אויב אַרבעטער־ווירטשאַפט — איז „סולל בונה", „יכין", „המשביר". ווי איידעלער מעטאַל איז זיין מחשבה דורכגעלייטערט געוואָרן אין גלי פון פייערדיקער פאַרווירקלעכונג.

☆

פון דעם גרויסן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען האָבן זיך די רעדנערס אָפּ־געשטעלט אויף נאָך איינעם, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער שנור דורך זיין לעבן און שאַפן: אַרבעטער־איינקייט, אָדער ווי מיר רופן דאָס דאָ „איחוד תנועת הפועלים". צונויפזאַמלען די כוחות, שאַפן אַן איינהייטלעכע ראָם, פאַרזען דאָס פונאַנדערטיילנדיקע און זען דעם עיקר, איז געווען די גרויסע

ליידנשאַפט פון זיין לעבן. אַ סך מאָל אָבער זיך אַנטוישט און אַפילו צוזאַמענגעבראָכן, צוליב דעם ברעכן זיך פון דער שוין געשאַפענער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דער פּרעמיער־מיניסטער לוי אשכול ווידמעט טאַקע אָט דעם ענין זיין גרויסע רעדע. ער איז בכיוון נישט דיפּלאָמאַטיש, שאַרף און פּשוט. עס פעלן אים נישט אויס קיין ציטאַטן. אָט איז בערלס קאַמף פאַר דער פאַראייניקונג פון הפועל הצעיר״ מיט „אחדות העבודה״. ער האָט זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט שטימונגען און ווידערשטאַנד אין אָט דעם מערק־ווערדיקן שבט פון „הפועל הצעיר״, צווישן זיי אויך מיט איינעם וואָס האָט געהייסן לוי שקאָלניק.

ער איז מער פון אַלעמען דער אַרכיטעקט פון דער הסתדרות, אַזוי ווי זי איז געוואָרן איינהייטלעך אין איר ראַם און אַלגעמיין אין אירע פונקציעס. אין זיינע פּראַגמאַטישע רעפעראַטן אויף די הסתדרות־קאָנ־פערענצן האָט ער אומאויפהערלעך און עקשנותדיק געקעמפט קעגן די וואָס האָבן געזוכט זי צו פאַרשמעלערן און פאַרקלענערן און צעברעקלען.

ער דערשפּירט אין דער צעטיילונג פון דער קיבוץ־באַוועגונג (לויט יוגנט־באַוועגונגען, טראַדיציעס, לויט גרויס און קליין, דעם יסוד פאַר אַ פּאָ־ליטישער און פאַרטייאישער שפּאַלטונג. טעג און נעכט פאַרלירט ער, כדי איבערצוצייגן אַז די קיבוצישע באַוועגונג האָט נישט קיין שום יסוד צו זיין צעטיילט. ער הערט נאָך נישט אויף איינצוטענהן ביזן היינטיקן טאָג. אָט זענען די ביטערע בלעטלעך פונעם וויכוח מיט דעם „השומר הצעיר״. אַ מאָל דאַכט זיך, אַז „עס איז שוין אויפן וועג״, אָבער די קנאותדיקע טרייבשאַפט צום אייגענעם שטאַם און אָפּשטאַם איז גובר די נויט פון דער תקופה און אויך פון דעם שכל־הישר. ביי בערלען איז אחדות הפועלים נישט געווען קיין ריין פּאָליטישער ענין, זיכער נישט קיין אָפּקלאַנג פון דער סאָציאַליסטישער אָפּט מאָל הוילער לאָזונג „אַרבעטער פון אַלע לענדער״. עס איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין אידעישער אויפפאַסונג אַז די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט איז אָרגאַניש איינהייטלעך שוין צוליב די אויפגאַבן וואָס דער גורל האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. די פאַרשידענע מיינונגען זענען פּשוט ווי שטימונגען און געדאַנקען אין איינער און אין דער זעלבער פּערזאָן.

אשכול דערמאָנט די לעצטע און טרויעריקע פּרשה פון זיין לעבן, די ביטערע פּאָלעמיק מיט סיעה ב׳ און די שפּאַלטונג. די וועלט איז פאַר אים פינצטער געוואָרן. ער האָט פאַרויסגעזען, אַז דאָס איז אַן אומגליק וואָס וועט זיך אויסגיסן אויף אַלץ, אויף דער ישראל־געזעלשאַפט, אויפן פּאָליטישן פּרצוף פון ישוב און אויף דער גייסטיקער אָריענטאַציע פון די יונגע דורות.

בערל האָט זיך נישט באַנוגנט מיט ריין אָרגאַניזירטע איינאָרדענונגען פון פעדעראַציעס, בלאָקן, אאַ״וו. ער האָט געוואָלט אַן אחדות, אַ גאַנצע און אַ קלאָרע.

דאָס וויל אויך אשכול. כאָטש עס איז אים טייער יעדער פאָרם, יעדער שטאַפּל אויפן וועג פון דער פאַראייניקונג, יעדער מערך, איז אָבער זיין ציל אַ גאָר אַנדערער, אַ פאַראייניקטע באַוועגונג, אין וועלכער עס זאָלן עקזיסטירן אַ דעמאָקראַטיש לעבן פון פרייע יחידים און גרופּן.

די ווערטער פון אשכולן האָבן אַ באַזונדערע אַקטואַליטעט. ער דער־מאָנט דעם אומגעלונגענעם פּרווו צו ברענגען מפּ״ם אין דער רעגירונג. עס טראָגט זיך פון זיינע רייד אַ טיפע זאָרג און אַ פולער פּעסימיזם בנוגע דעם סך הכל פון די מערך־שמועסן. עס זענען די זעלבע פּאַרטנערס פון דעם נישט פאַרגעקומענעם שידוך ווי אין בערלס צייטן. אין די צוואַנציק יאָר זענען מיר נישט גאָענטער געוואָרן.

☆

און אָט רעדט טאַבענקין, דער גרייז־גרויער אידעאָלאָג פון קיבוץ המאוחד און רבי פון גאַנצע דורות חלוצישער יוגנט. ער רעדט קודם כל וועגן דעם וואָס ס׳איז אויפגעטאָן געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט, פון דער פיל פּאַרטייאישקייט (טראָץ דעם אָדער גאָר אפשר צוליב דעם). ער פאַר־גלייכט אונדזערע דערגרייכונגען מיט דעם קריזיס פון דער אַסימילאַטאָרי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און צוזאַמענברוך פון קאָמוניזם. איידער מען רעדט פון איינהייט פון ראָם, דאַרף מען זיך פאַרשטיין וועגן דער אַחדות פון תוכן און ער רעכנט אויס אַ ריי פאָדערונגען: ווערטן פון גלייכקייט און נישט פון מעמד, ערד אַלס יסוד פון אַרבעט און נישט פון ספּעקולאַציע

אא״ו, אא״ו. ער דערמאָנט אויך וועגן טיילן פון בערלס תורה וואָס זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן: די גאַנצקייט פון לאַנד, דאָס איבערגעבן פון דער אַרבעטער־דערציונגס־נעץ. ס׳איז פּאָלעמיק, אָבער גלייכצייטיק אַ מין פאַרענטפערן זיך.

וועגן ענין אַרבעטער־פאַראייניקונג רעדט ער נישט דירעקט, אָבער עס קלינגט מאָדנע און פאַרפירעריש זיין לאָזונג: „איינהייט אין פאַר־שיידנקייט״. עס דערמאָנט חיים ווייצמאַנס באַרימט ווערטל וועגן „וואַרע־מען פראָסט״.

מאיר יערי, דער לאַנג־יאָריקער פירער פון „השומר הצעיר״־מפ״ם, גייט אַרויס בכבוד פון אַ נישט־באַקוועמער לאַגע. עס רעדט איינער פון די הויפּט־אָפּאָנענטן פון בערל קאַצענעלסאָן. ער דערמאָנט עס טאַקע און דערציילט, ווי מען האָט אים איינגעלאַדן נאָך בערלס פּטירה אין אַרבעט־צימער פון דוד רמז ז״ל, צו אַ באַשיידענער אַזכרה. ער האָט דאָרט פאַר־געזעצט זיין „ביטערן שמועס״. נאָך דעם גיט ער אָפּ כבוד דעם פאַר־פאַרשטאָרבענעם אַלס איינעם פון די וואָס זענען געקומען פון די ישיבות און אַרויפגעוואָרפן זייער אויטאָריטעט אויף פּראָפעסאָרן, אָט די גראַדואַנטן פון דעם „אוניווערסיטעט פון חזון״.

כבוד באַזונדער און איינהייט אַ באַזונדער זאַך. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט מאיר יערי געפאָדערט די רעכט און די זעלבסטבאַשטימונג פון די יונגע כוחות פון דער דריטער עליה. ער האָט זיך אָנגענומען די עוולה פון דער יוגנט־באַוועגונג און געפאָדערט די מזרח־וואַנט צוזאַמען מיט די וועטעראַנען און וועגווייזערס פון דער צווייטער עליה. היינט איז עס די זעלבע ווערסיע: ער וויל נישט, אַז די איינהייט זאָל פאָרקומען אויפן יסוד פון כניעה פון די מינדערהייטן צו דער מערהייט־פּאַרטיי. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט...

✩

שפּעטער אָוונט. ווייסע העמדער אויף פאַרברוינטע העלדזער. בלויע לעגענדע פון כנרת. הונדערטער ניואַנסן פון פאַרבן אויף די אַרומרינגלענ־דיקע בערג. אין דער טיפער שטילקייט ווערן אַלע 5 טויזנט איין מענטש,

אײן שטיק גאַנצקײט, אַ פֿאַראײניקטע מחנה אין דער הײסער ישׂראל־נאַכט צװישן ים און באַרג און עס לאָזט נישט אָפּ די פֿראַגע װאָס עס פֿרעגט דער גרױסער בערל: אױב צוזאַמען, פֿאַר װאָס אַלײן? אױב אַזױ פֿאַראײניקט, פֿאַר װאָס באַזונדער?

1964

דער וועג פון דער ישראלדיקער אַרבעט־פּאַרטיי

א

ווי ווייט איז שוין די גרויסע אַרבעטער־פּאַרטיי פּאַראייניקט ? ווי אַנטוויקלט זיך דער פּראָצעס פון דער צוזאַמענשמעלצונג פון די דריי פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך פּאַראייניקט דעם 21־טן יאַנואַר 1967 ? מען קען זאָגן, אַז די ענינים זעען אויס אַ סך בעסער, ווי מיר האָבן דערוואַרט און ערגער, ווי מיר וואָלטן געוואָלט.

אָט איז אַ סך־הכּל פון די קנאַפּע עטלעכע חדשים : די פירנדיקע לאַנד־ און לאָקאַלע אָרגאַנען, וועלכע זענען פאָרמעל צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון דער פּאַראייניקונג, פונקציאָנירן רעגלמעסיק און נעמען אָן בינדנדיקע באַשלוסן מיט נישט אָפּרעגלעכער אויטאָריטעט ; עס זענען געפאַלן ערנסטע באַשלוסן וועגן אַנטשיידנדיקע ענינים (דירעקטע וואַלן פון בירגערמייסטערס, געהיימע אָפּשטימונג, לויטן פּאַרלאַנג פון 30% פון אָנוועזנדיקע אויף די זיצונגען, מיטגלידערשאַפט אין דער הסתדרות אַלס תנאי פון אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי, דער כאַראַקטער פון דער פּאַר־וואַלן־קאָנפערענץ אין 1969 און פון דעם רעגולערן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין 1970). אַ דאַנק דער פּאַראייניקונג איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין דער פינאַנסירונג פון דער פּאַרטיי, דורך אַ פּאָליטישן אָפּמאַך אין דעם הסתדרות־שטייער, איינשליסנדיק די מעגלעכקייט פון אַ דעקלאַרירטן אָפּזאָג, און עס ווייזן זיך אויפן האָריזאָנט ערשטע פּרוּוון פון אַן ענדערונג אינעם וואַלסיסטעם.

דער פאַקט, וואָס אָט די אַלע אַנטשיידונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן נאָך העפטיקע און אַפילוליידנשאַפטלעכע וויכּוחים, וועלכע זענען שטאַרק — אפשר אַ ביסל צו שטאַרק — פּובליצירט געוואָרן דורך דער

פּרעסע, פאַרגרעסערט נאָך זייער וואָג און באַדייטונג. אַלץ איז פאַרגעקומען אין העלן און שאַרפן זונשיין. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס כלפּי חוץ, אין דער כנסת, אין די שטאַט־פאַרוואַלטונגען, אין דער הסתדרות און אין אַנדערע עפנטלעכע אָרגאַניזאַציעס איז מפלגת־העבודה אַ פאַראייניקטער כוח כמעט אָן וועלכן עס איז דיסציפּלין־ברוך אָדער אָפּווייכונג. אין לעצטן סך־הכל איז דאָס דאָס כאַראַקטעריסטישע און באַשטייענדיקע אין אַ פּאָליטישער באַוועגונג, ווי מיר זאָגן עס אין ישראל: „פרייהייט פון מיינונגען בעת דעם וויכוח — און איינהייטלעכקייט אין האַנדלונג״.

פון דער צווייטער זייט אָבער, קענען נאָר נאַיווע גלויבן, אַז אַן אמת צוזאַמענגיסן זיך קען פאָרקומען מיטן בלויזן כוח פון פאָרמעלע באַשלוסן. אין דער גאַנצער וועלט און בפרט ביי אונדז איז „מיזוג המפלגות״ אַ לאַנגזאַמער און פיינלעכער פּראָצעס. מיר זענען נאָך ווייט פון פאַראייניקונג אין דער באַזע, אין די סניפים און מכל שכן אין די שורות פון דער מיטגלידערשאַפט. די דריי געוועזענע פּאַרטייען האַלטן נאָך אָפּ באַזונדערע באַראַטונגען אין אַפילו נישט אָפיציעלע ראַמען, זענען מקפּיד אויפן „פּראָצענט״ אין דער פאַרטרעטערשאַפט און האַנדלען ווי אַ קאָלעקטיוו. די פּאַרטיי זעט אָפט מאָל אויס ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע, אָדער ווי אַ פעדעראַטיווע מוטערפּאַרטיי. בקיצור: מען איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך, אָבער ס'איז נאָך אַלץ דער אָנהייב פון וועג. איין זאַך איז זיכער: ס'איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק. ווער ס'וועט פּרוּוון צוריקדרייען דעם ראָד, וועט פּאָליטיש ברעכן האַלדז און נאַקן.

ב

עס איז נאַטירלעך, אַז אין די ערשטע חדשים פון איר עקזיסטענץ, זאָל די פּאַרטיי עוסק זיין מיט פראַגן פון בוי און געבוי, סטרוקטור און כללים פון אינערלעכן לעבן. אין דעם גרויסן אימפּעט און אומגעדולד צו פאַראייניקונג, ווי אַ רעזולטאַט נאָכן זעקסטאָגיקן אויפבּרויז, האָט מען זיך באַנוגנט מיט אַן אַלגעמיינער פאַרשטענדיקונג, געלאָזט אַ סך זאַכן נישט דערזאָרגט און איבערגעלאָזט קאָמפּליצירטע און דעליקאַטע פראַגן פאַר דער באַטראַכטונג און באַשלוס פונעם פאַראייניקטן מרכז (צענטראַל־

קאָמיטעט). אין דעם איז געלעגן אַ סך פּראַקטישע חכמה; עס איז אַ סך לייכטער צו באַשליסן וועגן ענינים נאָך דער פאַראייניקונג, ווי פאַר איר, ווען יעדער צד איז חתנס־צד און קען מבטל מאַכן די תנאים. מען האָט זיך נישט געדונגען, למשל, וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון צענטראַלע אָרגאַנען און אָנגענומען אַ ליבעראַלן און לויזן שליסל. אויך אַנדערע ענינים, ווי למשל, דער אופן פון וויילן און געוויילט צו ווערן אין דער פּאַרטיי גופא און אין איר נאָמען, זענען באַטראַכט געוואָרן כמעט באַלד נאָך דער פאַראייניקונג. מען האָט דאָ געמוזט האַנדלען פאָרזיכטיק און געדולדיק, און אין דער זעלבער צייט שנעל און אַנטשיידנדיק. פון איין זייט טאָר מען נישט שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פונעם צאַרטן ניי־געבוירענעם, פון דער צווייטער זייט אָבער פאַרלאַנגט דער פּאָליטישער און זיכערקייט־מצב אין ישראל און די נאָענטקייט פון די פּאַרלאַמענט־שטאַט־ראַטן־ און הסתדרות־וואַלן אַ קאָנסאָלידירטע און פעסט אָרגאַניזירטע פּאַרטיי. מ׳מוז בכן אויפנעמען איין פראַגע נאָך דער אַנדערער און זי שנעל לייזן. מען ריזיקירט דורך דעם איבעריקע שפּאַנונג, אַפּטע, אמתע און קינסטלעך אויפגעבלאָזענע קריזיסן, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין ברירה.

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן די שוין אָנגענומענע באַשלוסן. מען מעג האָבן ספקות וועגן דער צוועקמעסיקייט, געזעלשאַפטלעכער מאָראַלישקייט און אַפילו דעמאָקראַטישקייט פון געהיימע אָפּשטימונגען כמעט אויטאָמאַטיש אין אַלע וויכטיקע פראַגן. אויסערלעך זעט עס אויס ווי אַבסאָלוטע דעמאָ־קראַטיע. אָבער ווי אַ סך גוטע זאַכן, קען אויך אָט די פּראָצעדור לייכט מיסגעברויכט ווערן. עס מאַכט אוממעגלעך אַן אָפֿענעם אידעיִשן געראַנגל און עפנט דעם וועג פאַר נישט כשרע קנוניות. אָבער אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן און מ׳דאַרף אָננעמען דעם דין. עס איז אַ מערקווירדיקער ספּעק־טאַקל ווי אַזוי קנאַפּע 500 מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט שטימען דורך צעטלען אין פאַרמאַכטע אורנעס. קיינער קען קיין טענות נישט האָבן, זיכער נישט די חסידים פון דער שיטה, וואָס זענען אָפּט מאָל אירע קרבנות.

דער באַשלוס וועגן די פּאַרטיי־קאָנפערענצן אין 1969 און 1970 איז אַ פּרוּוו פון האַרמאָניע צווישן דער זאָרג פאַר אמתער פאַראייניקונג און דעם גערעכטן פּרינציפּ פון דירעקטע וואַלן פון עסקנים און פּירערשאַפט. ס׳איז

קלאָר, אַז אינערלעכע וואַלן אַ יאָר נאָך דער פּאַראייניקונג, וואָלטן אַריינגע־וואָרפן די פּאַרטיי אין קאָכקעסל פון צווישן־פראַקציאָנעלע מחלוקתן, וואָלטן אפשר אָפּגעווישט ווערטפולע כוחות פון די ניי־צוגעקומענע פּאַרטייען און אָפּגעשוואַכט די באַוועגונג ערב די וואַלן צו דער כנסת, אין וועלכע זי האָט צום ערשטן מאָל די אויסזיכט צו שאַפן אַן אַבסאָלוטע מערהייט.

פון דער צווייטער זייט אָבער קען נישט אַ דעמאָקראַטישע מאַסן־פּאַרטיי ווי אונדזערע מוותר זיין אויפן פּרינציפּ פון אַלגעמיינע דעמאָקראַ־טישע וואַלן. עס האַנדלט זיך וועגן אַ מחנה פון אַ פערטל מיליאָן מענטשן. אַזוי ווי ס׳וועט אויסזען די פּאַראייניקטע פּאַרטיי, וועט אויך אויסזען די מדינה. אינערלעכע וואַלן ביי אונדז באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס דעם סיסטעם, דעם וועג און די פּאָליטיק פון דער מדינה און איר פירערשאַפט סיי פּאָליטיש, סיי פּערזענלעך. מען קען נישט פּרעדיקן דעמאָקראַטיע „אין דרויסן״ און נאָמינירן „אינעווייניק״.

איז דעריבער גוט, וואָס מ׳האָט באַצייטנס באַשטימט, אַז די קאָפערענץ אין 1970 זאָל זיין אַ דעמאָקראַטיש־געווײלטע. ס׳איז זיכער נישט צו פרי.

ג

ס׳וואָלט געווען איבערפלאַכלעך צו מיינען, אַז דאָס אַלץ זענען בלויז „ריין אָרגאַניזאַטאָרישע ענינים״. די געשיכטע ווייזט, אַז אונטער אָרגאַני־זאַטאָרישע חילוקי דעות פאַרבאַהאַלטן זיך טיפע אידעאָלאָגישע און פּאָלי־טישע פּאַרמעסטן. אָפּיציעל האָט זיך די פרע־רעוואָלוציאָנערע רוסישע באַוועגונג געשפּאָלטן צוליב אַ מחלוקת וועגן געבוי פון דער פּאַרטיי. מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָט זיך די פּאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל טראַגיש צעטיילט צוליב כלומרשט אָרגאַניזאַציאָנעלע מיינונג־פאַרשידנהייטן.

אויך די איצטיקע אָרגאַניזאַטאָרישע וויכוחים אין דער ישראלדיקער אַרבעט־פּאַרטיי שפּיגלען אָפּ גרויסע היסטאָרישע גערעַנגלען פון המשך, אידעאָלאָגיע און פירערשאַפט. עס איז אַ קאָנפראָנטאַציע פון כוחות. מיר ווילן נישט זינדיקן מיט סכעמאַטישע, סימפּליסטישע פּאַראַלגעמיינערונגען. אָבער ס׳איז קלאָר, אַז אין דער אַרבעט־פּאַרטיי מערקן זיך צוויי שטראָמען:

די, וואָס ווילן ממשיך זיין דעם היסטאָרישן וועג פון דער אַרבעטערשאַפט, סיי אין אירע הויפּט־פּרינציפּן און דאָס באַזונדערע ישׂראלדיקע, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, (אַ שטאַרקע פאַרשידנגעשטאַלטיקע אַרבעטער־באַוועגונג, הסתדרות, חלוצישע יוגנט־באַוועגונג, געטריישאַפט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג) און די, וואָס ווילן זיך „צופּאַסן" צו אונדזער „טעכנאָלאָגישער תקופה". פון גרויס אייפער צו זיין מאָדערן און היינט־וועלטיק זענען זיי גרייט צו פאַרוואַרפן נישט ווייניק היסטאָרישע ווערטן. דאָס זענען די קרייזן, וואָס רעדן אין נאָמען פון יונגע, פאַרבייטנדיק אָפט מאָל ביאָלאָגיע מיט אידעאָלאָגיע. דאָס זענען קרייזן, וואָס זענען פרעמד, אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון די אַלטע קוואַלן און שטעלן אַלץ אויף „מלוכה" און „מלוכישקייט". ווי געזאָגט, דאַרף מען זיך אָפּהיטן פון עקסטרעמע צעטיילונגען אויף שוואַרץ און ווייס. עס זענען דאָ ניואַנסן און פאַרשידנ־הייטן אינערהאַלב די אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען; אָבער אין תוך גענומען איז דאָס דער סלע המחלוקת. אַפילו דער אַמביציעזער פאַרמעסט פאַר דער אָנפירונג דאַרף אַזוי פאַרשטאַנען ווערן. סיידן, חלילה, מיר זאָלן גלויבן, אַז די רייד וועגן ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער אָנפירונג זענען נישט מער ווי פּשוטער קאַריעריזם. מיר שליסן אויס די דאָזיקע מעגלעכקייט, כאָטש מיר ווייסן, אַז אַלע מענטשן, און די מיטגלידער פון דער אַרבעט־פּאַרטיי בתוכם, זענען שטערבלעכע באַשעפענישן מיט בשׂר־ודמדיקע שוואַכ־קייטן און יצר הרעס פאַר פּרעסטיזש, איינפלוס און מאַכט.

ד

אין דער לעצטער דעבאַטע וועגן אַ מערך מיט מפּ"ם קומען צום אויסדרוק די וואָגלענישן פון דער פּאַרטיי אויף אַלע געביטן: פּאָליטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאָלאָגישע.

ווי זאָגט שעקספּיר: „עס געשעען זאַכן, וועגן וועלכע אונדזערע פילאָ־זאָפן האָבן נישט געחלומט". צענדליקער יאָרן איז „השומר הצעיר" אָדער מפּ"ם געווען דער אידעישער אָפּאָנענט פון דער היסטאָרישער מפּא"י און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מחנה, וואָס האָט זיך פאַרפאַנצערט אין אירע שטעלונגען און איינשטעלונגען און האָט נאָך פון בערל קאַצענעלסאָנס

צייטן קנאהדיק אָפּגעוואָרפן יעדן פּרווו פון פאַראייניקונג. מיר האָבן פאַר אונדז אַ שבט, וואָס האָט דאָגמאַטיש געקעמפט פאַר יעדער שורה און אות פון זיין „אידעאָלאָגישער פּלאַטפאָרם“, אַ פּאָליטישע ריכטונג מיט אַ פּסי־כאָלאָגיע פון אַ יוגנט־באַוועגונג, איינערדעבישן פון אַן אַוואַנגאַרד און געפּערלעכע פּראַקטיק פון „געדאַנקלעכן קאָלעקטיוויזם“. און אַט קומט די זעלבע באַוועגונג, אין רעזולטאַט פון אַן אויפריכטיקער, ערנסטער און טרויעריקער אויפטרייסלונג און אויסניכטערונג, און לייגט אונדז פאַר אַ מערך. צי קען מען אָפּוואַרפן אַט די אויסגעשטרעקטע האַנט? צי קען מען אַדורכלאָזן אָט די אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט? צי קען מען אַריינטרייבן אָט די ווערטפולע מחנה אין אַ פאַרביטערטער פאַרשטייפונג אָדער אינערלעכער צעפאַלונג?

טראָץ אַלע אירע גרויסע פעלערן און טעותים (די טעזע פון לאָיאַליטעט און טריישאַפט צו סאָוויעט־רוסלאַנד, די טעאָרעטישע קעגנערשאַפט צו אַ יידישער מדינה, און דבורים וועגן אַ בינאַציאָנאַלן שטאַט, דעקלאַראַטיווער פּאַציפיזם און דאָס אָפטע אונטערזינדיקן מיט סאָציאַלער דעמאַגאָגיע) איז מפ״ם פלייש פון אונדזער פלייש און בלוט פון אונדזער בלוט. זיי האָבן אָפט שלעכט גערעדט און גוט געטאָן. זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַלע עקזאַמענס אין דער „הגנה“ און אין דער אַרמיי, אין דער אַרבעטער־ווירטשאַפט און אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע אין גלות, אין לאָיאַליטעט צו דער הסתדרות און צו אירע אינסטיטוציעס. די אַלע מצוות האָבן זיי מקיים געווען נישט ווייניקער פרום ווי מיר.

די צייט איז נאָך נישט רייף פאַר אַ פולער פאַראייניקונג, וואָס וואָלט געווען מעכאַניש און „נישט דערבאַקן“. אָבער ס׳איז נישטאָ קיין מניעה פאַר אַ מערך. אסור, אויב ס׳וועט אונדז אַרן, אויב ס׳וועט צוקומען אַן אַנדער סאָציאַליסטישע איינשטעלונג אין אונדזער באַוועגונג. דאָס וועט בלויז אינטעלעקטועל אויפלעבן אונדזערע שורות און אַנטשיידן וועט במילא די מערהייט.

ס׳לוינט נישט צו פאַרלירן אַ סך ווערטער וועגן דעם, לויט אונדזער מיינונג, פונאַנדערגעבלאָזענעם ענין פון עטלעכע הונדערט אַראַבישע מיט־גלידער אין מפ״ם און אַן אַראַבישן קאַנדידאַט אויף דער מערך־ליסטע צו דער כנסת. צוליב דעם לוינט זיך נישט צו פאַרטאַכליעווען אַזאַ גרויסן ענין

און דאָס וואָלט אויך פֿאַר דער וועלט געווען אַ גרויסע נאַרישקייט, נישט אין דעם ליגט דער שווערפּונקט פֿון אַראַבישן פּראָבלעם אין ישראל און אויפֿן נאָענטן מזרח.

מיר שטייען פֿאַר גאַר גורלדיקע פּאָליטישע באַשלוסן, וועלכע וועלן קומען פֿריער אָדער שפּעטער. לאָמיר זיי אָננעמען צוזאַמען מיט די מפּ״ם־חברים און נישט אָן זיי און אפֿשר קעגן זיי. די צייט פֿאַר אַן אויסגעבריי־טערטער פּאָליטישער באַוועגונג איז צו אונדז געקומען מיט אַ כמעט ניסימ־דיקער שנעלקייט און די ישראלדיקע אַרבעט־פּאַרטיי ווערט דערהערן איר רוף.

1968

ווען אונדז אַליין

אין משך פון די פיר חדשים פון אויגוסט ביז נאָוועמבער, איז אונדז אויסגעקומען דורכצופירן אַן אויפקלערונג־שליחות אין אַ ריי לענדער און זיך באַגעגענען פנים אל פנים אין צענדליקער שטעט מיט אונדזער באַוועגונג.

מיר ווילן זיך דאָ טיילן מיט אייניקע איינדרוקן וועגן דעם פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד פון די פּאַרטייען אין אַרגענטינע, אורוגוואַי, מעקסיקאַ, קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר פּרעטענדירן נישט צו געבן אַן אַלזייטיק בילד און זיכער נישט קיין סך הכל. ווי געזאָגט, זענען עס אַלגעמיינע און, וואַרשיינלעך, באַקאַנטע איינדרוקן וואָס זייער באַדייט איז אין דער פרישקייט און אוממיטלבאַרקייט פון לעבעדיקן קאָנטאַקט.

די באַוועגונג לעבט אונטערן צייכן פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס פּאַסירט אין יידישן לעבן.

אין אַרגענטינע איז די דאָזיקע אחריות אַ פּאַקטישע און אַ ממשותדיק־אַקטועלע. די פּאַרטיי שטייט אין שפּיץ און אין סאַמע האַרץ פון ישוב. זי איז נומעריש דער גרעסטער פּאָליטישער כוח אין אים. אירע חברים פירן אָן מיט די צענטראַלע, פּאָליטישע, קהילה־ און חינוך־אינסטיטוציעס, זי איז די טאָן־געבערין אין קולטור־לעבן און זי נעמט אָן די באַשלוסן, וואָס באַווירקן דעם גורל פון דעם קיבוץ און דעם באַוווסטזיניקן גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, ווערן די דערגרייכונגען נישט אַלע מאָל צוגעשריבן צו איר זכות, אָבער אַלע שווערע פּראָבלעמען, דורכפאַלן און פורעניותן ווערן פאַרשריבן אויף איר חשבון. זי איז דער אַדרעס פאַר קריטיק אויף דער שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, קליינע עליה און מאַראַליש־נעגאַטיווע דערשיינונגען אין ישוב, קעגן וועלכע

מ׳האָט נישט רעאַגירט אין צייט און אין דער פולער מאָס. דאָס איז דער פרייז וואָס מען צאָלט פאַר מאַכט (אויב אַזאַ זאַך עקזיסטירט אין גלות).

אויך אין קאַנאַדע געפינט זיך אונדזער באַוועגונג צווישן די צענטראַלע באַשטימענדיקע כּוחות פון דעם אינטערעסאַנטן נאַציאָנאַלן ישוב. טראָץ אירע סטרוקטוראַל־אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייטן איז זי, אָן שום ספק, דער גרעסטער ציוניסטישער כּוח און אַ פאַקטאָר אין חינוך און אין קולטור־לעבן, לכל הפּחות אין דעם נישט רעליגיעזן סעקטאָר.

אָבער אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו די באַוועגונג איז רעלאַטיוו שוואַך אין כּמות און איינפלוס און זעט אויס אָפט מאָל צו פירן אַ מאַרגינאַלע עקזיסטענץ, אַפילו דאָרטן פילט אונדזער מחנה אידעאָלאָגיש און פּערזענלעך אַז זי איז שולדיק אַ דין וחשבון פאַר די גוואַלדיקע יוירונגען, פּאַסירונגען און אָריענטאַציע פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום.

ס׳ליגט אין דעם נישט קיין שפּור פון אָנשטעל און פּרעטענסיע. די עצם אידענטיפיקאַציע מיט דער ישׂראלדיקער אַרבעטערשאַפט און דער מעכטיקער שוועסטער־פּאַרטיי (מפלגת העבודה הישׂראלית), דער פּאַרנעם און די טיפקייט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע גיבן איר אַ געפיל פון חשיבות. דערצו איז די באַוועגונג אידעאָלאָגיש און היסטאָריש אַ פילבאַרער סייסמאָגראַף פאַר אַלע שינויים און ווענדונגען אין דער יידישער מערכה. דאָס איז איר מהות, איר מקור פון שוואַכקייט און כּוח. זי קען, פּשוט, נישט זיין אַן אָרגאַניזאַציע ווי אַנדערע און זיך באַנוגענען מיט מעשׂים טובים, פּראָיעקטן און אָרגאַניזאַציאָנעלער רוטין.

אין אָנבליק פון דעם אַלעמען ווערט בולטער איר אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייט און פאַרוויקלטער איר פּראָבלעמאַטיק. עס ווערן פאַרשטענדלעך די געפילן פון פרוסטראַציע וואָס באַהערשן גרויסע טיילן פון דער באַוועגונג און נעמען אָן די פאָרם פון מידקייט און אָנמאַכט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייט פון דער באַוועגונג זעט אויס צו זיין אומדערקלערבאַר. אין תּוך גענומען האָט די באַוועגונג געזיגט אויף אַלע פראָנטן, זי און איר היסטאָרישער משפט זענען געוווען גערעכט, אַלע אירע פאָרויסזעונגען און פּראָגנאָזן זענען צום גליק, און אָפט מאָל צום גרויסן באַדויערן, מקויים געוואָרן. אַזאַ מצב פון אָנמאַכט איז נאַטירלעך ביי די בידנע רעשטלעך פון „בונד" און יידישן קאָמוניסטישן לאַגער, אָבער

ביי אונדז? נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, נאָך צענדליקער יאָרן פון דער־פאָלגרייכער פירערשאַפט און העגעמאָניע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער מחנה?

עס איז צום שטוינען ווי אַזוי אַנדערע האָבן איבערגענומען אונדזערע אידעען און לאָזונגען און געוואָרן דורך זיי שטאַרק און פּאָפּולער (חינוך, דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פון יידישן לעבן) און מיר זענען פאַרבליבן אין די זייטן־סטעזשקעס.

אפילו איצט איז דער אַרבעטער־ציוניזם אידעיש און פּראַגראַמאַטיש דאָס איינציקע וואָס קען אַפּעלירן צו דער ראַדיקאַלער, אומרויקער יידישער יוגנט, צו דעם היינטצייטיקן נאַציאָנאַל געשטימטן יידישן אינטעליגענט, צום פאָלקס־מענטש וואָס זוכט פרייד און אינהאַלט אין זיין לעבן. טאָ פאַרוואָס־זשע ווערט עס נישט איבערגעזעצט אין לשון פון כוח, איינפלוס און פירערשאַפט?

אָוודאי זענען פאַר דעם פאַראַן סיבות. די סיבות זענען טאַקע גאַנץ לאָגישע און זיי דערקלערן. זיי ענטפערן אָבער נישט און פאַרענטפערן נישט די היסטאָרישע דילעמע. קען זיין, אַז די סיבה פון דער נומערישער שוואַכקייט איז גראָד די אַלזייטיקייט פון אונדזער פּראָגראַם און דאָס צעטרענצלען די כוחות אין פאַרשידענע ריכטונגען. דער אונטערשייד צווישן אונדז און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס איז, וואָס יענע גרופּירן אַ סך מענטשן אַרום ווייניק ענינים און פּראָיעקטן, בעת מיר זענען פאַרשלונגען אין אַ סך טעטיקייטן מיט ווייניק מענטשן.

די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן די „בני ברית", למשל, האָט געבויט און זיך אויפגעבויט אַ דאַנק די הלל־אינסטיטוציעס און דעם קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. ביי אונדז זענען דאָס בלויז קליינע טיילן, אויך נישט די סאַמע עיקרדיקע, אין אונדזער אינ־טערעסן־קרייז.

יחידיש געצומען איז דער מענטש פון אונדזער באַוועגונג דער פיל־באַרסטער, אַקטיווסטער. אָבער דער קאָלעקטיוו פאַרלירט זיך אונטער דער מאַסע פון זאָרגן און ענינים, וועלכע ער קען נישט און טאָר נישט פאַרלאָזן, ווייל אַלע זענען אַ טייל פון דער דעליקאַטער און קאָמפּליצירטער וועלט־אַנשויאונג.

פון דעם דרינגט אויך אַרויס, אַז דאָס בעסטע און ווערטפולסטע פון אונדזער מענטשן־מאַטעריאַל האָבן מיר „אויסגעבאָרגט“. פאַר אַלגעמיינע יידישע און ציוניסטישע אויפגאַבן און אינסטיטוציעס. מיר זענען, אַזוי צו זאָגן, אומעטום דאָ, אָבער אויפן חשבון פון דער אייגענער משפחה, ס'איז אַ קלאַסישער ביישפיל פון כרמי שלי לא נטרתי.

אפשר צוליב איר ערנסטער באַציונג צו אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם, וואָס האָט זיך אָפט געגרענעצט מיט דאָגמאַטישקייט און שטייפקייט, איז דער דיאַלאָג מיט די נאָכוווקס־עלעמענטן געווען שווערער ווי אומעטום. לאַנגע יאָרן האָבן מיר געשאַפן אַן איינדרוק פון אַ שבט, וואָס לעבט מיט זכות־אבות און מיט נאָסטאַלגיע צו אַמאָליקע גוטע צייטן. איר האָט געקענט זען אַן אויסטערלישן דעמאָגראַפישן צוזאַמענשטעל פון דער מיטגלידער־שאַפט: די צאָלרייכע זיידעס פון איין זייט און די ווייניקע אייניקלעך פון דער אַנדערער. די טאַטעס זענען ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן, און זיי טראָגן דאָך דעם יאָך און זענען דער רוקנביין פון דער געזעלשאַפט. דאָס בילד ענדערט זיך לאַנגזאַם און די יונגע־מיטליעריקע נעמען איבער דעם רודער אין דער באַוועגונג. אָבער אַ ביסל צו שפּעט און אָפט מאָל צו רעשיק און אָן אַ געהעריקער צוגרייטונג.

פיל טיפער און ערנסטער זענען די מאָראַלישע סתירות. דאָס וואָס איריטירט און דערווייטערט פון אונדז די ערנסטע יוגנט, דאָס איז די סתירה צווישן אידעאָלאָגיע און מעשים, צווישן פּרינציפּן און מצוות מעשיות.

אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט כמעט נישט קיין אַרבעטער אין אירע שורות.

אַ טיף־יידישלעכע באַוועגונג, וואָס באַנוגנט זיך מיט דעקלאַראַטיווער יידישקייט, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב אין פּערזענלעכן לעבן, אַ באַוועגונג וואָס איז אַוועק פון אַלטן נוסח און נישט געשאַפן קיין נייע סימבאָלן און פירעכצן.

אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס נעמט כמעט נישט קיין אַנטייל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן, אַ חוץ קליינע אויסנאַמען. און אָפט איז זי געצוווּנגען, צוליב יידישער פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיך צו קלאַמערן אין דעם רעאַקציאָנערן סטאַטוס־קוואָ.

אָבער, ווי געזאָגט, קען דאָ ראַציאָנאַליזאַציע וויניק וואָס העלפן. דער אינסטינקט פון לעבן איז שטאַרקער. ביי אונדזערע חברים הערשט דאָס געפיל, אַז די באַוועגונג איז איצט נייטיקער ווי ווען עס איז און אַז זי מוז זיך אַדורכרייסן צום דרך המלך.

עס זענען דאָ סימנים פון ענדערונגען, וואָס זאָגן אָן אַ נייע תקופה.

אין אַלע פּאַרטייען וואָס מיר האָבן באַזוכט קומט פאָר אַן ענדערונג אין דער פירערשאַפט, וואָס גייט אַריבער אין הענט פון נייע, פרישע און יונגע עלעמענטן.

אין אַרגענטינע באַשטייט כמעט די גאַנצע עקזעקוטיווע פון יונגוואַרג. מ׳האָט דאָ דורכגעפירט כמעט אַ כירורגישע אָפּעראַציע. אַוודאי האָט אין דעם געשטעקט אַ ריזיקע און ס׳האָט זיך פאַרלאַנגט אַ סך טאַקט און פאַר־שטענדעניש פון דער „אַלטער גוואַרדיע״, וואָס איז נאָך, אגב, אין פולן כוח און שוווּנג.

מיר האָבן אָנטיילגענומען אין זיצונגען און נישט באַמערקט קיין ירידה וואָס שייך ערנסטקייט, ניווא און ישוב הדעת. אַלנפאַלס, נישט אין דער „פאַריינגערונג״ ליגן די שוועריקייטן פון דער באַוועגונג און נישט זי איז די סיבה פון דעם קריזיס. און אַז מ׳מאַכט טעותן איז אויך נישט קיין אומגליק. ס׳פאַרבלייבן גענוג יאָרן זיי צו פאַרריכטן.

אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַשטייט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון יונגע אינטעלעקטואַלן, דערציערס און עסקנים. כ׳האָב זעלטן ווען געזען אַזאַ קאָנצענטראַציע פון פּרעכטיקן מענטשן־מאַטעריאַל. קוואַליטאַטיוו גערעדט, קען זיך קיין שום אַנדער באַוועגונג מיט אונדז נישט פאַרגלייכן. אַוודאי זענען דאָס דערוויל גענעראַלן מיט שיטערע אַרמייען. אָבער איך גלויב, אַז כ׳וועל נישט זינדיקן לגבי דער דעמאָקראַטיע, אויב כ׳וועל דערמאָנען דעם כלל גדול, אַז אין דער געשיכטע פון באַוועגונגען האָט דעצידירט די פאָרויסזעענדיקע און פאָרויסגייענדיקע עליטע. זי האָט געבראַכט, מיטגעריסן און באַוויגן די מאַסן — און נישט פאַרקערט.

אין דעם צערודערטן און אַ ביסל כאַאָטישן אורוגוואַי האָבן מיר זיך דערפרייט מיט אַ קליינער אָבער אויסגעצייכנטער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער יוגנט־גרופּע, וואָס פאַרמעסט זיך קעגן דער אָפּגעפרעמדקייט און קעגנערשאַפט אין סטודענטן־קאַמפּוס. אויב עס קענען זיין צענדליקער,

פאַרוואָס נישט הונדערטער און טויזנטער? און די גרופּע איז ווייט נישט די איינציקע.

צו אונדזער מחנה ציען זיך, אָפט מאָל ספּאָנטאַן און ספּאָראַדיש, דענקערס, ראַבאַיס, דערציערס און פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן. זיי קומען צו אונדז, אַזוי צו זאָגן, „פון זיך אַליין", זיי געפינען דעם וועג פון „דער טיף", אַזוי, למשל, ווי די יידיש־געשטימטע ראַדיקאַלע מיליטאַנטן האָבן „אַנטדעקט" ב. באָראָכאָוון, א. ד. גאָרדאָנען.

אין אַרגענטינע האָבן טויזנטער האַרציקע און פּשוטע עלטערן אין אונדזערע שולן זיך אָרגאַניזירט אין דער „הורים"־באַוועגונג. אָנגעהויבן טאַקע פון דעם סאַמע נאָענטסטן און קאָנקרעטסטן — פונעם חינוך פון זייערע קינדער, אָבער אינצווישן זענען זיי געוואָרן אַן אַדרעס, אַ ראַם, אַ גרויסער כוח אין רשות פון יידישע, ישראלדיקע און ציוניסטישע אויפגאַבן.

ס'זעט אויס, אַז ס'האָט זיך אויך אַ „ריר געטאָן" אויף דעם עליה־פראָנט. דאָס מאָל, האָף איך, וועלן מיר נישט „מיטשווימען" נאָר זיך אַריינוואַרפן און זיך שטעלן בראש פון דער גרויסער עליה, וואָס מוז זיך אָנהויבן אין אַ גרויסן פאַרנעם אין לאַטיין־אַמעריקע.

אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט עליה אַ היפשער און אָנגעזעע־נער ענין. דער פאַקט, וואָס אַזוי פיל משפחות פון אונדזערע פירנדיקע חברים (באַזונדערס אין דער מיטלשיכט) פּלאַנירן קאָנקרעט און בקרוב בימינו זייער עליה, וועט שטאַרקן אונדזער מחנה, באַפרייען זי פון מאָראַלישן קלעם און צביעותדיקן קיום.

פאַר אונדזערע פאַרטייען שטייען איצט אַ רייע אויפגאַבן:

1) פאַראייניקן די כוחות. אין איר דראַנג אַרומצונעמען די פאַרשידנסטע עלעמענטן, קרייזן און כוחות האָט אונדזער באַוועגונג די פּלוראַליסטישע שיטה און באַזונדערע, אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, קרייזן און אָרדנס (אין קאָמוניסטישן זשאַרגאָן האָט מען זיי גערופן פראָנט־אָרגאַ־ניזאַציעס). די דאָזיקע אָרגאַניזאַטאָרישע ליבעראַלקייט און עלאַסטישקייט איז פאַר זיך אַליין אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, ווי למשל: די משה שרת־קרייזן, די רינגעלבלום־אינסטיטוטן א. אַנד. ס'קומט אָבער אַ צייט, ווען ס'פאָדערט זיך אַ צונויפזאַמלונג, אַ קאָנצענטראַציע פון כוח, אַ פאַראייניקטער אינס־טרומענט.

אַט זעען מיר ווי אַ לעבנס־נויטיקייט די פאַראייניקונג פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי און דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע. דאָס וועט נישט נאָר ענדערן די טאָפּלטקייט פון מענטשן און פון מיטלען און שאַפן אַ גרויסן, פאַראייניקטן כוח. ס׳איז אויך נישט קיין ענין פון שכל הישר. פון אַט דער כמותדיקער צונויפגיסונג וועט געבוירן ווערן אַ נייע קוואַליטעט. די ברייטע, היפּשלעך פאַרעלטערטע כוחות פון דעם רייכן און גרויסן פאַר־באַנד וועלן זיך באַגעגענען מיט די ווייניקערע, אָבער פירערישע יונגע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי. ס׳וועלן זיך באַגעגענען צוויי וועלטן, וואָס יעדע איינע פון זיי איז ווערטפול און אינטערעסאַנט.

2) זיין דער רוח החיים אין דער אויפלעבונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און דער רוקביין פון די ציוניסטישע פעדעראַציעס, וואָס זענען אפשר דער לעצטער פּרוּוו צו פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם בפועל און נישט נאָר פינאַנציעל אין דעם פירנדיקן כוח פאַר ישראל און פאַר אַ פול און אינהאַלטרייך יידיש לעבן.

3) ממשיך זיין און פאַרטיפן די אידעאָלאָגישע טעטיקייט, וואָס איז אַנגעהויבן געוואָרן דורך אונדזער וועלט־סעקרעטאַריאַט סיי כלפּי פּנים פאַר דער דעראָבערונג פון דער יוגנט און סיי כלפּי חוץ אין געראַנגל מיט ערנסטע אָפּאָנענטן, צעטומלטע פריינד און לא כל שכן — ביטערע שונאים.

דאָס זענען אַלץ זאַכן „וואָס האָבן נישט קיין שיעור״ — אָבער „כנגד כולם״ — איז עליה דער סאַמע לעבנס־אָטעם פון אַלץ וואָס איז שעפעריש, דויערהאַפט און ליכטיק אין אונדזער לעבן.

1970

די אידעאָלאָגישע וועלט־קאָנפערענץ
פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג

אָנהויב יולי 1970 וועט אין בית־ברל פאָרקומען אַן אַלוועלטלעכער אידעאָלאָגישער צוזאַמענפאָר פון דער באַוועגונג. דער באַשלוס וועגן דעם איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ סך קווענקלענישן און אַפילו פּחד. ס׳איז אַ געוואַגטקייט פאַרבונדן מיט ריזיקע און שטרויכלונגען.

ס׳קען חלילה זיין „אַ צוזאַמענפאָר ווי אַלע" לויט דער נייער „אידעאָלאָגיע"־מאָדע, דאָס הייסט, אַ גייסטרייכער סימפּאָזיום, ווו דער עיקר איז דער אויסטויש פון מיינונגען, די קולטורעלע אַטמאָספערע, און וואָס פאַרשאַפט הנאה קודם כּל די אָנטיילנעמערס אַליין. ס׳קען אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין צוזאַמענפאָר וואָס איז מער לאָזונגען ווי לייזונגען, אויפקלערן ווי קלערן, און ווו מע געפינט אַ נייע פראַזעאָלאָגיע פאַר אַלטע ענינים. דאָס וואָס מיר ווילן אָבער איז אַ ווענדפונקט, ריכטליניעס, אַ מין באַוועגונגס־„שולחן ערוך".

די הצלחה פון דער קאָנפערענץ איז פאַר אַלעמען אָפּהענגיק פון איר צוזאַמענשטעל, פון דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ און אידעאישן באַגאַזש און נסיון פון די אָנטיילנעמערס. עס טאָר נישט זיין אַ צוזאַמענפאָר ווו פאַרשטייערס ווערן באַשטימט ווערן לויט זייער פּלאַץ אין דער פּאַרטיי־„היעראַרכיע", לויט זייערע אַמטן און חשיבות. פון דער אַנדערער זייט אָבער מוז די קאָנפערענץ פאַרמאָגן געוויס אויטאָריטעט, כדי אירע אויספירן זאָלן האָבן אַ וואָג, אַרויסרופן דרך ארץ און דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. עס מוזן דאָרטן דערשיינען נייע פּנימער (אַפילו נישט שטרענג פּאַרטייאיש גערעדט).

די קאָנפערענץ דאַרף אָבער נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין סעמינאַר, אין אַ מין אידעאָלאָגישן אולפּן אָדער אין אַ פאָרם פון דעם גוט־באַקאַנטן „געראַנגל צווישן דורות". די פראַגע איז נישט אַזוי ווי יונג

איז דער נייער מענטש, נאָר וואָס ברענגט ער עפּעס נייעס, ווי ברייט און טיף, ווי סאָליד און בויגזאַם איז זיין מחשבה.

דער צוזאַמענפאָר מוז אויך זאָרגפעליק און סיסטעמאַטיש צוגעגרייט ווערן. ער טאָר נישט אָנהויבן פון זיך אַליין. יעדע טעזע דאַרף דורכגעשטודירט ווערן און יעדע הנחה דורכגעטראַכט און באַגרינדעט ווערן. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן אידעיִשן מאַניפעסט, וואָס רעדט טאַקע דעם לשון פון אַקטואַליטעט, אָבער איז געווענדט צו דורות. ס׳דאַרפן פאָרקומען פאָר־קאָנפערענצן אין די לענדער, שטודיום־גרופּעס, דעבאַטעס אין דער פּרעסע, מיט אַנדערע ווערטער, דער צוזאַמענפאָר דאַרף זיין אַ סך הכל און נישט אַ גייסטרייכע אימפּראָוויזאַציע.

אָבער די שוועריקייטן זענען נישט נאָר פון אָרגאַניזאַציאָנעלער נאַטור. עס איז דאָ אַ מורא פאַר דאָגמע אין דעפיניציעס. די קאָמפּליצירטקייט פון אונדזערווירקלעכקייט, די שוועריקייטן צו געפינען נוסחאות פאַר פליסנדיקע און שנעל געענדערטע סיטואַציעס, די באַקוועמלעכקייט פון פּראַגמאַטישן דענקען און די נאַטירלעכע נייגונג צו נעמען שטעלונגען צו לויפנדיקע ענינים לויט „שכל הישר” און פּרינציפּן — דאָס אַלץ שטייט אין וועג צו אַן אידעאָלאָגישער אַסיפה.

עס שטעלט זיך אויך די פראַגע ווי אַזוי איז מען אין אַזעלכע ענינים מחייב די באַוועגונג, אַפילו אין אַלגעמיינע ליניעס? ווי שאַפט מען אָפּ דעם תוהו ובוהו, ווי פאַרזיכערט מען אַן אָנשפּאַר פאַר אונדזערע אומרוען און זוכענישן?

ב

עס האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די יידישע ווירקלעכקייט אין גלות סיי געאָגראַפיש, סיי סאָציאַל־עקאָנאָמיש, סיי די גייסטיקע פיזאָנאָמיע און די פעיִקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן צענטראָפוגאַלע טענדענצן. מיר זענען אַ פאָלק וואָס האָט דערגרייכט עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, וואָס איז אינטעגרירט אין גייסטיקן לעבן פון די פעלקער און אין דער סאַמע עליטע.

אַלע באַגריפן זענען יסודותדיק די זעלבע, אָבער די שנעלע אַנטוויקלונגען מאַכן זיי קוואַליטאַטיוו און קוואַנטיטאַטיוו אַנדערש, אָפט מאָל נישט צו דערקענען.

בלויז אַ פּאָר ביישפּילן:

דער אַנטיסעמיטיזם האָט פאַרלוירן און נעמט נישט מער אָן דעם פיזישן און ברוטאַלן כאַראַקטער (כאָטש אויך נישט אַבסאָלוט), אָבער ווירקט נאָך אַלץ אָפט אַלס רעזולטאַט פון דער שאַפונג פון דער מדינה און אונטער דער מאַסקע פון אַנטי־ציוניזם. ער נעמט אָן אָפט מאָל אַ נייעם נוסח פון לינקער אידעאָלאָגיע.

אַסימילאַציע איז איצט נישט מער קיין באַוווסטזיניקער כוח אויף דער יידישער גאַס, אָבער איז פאַרברייטערט, נאַטירלעכער און קומט אַלס רעזולטאַט פון פאַקטישער אויסמישונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. נאָר מדינת ישראלס סאָציאַלע איזאָלאַציע, דער דורכפאַל פון דער פלוראַ־ליסטישער אילוזיע שטייען איר אין וועג.

אָבער דאָס איז נאָר צווייטראַנגיק צום פּשוטן געוואַלדיקן פאַקט: ס'איז אַ פאָלק מיט אַ מדינה, און די באַציונגען פון דער מדינה מיט יידן, מיט די לענדער אין וועלכע יידן זענען בירגערס, זענען געוואָרן אַן ערשט־ראַנגיקער אויסגאַנגספונקט און דער צענטער פון דער יידישער פּראָבלע־מאַטיק פון אונדזער דור.

עס איז אַן אַנדער ציוניזם. אַוודאי דאַרף מען דאָ נישט איבערחזרן זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן, אַז זיינע אויפגאַבעס האָבן זיך נישט געענדיקט, אַז ער איז נאָך אַלץ די באַוועגונג פון יידישער אויפלעבונג און דער קרעאַטיווער כוח אין די יידישע ישובים. אָבער ווער עס פּרווט אים צו באַגרינדן אויף באַגריפן און יסודות פון פאַר דער שואה און פון פאַר דער שאַפונג פון דער מדינה, זינדיקט מיט האָפענונגסלאָזער דאָגמאַטישקייט און לעבט נישט אין אונדזער צייט. עס איז אַ ציוניזם אין אַ תקופה פון יידישן קאָנצענסוס, ווו עס איז שווער צו באַגרינדן אונדזער אַנדערשקייט און באַזונדערקייט, עס איז אַ ציוניזם אין קריזיס, וואָס נאָר אונדזערע בלוטיקע שונאים מיינען אַז ער איז אַ „וועלט־כוח". ער דאַרף ווידער אַמאָל דעראָבערן פאַר זיך אַ פּלאַץ און אַנטפּלעקן זיין רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט. עס נויטיקט זיך אַ דעפיניציע: מיהו ציוני? נישט דורך לאָ־זונגען נאָר אויפן יסוד פון אַן ערנסטן אַנאַליז פון סאָציאַלן און פּאָליטישן פּראָצעס פון יידישן פאָלק און אין דער מדינה.

און וואָס איז מכוח אונדז אַליין? וועגן דעם ווילן מיר אַ ביסל מער אַריין אין תוך פון די ענינים.

ג

ווער איז דער טרעגער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם? צו וועלכער שיכט, קלאַס אָדער עלעמענט ווענדט ער זיך? אין אָנהויב האָט ער זיך ווי אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער יידישער גאַס באַזירט אויפן אַרבעטער־קלאַס. ס׳איז טאַקע געווען אַ ספּעציפיש יידישער פּראָלעטאַריאַט, וועמען ס׳האָט געפעלט די „סטראַטעגישע באַזע“ לויט דער באָראָכאָוויסטישער טערמינאָלאָגיע — אָבער ער האָט פאָרט געציילט אין די מיליאָנען.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זיין הויפּט־כוח געוואָרן די חלוצישע און צו אַרבעט שטרעבנדיקע יוגנט פון שטעטלעך און שטעט, דער קרבן פון נויט, אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע. זי האָט אייגנטלעך געלייגט די פונדאַמענטן פאַר אַלץ וואָס איז ווערטפול און באַנייעריש אין ישוב און שפּעטער אין דער מדינה.

אין אונדזערע יאָרן ווערט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין גלות כמעט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט — אַלנפאַלס נישט ער איז דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער כוח. קומען מיר צום אויספיר, אַז מיר דאַרפן זיך אָריענטירן אויפן יונגן יידן. דאָס איז אַ גאַנץ נעפּלהאַפטער באַגריף, ס׳איז נישט קיין מאָנאָליטישע איינהייט אָבער מיט גענוג כאַראַקטעריסטישע שטריכן און קענצייכנס: ס׳איז סטודענטן און יונגע אַקאַדעמיקערס, אַ הויכער ניוואָ פון בילדונג, קאַמפּס־כוח, אידעאַליסטישע אומרוען און סאָציאַלע פילבאַרקייט (לכל הפחות ביי די בעסערע טיילן און נאָר זיי זענען באַשטימענדיק). אַוודאי איז דאָ אַן אונטערשיד פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס בשותפותדיקע איבערוועגנדיק אַפילו ביי דער סאָוויעטישער יידישער יוגנט, וואָס לעבט אונטער דיאַמעטראַל אַנדערע באַדינגונגען.

מיר זענען געווינט צו זאָגן (און מיט רעכט), אַז דער אַרבעטער־ציוניזם איז די געווינטשענע „בריק“ צו זיי, אַז אונדזער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם איז פאַר זיי אַן אַרויספאָדערונג, אַן אידעאַל, צו וועלכן זיי לעכצן, אַז ער גיט זיי אַ הומאַניסטישע אַלוועלטלעכע באַפרידיקונג און רייסט זיי נישט אָפּ פון יידישקייט. מיר טענהן, אַז מען קומט צום ציוניסטישן סאָציאַליזם דורך אַ סך טויערן: אַ מאָל דורך רעליגיעזער בענקשאַפט,

אַ מאָל דורך אַנטוישונג אין קאָמוניזם, ווען מען פאַלט נישט אַריין אין צווייטן עקסטרעם פון פאַנאַטיזם: אָרטאָדאָקסיע און פיינדשאַפט צו אַלץ וואָס האָט וועלכע עס איז שייכות מיט סאָציאַליזם.

דאָס איז טעאָרעטיש ריכטיק, אָבער וויבאַלד אַזוי, פאַר וואָס האָבן מיר פּראַקטיש אַזאַ קליינעם דערפאָלג? פאַר וואָס געפינען מיר נישט מיט זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך? פאַר וואָס ווערן זיי פאַרכאַפּט פון דער הוילער פראַזע און פוסטן פּאַטאָס פון די „ביי־לינקע" באַוועגונגען פון אַלע מינים? צי איז דאָס באמת אַן ענין פון „מאַנגל פון קאָמוניקאַציע", פון נישט ריכטיקע שיטות, פון אומפעיִקייט? אָדער שטעקט אין דעם עפּעס מער?

מיר דוכט זיך, אַז דאָס וואָס אינטערעסירט ליידנשאַפטלעך די יוגנט זענען נישט אַזוי פּאָליטישע ווי מאָראַלישע פּראָבלעמען. ביי גרויסע טיילן פון דער יוגנט ווערט אונדזער דור אידענטיפיצירט מיט אומגערעכטיקייט. די יוגנט קוועסטיאָנירט דעם עצם באַגריף פון יידישקייט און פון יידישן פאָלק. זיי זאָגן, אַז מיר מוזן אַזוי צו זאָגן באַגרינדן די „רעלעוואַנטקייט" פון קיום פון יידישן פאָלק און זיינע אומדערשיטערטע רעכט אויף אַ היימלאַנד. דאָס איז ענג פאַרבונדן מיט אונדזער ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז יידישקייט? וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר און וואָס איז איר ביישטייער צו דער אַלוועלטלעכער קולטור? דער יונגער מענטש דאַרף וויסן מיט וואָס און צוליב וואָס איז ער אַנדערש פון זיין נישט־יידישן חבר. דער ביאָלאָגישער צופאַל, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד און אַז ער קען זיך נישט אַסימילירן איז אים נישט מחייב צו קיין שום אידעאָלאָגישע אויספירן. ס'איז ביי אים נישט אָרגאַניש און נאַטירלעך ווי ביי זיינע זיידעס אָדער ישראלדיקע בני־דור (און אויך זיי שטעלן פראַגעס). וואָס זשע לאָזט אונדז צו הערן דער אַרבעטער־ציוניזם אין דעם פּרט? אַ מאָל זענען מיר געווען אַ טייל פון „וועלטלעכן יידנטום" וואָס איז היינט אַ וועלט פון חורבן — אָן אינהאַלט, אָן פאַרמעגן און אָן משמעות. מען קען זיך דאָך נישט דעפינירן אויף אַ נעגאַטיוון אופן ווי „נישט־רעליגיעז". דער יוגנט־לעכער זעט, אַז רעליגיע אַרום איז די איינציקע ראַם פון אָנגעהעריקייט צום יידישן כלל. איז וואָס נעמען מיר אָן און וואָס וואַרפן מיר אָפּ אין דער גרויסער רייכער טראַדיציע? וואָס איז תוך און וואָס איז שאָלעכץ? וואָס איז פאָרם און וואָס איז סובסטאַנץ? איך ווייס, אַז אַ סך פון אונדזערע

חברים ווילן גאָרנישט אַריינגיין אין אָט דעם פאַרפלאָנטערטן און סודות־פולן פרדס. זיי האַלטן בכלל, אַז דאָס איז נישט קיין ענין פאַר אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער באַוועגונג, אַז דאָס איז דאָס געביט פון מעטאַפיזיקערס אָדער טעאָלאָגן, אָבער זיי פאַרשטייען נישט אַז זיי „מאַכן זיך נישט וויסנדיק" פון דאָס סאַמע וויכטיקסטע ביי הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע, וואָס זענען נאָך נישט צוגעקומען צו עליה און אַפילו צו ישראל־צענטריזם אין זייער לעבן און מחשבה.

אויך דער אַראַביש־ישראלדיקער פּראָבלעם דערשיינט פאַר זיי קודם כל ווי אַ געוויסנס־פראַגע. ס'איז מער ווי אַ גרויסער פּאָליטישער ענין. ס'האַנדלט זיך נישט אין דעם, אַז „ס'איז נישט גענוג צו זיין גערעכט, נאָר מע דאַרף אויך אויסזען גערעכט". יוגנט פרעגט אָפּ בכלל, צי מען קען אַזוי צו זאָגן בויען אונדזער פרייהייט אויפן יסוד פון אומגערעכטיקייט לגבי אַנדערע? זי נעמט נישט אָן דעם אַרגומענט פון געשעענע פאַקטן און דערגרייכונגען ווי שעפעריש און שיין זיי זאָלן נישט זיין. אַוודאי פילן מיר מיט אַלע פעדעמער פון דער נשמה, אַז זיי זענען נישט גערעכט און אַז אַלץ קומט זיי פון אומוויסן אָדער פאַרפירטקייט. אָבער דאָס דאַרף מען קענען באַווייזן. אונדזער קלאַסישע טעאָרעטישע ליטעראַטור וועגן אַראַביש־יידישע באַציונגען, די טויזנטער אַרטיקלען וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין דעם פאַר־מדינה־פעריאָד זענען נישט גענוג און אָפּט מאָל פּרימיטיוו און נישט אַקטועל. מיר מוזן אַרויס מיט אונדזער אויפפאַסונג וועגן דעם נאָענטן מזרח, וועגן אונדזער ראָלע אין אים, וועגן אונדזער פּראָגראַם למשל צו לייזן דעם פּליטים־פּראָבלעם, וועגן אונדזער קאָנצעפּציע פון באַציונגען מיט די אַראַבישע מדינות אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועגן דעם שקר פון אַראַבישער באַעוולקייט און שוואַכקייט און כלומרשטן יידישן כוח, וועגן דעם אומזין פון דעם סאָציאַליזם פון די אַראַבישע מדינות. דאָס אַלץ נישט אין אַ פּאָלעמישער פּובליציסטישער פאָרם, נאָר דורך פאַקטן, באַווייזן און אידעיִשע באַגרינדונגען — אָן רוגזה און אָן אומגעדולד.

סוף כל סוף זענען די שאַרפע מוחות, די טאַלאַנטפולע פענעס פון יידן און נישט־יידן פאַרנומען מיט פאָרשטעלן ישראל און יידן אין אַ קרומען שפּיגל, אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם. דער אַראַבישער פּראָבלעם און די

מדינה איז נאָענטן מזרח דאַרפֿן זײַן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אונדזער „פּלאַטפֿאָרם 1970".

און נאָך עפּעס:

אין אונדזער קאַמף מיט די נײַ־לינקע באַוועגונגען קענען מיר נישט אָפּערירן מיט ריין יידישע מאָטיוון און אַפּעלן צו דער יוגנט נישט צו דעזערטירן פֿון דעם יידישן פראָנט און נישט אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם גורל. מיר האָבן געגנוג יסודות צו דענקען ווי סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן, אַז די נײַ־לינקע באַוועגונג איז אַ נעגאַטיווער צעשטערערישער כוח און אין בעסטן פֿאַל אַן ענערגיע־אויסלאָדונג אויף ריין נעגאַטיווע דעמאָנסטראַציעס. מיר מוזן פֿון דאָס נײַ פֿאָרמולירן אונדזער „סאָציאַליסטישן אני מאמין". מיר גלויבן דאָך מיט רעכט, אַז דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם פֿון ישראל איז אַ מאָדעל און אַ וועג וואָס איז נישט נאָר קעגנזאַץ צום טאָטאַ־ליטאַרישן קאָמוניזם נאָר אויך אַנדערש פֿון ריין פּאַרלאַמענטאַרישן מערב־דיקן סאָציאַליזם. מיר זענען איבערצייגט, אַז קיבוץ, הסתדרות, מושב, קאָאָפּעראַציע, דאָס שאַפֿן פֿון אַן איינהייטלעכער קולטור פֿון די פֿאַרשידנסטע עטנישע און סאָציאַלע גרופּעס איז אַ נוסח, אַ שיטה פֿאַר וועלכער עס זענען דאָ פּאָטענציעלע אָנהענגערס אין דער וועלט.

דאָס אַלץ דאַרף געשריבן און געזאָגט ווערן אין טערמינען פֿון אונדזער צייט.

כ'וויס, אַז דאָס זענען ראַנד־באַמערקונגען און טיילווייזע צדדים פֿון ברייטן קאָנטעקסט ענינים און פּראָבלעמען. אָט למשל שטייט פֿאַר אונדז די פֿראַגע, ווי אַזוי מאַכט מען קלאָר פֿאַר דער יוגנט, אַז עליה קיין ישראל איז נישט קיין אַנטלויפֿן פֿון דער גרויסער וועלט נאָר דאָס איינגלידערן זיך אין איר שעפֿעריש און זעלבסטשטענדיק מיט כבוד און מיט יחוס?

דער אַרבעט־ציוניזם איז שטענדיק געווען אַן אידעיִשע באַוועגונג. די עצם סינטעזע פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם איז געווען אַ געוואָגטער אינטעלעקטועלער און פֿילאָזאָפֿיש־סאָציאָלאָגישער פּרווו. מיט דער צייט זענען זיינע אידעען אויפֿגענומען געוואָרן דורך אַנדערע און געוואָרן נחלת הכלל. אויך איצט קען אונדזער קאָנפֿערענץ זײַן אַ הילף און אַ לערע פֿאַר אַלע שעפֿערישע כוחות אין יידישן פֿאָלק און אין דער מדינה.

1970

אידעאָלאָגישער כּינוס אין „בית ברל״

א

דער אידעאָלאָגישער כּינוס איז געווען אַ סך מער ווי אַן אָרגאַניזאַטאָרישער דערפאָלג. אוודאי האָט זיך געפאָדערט אַ סך פּאָכמענערישקייט, פאַנטאַזיע און פעיִקייט צו קענען ברענגען צו איין טיש חברים פון אַזוי פיל לענדער, עלטער, אינטעלעקטועלן ניוואָ און אינטערעסן און מאַכן פון זיי אַ גאַנצקייט. עס איז שוין גאָרנישט פשוט אַרומצונעמען אין געציילטע טעג אַן אומגעהויערן מאַטעריאַל, וואָס נעמט אַרום אַלע אידעיִשע אַספּעקטן פון דער יידישער, ישראלדיקער און סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק.

זיכער האָט מען געדאַרפט אָפּהיטן די דינע און גליטשיקע גרענעץ צווישן אַ פּאָליטיש־פּאַרטייִשן צוזאַמענפאַר און אַ טעאָרעטיש־אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ, צווישן אַ סתם סעמינאַר פון אַ הויכן ניוואָ און אַ געוואָגטן פּרווו צו ציִען מסקנות אין ליכט און אין לשון פון אונדזער צייט צווישן רעזאָלוציעס און טעזיסן.

אַ קאָנפערענץ פון אָט דעם כאַראַקטער איז אָפּהענגיק פון מעטאָדאָלאָגיע און שיטה: ווי אַזוי „בודזשעטירט״ מען די ווערטפולע צייט און מ׳פאַרזיכערט די דעליקאַטע פּראָפּאָרץ צווישן דעם רעפעראַט און דער דעבאַטע, דעם פּלענום און די קאָמיסיעס פאַר ענינים, וואָס זענען טאַקע באַזונדערע, אָבער אַן אָרגאַנישער טייל פון גאַנצן קאָמפּלעקס.

די לאַנגע חדשים פון טעאָרעטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגרייטונג פון דער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע און די אומדערמידלעכע טעטיקייט פון דער לישכּה מיטן סעקרעטאַר בראש — האָבן זיך געמערקט אויף שריט און טריט. וואָכעדיקע טרחה האָט פאַרזיכערט דעם שבת פון דעם כּינוס, וואָס איז געווען כּולו שעפערישע דערהויבנקייט און שפּאַנונג

פון כמעט אַלע אָנטיילנעמערס. ס'האָט געקענט זיין נאָך אַ צוזאַמענפּאַר צווישן די צענדליקער קאָנגרעסן, סימפּאָזיומס, דיאַלאָגן אאַ"וו. ס'איז אָבער געווען איינער פון די געלונגנסטע ציוניסטישע באַגעגענישן פון אונדזער צייט.

אָבער אַלע אָרגאַניזאַטאָרישע מעלות טובות, ווי וועזנטלעך זיי זאָלן נישט זיין, דערקלערן נאָך בשום אופן נישט דעם ווערט און באַדייט פון כינוס, ווען נישט דאָס, וואָס ער איז געווען אַ דבר בעתו, וואָס ער האָט געענטפערט אויפן גרויסן גייסטיקן און אינטעלעקטועלן אומרו אין אונדזער מחנה. ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט נישט נאָר פּראָבלעמען, נאָר אויך נישט ווייניקער כחות זיך צו פאַרמעסטן מיט זיי, און זיי געבן דעם תיקון פון אויסדרוק און די אָנהויבן פון אַ לייזונג.

ב

דער געראָטענער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ האָט זיך אויס־געדריקט, קודם כל, אין דעם מאַסיוון אָנטייל פון דער סטודענטשאַפט. די אָנוועזנהייט פון די נייע דורות אויף אינטערנאַציאָנאַלע און לאָקאַלע יידישע צוזאַמענפאָרן איז שוין מער נישט קיין רבותא. דער גרויסער חידוש איז דאָס מאָל באַשטאַנען אין זייער טיפן איינפלוס אויף די פאַר־האַנדלונגען, אין זייער רייפער פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלונג צום פּראָבלעם און זייער גאַנצן געשטעל און דערשיינונג. אַוודאי זענען זיי קינדער פון די זיבעציקער פון אונדזער יאָרהונדערט און אַן אינטעגראַלער טייל פון דער ראַדיקאַלער און רעוואָלטירנדיקער יוגנט, אָבער פון דעסטוועגן זענען זיי אַנדערש, אָריגינעלער אַזוי ווי זייערע ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע זיידעס, וואָס האָבן אויך געשטורעמט די דעמאָלטדיקע עסטאַבלישמענטס, מורד געווען קעגן זייערע עלטערן און זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענעם דרך און לשון.

ס'וואָלט געווען נישט אין גאַנצן ריכטיק צו זאָגן, אַז אין בית ברל האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיי אַ דיאַלאָג. מיט אַט דעם היפּשלעך אָפּגענוצטן נאָמען רופט מען אָפט אָן נישט קיין שמועס נאָר אַנטקעגנגעזעצטע מאָנאָ־לאָגן, נישט קיין בובערישן „איך און דו"־צוזאַמענרעדן זיך, נאָר אַ

קאָנפּראָנטאַציע, נישט קיין נאַטירלעכער ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער גע־ראַנגל, נאָר אַ געפּעכט, אַ „וויכוח צווישן טויבע".

אויף דעם כינוס, אָבער, איז געשען דאָס געגאַרטע און אידעאַלע. די יונגע מענטשן האָבן צוזאַמען מיט אונדז געלעבט און מיטגעלעבט. זיי האָבן נישט פֿאַרלאַנגט קיין ספּעציעלן פּרייז פֿאַר זייער יונגקייט און די וועטעראַנען האָבן זיך אויסגעהיט סיי פֿון חניפֿה און וועלן געפֿינען חן אין זייערע אויגן. ס'איז געווען אַ באַגעגעניש צווישן גלייכע. אין אַלע אויפֿטריטן, צוגעגרייטע דאָקומענטן און דעקלאַראַציעס פֿון דער יוגנט איז געקומען צום אויסדרוק — אָפּט מאָל אויף אַ רירנדיקן אופֿן — זייער אָרגאַניש אידענטיפֿיצירן זיך מיט דעם אַרבעטער־ציוניזם, און אויב זיי האָבן דערזען וואָס מיר זעען שוין פֿון לאַנג, איז עס נישט פֿון בראָשורן און טעקסטן, נאָר פֿון אייגענעם נסיון. יעדער דור מוז אויף זיין אייגענעם אופֿן אַנטפּלעקן „די אידעאַלע אַמעריקעס". אָבער זאָל דאָ נישט געמאַכט ווערן קיין טעות: זיי זענען, חלילה, נישט געוואָרן קיין טייל פֿון „עסטאַ־בלישמענט" (נישט וועזנטלעך און נישט טאַקטיש), זיי זענען גענוג ראַ־דיקאַל (כאָטש נישט ווילד און צעשטערעריש), גענוג נישט קאָנפֿאָרמיסטיש און היינטצייטיק, כדי אויף אונדז אַלעמען אַרויפֿצווינגען אַ ניי געשטאַלט, נייע באַגריפֿן, סימבאָלן און שיטות. דאָס איז אָבער אַ באַנייונג און נישט נייקייט, ירושה און נישט סתם המשך, דערביי האָבן זיי נישט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ יוצא־דופֿנדיקן אויסנאַם, פֿון אַ זייטיקן שטראָם. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז לכל הפּחות פּאָטענציעל זענען זיי אַ גרויסע מחנה. אויב עס וועט קומען צו אַ ווענדפּונקט אין דער שווייגנדיקער און אַפּאַטישער מערהייט און צו אַ חרטה־אומקער פֿון די „ניי־לינק"־פּאַר־פּירטע, וועט עס זיין דורך זיי. אַזוי ווי די קליינע „פּועלי־ציון־ און „צעירי ציון"־גרופּעס אין דער אַלטער היים, און די בויערס פֿון דער צווייטער און דריטער עליה זענען געווען דער סאַמע יסוד פֿון ציוניזם און פֿון מדינת ישראל.

ג

אפשר אין זייער זכות איז די קאָנפֿערענץ נישט געוואָרן קיין כינוס פֿון „יאַ־זאָגערס און לויב־זינגערס". מען האָט קריטיקירט אַלץ און אַלעמען.

סיי אין די דיסקוסיעס, סיי אין דער אָנגענומענער רעזומע זענען געקומען צום אויסדרוק שאַרפע שטעלונגען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו דער יידישער פירערשאַפט אין גלות און אַ רעוויזיע אַפילו פון אייגענע באַגריפן און געוווינהייטן.

באַזונדערס איז עס בולט אין דעם טייל פון דער רעזומע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די „אַרויסרופן פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט". מ'האָט זיך נישט באַנוגנט אין אונטערשטרייכן און אַרויסהייבן די גרויסע דערגרייכונגען און דעם אייגנאַרטיקן רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון הומאַניטאַרן און בויענדיקן ישראל-סאָציאַליזם. לאַנגע שורות זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער קריטיק פון די שאָטן-זייטן פון דער ישראל-געזעלשאַפט, אירע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע איבלען און פאַר וואָרענען קעגן די סכנות. אין אָט דעם רעכט און פליכט „נישט מסכים צו זיין", נישט צו פאַרטושן קיין עוולות און נישט אָנערקענען קיין צענזור אין וועלכער עס איז נישט פאָרם זענען געווען שותפים די דעלעגאַטן פון חוץ לארץ (וואָס זענען, אַגב, געווען די מערהייט) און די ישראלדיקע. אויך דאָ איז פאַרשווונדן דער אומגליקלעכער וויכוח צווישן „מיר" און „איר". מיר זענען איין באַוועגונג וואָס דענקט זעלבסטשטענדיק און פריי. די פּריאָריטעט פון ישראל איז טאַקע נאַטירלעך און מ'נעמט זי אָן באהבה, אָבער פון אייגענער איבערצייגונג און נישט, חלילה, צוליב אויטאָמאַטישער לאָיאַליטעט.

דאָס דערקלערט אויך די אינטעלעקטועלע פרייהייט אויפן צוזאַמענפאָר און די ברייטע, פאַרשידנפאַרביקע גאַמע פון מיינונגען.

אָט, למשל, האָט דער באַרימטער ענגלישער אַרבעטער-פירער יאַן מיקאַדראָ געהאַלטן אַ העכסט-קריטישן רעפעראַט וועגן דער ישראל-געזעלשאַפט (לויט אונדזער מיינונג אַפילו איינזייטיק). דעם אַריינפיר וועגן ציוניסטישער אידעאָלאָגיע האָט געגעבן פּראָפ. בען-האַלפערן, וועלכער איז געווען פּעסימיסטיש-מינימאַליסטיש, זיכער נישט אין איינקלאַנג מיט דעם אָנגענומענעם און אַקצעפּטירטן פּראָגראַם און אידעאָלאָגיע.

ס'איז אָבער צום כבוד פון דער באַוועגונג, אַז מ'האָט נישט פאַרמישט פּלוראַליזם מיט כאַאָטישקייט, ליבעראַליזם מיט צעקראָכנקייט און אַז מ'האָט זיך פאָרט דערגרעדט צו „תכלית". דאָס בשותפותדיקע און פער־

מאַנענטע איז שטאַרקער פון ציַיטווייליקן און פונאַנדערטיילנדיקן. אַזוי איז עס שטענדיק געווען און דאָס איז דער סוד פון אונדזער כוח.

ד

דער כינוס איז פאָרגעקומען אין סאַמע גלי פון די הייסע מיליטעריש־פּאָליטישע חדשים אין ישראל. אַ סך פון אונדז האָבן געדענקט, אַז ס'איז אפשר נישט די ריכטיקע צייט פאַר רויִקע באַטראַכטונגען און קאָנצענטרירטער מחשבה. דער קאָפּ איז נישט דערביי. אַפילו די, וואָס האָבן געלויבט אונדזער „געוואַגטקייט” און „ווייטזעעוודיקייט”, האָבן באַטראַכט די קאָנפערענץ ווי אַ „לוקסוס” אָדער אַפילו בטלנות.

ס'איז אויך געווען אַ גוט באַגרינדעטע מורא, אַז דער אידעאָלאָגישער צוזאַמענפאָר וועט זיך שנעל פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג, ווו מ'וועט דיסקוטירן די דראַמאַטישע טאָגפראַגן. מ'איז דאָך נישט מער ווי לעבעדיקע מענטשן און דערצו נאָך יידן...

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער ווידערווילן פון אַ פאַרהאַרטעוועטער, פראָגראַמאַטישער באַוועגונג צו טעאָריעס און דאָגמעס. וואָס איז דאָס געיעג? און ווער גיט אונדז עס די אויטאָריטעט און די קאָמפּעטענץ?

צום גליק זענען אַלע אומזיכערקייטן צערונען געוואָרן. מ'איז נישט אַראָפּ פון די אידעאָלאָגישע רעלסן און מ'האָט זיך „זעלבסט־דיסציפּלינירט” צו דענקען אויף אַ ווייטערער מעטע.

אַוודאי איז דאָס נישט געווען קיין „סינאָד” פון סתם טעאָרעטיקערס. ס'איז פאַרט געווען אַ באַגעגעניש פון אַ פּאָליטישער באַוועגונג וואָס טראָגט אַחריות פאַר דער מדינה און איז מיט אַלע רמח אברים אין סאַמע צענטער פון די געשעענישן. האָט זיך טאַקע די אַקטועאַליע אַריינגעריסן דורך טיר און פענצטער פונעם שטילן און פאַרקלערטן בית ברל. נישט נאָר אויף דעם ספּעציעלן אָוונט וואָס איז געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און אויסערן־פּאָליטיק פון ישראל, נאָר אויך אויף אַלע סעסיעס און קאָמיסיע־זיצונגען. אַלץ איז געזאָגט געוואָרן מיטן פּנים צו די פּראָבלעמען פון קיום און עתיד פון ישראל און יידן אין דער וועלט.

אַ גאָלדענער לייטער פון מחשבה, אָבער אויפן גליִענדיקן ווירקלעכ־קייט־באָדן אונטער די פיס. אַוודאי איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין תורה פון בית ברל. אין בעסטן פאַל איז עס אַן אָנהויב, אָבער מיר דאַכט זיך — אַ גאָר חשובער אָנהויב.

1970

דער יובל־צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג

דער וועלט־צוזאַמענפאָר צו באַצייכענען 75 יאָר אַרבעטער־ציוניזם איז אָריגינעל און נישט קאָנווענציאָנעל אין אַ סך הינזיכטן. ער שטעלט זיך נישט קיין באַשטימטע צילן, נישט אָרגאַניזאַטאָריש און אַפילו נישט אידעאָלאָגיש. אפשר ליגט זיין ווערט אין אָט דער „תכלית־לאָזיקייט" אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. ער דאַרף זיין פיל־געשטאַלטיק און אַלץ צו־זאַמען; אַ פייערלעכער אַקט, אַ געשיכטלעכער סך־הכל פון אידעיִשן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן כאַראַקטער און דער עיקר אַ פרווו פון אַן ערנסטער קאָנפראָנטאַציע מיט דער היינטצייטיקער יידישער ווירקלעכ־קייט און פראָבלעמאַטיק. די אָנטיילנעמערס פון דער קאָנפערענץ, מאַכנדיק אַ סך־הכל פון דער רייכער, שטורמישער פאַרגאַנגענהייט פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און פאַרווירקלעכונג, וועלן זיך פּרווון פאַרמעסטן מיט דעם הויפּט־ענין. וואָס מיינט ער היינט צו טאָג? וואָס האָט ער צו זאָגן בנוגע דעם עתיד? צי לעבט ער איבער „דעם קריזיס פון פאַר־ווירקלעכונג" אָן דער מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון זעלבסט־צופרידנ־קייט מיט דעם אָפּגעטועגעם, מיט אַ קאָנסערוואַטיוון אָנהאַלטן זיך ביי פאַרהייליקטע לאָזונגען און מעטאָדן, וואָס איז, אין קעגנזאַץ צו שעפע־רישער טראַדיציע, דאָגמאַטיש און פאַרגליווערט?

ווי אַזוי פעדעמט זיך דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק אַריין אין דער וועלט פון באַגריפן, אַנטוויקלונגען און מענטאַליטעט פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט? וואָס איז פון אים געבליבן נאָכן סאַמע חורבן, און אין סאַמע לויף פון דעם אויפשטייג פון דער מדינה, פון דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג אין סאָוועט־רוסלאַנד און פון די געוואַלטיקע טראַנס־פאָרמאַציעס אין די גרויסע יידישע קהילות פון מערב? וואָס זאָגט ער

פאַר די אוראייניקלעך פון די גרינדערס און בויערס פון אָט דער מערק־ווערדיקער באַוועגונג, פאַר וועלכער עס איז כמעט נישטאָ קיין פּרעצעדענס און פּאַראַלעל אין דער געשיכטע פון אידעאָלאָגיע און פון פּאָליטישע באַוועגונגען?

זיכער איז דאָ וואָס צו פייערן. ציוניסטישער סאָציאַליזם איז איינע פון די וויניקע באַוועגונגען ביי יידן און אפשר אין דער וועלט, וואָס האָט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכונג נאָך, אַזוי צו זאָגן, „ביים לעבן".

ווען נחמן סירקין האָט אין זיין פּלאָמיקער וויזיע געוואָרפן כמעט פּאַראַלעל מיט ד"ר הערצל די לאָזונג פון אַ סאָציאַליסטישן „יידנשטאַט" און האָט געמאַכט דעם געוואַגטן, אויסטערלישן און דעמאָלט פאַנטאַסטישן צונויפפּאָר פון די צוויי גרויסע טעמעס פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען בער באָראָכאָוו האָט דעם ציוניזם איינגעגלידערט אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט פון מאַרקסיזם און גערעדט וועגן אַ סטראַטעגישער באַזע פאַרן יידישן וועלט־פּראָלעטאַריאַט; ווען די חלוצים פון דער צווייטער עליה האָבן מיט זייער אייגענעם לייב און לעבן געשטאַלטיקט דעם אַר־בעטער־ציוניזם אין דעם פיבער און גראַנגל פון ישראל־אָנהויבן, האָט זיך קיינער פון זיי נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס וועט אַזוי שנעל מקוים ווערן. אָבער נישט נאָר אין ישראל. די הויפּט־אמתן פון דער באַוועגונג זענען געוואָרן די „נכסי צאן ברזל" פון דער יידישער וועלט. דאָס, וואָס האָט אַ מאָל אויסגעזען ווי געוואַגטע לאָזונגען פון יוגנטלעכע ענטוזיאַסטן איז געוואָרן „זעלבסטפאַרשטענדלעך" און אַפילו „קאָנסענסוס". עקשנותדיקער קאַמף פאַר דער „עם אחד"־אידעע מיט מעכטיקע און איינ־פלוסרייכע באַוועגונגען און נישט נאָר מיט אַרבעטער־באַוועגונגען, פּרינ־ציפּיעלער און פּאָזיטיווער נאַציאָנאַליזם, ווו רעליגיע איז נישט דער איינ־ציקער און אַפילו נישט דער עיקרדיקסטער קענצייכן, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער חינוך, קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע יידישע קהילות און וועלט־אָרגאַניזאַציע דורך פּאָליטישע רעפּרעזענטאַטיווע פּלים (וועלט־קאָנגרעס א. אַ. וו.). כמעט אָט די גאַנצע תורה איז אָנגענומען געוואָרן, אָפט מאָל פאַרגעסנדיק ווער ס'איז איר באַשאַפער. אַנדערע, רייכערע און רירעוודיקערע כוחות האָבן זי „איבערגענומען" און דורך דעם געווונען איינפלוס און כוח.

אַז אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער־באַוועגונגען, טעריטאָריאַליסטן,

אַנאַרכיסטן, בונדיסטן און שוין אָפּגעריסענע קאָמוניסטן פון אַלע מינים זענען אונטערגעגאַנגען, אָדער באַנקראָטירט, און אַז נאָר דער אַרבעטער־ציוניזם איז פאַרבליבן — פאַר וואָס זאָל דאָס נישט געזאָגט ווערן בציבור און פּראַקטיקירט ווערן אין דער שפּראַך פון יום־טוב און סימבאָלן?

ליידער, ליידער זענען כמעט אַלע ראשונים שוין נישטאָ און נישט נאָר צוליב ביאָלאָגישע טעמים. נישט נאָר די אידעיִשע פּאַטערס און לערערס נאָר אויך די מפרשים און די פּאָליטישע פיגורן.

עס איז אָבער גוט, אַז איינער פון די גרויסע פיגורן פון אונדזער באַוועגונג, חבר זלמן שזר, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין אַ באַוועגונגס־פירער, אַ מחנך, אַ שרייבער און אַ היסטאָריקער און דער דריטער פּרעזידענט פון דער מדינה, וועט אויספילן אָט די אויסערגעוויינלעך פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל פון געבן דעם אידעיִש־געשיכטלעכן איבערזיכט און אונטערציען דעם סך־הכל.

יאָ, ס׳איז דאָ וואָס צו דערציילן. די 75 יאָר זענען אפשר די רעוואָלוציאָנערסטע און די שטורמישסטע פון אונדזער גאַנצער געשיכטע: שואה און אומקום, די אַנשטייונג פון די גרויסע יידישע צענטערס אין די אַמעריקעס, אין אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, דאָס געבוירן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און ציוניסטישער באַוועגונג, די פאַנטאַסטישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, די עקאָנאָמישע און גייסטיקע אויסווירקונגען פון צוויי וועלט־מלחמות און רעוואָלוציע, דער שנעלער איבערגאַנג פון שטעטל צו גרויסער מעטראָפּאָליע, די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע פון מיליאָנען יידן, דער טרוקענער חורבן פון אַסימילאַציע און די געשיכטע פון ישראל אַליין, פון בילו — ביז צום היינטיקן ווונדער פון כוח פון איינפלוס. און אין די אַלע פּאַסירונגען, מעטאַמאָרפאָזעס און אויפטרייסלונגען האָט געלעבט און געווירקט אונדזער באַוועגונג, אַ מאָל ווי אַ הויפּט־כוח און אַ מאָל ווי אַ באַפרוכפּערנדיקע רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט.

קיינער קאָן נישט שרייבן די געשיכטע פון אָט דעם „שטורם־ און דראַנג־פּעריאָד" אָן אונדזער באַוועגונג, וואָס איז איינער פון זיינע הויפּט־עלעמענטן און מאָטיוון. צי איז עס אָבער נאָר געשיכטע? דער כינוס וועט

אָנווענדן דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש־דיאַלעקטישן מעטאָד אויף אַלע גרויסע פּראָבלעמען פון דער יידישער רעאַליטעט: אויף די יידישע ישובים, אויף דער ישראל־געזעלשאַפט, אויף דער וועלט פון גייסט און חינוך און אויף זיך אַליין.

☆

הוראַגאַנישע ווינטן פון דער געשיכטע האָבן אַ טרייסל געטאָן די יידישע מאַפּע און זי געענדערט ביז נישט צו דערקענען. פון טויזנטער שטעטלעך צו עטלעכע גרויסע מעטראָפּאָליעס, וואָס נעמען אַרום 80 פּראָצענט פון יידישן פאָלק, פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע צו דער נייער וועלט. פון אָרעמקייט, בידנער פּראָלעטאַרישער עקזיסטענץ — צו ווילטאָג און עקאָנאָמישן אויפשטייג, פון רעליגיעזער אָרגאַנישער אָפּגעשלאָסנקייט און פאַרפאַנצערטקייט צו אַ וועלטלעך לעבן, פון קאַמף פאַר עלעמענטאַרע בירגערלעכע רעכט צו פּאָליטישן איינפלוס און אַקטיוויזם; פון יידישע שפּראַכן צו פרעמדע לשונות. און דער עיקר פון היימלאָזיקייט — צו אַ מדינה־סטאַטוס.

אין אַט דער נייער געאָגראַפישער, דעמאָגראַפישער און גייסטיקער קאָנסטעלאַציע, וואָס מיינט אַרבעטער־ציוניזם? אויב ער האָט נישט די־ריגירט די אַלע געשעענישן, איז ער כאָטש מיט זיי מיטגעגאַנגען, מיט־באַגלייט זיי און רעאַגירט ווי עס רעאַגירט אַ געזונטער אָרגאַניזם אויף קלימאַט־ און סביבה־ענדערונגען? די באַוועגונג איז געבוירן און האָט דערגרייכט אירע הויכפּונקטן אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע פאַרן חורבן. צי האָט זי איבערגעלעבט דעם חורבן? זי, די טרעגערין פון העברעיש און יידיש, לאָזט זיך היינט איבערזעצן אין אויסלענדישע שפּראַכן און ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן לשון אַליין, נאָר וועגן אַ וועלט פון באַגריפן און אַסאָציאַציעס. ווער איז דער טרעגער פון דער אידעע, ווען עס איז מער נישטאָ דער אַרבעטער־קלאַס און די דעקלאַסירטע יוגנט, נאָר בלויז דער רייכער מיטלשטאַנד און די סטודענטשאַפט, וואָס איז 80 פּראָצענט פון יונגן דור? וואָס איז איר ענטפער, שטעלונג און פּאָזיציע לגבי די 3 גרויסע אַרענעס פון גלות־יידנטום: לגבי דעם דראַמאַטישן נאַציאָנאַלן

אויפשטייג אין סאָוויעט־רוסלאַנד, לגבי דער וואָלקאַנישער עקזיסטענץ אין דרום־אַמעריקע און לגבי דעם געוועב פון ליכט און שאָטן, קראַפט און אָנמאַכט, שעפערישקייט און אַסימילאַציע, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער מעכטיקער קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן? וואָס איז דאָס באַזונדערע, דאָס אייגענע, דאָס ווערטפולע אין דער באַוועגונג, אַחוץ צו זיין, לויטן אָנגענומענעם זשאַרגאָן, די שוועסטער־פּאַרטיי פון דער „מפלגת העבודה״ אין ישראל?

אַוודאי ווייסן מיר, אַז די צוויי גרויסע עמודים פון אונדזער אידעיִשן בנין זענען נאָך פעסט ווי געווען, אַז דער ציוניזם טראָגט זיינע אָרגאַניזאַציע־שוועריקייטן לעבט איצט איבער דעם טריומף פון זיין אידעאָלאָגיע און נישט נאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אַז דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַנאַליז איז נאָך אַלץ טרעפלעך, געניי און קאָרעקט. אַוודאי זעט מען אויך ווי אין קאָנוווּלסיעס און זיגזאַגן, אָפּווייכונגען, צוריקטריטן, טעותים איז דער סאָציאַליזם, אין זיינע פאַרשיידענע וואַריאַציעס, נאָך אַלץ דער כוח פון היינט און נאָך מער פון דער צוקונפט. אָבער ווען פאָרמען ענדערן זיך אַזוי ראַדיקאַל, רירן זיי אָן די סובסטאַנץ אַליין. יעדער דור האָט זיין אייגענעם נוסח, וואָס מאַכט פון אַן אַלטער תורה אַ נייע אַנטפּלעקונג.

צי האָבן מיר דעם דמיון און דעם מוט נישט נאָר אויבערפלאַכלעך זיך צופּאַסן צו נייע צייטן און צו נייע ווינטן, נאָר אויך צו לעבן אין זיי, אָטעמען מיט זיי און זיי איבעראַנדערשן מיטן כוח פון נייע געדאַנקען און פרישע מענטשן, געפינען זיך אין צענטער פון געשעענישן, זיין אַ טייל פון גאַנצן און גלייכצייטיק אָפּהיטן דאָס אייגענע האָב און גוטס? צי זענען מיר נאָך אַלץ אַן אַלטערנאַטיווע צו ברייטע, פרעמדע אידעען, וואָס פאַרמעסטן זיך אויף דער נשמה פון יונגע דורות? אויב מיר האָבן נישט קיין קלאָרן פּראָגראַם, צי האָבן מיר כאָטש דעם היסטאָרישן חוש פאַר דער ריכטונג, פאַר די עטאַפּן פון וועג? צי זעען מיר וווהין מיר גייען?

די גאַנצע באַוועגונג און נישט נאָר די ישראלדיקע חברים דאַרפן אומאויפהערלעך זיך פאַרטיפן אין די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון ישראל. אַוועק די צייט (אפשר מיטן אויסנאַם פון יידישן ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד), ווען דער עצם קיום פון סוווערענער מדינה אין אַ ראַם פון אומאָפּהענגיקייט, פון נאַציאָנאַל־יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט געקענט גייסטיק

דערנערן יידישע מענטשן און יונגע עלעמענטן בפרט. אַוועק אויך, לויט אונדזער מיינונג, (און ס'איז גוט אַזוי) די ציַיטן פון אויטאָמאַטישער לאָיאַליטעט צו ישראל. אַפילו ווען ס'וואָלט נישט געווען די העץ־קאַמפּאַניע און די בייזוויליקע פאַרקריפּלונג פון דער געשטאַלט פון דער מדינה, דורך אירע שונאים, נישט פאַרגינערס און צווייפלהאַפטע פריינד, וואָלטן מיר אויך דעמאָלט געדאַרפט אָפּט אַ קוק טאָן אין אונדזער אייגענעם שפּיגל.

צי איז ישראל באמת די פאַרווירקלעכונג פון די סאָציאַליסטישע טרוימען פון אונדזער מחנה? ווו איז די גרויסע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און פּלאַנירונג און ווו זענען די יסודות פון אַ נייער געזעלשאַפט? ווו איז דער גרויסער, ביי דער הסתדרות אָרגאַניזירטער קלאַסן־כוח פון מאַכט און איינפלוס און ווו דאָס בויען פון אַ נייער געזעלשאַפט? ווו איז דער גרויסער שטראָם פון קאַפּיטאַל, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר דער אַנטוויק־לונג פונעם לאַנד און ווו איז די שאַפונג פון יונגן, אַגרעסיוון, פּאַרריסענעם קלאַס פון גענעסערס, אויסניצערס פון געלעגנהייטן און אַראָגאַנטע עולם־הזהניקעס? ווו איז די מעכטיקע אַרבעטער־ווירטשאַפט, אינדוסטריע און אַגריקולטור און ווו איז דער נוצן, וואָס ס'האָט פון דעם דער אַרבעטער? ווו איז דאָ געשעפט און ווו איז דאָ טרוים און פּראַטאָטיפּ פון אַ נייער געזעלשאַפט? ווי אַזוי פאַרט זיך עשירות, ברייטער פאַרנעם און גלאַנץ פון קאָלעקטיוון פאַרמעגן מיט נויט, מיט עלנט, מיט דחקות און מיט צוריקגעשטאַנענקייט פון אַ סך צענדליקער טויזנטער מענטשן? ווו איז דאָס אָפּהיטן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די פיל און דאָס אונטערגעבן זיך אונטערן דרוק פון די ווייניקע, וואָס האָבן שליסל־פּאָזיציעס אין דער געזעלשאַפט? וואָס איז פאַרבליבן פון די גרויסע ווערטן פון דער קאָמונע אין ישראל, פון קאָאָפּעראַציע, פון אַרבעט, פון חלוציזם? וואָס איז אַ רעזולטאַט פון נויט און פאַרטיידיקונג און וואָס איז אַ תירוץ און אַ באַ־רעכטיקונג פאַר זאַכן, וואָס מיר פאַרנאַכלעסיקן? מיט אַנדערע ווערטער: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס שטייט ביי דער מאַכט, וויפל סאָציאַליזם פאַרווירקלעכט זי?

מיר אָנערקענען די לעגיטימע רעכט און די פליכט פון נישט ישראל־דיקע חברים צו שטעלן אָט די פראַגעס. מען קאָן האָבן אַ מיינונג, ווי דער שרייבער פון די שורות, אַז אין דער ברייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו

ווערט אין ישראל שטופנווייז, אויף אַן אָריגינעלן און אייגענעם אופן געבויט אַ נייע געזעלשאַפט און אַז די אַלע פריִער דערמאַנטע נעגאַטיווע דער־שיינונגען זענען „געבורט־ווייען", „פלעקן אויף דער זון", אָדער ווי איר ווילט עס אָנרופן. איך קען אָבער די אומגעדולדיקע יוגנט, וואָס טיילט נישט אָט דעם אָפּטימיזם. מ'דאַרף קלערן און אויפקלערן אָט די צענטראַלע פראַגע, אַפילו ווען נישט אַלץ קאָן מען דערקלערן. אויך אין אידעאָלאָגישע פראַגעס גייט עס נישט שטענדיק „מען זאָל האָבן דערגאַנגען", נאָר עס גייט אין „גיין אויף דעם זוניקן וועג" פון אמת און פון אויפריכטיקן דין וחשבון.

אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיט דעם אַלעמען זענען מיר נאָך נישט דערגאַנגען צום סאַמע עיקר, צו די וואָרצלען און צום סאַמע תּוך. פאַר הונדערטער טויזנטער יונגע יידן אין דער וועלט שטייט געמלעך די פראַגע פון זייער עצם יידישקייט. די פרץ־פראַגע „וואָס איז יידישקייט?" דער אַ ביסל צו פאַרפּאַליטיזירטער „מיהו יהודי", נעמט אָן פאַר די קינדער פון אונדזער פאָלק אַ פּערזענלעכן, אַ פּיינלעכן כאַראַקטער. מיט וואָס, פאַר וואָס און צוליב וואָס בין איך אַ ייד? איז עס צופאַל, גורל, אָדער סתּם אַ פאַקט אָן איבעריקער באַדייטונג? איז עס אַ ברכה, אָדער אַ קללה?

דער יידישער אומוויסן מאַכט אָן אַ חורבן אין די יונגע נשמות און ברענגט צו פאַרלייקענונג, דעזערציע פון פאָלק און אפילו צו... שמד. מעג מען מיטן גאַנצן דרך ארץ פאַר די געוואַלטיקע אויפטוען פון אונדזער באַוועגונג פרעגן גאַנץ פראָסט און פשוט: וואָס מיינט פאַר אַרבעטער־ציוניסטן יידישקייט? צי קען מען עס באַטראַכטן ווי אַ ריין מעטאַפיזישע פראַגע, ווען ס'איז אַזוי אַקטועל און שאַרף אַוועקגעשטעלט ביים יידישן מענטשן פון אונדזער צייט? איז עס אַ פּרדס, אין וועלכן מען טאָר נישט אַריין, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן? צי קאָן מען דעפינירן אונדזער יידישקייט נאָר אויפן וועג פון נעגאַטיוון: אַז מיר זענען „נישט רעליגיעז"? איז וואָס יאָ?

צי איז ישראל אַליין, אָן דעם ברייטן קאָנטעקסט פון געשיכטע און טראַדיציעס און יידישן המשך, דער ענטפער? צי איז בכלל יידישקייט אַ פראַגע פון געאָגראַפיע, אָן דער טראַדיציאָנעלער ביאָגראַפיע פון טויזנט־יעריקן וונדער?

די אמתע אַלטערנאַטיווע צו אידעיִשער אַסימילאַציע איז נישט דער אָדער יענער פּאָליטישער פּראָגראַם, נאָר טיפע יידישקייט, וואָס וועבט זיך אַריין אין הומאַניזם פון אונדזער צייט. כ׳ווייס, אַז מיר גייען דאָ אויפן גליטשיקן באָדן פון אָפט מאָל נעפּלהאַפטע און מיסטישע באַגריפן, אָבער ס׳איז אויך גליטשיקייט פון פעלדזן, לופט פון שפּיצן פון אונדזער געשיכטלעכן קיום. מ׳קאָן זיי נישט פאַרבייגיין, ווייל נאָר זיי רופן אַרויס אַנטציקונג און גלויבן.

ברייט און קאָמפּליצירט זענען די פּראָגעס, אַזוי ווי דער גאַנצער פאַרגאַנגענער יאָרהונדערט. דאָס זענען פּראָבלעמען, וואָס זענען אייביק און וואָס גיבן אַ טעם אונדזער זוכן און געפינען, אונדזער בלאָנדזשען און דערגיין. פאַר אונדזער דור איז עס געגנוג.

1973

די באַוועגונג אין אַמעריקע

א

דער מצב אין אונדזער באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן רופט נישט אַרויס דעם אינטערעס וואָס ער פאַרדינט. עס איז ממש צו שטוינען פון דעם אומוויסן וואָס הערשט אין דעם פּרט אַפילו אין די נאָענטסטע הסתדרות־ און פּאַרטיי־קרייזן. אויב ס׳איז דאָ אַ ניי דערוועקטער אינטערעס (ווייט נישט קיין גענוגנדיקער און סטאַבילער) אין די תפוצות בכלל און אין ציוניזם בפרט, ווערט ער נישט באַגלייט מיט אַ דירעקטער, ספּעציפיש פּאַרטייאישער זאָרג וועגן אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג. זעלטן ווען באַרירט מען אָט די טעמע אין אונדזערע פּובליקאַציעס, אין דער אויפקלערונג, שוין אָפּגערעדט פון אונדזערע אָפיציעלע אינסטאַנצן. אַ חוץ אין אויסעראָרדנטלעכע קאָנגרעס־צייטן, ווען אונדזערע אָנפירנדיקע מענטשן באַזוכן די שטאַטן, טרעפן זיי זיך נישט מיט אונדזערע חברים און אין בעסטן פאַל באַגנוגענען זיי זיך מיט קורצע קאָנטאַקטן מיט דער אָרטיקער פירערשאַפט. די צאָלרייכע שליחים האַלטן זיך פון דער באַוועגונג פון דער ווייטנס און אָפט מאָל מאַניפעסטירן זיי זייער גלייכגילט. דאָס שטערט זיי אָבער נישט שפּעטער צו פאַרעפנטלעכן באַריכטן פול מיט זלזול צו אָט דער היפשער און היסטאָרישער מחנה. מ׳קען נישט פאַרוואַרפן אונדזער וועלט־פירערשאַפט, אַז זי האָט נישט רעאַגירט און נישט אַלאַרמירט. אָבער אָן רעזולטאַטן.

שווער צו פאַרשטיין די סיבות פון אָט דער באַציונג. סוף כל סוף האַנדלט זיך עס וועגן די איינציקע, קלאָר דעפינירטע שותפים פון דער „עבודה״, דער הויפּט־כוח פון אידענטיפיקאַציע מיטן מערך און עבודה, געשווירענע פּאַרטיידיקערס, ממש חסידים, מיטגייערס איןליידן און פריידן.

דערווייל זעט זיך נישט אויפן האָריזאָנט קיין אַנדער כוח אין אַ צייט ווען מען נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין יעדן טראָפּן גוטן ווילן און לאָיאַליטעט.

די איינציקע סיבה וואָס איך זע פֿאַר אָט דער נעגאַטיווער באַציונג איז די מיינונג, אַז די באַוועגונג איז סיי ווי סיי פֿאַראורטיילט צום אונטער־גאַנג, אַז זי איז שוואַך, אַ מין ווינקל־אָרגאַניזאַציע אין דעם ברויזנדיקן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַ גרופּע זקנים מיט גוטן ווילן אָבער הילפֿלאָז. אַזאַ מין איינשטעלונג איז אַ טייל פֿון דער באַציונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל, „אויב נישט נאָך נידעריקער". מ'האָט געקענט דערוואַרטן אַ ביסל מער אָביעקטיוויקייט און וויסן מצד די, וואָס פּסקענען אָפּ דעם גאַנצן ענין מיט אַ מאַך מיט דער האַנט און מיטן זאָג: „ס'איז נישטאָ קיין באַוועגונג". פּשוט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

מיר וואַרפֿן אָפּ מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט אָט די לייכטזיניקע שטעלונג, אָט דעם בלבול וואָס מיר האָבן אויף זיך אַליין אויסגעטראַכט. מיר קערן זיך איצט אום פֿון אַ לענגערער שליחות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן באַזוכט 55 צווייגן פֿון דער באַוועגונג אין 17 שטעט פֿון אָקעאַן צו אָקעאַן און שטעלן פֿעסט, אַז די באַוועגונג איז נאָך אַלץ אַ שעפֿערישער יש, אַז זי שטעלט מיט זיך פֿאַר אַן אָנגעזעענעם כוח אין דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין אַמעריקע. די פּאַרטיי איז טאַקע אָפּגעשוואַכט, גייט דורך קריזיסן און געראַנגלען ווי אַלע ציוניס־טישע פּאַרטייען, אָבער זי לעבט, ראַנגלט זיך מיט אירע שוועריקייטן און פּראָבלעמען, ווייזט חלילה נישט אַרויס קיין סימנים פֿון שקיעה און מאַכט זיך, מיט רעכט, נישט ווייסנדיק פֿון די פּריצייטיקע נעקראָלאָגן.

ב

כדי מ'זאָל דעם שרייבער פֿון די שורות נישט חושד זיין אין קאַזיאָנעם אָפּטימיזם, ווילן מיר פֿון פֿאָרויס אָנווייזן דווקא אויף די שוואַכקייטן פֿון דער באַוועגונג:

אָרגאַניזאַטאָריש — די ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג (און מיר נעמען דאָס וואָרט אין ברייטן קאָנטעקסט, וואָס שליסט איין נישט נאָר די אָפֿיציעל רעגיסטרירטע מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד", פּיאָנערן, נאָר אויך די געטרייע

טוערס פונעם הסתדרות־קאַמפּיין און די געשווירענע פריינד אין די לאַנדס־מאַנשאַפטן און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און אין די קרייזן פון דער אינטע־ליגענץ) ציילט אַן ערך 150—200 טויזנט מענטשן. דאָס איז אַ באַשיידענע ציפער אין אַמעריקאַנער יידישן מאָסשטאַב. דאָס איז אפשר נישט אַלץ. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איז נישטאָ קיין צוווּקס און קיין נאָכוווּקס. די מידע און אַוועקגייענדיקע ווערן נישט פאַרטראַטן, מיטן גליקלעכן אויס־נאַם פון „נעמ״ת״ (פיאָנערן־פרויען), וועלכע וואַקסט אומאויפהערלעך — גילט עס פאַר דער גאַנצע מחנה. פאַר דעם ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס איז אויך אַ פאַרזיכערונג־אָרדן, שאַפט אַזאַ מצב אַ געפאַר פאַר זיין גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור. ס׳איז פאַראַן, אָן שום ספק, אַן איבערלאַסט פון עלטערע עלעמענטן (אַ סך עלטער ווי דער קאָנווענציאָנעל אָנגענומענער באַגריף אין ישראל, למשל), כאָטש אין פּרט פון צוציִען נייע עלעמענטן און זיי איבערגעבן די פירערשאַפט און די אַחריות זענען מיר געגאַנגען אַ סך ווייטער ווי אַנדערע ציוניסטישע ריכטונגען.

די קליינע צאָל מיטגלידער שעפּט אָבער נישט אויס די אָרגאַניזאַטאָ־רישע שוואַכקייט. דער פאַקט בלייבט, אַז אין הונדערטער יידישע קהילות (צווישן זיי אויך באַדייטנדיקע און אָנגעזעענע) זענען מיר בכלל נישט בנמצא. מיר זענען פאַרבליבן אין עטלעכע צענדליק שטעט, אמת, אין די גרעסטע און פירנדיקסטע. אין געוויסע שטעט, ווו מיר האָבן אַ מאָל געשפּילט אַ ראָל, זענען מיר עדות פון אַ ירידה.

ביאַלאַגיש — באַשטייען מיר פון צוויי ראַדיקאַל פאַרשידענע עלע־מענטן: פון איין זייט די וועטעראַנען און אַפילו ראשונים און פון דער צווייטער זייט — גאַר יונגע עלעמענטן. „די גאָלדענע בריק״, דאָס הייסט די מיטלשיכט, וואָס איז דער רוקנביין פון יעדער באַוועגונג איז פאַר אונדז אַ „פאַרלוירענער דור״. דאָס איז נישט גראַד כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדז אַליין, ס׳איז אַ טייל פון דער שווערער פּראָבלעמאַטיק פון די תפוצות בכלל, אָבער אין אונדזער לאַגער איז עס שאַרפער און דראַמאַטישער. אָפט מאָל האָט איר פאַר זיך אַ פּאַראַדאָקסאַל בילד: אַ יונגע פירערשאַפט און אַ פאַרעלטערטע מיטגלידערשאַפט און אַן אַקטיוויסטן־גרופּע, וואָס טראָגט די אַחריות, דעם יאָך אין טאָג־טעגלעכער אַקטיוויטעט. זיי פילן אויס די רייען

פון די באַזוכערס אויף אונטערנעמונגען און זענען די שומרים פון די תרי״ג מצוות פון דעם אַרבעטער־ציוניזם.

אינהאַלטלעך און אידעיִש — די באַוועגונג אונטערשיידט זיך זייער ווייניק פון די אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען אין דעם מאָראַליש־אידעיִשן קריזיס וואָס זיי מאַכן דורך: די סתירה צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, געדאַנק און פאַרווירקלעכונג, די אומפעיִקייט איבערצוזעצן ווערטן און פּרינציפּן אין דער שפּראַך פון דער יידיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט און דאָס פאַרלירן די בכורה און די פירערשאַפט וואָס גייען איבער צו אַלגעמיינע און נישט אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלע כוחות. דאָס איז אָבער פיינלעכער און בולטער אין אַ באַוועגונג, וואָס האָט היסטאָריש זיך אויסגעצייכנט מיט שווימען קעגן שטראָם און מיט אַן אוואַנגאַרדיסטישער און געוואַגטער שטעלונג און אויפפירונג. אַט דאָס פּרצופּלאָזע צוזאַמענגיסן זיך מיטן כלל צו איין „קאָנסענסוס״ פירט צו פאַרגליווערטקייט און צוריקגאַנג; אַ ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג... אַן אַרבעטער; אַ ישראל־צענטריסטישע מחנה — אַן עליה; די פּיאָנערן פון וועלטלעכן העברעיש־יידישן שול־וועזן — מיט איין איינציקער טאָגשול; אַן אָפיציעל סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — אַן וועלכער עס איז פאַרבינדונג און אָריענטאַציע אויף אַ פּאָליטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, ווי למשל אין ענגלאַנד. צו דעם דאַרף מען צוגעבן אַז, ליידער, געפינען מיר זיך אויסער דעם הויפּטשטראָם פון יידישן גייסטיקן לעבן, וואָס דריקט זיך אויס אין רעליגיעזע שטרעמונגען און שאַטירונגען, ווו ס׳קאָנצענטרירן זיך די הויפּט־כוחות פון המשך און פּשוט געזאָגט דאָס „פאָלק ישראל״. דאָס הייסט נישט אָננעמען מעטאַפיזיש־רעליגיעזע פּרינציפּן. נישטאָ עפּעס מער אַקטועל־וועלטלעכס ווי אַ טעמפּל. במילא זענען אונדזערע טויזנטער חברים מיט־גלידער אין די קאָנגרעגאַציעס אָבער אָן השפּעה און אָן אָנזען אין זיי. ס׳איז אַ גרויסער טעות. פונקט ווי מיר פאַרנאַכלעסיקן די געלעגנהייט קולט צו זיין צענדליקער רבנים וואָס אידענטיפיצירן זיך אָפיציעל און פאָרמעל מיט אונדז. מען דאַרף געדענקען, אַז די יווירונג און די יידישע זוכענישן, לעכצונגען און באַנייונג דריקן זיך קודם כל אויס אין די רעליגיעזע צענטערס פון די ליובאַוויטשער ביז די געוואַגטע, אולטראַ־מאָדערנע און גלייכצייטיק ריטואַל־אַרכאַישע חבורות און רעקאָנסטרוקציאָ־

ניסטישע באַוועגונגען. מען טיילט אָפּ דעם מייסטער און זיין יצירה: מען פירט איין, למשל, אין געוויסע טעמפּלען די ווערק פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קלאַסיקערס אין די תפילות, שוין אָפּגערעדט פון די רבנים־דרשות, אָבער אָן דעם חתן אַליין, ד. ה. אָן דער באַוועגונג וואָס שטייט אַנאָנים אין דער זייט.

ג.

און פון דעסטוועגן איז די לאַגע ווייט פון צו זיין פאַטאַל. די ליכטיקע פונקטן וועגן איבער די שאָטנס און פּאָטענציעל שטייט פאַר דער באַוועגונג אַ בכבודיקער און שעפערישער קיום.

אָט זענען אייניקע ביישפּילן:

די באַוועגונג האָט אין די לעצטע יאָרן דורכגעפירט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין איר פּירערשאַפט, נישט נאָר אין די שפּיצן, נאָר אויך אין דער פּעריפעריע פון דער פּראָווינץ. ס׳זענען געקומען צום רודער יונגע אַמעריקאַנער געבוירענע, הויפּטזאַכלעך, אָבער נישט אויסשליסלעך, גע־וועזענע חברים פון אונדזער יוגנט־באַוועגונג. דער פּראָצעס איז, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, געווען אַ פּיינלעכער און, ווי שוין אויבן געזאָגט, נישט אָן נעגאַטיווע באַגלייט־דערשיינונגען. אָבער וואָס ס׳איז אַמוויכטיקסטן — ער האָט פאַרזיכערט יורשים. אָן המשך קען מען נישט דערוואַרטן, אַז די נאָכפאָלגערס זאָלן זיין אַזוי געטריי ווי זייערע עלטערן, זיי זענען אַנדערש און זיכער מער עפעקטיוו. די באַוועגונג פאַרמאָגט אַן אַקטיוו פון עטלעכע טויזנט יונגע מענטשן, מיט וועלכע יעדע באַוועגונג וואָלט שטאָלצירט און זיך גרויסגעהאַלטן.

וואָס שייך קוואַליטעט האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף צענדליקער און אפשר הונדערטער „הבונים״ און יונגע פּועלי־ציון־אַביטוריענטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַן אמתע עליטע און וועלכע פאַרנעמען שליסל־פּאָזיציעס אין קהילה־ראַטן, צדקה־פעדעראַציעס, פאַראייניקטן קאַמפּיין, קהילה־צענטערס און אויפן געביט פון דערציונג. אמת, זיי זענען אָפּגע־פרעמדט געוואָרן אָרגאַניזאַטאָריש פון דער באַוועגונג, אָבער זענען נאָך אַלץ מיט איר פאַרבונדן גייסטיק און אידעיש. געפינען די געהעריקע ראַם

פאַר אַט דער אומאָפּשעצלעכער פּעריפעריע איז אפשר דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָרישער געבאָט. ס׳איז שוין אַ ביסל שפּעט, אָבער נאָך אַלץ נישט צו שפּעט צו געבן אַן אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פאַר די טויזנטער און אפשר צענדליקער טויזנטער פריינד פון דער הסתדרות, וואָס זענען מער ווי קאַמפּיין־בייטראָגערס, ווייל זיי אידענטיפיצירן זיך מיטן אידעישן און פּאָליטישן תּוך.

כ׳קען נישט קיין לאָיאַלערע מחנה צו ישראל, צו דער עבודה־פּאַרטיי ווי די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. זי איז שטענדיק, אין אַלע צייטן, געווען פּאַלעסטינע־צענטריש און אַזאַ איז זי פאַרבליבן. זי האָט געזאַמלט ריזיקע סומעס אין באָנדס, אין פאַראייניקטן קאַמפּיין, אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, פאַר דער הסתדרות, אין רעליף־פאָנדן און כל המינים און אַליין געלעבט אין גרויס דחקות, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך נישט געוואַקלט אָראָפּצונעמען פּראָ־צענטער פאַר זייערע אייגענע אָרגאַניזאַטאָרישע נויטן און זיך פאַרזיכערט פאָנדן פאַר עקספּאַנסיע און אַקטיוויטעטן (דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו ווערן געפּיעשטשעט און געהויבן ביזן הימל דורך אונדזערע פירערס און וואָרטזאָגערס). זי האָט שטענדיק געגעבן פּריאָריטעט ישראל איבער אירע אינערלעכע הצטרכותן. מען קען נישט זאָגן, אַז מיר האָבן איר שטענדיק אָפּגעצאָלט מיט דאַנקבאַרקייט. ס׳איז נאָך דערווייל נישטאָ קיין אַנדער כּוח, קיין בעסערע פּובליקאַציע ווי די באַוועגונג. אַלע קאָניונקטור־ראַלע ליבעס, וואָס מיר האָבן געפּרוווט פירן מיט אַנדערע אין אַמעריקע, האָבן אַנטוישט.

מען זאָגט אונדז: „וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט די באַוועגונג אין אַמע־ריקע?״ זיכער נישט קיין צו גרויסע. אָבער אין דעם טראָגן מיר, די ישראלדיקע, אַ טייל פון דער שולד. און צוריקגערעדט: ווער שפּילט יאָ אַ ראָל אין אַט דעם ריזיקן מאַסיוו אין יידנטום וואָס איז פאַר זיך גופא אין אַמעריקע אַ גאַנצער קאָנטינענט? ס׳איז נישטאָ קיין הויפּט־באַוועגונג אין אַט דער קאַליידיסקאָפּישער און פּלוראַליסטישער סטרוקטור. לאָמיר דעריבער אָפּהיטן און שטאַרקן די אייגענע שטים, אונדזער בינע און אַנשפּאַר.

1976

דער „שבט"

ביי דער געלעגנהייט פון דער פאַראייניקונגס־שמחה פון אונדזער באַוועגונג אין קאַנאַדע ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער היס־טאָרישער און מערקווערדיקער פּאַרטיי, וואָס ווערט איצט איינגעגלידערט אין דער פאַראייניקטער ציוניסטישער אַרבעטער־מחנה. צוליב לאָקאַלע, אָבער ערנסטע סיבות איז דער איחוד צושטאַנד געקומען אין קאַנאַדע מיט אַ היפּשער פאַרשפּעטיקונג. האָב איך דעריבער, אַפילו איצט, די געלעגנהייט פאַר אייניקע רעפלעקסן.

דער שרייבער פון די שורות איז קיין מאָל נישט געווען קיין לינקער פּועלי־ציון. זינט איך געדענק זיך, בין איך געווען אַן אומהיילבאַרער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ ביטערער קעגנער פון קאָמוניזם אין אַלע זיינע וואַריאַנטן און שאַטירונגען, אַ פּרינציפּיעלער העברעיסט (אמת, מיט אַ הייסער ליבע צו יידיש), אַ לאָיאַלער און קאָנסעקווענטער בירגער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אַ מאמין אין קאָנסטרוקטיוון ציוניזם. די אידעאָלאָגיע פון קלאַסישן באָראָכאָוויזם מיט זיינע באַגריפן פון „סטראַטעגישער באַזע", „קלאַסן־קאַמף אַלס הויפּט־וועג פון דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל", „סטיכישער פּראָצעס", האָב איך נישט אָנגענומען ווי זי שטייט און גייט. מיר איז גיכער געווען צום האַרצן דער מילדערער פּירוש פון דער תורה פון דעם געניאַלן לערער. בקיצור איך בין געווען און פאַרבליבן אַ „מפא"יניק".

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז דווקא אין די לעצטע יאָרן האָב איך באַקומען אַ טיפן רעספּעקט פאַר אָט דעם קליינעם, פאַרעקשנטן, אידעאַליסטישן און קעמפערישן כוח, וואָס טראָגט אין זיך אַלע סימנים פון אַ שבט אין בעסערן זין פון וואָרט: טרייהייט צו פּרינציפּן, איבערגעגעבנקייט צווישן חברים און דעם מוט צו זיין אַ מינדערהייט דורך אַ

ספּעציעלן צוגאַנג צו ענינים. אין קורצן: אַ גרופּע מיט אַן אייגענעם חותם, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דווקא אויף אירע עלטערע יאָרן, ווען זי האָט פאַרענדיקט, אַזוי צו זאָגן, איר זעלבשטענדיקן קיום. כ׳האָב געזען, אַז אַפילו אין איר „פאַרהייראַט״־לעבן מיט דער געוועזענער מפא״י־באַוועגונג היט זי אָפּ אירע „בחורישע יאָרן״ פון זעלבשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט. און ס׳איז גוט אַזוי. די פּלוראַליסטישע און דעמאָקראַטיש־אָפענע באַוועגונג קען פון דעם בלויז געניסן.

אַוודאי האָב איך אויך פריִער געקענט און באַוואונדערט (מיט אידעאָלאָגישע אָפּגרענעצונגען) די געשיכטע פון דער פּאַרטיי, וואָס אין געוויסע הינזיכטן האָט זי נישט קיין גלייכן צו זיך אויף דער יידישער וועלטמאַפּע. ווי אַזוי קען מען, למשל, דערקלערן איר איינפלוס, איר בכבודיקן אויפטריט, איר גראַניט־פעסטקייט טראָץ די כראָנישע שפּאַלטונגען, מיט קוים עטלעכע הונדערט מיטגלידער אין גאַנץ ישראל? אין די לענדער, ווידער, ווו זי איז געווען אַ מאַסן־באַוועגונג (למשל, אין פּוילן) האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט דער קאַלירפולער גאַלעריע פון פירערס, טעאָרעטיקערס, קעמפערס און מאַרטירערס, מיט איר רעוואָלוציאָנערן אייפער און מיט דער רייכער קייט פון קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס האָט איר געגעבן אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין די ישובים און אַ חשוב אָרט אין דער געשיכטע.

אָבער, ווי געזאָגט, איז דער דרך־ארץ ביי מיר לעצטנס פאַרטיפט געוואָרן און דער שבט איז מיר געוואָרן היימישער, ליבער און נענטער.

געשען איז עס אַזוי: אַלס קולטור־דירעקטאָר פון דער הסתדרות אין תל־אביב איז מיר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט און מיין ליבע צו יידיש האָט מיך געבראַכט צו דער פאַרוואַלטונג פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. כ׳האָב דערזען די קליינע גרופּע אין איר גרויסקייט און שעפערישקייט און אין דעם אָפּשניט פון איר אַרבעט אַ שטיקל ענטפער אויף דער רעטעניש פון דער ווירקונג פון דער פּאַרטיי, וואָס איז שטענדיק בייגעקומען איר נומערישע שוואַכקייט.

אַ הייפל פון עסקנים, וואָס האַלטן נאָך פון אַזעלכע אַלטמאָדישע זאַכן ווי פּרייוויליקע אַרבעט, פּערזענלעכע ציכטיקייט און צניעות פון מנהיגים, האָט זיך „פאַרלייגט״ אויפצושטעלן אַ וועלט־אינסטיטוציע, וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין אַ פאַרלאַג פאַרן בעסערן יידישן בוך, אַ בריק צווישן

העברעישער און יידישער שאַפונג און אַ מאָנומענט פאַר דער באַוועגונג און אירע וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן. זי האָט אויפגעטאָן ווונדער. דער ווינקל איז געוואָרן אַ ברייטער שליאַך, דער י. ל. פרץ־פאַרלאַג איז געוואָרן דער גרעסטער אין דער יידישער וועלט. ער גיט אַרויס צענדליקער ביכער אַ יאָר, וואָס זענען די שאַפונגען סיי פון די גרעסטע און באַרימטסטע און סיי פון באַשיידענע שרייבערס, וואָס נויטיקן זיך אין דערמוטיקונג. דער י. ל. פרץ־פאַרלאַג איז געוואָרן אַ שם דבר, אַן אויפּטו מיט וועלכן עס וואָלטן זיך נישט געשעמט רייכערע, כמעט מלוכישע אונטערנעמונגען. זיצנדיק מיט אָט די היפּשלעך פאַרמאַטערטע און שוין נישט קיין יונגע מענטשן, האָב איך דערפילט, אַז זייער הצלחה קומט נישט בלויז פון פער־זענלעכע אייגנשאַפטן. ס׳איז „אַ רינג אין דער קייט״. דאָס זענען „אייניק־לעך״ פון אַ חסידיש־התלהבותדיקער דינאַסטיע.

און נאָך עפּעס. מיט דער הילף פון תל־אביבער אוניווערסיטעט האָט דער פרץ־פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ זייער וויכטיק בוך פון פּראָפעסאָר מרגלית „אנטומיה של שמאל״. דאָס בוך דערציילט די געשיכטע פון די פועלי ציון אין ישראל. דער מחבר, אַ היסטאָריקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז פון „הפועל הצעיר״־אָפּשטאַם, אַ תלמיד פון לבונען און גאַנץ ווייט פון דער באַוועגונג. דאָס בוך איז וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיוו, לויבט נישט און באַזינגט נישט. אויב שוין יאָ, איז דאָ אַ בכיוונדיקע פּעדאַנטישקייט און קריטיק, אַ סך „לאחר מעשה חכמה״. פון דעסטוועגן איז עס לויטער שירה. דו לייענסט עס מיט שפּאַנונג און גוואַלדיקן אינ־טערעס. ס׳איז מוזיק פון טרוקענע פאַקטן. כראָניק ווערט עפּאָפּעע. ס׳איז לויטער רעספּעקט שוין פון אַ געשיכטלעכער דיסטאַנץ. אָט דעם רעספּעקט האָט אויך דער מחבר פון אַרטיקל. כ׳ווייס נישט צי אונדזערע לינקע פועלי־ציון זענען „חתנס צד״ אָדער „כלהס צד״. דער שידוך שטייט מיר בפירוש אָן.

1976

שטילע יידישע ווינקעלעך אין אַמעריקע

דעם איצטיקן מאמר ווילן מיר ווידמען צו זייטיקע צניעותדיקע דערשיי־נונגען אין יידישן לעבן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. מיר ווילן אויף אַ ווייל אָפּלאָזן די גרויסע יידישע פּראָבלעמאַטיק, די געראַנגלען און די דערגריי־כונגען. פּונקט אַזוי ווי אין אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן איז נישט אַלץ דראַמע, אויפברויז, נאָר ס'וועבן זיך שטיל משמעותדיקע קעמערלעך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַזוי אויך איז אינעם ישוב נישט אַלץ געריוש און גראַנדיעזע פּלענער. אונטערן אויבערפלאַך באַגעגנט מען זיך מיט אומדער־וואַרטע אַנטוויקלונגען, אַ ביסל יוצא דופנדיקע מענטשן, נישט קאָנווענציאָ־נעלע אָרגאַניזאַציעל. אַ טיפע און אינטערעסאַנטע וועלט. אַט וועגן אַ פּאָר פון אַזעלכע ווינקעלעך ווילן מיר טאַקע דערציילן. מיר האָבן זיי אַרויסגענומען פון אַ רייזע־אַלבום פון צענדליקער שטעט, באַגעגענישן, פּאַסירונגען און אָבסערוואַציעס.

אַ „חבורה" אין וואַשינגטאָן

שוין אַ לאַנגע צייט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט די „חבורות". מיט אַט דעם חסידישן און לומדישן נאָמען רופט מען אָן יידישע יוגנט־גרופּעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן כדי צו לעבן און זיך אויסלעבן יידיש. דאָס איז כלל און כלל נישט קיין איינהייטלעכער באַגריף. עס זענען פאַראַן צענדליקער וואַריאַנטן און אַ פיל־פאַרביקע פאַרשידנקייט אין דער פילאָזאָפיע, סטיל, לעבנסשטייגער און מנהגים פון די חבורות. זיי זענען צעטיילט קודם כל אין זייער רעליגיעזער אויפפירעכץ. דאָס געמיינזאַמע אָבער אין זיי איז דאָס בכיוונדיקע אָפּזונדערן זיך פון דער אַרומיקער, איז תוך, גויאישער וועלט און לעבן אַן אָרגאַניש יידיש לעבן. די, וואָס „איזאָלירן" זיך, גייען חלילה

נישט אַוועק פון דער גרויסער וועלט. זיי זענען אַפילו מערסטנס געראָטענע און בריהדיקע עלעמענטן אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט און זעען זיך אין איר שטאַרק אָן. דאָס שטערט זיי אָבער נישט צו שאַפן יידישע אָרגאַנישע קעמערלעך, אָפּהיטן מצוות, לערנען בציבור, פאַרברענגען בצוותא, ממשיך זיין און מחדש זיין. זיי באַנוגענען זיך נישט מיט די אַנעמישע הלל־הייזער, מיט קעמפּ־יידישקייט און אַפילו נישט מיט פּראָ־ישראל־אַקטיוויטעטן.

האָט זיך אַזוי געטראָפן, אַז גראָד אין וואַשינגטאָן האָב איך זיך באַגעגנט אין יום־טוב סוכות מיט אַ חבורה. אַ שאָד, וואָס דאָס איז געווען אַ מילדע מעסיקע גרופּע און נישט אַזוי „סאַמאָראָדנע” ווי די ראַדיקאַל־אָרטאָדאָקסי־שע אויטענטישע און אַ ביסל ווילדע חבורות. אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ טייל פון דער קאָנסערוואַטיווער עדת־ישראל אין אַ גאַנץ בעל־הבתיש גע־זינדל. פון דעסטוועגן זענען אויך דאָרט געווען געווען געוויס עלעמענטן, וואָס האָבן געוואָרעמט דאָס האַרץ און וואָס וואַלטן שאַקירט דעם שטרענגן אָרטאָדאָקסישן אָפּהיטער פון מצוות, ריטואַל און נוסח.

געווען זענען זיי אַרום פיר מניינים, אַריינגערעכנט פרויען און קינדער. געזעסן איז מען אין אַ קרייז, אָן אַ בימה, בלויז מיט אַ קליינעם ארון קודש. נישט געווען קיין חזן און קיין רב, נאָר איינער פון דער חבורה האָט אָנגעפירט מיטן דאַווענען, די וואָס זענען נישט אַזוי באַהאַוונט אין די קליינע אותיות האָט ער אָנגעוויזן דאָס אָרט און די זייטן אין סדור. דאָס דאַווענען איז אין לשון קודש, אָבער דווקא איז די פייערלעכע און פערזענלעכע אינטימע מאָמענטן מורמלט מען גאָטספאַרכטיק אין ענגליש. די מענער טראָגן טליתים און די פרויען — שטערנטיכלעך אויפן קאָפּ, ווי אונדזערע אַלטע גוטע באָבעס.

— — — זיך באַקענט מיטן צוזאַמענשטעל פון דער „קאָנגרעגאַציע”. איינער (דער בעל־קורא) איז גאָר אַן אָנגעזעענע פערזענלעכקייט אין דער מעכטיקער פינאַנס־קאָמיסיע פון סענאַט. די אַנדערע זענען דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און גאָר באַקאַנטע אַדוואָקאַטן. די פרויען שטייען נישט אָפּ פון די מענער: סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, באַדייטנדיקע סאָציאַלע אַרבעטערס. בקיצור: די אויבערשטע שיכט פון דער וואַשינגטאָנער געזעלשאַפט. דער „רב” איז אַליין אַ כירורג. דער אויבן דערמאָנטער בעל קורא האָט זיך ערשט אין די לעצטע יאָרן דערנענטערט צו יידישקייט, זיך אויסגעלערנט לשון־

קודש, זיך פאַרשאַפט אַ ריזיקע יודאַיקאַ־ביבליאָטעק און ער האָט אויסגע־לערנט די מתפללים צו דאַווענען אויף לשון קודש. כמעט קיינער פון זיי האָט נישט באַקומען אין דער היים אָדער אין אַ שולע קיין יידישע דערציונג. די עלטערן זענען שוין געווען הי געבוירענע „אינטעגרירטע". מען געדענקט אָבער מיט כבוד און דרך־ארץ דעם זיידן, פון וועלכן מען באַטראַכט זיך ווי אַ המשך. אויף די יידישע בערג האָט מען אַרויפגעקלעטערט מיט אייגענע כוחות.

דאָס דאַווענען איז מער ווייניקער לויטן אַלטן נוסח, אָבער מען באַגלייט די תפילות מיט סימבאַלן און מיט פויקן. אַלץ איז געבויט אויפן משפּחה־פּרינציפּ. די עליות ווערן געגעבן דער גאַנצער משפּחה. דער טאַטע, מאַמע און די קינדערלעך ווערן אויפגערופן צוזאַמען צו דער תורה און זיי זאָגן אַלע פאַר אַ מאָל די ברכות. די קינדער זענען גאָר חשובע און יוסטע בעל־הבתים. איינער פון זיי איז זוכה צו טראָגן די תורה און ער טוט עס מיט מוראדיקער חשיבות און שטאָלץ.

אַ מאָדערנער חידוש: מען האָט נישט געלייענט פון דער תורה, נאָר גראָד פון קהלת פּסוקימווייז. דאָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַ „חידוש לשם חידוש" און ס'האָט געגרילצט אין די אויערן

פאַר קריאת התורה איז פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום, אַ לאַנגע און ערנסטע דיסקוסיע וועגן פילאָזאָפיש־רעליגיעזן אינהאַלט פון קהלת. אויפן אָרט פון דער אייביקער דרשה פון אַ ראַבי האָט אַ חנוודיקע פרוי צוגעגרייט אַ גאַנצע אַרבעט וועגן קהלת און האָט זיך געוואָרפן מיט ציטאַטן ווי אַ מגיד מיט פּסוקים. חברה האָט זיך לעבהאַפט באַטייליקט. מען האָט אויך דערקלערט וואָס איז „גשם".

פרויען זענען דאָ דאָס אייבערשטע פון שטייסל: „הגבה־גלילה", פתיחה און אַנדערע כיבודים.

נאָכן דאַווענען — אַ קידוש אין אַ לוקסוסדיקער דירה, ווו איין צימער איז אַזוי גרויס ווי אַ קלויז אין מיין שטעטל. דערנאָך אַ לאַנג זינגעוודיק בענטשן און דער טאָג האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. ביי נאַכט — שבת און אין די פּשוטע וואָכן־טעג — קרייזן פון תנ"ך, געשיכטע, פאָלקס־טענץ אאַ"וו. פאַרנומענע מענטשן גיבן אַוועק זייער גאַנצע פרייע צייט און זעען אין יידישקייט אי „פאָן" (פאַרווייליונג), אי אינהאַלט, אי באַרויִקונג, תכלית

און אויבערשטקייט. דאָס איז, ווי שוין אויבן געזאָגט, נישט דאָס, וואָס איך האָב געזוכט און אַוודאי איז דאָרטן נישט געווען די אַבסאָלוטקייט, דער ווילדער עקסטאַז אַרום „דער רבי זאָל לעבן", וואָס איך האָב געזען ביי די ליובאַוויטשער. דאָ איז, אַזוי צו זאָגן, אַ מין יידישקייט — „פאַר גאָט און פאַר לייט". אָבער אין סאַמע האַרץ פון עלעגאַנטן און ראַפינירטן וואַשינגטאָן איז דאָס אויך אַן אומדערוואַרטער אינדזל, אַ ריזלדיקער קוואַל און גלויבט מיר — נישט ווייניקער שיין ווי די גרינע אַזערעס און די פּאָטאָמעק־וואַסערן פון דער הויפּטשטאָט פון אַמעריקע.

צוויי דורות אין לאָס אַנדזשעלעס

איך האָב ווידער אַ מאָל געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו באַזוכן די וועלט־באַרימטע און פרעכטיקע שטאָט. איך האָב שוין אַ סך דערציילט און וועל זיך נאָך אומקערן צו אָט דעם טייל פון אַמעריקע. וואָס מען רופט דאָ „גאָטס קאַונטרי" (גאָטס לאַנד), צו איר נאַטור־שיינקייט, פאַרשיכורנדיקן קלימאַט, רחבות און גוטן געמיט. פּונקט אַזוי קען מען שרייבן און וועגן דער צווייט־גרעסטער יידישער קהילה אין דער וועלט, וועגן איר פאַנטאַסטישער אַנטוויקלונג, אירע צאָלרייכע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס. אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן.

מיר ווילן דערציילן וועגן אַ באַגעגעניש מיט צוויי דורות: מיט יונגע פּאָרלעך אויף אַ סוף־וואָך־סעמינאַר און מיטן יידישן קולטור־קלוב.

לאָס אַנדזשעלעס איז אַ שטאָט, וואָס איז אַזוי צו זאָגן, כולה יוגנט נישט נאָר לויט די יאָרן, נאָר לויטן לייכטן געמיט, קולט פון שיינקייט און שוישפּי־לערישן גלאַנץ און ווי „עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך". אַלץ איז געווענדט צו דער יוגנט (דאָס שטערט אגב נישט, אַז לאָס אַנדזשעלעס איז נאָך פלאָרידע דער וויכטיקסטער צענטער פאַר צוריקגעצויגענע עלטערע מענטשן). אַפילו געאָגראַפיש מערקט זיך די צעטיילונג צווישן גענעראַציעס: די עלטערע לעבן אין דעם „געטאָ" פון פעירפאַקס, אָדער אין דעם נגידישן בעווערלי הילס און די יונגוואַרג ציט זיך אַריבער אויף מערב צום „טאָל", אַ שפּאָגל נייע געגנט. מיט אַ טייל פון אַזאַ יוגנט איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ סוף־וואָך.

אמת, דאָס איז אַ ספּעציעלער מענטשן־מאַטעריאַל: די אַמאַליקע ציוניס־טישע אַרבעטער־יוגנט „הבונים", היינט אַ צווייג פון פאַרבאַנד, מיט אַנדערע ווערטער אַ דעפינירטער ציבור. מיט דער צייט זענען זיי ווייט אַוועק פון דער חלוצישער פאַרגאַנגענהייט און געוואָרן אַ טייל פון יידישן כלל אין זיין טיפּישקייט און אַלגעמיינקייט, אָבער די „גירסא דינקותא" איז נאָך אַלץ פאַרבליבן.

אויסגעקליבן האָט מען אַ קעמפּ, וואָס איז אין פולן קאָנטראַסט צו דער גרויסער שטאָט: אויף אַ באַרג 7.000 פוס הויך, לאַנדשאַפט פון ווינטן, שנייען און שניידנדיקער קעלט. דער היפּוך פון לינדן, מילדן און צערטלעך סענסועלן קלימאַט פון לאָס אַנדזשעלעס. במשך פון אייניקע טעג האָט מען אויך געלעבט פשוט פרימיטיוו, ווי אין די גוטע יאָרן. דער קאָנטראַסט איז אָבער נישט געווען בלויז אַ פיזישער. מען האָט געפּרוווט אַריבער אין אַן אַנדער וועלט; אַוועק פונעם רויש פון דער גרויסער שטאָט, פון „יידישן עסטאַבליש־מענט", פון טעמפּל, קאַמפּיין, מיטינגען און אומענדלעכע זיצונגען.

דער שרייבער פון די שורות האָט אַ סך געהערט אָבער נאָך מער זיך צוגעהערט. וואָס אינטערעסירט זיי? וואָס באַאומרואיקט זיי, באַזונדערס בנוגע ישראל, וואָס איז דער „א" און דער „ת" פון זייער יידישקייט?

דאָס איז קודם כל „רכילות" — די ידיעות וועגן נעגאַטיווע דערשיינונגען און געשעענישן אין ישראל, וואָס ווערן דאָ נאָך מער פונאַנדערגעבלאָזן. מען קריטיקירט ישראל אָן רחמנות. אָפט מאָל טראַכטסטו אַז דאָס איז נישט נאָר צוליב דעם, וואָס פון ישראל דערוואַרט מען דאָס רוחניותדיקע „טעלערל פון הימל", נאָר ס'איז אַ מין אונטערבאַוווסטזיניק פאַרענטפערן זיך פאַרן נישט עולה זיין, פאַר „נישט פאַרווירקלעכן".

דאָס צווייטע — די שאַרפע און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן דער עמיגראַציע פון סאָוויעטישע יידן קיין אַמעריקע. דער ענין גייט אַריבער יעדער פּראָפּאָרציע. ס'איז ממש אַ דיבוק. עפּעס ווי די עמיגראַציע פון סאָוויעטישע יידן וואָלט געווען אַ סוראָגאַט פאַר עליה נישט נאָר פאַר זיי, נאָר אויך פאַר אַנדערע, וואָס וועגעטירן ציוניסטיש אין זייערע באַקוועמע היימען. די צעטיילונג צווישן „שפּאַרבערס" און „טויבן" איז דאָ נאָך מער עקסטרעם ווי אין ישראל.

דו וואַרפסט זיך ווי אין כף הקלע פון געפילן. אַ הויך־געבילדעטע יוגנט,

אַ זוכנדיקע, אַן אומצופרידענע, אַ פֿאַרחלשטע נאָך יידישן וויסן. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, גלייכגילטיק און היפּשלעך עגאָצענטריש. אַזוי באַעגנט און אַזוי ווייט, אַזוי ווי די בערג פֿון קעמפּ זענען פֿון דער טאָליקער זוניקייט פֿון דער גרויסער שטאָט.

די שעפּערישע וועטעראַנען

דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר זיך באַגעגנט מיטן יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ פּאָפּולערע, אַקטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַ פֿאַקטאָר אין יידישן קולטור־לעבן אין שטאָט.

אינעם שיינעם לאָקאַל פֿון ציוניסטישן אַרבעטער־אינסטיטוט האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט העכער 250 יידן, דאָס בעסטע און שענסטע פֿון עלטערן יידישן דור, טוערס פֿון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד און אַרבעטער־רינג, אינטעלעקטואַלן, לערערס, דערציערס, שרייבערס און סתם יידן, וואָס יידיש איז זיי ליב און טייער און לכל הפּחות לגבי זיי אַ רעאַלע ווערטפֿולע און לעבעדיקע וועלט. די טעמע פֿון רעפֿעראַט איז געווען אין פֿלוג אַ טעאָרעטישע און אַבסטראַקטע: „דאָס גייסטיקע פּנים פֿון וועלט־יידנטום". פֿאַר דעם עולם אָבער איז עס געווען קאָנקרעט, באַשיימפּערלעך און דרינגענדיק.

בעת כ'האָב גערעדט, האָב איך זיך צוגעקוקט צום פּובליקום. אָט איז דער וווּנדערלעכער דור, די צייט־ברידער פֿון ותיקים אין ישראל. קליין איז ער געווען אין צאָל, אָבער בויעריש, טרוימעריש און אידעאַליסטיש. ער האָט געלייגט די יסודות פֿאַר דער אויפֿבלי־תקופֿה פֿון יידישן לעבן אין די שטאַטן. סאָציאַליסטיש (אַפֿילו ווען נישט אין דער אויסגעשפּראָכענער און דעקלאַ־רירטער פֿאָרם), אהבת ישראלדיק, ציוניסטיש (אַפֿילו אָן אָרגאַניזאַטאָרישן שטעמפּל). די הייסע חסידים פֿון שאַפֿן אין יידיש און העברעיִש.

היינט לעבט דער דור איבער די אומעטיקע פֿאַרעלטערונג־יאָרן און די לאַנגזאַמע שקיעה פֿון דער פֿאַרגאַנגענער יידישער וועלט. אָבער ס'איז צו פֿרי צו מאַכן איבער זיי אַ „רבנן־קדיש". זיי זענען נאָך אַלץ דאָ, נאָך אַלץ שטאַרק פֿאַרבענקטע, נאָר אַלץ „וועלטלעך", כאָטש מיט אַ נייער באַציִונג צו רעלי־גיעזע מקורות.

די טוערס (ראַבין, קאַהאַן, דייטש און אַנדערע) פֿירן דורך 40 פֿאַרלע־

זונגען אַ יאָר, פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, שטיצן יידישע שרייבערס. דער עולם — אַ יום־טובדיקער, אַ פרייליכער און אומהיילבאַר אָפּטימיסטיש.

אויב יוגנט איז פֿאַרליבטקייט, עקסטרעמקייט און עקשנות, זענען זיי אפשר יינגער ווי די נאָכוווקס־גרופּע אינעם קעמפּ. אַ סך איבערגעלעבט, אָבער האָבן נאָך אַלץ דעם בלויי־אויגיקן גלויבן אין מאָרגן. אַ וועלט פֿון טרוימען און מעשׂים.

1977

דרום־אַפריקאַנער מאָטיוון

ברכי נפשי...

כ'ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר אָט דער אַלטער הימן פון אַנטציקונג און עקסטאַז האָט געהאַלטן אין איין קלינגען אין מיינע אויערן, ווען ס'האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט און פונאַנדערגעוויקלט די פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע פון אַפריקאַנער קאָנטינענט.

אַלע אַדיעקטיוון ווי: שיין, מאַלעריש זענען צו בלאַס, כדי אויסצודריקן די סענסועלע און בונטע פאַרביקייט. בערג מיט ליניעס און פאַלדן פון מענטשלעכע געזיכטן, ימים און אָקעאַנען מיט זון באַגאָסענע, טיף גרינע טאָלן, הונדערטער קילאָמעטערס וואַלד און דזשונגל, אויסגעלאָשענע וואול־קאַנען, אויסטערלישע פייגל, כלערליי מינים שאַרפע קעגנזאַצן פון קלימאַטן און אומפאַרגעסלעכע זון־אויפגאַנגען און פאַרגאַנגען.

אָט איז די זיסע קייפּטאַון מיט איר „טישבאַרג", „לייבנקאָפּ", 12 אַפּאָסטאַלן. אָט איז דער מעכטיקער אויסגוס פון צוזאַמענגיסן זיך פונעם אַטלאַנטישן און פּאַציפישן אָקעאַן. אָט איז איסטטראַנסוואַל מיט „גאָטס פענצטער", וואָס בליקט אַרייַן אין אַן אומגעהויערן תהום פון גרינס. אָט זענען די „גיימס־רעזערוון", ווו עס שפּאַצירן אויף הונדערטער קילאָ־מעטער אין בראשיתדיקע קוסטעס, לייבן, פּאַנטערן, סטאַדעס פון זעברעס, באַפּאַלאָס און הונדערטער מינים העלפאַנדן און הירשן, צאַרטע וויברירנ־דיקע און דערשראָקענע. אפשר די איינציקע פאַרבליבענע אימפּעריע פון שטומע ציגנער מיט אייגענע געזעצן און אַן „קאָנסטיטוציעס" פון פרע־היסטאָרישע צייטן. אָט איז די רייכע עקזאָטישע פלאָרע. אָט זענען הונדער־טער אָפּגעהיטענע שלאַנגען. און איבער אַלץ — ווייטע, בלויע האָריזאָנטן און אומגעצוימטע מרחקים.

אַלץ איז דאָ געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט און לוקסוסדיקער פאַר־

שוועגדערישקייט. מינען פון גאָלד, וואָס ווערט ערשט דער אײדעלער מעטאַל, ווען דורכגעזאַפּט מיט מענטשלעכן פּיין און שווייס, פעלדער פון דימענטן, שטחים פון פּלאַטין, אוצרות פון אוראַניום, אומענדלעכע שיכטן פון קוילן. און אַרום — מענטשן פון אַלע טיפּן. שוואַרצע און קופּער־רויטלעכע און ווייסע פון אַלע מינים. אַלע ציוויליזאַציעס, פון די ווילדע „בושמענס״, ביז צו די עולם־הזהדיקע געניסערס פון יאָהאַנעסבורג. אַלע ציוויליזאַציעס אין איין פאַרביקן קאַליידאָסקאָפּ.

אָבער אין סאַמע מיטן פון אָט דעם אַלעמען — די קאָמפּליצירטסטע פון אַכזריותדיקע געזעלשאַפט פון דער וועלט, דער בידנער מענטש איז דער רייכער סביבה.

די שוואַרצע

פון ערשטן מאָמענט האָט מיך געצויגן צום הי־געבוירענעם, צום אויטענטישן אַפריקאַנער. געוואָלט אים זען ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגן בלוט און פליייש. נישט נאָר צוליב נייגער צום פרעמדן, אומהיימלעך מיסטעריעזן, צו דער וועלט פון טאַבו, רוחות, עמבלעמען און טראַכטן, צום פאַרשלאָסענעם קוואַל. די געלעגנהייטן זענען נישט צו אָפּטע. די גאַסן זענען טאַקע פול מיט שוואַרצע פּוסגייערס, ווייל די ווייסע רייטן „נאָ־שפּיץ״ אין באַקוועמע לימוזינעס. אין האָטעל שווימלט מיט הונדערטער באַדינערס, פאַר חצי־חינם. אומעטום טוען זיי די סאַמע פּראָסטע מלאכות. ווהין דו זאָלסט זיך נישט קערן, שטויסט זיך אָן דיין אויג אויף די שטרויענע כאָטקעס פון די אַפריקאַנער. דו פאָרסט פאַרביי די „קאָמפּאַנדן״, די לאַנגע שורות פון גרויע קאַזאַרמע־אַרטיקע געביידעס, ווו ס׳פּרעסן זיך צוזאַמען הונדערטער טויזנטער לוינאַרבעטערס, אָפּגעריסענע פון זייערע ווייטע היימען. אָבער ווי געזאָגט — דאָס אַלץ איז אין קאָנטאַקט, אין דעם אַכזריותדיקן צוזאַמענזיין מיטן ווייסן און אין גלות. ס׳האָט זיך געוואָלט אָבער זען דעם „באַנטו״ און זיין משפּחה אין דער קאָמפּליצירטער שבטים־געזעלשאַפט און דער עיקר אין דער גייסטיקער וועלט פון שפּיל, טאַנץ, ריטם און געזאַנג.

אַפילו דער לענגערער באַזוך אין „סאָוועטאָ״ האָט נישט געשטילט

דעם נייגער און נאָר צערייצט דעם דורשטיקן גומען. „סאָוועטאָ” איז די פאַנטעטיש געפערלעכע ראשי תיבות פון מערב־דרומדיקע „באַנטו־שיכונים”. עס האַנדלט זיך וועגן אַן עטלעכע און צוואַנציק קוואַדראַטמייל־שטח אין די מוניציפּאַלע ראַמען פון וויליאַמסבורג, וואָס איז געדיכט באַזעצט פון אַלע שוואַרצע שבטים און דער עיקר פון „זולוס” און „סאָטאָס”. ס׳געפינען זיך דאָרטן העכער 4 הונדערט טויזנט מענטשן אין 70 טויזנט הייזער. די אָרטשאַפט געניסט פון אַ געוויסער אויטאָנאָמיע. זענען מיר געפאָרן לאַנגע שעהען אין דער דאָזיקער „כמו שטאָט”. געזען גאַנץ באַקוועמע וווינונגען, קינדערגאָרטנס און שולן, אַ שפּיטאָל פאַר 5 טויזנט קראַנקע, וואַרשטאַטן, ספּאָרטפּלעצער און אַפילו אַ פּאָר שווימבאַסיינען. די דרום־אַפריקאַנער רעגירונג און די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון יאָהאַנעסבורג שטאָל־צירט מיט דער דערגייירכונג. אַוודאי זעט עס אויס פאַר אַ ישראלדיקן פרימיטיוו און אָפּגעלאָזן, שוין נישט רעדנדיק פון געוואַלטיקן קאָנטראַסט מיטן הויכן ניוואָ און שפעדיקן שטאָטלעבן פון די ווייסע אַפריקאַנער. אָבער דאָך אַ דערגרייכונג. אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס גיט נישט קיין אמתדיקן בליק און אַריינבליק אין דער אינערלעכער נשמה און גייסטלעבן פון די שבטים. ס׳איז נישט קיין היים, ס׳איז אַ מלוכה־פּראָיעקט, איינער פון די באַשיידענע פּרוּוון פאַר אַ שטיקל לינדערונג פוןליידן און פּיין.

אַ צווייט מאָל האָבן מיר זיך געפונען אין דער דירעקטער מחיצה פון די אַפריקאַנער, און גראָד אין די עקזאָטישסטע און אויסטערלישע באַדינ־גונגען. אויך דאָ בין איך נישט זיכער וויפל ס׳איז דאָ געווען עכט לעבן, אָדער אַרטיסטישע איבערלעבונג. וויפל אָריגינאַל און וויפל סטיליזאַציע און טוריסטן־אַטראַקציע.

דעם לעצטן זונטיק אין אַפריקע האָב איך בייגעווינט דעם „מיינער־דאַנס”. יעדן זונטיק פירן אויס די יונגע מינען־אַרבעטער זייערע אָריגינעלע שבטים־טענץ. ס׳איז אַלץ צוזאַמען. שפּיל־פאַנטאַמימע, קריגס־אָפּעראַציעס, ריטואַל און טענץ. צענדליקער שבטים קאָנקורירן מיט זייערע „אַנסאַמ־בלען”, וואָס באַשטייען פון אַ גרופּע „סטאַרס”, מוזיק־באַגלייטערס און פּאַרערערס, וואָס מאַכן פאַר זיי אַ וואַרע. זיי פּוצן זיך אויס אין שטרויס־פעדערן. זיי באַשירעמען זיך מיט אַלטע כלי־זין, ציִען זיך איבער מיט פעלן פון חיות און זעען אויס ווי „פּורים־שפּילערס פון אַפריקאַנער סאָרט”. די

מאַטיוון די זעלבע — קאַמף מיט דער נאַטור, מיט אַנדערע שבטים, מיט פאַרצוקנדיקע חיות. די שוואַרצע, הייסע, מיט שווייס באַגאָסענע לייבער האָבן אַ מערקווערדיקע בויגעוודיקייט. אַ מאָל דער פוילער מאַיעסטעטישער הילוך פון לייב, אַ מאָל דער בליץ־שנעלער שפּרונג פון דער פּאַנטערע און אַ מאָל דער שלאַנקער און גראַציעזער הויכגאַנג פון דער זשיראַפע. און אַלץ ווערט באַגלייט מיטן מאַסיוון ריטם פון פּויק, פון וויינענדיקן פּייקל און יאָמער פון טרומייטערס. דאָ אַנטדעק איך דעם אורפּאַטער פון ריטם, פון דזשאַז. אָבער די מאָדערנע ריטם־טענץ זענען אַ בלאַסע נאָכ־מאַכונג פון אָט דער עמאָציע־אַנגעלאָדענער באַוועגונג. אַ נישט געניט אויג קאָן נישט אונטערשיידן צווישן איין טאַנץ און דעם צווייטן, צווישן איין קולטור און דער אַנדערער, אָבער פיינשמעקערס קענען זיך אין די ניואַנסן און כאַראַקטער־שטריכן. ס׳איז נישט קיין פּרצופלאָזער מאַסיוו. ס׳איז דאָ דביקות צום אייגענעם און באַזונדערן. ס׳איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

קיין שום דעקאַראַציע. די בינע — נאַקעטער דיל און די אַנאַנסירונג פון די טענצערס און זייער שבט־אַנגעהעריקייט — דורך אַ געוויינלעכן שילד.

דער טויזנט־קעפּיקער עולם איז צעטיילט אויף צווייען: פון איין זייט, אויף ווייכע שטולן — די טוריסטן, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען „אויף בייז וווּנדער", גוט־אויפגעלייגטע משפּחות אין קאָלירקע זונטיק־קליידער, וועלכע מען באַדינט ביים בופעט, „כדי ס׳זאָל זיי נישט פאַרחלשן דאָס האַרץ". פון דער צווייטער זייט — די אמתע מחותנים, די באַנטוס אַליין, די ענטוזיאַסטישע צוהערערס. אָבער די שוישפּילערס איגנאָרירן זייערע היימישע געסט און זיי פּיינען זיך אויס און דרייען זיך קאָקעטיש פאַר די „הערשערס" אַזוי ווי די גלאַדיאַטאָרן, וואָס זענען געגאַנגען צום טויט פאַרן קיסר און פאַראַדירט פאַר די פּאַטריציִשע פּרויען. צוויי וועלטן.

און אַ צווייטע איבערלעבונג. שוין זייענדיק אין קעניאַ האָב איך באַזוכט אַ קעמפּ פון דעם באַרימטן שבט פון די „מאַסאואַס". פאַרנאַכט צווישן בערג, ביים רויטן שיין און פאַרגייענדיקער זון. דער קעמפּ אַליין — אַ הויף פון מיסט און חיות־אָפּפאַל. אַרום און אַרום ליימענע אַפריקאַנער האַלב כאַטעס און האַלב היילן, חיות און מענטשן צוזאַמען, 10—12 נפשות אין פענצטערלאָזע, טונקלע היילן, וווּ עס פלעגטן זיך צוזאַמען קינדער־קערפּערלעך. צוויי שעה האָבן זיי געטאַנצט און זיך געלאָזן גוטמוטיק

פאָטאָגראַפירן מיט די באַזוכערס. אַרום אַ גרויסע שטורמישע וועלט, אָבער דאָ, אין דער פאַרוואָרפענער היים פון כמעט געצנדינערס, איז נאָך פרע־היסטאָריע, אין איר מילדער נעבעכדיקייט, לעפּישער גוטמוטיקייט. די וועלט פון אילוזיע און חלום.

אַלץ וואָס מיר האָבן זיך אָנגעזען פון פרימיטיוון און ווילדן אין דרום־אַמעריקע, אין אויסטראַליע איז היינטצייטיק און מאָדערן אין פאַרגלייך מיט אָט דעם שבט פון אורמענטשן. זיי האַלטן זיך ביי זייערס, מיט מילדער עקשנות און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. מערקווערדיק, כ׳האָב זיך גאָרנישט געפילט „העכער" און „ציוויליזירטער". אַ כוואַליע פון צאַרטע געפילן האָט מיך אַרומגענומען צום אָט דעם מין מענטש, אַ מין סאָלידאַריטעט אויסער צייט און רוים.

1971

דער הײנטצײטיקער סאָװיעטישער ייִד

„סאָװעטיש הײמלאַנד" פֿון חודש אָקטאָבער 1977 איז דערשינען אַ פֿאַרגרעסערטן פֿאָרמאַט לכבוד דעם 60־יאָריקן יובילײ פֿון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע. ס׳געפֿינען זיך אין אים גאַנצע 26 דערצײלונגען, װאָס אַלע צוזאַמען דאַרפֿן געבן אַ בילד פֿון הײנטצײטיקן דור סאָװיעטישע ייִדן און פֿון ייִדישן לעבן. דאָס איז מער עפֿעקטיװ װי פֿאַרשאַרבעט, רעפּאָרטאַזשן, איבערזיכטן און אינטערװיוען (אײנער פֿון די זעלטענע פֿאַלן, װאָס מיר זענען מסכּים מיט דער רעדאַקציע). אמת, מיר זענען טאַקע מפֿוקפּק, צי די שרײבערס האָבן טאַקע נישט געהאַט קײן „סאָציאַלן זאַקאַז" און צי אַלץ איז געשריבן געװאָרן קרעאַטיװ, ספּאָנטאַן, אָן אַ װוּנק פֿון אױבן. אָבער דאָ גײען מיר שױן אַרײַן אין געביט פֿון ליטעראַרישער קריטיק, מיט װעלכער מיר האָבן נישט בדעה זיך צו פֿאַרנעמען און מיר לאָזן עס איבער פֿאַר מומחים, די פֿיל חסידים און נאָך צאָלרײַכערע אָפּאָנענטן פֿון „סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

װי געזאָגט, האָט דאָס געדאַרפֿט זײַן נישט בלױז אַ קלײנע אַנטאָלאָגיע, נאָר אַ „קאָלעקטיװע מתּנה" װאָס דער שעפֿערישער קאָלעקטיװ ייִדישע סאָװיעטישע שרײבערס טראָגט אונטער דעם 60סטן אָקטאָבער, אַ קינסטלערישער ענטפֿער אױף דער טעמע: דאָס אָרט, דאָס לעבן, די װעלט־אױפֿפֿאַסונג פֿון איצטיקן (די אונטערשטרײַכונג איז פֿון רעדאַקטאָר) ייִדן. דאָס דאַרף אױך זײַן אַן ענטפֿער די „װאָס דרײען זיך אַרום דעם סאָװיעטישן ייִדן" און װאָס װערגעלעס כאַראַקטעריזירט מיט זײַן לשון־נקיה װי „געװיסנלאָזע שרײבערס, אױסטײַטשערס, עצה־געבערס, אַגיטאַטאָרס, פּראָפֿעסיאָנעלע אונטערהעצערס" א.אַז.װ.

דער סאָװיעטישער ייִד פֿון די זיבעציקער לעבט נישט מער אין תּחום, אין דער סוכּה, אין שטעטעלע בעלז, אין בלאָטיקן מאַרק. פֿון די דער־

ציילונגען זעט מען אַז די סאָוויעטישע יידן שטעקן נישט מער אין די כסרילעווקעס און דאָס נישט נאָר ווייל היטלער האָט זיי אָפּגעמעקט פון דער ערד, נאָר ווייל מען איז אַריבער אין די נייע גרויסע צענטערס, אין די סאָוויעטישע מרחבים דורך די גרויסע טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונגען.

ווילן מיר נישט און מיר דאַרפן אויך נישט לייקענען אָט דעם דעמאָגראַפישן פאַקט, וואָס איז כלל און כלל נישט כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד. די קאָנצענטראַציע פון די יידן אין די ריזן־מעטראָפּאָליעס איז אַן אוניווערסאַלע דערשיינונג און איז שטאַרק בולט אויך אין דעם קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע. די יידן זענען היינט דער אַממערסטן אורבאַניסטישער טייל פון דער געזעלשאַפט און מען דאַרף עס נישט צושרייבן גראָד די גרויסע אויפטוען פון סאָוויעטישן סאָציאַליזם.

אָבער פאַר וואָס דאַרף מען אָט די אין תוך פּאָזיטיווע דערשיינונג באַגלייטן מיט אַ חוזק־ און גראָטעסק־שילדערונג פון דעם שטעטל? פאַרוואָס דאַרף מען למשל זען גלופּסק ווי אַ שטיק שמוץ און עקל? צי איז דאָס אַלץ, וואָס דאָס יידישע שטעטל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט? פאַרוואָס שפּייט ווערגעליס אין קוואַל פון וועלכן ער אַליין האָט געטרונקען? איז דען דאָרט נישט געווען קיין תורה און חכמה, קיין אידעאַליסטישע יוגנט און צווישן איר אויך די קאָמוניסטישע, וועלכע געפינט זיך היינט אין די גרויסע סאָוויעטישע אינדוסטריעלע שטעט, אויב זי האָט געהאַט דעם מזל נישט אויסגעמאָרדעט צו ווערן דורך היטלערן און סטאַלינען?

פונקט אַזוי זעען מיר נישט קיין באַזונדערע סאָוויעטישע רבותא אין דעם פאַקט, וואָס יידן זענען היינט מעליאָטאָרן, אינזשעניערן, שלאָסערס און אַפילו אָפּיצירן (?), בויערס, מעכאַניקעס און אַפילו קאָסמאָנאַוטן. און ווו איז עס נישט אַזוי? ווו זענען דען יידן נישט אין די פאָדערשטע רייען פון אינטעלעקטועלע פּרנסות און אַקאַדעמישע באַשעפטיקונגען? אין מערב איז עס נאָך אַ סך בולטער ווי אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ס׳זענען פאַר יידן פאַראַן באַגרענעצונגען אין אַ געוויסן סאָרט פון קאַריערעס און שוועריקייטן ביים אָנגענומען ווערן אויף באַשטימטע פאַקולטעטן? און ווידער אַ מאָל נישט רעדן גראָד וועגן דעם יידישן אַספּעקט: איז עס אַ 100% פריילעכע דערשיינונג? איז עס למשל נאָרמאַל, אַז צווישן די 120 טויזנט עולים פון

סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס זענען אָן שום ספק אַ קווערשניט אין דאָזיקן ישוב, איז כמעט נישטאָ קיין אַרבעטער, קיין האַנטווערקער?

דער איינציקער פּלאַץ ווו ס'איז דאָ אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט איז ישראל. ווערגעליס צעגיסט זיך פון התפעלות וועגן דער נייער געשטאַלט פון סאָוויעטישן יידן נאָך דעם ווי ער איז דורכגעגאַנגען דעם וועג פון די לעצטע יאָרצענדליק, איז זיין „אַקסל נישט פאַרקיילעכיקט און דער טראָט פעסטער". ווילן מיר איצט וועגן דעם נישט ברייען, כאָטש מיר אַלע און אויך ווערגעליס ווייסן, מיט וויפל חניפה, פחדנות און בלינדער געהאָרכזאַמקייט, מיט וויפל גרויליקע איבערלעבענישן מען האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר אָט דעם אויסערלעך אויבערפלעכלעכן אויפטריט אין דער געזעלשאַפט. אָבער, ווי געזאָגט, נישט דאָס זענען מיר אויסן.

אין „רעכטן געדיכטן" גייען מיר אַריין, ווען ווערגעליס שטעלט זיך אָפּ — אַלץ אויפן יסוד פון די ליטעראַרישע שאַפונגען — אויף דער פראַגע ווי אַזוי ס'האָבן זיך געענדערט אייניקע זיטן און אומשטאַנדן אין יידישן שטייגער. ווייזט אויס, אַז מיר האָבן אַלע געלעבט אין טעות, מיר האָבן אַלע געמיינט אַז יידישער לעבנס־שטייגער אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז בכלל אַן אַבסטראַקטער און סורעאַליסטישער באַגריף, אַדער פשוטער געזאָגט, אַז ער איז בכלל נישט בנמצא. אָבער פון די „ליטעראַרישע מקורות" דערוויסן מיר זיך, אַז דעם סאָוויעטישן יידישן מאַסנמענטש האָט זיך „איינגעגעבן פון איין זייט אָפּצוהיטן דאָס תוכיק יידישע און פון דער צווייטער זייט אַריינצושטעלן דאָס טראַדיציאָנעלע אין אַ ראַם פון מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע פאָרמען". כפתור ופרח, ממש אַ זשיטלאָווסקי־פאָרמולירונג. דער רעדאַקטאָר גיט זיך נישט די מי אונדז צו באַווייזן, כאָטש מיט אַ רמז, וואָס פאַר אַ טראַדיציעס — וואָס זענען פון דעסטוועגן אַ קאָנווענציאָנעל אָנגענומענער באַגריף — מען האָט איינגעהאַלטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד? וואָס זענען עס פאַר אַ פאָלקלאָריסטישע יידישע זיטן, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַזעלכע קלעריקאַלע פאָרמען ווי: חופה וקידושין, בר־מיצווה און סתם יידישע אויפפירעכצן? ווו באַהאַלט זיך ערגעץ דער תוך? אויב עפּעס איז געבליבן, איז עס טראָץ דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין קעגנזאַץ, אין געראַנגל מיט איר און נישט דורך איר.

ווי אַזוי באַרעכטיקט מען דעם מאַנגל אין יעטוועדן טראַדיציאָנעלן

המשך אויב נישט דורך אַרונטעררייסן און אַראָפּנידערן די יידישע טראַדי־ציע בכלל? זי געפעלט נישט די יידישע שרייבערס און דעם באַשרייבער. „דער ייד אין תחום האָט זיך נישט פאַרגונען הנאה צו האָבן פון לעבן, אַלץ וואָס ער האָט געברויכט דאָ אויף דער וועלט איז נישט געווען פאַר זיין גוף און הנאה וועגן, נאָר כדי מקיים צו זיין אַ מיצווה. זיי האָבן געגעסן אין וואָכנדיקן טאָג כדי צו מאַכן אַ מוציא און אין שבת, כדי צו פראַווען שלוש סעודות, געטרונקען וויין אין פסח — פאַר אַרבע כוסות וועגן". אַ חסרון די כלה איז צו שיין. דער פּאָעט ווערגעליס איז נישט פעיִק צו באַגרייפן דאָס דערהויבענע און אײדעלע פון אַריינגעבן אין חומרישע פאַרגעניגנס אַ גייסטיקן טעם, אַ רוחניותדיקן אַראָמאַט, אַ פאַראײדעלונג. דאָס ווערט ביי אים אַ טעמע פאַר שפּאָט, אַן אויסדרוק פון היפּאָקריזיע. ס'געפעלן אים נישט די חתונות, אין וועלכע ער זעט בלויז שלעכטע פאַרגעפילן: אַ וויינענדיקע כלה, דאָס דינגען זיך פון מחותנים, דאָס גיין פון חתן אויף קעסט.

דו לייענסט און דו גלייבסט נישט דיינע אויגן. איז דער וואָלינער ווערגעליס קיין מאָל נישט געווען אויף קיין יידישער חתונה און נישט געזען די שמחה און התלהבות, נישט געהערט די לירישע קלעזמער, נישט געזען דעם בדחן, וואָס איז געווען אַן אמתער טרובאַדור, נישט געזען די מצוה־טענצלעך, די גאַנצע פאַרביקע פרעסקע פון איבערלעבונגען?

און ווידער אַ מאָל ילמדנו ווערגעליס, וועלכע זענען עס די שפּעפערישע אינאָוואַציעס וואָס ער רופט אָן לעבנס־שטייגער? וואָס איז דאָס אַזויי־ סאָוויעטישע יידישקייט, אַפילו ביי די אַקטיווע קעמפערישע יידישע עלעמענטן, פאַר וועלכע ווערגעליס האָט בלויז שנאה און פאַראַכטונג? אויך דאָרטן איז דאָ מער יידישע פאַרמען און זיטן ווי אין אַלע סאָוויעטישע פעריפעריעס און איך ווייס נישט פון וואָס ווערגעליס כאַפּט אַזעלכע התפעלות.

ווען ס'קומט צו דער פראַגע פון דעם, וואָס מ'רופט אָן אין אַמעריקע „די באַציונג מיט שכנים" און וואָס ווערגעליס באַצייכנט מיט אַ ריי פּאָעט־טישע סינאָנימען: „די פראַגע פון פּסיכאָלאָגישן קלימאַט פון לעבן צוזאַמען, פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, קעגנזייטיק זיך באַווירקן און דערנענטערן, אויסגלייכן צווישן זיך די שטייגער־טאָג־טעגלעכקייט" (מיט אַנדערע ווער־

טער — אַסימילאַציע), אַנטוויקלט ווערגעליס די פאָלגנדיקע טעאָריע: ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דאָס געווען „די פאַרשאָלטענע פּראָבלעם ייד־גוי", מיטן אויפקום פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, האָט מען זיך שוין נישט באַנוגנט מיט דער שוין אויסגעפּאָרמירטער פּיעדקע־האָדל־בונד (באַמערקט, ווי די טראַגעדיע פון טוביה דעם מילכיקן ווערט ביי אים גאָר אַן אידעאַלער צושטאַנד), נאָר „ס'הערשט אַן אָרגאַנישע צוזאַמענגעלעבט־קייט". די גאַנצע פּרשה איז אַן אומגליקלעכע פון יידישן שטאַנדפּונקט. אויב ס'איז טאַקע דאָ אַזאַ צוזאַמענמישונג — איז עס דאָך דער סוף פון יידיש־קייט, אַ נאַציאָנאַל־עטנישער אונטערגאַנג. דער אמת אָבער איז, אַז ס'איז אַלץ אויפגעבלאָזן און קינסטלעך אידעאַליזירט. אין גרויסע טיילן, און נישט בלויז ביי די עלטערע עלעמענטן פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, זענען פאַראַן פיינדלעכע געפילן לגבי די יידן, וועלכע מען רופט אָן מיטן סתמיקן נאָמען „אַני" (זיי). יעדער ערנסטער מענטש פאַרלייקנט עס נישט און דאָס ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם אַנטי־ציוניסטישן אייפער. בעל כורחך בלייבסטו אַ ייד, עפּעס אַנדערש פון דער אַרומיקער סביבה, וועלכע איז שוין גאָרנישט אַזוי פריינדלעך און סאָלידאַר.

דער סאַמע וויכטיקסטער פּונקט פון דעם רעזומע איז די זעקסטע פראַגע: די יידישקייט פון היינטצייטיקן יידן, דער ברייטער און טיפער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען ווערט לעכערלעך רעדוצירט צו דער פראַגע: ווי אַזוי הייסט ער, ווי אַזוי רופט מען אונדזער יידישן מיטצייטלער? וואָס פאַר אַ נאָמען גיט ער זיינע קינדער און אייניקלעך און צי אינטערנאַציאָנאַ־ליזירט ער אויך זיין אייגענעם יידישן נאָמען? מ'טאָר, לויט זיין מיינונג, נישט פאַרבייגיין די פראַגע, ווייל זי ווערט אויסגענוצט דורך די אַמעריקאַנער אָפּאָנענטן, כאָטש זיי אַליין פאַרקריסטלען זייערע יידישע נעמען.

דאָ מוז מען באַמערקן, אַז דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פּרובירט צו מינימיזירן די הויפּטפראַגע, וואָס ער איז צו כיטרע נישט צו באַגרייפן. מיט דער גאַנצער חשיבות פון נאָמען איז עס מינדערווערטיק לגבי די עיקר־פראַגן פון תוכן און פאָרם פון יידישקייט. פון די דערציילונגען און פון דעם רעזומע באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז די יידן זענען די איינציקע גרופּע וואָס האָט גאָרנישט קיין נאַציאָנאַלע, פאָלקלאָריסטישע, עטנישע, שפּראַכלעכע, נאַציאָנאַל־געשיכטלעכע אייגנאַרטן און פאָדערונגען.

ס׳איז זיי גוט, וואָס זיי זענען אין דער הינזיכט אַ קיילעכיקער יתום. נישט נאָר נישט קיין יידישע נעמען — אויך נישט קיין יידישע שולעס, קיין שולן אויף אַ רפואה, נישט קיין יידיש צייטונגס־וועזן, נישט קיין קלובן, נישט קיין אידענטיטעט. ס׳איז נאָך מער ווי אַסימילאַציע. דאָס איז אַן אַמאָרפער ציבור.

דער ליטעראַרישער מאַטעריאַל וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט איז ״׳ שטיק ניהיליזם. ס׳קען זיין, אַז ליטעראַריש זענען זיי גאָרנישט שלעכט, אָבער זיי האָבן בכוונה, אָדער עם־הארצותדיק פאַרפעלט אין גאַנצן דעם יידישן קולטור־עלעמענט. כאָטש, צוריק גערעדט, גיי באַשרייב דאָס וואָס עקזיסטירט נישט. צום גליק זענען די 26 דערציילונגען נישט דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע. ס׳זענען דאָ אַנדערע רעאַליטעטן, אַנדערע העלדן: יידישע אַקטיוויסטן, געוואַגטע קולטור־טרעגערס אין אונטערערדישע באַ־דינונגען. וועגן זיי האָט מען, פאַרשטענדלעך, נישט געשריבן. אָבער זיי זענען דאָ און זיי זענען די אמתע היינטצייטיקע יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אָבער מיט אַן עבר — און וואָס איז נאָך וויכטיקער — מיט אַ גרויסער יידישער צוקונפט.

1978

אויטאָביאָגראַפיע פון זלמן ארן

וואָס איז דער סוד פון דעם כישוף פון דעם בוך? פאַר וואָס פאַרפאָלגט ער דיך לאַנגע טעג נאָך דעם ווי דו האָסט עס אַדורכגעלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם? וואָס מאַכט עס פאַר אַ ליטעראַרישע פּערל, זעלטענעם היסטאָרישן און מענטשלעכן דאָקומענט? וואָס וואָלט געווען ווען זיין מחבר וואָלט נישט געווען זלמן ארן, איינע פון די אָריגינעלסטע פערזענלעכקייטן פון אונדזער דור?

אפשר דערקלערט זיך עס מיט דעם, וואָס דו קענסט אָט דאָס דין 200 זייטיק ביכל נישט קלאַסיפיצירן און נישט „קאַטאַלאָגירן". דאָס זענען נישט קיין זכרונות, כאָטש יעדעס זייטל איז אָנגעפילט מיט יחידישע איבערלעבונגען, געפילן און מעדיטאַציעס, ווייל ס'איז דאָ נישטאָ קיין סימן פון אַ ביאָגראַפיע אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. ס'איז געשריבן אין קורצע קאַפּיטלען אין וועלכע די העלדן זענען אָפט מאָל לאַנדשאַפטן, שאַרף געצייכנטע סילועטן פון עפּיזאָדישע יחידים, פאַרבן און ווייטע קלאַנגען, ווייל אַחוץ עטלעכע שפּאַנענדיקע און דראַמאַטישע פּאַסירונגען האַנדלט זיך דאָרט וועגן געוויינלעכע געשעענישן, וואָס ווערן אויסערגע־וויינלעך בלויז אַ דאַנק דער שאַרפער אָבסערוואַציע און ליריק פון דער־ציילער.

עס איז נישט קיין בעלעטריסטיק, ווייל ס'איז פאָרט אמתע פּאַסירונגען וועגן זיך אַליין, וועגן אַ רעאַלער און היימישער סביבה. קינדער, חברים, טאַטע־מאַמע, דער מלמד, די ראשי ישיבות, די סטודענטן־פריינד, די מיטגלידער פון דער זעלבער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, קאָנספּי־ראַטאָרן און קעמפערס. פיגורן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, אָנהויבנדיק פון די שקיעה־יאָרן פון צאַריזם ביז צום הערויִשן פּרק פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אונטערן סאָוויעטישן רעזשים פון די צוואַנציקער

יאָרן. ס׳איז אַ צונויפגוס פון טרוים און ווירקלעכקייט, רעאַליטעט, אַפּר־שליידערט אין בלאָען נעפּל פון חלום און נאָסטאַלגיע.

ס׳איז נישט קיין געשיכטע־בוך, ווייל אַ חוץ אַ פּאָר ספּעציעלע לעגענדע שטעלן אין בוך (ווי למשל קאַפּיטל 5), פאַרנעמט זיך נישט דער מחבר מיט אידעיִש־געזעלשאַפטלעכער פּובליציסטיק.

ס׳איז אַוודאי נישט קיין טאָגבוך, ווייל דער מחבר זאָרגט זיך ווייניק וועגן פּרטימדיקן און כראָנאָלאָגישן גאַנג פון געשעענישן. דערצו איז ער צו אימפּולסיוו, שטימונגפול און דיכטעריש קאַפּריציעז. מ׳זעט, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די שפּעטע יאָרן פון זיין לעבן און אַז פון דעם רייכן אונטערגרונט שווימען אַרויס בילדער און אַסאָציאַציעס „פון זיך אַליין״ און נישט דווקא לויטן כראָנאָלאָגישן סדר. האָסט דעם איינדרוק, אַז דער באַוועגונגס־פירער, דער מנהיג פון דער הסתדרות, דער וואונדער־לעכער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, דער פּאַרלאַמענטאַריער און דער מיניסטער האָבן אָפּגעלאָזן די לייצעס פון האַרבער דיסציפּלין און געלאָזט „זיך ווייל גיין״.

☆

ריין עסטעטיש איז די אויטאָביאָגראַפיע (כ׳וואָלט עס גיכער אָנגערופן אויטאָ־פּאָרטרעט) באַשאָנקען מיט אַלע חנען און טעמים.

קודם כל דער סוד הצימצום. ער שניידט ממש ביז צום ביין. קיין איין איבעריק וואָרט. אַ זאָג, אַן אַפּאָריזם, אייניקע קוילשטריכן, אַ קלוג וואָרט און ס׳באַקומט זיך אַ גאַנץ בילד. אָבער קיין מאָל נישט טרוקן, זאַפטיק ווי אַ מילגרוים. בלויז איין ביישפּיל: דאָס קאַפּיטל 23, וווּ אין 10 קנאַפּע זייטלעך שטייט פאַר דיר אויף אַ קאַלירפול און לעבעדיק „ווי עס גייט און שטייט״ זיין שטעטל יוזעפּקע. איז עס אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע פון מאַרק און שול, בית־המדרש און להבדיל קלויסטער, רבנים און כלי קודש, סוחרים און אַרבעטער, אַ גאַלעריע פון יידישע אייגנאַרטיקע טיפּן, גימנאַזיסטקעס, ווייבער און יידענעס, אַקטיאָרן, בראַדיאַגעס, קאָנספּיראַטאָרן.

וועגן יעדן מענטשן נאָר אַ סילועט. אָבער צווישן די צענדליקער איז קיין איינער נישט ענלעך צום צווייטן.

אַפילו וועגן די קינדער־יאָרן, וואָס זענען געווייגלעך די אינטערע־

סאַנטסטע און באַרעדעוודיקסטע קאַפּיטלען אין אַלע אויטאָביאָגראַפיעס, ווערט דערציילט אין קנאַפּע דיכטערישע, מאַלערישע און מוזיקאַלישע שורות. אַלץ איז אויפן וועג פון אינטואיטיווער איבערקלייבערישקייט. דער שטרענגער טאַטע וואָס איז הלכה און די האַרמאָנישע, זיסע, בלוי־אויגיקע מאַמע, וואָס איז אַן אגדה. דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט פאַרב און ניגון; די זכרונות פון פּאָגראָם, די ערשטע בינע־דערפאַרונג, די אוקראַיִנישע לאַנדשאַפט און אירע מעטאַפאַרישע 4 סעזאָנען, די אכזריות פון קוילען זיין הייס־געליבטע טויב, די מלמדים, סובטעלע רמזים פון יינגלשער עראָטיק א.אַז.וו.

דאָס זעלבע וועגן די ישיבה־יאָרן (2־טער קאַפּיטל, פראַגמענטן, 39־47); עס איז אַ וועלט מיט וועלטלעך. די ישיבות אין קרעמענטשוק, אין יעקאַ־טערינאָסלאַוו, אין עליזאַוועטגראַד, די עדה פון די פאַרשידנאַרטיקע ישיבה־בחורים. די זעלבע לאַקאָנישקייט אַפילו וועגן די גורלדיקע יאָרן פון זיין טעטיקייט אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מוראַדיקע, אומגלויבלעך ריזיקאַלישע אונטערגרונט־פאַרבינדונגען.

דערביי די שטילע ליריק, די האַרציקע אינטימקייט. עס פעלן נישט קיין שפּאַנענדע מאָמענטן. די שוידערלעכע סצענע, ווען ער איז שוין כמעט געהאָנגען אין אַ לויפנדיקן צוג, ווו ווייסע גוואַרדייצעס האָבן זיך איזדיע־קעוועט איבער אים. די סכנותפולע יאָרן, ווען ער קאָנצענטרירט די אומ־לעגאַלע אַרבעט פון צעירי־ציון, וואַלגערט זיך פון איין תפיסה אין דער צווייטער; ווו ער טאָגט נעכטיקט ער נישט, אויסגעשטעלט אויף געפאַרן ביז צו דער אָדיסעע פון זיין שוואַרצן די גרענעצן ביים אומלעגאַלן אָנקומען קיין ישראל. אָבער קיין מאָל חלילה נישט קיין אָנשטעל און קיין פּאָזע פון העלדישקייט. אַפילו אין די גרוילעכע מאָמענטן איז דאָ גענוג געמיט און גייסטיקער כוח פאַר דער הומאַניסטישער זייט, פאַר דער שאַרפער אָבסערוואַציע, פאַר נאַטור־געפילן.

דאָס לעבן ווערט געגעבן אין זיין פילגעשטאַלטיקייט אין מיטן פון דורכלעבן און איבערלעבן.

פון דעסטוועגן וואָלט געווען אויבערפלאַכלעך צו באַטראַכטן די אויטאָביאָגראַפיע ריין ליטעראַריש. זי איז פול מיט ווערטפולער אינפאָר־מאַציע און איז באַלערנדיק. דאָס קליינע ביכעלע גיט אונדז מער וויסן וועגן

ציוניזם, חלוציזם, יוגנט־באַוועגונג אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, ווי אַ סך גאָר חשובע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס זענען דערשינען אויף דער טעמע.

עס שווימט אויך פאַרביי די תקופה 1917 ביז מיטן 1920: די פּרוּוון פון רעזשים צו ליקווידירן די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דער יידישער פּאָגראָם פון די צ. ס., די יוגנט־באַוועגונגען, די אַכזריותדיקע טעמפּקייט פון רעזשים, די קאָנספּיראַטיווע קאָנפערענצן, קרייזן און צירקולאַרן, די פערזענלעכקייטן, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן פּירערס פון ישוב און פון דער מדינה און ער אַליין, דער מחבר אין מיטן פון דעם אַלעמען, דער עדות, דער קרבן און דער קעמפער.

מען פאַרשטייט מערער דעם שפּעטערדיקן נס פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען מען לעבט אַדורך צוזאַמען מיט זיאַמען די דעמאָלטיקע אָנהויבן.

אַזוי ווי דער אָנהויב, אַזוי אויך דער סוף משונהדיק אַנדערש.

„צו זען דעם ים סיי בייטאָג און ביינאַכט אין זיין דערשיינונג און אַנטפּלעקונג, אין דיין געמיט און אין דיינע שטימונגען. אַ מאָל איז ער פריילעך און אַ מאָל אומעטיק, אַ מאָל רודערט ער זיינע כוואַליעס אין צערטלעכקייט און אַ מאָל שיקט ער אין שטורעם די בייזע כוואַליעס, און דאַרפסט נישט זוכן קיין דערלויבעניש, כדי זיך צוקוקן צו דעם אַלץ אין דעם מעכטיקן ים, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צוהערן צו העברעיש און ווייסט נישט וואָס ער טראַכט וועגן דעם".

וואָס איז דאָס פאַר אַ ים? אפשר די מענטשלעכע נשמה אַליין? אפשר טאַקע זלמן ארן?

1971

וויזיע, גראַנגל און פאַרווירקלעכונג

1) מערי סירקין — „אבי נחמן סירקין".

2) ברל לוקר — „מקיטב עד ירושלים".

3) אריה (ליובה) אליאב — „קפיצת הדרך".

דריי ביכער — דריי דורות, דריי וועלטן.

דאָס ערשטע — אינטימע, צאַרט־פּאָעטישע זכרונות וועגן פאָטער פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, געשריבן דורך זיין אייגענער טאָכטער, אַליין אַ באַגאַבטע שרייבערין, עסייאיסטין און דערציערין.

דאָס צווייטע — אַ זאַמלבוך פון טעאָרעטישע אַרבעטן איבער די קלאַסיקערס פון אַרבעטער־ציוניזם, פּראָפילן פון באַרימטע יידישע און נישט יידישע פּערזענלעכקייטן, קורצע רעדעס און אַרטיקלען געהאַלטענע און געשריבענע אויף אַלע יבשות פון דער וועלט, איבערזיכט פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע געשעענישן פון אונדזער דור און זייער ווייניק וועגן זיך אַליין. דאָס אַלץ — איבערגעגעבן מיט אַ מערקווערדיקער אָביעק־טיוויטעט פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פון אונדזער צייט.

דאָס דריטע — די ביאָגראַפיע פונעם גרויסן עליה־און קאָלאָניזאַציע־אויפטו אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון דער יידישער מדינה, די שילדע־רונג פון דעם מאַסן־צופלוס צו ישראל און דעם ממש לעגענדאַרישער סיפּור המעשה — די לכיש־התישבות. אַ ים מיט חן און הומאָר, אַ פאַרביקע קייט פון פּאַסירונגען און קוריאָזן, געשריבן פון מערקווערדיקן ליובה (ליאָוואַ), וועלכער איז נישט דיר און נישט מיר געוואָרן אַ פירער ביי יידן אין ישראל.

די ביכער זענען פאַרשידן אין פאָרם, אין סטיל און אין די כוונות פון די מחברים.

☆

מערי סירקינס בוך איז כמעט אַ משפּחה־אַלבום, בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך. עס ווערט אין אים דערציילט מיט דיסקרעציע און איינגעהאַלטנקייט, מיט הומאָר און אַפילו מיט לייכטער איראָניע און נאָסטאַלגיע די לעבנס־געשיכטע פון אַ שטורמישער, אָריגינעלער און אַפילו יוצא־דופנדיקער פּערזענלעכקייט. אָבער דורכן מענטש סירקין שפּיגלט זיך אָפּ אַ גאַנצער דור. מען פאַרשטייט מערער זיין תקופה, זיין לערע און די כמעט מיסטישע השפּעה פון נחמן סירקינען, וואָס האָט געלעבט אַ סך פריער פון זיין צייט. דערביי איז עס אַ פּערל אין דער קונסט פון מעמואַרן.

דער פּערזענלעכער טאָן עקזיסטירט כמעט נישט אין לאָקערס זאַמלבוך, אַ חוץ דער קורצער אויטאָביאָגראַפישער הקדמה און דעם רירנדיקן עסיי וועגן זיין אייגענער פרוי דער דיכטערין מלכה לאָקער, שרייבט ער, ווי שוין געזאָגט, ווייניק וועגן זיך אַליין. פאַראַן דאָ די כוונה צו פאַרשטעלן דעם רשות היחיד. ס׳איז אַ פּרווו אַרומצונעמען די געשיכטע פון דער באַוועגונג פון די פּועלי־ציוניסטישע אָנהויבן אין גאַליציע ביז צו דער באַגריסונג פונעם פּרעזידענט פון דער מדינה, זלמן שזר, צום 80־יאָריקן יובל פון מחבר.

ס׳איז אָבער פאָרט נישט קיין כראָניק, קיין געשיכטע־בוך, קיין מאָנאָגראַפיע. סוף כל סוף איז לאָקער איינער פון די אַקטיאָרן, און אָפּט פון די בולטסטע, פון דער גרויסער דראַמע. אין די אַלע געשעענישן איז ער דאָ מיט אַלע זיינע רמח־אברים, עס שיינט אַרויס זיין חנעוודיקע און נאָבל־פאָלקס־טימלעכע פּערזענלעכקייט און ס׳אָטעמט מיט פאַטאָס פון די כלומרשט טרוקענע שורות. זיין פּערזענלעכקייט איז אין סך־הכל דער פּנקס פון אונדזער דור.

דער חן פון אליאבס בוך ליגט אין זיין אינטימקייט, אין זיין האַרציק־פּשוטן, אַפילו שטיפעריש־יוגנטלעכן אופן פון מיניאַטור־דערציילונגען וועגן געוואַלדיקע זאַכן. נישטאָ אין אים קיין שום אָנשטעל פון חשיבות. ס׳קלינגט ווי ער וואָלט געשמועסט אין אַן אינטימען חברישן קרייז ביים פינזשאַן, ס׳איז ממש „טשיזבאַטן״.

אָבער, אפשר קעגן דעם ווילן פונעם מחבר אַליין, איז אַרויס גאָר עפּעס אַנדערש: אַ בוך פון ניסים. פון די זוניקע בלעטלעך הערט זיך מוזיק.

דאָס בוך איז לייכט און גלייכצייטיק וואָגיק און דער באַשיידענער באַשריי־
בער — אַ גאַר ערנסטער פירער.

☆

יעדעס פון די ביכער איז ראוי פאַר אַ באַזונדערער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אָפּשאַצונג. אויב מיר האָבן זיי צוזאַמענגעקניפּט איז עס, ווייל זיי זענען פּאַרט טיילן פון איין גאַנצקייט.

מערי סירקינס בוך — די פרימאַרגן־שטערן פון דער באַוועגונג. ס׳האָט געקענט הייסן: „ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געבוירן געוואָרן"; לאַקערס בוך — דער דערנערוועג ביז צום אויפקום פון דער מדינה: די גרויסע פּאָליטישע קאַמפן פאַרן אָנערקענען אונדז אַלס פאָלק, געראַנגלען פאַר דער מדינה אין דער וועלט בכלל און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. ביי אליאבן געפינען מיר שוין די חלוצישע עפּאָפּעע אין דער מדינה גופא, נאָטיצן פון אונדזער צייט.

פון דעסטוועגן וועלן מיר פּרוּוון קורץ רעזומירן די באַזונדערע ביכער:

ווי אַזוי שרייבט אַ טאָכטער וועגן אַן אייגענעם פאָטער, וואָס איז דערצו נאָך אויך איר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער רבי?

קודם כל דערציילט זי דעם פשוטן אמת. דער מענטש ווערט פאַרגע־שטעלט אַזוי ווי ער איז געווען: אַ שטורמישער, אַ קנאותדיקער, אַ שאַרפ־צונגיקער בונטאַר, אַן אידעאַלער מאַן און טאַטע, אָבער גלייכצייטיק משונה־דיק, אַפילו אומגעלומפּערט און ווי נישט פון דער וועלט.

ס׳איז אַפילו פאַראַן מילדע קריטיק, לייכטע איראָניע, ווייל סוף־כל־סוף איז ער דאָך פאַר איר געווען אַ לייב אין פאַנטאָפל.

זי שילדערט די סירקין־פאַמיליע, שרייבט וועגן סירקינס ערשטער פרוי בתיה, מעריס צאַרטער, קראַנקער און שווער־געפּרוּווטער מאַמען, וואָס איז אַליין געווען אַ רעוואָלוציאָנערין און האָט אַפילו געשמוגלט אומ־לעגאַלע ליטעראַטור אין צאַרישן רוסלאַנד און וועלכע האָט איר שווער מאַטעריעל לעבן מיט סירקינען דורכגעטראָגן מיט מילדער און צאַרטער רעזיגנאַציע.

זי שרייבט וועגן מאַשאַן זיין צווייטער פרוי, דער שוועסטער פון דער

דורך טובערקלאָז פרי פאַרשניטענער ערשטער פרוי און וואָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן ייִנגער פון סירקינען.

מיט אַ דעליקאַטער אָפּנהאַרציקייט פירט זי אונדז אַפילו אַריין אין דעם גאַנץ קאָמפּליצירטן געוועב פון באַציונגען מיט דער שרייבערין אַליין אַלס קינד און באַזונדערס אַלס דערוואַקסענע פרוי. ס׳איז אין דעם פּאַראַן אַ היפּש ביסל חן, אָבער אויך טיפער פּסיכאָלאָגישער אַריינבליק.

קורץ, ווי כלאחר־יד שטייען אויף פאַר אונדזערע אויגן סירקינס חברים; מיטקעמפּערס, מיטגייערס, אָפּאָנענטן און תלמידים און סתם איבערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אין זיין רייך־פאַרביקן לעבנסוועג: ווייצמאַן און שמריהו לעווין, מירקין, דאַווידאָוו, לאַצקי־בערטאָלדי, סאָניאַ קאָמעניעצקי, זשיטלאָווסקי, באָראָכאָוו, שלום אַש און זיי צו לאַנגע יאָרן — זיין געטרייער תלמיד און ייִנגערער קאָלעגע ברוך צוקערמאַן און זיין פרוי נינאַ. דאָס זענען נאָר צופעליק אַרויסגענומענע נעמען פונעם שלל פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען שוין היינט געשיכטע און לעגענדע.

ס׳איז אַ געשיכטע פון גרויסער מאַטעריעלער נויט און פון יום־טוב־דיקער און פריילעכער קבצנות. אַ זון פון רייכע עלטערן, האָט ער שוין אָנגעהויבן אונטערהונגערן נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן אין בערלין, ווען ער האָט פאַרמשכנט זיין אייגנס און אַפילו ווייצמאַנס כעמישן אַפּאַראַט. אין ווילנע איז ער געגאַנגען קלויבן יאַגעדעס, נישט צוליב נאַטור־ליבהאָבעריי.

אין פּאַריז האָט די מאַמע אַפּט מאָל געמוזט צואַרבעטן אַלס נייטאָרין. אין ניו־יאָרק, אין דעם רייכן אַמעריקע, האָט מען געלעבט אין אַ וווינונג, וווּ נאָר איין צימער האָט געהאַט אַ פענצטער.

פון זיינע אַלע רעדאַקטאָר־אַמטן און די אומצאָליקע זשורנאַלן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט מען אָפט געדאַרפט אָנקומען צו אַ גמילות חסד און דאָס כמעט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ס׳פעלן אויך נישט קיין הומאָריסטישע עפּיזאָדן אין דער סאַגאַ: ווי אַזוי סירקין האָט אַראָפּגעבראַכט זיין פאַמיליע קיין אַמעריקע אין ערשטן קלאַס און די יסורים וואָס מען איז נעבעך אויסגעשטאַנען ביים האַלטן פּאַסאַן אין דעם אומדערוואַרטן לוקסוס און זיין אין געזעלשאַפט פון מיליאָנערן אָן

אַ גראַשן ביי דער נשמה און ווי אַזוי סירקין האָט פּרובירט זיין מזל אין מסחר און אין אינוועסטירונגען און ס׳האָט זיך פון דעם אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

ס׳איז אַ געשיכטע פון שטענדיקער וואַנדערונג און שטענדיקן גלות: בערלין, ווילנע, פּאַריז, ניו־יאָרק אאַז״וו אאַז״וו. ווו מען האָט געטאָגט, האָט מען נישט גענעכטיקט. דער פלאַמיקער טריבון און פילאָזאָף האָט שטורמיש געשליידערט די פלאַנצן פון זיין הייס געליבטער משפחה.

אַזוי טויכט ער אויף פאַר אונדזערע אויגן. ער, וואָס האָט נאָר פיזיש געלעבט אין זיין צייט, ערשטנס — דער פּאָרויסזאָגער און כמעט נביא, דער ערשטער ציוניסט־סאָציאַליסט אין בערלין אין די סטודענטן־קרייזן. כמעט אין דערזעלבער צייט מיט הערצלס „יידנשטאַט״ — געשריבן זיין באַרימט ווערק וועגן דעם סאָציאַליסטישן שטאַט אין ארץ־ישראל. אין 1888 געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר דער גרופּע „העסיאָנאַ״, וואָס איז שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „דויטשער וואַרטע״. די ערשטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע 4 מיטגלידער־גרופּע „השחר״, פון די אַרכיטעקטן פון דער קרן־קימת־וויזיע אאַז״וו.

אַ קנאותדיקער און אַ קאָמפּראָמיסלאָזער: זיין געראַנגל מיט הערצלען וועגן אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע צום צאַר; זיין העפטיקער צוזאַמענשטויס מיט מאַקס נאָרדוי; זיינע ביטערע אַטאַקעס אויף דעם בירגערלעכן ציוניזם; זיין אַנרחמנותדיקע און אָפט מאָל טרויעריקע פּאָלעמיק מיט זיינע אייגענע חברים; זיין יאָרנלאַנגע פאַרעקשנטע טריישאַפט צום טעריטאָריאַליזם ביז צו דער פאַראייניקונג מיט דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין 1909.

אַ יוצא־דופנדיקער, אַ טראַציקער אַליינגייער: זיין העברעיזם, זיין פּראָ־בריטישע שטעלונג בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג, זיין אַמביוואַלענטע באַציונג צו רעליגיע און טראַדיציע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט, פון איין זייט, מיט אַגרעסיוון קאַמף קעגן קלעריקאַליזם און פון דער אַנדער זייט, מיט טיפער צוגעבונדנקייט צו טראַדיציע, צו נביאישער וויזיע, וואָס הויבט זיך אָן מיט אָפּהיטן אַלטע שמות פון דער מיוחסדיקער פאַמיליע און ענדיקט זיך מיטן וידוי פאַר זיין פּטירה ביים הרב צעיר.

די הייליקע תמימות פון אַ גרויס קינד: מערי סירקין ברענגט די באַרימטע דערציילונג פון ז. שזר, ווי אַזוי ער האָט, בעת אַ לבנה־נאַכט־

שפּאַציר, גערעדט מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט וועגן דער מדינה און שוין געהאַט דעם קאַנדידאַט פאַר איר ערשטן פּרעזידענט — זיך אַליין...

נישטאָ דאָ קיין אידעאַליזאַציע. מערי קריטיקירט זיין אָפּגעלאָזטן אויסערלעכן אויסזען, איינשליסנדיק די באָרד און די איבערוואָג. זי האָט אַפילו צו אים טענות פאַר עגאָיסטישער האַנדלונג, כאַפּט אים ביי געוויסע אומפּינקטלעכקייטן. אָבער דאָס אַלץ פאַרשווינדט אין אַנבליק פון זיינע העראָיש־טראַגישע גסיסה־טעג. ס׳איז אוממעגלעך צו לייענען דאָס לעצטע קאַפּיטל פונעם בוך אָן טיפער עמאָציע. ס׳קלינגט ממש ווי אַ חסידיש מעשהלע וועגן דעם גדול בישראל, וואָס איז גערופן געוואָרן צו דער ישיבה של מעלה; ווי אַזוי ער האָט איבערגעלאָזט זיין פּאָליטישע צוואה, דיקטירנדיק זיינע געדאַנקען ביים קלאָרן באַוווסטזיין ברוך צוקערמאַנען, ווי ער האָט געגעבן אינסטרוקציעס זיינע תלמידים; ווי אַזוי ער האָט געשריבן אַ בריוו צו לעוו טראָצקי, אַז ער זאָל חוזר בתשובה זיין; ווי אַזוי ער האָט געשריבן אַ שקיעה־פּאָעמע; ווי אַזוי ער האָט געמורמלט די פילאָזאָפיש־אידעאָלאָגישע זאַצן ממש אין די לעצטע מאָרכלען און ווי אַזוי ער האָט אַליין מחבר געווען דעם מאָטאָ אויף זיין קבר: „קיינער גייט נישט אַוועק פון דער וועלט נישט דערפילנדיק זיין אויפגאַבע".

ווען דו ענדיקסט דאָס בוך פאַרשטייסטו פאַרוואָס מערי סירקין סומירט איר שאַפונג מיט די באַרימטע ווערטער, וואָס בן־גוריון האָט אַריינגעשריגן צו סירקינען בשעת זיין קבורה אין ישראל: „סירקין — דיין וויזיע איז מקויים געוואָרן!"

☆

דאָס בוך פון לאָקערן לאָזט זיך נישט רעזומירן. ווי אַזוי גיט מען איבער דעם תמצית פון אַ זאַמלונג, וואָס איז כולו מעשים, ציפערן און געשעענישן? טאָ לאָמיר כאָטש איבערגעבן די ראשי פּרקים און אָנדייטן וועגן די אוצרות פון אינפאָרמאַציע און דאָקומענטאַציע מיט וועלכע דאָס בוך איז באַשאָנקען.

עס זענען דאָרט פאַראַן ערנסטע טעאָרעטישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן: בער באָראָכאָוו, שלמה קאַפּלאַנסקין, שזרן, מאָנאָגראַפיעס וועגן:

ווייצמאַנען, אַרלאָזאָראָוון, ד״ר רופּינען, קורצע סקיצן וועגן אשכולן, און גאָלדען אאַז״ו אאַז״ו. אַרויסגעבראַכטע פון פאַרגעסנקייט נעמען ווי: מלך נוי, ד״ר אידיר, מאַקס ראָזענפעלד א״אַנד.

באַזונדערס איז וויכטיק די גאַלעריע פון פּערזענלעכקייטן פונעם וועלט־סאָציאַליזם און דער עיקר די פירערס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, צווישן וועלכע לאָקער האָט דערפילט אַזאַ וויכטיקע היסטאָרישע מיסיע. בעווין אין אַלע זיינע גלגולים, דער שוואַכער קריטש דזשאָנס און דער אוהב־ישראל בען־וועדזשוווד. און דאָס איבעריקע — אַלע פּאָזעס און פּאָליטישע געראַנגלען פון דער מדינה. אין לאָנדאָן, ירושלים און אין כמעט אַלע מערבדיקע הויפּט־שטעט אין דער וועלט אין די שעפערישע יאָרן אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ. אומעטום פאַרצניעדיקט ער זיך אַליין, פּונקט ווי ער וואָלט געווען בלויז נאָר אַ היסטאָריקער. אָבער צו וואָס דאַרף ער אַליין רעדן, ווען דאָס פאָלק דערציילט? ער איז דער באַליבטער שם־דבר און זיינע ווערטלעך און וויצן גייען אַרום אין אַלע ווינקלען פון דער יידישער וועלט. ער איז אַ לעגענדע ביי זיין לעבן.

✡

ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי יידיש־ישראלדיק און נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזוי פיל ערדישע ענינים — וואָלט איך געזאָגט, אַז ליובה (ליאָוואַ) אליאב איז „טויזנט און איין נאַכט". ס'איז פּונקט אַזוי פאַרביק, פאַרכאַפּנדיק, באַצויבערנדיק און אומגלויבלעך.

דער איינציקער „חסרון" איז, וואָס עס איז לויטערער אמת און ס'איז געשען פאַר אונדזערע אויגן.

שנירלען זיך פאַרחלומט די מעשהלעך: ווי אַזוי אשכול האָט געשאַפן און געשניטן בודזשעטן פאַר דער אַרמיי, ווען אַלע אירע טיילן האָבן געוואָלט בלאָז־אָרקעסטערס; אַ מעשה מיט „קאַבוזים" — דאָס זענען וואַגאָנען, וועלכע מען האָט געפרווט פאַרוואַנדלען אין וווינונגען פאַר נייע עולים; און ווי אַזוי ס'איז געשאַפן געוואָרן די „מאָדערנע ישראל־אַרכיטעקטור", וואָס איז אַ מין מצות־וווינונגען: צריפונים, פחונים, בדונים און נאָך

אַזעלכע אינסטאַלאַציעס; כאַמוליעס און דאָרף־קאָנפליקטן אין די הונדערטער פונקטן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָרן פון גרויסער העזה און אינספּיראַציע פון אַ רעגן־בויגן־פּאַלעטע פון שבטים און עדות. און אַט באַשליסט ליאָווא צו ווערן פון אַ גענעראַל ביי אשכולס קאָלאָניזאַציע־שטאַב — אַן אינסטרוקטאָר אין נבתים. דאָרט האָבן זיך באַזעצט יידן פון אינדיע און איר געפינט אין די זייטלעך, וואָס זענען זיי געווידמעט, מחיהדיקע שילדערונגען פון אַ מערקווערדיקן יידישן שבט.

און דערנאָך לכיש. ווי אַזוי פאָרטראַכט מען אַזאַ גאַנץ גרויסן קאָלאָניזאַציע־געביט? ווי פּלאַנירט מען די באַזעצונג אין אַ היסטאָרישער אָבער פאַרוואָרלאָזטער געגנט? אַ גאַנצע „מלוכה" מיט דערפער, ראַיאָן־צענטערס, אַן אינדוסטריע־שטאָט, אַ וואַסער־אינסטאַלאַציע, עפנטלעכע באַדינונגען, שולן. ווי מאַכט מען דאָס? ווי אַזוי מאַכט מען עס קעגן אַלע געזעצן פון שכל הישר, אַן עקספּערטן, אויספאָרשונג־קאָמיסיעס פון אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן? ווי אַזוי מאָביליזירט מען אַ שטאַב דערפאַר, ווו נעמט מען אויפן גרויסן שבת, וואָס פאַרא נאָמען גיט מען דעם קינד, אַז ס'זאָל זיין אי יידיש, אי היסטאָריש? ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן קרית גת, און פון וואַנען קומט דער נאָמען לכיש? היינט, ווען מען זעט די קייט פון ישובים, מיט די בלויע האָריזאָנטן, מיט דער גאַנץ פעטער ערד, גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיט אַ שנעלקייט ממש פון אַ סטראַטאָספערע־פלי (ס'איז כדאי צו לייענען די ווונדערלעכע שילדערונג פון דעם געביט פון דעם שרייבער חיים הזז). ס'ווערט דערציילט די געשיכטע פון עוצם, שחר, ניאורה און אַנדערע פונקטן.

אַ סך פלאַץ ווערט אָפּגעגעבן פאַר קרית גת, ווי אַזוי מען האָט ממש דורך קונצשטיק געשאַפן אַ געוועב־און טעקסטיל־אינדוסטריע, ווי אַזוי מען האָט געשאַפן אַ פאַבריק פון ליכט אויף יום־כפור, ראש השנה, שבת און להבדיל — ליכט פאַר דיסקאָטעטן.

קליינע, באַשיידענע, גרויע טאָג־טעגלעכע מעשים, און צוזאַמען — קפיצת הדרך, דער איבערשפּרייז צו דערלייזונג.

ווויל איז אַזאַ פאָלק און ווויל איז דעם מחבר, וואָס האָט זוכה געווען צו שטיין ביי דער קאָוואַדלע און דערצו נאָך דאָס געטריי צו באַשרייבן פאַר דורי דורות.

1970

מאיר ווייסגאַלס בוך
„ווי עס וואָלט נעכטן געווען"
(פון קיקל ביז מלכות־ווייצמאַן)

איבערגעזעצט: א. אַלפערין. פאַרלאַג „המנורה" ת.א. 1974.

אויף יידיש קומט אַרויס דאָס וואָס ווערט דערציילט אינעם בוך ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן געווען. דורך דער איבערזעצונג האָט זיך דער מחבר אומגעקערט צום אָריגינאַל, צום סאַמע לירישן תוך זיינעם, צו קיקל. אַוודאי איז מאיר ווייסגאַל דורך און דורך אַמעריקאַניש און נישט נאָר אין דעם פליסנדיקן און פאַרביקן ענגליש. אָבער ערגעץ ווו איז ער געווען ווי זיין לערער און פאַרגעטערטער חיים ווייצמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער רעדט אַ סך שפּראַכן און אַלע אויף יידיש...

וואָס האָט אָט די אויטאָביאָגראַפיע געמאַכט פאַר איינעם, אפשר פון די גרעסטע מעמוּאַריסטיק־ביכער אין אונדזער ליטעראַטור? זיכער זענען פאַראַן דערפאַר געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע מאָטיווירונגען: ס׳איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן אַמעריקאַנער ציוניזם אין זיינע וויקעלעך; די ערשטע בראַנדעס־ליפּסקי־שפּאַלטונג; די אָנהייבן פון פּובליקאַציעס; די ערשטע פּרימיטיווע ביוראָען; די שפּאַנענדיקע היסטאָרישע תקופה פון דער שאַפונג פון מדינת ישראל. פאַראַן דאָ איינע פון די ווערטפולסטע שילדערונגען פון דער ווייצמאַן־פּערזענלעכקייט און זיינע פּאָליטישע גרעאַנגלען, פון זיינע פּערזענלעכע קריזיסן, זיינע גרויסע שטראַלנדיקע שעהען און מאָמענטן פון גרענעצלאָזן אומעט און טראַגעדיע. שפּאַנענדיקער פון אַ ראָמאַן איז די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונעם ווייצמאַן־אינסטיטוט און, וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער, זיין אינערלעכע אַנטוויקלונג.

די ערשטע צענדליק זייטן פונעם בוך גיבן אַ מאָלעריש בילד פון קיקל,

וואָס איז איינע פון די טויזנטער אַנדערע קיקלס: לויטער ליריק, נאָסטאַל־גישער חן און גלייכצייטיק אַן אויטענטישע שילדערונג פונעם שטעטעלע ביים סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. מ׳געפינט דאָ בילדער פון דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע, פון וועלכער זיין טאַטע, דער חזן, און זיין מאַמע, די שיינע רעוואָלוציאָנערקע, זענען געווען טיפּישע פאָרשטייערס.

דער מחבר פאַרמאָגט די פעיקייט צו דערציילן מיט נחתדיקער באַרע־דעוודיקייט, מיט הומאָר און גוטהאַרציקייט. ער האָט דעם טאַלאַנט צו סקיצירן הונדערטער טיפּן, פּירערס און מענטשן פון דער שורה, חברים און ביטערע קעגנערס, אויפכאַפּן אין זיי דאָס כאַראַקטעריסטישע. ס׳באַ־צויבערט אונדז זיין ליידנשאַפטלעכע פּאַרליבטקייט אין געוויסע מענטשן און די אַגרעסיווע קעגנערשאַפט אַפילו צו גדולים, וועמען ער קען נישט מוחל זיין געוויסע זאַכן ביזן היינטיקן טאָג. מ׳דאַרף אגב נישט פאַרגעסן, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אמתן שטורעם־פויגל, וועלכער האָט דורכגע־שפּרייזט קאָנטינענטן, געביטן, טעטיקייטן און איז פאַרבליבן כמעט נאָן־שאַלאַנט, אָן אַ שפּור פון פּאָמפּע און חשיבות.

דאָס בוך שפּיגלט טאַקע אָפּ וויסגאַלן אַליין און אפשר, איז דאָס דאָס וויכטיקסטע. נישט זעלטן פּאַסירט יידער מיט די גרעסטע צווישן אונדז, אַז זיי ווערן בלאָס מענטשלעך, קליינלעך, ווען עס קומט זיי אויס צו דערציילן וועגן זיך אַליין. דאָ האָט עס נישט פּאַסירט. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז נישט וויסגאַל האָט אָנגעשריבן אַ גוט בוך, נאָר דאָס בוך איז גוט, ווייל זיין הויפּטהעלד איז וויסגאַל, אָן באַפּוצונג און אָן רעזשי.

וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם חזנס זון מיטן זיסן אַלטל, דעם שוועבע־לעך־פּאַרקויפער אין ניו־יאָרק, דעם אָנפאַנגער־זשורנאַליסט פון „מכביה" אין איינעם פון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער וועלט, אין אַ קרוב למלכות, אינעם לאַנגיאָריקן פּרעזידענט פון דעם גרעסטן און וויכטיקסטן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין דער יידישער וועלט, אין דעם אינטימסטן פאַרטרויאונג־מענטש פון ווייצמאַנען, אין דעם לעגענדאַרן פאָנדן־זאַמלער?

ער איז זיכער נישט דער גרויסער זשורנאַליסט און פּובליציסט (כאָטש ער פאַרנעמט אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַנגלאָ־יידישער ציוניסטי־שער פּרעסע). ער וועט אויך נישט אַריין אין דער געשיכטע אַלס טעאַטער־

העלד, כאָטש ער האָט באַוויזן גרויסע איניציאַטיוו און פאַרנעם אין זיינע גראַנדיעזע פאָרשטעלונגען, ווי דער „ראָמאַנס פון מיין לעבן" אאַז"וו. ער האָט אויך געהאַט זיין חלק אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק, אָנטייל גענומען אין קאָנגרעסן, געזעסן אויף די ענגסטע זיצונגען פון דער ציוניס־טישער וועלט־עקזעקוטיווע. גענומען אַ שטעלונג, ווי זיין שטייגער איז, אימפּעטיק, דרייסט און ראַדיקאַל צו יידישע גורל־פּראָבלעמען. ער האָט אויך אַן אָפּן האַרץ און אויג פאַר קונסט און ליטעראַטור. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זיין הויפּט־שטריך און פאַרדינסט איז פון אַ בויער. ער איז אומגעדולדיק צו סתם אידעען. זיי ווערן ביי אים ממשות און אינהאַלט נאָר ווען זיי באַקומען בלוט און פלייש פון פאַרווירקלעכונג. אַפילו זיין לעבנסלענגלעכע פאַרבינדונג מיט ווייצמאַנען, דאָס פאַטעטישסטע און הייליקסטע ביי אים, האָט ערשט דעמאָלט באַקומען איר תיקון, ווען זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער קאָלאָסאַלער זאַמלונג פון שריפטן און בריוו און אין דעם רחובות־אינסטיטוט. ער באַלאַנגט קודם כל צו דער זעלטענער פאַמיליע פּלאַנירערס, אָרגאַניזאַטאָרן און אַרכיטעקטן פון אויפטועז, וואָס זייער ווערט איז אויף דורות.

מיט דעם אַלעמען אָבער איז ער אַ בשר ודם מיט אַלע פעלערן, וואָס דעקן זיך אויף אין זיין בוך און וואָס ער האָט מסתמא אַפילו נישט געפּרוווט פאַרדעקן. ער פאַרבאַהאַלט אויך נישט זיינע קליינע אָפּרעכענונגען און ווידערווילנס. ס'איז אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: אָט שטיי איך פאַר אייערע אויגן און נעמט מיך ווי איך בין.

דאָס בוך איז דריי־דימענסיעדיק: דער ערשטער פּעריאָד — קיקל, וואָס איז כמעט נישט־קאָנקרעט און שאַגאַל־מעסיק, מערער מאָטיוו, מוזיק און רמז, אַ שיינע פאַרגאַנגענע וועלט, צו וועלכער דער מחבר קערט זיך אום אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער פאַרענדיקט דאָס בוך מיט קינדער־אַסאָציאַציעס אויף אַן אָפּרואינדזל אין סעלערינאַ; דער צווייטער פּעריאָד איז 50 יאָר אַמעריקע. אַ רוישנדיקער פּעריאָד פון גערינגלען, אויפטוען, פּירערשאַפט, צוזאַמענשטויסן און פאַרבינדונגען מיט גרופּעס און כוחות און, דער עיקר, די באַגעגעניש און די צעמענטירונג פון דעם, וואָס איז געוואָרן די טראַומע פון זיין לעבן, די געטרייע, לאָיאַלע און ממש פאַנאַ־טישע איבערגעגעבנקייט צו ווייצמאַנען און צו זיין זכרון. דער דריטער

פעריאַד — די שטילע אָבער אינטענסיווע טעג אַרום דעם בויען און אַנטוויקלען פון וויצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות, וואָס ער איז געוואָרן ממש זיין פערסאָניפיקאַציע, זיין אינספּירירנדיקער בויער און אָנפירער.

אין סוף פון דריטן פעריאָד איז ער באַרימט געוואָרן ווי אַ ייד אַ פּיקח, אַ פאָלקסמענטש, ווי אַ געלטזאַמלער, אַ מאדים אַרויסצוקריגן גרויסע סומעס פון גבירים אַדירים. ער איז געוואָרן דער הויפּט־אַדרעס פאַר פּובליקאַציעס, פאַר שרייבערס, איינער, צו וועמען מען ווענדט זיך פאַר וויכטיקע און אָפט מאָל נישט אָפיציעל עטאַבלירטע פּראָיעקטן, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן צו טאָן מיט יידיש און יידישער ליטעראַטור און קולטור. ער האָט דאָס שאַפן פינאַנסיעלע מיטלען פאַרוואַנדלט נישט אין אַ פאַך, נאָר אין אַ קונסט. פאַראַן אין דעם אַ ספּעציפישער וויסגאַל־צוגאַנג: מען מאַכט פילן דעם נדבן, אַז ער איז דאַנקבאַר פאַר „אָפּקומען מיט אַזוי ווייניק", פאַר דער טובה, וואָס מען טוט אים וואָס מען נעמט ביי אים די באַשטייערונג. וויסגאַל איז געוואָרן אַן אינדיווידועלער שטייעראַמט, וואָס היט אָפּ קפּדנותדיק, אַז די גבירים זאָלן זיך נישט אַרויסדרייען. אַ שאָד, וואָס אָט די גרויסע מעלה פון וויסגאַלן, אַן וועלכער מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פון וויצמאַן־אינסטיטוט, איז געוואָרן צופיל גלאָריפיצירט און קומט אויס ביי אים ווי דער עיקר. אין דער אמתן איז עס נאָר אַ „בייפּראָדוקט" פון זיינע גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע אייגנשאַפטן און אינטואיטיוון מענטשן־קענען מיט זייערע מעלות און שוואַכקייטן.

צום סוף עפּעס נאָך וועגן דעם וויצמאַן־קאַפּיטל אין זיין לעבן, וואָס פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין בוך. געבוירן דורך אַ צופאַל, איז עס געוואָרן אַ הייליקער בונד. וויסגאַל האָט געלעבט אין וויצמאַנס מחיצה און אָטעמט נאָך היינט מיט זיין זכרון. ס'איז נישט קיין נושא־כלים־באַציונג, אַפילו אין רעליגיעז־תנכישן זין. ס'קען אויך נישט זיין בלויז פריינדשאַפט. ס'איז ווייניקער און מער ווי דאָס. פון דעם בוך זעט זיך ממש אַרויס וואָס וויסגאַל האָט געמיינט פאַר וויצמאַנען און דווקא אין די שווערע מאָמענטן אינעם לעבן פון אָט דעם דעליקאַטן, פילבאַרן און שטימונגפולן מנהיג. די פאָטעטישסטע מאָמענטן אינעם בוך זענען די שטילע שמועסן מיט וויצמאַנען אין זיינע שקיעה־חדשים, דער תקיעת־כף, די אומעטיקע אַטמאָספער פון

זון־אונטערגאַנג אין וועלכער ווייסגאַל דערהויבט זיך צו אַ סובטעלער און שטילער פייערלעכקייט.

מיר דאַכט זיך, אַז אין תוך צעטיילט ווייסגאַל די גאַנצע „יידישע מענטשהייט" אין צוויי טיילן: אין סתם־יידן און אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון קיקל (ס'קען הייסן: מאָטעלע, וואָלבראָם, סטאַלין און אַנד.), מענטשן פון טיפע וואָרצלען, פון עצבות און דערהויבנקייט. צו אַזעלכע האָט געהערט ווייצמאַן. זיין תּלמיד גייט אין זיינע דרכים. אַ ייד פון קיקל.

1977

דער שפּיגל פון דער תקופה

ז. באַומגאָלד. „אין די טריט פון מיין דור“, פאַרלאַג „אידישער קעמפּער“.

אין זיין הקדמה צום בוך שרייבט דער מחבר: „די עווענטועלע בלויזן דאַרפן געמישפּט ווערן מיט איינזעעניש כלפּי אַ מענטש, וועלכער געהערט נישט צו דער פאָרמעל שרייבערישער פּראָפעסיע...“ מיר נעמען אָן דעם אויסדרוק „נישט פאָרמעל“. ס'איז אַן אָפּטע דערשיינונג ביי גנזעלשאַפט־לעכע טוערס וואָס כאַפּן אַריין די קדושה פון שרייבן צווישן איין מנחה און מעריב פון זייער פיבערהאַפטער טעטיקייט. צום גליק אָבער מאַכט נישט דאָס בוך פון ז. באַומגאָלד דעם מינדסטן איינדרוק פון ליטעראַרישער דילעטאַנטישקייט, פון אַ צופעליקער צונויפזאַמלונג פון עסייען, מאמרים און זכרונות. דער שרייבערישער זשאַנער, דער געטרייער און אָפּקלייבע־רישער זכרון, די פעיִקייט קלאָר צו אַנאַליזירן געשעענישן און סיטואַציעס, דאָס שאַרפע אויג און דער מאָלערישער פענדזל אין די פּאָרטרעטן פון „קינדער פון זיין דור“, דער מילדער און צאַרטער הומאָר און דאָס זאַפטיקע לשון — דאָס אַלץ גיט דער זאַמלונג אַ ליטעראַרישן ווערט און פילט זי אָן מיט פאַרכאַפּנדיקער פרישקייט.

באַומגאָלד איז נישט נאָר אַן אָבסערוואַטאָר און נאָכגייער „נאָך די טריט פון זיין דור“, נאָר אַן אַקטיווער מיטלעבער און מיטקעמפּער. גלייכ־צייטיק איז פאַראַן אינעם בוך גענוג געשיכטלעכע דאָקומענטאַציע, כדי צו פאַרזיכערן אים אַ דויערהאַפטיקייט און אַן אינטערעס, וואָס וועלן איבער־לעבן די תקופה.

ווי געוויינטלעך אין אַזאַ ברייט־קאַנוועדיקן ווערק, איז דאָ אין אים אַ קאַליידאָסקאָפּישע פאַרשיידנקייט: לענדער און קהילות, ענינים פון

אַמעריקע און פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב, 19 מאָנאָגראַפיעס און סקיצן פון פערזענלעכקייטן, ציוניסטישע פּראָבלעמאַטיק, אַקטועלע און אידעאָלאָגישע באַוועגונגס־פּראָגן, אאז״וו. דאָס אָבער וואָס פאַרבינדט די פאַר־שיידענע קאַפּיטלעך איז דער מחבר אַליין. זיין אַקטיווער אינטערעס, זיין פיזישע אָדער לכל הפחות גייסטיקע אָנוועזנהייט אין די לעבעדיק באַ־שריבענע סיטואַציעס. כאָטש ס׳איז כמעט נישטאָ אין בוך קיין אויטאָ־ביאָגראַפישע פּרטים און דער מחבר רעדט זייער ווייניק וועגן זיך אַליין (אַגב אַ זעלטנהייט אין אַט דעם מין ביכער).

די באַרימטקייט פון די געשילדערטע פערזענלעכקייטן, די פּערמאַ־נענטקייט און כמעט אייבקייט פון דער טעמאַטיק שאַפן אַ סכנה פון באַ־נאַלקייט. דער אָריגינעלער צוגאַנג אָבער פון באָומגאַלדן און זיין פיינע סאַטיריש־הומאָריסטישע פאָרם זאָרגן שוין דערפאַר, אַז עס זאָל דעם לייענער נישט לאַנגווייליקן און דער מאַטעריאַל זאָל קיין מאָל נישט זיין אויסגעדראָשן. אַגב, אָפט איבערראַשט ער אונדז מיט דער אויסערגעווייני־לעכקייט פון טעמעס, ווי למשל, דער טרעפלעכער אַנאַליז פון דעם פּאָלי־טישן מצב אין פאַר־מלחמהדיקן פראַנקרייך און וועגן ראַדיקאַלע שטימונגען אין דער קאַטוילישער באַוועגונג, שפּאַנענדיקע שילדערונגען פון אַלגע־מיינעם אינטערעס, ווי: „אַמעריקאַנער האָטעלן״, „אַמעריקאַנער טראַגע־דיעס״, „מאָנומענטן״, „פאַרבלאָנדזשעטע נשמות״. אין אַלגעמיין אָבער זענען עס געראָטענע וואַריאַציעס אויף דער אומענדלעכער טעמע פון אונדזער דור.

☆

דאָס בוך איז אַ געטרייער שפּיגל (אין וועלכן אַ סך פון באָומגאַלדס לייענערס, מיטגייערס און חברים קענען זיך דערזען) פון דער גענעראַציע, אין אַלע הינזיכטן: כראָנאָלאָגיש, געאָגראַפיש, אידעיש און פּאָליטיש. דער קאַלענדאַר דאַרף דאָ שטאַרק אַקצענטירט ווערן. לויטן עלטער, הינטערגרונט און מענטאַליטעט געהערט באָמגאַלד צו דער פּלעיאַדע געזעלשאַפטלעכע פיגורן, וואָס זענען היינט אין זייערע זעכציקער און פרי־ע זיבעציקער. ס׳איז נישט בלויז אַ ביאָגראַפישע איינצלהייט. די מענטשן זענען אַ ספּעציעלער שבט אין טראַגישן און דערהויבענעם זין פון וואָרט. עס איז אַ דור פון יורשים, פון קינדער־יאָרן אין מזרח־אייראָפּעישע

צענטערס, מיט זייער לעבנס־שטייגער, רעליגיעזער און מאָראַלישער יידי־שער ציוויליזאַציע.גלייכצייטיק זענען עס בויערס און קעמפערס אין ישראל און אין אַנדערע היינטצייטיקע יידישע מאַסן־צענטערס. ס'איז אַ דור אַ געפּרוווטער און געליטערטער אין די פייערן פון דער שואה, וואָס האָט אָבער זוכה געווען צו לעבן אין און בזכות פון דער אומאָפּהענגיקער ווידער־אויפגעקומענער יידישער מדינה. אַ דור וואָס האָט געשעפּט פון אַלטן קוואַל און האָט אויך געזען די אויפשטייגן און די ביטערע פּרוכטן פון וועלטלעכער יידישקייט. ס'איז אַ צייט פון דער ביטערער קאָנפראָנטאַציע סיי מיטן פיינדלעכן קאָמוניסטישן מזרח, סיי מיטן אַסימילירטן מערב, פון קאָנפליקטן און סינטעזן, אַנטוישונגען און נחת.

באַומגאָלד איז אַ טייל פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה (סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות), וואָס איז אפשר נישט אַזוי באַנייעריש און וויזיאָנעריש ווי דער דור פון די ראשונים, וועגווייזערס און לערערס, דערפאַר אָבער קאָנסטרוקטיוו און בויעריש. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אויס־געביטן דעם איידעלן מעטאַל פון די טעאָרעטיקערס פון דער פריִערדיקער תקופה אויף די מטבעות פון קאָנקרעטער רעאַליזאַציע. פּאָליטיש ווערט דער דור אָפט מאָל צעמאָלן צווישן די פּרעסטיזשפולע וועטעראַנען און די יונגע דורות, פאַר וועלכע ער איז נישט זעלטן דער סימבאָל פון אָפּגעשטאַנענקייט און אַלטמאָדישקייט.

געאָגראַפיש מיינט עס (אַחוץ די יוגנט־יאָרן אין פוילן פון באַומגאָלדן, וואָס וואַרטן נאָך אויף זייער ביאָגראַפישער אויסלייזונג) פראַנקרייך אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן און צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע פון די פערציקער און ווייטער.

זיי זענען טאָקע געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון די אַרטיקלען און אַרבעטן: די קאַפּיטלען „אין מלחמה־געוויִרבל" און „אין אונדזער היימישער אַמעריקע". דאָס וואָס עס פעלט, פּילט ער אויס מיט רייזע־באַשרייבונגען (קאָמוניסטיש פוילן, מאַראָקאָ, אַרגענטינע) און די העכסט אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון די אָפטע באַזוכן אין ישראל, ווו ער דערשיינט ווי אַן איי־גענער, כמעט אַ תושב, אָבער געווענט גאַסט, כדי צו זען פאַר אַ ווייל און אויפכאַפּן דאָס עיקרדיקע און כאַראַקטעריסטישע.

טעמאַטיש זענען עס די הויפּט־מאָטיוון פון אונדזער צייט (ציוניזם,

רעטונג, באַוועגונגס־פּראָבלעמען און פּערזענלעכקייטן). דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט אין בוך געפינען אַ רייכן קוואַל פון אינפאָרמאַציע און אַ מיט־באַגלייטער פון די לערערס און מנהיגים און צום סוף אַ צענטראַלע תקופה.

☆

אַ וויכטיקער טייל פון בוך איז געווידמעט פּערזענלעכקייטן: אַ קאָ־לירפולע שורה לערערס און חברים, ווייטע, גרויסע פיגורן און היימישע געשטאַלטן. לאָמיר בלויז אויסרעכענען אייניקע פון זיי: אין דער פראַנ־צויזישער פּאָליטיק דער אָריגינעלער שטאַטסמאַן העריאָ, דער מוטיקער און קעמפערישער סאָציאַליסטישער פירער מאַקס דאָרמוא; יידישע און ישראלדיקע מנהיגים: די נשיאים פון ישראל, בן־גוריון, שפּרינצאַק און אַנדערע; וואָרטזאָגערס פון אַמעריקאַנער און פראַנצויזישן ישוב און פּי־רערס פון דער באַוועגונג — יאַרבלום, סיגאַל, ווערטהיים א״אַ. אַ מאָל זענען עס יוצאי־דופנדיקע און צופעליק אַנגעטראָפענע מענטשן פון אַנדערע וועלטן — דער מאָלער קאָלניק, אַלעקסאַנדער ביקעל און אַנדערע. ס׳איז אַ זייער אָריגינעלער צושטייער צו אונדזער ביאָגראַפישער ליטעראַטור, צו דער פאָרשונג פון דער תקופה דורך אירע וועגווייזערס און געשטאַלטיקערס. די פּאָרטרעטן ווערן געמאָלן מיט לירישער באַדאַכטקייט, דיסקרעטער נאָסטאַלגיע, מיט אַ סך דרך־ארץ און דיסטאַנץ, אָבער אָן איבערגעטריי־בענער התפעלות און אָן אַ שמץ פון פּערזאָנען־קולט. צי עס איז אַ לענגערע מאָנאָגראַפיע אָדער אַ נעקראָלאָג־מעסיקע סקיצע, איז שטענדיק אין זיי פאַראַן עפּעס זעלבסטשטענדיקס און אייגנס. אַ באַגעגעניש, אַ קאָנטאַקט, אַ יאָרן־לאַנגע פריינדשאַפט אָדער אַ צונויפעטרעף און אַלץ ווערט שפּעטער געשילדערט אויף אַ פּערזענלעכן אופן. דער טראָפּ ווערט שטענדיק געלייגט נישט אַזוי אויף פּרטים, כאָטש עס פעלט נישט קיין שפע פון פאַקטן, נאָר אויפן נוסח, אויף דעם אַלגעמיינעם און כאַראַקטעריסטישן אינעם אַוועק־גאַנגענעם פירער אָדער חבר.

שרייבנדיק וועגן זיי, באַלעבט ער זיי פון דאָס ניי. זיי באַרייכערן זיין לעבן און דורך אים אויך אונדז, „די קינדער פון זיין דור״.

1975

אַן אינטים און אָריגינעל בוך

„קאָמיטמענט״ פון יעקב קאַצמאַן איז אַ נישט־קאָנוועציאָנעל און אָריגינעל בוך. הגם ס׳איז אין גאַנצן געווידמעט די לעצטע 50 יאָר פּועלי־ציוניזם אין אַמעריקע, איז עס נישט קיין געשיכטלעכער און אידעאָלאָגי־שער איבערבליק. ס׳איז אויך נישט קיין ציקל זכרונות, כאָטש ס׳האַנדלט זיך וועגן קאָנקרעטע און אינטימע איבערלעבונגען אין דער משפּחה, אין דער היימישער סביבה, אין דעם באַוועגונגס־צווייג און אין זיין לאָקאַל; און הגם אַפילו די פּירערס און גרויסע פּערזענלעכקייטן דערשיינען אין אַ שטילער, נאָענטער ראַם. ס׳איז נישט קיין ביאָגראַפיע, ווייל דער ביאָגראַף גייט סובטעל פאַרביי זיך אַליין, הגם די איינגעהאַלטענע ליריק און די נאָסטאַלגישע האַרציקייט זאָגן עדות אויף אַ פּערזענלעך איבערלעבן די באַשריבענע געשעענישן. ס׳איז אויך נישט קיין זאַמלונג עסייען, טראָץ דעם וואָס איר געפינט אינעם גאַנצן בוך און אין אַ ספּעציעל געווידמעטן קאַפּיטל אָריגינעלע סקיצן און פּאָרטרעטן פון די גרויסע פיגורן, אין וועמעס מחיצה ער האָט זיך געפונען און וועלכע ער שילדערט אין אַלגע־מיינע שטריכן, אויפכאַפּנדיק דאָס באַזונדערע, אייגנאַרטיקע און טשיקאַווע.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן בוך איז דער שטילער טאָן, דאָס לשון פון אינטימען שמועס, דאָס איינפאַכע דערציילן, וואָס ווערט באַהנט דורך עפּיזאָדן, מעשהלעך, קוריאָזן, איבערגעגעבן מיט צאַרטן הומאָר. דער מחבר האָט לכתחילה זיך אויסגעקליבן „אַ נידעריקן פּראָפיל״; אָן פּרעטענסיע פון באַהאַוונטקייט, למדנות און קאָמפּעטענטקייט. בכיוון לאָזט זיך קאַצמאַן נישט אַריין אין אידעאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען און סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען.

מ׳קען נישט צוגיין צום בוך מיט בלויז ליטעראַרישע קריטעריעס, כאָטש ס׳איז געשריבן מיט פּראָפעסיאָנעלער געשליפנקייט און אַ מייסטער־דיקן ענגליש. ס׳איז נישט קיין שאַפונג פון אַ ליטעראַרישן אָבסערוואַטאָר.

אין משך פון צענדליקער יאָרן איז דער מחבר געווען אַ שליסל־פיגור אין דער באַוועגונג. צוערשט ווי אַ פיל־צוזאָגנדיקער תּלמיד, שפּעטער אַ מיט־באַגלייטער פון די לערערס און מנהיגים און צום סוף אַ צענטראַלע פּערזענלעכקייט פאַר זיך אַליין. דו לעבסט איבער דאָס בוך, ווייל דער מחבר אַליין לעבט־מיט דאָס באַשריבענע בשלימות אין „אָוונט און פריי־מאָרגן און אַ גאַנצן טאָג". ס'איז געשריבן דורך אַ מענטש פון „אינעווייניק".

וואָס איז אייגנטלעך דעם מחברס ציל? דערציילן וועגן דער באַוועגונג פון אַזוי צו זאָגן: „ביי זיך אין דער היים". די היים דאַרף דאָ גענומען ווערן אין איר ברייטערן קאָנטעקסט: משפּחה, דער לאָקאַל, דער צווייג, דער ברייטער קאָמיטעט, די שולן, דער פּיקניק און אויספלוג; און איבער דעם — דער גלאָריפיצירטער צענטראַל־קאָמיטעט. דער מחבר זעט אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה אַ נוסח פון לעבן, אַן אָריגינעלע סביבה, אַ שבט מיט אַלע בולטע סימנים פון אויטענטישקייט. אויב איר ווילט, איז עס אַ באַשיימפּערלעכער באַווייז, ווי אַזוי פּראָגראַם און אידעאָ־לאָגיע קענען ווירקן און אַפילו געשטאַלטיקן דאָס לעבן פון די אידענטי־פיצירטע; שאַפן אַ מין שולחן ערוך פון מצוות־מעשיות, פון סימבאָלן און ריטואַלן, אַ געשלאָסענע איינהייט אַן דעם אַנשטעל פון אַן אָרדן.

דאָס בוך וועגן „די פּאַטערס פון אַרבעטער־ציוניזם" איז געשריבן אין אַ שטימונג פון נאָסטאַלגישער פאַרערונג. דער ערשטער דור פון אונדזערע אַמעריקאַנער ציוניסטן־סאָציאַליסטן ווערט געוויזן אין זייער נאַיִווקייט, רירנדיקער אומבאַהאָלפנקייט און תּמימותדיקן „פּראָווינציאַליזם". ס'איז נישט קיין סאַגאַ פון העלדן, נאָר פון פּשוטע און גראָדליניקע מענטשן. דאָ און דאָרט איז אַפילו פאַראַן אַ ליבער און גוטמוטיקער טאָן פון אָפּ־שפּאַסן. ס'איז נישטאָ דער מינדסטער ווילן זיך אומצוקערן צו יענער תּקופה, „וואָס איז אַוועק מיטן ווינט". אפשר דערפאַר איז דער איינדרוק אַ טיפערער און די שאַפונג אַ באַגלויבלעכע. זעט נאָר, וואָס די קינדער פון טשעלסי (און אין דעם פּרט איז דאָס אימיגראַנטישע ניו־יאָרק נישט געווען מער גרויסשטאָטיש) האָבן אויפגעטאָן: געשאַפן די גרויסע פּראָ־ישראל־באַווע־גונג, געבויט די ערשטע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שולן, אויפגעבויט אַן ערשט־ראַנגיקע פּרעסטיזשפולע פּרעסע, געווען אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר אין דער

קאָנגרעס־באַוועגונג, געשאַפן דעם לעגיאָן, אויפגעבויט דעם הסתדרות־קאַמפּיין, דערצויגן אַ דור פון פּראָ־ישׂראלדיקע פּירערס.

וועגן דעם דערציילט נישט דער מחבר אין ברייטע ליניעס פון געשיכטלעכער אָפּשאַצונג. ער צעטיילט, אַזוי צו זאָגן, דאָס גינגאָלד אין קליינע מטבעות פון טאָג־טעגלעכקייט. קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל איז געווידמעט אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים: ווי אַזוי ווערט מען אַ חבר; דאָס אייגנאַרטיקע פון צערעמאָניאַל און אינסטאַלאַציע; דער צוויג ווי אַ באַוועגונגס־קעמערל; די רירנדיקע זעלבסטהילף; די שמחהלעך און אַפילו לוויות מיטן זינגען די הערצ־טראַגישע שבועה; דער ער און זי־קאָמפּלעקס און דער דיאַלאָג צווישן די „אַלטע" און „יונגע".

שטאַרק אינטערעסאַנט איז דאָס קאַפּיטל געווידמעט דער קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט (ס'האָט נאָך דעמאָלט געהערשט דער גלויבן אין דעם ווערט פון אַ רעדע און אַ לעקציע, לאָזונגען, פּלאַטפאָרמעס און דעבאַטעס). די לעקציעס־טורן; די אימפּראָוויזירטע מיטינגס אויף די גאַסן־ראָגן; די פּלאָמיקע רעדעס אויף פּעסלעך, וועלכע האָבן געדינט ווי טריבונעס און די אָפּגעהאַלטענע נצחונות איבער קעגנערס אין שאַרפן ווערטער־געפעכט. פאַראַן דאָ אַ באַזונדערע פעיִקייט אויפצולעבן אָט־די קלייניקייטן און „אין זיי אַריינגעבן אַ נשמה". דער ענגליש ווערט מאַמע־לשונדיק, נישט בלויז צוליב דעם געראָטענעם אַריינפלעכטן פון העברעישע און יידישע אויסדרוקן, נאָר ווייל מען טראָגט זיך איבער אין אַ פאַרגאַנגענער וועלט, וועלכע איז שוין אַזוי ווייט, טראָץ דער קאַלענדאַרישער נאָענטקייט און אַזוי פרעמד און אַנדערש אין אונדזערע טעג, כאָטש עס רעדט זיך וועגן דער זעלבער באַוועגונג.

אַ בכבודיק אָרט ווערט רעזערווירט פאַר דער פּרעסע, וואָס האָט שוין דעמאָלט געקעמפט פאַר איר קיום, געשטאַנען טאָג־טעגלעך פאַר דעם האַמלעטישן „זיין אָדער נישט זיין" און דאָך באַוויזן צו מאַכן פּובליציסטישע געשיכטע אין יידישן אַמעריקע, ווי דער הויך־אינטעלעקטועלער „פראָנטיר". פאַר אַ ווייל האָט מען אויך איבערגעלעבט דעם געוואַגטן עפּיזאָד פון דער טאָגצייטונג „די צייט" אויף וועלכער מ'קען אָנווענדן דעם אויסדרוק פון מאַרטין בובער וועגן קיבוץ: דער געניאַלער דורכפאַל. דו לייענסט און באַוונדערסט דאָס לעבן פון אָט די אויטאָדידאַקטן און

האָרעפּאַשניקעס פֿאַר קולטור, פֿאַר קונסט און די ליבע צום ניגון, וואָס זיי האָבן געירשנט פֿון די חסידים.

דו לייענסט דאָס אַלץ און שטעלסט זיך די פֿראַגע, וואָס דער מחבר רירט אָן אין זיין בוך: איז אין דעם אַלעם פֿאַראַן עפּעס ספּעציעל־אייגנאַרטיקס, אַ קענצייכן, אַ נוסח; עפּעס אַזוינס, וואָס איז, אין תּוך, אַנדערש פֿון אַנדערע באַוועגונגען אין דעם שטורעם און דראַנג־פּעריאָד ווען אַ מיליאָניקע מאַסע האָט זיך אויסגעוואָרצלט פֿון דעם נאַטירלעכן, מזרח־אייראָפּעיִשן מיליע איז זיך איבערפֿלאַכלעך צוגעפּאַסט צו נייע באַדינגונגען, אָפּהיטנדיק דעם תּוך און דעם קערן? האָט זיך דער אַרבעטער־ציוניזם בלויז קאָנצענטרירט אין אידעאָלאָגיע, טעטיקייט; האָט ער בלויז אַריינגעטראָגן אַ נייעם צוגאַנג צו יידישע ענינים, נייע לאָזונגען, נייע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַגריפֿן, אָדער האָט ער זיך אויך אויסגעטיילט און אויסגעשיילט פֿון דער אַרומיקער סביבה, פֿון אַנדערע אידעיִשע און פּראָטערנאַלע כּוחות, ווי אַ קלאָר אָנגעצייכנטע און בולטע איינהייט? איז למשל דאָס בוך בלויז אַ צוגאָב צו דער „וועלט פֿון אונדזערע פֿאָטערס״, וואָס האָט, מילד גערעדט, פֿאַרזען אונדזער באַוועגונג? דער כּוח פֿון בוך, מיט זיין קאָנצענטראַציע אויף אונדז אַליין, באַשטייט דערין וואָס דער מחבר האָט באַוויזן, אַז די באַוועגונג איז געווען אַן אינדיווידועלער כּוח; אַז די יידישע וועלט און דער אַמעריקאַנער ישוב פֿון אונדזער יאָרהונדערט וואָלטן געווען אַ סך בלאַסער און אָרעמער אָן אים.

אונדזער לאַנג־יאָריקע עקשנות צו האַלטן זיך ביי אונדזערע טראַדיציעס, געוווינהייטן און פֿאָרמען (אַ זאַך וואָס מיר באַוווּנדערן ביי אַנדערע, ווי די חסידים און וואַרפֿן עס אַוועק לייכטזיניק פֿאַר זיך אַליין), „האָט געצאָלט דיווידענד״ אַנדערע. מער פֿלינקערע פֿון אונדז האָבן איבערגענומען אַ סך פֿון אונדזער תּורה און לאָזונגען און זיי האָבן אונדז אַזוי צו זאָגן „געגנאָגט און איבערגעאָגט״. זיי האָבן אַרויסגענומען טיילן פֿון אונדזער פּראָגראַם, אים פֿאַראיינפֿאַכט, געמאַכט פֿון דעם אַן עיקר, נישט אָנווייזנדיק דעם מקור. זעט אויס, אַז אין דער וועלט פֿון אידעען איז נישטאָ קיין „קאָפּי־ראַיט״. ווער האָט דען נישט געטרונקען פֿון אונדזער קוואַל? בונדיסטן, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַפֿילו די רעקאָנסטראַקשאָניסטן. איז גוט וואָס קאַצמאַנס בוך ברענגט אונדז צום מקור און רעהאַבי־

ליטירט אונדזער פּלאַץ אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע. נעמט, למשל, דאָס קאַפּיטל „ישראל־אַקטיוויטעטן", וואָס פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ אינעם בוך: די ערשטע קרן קימת־זאַמלונגען; די זאַמלונג פאַר אַ ברונעם, וואָס איז געוואָרן דער אָנהויב פון דער פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַ־ניזאַציע; די אָנהייבן פון געצייג־קאַמפּיינען; געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וואָס איז געוואָרן אַזאַ גרויסער אויפקלערונגס־ און פינאַנס־אינסטרומענט, אַ פאָרום פאַר הונדערטער־טויזנטער אַרבעטער און פאָלקסטימלעכע יידן, אַן אַדרעס פאַר דער הסתדרות, אַ בריק פון פאַרבינדונגען צווישן דער אַמע־ריקאַנער און ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, דאָס שאַפן פון החלוץ, דער לעגיאָן וכדומה. היות ווי דאָס בוך פּרעטענדירט נישט אויף דאָקומענטאַ־רישער געניויקייט און אויף אַלץ־אַרומנעמענדיקייט, פעלט דאָס קאַפּיטל וועגן די אינערלעכע אַנטוויקלונגען און די צווישן־באַציונגען פון די צו־זאַמענשטעלנדיקע טיילן, וועלכע האָבן איינגעשלונגען אַזוי פיל ענערגיע און כוח אין דער באַוועגונג, כאָטש עס פאַרשווייגט זיי נישט און פון די קליינע מאָנאָגראַפּיעס וועגן די לערערס און מנהיגים פון דער באַוועגונג קען מען שוין זען די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען און קאָמפּליקאַציעס. ס'איז אָבער כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז אַחוץ דער טעריטאָריאַליסטישער און עפּיזאָדיש־קאָמוניסטישער הערעזיע, האָט זיך די באַוועגונג קיין מאָל נישט געשפּאָלטן. זי איז געווען געשלאָסן און פאַראייניקט.

מיר גלויבן, אַז אויסער דעם עסטעטיש־ליטעראַרישן ווערט פון בוך גייט זיין ווירקונג אַריבער די גרענעצן פון דער לייען־הנאָה. עס האָט בפירוש אַ היסטאָרישע באַדייטונג. עס שטרייכט אונטער די חשיבות פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג ווי אַ טייל פון דעם דריילינג: מזרח־אייראָפּע, ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן. היינט זענען מיר ליידער „פאַרבליבן צוויי". ווי עס געשעט מיט אַמעריקע, פאַסירט אויך מיט די פּועלי ציון: מען דערשאַצט נישט איר ווערט. מען זעט זי ווי אַ קוואַל פון אונטער־שטיצונג, ווי אַן איבערפּלאַנצונג אין אַ פרעמדן באָדן, בעת אין תוך איז זי אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט. קאַצמאַנס בוך העלפט אונדז רעהאַביליטירן דעם כוח פון אונדזער באַוועגונג, וו אַ ישראל־צענטריסטישער און לאָיאַלער שותף, וואָס האָט נישט געוווסט פון די ראַנגלענישן און צעשפּליטערונגען

ביי אייראָפּעישע פּאַרטייען. דאָ האָט קיין מאָל נישט עקזיסטירט די צעטיילונג פון „דאָזסטן" און פּרינציפּיעלע ציוניסטן.

עס טיילט זיך אויס דער מאָראַליש־ליכטיקער פּרצוף פון דער באַוועגונג, וואָס איז ווייט פון וולגאַרער פאַרקריפּלונג. עס שיינט אַרויס אַן אמת אידעאַליסטישער, קעמפנדיקער כוח מיט אַן אייגענעם שטייגער, מיט פאָרמען און געוווינהייטן; און איך ווייס נישט, וואָס עס איז געווען דער געאייל זיי אַרויסצוטרייבן צוליבן וועלן זיין ווי „אַנדערע" פון געקינצלטן וואַקסן אויפן חשבון פון אייגענעם איך.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ מעדיטאַטיוו־אומעטיקן טאָן, מיטן פּריצייטיקן טויט פון דעם מחברס עלטערן, וואָס איז פאַקטיש די שקיעה פון דור. עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין שענערער עפּילאָג ווי דער אַלטער מדרש וועגן דער ברכה צו דעם גליקלעכן בוים; מיטן רמז אַז די קינדער זאָלן זיין ווי די עלטערן. וועט עס אַזוי זיין?

אין דעם נאָגנדיקן ספק, אין דער אומרו און באַדאַכטקייט ליגט דער צויבער און די חשיבות פון דעם בוך.

1976

יעקב זרובבל ז״ל

(צו זיין ערשטן יאָרצייט)

ווער עס וויל שרייבן וועגן יעקב זרובבלען און זיין מעכטיקן אויפטו, וועט מוזן אַרומנעמען די גאַנצע וועלט שוין אַפּילו ריין געאָגראַפיש. ער האָט ממש געשפּרייזט איבער קאָנטינענטן, איינגעזאַפּט אין זיך איינ־דרוקן פון לאַנדשאַפטן און פעלקער. און דאָס אַלץ נישט ווי אַ באַזוכער און אַ גאַסט אויף אַ ווייל. ער האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די ישובים, איינגעלעבט זיך מיט זיי און געוואָרן אַ תושב און אַ פירער.

„...איך אָטעם עד־היום די ברויזיקייט פון די וואַסערפאַלן אין ניאַגאַראַ און פאַרכליניע זיך פון דעם גאַסרעגן וואָס ווערט אויפגעשוימט דורך די וויקטאָריאַ־פאַלס אין ראָדעזיע; איך בין נאָך אַלץ באַגייסטערט פון דער פאַרהיסטאָרישער פּראַכט פונעם גרענד־קעניאָן פון אַריזאָנאַ און פון די הויך אויפשיסנדיקע הייסע גייזערס אין ניי־זעלאַנד. עס גלעטן מיך די „בלויע ברעג" פון אויסטראַליע; עס רודערן אויף די ווייסע נעכט אין די סקאַנדינאַווישע פיאָרדן און איך טראָג אין זיך דעם כישוף פון האָנג־קאָנג, ריאָ דע זשאַנעיראָ, און, און, און — — —" („געשטאַלטן"; זייט 439).

דאָס זעלבע ביאָגראַפיש. זיין פּערזענלעכע געשיכטע איז די היסטאָריע פון קעגנוואָרט און נאָענטן עבר פון יידישן פאָלק. עס איז אים באַשערט געווען צו זיין פון די ראשונים: ביים פאַרטאָג פון ציוניסטישן סאָציאַליזם אין פּאָלטאַווע, אויף דער גרינדונג־קאָנפערענץ פון פועלי ציון אין ארץ־ישראל אין 1906, דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אַרבעטער צייטונג אויף העברעיש „אחדות" אין א״י, די ערשטע שליחות פון דער א״י אַרבעטער באַוועגונג קיין אַמעריקע, פון די גרינדערס פון „החלוץ", רעדאַקטאָר פון ערשטן אַלמאַנאַך פון גבורה „ספר השומר". ער איז אָבער

נישט נאָר געווען אַ פּיאָנער, נאָר אויך פון די גליקלעכע זאַמלערס פון אַ גאָלדענעם שניט.

זיין בוך זכרונות הויבט זיך אָן פונעם קלימאַקס — דעם באַזוך ביים פרעזידענט פון ישראל, וואָס איז געווען זיין יוגנט־קאָלעגע, אונטערן רעוואָלוציאָנערן פסעוודאָנים „אבנר״; און די באַגעגעניש מיט דעם עילוי פון סטויפּץ, וואָס האָט איבערגעזעצט באַראַכאָווס „אונדזער פּלאַטפאָרם״ אין יידיש, און האָט נאָך דעמאָלט געהייסן זלמן רובאַשאָוו. אַ לאַנגער וועג, אָבער גלייך ווי אַ סטרונע, עס איז ממש יעקבס לייטער, וואָס שטייט אויף דעם בלוט־אָנגעזאַפּטן באָדן פון אַ נייער תּקופה און זיין שפּיץ גרייכט צו די בלויע הימלען פון ישראל.

דאָס זעלבע אויך וואָס שייך קאָנטאַקטן מיט יידישע קהילות אין דער גאָרער וועלט. יאָרן פון פאַרמאַציע פון וועלט־אָנשויאונג, אינטעלעקטועלע געוווינהייטן און כאַראַקטער אין פּאָלטאַווע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעטיקייטן אין ווילנע, בראשית־טעג פון חלוצישער רעדאַקטאָרישער און אַרבעטער־עסקנות אין א״י פון דער צווייטער עליה, אויפקלערונג און טעאָרעטישע אויסטייטשונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אומגעהויערער איינפלוס אין דרום־אַמעריקע, בשורה־ברענגער אין ווייטן און נאָענטן מזרח, לאַנגע יאָרן פון שטורמישע גרענגלען אין פּוילן, דער באַזוך אין דעם לאַנד נאָך דער שואה, און דאָס לירישע מתייחד זיין זיך מיטן סאָוויעטישן יידנטום. און די רשימה איז נאָך אַלץ נישט קיין פולע.

אָבער ביי זרובבלען איז דער עיקר געווען נישט די וועלט, נאָר די מענטשן. פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ ברייטע און פּילפאַרביקע פּאַנאָראַמע פון געשטאַלטן און פיגורן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט און געאַרבעט. לערערס, קאָלעגן און טויזנטער תּלמידים און חסידים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. ער האָט זיך געחברט מיט טויזנטער און פאַר צענדליקער טויזנטער איז ער געוואָרן אַ לעבעדיקע לעגענדע.

אין זיין בוך „געשטאַלטן״, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אויפן טויטנבעט, האָט ער, טיילוויז, אָפּגעצאָלט אַ חוב די, וואָס זענען אים געווען אַם־נאָענטסטן פּערזענלעך און גייסטיק, מערסטנטייל פון דעם מערקווערדיקן פּועלי־ציון־שבט.

זרובבל אַליין איז געווען אַ לאַנדשאַפט פון פאַרשידנאַרטיקע שיכטן, פון סטיל, קולטור און אָריגינאַליטעט.

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געאַרבעט איבער זיך און אויסגעברייטערט זיינע גייסטיקע האָריזאָנטן. פון אָרעמען אָפּשטאַם, אַליין אַ שילדן־מאָלער, מצבות־קריצער, בעקער — האָט ער זיין בילדונג געקראָגן אינעם „אוני־ווערסיטעט" פון דער לוקישקער תפיסה און איז געשטיגן צום מעמד פון אַ גלענצנדיקן טעאָרעטיקער.

פון דער יוגנט אָן האָט אים געצויגן צו ליטעראַטור, און מיט דער צייט איז ער באַקאַנט געוואָרן אַלס פּרעלעגענט איבער ליטעראַרישע טעמעס און אַלס פיינער עסייאיסט און קריטיקער.

ער איז אויך געבענטשט געוואָרן מיט אַ הדרת־פּנים: די קרעפּטיקע און הויכע פיגור, דער שטאָלצער געשטעל, די יוגנטלעכע באַוועגונגען. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די תאווה פון לעבן און די פעיקייט זי אויס־צונוצן ביזן לעצטן טראָפּן. דאָס שטענדיקע וווּנדערן זיך און באַוווּנדערן יעדע שיינע זאַך און די אומאויפהערלעכע אינטעלעקטועלע נייגעריקייט. ער האָט נישט פאַרפעלט קיין פּרעמיערע, קיין קאָנצערט און סימפּאָזיום. ביזן לעצטן טאָג איז פאַר אים יעדע רייזע געווען אַ פאַרביקע אַוואַנטורע און, שוין זייענדיק אין די טיפע זיבעציקער, האָט ער געקענט זיך אַריבער־כאַפּן קיין אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, אָדער אַרגענטינע מיט אַ פרישקייט און אַ צאַפּלדיקער רירעוודיקייט פון אַ יונגנמאַנטשיק.

ווי קינסטלעריש פאַרשידנגעשטאַלטיק ער זאָל נישט האָבן געווען, קען מען דאָך אין אים אונטערשטרייכן צוויי הויפּט־יסודות:

1) געטריישאַפט צום שורש און צו דער באַוועגונג. עס זענען פאַראַן זייער ווייניק פאַלן פון אַזאַ חסידישער איבערגעגעבנקייט צו אַ רבין, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן זרובבל צו בער באָראָכאָוו פון די ערשטע טעג אין פּאַלעסטינע ביזן אַריבערברענגען זיינע ביינער צום כנרת. ער איז אויך מיטגעגאַנגען לאָיאַל און געפירט זיין פּאַרטיי אין אַלע שטורעמס, געווי־טערס, רעוואָלוציעס און ענדערונגען. ער איז פאַרבליבן געטריי „דעם פּועלי־ציון־ניגון", זיינע קאָלעגן, וועלכע ער האָט מספּיד געווען מיט אַ געפיל, אַז ער „באַוויינט זיך אַליין", צום סאָציאַליזם, צו יידיש, צו דער

אַלטער היים, „וועלכע האָט אים וואָיענדיק באַגלייט צו דעם וואָגן פון זיין לעבנס־נסיעה".

2) ער האָט פאַרמאָגט דאָס, וואָס מען רופט אָן אין טעאַטער־לשון „דעם כּוח פון אָנוועזנהייט". מען האָט אים געמוזט פילן, ווען ער איז געזעסן אין די אונטערשטע רייען. און ווען ער האָט מאַרשירט אין די ערשטע מאַי־פּאַראַדן מיט זיין ווייסער באָרד, און זיין שניי־ווייסן העמד אויף זיין קרעפּטיקן האַלדז, האָט ער אַליין אויסגעזען ווי אַ גייענדיקע פאָן.

☆

אין איינעם פון זיינע לירישסטע און שיינע זכרונות־קאַפּיטלען דער־ציילט ער וועגן אַן איבערלעבונג, וואָס ער האָט געהאַט — ווען רויטע בלומען פון פאַרערערס האָבן באַדעקט דעם שלאַנקען גוף פון דער געט־לעכער איזידאָראַ דונקאַן... זאָלן די דאָזיקע שורות אויך זיין — רויטע בלומען אויף זיין קבר.

1968

חבר משה קיטרון ז״ל

די פילגעשטאַלטיקע און שעפערישע פערזענלעכקייט פון משה קיטרון ז״ל האָט זיך פאָרמירט אין 3 קאָנטינענטן און 3 קולטור־ספערן: די קינדהייט אין פינסק, דער שטורעם־ און דראַנג־פעריאָד אין אַרגענטינע, די רייפע יאָרן אין ישראל. פון פינסק האָט ער געירשנט די שורשדיקייט, די פאָלקס־טימלעכע פקחות געמישט מיט חריפות פון אַן עילוי און דעם לירישן יידישן געמיט. ווייזט אויס, אַז דאָרט האָבן זיך אויך ביי אים אויסגעקריצט די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ ״ראַסע פאַר זיך״ פון עקשנות, גראַדליניקייט, אָרגאַנישע אומפעיִקייט צו מאַכן פשרות מיט אַנדערע און מיטן אייגענעם געוויסן און דער אַנטוויקלטער חוש פאַר קאַמף און פאָלעמיק.

געקומען קיין אַרגענטינע ווי אַ פלאַמיקער בחור און געוואָרן אַ בויער און אַ פירער. געווען דער ערשטער פון דעם ייִנגערן דור מנהיגים, וואָס האָבן געלייגט דעם סטעמפל אויפן ישוב אין זיינע ציוניסטישע יאָרן. געווען מער ווי אַ דינאַמישער גענעראַל־סעקרעטאַר, נאָר אַ שם־דבר, אַ צענטראַלע פיגור, אַן אומרויִקער, קעמפערישער גייסט, אַ ריקזיכטלאָזער קעמפער פון אַלע אידעיִשע מלחמות קעגן פאַלשן שימער פון קאָמוניזם, קעגן דעם ״בונד״ און אַלע פאָרמען פון דאָיִקייט און קעגן אַסימילאַטאָרישע טענדענצן.

ער האָט זיך דעראָבערט די ליבשאַפט פון הונדערטער חסידים, יוגנט־לעכע, פאַר וועלכע ער איז געווען אַ וועגווייזער און לערער. אויך נאָך דעם ווי ער האָט עולה געווען, האָבן זיך צו אים געצויגן פעדעם פון אינטימער חברשאַפט און געפילן פון אָפּשיי. פירערס און טוערס האָבן זיך מיט אים באַראָטן. מען האָט אין אים געזען דעם אומגעקרוינטן אַמבאַסאַדאָר פון אַרגענטינער ישוב אין ישראל.

ער האָט אויך געבענקט נאָכן דאָרטיקן ישוב, אין וועלכן ער האָט געזען אַן אָפּבילד פונעם מזרח־איראָפּעישן יידנטום. ס׳האָט אים אומ־אויפהערלעך געצויגן צו יענע מקומות. איך האָב אים געזען און באַוווּנדערט בשעת זיינע שליחותן: אי אַן אייגענער, אי אַ חשובער גאַסט און וואָרט־זאָגער, אי אַ האַרבער לערער, אי אַ האַרציקער היימישער חבר.

ער האָט גוט געקענט דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, האָט פאַר־מאָגט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר אים, פאַר זיין איידעלער, פאַרביקער, מאָזאַיק־אַרטיקער קולטור, זיין קאָלירפולער דעמאָגראַפיע, טיפער פּאָעזיע און די שרייענדיקע קאָנטראַסטן און עוולות, זיינע רעוואָלוציאָנערע, ווול־קאַנישע מעגלעכקייטן און איידעלן שטייגער פון לעבן.

אין ישראל האָט זיך זיין געמיט פאַרטיפט. ער האָט אָנגעזאַמלט און איינגעזאַפּט אין זיך אַן אוצר פון מחשבה און דערפאַרונג. נישט לייכט געווען די קאָנפראָנטאַציע צווישן זיינע פּרינציפּן און דער ישראל־רעאַלי־טעט, צווישן לאָיאַליטעט און טריישאַפט צו דער „אַלטמאָדישער" כמעט בלינדער דיסציפּלין פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און אירע באַפעלן און צווישן דעם ניכטערן, דעם קאָרומפּירטן און די פאַרקריפּלונגען. ער איז נישט באַשאָנקען געווען מיט דער לייכטער בויגזאַמקייט, פּראַקטישער עלאַסטישקייט און פּראַגמאַטישער בריהשקייט. ער איז געווען אַ מחמיר צו זיך אַליין און צו מענטשלעכע שוואַכקייטן. אָבער אַפילו אין סאַמע געפעכט פון קאַמף האָט ער אָפּגעהיט די ליבע צום אייגענעם אידעיִשן שורש, צום חברים־קרייז. ער האָט רעספּעקטירט די אַנדערשקייט פון גאַר נאָענטע, כאָטש ער איז מיט זיי ווייט נישט געווען מסכים. דערביי האָט ער געוווּסט אָפּצוהיטן אייגענע חשיבות, איינגעהאַלטענע ווערדע, סיי ווען ער איז געווען אין צענטער פון די געשעענישן, סיי ווען ער איז ווי געשטעלט געוואָרן אין אַ זייט און האָט מער אָבסערווירט ווי געפירט.

אין אים האָט זיך פאַרווירקלעכט אַ זעלטענער צוזאַמענטרעף פון אָפּט קעגנזעצלעכע עלעמענטן און מעלות. אַן אַנאַליטישער מוח, וואָס האָט געקענט צעגלידערן אַ פּראַקטישן פּראָבלעם און אים באַלייכטן פון סאַמע איידלסטן און פּרינציפּיעל־טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט באַנוגנט מיט אַן אַרטיקל אָדער רעפעראַט, ער האָט אומ־געדולדיק געלעכצט נאָך מעשים, נאָך פאַרווירקלעכונג.

זיין רייכע אידעען־וועלט האָט אַרומגענומען פּאָליטיק אין ברייטערן אידעיִשן און פּאַרטייִאישן זינען און אויך חינוך הן אין זיינע מאָראַלישע, קולטורעלע יסודות, הן אין זיינע ריין־פּעדאַגאָגישע פּראַקטישע עלעמענטן און איבער אַלעמען אהבת ישראל. ער איז געווען אַ קענער און בר סמכא אין היינט־צייטיקער יידישער דעמאָגראַפיע און פּראָבלעמאַטיק.

ס'איז אין אים שטענדיק פּאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן פּובליציסטישע, זשורנאַליסטישע נייגונגען און מעגלעכקייטן מיט געזעל־שאַפטלעכער טועכץ. ווי אַ סך פון זיין דור האָט ער זיך נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט באַפרייען פון כלל־טוערישן „ציבור״, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געבענקט נאָך אַ ביסל אמתער רוחניות און האָט זיך אָפּט צוגעכאַפּט צום שרייבן. צענדליקער אַרטיקלען זיינע זענען צעוואָרפן אין פאַרשידענע זאַמלביכער, צייטשריפטן און צייטונגען. אַ סך פון זיי זענען אַ פיינער מוסטער פון פאָרשונג און עסייאיסטיק.

זיין לעבן — אַן אומאויפהערלעכע קייט פון מסירת־נפשדיקן, פּיינלעכן דינסט פאַרן פאָלק און פאַר דער באַוועגונג. עס איז אים שטענדיק באַשערט געווען (און אפשר האָט ער אומבאַוווסטזיניק אויסגעקליבן) די שווערסטע, פאַראַנטוואָרטלעכסטע, אומדאַנקבאַרסטע, „אומגלייכסטע״ פּאָזיציעס. אין סאַמע פייער פון קליטה פון דער מאַסן־עליה אין די שווערסטע יאָרן פון דער מדינה, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן אָנפירער פון דער „עדות־אָפּטיילונג״ פון מפא״י. שפּעטער גענומען אויף זיך די פירערשאַפט פון דעם גרויסן, קאָמפּליצירטן, אַ ביסל כאַאָטישן מפא״י־סניף פון תל־אביב און, צוזאַמען מיט די טעפּלעך שוואַרצע קאַווע, אויסגעטרונקען אַ ים ביטערנישן און שווערע האַרעוואַניע. דערנאָך האָט ער איבערגענומען דעם פאַרוואַרלאָזטן, זייטיקן געביט פון חינוך אין דער הסתדרות, גראָד נאָך דעם, ווי עס איז פינאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער „זרם העובדים״ (אַר־בעטער־ריכטונג), די מלוכה האָט איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די באַוועגונג איז ווי געשטעלט געוואָרן אין אַ זייט. משה האָט ממש געשאַפן אַ יש מאַין. מיט אויסערגעוויינטלעכער געדולד און גרינטלעכקייט, מיט זיין כאַראַקטעריסטישער עקשנות האָט ער אויפגעשטעלט די אָנהויבן פון אַ בנין: איינפירן אין הונדערטער שולן דעם לימוד וועגן דער הסתד־רות, גרופּירן עלטערן־קרייזן, איינאָרדענען סימפּאָזיומס פאַר חינוך־געדאַנק

(„מחשבת החינוך”). דער נחת און די אָנערקענונג זענען אָנגעקומען שוין דעמאָלט, ווען די שווערע קרענק האָט אָנגעהויבן צו באַזיגן זיין שוואַך געפּרוּווטן און אויסגעמאַטערטן גוף.

אין דער וועלט־באַוועגונג — ביז דער לעצטער מינוט, אַ וואָרטזאָגער, אַ גלענצנדיקער דעבאַטאַנט, אַ מייסטערפולער פאָרמולירער און אַ צענטראַלע פערזאָן אין דער „מועצה ציונית” (ציוניסטישער ראַט אין ישראל). דער ציוניסטישער סאָציאַליזם איז געווען פאַר אים מער ווי לעבנס־אינהאַלט. ס'איז געווען זיין פאַטוס. פאַראַפראַזירנדיק הערצלען: איינער פון אירע ווערטפולע כלים, וואָס צעברעכט זיך, ווען מען באַנוצט זיך מיט זיי.

זיין לעבן איז געווען ווי אַ גריכישע טראַגעדיע: געזען דעם טאַטן אַ דערמאָרדעטן דורך די בולאַכאָוועצעס, פאַרלוירן אַ פוס אין בלי־ענדיקן עלטער, געהאַט איין אַקסידענט נאָכן צווייטן, דורכגעמאַכט צוויי שווערע אָפּעראַציעס און געשטאָרבן אין גרויסע יסורים. די אַלע פּלאָגן און אומגליקן האָט ער דורכגעטראָגן מיט אַ שטילער גבורה, ווי לאַנג נאָר ער האָט געקענט זיך נישט „ווייסנדיק געמאַכט” פון דער קרענק, וואָס האָט געקענט צעברעכן אַ סך הערקולעסן. פאַרקערט, ער איז געלייטערט און ווידערגעבוירן געוואָרן פון יסורים — ביז ער האָט זיך אונטערגעגעבן אָן רעש און אָן ווילדן צאַרן, נאָר מיט דעם שטילן טרויער פון אַ חכם עתיק.

כ'ווייס, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט קיין סענטימענטן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, כּדי צו דערשטיקן ווי אַ „ניכטערער ליטוואַק”. ער האָט באַקעמפט אין זיך זיין לירישע ווייכקייט און צאַרטקייט. זאָל ער מיר מוחל זיין, אויב כ'וועל אים נישט פאָלגן און פאַרפלעקן דאָס געשריבענע מיט אומפאַרשעטמע גרויסע טרערן...

1972

חיים גרינבערג

אויף דעם אָנדענק־אָוונט פאַר חיים גרינבערג אין בית־הנשיא איז אַלץ געווען: שטיל־פייערלעכע און אינטימע שטימונג, אמתע התיחדות פון פריינד און פאַרערערס, אַ טיפער אַריינבליק אין זיין יצירה דורכן נשיא, פאַרלייענונג פון זיינע כּתבים. אָבער געפעלט האָט ער אַליין. די דאָזיקע באַנאַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט ברענגען מיר נישט אַרויס צופעליק. אוודאי זענען מיר איבערגעצייגט, אַז צו זיינע ליטעראַריש־פילאָזאָפישע שאַפונגען וועט מען זיך אומקערן אומאויפהערלעך און מ׳וועט נאָך אין זיי מגלה עולמות זיין. אָבער אים אַליין קאָן מען נישט אומקערן. זיין פעלן האָט זיך געפילט ממש פיזיש, פונקט ווי זיין עצם אָנוועזנהייט צווישן זיינע מיטמענטשן איז געווען אַן איבערלעבונג אַפילו ווען ער האָט גע־שוויגן. ווייל ער אַליין איז געווען אַ קינסטלעריש ווערק: אַ כּלי יקר, אַן אָריגינעלע פלאַנץ, אַ מקור פון נענוס.

איינע פון די קאָמפּליצירטסטע געשטאַלטן פון אונדזער דור: אַ פירער, אַ לערער און אַן אַליין־גייער, אַ רעדנער מיט מאַגישן צויבער אויף מאַסן, אָבער מיט אַ נייגונג צו התבודדות און איינגעשלאָסענער קאָנטעמפּלאַציע. אַן אַריסטאָקראַט און אַ פאָלקסמענטש מיט יאָדערדיקער וואָרצלדיקייט. אַ טיף רעליגיעזע ליריש־מיסטישע נאַטור און אַ ניכטערער אַנאַליטיקער. אַן אַסקעטישע פיגור און גלייכצייטיק אַ געניסער אין איידעלן, אָבער פולן זין פון וואָרט. אַן אינדיווידואַליסט, אַ נאָן־קאָנפאָרמיסט, מיט ליבע פאַרן פּאַראַדאָקס, אָבער אַזאַ וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ לאָיאַלער פּאַרטיימענטש. אַ למדן מופלג, מיט אַ געוואַלדיקער ערודיציע, וואָס האָט אָבער אַלץ געבויט אויף שפיר און אינטויציע.

עס האָבן אין אים געהויזט די פאַרשיידנסטע קולטור־שיכטן און ספערן: די מיט נאָסטאַלגיע באַהויכטע און אפשר נאַטירלעכסטע לאַנד־

שאַפט פון רוסישער קולטור, וואָס ער האָט אינטים געקענט און דורכ־
געלעבט און די מערבדיקע אוצרות פון פילאָזאָפיע און קונסט. ער האָט
פאַרמאָגט קענטשאַפט פון יידישע מקורות און פון דער היינטצייטיקער
פּראָבלעמאַטיק, אַ ראַפינירט אַריינדרינגען אין דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט
און אַ מערקווערדיקע באַהאַוונטקייט אין דער געשיכטע, נוסח פון דענקען
און לעבן פון אַמעריקע, ווו ער איז געווען די לעצטע צענדליקער יאָרן
פון זיין לעבן און געשאַפן זיינע רייפסטע ווערק.

צו דעם אַלעם דאַרף מען נאָך צוגעבן זיין פענאָמענאַלע קענטשאַפט
פון אַלע רעליגיעס, פון פעלקער, שבטים, סעקטעס, דאָגמעס און פאָלק־
לאָרן — וואָס ווייטער און וואָס פרעמדער, אַלץ אינטריגירנדיקער און
היימישער פאַר זיין נייגעריקן אינטעלעקט.

פונקט אַזוי פאַרשיידנפאַרביק איז זיין טעמאַטיק: אוניווערסאַלע, איי־
ביקע מאָטיוון („תפילה", „תשובה", „ימים־טובים", „זעלבסטמאָרד", „טאָ־
לעראַנץ", „מיתה בנשיקה", „השארת הנפש"), פּאָליטישע שטראָמען און
באַוועגונגען („די צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג", „קאָמוניזם
און רעליגע") און דער גרויסער אוצר פון יידישער מחשבה („בחירה און
בכורה", „יידנטום, אמונה און מצוות מעשיות", „אַ בליק אין דער צוקונפט",
„קולטור און דערציונג אין גלות"); עניני דיומא, אָבער קיין מאָל נישט
רעפּאָרטאַזש־מעסיק און אַפילו נישט זשורנאַליסטיש, פּובליציסטיש, נאָר
סובלימירט און דורכגעזיפּט דורך זיין קריטישן חוש. בלעטלעך פון רייזע־
אַלבאָם, נאָטיצן פון באַגעגענישן מיט טשעקאָווע גרופּעס און מענטשן
(„הלכות טרעמפּ", וועגן דוכאָבאָרן און אַנדערע סעקטעס) און וואָס מער
יוצא־דופנדיקער און אויסטערלישער — אַלץ אינטערעסאַנטער. דעם אַריס־
טאָקראַט און תלמיד חכם האָט געצויגן צו טשודאָקעס און וואַנדערערס.

פיל־געשטאַלטיק זענען אויך די ליטעראַרישע זשאַנערן: די גרעסטערע
מאָנאָגראַפיע, ווו די רייכע דאָקומענטאַציע קומט קיין מאָל נישט אויפן
חשבון פון בליציקן און מעטאַפאָריש־פּאָעטישן. די רעפּאָרטאַזש־מעסיקע
סקיצע, דער רעפּעראַט, וואָס איז שפּעטער שטאַרק רעדאַגירט געוואָרן
(למשל די שוין היסטאָריש געוואָרענע רעדע, געהאַלטן אויפן ציוניסטישן
קאָנגרעס וועגן קולטור און דערציונג, מיט דער מעטאַפאָרע וועגן פאַר־
שיידענע טיפּן פון גלות, געגליכן צו שטאָק־פינצטערע און לבנה־נעכט,

דער „אַפּיקורסישער" רעפּעראַט, געהאַלטן אויפן צוזאַמענפאָר פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דעטראָיט וועגן כּלומרשטן יידישן עקאָנאָמישן פּאַראַזיטיזם א.אַ.וו. א.אַ.וו.). דער מייסטערהאַפטער רעדאַקציע־אַרטיקל און ועל כּולם — די לאַנגע שמועסן, אין וועלכע ער האָט „פאַרטאַכליעוועט" זיין טייערע צייט און וואָס איז געווען זיין „האָבי" און אָפּרו.

פון דעסטוועגן גיסט זיך צונויף אָט די שעפערישע מאָזאַיק אין אַ מעקווערדיקער שלימות, אין אַ ממש סימפאָנישער האַרמאָנישקייט. דאָס זענען ווייט נישט קיין שפּריצן פון אַ גאָט־געבענטשטער פּעדער, פראַגמענטן פון אַ מייסטער. ס'איז אַ בנין, אַ שיטה און אַ גרינבערג־נוסח, כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ מורה הוראה און איז געווען צו קלוג און קלאָרזעעוודיק, כּדי צו גלויבן, אַז ער האָט פאַרטיקע „תּשובות" אויף פּראָבלעמען. אויף אַלץ ליגט זיין שטעמפּל, ער איז דאָ אין יעדער שורה. ס'איז אויטענטיש און אייגן. קיין אַנדערער וואָלט עס נישט געשריבן...

ווי שטאַרק און טיף ס'זאָל נישט זיין די אידענטיפיקאַציע פון גרינבערגן מיט זיין שאַפונג, וועלן דאָך זיינע ווערק לאַנג געלייענט ווערן און וועלן איבערלעבן זיין דור און פיל אַנדערע דורות. זיין מיסטעריעזער גלויבן אין השארת הנפש וועט פאַרווירקלעכט ווערן לכל הפּחות וואָס שייך זיינע שאַפונגען. נישט דערפאַר, ווייל ער באַהאַנדלט אייביקע מעטאַפיזישע טעמעס. פאַרקערט. בלעטערנדיק אין זיינע ביכער בין איך ווידער איבערראַשט געוואָרן פון זייער וויברירנדיקער, הייס אַקטועמדיקער היינטצייטיקייט און אַקטואַליטעט. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַ סימן פון יעדן גרויסן אידעאָלאָג: אי אַקטועל, אי אַנדערש אין יעדער תּקופה. ווען כ'וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר גרינבערגס ווידערווילן צום איבערטרייבן, וואָלט איך געזאָגט, אַז זיי האָבן אַ דורותדיקן ווערט, שוין פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט אַליין. ס'איז קלאַסישע עסייאיסטיק, אפשר די פּאָלקאָמסטע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דריי הויפּטשטריכן כאַראַקטעריזירן חיים גרינבערגס גייסטיקע וועלט.

א. די גרויסע סינטעזן, אָדער בעסער געזאָגט: דער אינטימער

צוזאַמענטרעף פון אוניווערסאַלן און יידישן, ציוניזם און ישראל, ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע דאָקטרינע און ברייטערע רעליגיעזע און סאָציאַלע אַספּעקטן פון יידישן דענקען.

ב. דאָס רעליגיעזע.

ג. די האַרמאָניע פון עטישן און עסטעטישן.

נישט אומזיסט האָט חיים גרינבערג אָנגערופן זיין בוך גרעסערע און וואָגיקע עסייען „ייד און וועלט". אין אונטערשייד צו אַנדערע ביכער, ווי די קאַליידעסקאָפּישע, „מענטשן און ווערטן" און די חנוודיקע און אַ ביסל שטיפערישע „בלעטלעך פון אַ טאָגבוך" איז אין „ייד און וועלט" פאַראַן אַ קאָנצענטראַציע פון גרינבערגס מחשבה אויף יידישע פראַגן: הלכה און אַגדה, יידישער צושטייער צו דער וועלט, פּאָליטישער און מאָראַלישער פּרצוף פון ציוניזם און פון דער מדינה. דאָס איז אָבער נישט קיין געוויינלעכער פּרווו צו זוכן אַ סינטעזע צווישן „יידישע גע־צעלטן" און גוייִשער גאַס, צווישן אוניווערסאַלע אידעען און יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק. גרינבערג באַלייכט דאָס פון אַלע שטאַנדפּונקטן און ווינקלען, אין זייער היסטאָרישן הינטערגרונט און אין זייער היינט־צייטיקער באַגעגעניש. אַ מאָל איז עס אַ ברייטער טעאָלאָגישער, מאָראַ־לישער אַנאַליז ווי אין זיין גרויסער אַרבעט וועגן „בחירה און בכורה" מיט דעם אָריגינעלן צוגאַנג צו יידישער אויסדערוויילטקייט. אַ מאָל איז עס אַן אָפּפרעגן אַנגענומענע אמתן אַזוי ווי אין דעם קלוגן און חנוודיקן „אַ טאָג אין לייפּציג"; אַ מאָל זענען עס ליריש־פּאָעטישע פּערל ווי „שבת"; אַ מאָל איז עס אַ קרעפטיקע באַגרינדונג פון ציוניסטישן אני מאמין אין אידעיִשן געראַנגל מיט פיינט און אַפילו מיט אַ טיף פאַר־ערטער פּערזענלעכקייט, ווי גאַנדי. יידנטום און ציוניזם ווערן באַטראַכט און געבראַכט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע רעליגיעס און באַוועגונגען, צו וועלכע ער באַציט זיך מיט אַ סך פּיעטעט און דרך ארץ, אָבער אָן התבטלות, מיט השתפכות הנפש און פאַרליבטקייט אין יידן. ער האָט געשטאַלטן ביי „זיי" און ביי „אונדז". גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן אים שטענדיק פאַסיאַנירט. ער באַציט זיך צו זיי מיט דעם נייגער און דער פּערספּעקטיוו פון אַ גרויסן מאָלער און מיט טיפער אינטראָספּעקציע פון אַ קענער פון דער מענטשלעכער נשמה (זיין מאָנאָגראַפיע וועגן

לענינען, די מאמרים וועגן טראָצקין, די בריוו און רעדעס וועגן גאַנדי, די סקיצע וועגן מאַרק טווען א. אַ. וו.). אָבער ער פאַרגעסט נישט קיין מאָל דאָס פּינטעלע ייד. ער האָט צו זיי שטענדיק אַ יידישן צוגאַנג, ער פּירט מיט זיי אַ יידישן חשבון, אויב נישט אַ פּאַקטישן — איז אַ זעלישן. ער זעט זיי מיט יידישע אויגן.

ער גלויבט און האָט ליב ישראל; ער פאַרלייקנט דעם גלות, אָבער אויף זיין אייגענעם שטייגער. ער טוט אָן ממש אַ קרוין אויפן גלות־ייד, וויקלט ברייט פונאַנדער אַ „חופּה אין הימלען" איבער זיין קאָפּ („דער גלות־ייד"). פון דער צווייטער זייט אָבער רייסט ער אַרונטער אָן רחמנות שעדלעכע אָקטן און דערשיינונגען אין ישוב און שפּעטער אין דער מדינה (זיין קאַלטער צאָרן אויפן טעראָריזם אין זיין „וועגן דעם ענין פון מלקות").

ווען מען וויל צוקומען צום שורש פון גרינבערגס פּערזענלעכקייט, צום אורקוואַל פון זיינע אינספּיראַציעס, מוז מען קומען צו רעליגיעזיטעט. זי לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט קלאַסיפיצירן אַפילו אין דער ברייטסטער און אַלגעמיינסטער הינזיכט. אָבער רעליגיע מוז פאַרנעמען אַ העכערן פּלאַץ ווי דער שטאַט. זי עקזיסטירט און אַנטפּלעקט זיך אין דער ספערע פון אַבסאָלוטן. דער שטאַט געדייט און גייט אונטער אין דער ספערע פון רעלאַטיווען. אויך דער סאָציאַליזם דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיינע פּרעטענזיעס צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון רעליגיע („די צוקונפט פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג"). די רעליגיע איז אָרגאַנישער, אייביקער, ווי דער נאַציאָנאַלער געדאַנק. ווען ס׳וואָלט געווען מעגלעך, אַז נאַציאָנאַליזם זאָל פאַרנעמען דעם חלל, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט רעליגיעזע אינהאַלטן און ווערן אַליין אַ רעליגיע, וואָלט איך „דעריך געזען אַ געפאַר פון פעטישיזם און עבודה זרה".

די דאָזיקע רעליגיעזיטעט, וואָס איז ווייט פון אָרטאָדאָקסיע און פון רעפאָרמירטער מאָגערקייט, איז אַ מין ליריש־פּאָעטישער צוגאַנג צו דער וועלט, אַ געמיט פון התבוננות, וואָס מאַכט דעם מענטשן זיך חידושן און באַוואונדערן דאָס נישט־טריוויאַלע. דערפאַר טאַקע האָט גרינבערג אַזוי אומדערמידלעך שטודירט אַלע רעליגיעס אָן אונטערשייד: דעם בודיזם, די ווייטע עקזאָטישע טעקסטן און תפילות, אָבער האָט זיך שטענדיק אומ־

געקערט צום יידישן מקור, צו וועלכן ער האָט זיך געטוליעט מיט פאַר־חלשטער פאַרליבטקייט.

און צום סוף — דאָס עסטעטישע אין אים האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעשטויסן דאָס עטישע, די מאָראַלישע האַרבקייט, די גייסטיקע דיס־ציפּלין. דאָס געראָטענע קינד פון אַלע מוזעס איז נישט צעבאַלעוועט געוואָרן דורך זיין לעבן, וואָס איז געווען פול מיט יסורים און געראַנגלען מיט דער סביבה, מיטן גורל און דער עיקר מיט זיך אַליין. מיר דוכט זיך, אַז זיין שאַרפע קעגנערשאַפט, וואָס האָט געגרענעצט מיט שנאה, צום קאָמוניסטישן רעזשים האָט זיך גענומען קודם כל פון זיין אָפּגרענעצן זיך פון די סאָוויעטישע בלוטיקע מעטאָדן און אַבסאָלוטער אוממאָראַלישקייט. גרינבערג האָט נישט אונטערשיידט צווישן ציל און מיטלען, צווישן אידעאַלער צוקונפט און זינדיקן הווה, צווישן דעם דור המדבר און דעם צוגעזאָגטן לאַנד. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין מאָראַל־פּריידיקער. פון אויפגעבלאָזענער חשיבות און צדיקות האָט אים געראַטעוועט זיין מערקווערדיקער חוש פאַר הומאָר. אָבער ווען ער וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען, נישט קיין לערער און נישט קיין ציוניסטישער מנהיג און פירער פון אַ באַוועגונג, וואָלט ער נאָך אַלץ פאַרנומען זיין בככבודיקן פּלאַץ ווי אַ שרייבער, ווי אַ גרויסער קינסטלער פון געשריבענעם און גערעדטן וואָרט, ווי אַן אַרכיטעקט פון דעם עסיי. אָבער דאָ פילן מיר, אַז מיר באַגייען אַן עוולה לגבי חיים גרינבערגן און לגבי זיין צוגאַנג. ס׳איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן סובסטאַנץ און פאָרם. ווו איז כלי און ווו איז מעלאָדיע אין דעם גרינבערגישן ניגון, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק איבערגעריסן געוואָרן?

1973

ד״ר נחום גאָלדמאַן

(צו זיין צוריקציִען זיך ווי פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס)

דאָס צוריקציִען זיך פון ד״ר גאָלדמאַן ווי פּרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז אַדורך שטיל, אָן צערעמאָניעס, אָן באַנקעטן און אַפילו אָן אַ סך קאָמענטאַרן. ס׳איז נישט קיין צופאַל און ס׳זענען פאַר דעם דאָ אַ סך סיבות. ערשטנס, אונדזער שטורמישע, דינאַמישע און זיך שנעל באַוועגנדיקע יידישע און ישראלדיקע ווירקלעכקייט, ווו זייער משמעות־דיקע געשעענישן ווערן פּשוט איינגעשלונגען. צווייטנס, איז עס נישט געקומען פלוצלינג. ד״ר גאָלדמאַן האָט זיך אין דער לעצטער צייט אַליין אָפּגערוקט פון דער אַקטיווער פּאָליטישער אַרענע און ער פיגורירט ווי אַן עלטערער שטאַטסמאַן. ער האָט זיך באַנוגנט מיט וויכטיקע אויפטריטן, מיט פּובליציסטיש־עסייאיסטישער שעפערישקייט און מיט היסטאָריאָזאָפישע מעדיטאַציעס. ער האָט רעזומירט אין זיינע ביכער זיין אַלגעמיינע און יידישע וועלט־אַנשויאונג. ער האָט זיך געטראָפן מיט גדולים אין דער וועלט און פון צייט צו צייט אַרויסגעזאָגט (שוין נישט מיטן זעלבן ברען) זיינע קאָנטראָווערסאַלע און נישט־קאָנפאָרמיסטישע מיינונגען וועגן די גרויסע ישראלדיקע און יידישע וועלט־פּראָבלעמען. אויב מ׳וויל, קען מען זאָגן, אַז זיין אַוועקגיין פון דער הויפּטבינע און פּראָזשעקטאָרן־ליכט האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין רעזיגנאַציע פון דער פּרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ער איז נאָך אַלץ געווען באַקרוינט מיט גרויסע אַמטן און רעפּרעזענ־טאַטיווע פּאָזיציעס. ער האָט נאָך אַלץ געוואַנדערט אויף יידישע וועלט־שליאַכן, אָבער מער און מער איז ער פאַרבליבן מיט זיך אַליין און מסתמא מיט נאָענטסטע מקורבים.

אייגנטלעך האָט ער, אַזוי צו זאָגן, נאָרמאַליזירט אַ מצב וואָס האָט

שטענדיק עקזיסטירט, אַפילו אין סאַמע ברען פון זיין קאָכעדיקער טעטי־קייט (אויב לגבי אים עקזיסטירט בכלל אַזאַ באַגריף). עס זענען שטענדיק פּאַר אים געווען צוויי וועלטן: די באַוועגונג, די אָרגאַניזאַציע, אין וועמענס שפּיץ ער איז געשטאַנען און אָפט מאָל אַפילו געשאַפן און... ד״ר גאָלדמאַן. זיי זענען געווען פּאַראַלעל און נישט זעלטן אַפילו אין סתירה און אין קאָנפראָנטאַציע צווישן זיך. ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען, איז ער געווען אי אין צענטער אי אין דרויסן, אי דער פּאָפּולערער פירער, אי דער רעבעלישער אָבסערוואַטאָר.

דאָס איז מער ווי דער כמעט טראַדיציאָנעלער (באַזונדערס אין דער ציוניסטישער געשיכטע) וויכּוח צווישן דער באַוועגונג און דעם פירער, וואָס זעט ווייטער, ברייטער דעם ענין און אַנדערש ווי זיין מחנה (זע פּרשת הערצל, ווייצמאַן און אַפילו בן־גוריון). ביי ד״ר גאָלדמאַן איז עס געווען בולטער, אָפטער און דעם אמת געזאָגט אַפילו פּאַרדריסלעכער. ער איז אָפט מאָל געווען אַ מינדערהייט אין דער זעלבער באַוועגונג וואָס ער האָט געבויט, געשטאַלטיקט און געלייגט אויף איר דעם שטעמפּל פון זיין פּילזייטיקער פּערזענלעכקייט. ער האָט לגבי איר אָנגעווענדט זיין אינטעלעקטועלן סקעפּטיציזם און קאָנטראָווערסאַלקייט, וואָס האָבן סטימולירט, פּראָוואָצירט, אָבער שטענדיק אינטריגירט און געמאַכט אינטערעסאַנטער און משמעות־פולער אונדזערע אַסיפות, זיצונגען און קאָנפערענצן. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט מוותר געווען אויפן רשות היחיד, און דעמאָקראַטיש זיך אונ־טערגעוואָרפן די באַשלוסן פון דער מערהייט.

איצט נעמט אַ סוף צו אָט דעם דואַליזם. עס בלייבט בלויז די פּער־זענלעכקייט גאָלדמאַן, וואָס נישט נאָר זי וועט חלילה געזעלשאַפטלעך נישט פאַרשווינדן, נאָר פאַרקערט, זי וועט פאַרטיפן איר איינפלוס. פאַראַן מענטשן, וואָס זייער גדולה איז פאַרבונדן מיט דער קרוין און מאַכט־פּאָזיציעס, מיט דעם אַזוי גערופענעם סטאַטוס. עברה שררה בטלה השפעה. דאָס איז זיכער נישט דער פאַל פון ד״ר גאָלדמאַן. זיין גרויסקייט און מאַגנעטיזם איז קיין מאָל נישט געווען פאַרבונדן מיט דעם אַמט, וואָס ער האָט פאַרנומען. גאַנץ אָפט האָט די פּאָזיציע אויסגעזען ווי אַ רעם, ווי אַן אינסטרומענט אויסצודריקן זיין פילגעשטאַלטיקייט און גאַנץ אָפט האָט זי אים גאָר געשטערט.

אין אַלע תקופות פון זיין לעבן איז ער געווען און איז פאַרבליבן אַ ווונדערקינד, אַ ליבלינג פון די מוזעס. זעלטן ווען טרעפט אַז איין פערזאָן זאָלן זיך צונויפגיסן אַזוי פיל טאַלאַנטן און געראַטנקייט און אַן אומגעהויערע שעפערישע ענערגיע, כאָטש ער האָט זיי קיין מאָל אויסערלעך נישט מאַניפעסטירט און האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון קילקייט און אַפילו פון נאָן־שאַלאַנטקייט, אַן אינטעלעקטואַל מיט אַ ממש גענײַאַלן פּראַקטישן און פּראַגמאַטישן חוש פּאַר שאַפן אינסטרומענטן מיט אַ מעק־ווערדיקער געדולד און בויגזאַמקייט צו געפינען דעם קאָנצענסוס צווישן די פילפאַרביקסטע און פאַרשידנסטע באַוועגונגען. ער איז אַ שטאַטסמאַן פון דעם היינט אפשר שוין נישט אַזוי פּאָפּולערן הומאַניסטישן נוסח. אַ גאָט געבענטשטער רעדנער, מיט סטיל, שאַרפזין וואָס מ׳קען נישט אימיטירן, מיט אַ חוש פאַר הומאָר, וואָס שאַנעוועט אַפילו נישט זיך אַליין. נישט דאָ איז דער פּלאַץ און די מעגלעכקייט צו אַנאַליזירן די קאָמפּאָנענטן פון זיין לעבנס־פילאָזאָפיע: אהבת ישראל און ציוניזם (אָבער געמעסיקט דורך שטענדיקן פּחד פאַר עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און יידישער קנאותדיקער איזאָלירטקייט), ראַדיקאַלקייט און טיפע נאָענטקייט צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער אויך לגבי איר אָפּהיטנדיק זיין אומאָפּהענגי־קייט, גראָד ווייל זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון מאַכט. גרויסע וויזיע, כאָטש אָן נביאישע פּרעטענסיעס. ווי מ׳זאָל זיך אויף אים נישט האָבן געברוגזט, האָט מען תמיד געפילט זיין באַווירקנדיקע אָנוועזנהייט און מיט דעם האָבן מיר ווייט נישט אויסגעשעפּט די לאַנגע רשימה פון זיינע אייגנשאַפטן.

ער איז אָן שום ספק דער בעסטער קענער פון היינטצייטיקן יידנטום און איז באַהאַוונט אין יעדן יידישן ישוב אין דער וועלט. ער איז אַן איש אשכולות, כאָטש אָן דער פּעדאַנטישער גענויקייט און מומחהדיקייט פון אַן עקספּערט. אַוודאי זענען אויך פאַראַן שאָטנס פון דעם שיינעם בוים, אפשר גראָד דאָס, וואָס ער איז אַזאַ בר־מזל און אַלץ קומט אים אָן מיט שפּילעוודיקער לייכטקייט, האָט געשאַפן אַ געוויסן ריס און אַפילו אַ גע־וויסן אומצופרוי, וואָס האָט אין געוויסע מאָמענטן געגרענעצט מיט אַנטאַ־גאָניזם לגבי אים.

ס׳זענען מן הסתם פאַראַן געביטן אין וועלכע עס זענען געווען און

זענען דאָ גרעסערע עקספּערטן פון אים, אָבער נאָר ביי גאָלדמאַנען האָבן אַלע געביטן האַרמאָניזירט אין מזל־ברכהדיקער סינטעזע.

גרויסע היסטאָריקערס וועלן מסתמא שרייבן וואָגיקע ביכער וועגן גאָלדמאַנס בייטראָג צו דער יידישער געשיכטע פון אונדזער צייט און זיינע גרויסע פאַרדינסטן. אין סך־הכל — אַ לעבן פול מעשים טובים און דער־גרייכונגען אינעם היסטאָרישן גרעאַנגל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם, פון וועלכן ער איז איינער פון די וואָרטזאָגערס און פירערס פון דער פריסטער יוגנט אָן, אינעם היסטאָרישן גראַנגל פאַר יידישע רעכט אין אַלע פאַרמען וואָס האָט קולמיגירט אין שאַפן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז געבליבן זיין געצערטלט און באַליבטסט קינד ביז היינט צו טאָג (אפשר דערפאַר ווייל ער איז דאָרט נישט געווען געצוימט דורך שאַרפע פראָצעדורן און דורך הערשאַפט פון פאַרטייען, וועלכע ער האָט, מילד געזאָגט, נישט צופיל ליב).

דער גרויסער אויפטו פון אַרויסקריגן אַנטשעדיקונגען פון דייטשלאַנד; דאָס שאַפן גרויסע אינסטרומענטן פאַר יידישער קולטור; די כמעט פער־זענלעכע דערגרייכונג פון פאַראייניקן דאָס וועלט־יידנטום, זאָל זיין אַפילו אין די לויזסטע ראַמען; זיינע קאָנטאַקטן מיט וועלטפיגורן, מער מיטן כוח פון זיין פערזענלעכן פרעסטיזש ווי מיטן כוח פון דער באַוועגונג וואָס ער פאַרטרעט, און אַזוי ווייטער.

אָבער ווי גרויס און רייך עס זאָל נישט זיין די שורה פון זיינע הצלחות, אַזוי ברייט און לאַנג איז אויך די ליסטע פון זיינע (לויט אונדזער באַשיידע־נער מיינונג) טעותן און קאָנפליקטן מיט דער באַוועגונג, מיט דעם פאָלק גופא, פון וועלכן ער איז געווען און פאַרבלייבט אַזאַ מאַרקאַנטע פיגור. זיין אינדיווידואַליזם האָט אים אָפט צו ווייט פאַרפירט און ער האָט זיך פשוט טועה געווען. צי איז עס נויטיק דאָס צו דערמאָנען? אין דער אויפפאַסונג פון ציוניזם, אין דער פראַגע פון עליה, אין אַ סך פראַגן אין דער אָריענטאַציע פון דער ישראלדיקער פּאָליטיק, אין דער אָפּשאַצונג פון אַ ריי היסטאָרישע געשעענישן (ווי למשל, דער אייכמאַן־פּראָצעס) איז ער נישט נאָר געווען אַנדערש, נאָר מיטן גאַנצן דרך ארץ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז עס האָבן אים געפעלט די היסטאָרישע חושים און ס׳האָט געמוזט קומען סוף־סוף צו אַן עפענטלעכן ריס.

דער שרייבער פון די שורות האָט, ווי פיל אַנדערע, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, זיך אָפּגעגרענעצט פון ד״ר גאָלדמאַנס מיינונגען און שטע־לונגען, אָבער ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן זיינע טאַלאַנטן, וואָס ער האָט געשטעלט ברייטהאַרציק אין רשות פון פאָלק, זיין טיפן אַריינבליק אין געשעענישן און דער עיקר, זיין טרייקייט צו זיך אַליין. צו זיין זכות זאָל געזאָגט ווערן, אַז ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו לייסטן, צו ווירקן און בייצוטראָגן און אַז ער פירט נישט קיין ברוגז.

און צום סוף. ס׳איז חלילה נישט קיין געזעלשאַפטלעכער זיי געזונט. מיר האָבן טאַקע צו אים אַ בקשה, אַז אין דער נייער פאַזע פון זיין לעבן זאָל ער בלייבן און פאַרבלייבן ווייטער צווישן אונדז אַזוי ווי ער איז. אָן זיין באַטייליקונג איז אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן גרויער און אָרעמער.

פּרעזידענט, אָדער נישט, דער עיקר און דאָס וויכטיקסטע איז דער מענטש וואָס הייסט נחום גאָלדמאַן.

1977

אינהאַלט

✱ 5
צוריק צו דער אידעאָלאָגיע 7
די שטיינער פון פּראָפעסאָר שטיינער 13
אַסימילאַציע פון אינעווייניק 19
ס'איז נישט דער סוף פון יידישן פאָלק 27
זענען יידן געוואָרן אַ קאָנסערוואַטיוו פאָלק ? . . 35
רעפלעקסן אין אָנבליק פון דער רעאַלערווירקלעכקייט 44
די קאָמוניסטישע כוואַליע 53
צוויי קאָנפערענצן 61
צענטראַליטעט פון ישראל און אירע אַספּעקטן . . 70
אונדזער נאַציאָנאַלע אחריות 79
יוגנט 86
דער באַגריף „גלות" אין היינטיקן אַמעריקע . . 94
31 יידישע אינטעלעקטואַלן 100
דאָפּלטע לאָיאַליטעט און נייטראַליטעט . . . 109
זעלבסט־שינאה 112
אַ יידישער קולטור־רענעסאַנס אין גלות ? . . . 117
פאַר וואָס „ברירה" ? 121
מילטאָן פרידמאַן 127
אוניווערסאַליזם און היפּער־אַמעריקאַניזם . . 133
רעפאָרם־באַוועגונג 1977 136
וואָס זענען די ציוניסטישע מצוות ? 142
די וואַנקווער־קאָנפערענץ און דער עקומעניזם . . 146
דעמאָגראַפיע און נאַציאָנאַלער יצר־הקיום . . 150
מיהו יהודי ? 153
דער גרויסער וויכוח 160
יונגע דורות 166
געמיט און ווירקלעכקייט 173
פאַר וואָס האָבן זיי אויסגעקליבן אַמעריקע ? . . 180
דער עקספּאַנירטער ייד 187
אַ בליק אין דער צוקונפט 195
אַ ביסעלע אהבת־ישראל 203
אַ ביטערער דיאַלאָג 212
נאָסטאַלגיע 223
צי איז ישראל דער קולטור־צענטער פון יידישן פאָלק ? 228
קאָנצענסוס און כאַריזמע 233
ישראלים ווי יידן און ציוניסטן 239
די גרענעצן פון יידישקייט 245
יידישקייט, ציוניזם און רעליגיע ביי ישראלים . . 252
נויט 258
יורדים 262
מעדיטאַציעס 268
אַ קדיש נאָך מאַרטין לוטער קינג 273
אַ יידיש יינגעלע 275
אין סימן פון אייביקן לעבן 278

די זעלביקע יידן און דער זעלבער ציוניזם 282
וועגן די נביאים פון חורבן 285
בלעטלעך פון אַ שליחות־פּנקס 292
דאָ און דאָרט 298
גרוסן פון אַמעריקע 304
זעכציק טויזנט 310
יידיש און גאָלדעס אייניקלעך 314
פּאַקטן און חלומות 318
די יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים 325
ביים ברעג פון ים כנרת 331
דער וועג פון דער ישראלדיקער אַרבעט־פּאַרטיי 337
וועגן אונדז אַליין 344
די אידעאָלאָגישע וועלט־קאָנפערענץ פון דער ציונ. אַרבעט־באַוועגונג 351
אידעאָלאָגישער כינוס אין „בית ברל" 358
דער יובל־צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג . 364
די באַוועגונג אין אַמעריקע 372
דער „שבט" 378
שטילע יידישע ווינקעלעך אין אַמעריקע 381
דרום־אַפריקאַנער מאָטיוון 388
דער הייִנטצייטיקער סאָוויעטישער ייד 393
אויטאָביאָגראַפיע פון זלמן ארן 399
וויזיע, געראַנגל און פאַרווירקלעכונג 403
מאיר ווייסגאַלס בוך „ווי עס וואָלט געווען נעכטן" 411
דער שפּיגל פון דער תקופה 416
אַן אינטים און אָריגינעל בוך 420
יעקב זרובבל ז"ל 426
חבר משה קיטרון ז"ל 430
חיים גרינבערג 434
ד"ר נחום גאָלדמאַן 440